STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03940

# DI YIDISHE MILHOMES

Flavius Josephus

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די יידישע מלחמות

פון יוסף בן מתתיהו הכהן

(יוסיפוס פלאַוויוס)

איבערגעזעצט פון ז. קלמנאָוויטש

7 ביכער אין 2 טייל

דריטע אויסגעבעסערטע אויפלאגע, רייך אילוסטרירט

## ערשטער טייל

ווילנע — 1931

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

J. Fławius, „Wojny Izraelitów". Tł. Z. Kalmanowicz
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

# ערשטער טייל

# ערשטער בוך

## אינהאלט:

הקדמה, וואו ס'זיינען אנגעוויזען די סיבות, וואס האבען געבראכט דעם מחבר דערצו, אז ער זאל פערפאסען די געשיכטע, און אויך אנ'אלגעמיינע איבערזיכט איבער'ן אינהאלט.

ווי אזוי אנטיוכוס עפּיפאנעס האט איבער א מרידה פון די ירושלמים איינגענומען זייער שטאדט און שלעכט בעהאנדעלט די אידען. ווי אזוי חוניו איז אנטלאפען בעהאלטען צו תלמי'ן.

ווי אזוי דער כהן מתתיה האט צונויפגעקליבען ארום זיך דאס פאלק און האט אומגעבראכט באקכידעס'ן (אפעלעס'ן), וואס איז אכזריות'דיג זיך בעגאנגען מיט אלעזר'ן. ווי אזוי ער האט דערנאך געפיהרט מלחמה קעגען אנטיוכוס'ן און פאר'ן שטארבען איבערגעלאזט די אנפיהרונג זיין זוהן יהודה'ן, וואס האט אבגעשטעלט דעם חורבן דורך גליקליכע מלחמות.

ווי אזוי נאך עפּיפאנעס'עס טויט איז זיין זוהן און יורש אנטיוכוס ארויס מלחמה האלטען קעגען ירושלים און האט בעלעגערט די שטאדט, און ווי אזוי יהודה'ס ברודער אלעזר איז צעדריקט געווארען צום טויט פון א העלפאנד, אהן אויפצוטון עפּיס א וויכטיגע גבורה. ווי אזוי עס זיינען אומגעקומען יהודה און זיין ברודער יוחנן.

ווי אזוי יהודה'ס ברודער יונתן האט דערגרייכט צו דער ממשלה, נאר פון אנטיוכוס'עס ערציהער טריפאנע'ן איז ער געפאנגען געווארען דורך רמאות און געטויט.

ווי אזוי שמעון, דער יונגסטער פון די ברידער, האט איבערגענומען די ממשלה און האט דורך זיין גבורה בעפרייט די אידען פון דער הערשאפט פון די מאקעדאניער נאך א בעדריקונג פון 170 יאהר; ווי אזוי דאס פאלק האט איהם אויסגעקליבען פאר א כהן-גדול, אבער ער איז אומגעקומען ביי א מאלצייט דורך דער פאלשקייט פון זיין איידעם תלמי.

ווי אזוי יוחנן מיט'ן צונאמען הורקנוס, שמעון'ס זוהן און יורש, איז אנטרונען געווארען פון תלמי'ס הענד און האט פערטריבען אנטיוכוס'ן. וואספערע גבורות ער גופא און זיינע זיהן אריסתובול און אנטיגנוס האבען אויפגעטאן אין די מלחמות, און ווי אזוי ער איז געשטארבען נאך א פרידליכער רעגירונג פון 33 יאהר, איבערלאזענדיג 5 זיהן, נאכדעם ווי ער איז געווען דער נשיא פון פאלק, כהן-גדול און נביא.

ווי אזוי הורקנוס'עס עלטסטער זוהן, אריסתובול, האט ארויפגעלייגט אויף זיך די קעניגליכע קרוין 471 יאהר נאכ'ן סוף פון גלות-בבל אוי איז געשטארבען נאך א טיראנישען רעגירען, וואס האט געדויערט נאר איין יאהר.

ווי אזוי אריסטובול'ס ברודער אלכסנדר איז נאך איהם ארויף אויפ'ן טראָן און וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאר דער צייט פון זיין רעגירונג. ווי אזוי זיינע אונטערטאַנער האָבען איהם פיינט געהאט איבער זיין אכזריות, און ווי אזוי ער איז געשטאָרבען, נאָכדעם ווי ער האָט געקיניגט 27 יאָהר.

ווי אזוי זיין פרוי אלכסנדרה האָט גלענצענד רעגירט, האָט בעשטימט איהר עלטסטען זוהן הורקנוס'ן פאר א כהן־גדול, אריסטובול'ן האָט זי אָבגעשטופט פון דער רעגירונג און איז אריינגעפאלען אין א סכנה דורך דער מאַכט פון די פרושים.

ווי אזוי אריסטובול איז נאָך זיין מוטערס טויט ארויף אויפ'ן טראָן און האָט אויסגעשלאָסען הורקנוס'ן פון דער מלוכה־פערוואלטונג, אָבער דערנאָך איז ער מושוה געוואָרען מיט איהם אזוי, אז ער האָט בעקומען די קיניגליכע ממשלה און הורקנוס די כהונה גדולה.

ווי אזוי אונטער אריסטובול'ס ממשלה האָבען זיינע געגנער, און בעזונדערס דער אדומי אנטיפטר, מחמת מורא פאר איהם, איינגערעדט הורקנוס'ן צו אנטלויפען צו הרתת'ן, דעם קעניג פון די אראבער. ווי אזוי הורקנוס איז ווידער צוריקגעפיהרט געוואָרען אין זיין פאָטערלאַנד דורך א גרויסען חייל, און ער וואָלט שוין כמעט מנצח געווען זיין ברודער, אויב אריסטובול וואָלט דורך מתנות ניט געפועל'ט ביים רוימישען קריגס־הויפטמאַן סקאַווראוס'ן ער זאָל בעפרייען ירושלים פון דער בעלעגערונג.

ווי אזוי פומפיוס האָט לויט הורקנוס'עס און אנטיפטר'ס בקשות און מחמת כעס איבער אריסטובול'ס גאוה איינגענומען ירושלים און הורקנוס'ן ווידער אָבגעגעבען די כהונה גדולה.

ווי אזוי פומפיוס האָט אָבגענומען ביי די אידען יענע סירישע שטעדט, וואָס די מכביים האָבען אנומעלט געהאט איינגענומען פאר זיי, און האָט בעשטימט סקאַווראוס'ן פאר א פערוואלטער איבער די דאָזיגע שטעדט און איבער גאַנץ סיריען. פון וואַנען נעמט זיך דער באַלזאַם און ווי אזוי ווערט ער צוגעגרייט. וואָס האָט פומפיוס געפונען אין בית־המקדש. די צאָהל פון די געפאַלענע ביי ביידע צדדים.

ווי אזוי פומפיוס האָט גענומען געפאַנגען אריסטובול'ן מיט זיין פאַמיליע און איז אוועק קיין רוים, און ווי אזוי אלכסנדר, איינער פון אריסטובול'ס זיהן, איז אונטערוועגס אנטלאָפען געוואָרען. ווי אזוי סקאַווראוס איז אָנגעפאלען אויף אראביען, נאָר ער האָט זיך דערנאָך צוריקגעצויגען. די מעשים און דער גורל פונ'ם אנטלאָפענעם אלכסנדר'ן.

ווי אזוי גאַביניוס, וואָס איז געווען פערוואלטער אין סיריען נאָך סקאַווראוס'ן, האָט מנצח געווען אלכסנדר'ן און מוחל געווען איהם לויט זיין בקשה און האָט צעטיילט דאָס גאַנצע לאַנד יהודה אויף פינף פראָווינצען.

ווי אזוי אריסטובול איז אנטלאָפען געוואָרען פון רוים און ארויסגעטראָטען מלחמה האַלטען קעגען גאַביניוס'ן, נאָר צולעצט איז ער געוואָרען בעזיגט און ווידער אמאָל אָבגעשיקט קיין רוים געשמידט אין קייטען.

ווי אזוי גאַביניוס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אויף זיין מאַרש קעגען די פּאַרטער דורך תלמי'ס ענין און ווי אזוי ער האָט ווידער פונאנדערגעטריבען די אידען, וואָס האָבען מורד געווען.

ווי אזוי קראַסוס, וואָס איז געווען פערוואלטער נאָך גאַביניוס'ן, איז דער'הרג'עט געוואָרען פון די פּארטער. קאַסיוס'עס מעשים אין סיריען.

**וועגען אנטיפטר'ן און זיין משפחה.**

ווי אזוי צעזאר האט פרייגעלאזען אריסתובול'ן און אבגעשיקט איהם קיין ירושלים, און וואס ער מיט זיינע קינדער האט געהאט אויסצושטייהן מצד פומפיוס'עס אנהייגגער.

ווי אזוי אנטיפטר האט צעזאר'ן צו-ליעב געהאלפען מיטרידאטעס'ן ביי דער בעלעגערונג פון פעלוסיום און האט מוטיג געשטריטען. צעזאר שיינקט איהם דערפאר דאס רוימישע בירגער-רעכט און פרייהייט פון שטייערן. ווי אזוי אריסתובול'ס זוהן אנטיגנוס האט איהם פערקלאגט ביי צעזאר'ן, נאר אנטיפטר האט מנצח געווען, און דערויף איז הורקנוס בעשטעטיגט געווארען פאר א כהן-גדול און אנטיפטר איז בעשטימט געווארען פאר'ן פערוואלטער איבער גאנץ יהודה.

ווי אזוי אנטיפטר האט ווידער אויסגעבויט די מויערן, וואס פומפיוס האט צעשטערט, דערשטיקט א מרידה אין דער פראווינץ און דערנאך בעשטימט זיין זוהן פזאל'ן פאר'ן קאמענדאנט פון ירושלים מיט איהר סביבה, און הורדוס'ן פאר'ן פערוואלטער איבער גליל.

ווי אזוי הורדוס'עס בעלי-מקנא'ס האבען אויפגערייצט הורקנוס'ן קעגען איהם, און ער גופא האט איהם מקנא געווען איבער זיין הצלחה אין דער מלחמה, דעריבער האט הורקנוס איהם געלאדען פאר א בית-דין, נאר דערנאך האט ער איהם פריי געשפראכען. ווי אזוי הורדוס איז דעריבער געווארען אין כעס און ארויסגעטראטען אין מלחמה קעגען הורקנוס'ן, נאר לויט זיין פאטערס און זיין ברודערס, פזאל'ס עצה, האט ער זיך אבגעזאגט פון וויטערדיגע גונטערנעמונגען.

**וועגען דעם בירגער-קריג, וואס איז אויסגעבראכען צווישען די רוימער ביי אפאמעא.**

ווי אזוי ברוטוס און קאסיוס האבען דער'הרג'עט צעזאר'ן, קאסיוס'עס ארויסטרעט אין מלכות-יהודה. אנטיפטר פער'סמ'ט פון מליכ'ן.

ווי אזוי הורדוס איז ארויסגעטראטען מיט קאסיוס'ס הילף קעגען מליכ'ן, און ווי אזוי העליקס איז ארויסגעטראטען אין מלחמה קעגען פזאל'ן, בכדי זיך נוקם צו זיין פאר מליכ'ס טויט, נאר פזאל האט איהם מנצח געווען, דערנאך אבער האט הורדוס איהם געלאזען פריי אבציהען, ווייל ער האט דאס ביי איהם געבעטען. ווי אזוי דער טיראן מאריאן איז פערטריבען געווארען פון גליל דורך הורדוס'ן.

ווי אזוי הורדוס האט צו זיין ערשטער פרוי גענומען נאך איינע—מרים, וואס איז [illegible] הורקנוס'עס אייניקעל און אריסתובול'ס טאכטער.

ווי אזוי נאך דער ערמארדונג פון קאסיוס'ן איז אנטאניוס געקומען אין אזיען, און האט ניט בלויז געלאזען ביי דער ממשלה הורדוס'ן און זיין ברודער, וואס די אידען האבען זיי געהאט פערקלאגט, נאר ער האט אויך בעשטימט ביידען פאר טעטרארכען.

וואס האבען די פארטער בארזאפארנעס און פאקורוס אויפגעטאן, בכדי צו העלפען אנטיגנוס'ן צו בעקומען דעם טרוין. ווי אזוי פזאל איז אומגעקומען, און הורדוס איז ניצול געווארען פון די נעצען, וואס זיי האבען געהאט אויסגעשפרייט פאר איהם. ווי אזוי מען האט ביי הורקנוס'ן אבגעהאקט די אויערן און אבגעפיהרט איהם קיין פארטיען, און ווי אזוי אנטיגנוס האט דערגרייכט צו דער ממשלה.

ווי אזוי הורדוס איז אוועק צום אראבישען קעניג, בכדי צו בעקומען ביי איהם געלד אויף אויסצוקויפען זיין ברודער, אבער ער האט זיך אבגענארט אין זיין האפנונג און איז אבגעפאהרען

איבער אלכסנדריא קיין רוים, וואו ער האָט זיך בעקלאָגט פאר אנטאָניוס'ן און אוגוסטוס־קיסר איבער זיין אונגליק, אויך האָט ער אָנגעזאָגט, אז אנטיגנוס איז ארויף אויפ'ן טרוין מיט דער הילף פון די פארטער, און איז פון זיי ביידען מיט'ן הסכם פון סענאט בעשטימט געוואָרען פאר א קעניג.

ווי אזוי אנטיגנוס האָט בעלעגערט הורדוס'עס קרובים, וואָס זיינען איינגעשלאָסען געוואָרען אין מצדה.

ווי אזוי הורדוס האָט זיך אומגעקעהרט פון רוים און האָט מלחמה געהאלטען קעגען אנטיגנוס'ן, און אין דער צייט, וואָס ער האָט געשיקט זיינע מענשען צו פיהרען מלחמה קעגען די פארטער, איז ער אליין אָנגעפאלען אויף די רויבער אין די הייהלען און האָט זיי מנצח געווען.

ווי אזוי די איינוואוינער פון גליל האָבען אין דער צייט, וואָס הורדוס איז געווען פער־נומען אין דער מלחמה קעגען אנטיגנוס'ן, אויפגעהויבען א מרידה קעגען שומרון, און ווי אזוי הורדוס האָט צוליעב דעם זיך אומגעקעהרט און דערשטיקט דעם אויפשטאנד. ווי אזוי ער האָט נאָכדעם, ווי די פארטער זיינען בעזיגט געוואָרען, בעקומען הילפס־חייל פון אנטאָניוס'ן צוליעב'ן קאַמפף קעגען אנטיגנוס'ן, אָבער היות ווי דער פיהרער פונ'ם חייל מאכעראס האָט זיך ארויסגע־וויזען פאר א שלעכטען בונדס־חבר, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק צו אנטאָניוס'ן און גע־האָלפען איהם אין דער בעלעגערונג פון סאמאָסאטא, און אין דער צייט, וואָס ער איז ניט געווען, האָט זיין ברודער פזאל ארייננעלאָזען זיך אין א געשלעג מיט אנטיגנוס'ן, האָט אָנגעוואָהרען זיין גאנצען חייל און איז אליין געפאלען, און דערנאָך האָבען די אונטערטאנען ווידער מורד געווען.

ווי אזוי הורדוס האָט זיך צוריק אומגעקעהרט, האָט מלחמה געהאלטען מיט אנטיגנוס'עס צאַהענגער, האָט איינגענומען, חוץ אנדערע קלענערע שטעדט, אויך יריחו און געלאָזען אראָבהאקען די קאָפּ ביי אנטיגנוס'עס הויפטמאן פפוס'ן, וואָס האָט דער'הרג'עט זיין ברודער יוסף'ן.

ווי אזוי ער האָט אויפ'ן דריטען יאָהר פון זיין קיניגען איינגענומען ירושלים און אָנגע־טאָן צרות די ירושלמים. אנטיגנוס'עס טויט.

וואָס האָט אנטאָניוס געטאָן קלעאָפּאטרע'ן צוליעב.

ווי אזוי ביים אָנהויב פון דער מלחמה ביי אקציום האָט אנטאָניוס געשיקט הורדוס'ן קעגען די אראבער, און הורדוס האָט זיי לחלוטין צעשלאָגען. זיין רעדע פאר'ן חייל, וואָס איז געווען איינגעשראָקען דורך דער ערדציטערניש.

ווי אזוי הורדוס איז נאָך דער שלאכט ביי אקציום אוועק צום קיסר, האָט מיט איהם זיך דורכגערעדט און בעקומען פון איהם מתנות.

וועגען דער איבערבויאונג פון בית־המקדש און וועגען די בנינים, וואָס הורדוס האָט בעלאָזט מאכען. זיינע קערפערליכע און גייסטיגע מעלות.

וועגען די צרות און מחלוקות, וואָס זיינען ענטשטאנען אין הורדוס'עס משפחה צוליעב זיין פרוי מרים, און וואָס עס האָט מיט איהם געטראָפען דערפאר, וואָס ער האָט בעלאָזט נעמען

בעפאנגען מרים'ס זיידען הורקנוס'ן און טויטען איהם, ווי אויך זיין שוואגער יוסף'ן. מרים'ס טויט.

ווי אזוי הורדוס איז מחמת די רכילות'ען מצד זיין זוהן אנטיפטר'ן אין כעס געווארען אויף מרים'ס זיהן, האט וועקגעשלעפט אלכסנדר'ן אין רוים, בכדי צו פועל'ן ביים קיסר, ער זאל איהם בעשטראפען, נאר ער האט מיט איהם שלום געמאכט און צוריק אומגעקעהרט זיך קיין ירושלים, וואו ער האט אבגעגעבען דעם פאלק א חשבון וועגען אלצדינג.

דער כאראקטער פון אנטיפטר'ן און פון מרים'ס זיהן.

וועגען הורדוס'עס ברודער פירורס'ן און וועגען זיינע מחלוקת'ן מיט איהם.

וועגען הורדוס'עס סריסים, און ווי אזוי זיי זיינען דאס געווען די סיבה, פארוואס אלכסנדר איז אריינגעפאלען אין א סכנה.

ווי אזוי אלכסנדר'ס שוועהר איז געקומען פון קפוטקיא און האט שלום געמאכט צווישען די פרינצען מיט זייער פאטער.

וועגען דער רמאות פונ'ם לאקעדעמאניער אוריקלעס, וואס האט ווידער אמאל אויפגערייצט הורדוס'ן קעגען זיינע זיהן.

ווי אזוי הורדוס האט מחמת די רכילות'ען מצד שלומית'ן געלאזט אריינזעצען אין תפיסה אלכסנדר'ן און אריסטובול'ן, האט פערקלאגט זיי ביים קיסר און געלאזט זיי טויטען, נאכדעם ווי ער האט בעקומען דערויף א כח-הרשאה.

ווי אזוי אנטיפטר איז געווען פערהאסט ביי אלעמען און ווי אזוי דער קעניג האט פער'קנס'ט די קינדער פון די געטויטעטע מיט זיינע קרובים.

ווי אזוי פירורס'עס פרוי און אנטיפטר'ס מוטער האבען זיך צעקריגט מיט שלומית'ן און האבען בעלייגט דעם יסוד צום אונטערגאנג פון אנטיפטר'ן און פון זיין צד. ווי אזוי אנטיפטר איז אוועק מיט א גלענצענדער סוויטע קיין רוים צום קיסר, בכדי זיך צו דערווייטערן פון זיין פאטערס אויגען. וועגען אראבער סילעאוס און פירורס'עס טויט.

ווי אזוי פירורס'עס סוף האט געבראכט דעם אונטערגאנג אנטיפטר'ן.

ווי אזוי פירורס'עס פרוי האט זיך אראבגעווארפען פון דאך, נאר זי איז געבליבען לעבען מחמת א השגחה פונ'ם אויבערשטען, וואס האט געוואלט בעשטראפען אנטיפטר'ן.

אנטיפטר קעהרט זיך אום צוריק פון רוים, און ווי אזוי מחמת שנאה צו איהם האט איהם קיינער ניט געגעבען צו וויסען וועגען די געשעהענישען אין מלכות-יהודה.

ווי אזוי דער קעניג האט בעשטימט א זיצונג פון געריכט און ארויסגעשטעלט ניקאלאאס'ן פאר אנטיפטר'ס אנקלאגער אין וואַרוס'עס בייזיין. אנטיפטר'ס פערטיידיגונג.

ווי אזוי עס איז אויפגעוויזען געווארען דורך א בריעף פון יוליא'ס שקלאפין אקמע, וואס מען האט צופעליג געכאפט, אז אנטיפטר האט אויך בעפיהרט אינטריגעס קעגען שלומית'ן.

וועגען די געזעץ-לעהרער מתתיהו און יהודה און וועגען גאלדענעם אדלער.

װעגען דעם קעניגס קראנקהײט, און װי אזוי ער האָט פאר'ן טויט בעלאָזט צוגריפקלײבען אַ כך חשוב'ע אידען פון גאַנץ מלוכות־יהודה און בעהײסען זײ טויטען, װי גאָר ער אלײן װעט שטארבען.

װי אזוי הורדוס האָט בעהײסען טויטען זײן זוהן אנטיפּטר'ן און איז אין 5 טעג ארום אלײן געשטאָרבען.

# הקדמה.

1. די מלחמה פון די אידען קעגען די רוימער איז געווען גרעסער ניט בלויז פאַר אַלע מלחמות צווישען איינצעלנע שטעדט אָדער פעלקער אין אונזערע צייטען, נאָר אויך אין פריהערדיגע צייטען זיינען געווען ווייניג אַזעלכע. די דאָזיגע מלחמה איז שוין אָפטמאָלס בעשריבען געוואָרען. נאָר ביז אַהער האָבען דאָס געטאָן צום טייל אַזעלכע שריפטשטעלער, וואָס האָבען אַליין די געשעהעני־שען מיט זייערע אויגען ניט געזעהען, האָבען זיך סומך געווען בלויז אויף נאַרישע, סותר׳דיגע קלאַנגען און האָבען זיי בעאַרבייט אויפ׳ן שטייגער פון די סאָפיסטען [1], אַנדערע, ווייטער, וואָס הגם זיי גופא האָבען איבערגעלעבט די מלחמה, פונדעסטוועגען האָבען זיי ניט אָבגעהיט דעם אמת, צי מחמת חניפה קעגען די רוימער אָדער מחמת שנאה צו די אידען. מחמת דעם זיינען זייערע ווערק אַ מישונג פון אָנפאַלען און חניפות, אָבער בשום אופן ניט קיין אמת׳ער און גענויער ספור־המעשה. און דעריבער האָב איך, יוסף בן מתתיהו הכהן, אַ איד פון ירושלים, וואָס איך אַליין האָב לכתחילה מלחמה געהאַלטען קעגען די רוימער און וואָס מיר איז געגען מיין רצון אויסגעקומען צו זעהן מיט מיינע אויגען אַלע שפּעטערדיגע געשעהע־נישען, — אָנגענומען אַ בעשלוס צו געבען די פעלקער פון דער רוימישער מלוכה אַ בעשרייבונג פונ׳ם דאָזיגען קריג אויף גריכיש, פונקט אַזאַ, ווי איך האָב פריהער פערפאַסט פאַר די פעלקער פון אינעווייניגסטען אַזיען אויף אונזער מוטערשפּראַך [2].

2. די רוימישע מלוכה האָט שטאַרק געליטען פון אינעווייניגסטע מהומות [3] ווי דאָס איז שוין בעמערקט געוואָרען בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבען די דאָזיגע שטאַרק בעדייטונגס־פולע בעוועגונג. די אידען, וואָס האָבען געשטרעבט צו שאַ־פען אַ נייע אָרדנונג ביי זיך אין לאַנד, האָבען געהאַלטען פאַר גינסטיג די דעמאָלטיגע אונאָרדנונגען, צוליעב דעם אויפשטאַנד. זיי זיינען געווען רייך אין מיליטערישע קרעפטען און אין געלד־מיטלען. זיי האָבען אפילו געהאָפט צו פערכאַפען בשעת די מהומות די מזרח־לענדער בעת די רוימער האָבען מורא געהאַט זיי אָנצוווערען. די אידען זענען דאָך געווען פעסט איבערצייגט דערין, אַז זייערע פאָלקס־ברידער פון יענער זייט טייך פרת וועלען מאַסענווייז צושטעהן צו זייער מרידה. די רוימער, פערקעהרט, זענען געווען פערנומען מיט׳ן איינשטילען ניט בלויז די שכנישע גאַליער, נאָר אויך די קעלטען. צולעצט, נאָך נירון קיסר׳ס

1) ד. ה. מעהר ניט בכדי ארויסצווייזען זיערע קונצען אין שרייבען.

2) ד. ה. ארמיש.

3) דאס זענען די מהומות נאכ׳ן טויט פונ׳ם קיסר נירון.

טויט האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אַלגעמיינע מהומה. אַ סך האָבען געוואָלט אויסנוצען דעם גינסטיגען מאָמענט און אויסשטרעקען די האַנד נאָך דער קרוין. דער חיל, אין דער האָפענונג צו בעקומען רויב, האָט געגאַרט, עס זאָל געשעהן אַ שינוי אין דער רעגירונג. איך האַלט פאַר ניט פאַסיג צו פערשוייגען אַזעלכע וויכטיגע געשעהענישען. אין דער צייט, וואָס די פאַרטער, באַבילאָנער, די וייט אָבגעלעגענע אַראַבער, אונזערע פאָלקסברידער אויף יענער זייט טייך פרת און די אַדיאַבענער זענען, אַ דאַנק מיינע ווערק, געגוי בעקאַנט געוואָרען מיט די סבות פון דער דאָזיגער מלחמה, מיט איהרע פערשיידענע געשעהענישען און מיט איהר סוף, — ווייסען די רוימער און גריכען—וואָס האָבען ניט גענומען קיין אָנטייל אין איהר— קיין זאַך ניט, און מוזען זיך בעגנוגענען דערמיט, וואָס זיי לייענען שרייבעכצען פול מיט שקר און חניפה.

3. די שרייבער נעהמען אויף זיך די העזה אָנצורופען די דערמאָנטע שרייבעכצען היסטאָריע, הגם די לעצטע, לא די וואָס זייער אינהאַלט איז אַ שוואַכער, נאָר, לויט מיין מיינונג, דערגרייכען זיי אפילו ניט צו זייער ציעל. היות ווי זיי ווילען וואָס בולט'ער אַרויסשטעלען די גרויסקייט פון די רוימער, פלייסען זיי זיך אויף שריט און טריט אַראָבצוואַרפען און קליין צו מאַכען די יודען. אַהרט מיך די קשיה: ווי אַזוי קאָנען די בעזיגער פון נישט-ווערדיגע געגנער אויסווייזען אַזוי גרויס? פון דער אַנדערער זייט, נעמען זיי ניט אין אַכט ניט דאָס, וואָס די מלחמה האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ניט דאָס, וואָס דער רוימישער חיל האָט אַזוי פיעל מענשען אָנגעוואָרען, צולעצט אויך ניט דאָס, וואָס אין דער מלחמה האָבען אָנטייל גענומען גרויסע קריגס-פיהרער. און די דאָזיגע קריגס-פיהרער וואָלטען אָנגעוואָרען זייער גאַנצע גרויסקייט, אויב דאָס אַיינעהמען פון ירושלים, וואָס איז זיי אַזוי שווער אָנגעקומען, וואָלט גאָר ניט געווען אַזאַ גרויסע גבורה.

4. איך בין אָבער אויך לחלוטין ניט אויסען צו מאַכען גרעסער די מעשים פון מיינע לאַנדסלייט, בכדי צו דערציילען פונקט דעם היפוך פון יענע, וואָס לויבען די רוינ ע' ביז'ן הימעל אַריין. ניין, איך וויל מעהר ניט ווי געגוי צו דערציילען וועגען אַלץ, וואָס איז אין דער אמת'ען געשעהן בייביידע צדדים. אויסדריקענדיג דערביי די טרויער-געפיהלען, וואָס דערוועקען זיך אין מיר דורך די אונגליקען, וואָס האָבען געטראָפען מיין פאָטערשטאָדט, בעפרידיג איך נאָר דערמיט די אינעווייניגסטע בעדערפעניש פון מיין צעווייטאָגטער נשמה. אַז דוקא בלויז די אינעווייניגסטע מחלוקות'ן האָבען געבראַכט די צרות אויף מיין פאָטערלאַנד; אַז די אידישע טיראַנען גופא זיינען דאָס געווען די, וואָס האָבען געצוואונגען די רוימער, קעגען זייער אייגענעם ווילען, אָנצוריהרען דעם בית-המקדש און וואַרפען אויף איהם אַ ברענענדיגען האָלץ-שייט — דערויף איז אַנ'עדות דער קייזער טיטוס, וואָס האָט דעם בית-המקדש חרוב געמאַכט. וואָרום די גאַנצע צייט פון דער מלחמה האָט ער אויסגעדריקט זיין רחמנות צום פאָלק, וואָס איז אונטערגעהעצעט געוואָרען דורך די מורדים. עטליכע מאָל האָט ער אָבגעלייגט דעם אָנפאַל אויף דער שטאָדט און האָט בכיוון פערצויגען די בעלעגערונג, בכדי צו געבען די שולדיגע

צייט זיך מיישב צו זיין. אויב עמיצער וועט מיר וועלען פאָרוואַרפען, פאַרוואָס איך טרעט אַרויס אַלס בעשולדיגער קעגען די טיראַנען און זייער רויבערבאַנדע, אָדער פאַרוואָס איך גיס אויס מיין טרויעריגען געמיט איבער'ן אומגליק פון מיין פאָטערלאַנד, — זאָל ער מיר מוחל זיין עובר זיין פאַר'ן די געזעצען פון דער געשיכטס־שרייבעריי, מחמת דאָס איז בלויז אַ פועל־יוצא פון מיין צער. וואָרום פון אַלע שטעדט, וואָס די רוימער האָבען איינגענומען, האָט קיין איינע ניט דערגרייכט צו אַזאַ גוטען מעמד, ווי אונזער שטאָדט; נאָר קיין איינע איז אויך אַזוי טיעף ניט געפאַלען אין תהום פון אומגליק. און בכלל, דוכט זיך מיר, קאָן קיין איין אומגליק, זינט די וועלט שטעהט, ניט צוגעגליכען ווערען צום אומגליק, וואָס האָט געטראָפען מיט די אידען. און שולדיג אינ'ם דאָזיגען אומגליק איז געוועזען ניט קיין פרעמדער. היינט ווי זשע קאָן איך איינהאַלטען מיין צער? נאָר אויב עס וועט זיך פאָרט געפינען אַזאַ שטרענגער שופט, וואָס אין זיין האַרצען וועט ניט אויפגליהען אַפילו אַ פונק רחמנות, טאָ זאָל ער די פאַקטען בעציהען צו דער געשיכטע, די יאָמערן און קרעכצען אָבער — אויפ'ן חשבון פונ'ם מחבר.

5. דעם אמת גערעדט, וואָלט איך גיכער געקאָנט מאַכען פאָרוואורפען די גריכישע געלעהרנטע, ניט קוקענדיג אויף אַזעלכע וויכטיגע געשעהענישען, וואָס זיי אַליין האָבען איבערגעלעבט און וואָס אין פערגלייך מיט זיי בעדאַרפען די מלחמות פון די פריהערדיגע צייטען אויסקומען זעהר אונבעדייטענד, — הערען זיי ניט אויף, פונדעסטוועגען, צו קריטיקירען און דערנידעריגען יענע, וואָס האָבען בעשריבען די געשעהענישען פון די אַלטע צייטען; הגם זיי, די נייע, שטייגען די די לעצטע אַריבער מעהר ניט ווי דורך זייערע שיינע מליצות, נאָר זיי קומען ניט צו זיי בנוגע צו עהרליכקייט.

אַזוי, למשל, שרייבען זיי די געשיכטע פון די אַסיריער אָדער מעדיער (אשור און מדי), אַזוי ווי די אַלטע היסטאָריקער וואָלטען עס כלומרשט ניט געהאַט בעשריבען, ווי עס געהער צו זיין. נאָר אין דער אמת'ן בלייבען זיי צוריק הינטער די לעצטע סיי אין פרט פון דער קונסט פון געשיכטס־שרייבונג און סיי אינ'ם אויפשטעלען דעם פּלאַן פון די ווערק.

איטליכער פון די אַלטע שרייבער האָט זיך געמיהט צו שילדערן נאָר די געשעהענישען, וואָס האָבען פאַסירט נאָר אין זיינע צייטען. ווי באַלד אַז דער מחבר האָט אַליין איבערגעלעבט די געשעהענישען, וואָס ער בעשרייבט, איז די בעשרייבונג גופא בעזונדערס קלאָר, און מען קען שוין זיין זיכער, אַז די מעשיות, וואָס ער דערצעהלט, זענען אמת'ע, וואָרום די פאַלשע ידיעות האָבען געקאָנט אָבגעלייקענט ווערען דורך די מענשען, וואָס זיינען אַליין געוועזען דערביי בשעת מעשה.

אָבראַטעווען פון פערגעסענקייט דאָס, וואָס קיינער האָט נאָך ניט דערציילט, מאַכען פאַר אַ קנין פון די שפּעטערדיגע דורות די געשעהענישען פון דער אייגענער צייט, — אָט פאַר וואָס עס איז כדאַי צו לויבען און אָבצוגעבען כבוד. מען קאָן אָבער נאָכזאָגען אַ שבח פאַר פלייסיגער און געוויסענהאַפטער אַרבייט ניט יענעם, וואָס בייט בלויז אום דעם פּלאַן און די אָרדנונג פון אַ פרעמדענס ווערק, נאָר דעם, וואָס גיט אַריין אַ גייסט און אַ לעבען אין אַן אָריגינעלען מאַטעריאַל

דורך אַ זעלבשטענדיגער שילדערונג. הגם איך בין אַ פרעמדער, פונדעסטוועגען האָב איך ניט געשוינט קיין מיה און קיין הוצאות, בכדי צו זיין ביכולת פאָרצולעגען די העלענען און די רוימער די געשיכטע פון די פאָרגעקומענע געשעהענישען. די אָרטיגע תושבים ווערען מערקווירדיג בערעדעוודיג און געשיקט דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אַ שטיקעל ריוח אָדער וועגען ערגיץ אַ פראָצעס. אָבער ווי נאָר מען פאָדערט פון זיי, זיי זאָלען אויפשרייבען אַ היסטאָריע, וואו עס קומט אויס צו זאָגען דעם אמת און מיט גרויסער מיה צונויפקלייבען פאַקטישע ידיעות, — דעמאָלט ווערען זייערע מיילער פלוצלונג פערמאַכט, און זיי לאָזען דאָס איבער צו טאָן אַנדערע, וואָס זיינען ווינציגער פעהיג דערצו און ווייסען אפילו ניט, ווי אַזוי צו שילדערן ווי געהעריג די מעשים פון קריגספיהרער. זאָל טאַקע ביי אונז די אמת'ע קונסט פון געשיכטס-שרייבונג הויך געאַכט ווערען, אַזוי ווי ביי די גריכען איז זי פערלאָזען.

6. צו בעשרייבען די אַלטע געשיכטע פון די אידען און צו דערציילען, וואָס פאַר אַ פאָלק זיי זיינען געווען, ווי אַזוי זיינען זיי אַרויס פון מצרים, דורך וואָסערע געגענדען האָבען זיי דורכגעוואַנדערט, וואָסערע מדינות האָבען זיי איינגענומען און ווי אַזוי זיי זיינען דערנאָך ווידער אַוועק פון דאָרט, — דאָס, האַלט איך, איז איצטער ניט צו דער צייט. חוץ דעם האַלט איך דאָס פאַר איבעריג, מחמת נאָך פאַר מיר האָבען אַ סך אידען אָנגעשריבען אַ גענויע געשיכטע פון זייערע עלטערן, און עטליכע גריכען האָבען דאָס איבערזעצט אויף זייער מוטערשפראַך און האָבען אונז געגעבען בכלל אַ ריכטיגע פאָרשטעלונג וועגען איהר. מיין ערציילונג וויל איך אָנהויבען דערפון, ביי וואָס עס האָבען זיך אָבגעשטעלט יענע היסטאָריקער און די נביאים. נאָר אויך דאָ בין איך אויסען מעהר בפרטיות און מיט דער מעגליכסטער גענויאיגקייט צו דערצעהלען וועגען יענער מלחמה, וואָס איך אַליין האָב זי איבערגעלעבט, אָבער וועגען די געשעהענישען פון די צייטען, וואָס פאַר מיר, וועל איך זיך בעגנוגענען מעהר ניט מיט אַ קורצען איבערבליק.

7. אַזוי וועל איך דערצעהלען, ווי אַזוי אַנטיוכוס מיט'ן צונאָמען עפיפאַנעס (דער ערלויכטענער), האָט איינגענומען ירושלים און איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון לאַנד — נאָכדעם ווי ער האָט געוועלטיגט דריי יאָהר מיט זעקס חדשים — דורך די זיהן פון חשמונאי; ווי אַזוי די אוראייניקלעך פון די לעצטע האָבען פערפיהרט אַ מחלוקת צווישען זיך צוליעב דער ממשלה, און האָבען גערופען די רוימער און פומפיוס'ן אויסצוגלייכען דעם שטרייט; ווי אַזוי הורדוס דער זוהן פון אנטיפטר האָט מיט דער הילף פון סאָסיוס געמאַכט אַ סוף צו דער ממשלה פון די חשמונאים; ווי אַזוי נאָך הורדוס'עס טויט, בשעת אויגוסטוס האָט געקיניגט און קווינטיליוס וואַרוס איז געוועזען פערוואַלטער פון לאַנד, איז אויפגעשטאַנען דאָס פאָלק; ווי אַזוי אין 12-טען יאָהר פון נירונ'ס קיניגען האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה; וואָס ס'איז געשעהן אין קיסטיוס'עס צייטען און אויף וואָסערע ערטער זיינען די אידען אָנגעפאַלען מיט געוועהר אין די הענד אין אָנהויב פון דער מלחמה.

8. שפעטער וועט ווערען דערצייהלט, ווי אַזוי די אידען האָבען בעפעסטיגט די אַרומיגע שטעדט; ווי אַזוי נירון האָט נאָך קיסטיוס'עס מפלה בע-

שלאָסען, אַז זיין איבערהערשאַפט געפינט זיך אין סכנה. און האָט איבערגעגעבען מחמת דעם אַספּסינוס'ן (וועספּאַסיאַנוס) די אָנפיהרונג פונ'ם קריג; ווי אַזוי אַספּסינוס און זיין עלטסטער זוהן זיינען אַריינגעדרונגען אין דאָס לאַנד פון די אידען; ווי גרויס איז געווען דער רוימישער חיל; וויפיעל פערבינדעטע זענען געקומען איהם צוהילף ביי דער פערוויסטונג פון גאַנץ גליל; און ווי אַזוי אַספּסינוס האָט אונטערטעניג געמאַכט אונטער זיין ממשלה די שטעדט פון דער דאָזיגער געגענד, צום טייל איבער געוואַלד, צום טייל דורכדעם, וואָס זיי האָבען זיך מיט'ן גוטען ווילען אונטערגעגעבען. דערנאָך וועל איך שילדער'ן די קריגס-טאַקטיק פון די רוימער און די דיסציפּלין פון זייערע לעגיאָנען ווייטער וועט ווערען בעשריבען די גרייס און די טבע פון אויבער און אונטער גליל, די גרעניצען פון לאַנד יהודה, די בעזונדערהייטען פון לאַנד, איהרע אָזיערעס און קרעניצעס; צולעצט דער גורל פון איטליכער איינגענומענער שטאָדט בעזונדער. דאָס אַלץ וועל איך גענוי בעשרייבען, אַזוי ווי איך ווייס דאָס פון אייגענע בעאָבאַכטונגען און ווי איך האָב דאָס אַליין איבערגעלעבט. וואָרום איך וועגען מיינע אייגענע צרות וועל איך ניט פערשווייגען, מחמת מיינע לעזער זענען בעקאַנט מיט'ן ענין.

9. ווייטער געהט די ערצייהלונג וועגען דעם, ווי אַזוי אין יענער צייט, בשעת די לאַגע פון די אידען איז שוין געוואָרען אַ קריטישע, איז נירון געשטאָרבען, און אַספּסינוס, וואָס איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטען קעגען ירושלים, איז אָבגערופען געוואָרען, ווייל ער איז געוואָרען אויסגעקליבען פאַר אַנ'אימפּעראַטאָר; ס'ווערט דערצעהלט, ווייטער, וועגען די מופתים, וואָס האָבען איהם דאָס פאָראויסגעזאָגט, ווי אַזוי רוים איז פול געוואָרען מיט זעלנער, וואָס זיינען אַהין אָנגעקומען, און וועגען דעם, ווי אַזוי אַספּסינוס איז קעגען זיין ווילען אויסגערופען געוואָרען פאַר אַ זעלבסטהערשער דורך די סאָלדאַטען; ווי אַזוי דעמאָלט, נאָכדעם ווי ער איז אָבגעפאָהרען קיין עגיפּטען, מחמת ער האָט דאָרט געוואָלט ברענגען אין אָרדנונג די מלוכה-ענינים, האָבען זיך אָנגעהויבען מחלוקת'ן צווישען די אידען, ס'זענען אויפגעשטאַנען איבער זיי טיראַנען און ווי אַזוי די לעצטע האָבען זיך געקריגט צווישען זיך.

10. דערנאָך וועל איך דערצייהלען ווי אַזוי טיטוס איז צוריקגעקומען פון עגיפּטען און פון דאָס ניי אָנגעפאַלען אויף דאָס לאַנד; אויף וואָסער אופן, וואו און אין וואָסער צאָהל האָט ער צונויפגעקליבען זיין חייל; ווי ירושלים האָט געליטען פון אינעווייניגסטע מחלוקות'ן, בשעת טיטוס איז צו איהר צוגעטראָטען; וויפיעל מאָל ער האָט זי בעשטורמט, וויפיעל וואַלען ער האָט אויסגעבויט. ווייטער וועל איך בעשרייבען דעם היקף און די גרויס פון די דריי מויערן פון ירושלים, די שטאַרקע בעפעסטיגונגען פון דער שטאָדט, דעם פּלאַן פון בית-המקדש און פונ'ם היכל, די גרויס פון די בנינים און פונ'ם מזבח — דאָס אַלץ מיט דער גרעסטער גענויאיגקייט; אויך וועל איך בעשרייבען עטליכע מנהגים פון די ימים-טובים, די זיבען טבילות און די עבודה פון די כּוהנים; חוץ דעם — די בגדי-כהונה פון די כּוהנים און פונ'ם כּוהן-גדול, די אינעווייניגסטע איינריכטונג פונ'ם קדשי-קדשים אין בית-המקדש. קיין זאַך וועל איך

ניט פערשווייגען און קיין זאך וועל איך ניט מוסיף זיין דערצו, וואס דערפאר בין איך ערב, אז דאס איז אמת.

11. דערנאך וועל איך דערציילען, ווי אכזריות'דיג ס'זיינען זיך בעגאנגען די טיראנען מיט זייערע אייגענע פאלקס-ברידער; פון דער אנדער זייט — ווי גוט-גינציג ס'זיינען געווען צו די פרעמדע די רוימער, און ווי אפט האט טיטוס, וואס האט געוואלט ראטעווען די שטאדט און דעם בית-המקדש, גערופען די מורדים, זיי זאלען מיט איהם שלום מאכען. איך וועל אויך דערציילען אלע צרות און ענויים, וואס דאס פאלק האט, ביז די שטאדט איז איינגענומען געווארען, אריבערגעטראגען פון דער מלחמה, פון די איבעווייניגסטע מהומות און פון הונגער. דערביי וועל איך ניט פערשווייגען סיי דעם אונגליקליכען סוף פון די איבערלויפער, און סיי די טויטונג פון די געפאנגענע; ווייטער וועל איך דערצעהלען, ווי אזוי דער בית-המקדש איז פערברענט געווארען כנגד דעם קיסר'ס ווילען און וואסערע הייליגע כלים זיינען ארויסגעראטעוועט געווארען פון פייער; וועגען דעם, ווי אזוי די שטאדט איז איינגענומען געווארען און וואסערע מופתים זענען געשעהן פריהער. דערנאך בייט די בעשרייבונג, ווי אזוי די טיראנען זיינען בעווארען גענומען געפאנגען; וויפיעל אידען ס'זיינען פערקויפט געווארען פאר שקלאפען און וואס האט מיט זיי געטראפען; ווי אזוי די רוימער האבען דערנאך דערשטיקט די לעצטע רעשטען פון בעוואפענטען אויפשטאנד אין לאנד און צעשטערט אלע בעפעסטיגונגען, און ווי אזוי טיטוס איז, אחרי ככלות הכל, ארומגעפאהרען איבער'ן גאנצען לאנד און איינגעשטעלט רוה, און דערנאך איז ער אוועק צוריק קיין איטאליען און האט דארט געפייערט זיין נצחון.

12. אט דאס אלץ האב איך בעשריבען אין זיבען ביכער פאר לעזער, וואס זוכען דעם אמת און ניט בלויז תענוג אליין. און בעשריבען האב איך אזוי, אז עס זאל ניט זיין קיין תרעומות מצד אזעלכע מענשען, וואס זיינען פאקטיש בעקאנט מיט דער מעשה און האבען אליין מיט זייערע אויגען געזעהן די מלחמה. ובכן, וועל איך אנהויבען די עצם ערצעהלונג אין דעם אופן, ווי איך האב אנגעמערקט אין דער אלגעמיינער איבערזיכט פונ'ם אינהאלט.


ארץ־ישראל
אין די ביבלישע צייטן
10 5 0 10 20 30
קילאמעטער
ארם
דמשק
גליל
שומרון
שכם
יהודה
עמון
מואב
אדום
בשן
חבל־ארגוב
הר גלעד
רבת־עמון
30'
35°
36°
33°
32°

# ערשטער קאַפּיטעל.

אנטיוכוס עפּיפאנעס נעמט איין ירושלים. — די חשמונאים. — מתתיהו און יהודה.

1. אין דער צייט [1], וואָס אַנטיוכוס, מיט'ן צונאָמען עפּיפאַנעס (דער קעניג פון סיריען); האָט מלחמה געהאַלטען מיט תלמי (פּטאָלאָמייאוס) דעם זעקסטען (קעניג פון מצרים) וועגען דער ממשלה איבער גאַנץ סיריען, — זיינען אויפגעשטאַנען מחלוקות'ן צווישען די חשוב'ע יודען וועגען דער ממשלה איבער'ן פאָלק, און קיין איינער פון זיי, וואָס האָט זיך נאָר געהאַלטען פאַר עפּיס חשוב, האָט ניט געוואָלט זיך אונטערגעבען זיינעסגלייכען. דעמאָלט האָט חוניו, איינער פון די כהנים גדולים, וואָס האָט בעקומען די אויבערהאַנד, אַרויסגעטריבען פון ירושלים די בני־טוביה. זיינען די בני־טוביה אַוועק צום קעניג אַנטיוכוס און האָבען איהם געבעטען ער זאָל אָנפאַלען אויף דאָס לאַנד יהודה און דערביי זאָל ער זיי צונעמען פאַר קריגס־הויפטלייט. דער קעניג האָט באַלד מסכים געווען דערויף, מחמת זינט לאַנג האָט ער שוין געגאַרט איינצונעמען דאָס דאָזיגע לאַנד. אַנטיוכוס אַליין האָט זיך געשטעלט בראש פון אַ מעכטיגען חייל, איז אַריינגעדרונגען אין לאַנד יהודה, האָט איינגענומען די שטאָדט ירושלים [2] און אויסגעהרג'עט אַ סך אידען, וואָס זענען געשטאַנען אויף תלמי'ס צד. אויך האָט ער זיינע זעלנער ערלויבט צו ראַבירען די שטאָדט און אַליין האָט ער בעראַבט דעם בית־המקדש. דערנאָך האָט ער אָבגעשטעלט דעם קרבן־תמיד (וואָס מען פלעגט ברענגען צוויי מאָל אין טאָג) אויף אַ צייט פון דריי יאָהר מיט זעקס חדשים. נאָר חוניו דער כהן־גדול [3] איז אַנטרונען געוואָרען צו תלמי המלך, וועלכער האָט איהם ערלויבט אויסצובויען אין דער פּראָווינץ פון העליאָפּאָליס אַ שטעדטיל, וואָס איז געווען ענליך אויף ירושלים, און אין דער דאָזיגער שטעדטיל — אַ בית־המקדש, ווי אין ירושלים. נאָר וועגען דעם וועלען איך ריידען שפּעטער אויפ'ן געהעריגען אָרט (VII ,10 ,2).

2. אַנטיוכוס אָבער האָט זיך ניט געוואָלט בעגנוגענען דערמיט, וואָס ער האָט אונגעריכטערהייד איינגענומען די שטאָדט ירושלים, בערויבט זי און אויסגעהרג'עט אַ סך מענשען. אויפגערייצט דורך זיינע צעלאָזענע ליידענשאַפטען

[1] 174 פאר קריסט.

[2] אין יאהר 170 פאר קריסט.

[3] דער זוהן פון כהן גדול חוניו III. ער גופא איז פאקטיש קיין כהן־גדול ניט בעוועזען, נערופען האט מען איהם אזוי נאר מחמת דעם, וואס על־פי רעכט האט איהם בעקומט די כהונה גדולה.

און געדיינקענדיג די שוועריגקייטען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פֿאַר דער צייט פֿון דער בעלעגערונג פֿון ירושלים, — האָט ער געצוואונגען די אידען אַוועקצוואַרפֿען די מנהגים, וואָס זיי האָבען בקבלה פֿון זייערע עלטערן, האָט גוזר געווען אויף זיי ניט מעהר מל צו זיין זייערע קינדער און גענויט זיי צו בריינגען חזירים פֿאַר קרבנות אויפ׳ן מזבח. אָבער קיינער פֿון די אידען האָט ניט געוואָלט פֿאָלגען אַזעלכע בעפֿעהלען. דעריבער האָט אַנטיוכוס געהייסען אכזריות׳דיג אומבריינגען די חשוב׳סטע פֿון די בירגער. און באַקכידעס, וואָס אַנטיוכוס האָט איהם בעשטימט פֿאַר׳ן הויפּטמאַן איבער׳ן חיל אין ירושלים, האָט נאָך פֿערשאַרפֿט דעם קעניג׳ס אכזריות׳דיגע בעפֿעהלען דורך זיין אייגענער איינגעבאָרענער אונמענשליכקייט. אין זיין רשעות איז ער אַריבער אַלע מאָסען: די חשוב׳ע בירגער זענען איינער נאָכ׳ן אַנדערן געטויט געוואָרען אונטער ענויים קשים, און דעם גאַנצען פֿאָלק פֿלעגט ער אַלע טאָג שרעקען, אַז ער וועט איינגאַנצען חרוב מאַכען די שטאָדט ירושלים. דורך די דאָזיגע האַרטע גזרות, וואָס די אידען איז אויסגעקומען פֿון זיי צו ליידען, זענען זיי אויפֿגערייצט געוואָרען צו נעמען נקמה פֿון זייערע אונטערדריקער און מורד צו זיין קעגען זיי.

3. אָנגעהויבען האָט עס זיך דערפֿון, וואָס מתתיהו הכהן, דער זוהן פֿון חשמונאי, פֿונ׳ם שטעדטיל מודיעין, האָט זיך אַליין בעוואָפֿענט, און אויך בעוואָפֿענט זיינע פֿינף זיהן, און האָט דער׳הרג׳עט באַקכידעס׳ן [1]. נאָר היות ווי מתתיהו האָט מורא געהאַט פֿאַר׳ן צאָהלרייכען סירישען חיל, איז ער אַנטלאָפֿען געוואָרען און האָט זיך בעהאַלטען אין די בערג. נאָר נאָכדעם ווי צו איהם זיינען צוגעשטאַנען אַ סך מענשען, האָט ער ווידער געקראָגען מוט, איז אַראָב פֿון די בערג, האָט מנצח געווען אין אַן אָפֿענער שלאַכט אַנטיוכוס׳עס קריגסהויפּטלייט און פֿערטריבען זיי פֿון לאַנד יהודה. מתתיהו׳ס גרויסע גבורות האָבען איהם געבראַכט מאַכט און כבוד. ווייל ער האָט אויסגעלייזט דאָס פֿאָטערלאַנד פֿונ׳ם פֿרעמדען יאָך, האָט איהם דאָס גאַנצע פֿאָלק אויסגעקליבען פֿאַר אַן אָנפֿיהרער. נאָך דעם איז מתתיהו געשטאָרבען און האָט איבערגעלאָזט די ממשלה זיין עלטערן זוהן, יהודה [2].

4. היות ווי יהודה האָט געוואוסט, אַז אַנטיוכוס וועט רוהיג ניט אַריבערטראָגען די איבערקעהרעניש, דעריבער האָט ער צונויפֿגעקליבען אַ חייל צווישען זיינע פֿאָלקס-ברידער און האָט געשלאָסען אַ בונד מיט די רוימער; יהודה איז געווען בכלל דער ערשטער פֿון די אידישע אָנפֿיהרער, וואָס האָט זיך פֿערבונדען מיט די רוימער. נאָכדעם ווי עפּיפֿאַנעס איז אַ צווייטען מאָל אַריינגעדרונגען אין לאַנד יהודה, האָט יהודה איהם ווידער אַרויסגעטריבען מיט אַ גרויסען אָנוועהר. בעגייסטערט דורכ׳ן נייעם נצחון, האָט זיך יהודה אַ לאָז געטאָן אויפֿ׳ן גאַרניזאָן, וואָס איז געשטאַנען אין ירושלים — דער לעצטער איז נאָך אַלץ ניט געווען פֿערטיליגט — און האָט אַרויסגעטריבען די סירישע סאָל-

1) אין אמת׳ן האָט יענער געהייסען אפּעלעס.

2) אין יאָהר 167 פֿאַר קריסט.

ראַטען פון דעם אויבערשטען טייל שטאָדט אין דעם אונטערשטען, וואָס ווערט אָנגערופען אַ קראַ. דערנאָך האָט יהודה אַיינגענומען דעם בית-המקדש, אויסגערייניגט דעם גאַנצען פלאַץ, אַרומגערינגעלט איהם מיט אַ מויער, פערביטען אַלע פריהערדיגע טמא-געוואָרענע הייליגע כלים דורך נייע, און אויסגעבויט אַ נייעם מזבח. נאָכדעם ווי אָט די אַלע אַרבייטען זענען פערענדיגט געוואָרען, האָט ער ווידער אַיינגעשטעלט דעם אַלטען סדר פון די קרבנות אין בית-המקדש [1]. ווי נאָר די שטאָדט ירושלים האָט ווידער געקאָנט געניסען איהר אַלטע עבודה איז אַנטיוכוס געשטאָרבען. זיין טרוין און זיין שנאה צו אידען האָט גערירש'עט זיין זוהן, אַנטיוכוס (דער פינפטער).

5. דער נייער קעניג האָט צונויפגעקליבען אַ חייל, וואָס איז בעשטאַנען פון 50,000 מאַן פוסגייהער, אַנ'ערך 5000 רייטער און 80 העלפאַנדען. מיט דעם דאָזיגען חייל איז ער אַריינגעדרונגען אין לאַנד יהודה דורך דער בערגיגער געגענד און האָט דאָרט אַיינגענומען די קליינע שטעדטיל בית-צור. ביים בערג-שפּאַלט פון בית-זכריה איז ער זיך צונויפגעקומען פנים אל פנים מיט יהודה'ס חייל. איידער די ביידע אַרמעען האָבען נאָך בעוויזען נעהנטער צוצוטרעטען איינע צו דער אַנדערער, האָט יהודה'ס ברודער אלעזר אויסגעזוכט מיט די אויגען דעם העכסטען העלפאַנד מיט אַנ'אונגעהייער גרויסען טורם, וואָס איז געווען בעצירט מיט אַ בעגילטען שילד. היות ווי אלעזר האָט געמיינט, אַז אויף דעם דאָזיגען העלפאַנד זיצט אַנטיוכוס, דעריבער האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן פאָראויס, זיך אַריינגעהאַקט אין דעם שונא'ס רייהען און זיך אַ וואָרף געטאָן צום העלפאַנד. נאָר דער רייטער, וואָס איהם האָט ער געהאַט אָנגענומען פאַר'ן קעניג, איז געזעסען צו הויך. אלעזר האָט געקאָנט בלויז פערוואונדען דעם העלפאַנד וואָס איז אַנידערגעפאַלען און האָט מיט זיין שווערען גראָבען קערפּער איהם דערשטיקט. אַזוי האָט ער בעצם קיין זאַך ניט אויפגעטאָן; ער האָט נאָר אַיינגעשטעלט זיין לעבען פאַר אַזאַ זאַך, וואָס האָט געקאָנט זיין אַ גבורה און איהם איינבריינגען אייביגען כבוד. איבעריגענס, איז דער פיהרער פונ'ם העלפאַנד געוועזען אַ פשוט'ער זעלנער. און אויב אפילו ער וואָלט געווען צופעליג אַנטיוכוס, וואָלט דער מוטיגער קריגסמאַן, דוכט זיך, אויך קיין אַנדער זאַך ניט געקאָנט דערגרייכען, ווי דעם טויט פון העלד. ביי יהודה'ן האָט די דאָזיגע טרויעריגע פּאַסירונג געצייגט פאַר אַ שלעכטען סימן. און באמת, הגם די אידען האָבען אַ לאַנגע צייט האַרטנאַקיג געהאַלטען זיך אויפ'ן שלאַכטפעלד, פונדעסטוועגען האָט דעם קעניג'ס חייל, וואָס איז געווען גרעסער און האָט נאָך דערצו געהאַט מזל אויך, מנצח געווען. נאָך שווערע אָנווערען איז יהודה מיט'ן רעשט פון זיין חיל אַנטלאָפען געוואָרען אין דער געגענד פון גופנא. אַנטיוכוס האָט זיך געלאָזט געהן קיין ירושלים. נאָר היות ווי איהם האָבען אויסגעפעהלט לעבענסמיטלען, דעריבער האָט ער געמוזט זיך לאָזען גייהן צוריק, נאָכדעם ווי ער איז אַ קורצע צייט אָבגעשטאַנען אין שטאָדט. אופ'ן אָרט האָט ער געלאָזען אַ גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך

[1]) דאָס איז געשעהן 25 טעג אין כסליו 235 יאָהר פאַר'ן צווייטען חורבן. לכבוד דעם דאָזיגען טאָג איז דאָס אַיינגעשטעלט געוואָרען דער יום-טוב חנוכה.

איהם אויסגעדוכט גענוג שטאַרק, און דעם איבעריגען טייל פון דעם חייל האָט ער אריבערגעפיהרט קיין סיריען אויף ווינטער־קוואַרטירען.

6. נאָכדעם ווי דער קעניג איז אַוועק, איז יהודה ניט געבליבען זיצען צונויפגעלייגט די הענד. די זעלנער, וואָס אין דער לעצטער שלאַכט האָבען זיי זיך געהאַט צעשפּרייט, האָבען זיך ווידער צו איהם צוריקגעקעהרט, און אינאיינעם מיט זיי זיינען אָנגעקומען פרישע פאָלקסמאַסען. מיט די דאָזיגע בענייטע קרעפטען האָט יהודה געגעבען אַנטיוכוס'עס קריגס־הויפּט־לייט אַ נייע שלאַכט נעבען דאָרף חדשה. אין דער דאָזיגער שלאַכט האָט ער זיך מוטיג געשלאָגען און האָט פערטיליגט אַ סך פיינד, נאָר ער איז אַליין געפאַלען אין שלאַכט. באַלד דערויף איז אומגעקומען אויך יהודה'ס ברודער יונתן וואָס איז געפאַלען פאַר אַ קרבן פון פאַלשקייט מצד אַנטיוכוס'עס אָנהייבער.

# צווייטער קאַפּיטעל.

וועגען יהודה'ס יורשים: יונתן, שמעון און יוחנן הורקנוס.

1. נאָך יהודה'ן איז זיין ברודער יונתן געוואָרען דער אָנפיהרער פון די אידען 1). בכדי צו בעשיצען די אינטערעסען פון זיין פאָלק, האָט יונתן בעפעסטיגט זיין רעגירונג דורך אַ בונד מיט די רוימער, און חוץ דעם האָט ער געשלאָסען שלום מיט'ן יונגען אַנטיוכוס'ן. דאָס אַלץ אָבער האָט איהם גופא קיין זיכערקייט ניט פערשאַפט. דער טיראַן טריפאָן, דעם יונגען אַנטיוכוס'עס אַפּוטרופּוס, האָט געוואָלט יונתנ'ען אומברייגגען דורך פאַלשקייט און האָט געפלייסט זיך קודם כל צו פטור'ן אַלע זיינע פריינד. אַ גינסטיגע געלעגענהייט האָט זיך בעוויזען אין פּטאָלאָמאַאידע (עכו), וואוהין יונתן איז געקומען צו פאָהרען צו גאַסט צו אַנטיוכוס'ן אין דער בעגלייטונג פון אַ קליינער סוויטע. טריפאָן האָט איהם דעמאָלט אריינגעכאַפּט דורך רמאות, געשמידט איהם אין קייטען און איז אַרויס מלחמה האַלטען קעגען די אידען. נאָר שמעון, יונתנ'ס ברודער, האָט זיך אַנטקעגענגעשטעלט קעגען איהם און האָט איהם געגעבען אַ מפּלה. נאָך דער מעשה האָט טריפאָן געטויט יונתן.

2. שמעון האָט רעגירט מיט גרויס ענערגיע 2). ער האָט איינגענומען די גרעניץ־שטעדט: גזר, יפו, יבנה, און האָט צערשטערט ביז'ן יסוד די פעסטונג אַקראַ, נאָכדעם ווי ער האָט גענומען געפאַנגען דעם גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. שפּעטער איז ער געקומען צו הילף אַנטיוכוס'ן קעגען טריפאָנ'ען, וואָס אַנטיוכוס האָט איהם בעלעגערט אין דאָראַ (דאר), איידער ער איז אַוועק מלחמה האַלטען קיין מדי 3). נאָר הגם שמעון האָט געהאָלפען דעם קעניג צו־

1) 160 פאַר קריסט.

2) פון יאָהר 143 פאַר קריסט.

3) מיט די פּערטער.

בעזיגען טריפאָנ'ען, פונדעסטוועגען האָט ער ניט געקאָנט בעפרידיגען דעם קעניגס גלוסטען, וואָרום באַלד נאָכדעם האָט אַנטיוכוס געשיקט זיין קריגס-הויפטמאַן קענדעבאַיוס בראש פון אַ חיל, בכדי צו פערוויסטען דאָס לאַנד יהודה און אונטערטעניג צו מאַכען שמעונ'ען. שמעון איז שוין אפילו דעמאָלט געווען אַלט נאָר די מלחמה האָט ער געפיהרט מיט'ן בריען און מוט פון אַ יונגען מאַן. זיינע זיהן האָט ער געשיקט מיט אַנ'אָבגעקליבענעם חייל אין איין ריכטונג, און אַליין, בראש פונ'ם אַנדערען טייל חיל, איז ער אַרויס קעגען פיינד אויף אַנדער וועג. אין אַ סך ערטער, און אויך אין די בערג, האָט ער געלאָזט בעהאַלטען שטאַרקע מיליטערישע אָבטיילונגען און האָט איינגענומען אַלע דורכגאַנגען. נאָכדעם ווי שמעון האָט צולעצט אָבגעהאַלטען אַ גלענצענדען נצחון, איז ער אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַ כהן-גדול, און אויף אַזאַ אופן זיינען די אידען אויסגעלייזט געוואָרן פון דער ממשלה פון די מאַקעדאָניער, וואָס אונטער איהר זיינען זיי געשטאַנען אין משך פון הונדערט און זיבעציג יאָהר.

3. אויך שמעון איז געפאַלען פאַר אַ קרבן פון פעראַט און געוואַלטאַט, וואָס זיין אייגענער איידעם, תלמי, האָט קעגען איהם בעגאַנגען אין דער צייט פון אַ מאָלצייט [1]. תלמי האָט אויך אַריינגעוואָרפען אין תפיסה שמעונ'ס ווייב און זיינע צוויי זיהן, און האָט געשיקט רוצחים אויף צו טויטען נאָך דעם דריטען זוהן, וואָס האָט געהייסען אויך הורקנוס. נאָר דעם יונגלינג האָט מען מתרה געווען וועגען דער סכנה, און ער איז איילינג אַוועק קיין ירושלים, מחמת ער איז געווען זיכער, אַז דאָס פאָלק, מחמת דאַנקבאַרקייט פאַר זיין פאָטערס גבורות וועט מיט פעראַכטונג אָבווענדען זיך פונ'ם פערברעכערישען תלמי'ן. פון דער אַנדער זייט, דורך אַ צווייטען טויער, האָט געפרובט אַריינצודרינגען אין שטאָדט אויך תלמי; נאָר דאָס פאָלק, וואָס האָט שוין בעוויזען צוצונעמען הורקנוס'ן, האָט איהם אָבגעשטופט פון זיך. תלמי איז אונגעזאַמט אָבגעטראָטען קיין דגון — איינע פון יענע פעסטונגען, וואָס דערהויבען זיך איבער יריחו. הורקנוס אָבער, וואָס איז געוואָרען בעשטימט פאַר אַ כהן-גדול אויף זיין פאָטערס אָרט, האָט געבראַכט אַ קרבן און האָט געלאָזט זיך איילינג נאָכיאָגען תלמי'ן, בכדי צו בעפרייען פון זיינע הענד זיין מוטער און זיינע ברידער.

4. הגם ביי דער בעלאַגערונג פון דער פעסטונג איז ער געווען שטאַרקער פאַר'ן בעלעגערטען, נאָר אַ שוועדער האַרצווייהטאָג האָט איהם געמאַכט שוואַך. וואָרום איטליכעס מאָל, בשעת תלמי האָט געזעהן, אַז ער געפינט זיך אין סכנה, פלעגט ער הייסען אַרויספיהרען אויפ'ן מויער הורקנוס'עס מוטער און ברידער און שלאָגען זיי פאַר איהם אין די אויגען, און דערביי האָט ער נאָך געסטראַשעט אַראָבצוואַרפען זיי פון מויער, אויב הורקנוס וועט באַלד ניט אָבטרעטען. אַז הורקנוס פלעגט דאָס זעהן, פלעגט איהם אָנגעמען ניט אַזוי אַ כעס, ווי אַ רחמנות און אַ שרעק. די מוטער האָט קאַלטבלוטיג אַריבערגעטראָגען די פּלעפ און ניט מורא געהאַט פאַר'ן טויט, וואָס איז איהר געשטאַנען פאַר די

1) אין יאָהר 135 פאַר קריסט.

אויגען; זי פלעגט אויסשטרעקען די הענד צום זוהן און בעטען איהם, ער זאָל נים שוינען דעם נידערטרעכטיגען מענשען, מחמת דעם וואָס איהרע ענויים דערוועקען אין איהם רחמנות אויף איהר. שוין בעסער צו שטאַרבען פון תלמי'ס הענד, פלעגט זי טענ'ען, אַבי דער דאָזיגער רוצח זאָל נאָר בעקומען די שטראָף וואָס ער האָט פערדיענט פאַר די פערברעכענס, וואָס ער האָט אָבגעטאָן קעגען זייער משפחה. איטליכס מאָל ווען הורקנוס פלעגט הערען זיין מוטערס תחנונים און זעהן איהר שטאַנדהאַפטיגקייט, פלעגט ער מיט גרימצאָרען ווידער אָנהויבען דיינע אָנפאַלען. אָבער ווי נאָר אויף דער מויער פלעגט זיך ווידער אָנהויבען די שרעקליכע סצענע פון די עינויים פון דער זקנה, פלעגט זיין האַרץ אָנכאַפען אַנ'אימה און אַ רחמנות, און ער פלעגט ווערען ווייך און פלעגט צעגייהן פאַר ווייהטאָג. אַזוי האָט זיך די בעלאַגערונג פערצויגען און האָט געדויערט, ביז עס איז אָנגעקומען אַ שמיטה-יאָהר, וואָס די אידען פייערן אַלע זיבען יאָהר, פונקט אַזוי ווי זיי פייערן שבת איטליכען זיבעטען טאָג. אַדאַנק דעם איז תלמי בעפרייט געוואָרען פון דער בעלאַגערונג, יוחנן'ס ברידער אינאיינעם מיט זיין מוטער האָט ער געטויט און אַליין איז ער אַנטלאָפען געוואָרען צו זענאָן קאָטילאַ, דעם טיראַן פון פילאַדעלפיא.

5. דערווייל איז אַנטיוכוס, וואָס איז נאָך אַלץ געוועזען שטאַרק דערצאָרענט פאַר די מפלות, וואָס ער האָט געליטען אינ'ם קאַמפף מיט שמעונ'ען, ווידער אַמאָל אַריינגעדרונגען בראש פון אַ חייל אין לאַנד יהודה און האָט בעלעגערט הורקנוס'ן אין ירושלים. דעמאָלט האָט הורקנוס געעפענט דוד'ס הייהל, וואָס איז געוועזען דער רייכסטער קעניג, האָט גענומען פון דאָרט העכער 3000 טאַלענטען [1] און דורך אַ מתנה פון 300 טאַלענטען האָט ער בעוואויגען אַנטיוכוס'ן אַראָבצונעמען די בעלאַגערונג און אַוועקצוגייהן. די איבעריגע סומע האָט ער פערברויכט אויף אויסצוהאַלטען פרעמדע געדונגענע זעלנער. ער איז געוועזען דער ערשטער אידישער נשיא, וואָס האָט אַזוינס געטאָן.

6. בכדי צו נעמען נקמה פון אַנטיוכוס'ן, האָט יוחנן אויסגענוצט זיין קריגס-צוג קיין מדי. היות ווי ער האָט משער געוועזען — און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, איז ער טאַקע געוועזען גערעכט, — אַז די הויפּט-קרעפטען פונ'ם סירישען חייל זענען אַרויסגעטראָטען פון די פעסטונגען, דעריבער האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די לעצטע, האָט איינגענומען די שטעדט מידבא און אשתמה (סאַמעאַ) מיט די אַרומיגע שטעדט, דערנאָך די שטאָדט שכם און דעם באַרג גריזים. דערנאָך האָט ער אונטערטעניג געמאַכט די כותים (שומרונים), וואָס האָבען געוואוינט אַרום אַ הייליגטום, וואָס איז געוועזען אויסגעבויט נאָכ'ן מוסטער פונ'ם בית-המקדש אין ירושלים. אויך האָט ער איינגענומען ניט זיבציג שטעדט אין לאַנד אדום, צווישען זיי אדרעי (אַדאָרעאָן) און מרשה (מאַריסאַ).

7. דערנאָך איז ער אַוועק קעגען דער שטאָדט שומרון, וואָס איצטער שטייהט אויף איהר אָרט די שטאָדט סעבאַסטע, וועלכע דער קעניג הורדוס האָט

1) 1 טאַלענט בעטרעפט אַן ערך 2300 רובעל.

אויסגעבויט), האָט זי אַרומגערינגעלט מיט א וואַל און איבערגעגעבען די בעלעגערונג זיינע צוויי זיהן, אַריסטובול'ן און אַנטיגנוס'ן. זיי האָבען זייהר פעסט אַרומגערינגעלט די שטאָדט פון אַלע זייטען, און דעריבער האָט זיך צווישען די איינוואוינער אָנגעהויבען אַזאַ שרעקליכער הונגער, אַז זיי זיינען געצוואונגען צו דערנעהרען זיך מיט די אונגעוויינליכסטע זאַכען. אין זייער נויט האָבען זיי זיך געווענדט צו אַנטיוכוס מיט'ן צונאָמען אַספענדיוס [1]. יענער האָט זיך זייהר גערן אָבגערופען אויף זייער אַיינלאַדונג, נאָר אַריסטובול און אַנטיגנוס האָבען איהם מנצח געווען. די ברידער האָבען נאָכגעיאָגט אַנטיוכוס'ן ביז סקיטאָפאָליס (בית-שאָן), און ער האָט זיך קוים געראַטעוועט פון זייערע הענד. די זיגער האָבען זיך דערנאָך אומגעקעהרט צוריק צו שומרון, האָבען ווידער אַיינגעשלאָסען דאָרט די אַיינוואוינער און אַיינגענומען, סוף-כל-סוף, די שטאָדט צערשטערט די פעסטונג ביז'ן גרונד און די אַיינוואוינער פערקויפט פאַר שקלאַפען. היות ווי די הצלחה איז זיי בייגעשטאַנען, דעריבער האָבן זיי די מלחמה נים אָבגעשטעלט און האָבען זיך געלאָזט גייהן מיט זייער חייל ביז בית-שאָן, צערשטערט די דאָזיגע שטאָדט און פערוויסט דאָס גאַנצע לאַנד אויף דער זייט פון דעם הר-הכרמל.

8. די קנאה צו יוחנן'ס און זיינע זיהנס הצלחה האָט אַרויסגערופען איינעווייניגסטע מהומות. אַ סך אידען האָבען זיך פעראייניגט צוליעב'ן קאַמף מיט זיי און האָבען זיך ניט בערוהיגט, ביז וואַנען עס איז אויסגעבראָכען אַן'אָפענע מרידה. אין דער מרידה אָבער האָבען די פערשווערער בעקומען אַ מפלה. דעם רעשט פון זיינע יאָהרען האָט יוחנן פערבראַכט גליקליך. ער איז געשטאָרבען, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעצייכענט רעגירט פולע דריי און דרייסיג יאָהר און האָט געלאָזען נאָך זיך פינף זיהן [2]. און גליקליך איז ער טאַקע געווען אין אַלע פרטים. זיין גאַנצער לעבענס-גאַנג גיט ניט קיין שום אויסרייד אויף צו בעקלאָגען זיך אין עפּיס אויף זיין מזל. יוחנן האָט בעקומען אַלע דריי העכסטע געטליכע מתנות: די ממשלה איבערן פאָלק (כתר-מלכות), די כהונה גדולה (כתר-כהונה) און דעם רוח-הנבואה (די פעהיגקייט צו זעהן פאָראויס, וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט). דער רוח-הקודש פלעגט אַזוי אָפט רוהען אויף איהם, אַז קיין זאַך אין דער צוקונפט איז ניט געווען בעהאַלטען פון איהם. אַזוי האָט ער פאָראויסגעזעהן און פאָראויסגעזאָגט, אַז זיינע בײדע זיהן וועלען ניט אייבהאַלטען לאַנג די ממשלה אין זייערע הענד. ס'איז כדאי צו דערצייהלען די טראַגישע געשיכטע פון די דאָזיגע זיהן, נאָך מעהר דערפאַר, וואָס זי איז פולקום דער היפוך פונ'ם גליקליכען לעבען, וואָס זייער פאָטער האָט געפיהרט.

1) אָדער גריפּיאָס (אַנטיוכוס VIII)
2) אין יאָהר 106 פאַר קריסט.

# דריטער קאַפּיטעל.

אריסתּובול רעגירט איין יאהר צייט

1. נאָך יוחנן־הורקנוס'עס טויט, אין 471 יאָהר מיט דריי חדשים אַרום זינט די אידען האָבען זיך אומגעקעהרט פון גלות־בבל, האָט אַריסתּובול, דער עלטערער פון די צוויי ברידער, אַרויפגעלייגט אויף זיך די קרוין, און דערמיט האָט ער — דער ערשטער חשמונאי — אָנגענומען דעם טיטול קעניג. אַנטיגנוס'ן, דעם צווייטען ברודער נאָך איהם, האָט דער קעניג שטאַרק ליעב געהאַט און האָט איהם געאַכט, ווי זיך אַליין; אָבער די איבעריגע ברידער האָט ער געשמידט אין קייטען און אַריינגעוואָרפען אין תּפיסה. אפילו זיין לייבליכע מוטער, וואָס האָט געהאַט תּביעות אויף דער ממשלה, מחמת לויט יוחנן'ס צוואה איז זי גאָר בעשטימט געוואָרען פאַר דער הויפּט פיהרערין פון דער מלוכה, — האָט אַריסתּובול אַריינגעזעצט אין תּפיסה און איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אין זיין אַכזריות, אַז ער האָט זי דאָרט געלאָזט שטאַרבען פון הונגער.

2. נאָר ער איז געשטראָפט געוואָרען דערפאַר דורך זיין ברודער אַנטיגנוס, וועמען ער האָט אַזוי ליב געהאַט, אַז ער האָט איהם בעשטימט אפילו פאַר אַ מיטרעגירער. ער האָט דער'הרג'עט אויך דעם דאָזיגען ליעבלינג זיינעם אַיבער אַ נידערטרעכטיגער רכילות, וואָס די שלעכטע הויפּס־לייט האָבען פערפיהרט. לכתחילה האָט אַריסתּובול ניט געטרויט קיין בייזע מיילער: צו שטאַרק האָט ער ליעב געהאַט אַנטיגנוס'ן, און אַלערליי רכילות'ן און פּאַטשטען וועגען איהם האָט ער געהאַלטען, אַז זיי שטאַמען נאָר פון קנאה. נאָר איין מאָל האָט געטראָפען, אַז אַנטיגנוס האָט זיך אומגעקעהרט מיט נצחון פון אַ מלחמה אום סוכּות. אַריסתּובול איז גראָד אין יענער צייט קראַנק געווען. צום סוף פון דעם דאָזיגען יום־טוב איז אַנטיגנוס אַוועק אין דער בעגלייטונג פון זיין לייב־גאַרדע מיט גרויס פּאַראַד צום בית־המקדש, בכדי דאָרט מיט דער גרעסטער כּוונה מתפּלל צו זיין פאַר זיין ברודער. דאָס האָבען אויסגענוצט די הויפּס־לייט די אינטריגאַנטען, וואָס זיינען געקומען צום קעניג און האָבען איהם געשילדערט אַנטיגנוס'עס פייערליכען גאַנג און שטאָלצען אויפפיהר, וואָס פּאַסען גאָר ניט פאַר איהם, וואָס ער איז אַ פּריוואַט־מענש. מיט אַזאַ שטאַרקער אָבטיילונג, האָבען זיי געזאָגט, איז ער געקומען ניט אַנדערש, ווי מי'ט'ן מיין צו טויטען דעם קעניג; פאַר איהם איז ווינציג דער כּבוד צו זיין אַ מיטרעגירער, ער רעכענט נאָך צו פערכאַפּען די גאַנצע מלוכה.

3. כּמעט קעגען זיין ווילען האָט אַריסתּובול דאָס געגלויבט. היות ווי ער האָט געוואָלט פון איין זייט ניט אַרויסווייזען זיין חשד, און פון דער אַנדער זייט — פערזיכערן זיך אויף יעדען פאַל, דעריבער האָט ער אוועקגעשטעלט זיין לייב־וואַך אין איינעם פון די פינסטערע אונטערערדישע גאַנגען פונ'ם שלאָס, — וואָס האָט פריהער געהייסען באַריס, נאָר שפּעטער איז עס אָנגערופען געוואָרען אַנטאָניאַ, — און האָט געהייסען זיי פריי דורכצולאָזען אַנטיגנוס'ן, אויב ער וועט קומען אָהן געווער, נאָר טויטען איהם אויפ'ן אָרט, טאָמער וועט ער קומען בעוואָפענט. אַנטיגנוס'ן גופא האָט ער פריהער געשיקט אָנזאָגען, אַז ער זאָל

קומען צו איהם אָהן געוועהר. אַנטיגנוס'עס דם-שונאים אינאײנעם מיט דער קעניגין האָבען אויסגענוצט די דאָזיגע געלעגענהייט און האָבען געמאַכט זייער א בידערטרעכטיגען פּלאַן, זיי האָבען איינגערעדט דעם קעניגס שלוחים, זיי זאָלען פערשווייגען דעם אמת'ן בעפעהל פון קעניג. נאָר אָנשטאָט דעם זאָלען זיי איבערגעבען אַנטיגנוס'ן, אַז זיין ברודער האָט געהערט וועגען די גרויסאַרטיגע קריגס-וואָפען, וואָס ער, אַנטיגנוס, האָט זיך געמאַכט אין גליל; צוגעשמידט צום בעט מחמת זיין קראַנק, האָט ער איהם אָבער ביז אַהער ניט געקאָנט אויפנעמען; איצט אָבער, וויבאַלד אַז אין גיכען בעדאַרף אַנטיגנוס אָבפאָהרען, וויל איהם דער קעניג גערן זעהן אין דעם דאָזיגען גלענצענדען פוץ.

4. אַז מען האָט דאָס איבערגעגעבען אַנטיגנוס'ן, האָט ער וועגען קיין בייז ניט געטראַכט און איז אַוועק צום בעשטימטען אָרט, בעוואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס, ווי אויף א פּאַראַד. נאָר ווי נאָר ער איז דערגאַנגען ביז'ן פינסטערן דורכגאַנג, וואָס ווערט אָנגערופען סטראַטאָנס טורם, האָבען איהם די לייבוועכטער דער'הרג'עט. דער דאָזיגער פאַקט קאָן דיענען פאַר א קלאָרען בעווייז דערפון, וואָס פאַר א כח עס האָט די רכילות, וואָס זי צורייסט אַלע פעדים פון גוט-ביינציגקייט און קרובה'שאַפט; קיין איין איידעלער און געהויבענער געפיהל איז ניט גענוג שטאַרק, אויף אַרויסצווייזען א ווידערשטאַנד קעגען דעם ניעדריגען געפיהל פון קנאה.

5. פערוואונדערן מוז מען זיך איבער יהודה'ן פון די אסים, וואָס זיינע נבואות זיינען אַלע מאָל מקוים געוואָרען. בשעת דער דאָזיגער יהודה האָט אין יענעם טאָג דערזעהן אַנטיגנוס'ן אַרויסגייהענדיג פון בית-המקדש, האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע תלמידים, וואָס פלעגען איהם תמיד אַרומרינגלען אין א גרויסען צאָהל, און האָט אויסגערופען: „הלואי וואָלט איך איצטער געשטאָרבען, וויבאַלד אַז דער אמת איז געשטאָרבען פאַר מיינע אויגען, און איינע פון מיינע נבואות האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר פאַלש. אַנטיגנוס לעבט, דערזעלביגער וואָס האָט היינט בעדאַרפט שטאַרבען! בעשערט איז איהם געווען צו שטאַרבען אין סטראַטאָנס-טורם; נאָר ביז'ן דאָזיגען אָרט איז א מהלך פון 600 סטאַדיעס [1], און איצט איז שוין די פערטע שעה ביי טאָג! די צייט בעווייזט, אַז די נבואה איז פאַלש!” דער זקן איז געוואָרען אַנטשוויגען און פערזונקען אין זיינע רעיונות. נאָר באַלד איז געוואָרען בעוואוסט, אַז אַנטיגנוס איז דער'הרג'עט געוואָרען ביים אונטערערדישען דורכגאַנג, וואָס טראָגט אויך דעם נאָמען סטראַטאָנס טורם, פונקט אַזוי ווי די שטאָדט קיסריה, וואָס ליגט אויפ'ן ברעג ים. אָט דאָס האָט געמאַכט מבולבל דעם נביא.

6. די חרטה איבער'ן פערברעכען, וואָס ער האָט אָבגעטאָן, האָט נאָך פערשטאַרקט אַריסטובול'ס קראַנקהייט. זיין געוויסען האָט איהם געמאַטערט אָהן אויפהער, און ער האָט אָנגעהויבען אויסצוגייהן, ווי א ליכט. צולעצט האָבען זיך ביי איהם מחמת זיין גרויסען צער איבערגעריסען די געדערים, און ער

1) א סטאַדיע איז גלייך צו 185 מעטער.

איז אָבגעלאָפען מיט בלוט. דער דיענער, וואָס האָט אַוועקגעטראָגען די בלוט, האָט, ווי איבער אַ וואונדערליכער בעשטימונג מצד דער השגחה פּרטית, אויסגעגליטשט זיך אויפ'ן זעלביגען אָרט, וואו אַנטיגנוס איז דער'הרג'עט געוואָרען, און די בלוט פונ'ם מערדער האָט זיך אויסגעגאָסען דאָרט, וואו עס האָבען זיך נאָך געזעהן די בלוט-פלעקען פונ'ם דער'הרג'עטען. די וואָס זיינען געשטאַנען דערביי, האָבען געמיינט, אַז דער דיענער האָט דאָס מיט אַ כּיוון אויסגעגאָסען דאָרט די בלוט, און האָבען אויפגעהויבען אַ שרעקליכען געשריי. אַז דער קעניג האָט דערהערט דעם טומעל, האָט ער אָנגעהויבען צו פרעגען, וואָס איז די סיבה דערפון — נאָר קיינער האָט ניט געוואָל'ט דאָס איהם דערקלערען. נאָר אַז ער האָט אָנגעהויבען אַלץ מעהר צושטייהן און סטראַשען, האָט מען איהם אויסגעזאָגט דעם גאַנצען אמת. דעמאָל'ט זיינען זיינע אויגען פול געוואָרען מיט טרערן, און זיפצענדיג, קוים צו הערען, ווי ווייט זיינע שוואַכע כּוחות האָבען איהם געלאָזען, האָט ער אויסגערעדט: „איך האָב ניט געקאָנט מיט מיינע גרויסע חטאים זיך בעהאַלטען פאַר גאָטס אויגען! גיך האָט מיך געטראָפען די שטראָף פאַר'ן ברודער-מאָרד! פערשאָלטענער גוף! ווי לאַנג נאָך וועסטו אָבהאַלטען פון דער מוטער און פונ'ם ברודער מיין פערפאַלענע נשמה? ווי לאַנג נאָך וועל איך מוזען טראָפּען אויף טראָפּען מקריב זיין זיי מיין בלוט? בעסער זאָלען זיי נעמען מיט אַמאָל. זאָל די גאָטהייט מעהר ניט שפּאָטען איבער די בלוטגיסונג, וואָס מיינע געדערים ברייגען צו די פערשטאָרבענע!“.

באַלד נאָך אָט די ווערטער איז איהם די נשמה אויסגעגאַנגען, נאָכדעם ווי ער האָט געקיניגט ניט מעהר פון אַ יאָהר צייט 1).

# פערטער קאַפּיטעל.

די מעשים פון אלכסנדר ינאי, וואס האט בעקיניגט 27 יאהר.

1. אַריסתּובל'ס אַלמנה האָט בעפרייט זיינע ברידער פון תּפיסה און האָט בעשטימט פאַר אַ קעניג אלכסנדר'ן, וואָס ,ווי עס האָט אויסגעוויזען, איז דער־ראוי געווען מעהר פון אַלעמען, הן לויט זיינע יאָהרען, הן לויט זיין גוטסקייט. נאָכדעם ווי אלכסנדר האָט דערגרייכט צו דער ממשלה, האָט ער געטויט איינעם פון זיינע ברידער, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט תּביעות אויפ'ן טרון. דעם אַנדער ברודער אָבער, וואָס האָט זיך בעגנוגענט מיט אַ רוהיגען און פריוואַטען לעבען, האָט ער בעוויזען פולע אַכטונג.

2. אלכסנדר'ן איז אויסגעקומען אַרויסצוטרעטען אין קריג קעגען תּלמי מיט צונאָמען לאַטורוס, וואָס האָט אייגענומען די שטאָדט אַזאָכּיס. הגם אלכּסנדר האָט אויך געגעבען אַ סך קלעפּ דעם שונא'ס חיל, פונדעסטוועגען איז דער נצחון געווען מעהר אויף תּלמי'ס צד. נאָר אַז דער לעצטער איז אַנטלאָפען געוואָרען קיין מצרים, פערפאָלגט פון זיין מוטער קלעאָפּאַטראַ, האָט אלכּסנדר, נאָך אַ געלונ־

1) אין יאָהר 105 פאַר קריסט.

גענער בעלעגערונג, פערחאַפּט אין זיינע הענד די שטאָדט גדרה, און אויך חמתא, די שטאַרקסטע פון אַלע פעסטונגען ביים ירדן, וואו ס'זענען געווען בעהאַלטען, צווישען אַנדערע, די אוצרות פון טעאָדאָרוס, דעם זוהן פון זענאָ. גאַנץ אונגעריכטערהייד האָט זיך בעוויזען באַלד דערויף טעאָדאָרוס, וואָס האָט אָבגענומען צוריק די גערויבטע אוצרות און נאָך פערחאַפּט דעם קעניגס געפּעק, און דערביי האָט ער אויסגעהרג'עט ביז 10,000 אידען. נאָר אַלכּסנדר איז גיך צו זיך געקומען נאָך דער דאָזיגער מפּלה, האָט זיך געווענדט אויף דער געגענד, וואָס ליגט ביים ברעג ים, און האָט איינגענומען די שטעדט רפיה, עזה און אַנטעדאָן, וואָס דער קעניג הורדוס האָט איהר שפּעטער אַ נאָמען געגעבען אַגריפּיאַס.

3. נאָר באַלד ווי די דאָזיגע שטעדט זיינען געוואָרען איינגענומען, איז אויסגעבראָכען קעגען אלכּסנדר'ן אַן'אויפשטאַנד מצד די אידען. דאָס איז געשעהן אין אַ יום-טוב'דיגען טאָג, ווי בכלל ס'קומען פאָר ביי די אידען ס'רוב מהומות יום-טוב צייט. אלכּסנדר וואָלט אַזוי גרינג ניט בייגעקומען דעם דאָזיגען אויפשטאַנד, אויב איהם וואָלטען ניט געהאָלפען די געדונגענע פרעמדע זעלנער; דאָס זענען געווען פּיסידיער און קיליקיער, (קיין סיריער האָט ער קיינמאָל ניט צוגענומען אין זיין דיענסט, מחמת זייער איינגעבאָרענער שנאה צו די אידען). נאָכדעם ווי אלכּסנדר האָט אויס'געהרג'עט העכער 6000 מאַן פון די מורדים, איז ער אַריינגעדרונגען אין אַראַביען, האָט געמאַכט אונטערטעניג צו זיך דאָס דאָזיגע לאַנד, פּונקט אַזוי ווי די איינוואוינער פון גלעד און מואָב, אויף וועלכע ער האָט אַרויפגעלייגט אַן'אָבצאָהלונג. צוריקצו-וועגס האָט ער זיך ווידער געלאָזט געהן קעגען חמתא. טעאָדאָרוס, וואָס האָט זיך געשראָקען פאַר זיין געגנער, וואס האָט געהאַט אַזוי פיל גליק אין מלחמה, האָט פערלאָזען די פעסטונג. אלכּסנדר האָט זי געפונען ניט פערטיידיגט און האָט זי חרוב געמאַכט ביז'ן גרונד.

4. נאָר באַלד האָט אלכּסנדר געהאַט אַ צוזאַמענשטויסונג מיט עבדת דעם קעניג פון אַראַביען, און אין דער דאָזיגער מלחמה האָט ער אָנגעוואָרען זיין גאַנצע אַרמיי. די אַראַבער האָבען אַריינגענאַרט די אידישע אַרמיי אין אַן איינגען בערג-שפּאַלט נעבען גולן, און דאָרט זענען זיי מיט אַמאָל אָנגעפאַלען אויף די אידען אונגעריכטערהייד און האָבען זיי צעטראָגען מיט זייערע קעמלען. אלכּסנדר גופא איז אַנטרונען געוואָרען קיין ירושלים. נאָר דער דאָזיגער שרעקליכער אומגליק האָט פון דאָס ניי אָנגעצונדען די אַלטע שנאה פון פאָלק צו איהם און האָט אַרויסגערופען אין לאַנד אַ נייעם אויפשטאַנד. אויך דאָס מאָל האָט אלכּסנדר בעקומען די אויבערהאַנד. אין אַ גאַנצער רייה שלאַכטען, וואָס זענען פאָרגעקומען כּסדר איינע נאָך דער אַנדערער, האָט ער אין אַ משך פון זעקס יאָהר פערטיליגט ניט ווייניגער פון 50,000 אידען. אָבער די דאָזיגע נצחונות, וואָס ער האָט אָבגעהאַלטען בלויז אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט פערוויסט זיין אייגען קעניגרייך, האָבען איהם פערשאַפט ווייניג נחת, און סוף-כּל-סוף האָט ער אַנידערגעלייגט די געוועהר און האָט געמיהט זיך מיט גוטע רייד צו בעוועגען זיינע אונטערטאַנען, זיי זאָלען מיט איהם שלום מאַכען. נאָר

דערפאַר, וואָס ער האָט נאָכגעגעבען און האָט זיך געשאָקעלט אין זיין דעה, האָט ער געפּועלט נאָר, אז דאָס פאָלק האָט איהם נאָך מעהר פיינט בעקומען. האָט אַלכּסנדר געוואָלט וויסען די סבּה דערפון, פאַר וואָס דאָס פאָלק האָט איהם אַזוי פיינט, און האָט געפרעגט, וואָס ער זאָל טאָן, בכדי צו געפינען חן אין די אויגען פון פאָלק. האָט מען איהם געענטפערט: „ער בעדאַרף שטאַרבען, הגם זיין טויט קאָן קוים מאַכען שלום צווישען איהם און צווישען פאָלק נאָך די פיעל רציחות, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן". אין דער זעלביגער צייט האָבען אַלכּסנדר'ס געגנער גערופען צו הילף דמיטריוס אייקערוס, וואָס האָט זיך זייהר גערן אָבגערופען אויף דער איינלאַדונג און איז געקומען צו גייהן מיט זיין חייל, מחמת ער האָט געהאָפט צו האָבען פון דער זאַך אַ גרויסען געווינס פאַר זיך. נעבען שכם האָבען די אידען זיך פעראייניגט מיט זייערע פערבינדעטע.

5. אַלכּסנדר איז געגאַנגען אַנטקעגען דעם חייל פון די פערבינדעטע. זיי האָבען געהאַט 3 000 מאַן רייטער און 40 000 פוסגייהער; קעגען דעם האָט אַלכּסנדר אַרויסגעשטעלט 1000 רייטער און 8000 מאַן געדונגענע זעלנער, חוץ דעם נאָך 10 000 אידען פון זיינע אָנהייננער. ביזן אָנהויב פון דער שלאַכט האָבען די מלכים געפּרובט דורך אויסרופער אַריבערצוציהען איינער פון דעם אַנדערן בעזונדערע אָבטיילונגען. דמיטריוס האָט זיך געפּלייסט אַריבערצוציהען אויף זיין צד אַלכּסנדר'ס געדונגענע זעלנער. אַלכּסנדר ווידער האָט זיך געמיהט צוצוציהען צו זיך די אידען, וואָס האָבען זיך געשטעלט אונטער דמיטריוס'עס פאָהנען. אָבער היות ווי די אידען זיינען בעשטאַנען אויף זייער כעס און די גריכען — אויף זייער געטריישאַפט, דעריבער האָט מען געמוזט איבערלאָזען, אז די זאַך זאָל בעשלאָסען ווערען דורך די געוועהר. הגם אַלכּסנדר'ס געדונגענע זעלנער האָבען אַרויסגעוויזען אין דער שלאַכט ניט ווינציג העלדען-מוט, פונדעסטוועגען איז דער נצחון פאָרט געבליבען ביי דמיטריוס'ן. אָבער דער ענדגילטיגער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער שלאַכט איז געוועזן אונגעריכט פאַר ביידע צדדים. וואָרום פון איין זייט זיינען די אידען, וואָס האָבען געהאַט אַרויסגערופען דימיטריוס'ן, ניט געבליבען איהם געטריי, הגם ער האָט מנצח געווען. פון אַנדער זייט האָבען 6 000 אידען רחמנות געקראָגען אויף אַלכּסנדר'ן, וואָס איז אַנטלאָפען געוואָרען אין די בערג, און זענען אַריבער אויף זיין צד. אַזאַ מין איבערבייט פונ'ם מצב האָט דימיטריוס ניט געקאָנט אַריבערטראָגען און ער איז אונגעזאַמט אַוועק אין זיין לאַנד, מחמת ער האָט געמיינט, אַז איצטער וועט דאָס גאַנצע פאָלק ווידער אַריבערגייהן אויף אַלכּסנדר'ס צד, און דער לעצטער וועט ווידער ווערען פעהיג זיך אַנטקעגענצושטעלען.

6. אָבער אויך נאָכדעם ווי די פערבינדעטע זענען אַוועק, האָבען די איבריגע אידען ניט אָבגעשטעלט זייערע פיינדליכע מעשים קעגען אַלכּסנדר'ן און האָבען ווייטער געפיהרט דעם קאַמף קעגען איהם אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דער גרעסטער רוב פון זיי איז אומגעקומען. דער איבערגעבליבענער טייל האָט זיך איינגעשלאָסען אין דער שטאָדט בעמעסעליס, נאָר די דאָזיגע שטאָדט איז צעשטערט געוואָרען, און די מורדים האָט מען גענומען געפאַנגען און אָבגע-

פיהרט קיין ירושלים. אלכסנדר'ס גרימצאָרן האָט איצט קיין גרעניצען ניט געהאַט, און אין זיין אכזריות איז ער דערגאַנגען צו אַ מורא'דיגער רשעות. אכט הונדערט געפאַנגענע האָט ער געלאָזט אויפהיינגען אויף קרייצען אין מיטען שטאָדט, און זייערע פרויען און קינדער האָט מען דאָרט פאַר זייערע אויגען צעהאַקט אויף שטיקלעך. אלכסנדר גופא האָט געקוקט אויף דער דאָזיגער בלוטיגער שחיטה, הוליענדיג און שכור'נדיג אויף אַ מאָלצייט אינאיינעם מיט זיינע קעפסהייבער. מחמת דעם האָט דאָס פאָלק אָנגענומען אַזאַ אימה, אַז אין דערזעלביגער נאַכט האָבען 8 000 בירגער פון אלכסנדר'ס געגנער אַריבערגעחאַפּט זיך איבער דער גרעניץ פון לאַנד יהודה, און ערשט אַז אלכסנדר איז געשטאָרבען, האָבען זיי זיך דערוועגט אומצוקעהרען זיך צוריק אַהיים. נאָכדעם ווי אַלכסנדר האָט, סוף-כל-סוף, דורך אַזעלכע מיטלען פערשאַפט זיין מלוכה אַ שפעטיגע און מיט מיה געוואונענע רוה, האָט ער אַנידערגעלייגט די געוועהר.

7. ניט אונרוהען האָט איהם פערשאַפט אַנטיוכוס מיט'ן צונאָמען דיאָניזוס, דמיטריוס'עס ברודער, דער לעצטער פון די סעלייקידען. בשעת אַנטיוכוס דיאָניזוס איז אַרויסגעגאַנגען מלחמה האַלטען קעגען די אַראַבער, האָט אַלכסנדר בעפוילען אויסצוגראָבען אַ טיפען גראָבען אויפ'ן גאַנצען מהלך פונ'ם פוס פון באַרג ביי אַנטיפּאַטריס ביז דעם ברעג פון יפו, און אויסבויען אַ הויכע מויער מיט הילצערנע טורעמס פון אויבען, בכדי צו פערצאַמען דורך די דאָזיגע בנינים די גרינג-צוטריטליכע ערטער. פונדעסטוועגען האָט ער ניט געקאָנט אָבשטעלען אַנטיוכוס'ען. דער לעצטער האָט פערברענט די טורמעס, פערשאָטען דעם גראָבען, איז אַריבער מיט זיין חייל איבער דער בעפעסטיגטער ליניע און ווייטער אַוועק אין זיין וועג קעגען די אַראַבער. זיין נקמה פון אַלכסנדר'ן, וואָס האָט געוואָלט איהם אָבהאַלטען, האָט ער אָבגעלעגט אויף שפעטער. דער אַראַבישער קעניג האָט דערווייל אָבגעטראָטען אין אַ גינסטיגערען אָרט אויף פיהרען קריג, האָט גיך אומגעקעהרט זיין חייל, וואָס איז בעשטאַנען פון 10,000 טויזענד מאַן רייטער, און איז בעפאַלען אַנטיוכוס'ן אונגעריכטערהייד, איידער יענעמס זעלנער האָבען בעוויזען נאָך אויסצושטעלען זיך אין שלאַכט-אָרדנונג. עס איז פאָרגעקומען אַ הייסע שלאַכט. כל זמן אַנטיוכוס גופא האָט געלעבט, האָבען זיינע זעלנער זיך געהאַלטען מוטיג, הגם די אַראַבער האָבען געמאַכט אויף זיי שטאַרקע אָנפאַלען, אָבער אַז ער איז געפאַלען (בכדי צו געבען הילף זיינע בעדרענגטע זעלנער, פלעגט ער תמיד זיך אַיינשטעלען אין די גרעסטע סכנות), האָבען אַלע זיך געלאָזט לויפען וואו די אויגען טראָגען. דער גרעסטער רוב פון זיי איז אויסגעהרג'עט געוואָרען אָדער אין שלאַכט גופא אָדער אונטערוועגס ביים אַנטלויפען. דער רעשט פונ'ם חיל, וואָס איז אַנטרונען געוואָרען אינ'ם דאָרף קאַנאַ, איז, חוץ איינצעלנע מענשען, אומגעקומען פון הונגער.

8. די איינוואוינער פון דמשק האָבען, מחמת שנאה צו תלמי דעם זוהן פון מענעאוס, גערופען צו זיך חרתת'ן 1) און האָבען איהם בעשטימט פאַר'ן

1) דעם קעניג פון די אַראַבער.

קעניג פון קעלעסיריען. חרתת איז אַרויס מלחמה האַלטען קעגען מלכות־יהודה און האָט געשלאָגען אלכסנדר'ן אין איין שלאַכט, נאָר באַלד האָט אַלכסנדר מיט איהם שלום געמאַכט, און חרתת איז אָבגעטראָטען. אַלכסנדר האָט דערנאָך איינגענומען די שטאָדט פעלאַ. און היות ווי ער האָט געגאַרט צו בעקומען טעאָדאָרוס'עס אוצרות, איז ער אַוועק קיין געראַסאַ, האָט זי אַרומגערינגעלט מיט אַ דרייפאַכיגען וואַל און האָט איינגענומען די שטאָדט אין אַ שטורם. דערנאָך האָט ער פעראוויסט גולן, סעלעוקיאַ און דעם אַזוי אָנגערופענעם אַנטיוכוס'עס טאָל. ווייטער האָט ער אַיינגענומען די שטאַרקע פעסטונג גמלא (גאַמאַלאַ), אַראָבגעזעצט דעם אָרטיגען קאָמענדאַנט דמיטריוס'ן, מחמת די בעפעלקערונג האָט זיך שטאַרק בעקלאָגט אויף איהם, און נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט די דאָזיגע מלחמה, האָט ער זיך אומגעקעהרט אין לאַנד יהודה, וואו דאָס פאָלק האָט איהם בעגייסטערט אויפגענומען פאַר זיינע גבורות אין דער מלחמה. נאָר אַז ער האָט געוואָלט אויסרוהען זיך פון די מלחמות, איז אָנגעפאַלען אויף איהם אַ קראַנקהייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין קדחת, וועלכער פלעגט זיך אומקעהרען אַלע פיר טעג. היות ווי ער האָט געמיינט, אַז בשעת אַ קאָכעדיגער מיליטערישער טעטיגקייט וועט ער פטור ווערען פון זיין קראַנקהייט, דעריבער האָט ער צו פריה געלאָזט זיך גייהן אין מלחמה. נאָר אַזוי ווי ער האָט צופיל אָנגעשטריינגט זיינע כחות, האָט ער אין דער גייער אונטערנעהמונג געפונען דעם טויט. ער איז געשטאָרבען אין סאַמע ברען פון דער מלחמה, נאָכדעם ווי ער האָט געקיניגט 27 יאָהר [2].

# פינפטער קאַפיטעל.

אלכסנדרה און די פרושים.

1. אלכסנדר האָט איבערגעלאָזען די רעגירונג ביי זיין פרוי אַלכסנדרה, מחמת ער איז געוועזען איבערצייגט, אַז איהר וועט דאָס פאָלק גערן פאָלגען, ווייל זי האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין די אכזריות'דיגע שחיטות פון איהר מאַן, נאָך אדרבה, זי האָט תמיד געווירקט קעגען זיינע אונגעזעצלישע מעשים, און דערמיט האָט זי געוואונען צוטרוי מצד די אידען. זיין האָפענונג האָט איהם טאַקע ניט אָבגענאַרט. די דאָזיגע פרוי האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ צדיקית, און דעריבער איז די ממשלה געוועזען פעסט ביי איהר אין די הענד. זי האָט שטרייגג אָבגעהיט די אַלטע פאָלקס־מנהגים און האָט אַראָבגעזעצט פון זייערע פאָסטענס אַלע די, וואָס זיינען עובר אויף די הייליגע געזעצען. פון די צוויי זיהן, וואָס זי האָט געהאַט מיט אלכסנדר'ן, האָט זי בעשטימט פאַר אַ כהן־גדול הורקנוס'ן, ווייל ער איז געוועזען דער עלטסטער און דערצו איז ער געוועזען צו אָבגעלאָזען, אַז זיין אָנטייל־נעהמען אין דער פערוואַלטונג זאָל קאָנען ווערען געפעהרליך פאַר איהר.

1) אין יאָהר 79 פאַר קריסט.

דעם אינגערן זוהן אָבער, אַריסתּובול'ן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט דורך זיין היציגען כאַראַקטער, האָט זי געצוואונגען צו דערווייטערן זיך אין פּריוואַט-לעבען.

2. דעם נאָהענטסטען אָנטייל אין דער פערוואַלטונג האָבען גענומען אין איהרע צייטען די פרושים, — דאָס איז געווען אַ אידישע פּאַרטיי, וואָס פאַר איהרע אָנהייגער רעכענען זיך די פרימסטע לייט און די גרעסטע בר-סמכא'ס אין אויסטייטשען די געזעצען. די גאָטספאָרכטיגע אַלכּסנדרה איז געווען זיי שטאַרק איבערגעגעבען. זיי אָבער האָבען אויסגענוצט אַלכּסנדרה'ס פשוט'ען כאַראַקטער און האָבען ביסלעכווייז בעקומען ביי איהר אַזאַ דעה, אַז זיי זיינען געוואָרען די פּאַקטישע רעגירער. ווען זיי האָבען געוואָלט, האָבען זיי פערטריבען אָדער בעגנאַדיגט, בעפרייט אָדער אַריינגעוואָרפען אין תּפיסה. מיט איין וואָרט, זיי האָבען גענאָסען אַלדאָס גוטס פון דער רעגירונג. אַלכּסנדרה אָבער האָט מעהר ניט געטראָגען, ווי דאגות און הוצאות. איבעריגענס, איז זי טאַקע געווען מסוגל צו פיהרען אַ גרויסע מלוכה. איהר גרעסטע אויפמערקזאַמקייט האָט זי געלייגט אויף צו פערמעהרען איהר חייל, אַזוי אַז זי האָט איהם פערגרעסערט אין צווייען. זי האָט אויך געדונגען ניט ווייניג פרעמדע זעלנער. זי האָט אַזוי פערשטאַרקט די מיליטערישע קראַפט פון פאָלק, אַז פאַר איהר האָבען זיך געשראָקען די שכנישע פירשטען. אַזוי האָט זי געהערשט איבער איהרע אונטערטאַנען, און איבער איהר גופא האָבען געהערשט די פרושים.

3. די פרושים זיינען געווען שולדיג אין'ם טויט פון איינעם אַ חשוב'ען בירגער דיאָגענעס, אַלכּסנדר'ס אַ גוטען פריינד. זיי האָבען איהם בעשולדיגט דערין, אַז ער האָט דאָס צוגערעדט אַלכּסנדר'ן, יענער זאָל לאָזען קרייציגען די אַכט הונדערט מורדים. זיי האָבען אויך געפועלט ביי אַלכּסנדרה'ן צו טויטען אויך אַנדערע מענשען, וואָס האָבען צוגערעדט אַלכּסנדר'ן, אַז ער זאָל דאָס טאָן. מחמת רעליגיעזען שרעק פלעגט אַלכּסנדרה נאָכגעבען, און די פרושים האָבען אָבגעראַמט פון וועג אַלעמען, ווען זיי האָבען נאָר געוואָלט. די חשוב'סטע פון די, וואָס זיינען געשטאַנען אין אַזוי סכנה, האָבען זיך געווענדעט צו אַריסתּובול'ן מיט דער בקשה, ער זאָל זיך איינשטעלען פאַר זיי, און יענער האָט געפועל'ט ביי זיין מוטער, זי זאָל די דאָזיגע לייט פערשוינען, אויס אַכטונג צו זייער הייכען מעמד, און אויב מען זאָל זיי שוין יאָ אָנערקענען פאַר שולדיג, טאָ זאָל זי די שטראָף פערגרינגערן און מעהר ניט פערטרייבען זיי פון דער הויפּטשטאָדט. מען האָט זיי בעפרייט פון טויטשטראָף, און זיי האָבען זיך צעשפּרייט איבער'ן לאַנד.

אין דערזעלביגער צייט האָט אַלכּסנדרה געשיקט אַ חייל קיין דמשק (מיט'ן אויסרייד, אַז תּלמי אונטערדריקט די דאָזיגע שטאָדט) און האָט זי איינגענומען אָהן בעזונדערע אָנשטריינגונגען. דעם אַרמענישען קעניג טיגראַנעס'ן, וואָס האָט בעלעגערט קלעאָפּאַטרע'ן אין פּטאָלאָמאַאידע (עכו), האָט זי געפלייסט זיך צוצורייידען, ער זאָל אָבטרעטען, מיט דער הילף פון פרידענס-פערהאַנדלונגען און מתּנות. נאָר טיגראַנעס איז גענויטיגט געוואָרען אַליין אָבצוטרעטען, מחמת ער

איז געוואָרען אויפגערודערט דורך די אונרוהען, וואָס זיינען אַרויסגעקומען אין זיין אייגענעם לאַנד, וואָרום לוקולוס איז [1] אַריינגעדרונגען אין אַרמעניען.

4. אין יענער צייט איז אַלכסנדרה קראַנק געוואָרען. איהר איינגסטער זוהן אַריסטובול האָט באַלד אויסגענוצט די געלעגענהייט, וואָס האָט זיך איהם גע־וויזען. מיט דער הילף פון אַ סך הייסע אָנהייגגער, וואָס זיינען געווען די פערכשופ'ט דורך זיין יוגענדליכער התלהבות, האָט ער איינגענומען אַלע פעס־טונגען. פאַר די געלד וואָס ער האָט דאָרט געפונען, האָט ער צונויפגעקליבען אַ געדונגענעם חייל און האָט זיך ערקלערט פאַר אַ קעניג. אויס רחמנות צו הורקנוס'ן, וואָס האָט זיך שטאַרק בעקלאָגט דערויף, האָט אַלכסנדרה געהייסען איינשפאַרען אַריסטובול'ס ווייב און קינדער אין דער פעסטונג אַנטאָניאַ. דיָאס איז געווען אַ פעסטונג, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט'ן בית־המקדש פון צפון־זייט און וואָס האָט פריהער געהייסען, ווי עס איז שוין געזאָגט אויבען, באַריס. נאָר שפעטער, אין אַנטאָניוס'עס צייטען, האָט זי בעקומען זיין נאָמען. (פונקט אַזוי ווי סעבאַסטע און אַגריפּיאַס אַנדערע שטעדט האָבען בעקומען אַנ־שטאָט זייערע פריהערדיגע נעמען די נעמען פון סעבאַסטוס'ן [2] און אַגריפּס'ן). נאָר איידער אַלכסנדרה האָט נאָך בעוויזען צו בעשטראָפען אַריסטובול'ן פאַר'ן אָב־נעמען דעם טרוין ביים ברודער, איז זי געשטאָרבען, נאָכדעם ווי זי האָט געקיניגט ניין יאָהר. [3]

# זעקסטער קאַפּיטעל.

די מחלוקת צווישען אַריסטובול און הורקנוס וועגען דער קרוין. — פּומפּיוס מישט זיך אריין.

1. הגם דער געזעצליכער קרוין־יורש איז געווען הורקנוס, וואָס איהם האָט די מוטער פאַר'ן טויט איבערגעגעבען די ממשלה, נאָר אַריסטובול איז געשטאַנען העכער פון איהם סיי אין גבורה סיי אין שכל. דעריבער האָט שוין ביי דער ערשטער צוזאַמענשטויסונג צווישען די ברידער ביי ירחו דער גרעסטער רוב פוג'ם וויל פערלאָזען הורקנוס'ן און איז אַריבער אויף אַריסטו־בול'ס צד. הורקנוס מיט די ווינציג מענשען, וואָס זיינען איהם געבליבען טריי, זיינען אַנטלאָפען געוואָרען און זיינען געקומען אין אַנטאָניאַ, וואו הורקנוס האָט פערכאַפּט אַריסטובול'ס ווייב און קינדער, וועלכע האָבען בעדאַרפט דיענען פאַר אַן'ערבות, אַז אַריסטובול וועט איהם לאָזען לעבען. און אין דער אמת'ען, איידער עס איז דערגאַנגען צו אַ ענדגילטיגער שפּאַלטונג, האָבען ביידע ברידער געמאַכט שלום צווישען זיך. אַריסטובול איז, לויט דעם דאָזיגען שלום, געבליבען קעניג, און הורקנוס'ן, וואָס ביי איהם האָט מען די קרוין אָב־גענומען, האָט מען צוגעזאָגט אָבצוגעבען כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר'ן קעניגס אַ

1) אַ רוימישער קריגסהויפּטמאַן.

2) אַזוי הערט אויגוסטוס גערופען אין גריכיש.

3) אין יאָהר 70 פאַר קריסט.

ברודער. אויף די דאָזיגע תּנאים האָבען די ברידער געמאַכט שלום צווישען זיך אין בית-המקדש, האָבען זיך אַרומגענומען פריינדליך פאַר די אויגען פונ'ם גאַנצען פאָלק, וואָס האָט זיי אַרומגערינגעלט, און האָבען זיך געביטען מיט זייערע דירות: אַריסטובול איז אַוועק אין קעניגליכען פאַלאַץ, און הורקנוס — אין אַריסטובול'ס שטוב.

2. די געגנער פון אַריסטובול'ן, וואָס איז אַזוי אונגעריכטערהייד געוואָרען קעניג, זיינען געוואָרען שטאַרק אונרוהיג. מעהר פון אַלעמען האָט געהאַט אַ יסוד מורא צו האָבען אַנטיפּטר, וואָס איהם האָט אַריסטובול שוין לאַנג פיינד געהאַט פון טיעפען האַרצען. אַנטיפּטר איז אַליין געווען אַ געבאָרענער אדומי 1), און אַ דאַנק זיין יחוסאבות, זיין רייכקייט און מאַכט, איז ער געוואָרען דער ראש וראשון צווישען זיין פאָלק. אָט דער אַנטיפּטר האָט, פון איין זייט, צוגערעדט הורקנוס'ן, ער זאָל אַנטלויפען צום אַראַבּישען קעניג חרתת, בכדי מיט זיין הילף ווידער צו פערכאַפּען די קעניגליכע ממשלה, און פון דער אַנדער זייט — האָט ער גע'פּועל'ט ביי חרתת'ן, ער זאָל צונעמען ביי זיך הורקנוס'ן און העלפען איהם צו קומען צוריק צו דער ממשלה. דערביי האָט ער פאַר'ן אַראַבּישען קעניג אָנגערעדט אויף אַריסטובול'ן פונקט אַזוי פיעל בייז, וויפיעל גוטס ער האָט אָנגערעדט אויף הורקנוס'ן, און אויף אַזאַ אופן האָט ער איהם געוואָלט צוריידען, ער זאָל הורקנוס'ן צונעמען פאַר אַ גאַסט. צוגלייך האָט ער איהם געגעבען צו פערשטייהן, ווי אַזוי עס פּאַסט פאַר אַ מושל פון אַזאַ מעכטיגער מלוכה צו פערשפּרייטען זיין שיצענדען פליגעל איבער די אונטערדריקטע, און אין דעם פאַל איז דער אונטערדריקטער — הורקנוס, ביי וועמען מען האָט אָבגערויבט די קרוין, וואָס געהערט צו איהם על-פּי דין, מחמת ער איז דער עלטסטער. נאָכדעם ווי אַנטיפּטר האָט אויף אַזאַ אופן מכין געווען ביידע צדדים, איז ער ביי נאַכט אינאיינעם מיט הורקנוס'ן שטילערהייד אַרויס פון ירושלים און אינאיינעם מיט איהם איז ער בשלום אָנגעקומען אין פּעטראַ, די הויפּטשטאָדט פון אַראַביען (סלע ערב). דאָ האָט ער הורקנוס'ן איבערגעגעבען אין חרתת'עס הענד. דורך חניפה-רייד און טייערע מתּנות האָט אַנטיפּטר אויסגעבעטען ביי חרתת'ן, ער זאָל איהם איבערלאָזען אין זיין רשות אַ חייל, וואָס האָט בעדאַרפט אומקערען הורקנוס'ן די קרוין וואָס מען האָט ביי איהם אָבגענומען. דער דאָזיגער חייל איז בעשטאַנען פון 50 000 רייטער און פוסגייהער. אַנטקעגענשטעלען זיך קעגען אַזאַ קראַפט איז אַריסטובול ניט געווען בכּוח: באַלד אין ערשטען געשלעג איז ער געוואָרען בעזיגט, זיינע אָנהייגער האָבען איהם פערלאָזען, און ער איז איילינג אָבגעטראָטען קיין ירושלים. דאָ וואָלט ער געוויס אַריינגעפאַלען אין די הענד פונ'ם שונא, וואָס האָט איהם בעלעגערט, אויב דער רוימישער הויפּטמאַן סקאַוורוס, וואָס האָט געוואָלט אויסנוצען דעם דאָזיגען בירגער-קריג, וואָלט ניט

1) די אדומים זיינען געווען אַנ'אַראַבּישער שבט, וואָס לויט זיין גזע איז ער געווען נאָהענט צו די אידען. געוואוינט האָבען די אדומים אין דרום-זייט פון מלכות-יהודה. יוחנן הורקנוס דער חשמונאי האָט מנצח געווען די אדומים אין אַ מלחמה און האָט זיי געצוואונגען זיך מגייר צו זיין.

געצוואונגען אַראָבצונעמען די בעלעגערונג. סקאַווראָס'ן האָט פּומפּיוס דער גרויסער, וואָס האָט געפיהרט מלחמה קעגען טיגראַנעס'ן, געשיקט פון אַרמעניען קיין סיריען (סוריה). אַז ער איז אָנגעקומען קיין דמשק, וואָס מעטעלוס און לאָליוס האָבען זי מיט אַ קורצע צייט צוריק געהאַט איינגענומען, און ער האָט זיי אָבגעשיקט אין אַנדערע ערטער, — האָט ער זיך דערוואוסט וועגען דעם מצב אין לאַנד יהודה און איז אַיילינג אַוועק אַהין, מחמת דאָס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, ווי אַ גליקליכע מציאה.

3. ווי נאָר ער איז אַריינגעטראָטען אין לאַנד, זיינען געקומען צו איהם שלוחים פון ביידע ברידער, וואָס איטליכער פון זיי האָט געבעטען ביי איהם הילף. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַריסטאָבול'ס 300 טאַלענטען האָבען געהאַט מעהר וואָג, איידער אַלע רעכט. פאַר דעם דאָזיגען געצאָהלט האָט סקאַווראָס געשיקט אַ שליח צו הורקנוס'ן און צו די אַראַבער מיט'ן בעפעהל אין נאָמען פון די רוימער און פּומפּיוס'ן אַראָבצונעמען די בעלאַגערונג. דער איבערגעשראָקענער חרתת איז אַרויס פון לאַנד יהודה קיין פילאַדעלפיא (רבת-עמון), און סקאַווראָס האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין דמשק. נאָר אַריסטאָבול האָט זיך ניט בעגענוגענט דערמיט אַליין, וואָס ער איז אויסגעלייזט געוואָרען פון דער סכנה אַריינצופאַלען אין געפאַנגענשאַפט. ער האָט געלאָזט זיך נאָכיאָגען נאָכ'ן שונא און האָט איהם אָנגעיאָגט ביי דעם אָרט, וואָס ווערט אָנגערופען פּאַפּירון; דאָרט האָט ער איהם געגעבען אַ שלאַכט, אין וועלכער ער האָט אויסגע'הרג'עט העכער 6 000 מאַן, צווישען זיי אויך אַנטיפּטער'ס ברודער פאַליון.

4. נאָכדעם ווי הורקנוס און אַנטיפּטער האָבען אָנגעוואָהרען די הילף פון די אַראַבער, האָבען זיי אַרויפגעוואָרפען זייער גאַנצע האָפענונג אויף זייערע געגנער. היות ווי פּומפּיוס האָט זיך, קומענדיג אין סיריען, אָבגעשטעלט אין דמשק, דעריבער זיינען זיי תיכף אַוועק אַהין. אָהן מתנות, זיך סומך זייענדיג בלויז אויף די טענות און תביעות, וואָס זיי האָבען שוין אַרויסגעשטעלט פאַר הרתת'ן, האָבען זיי געבעטען ביי איהם, ער זאָל מאַכען אַ סוף צו אַריסטאָבול'ס געוואַלדטעט'יגע מעשים און זאָל אַרויפזעצען אויפ'ן טרוין דעם יעניגען, וועך עס האָט דאָס פּערדיענט, הן לויט זיין עלטער, הן לויט זיינע זיטליכע מעלות. אָבער אויך אַריסטאָבול איז ניט געזעסען צונויפגעלייגט די הענד. פערלאָזענדיג זיך אויפ'ן אונטערגעקויפטען סקאַווראָס'ן, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פאַר פּומפּיוס'ן אין פולען קעניגליכען גלאַנץ און פראַכט. נאָר היות ווי ער האָט גערעכענט, אַז עס איז אַ'נטער זיין ווערדע צו שפּיעלען אַ ראָל פון אַ נכנע, און היות ווי אפילו צוליעב זיין אייגענער טובה וועגען האָט ער ניט געוואָלט אַראָבלאָזען זיך אויף איין מדרגה נידעריגער, ווי דאָס האָט איהם דערלאָזט זיין הויכער מצב, דעריבער האָט ער בעגלייט פּומפּיוס'ן מעהר ניט ווי ביז דער שטאָדט דיאָן, און דערנאָך איז ער אַוועק צוריק.

5. פּומפּיוס איז אין כעס געוואָרען איבער אַריסטאָבול'ס אויפפיהר, און היות ווי הורקנוס מיט זיינע אָנהייגער האָבען ניט אויפגעהערט צו בעטען ביי איהם הילף, דעריבער איז ער אַרויסגעטראָטען קעגען אַריסטאָבול'ן מיט די רוימי-

שע לעגיאָנען און מיט אַ סך הילפס-מיליטער פון סיריען. ער איז שוין פערבייגעגאַנגען פעלאַ און סקיטאָפּאָליס (בית-שאָן) און איז שוין אָנגעקומען ביי דער שטאָדט קאָרעאַ, וואָס איז אַ גרעניץ-שטאָדט פון לאַנד יהודה, — פלוצלונג האָט ער בעקומען די ידיעה, אַז אַריסטובול איז אַנטלאָפען געוואָרען קיין אַלכסנדריון— דאָס איז אַ רייכע און שטאַרקע פעסטונג, וואָס איז אויסגעבויט אויפ'ן שפּיץ פון אַ הויכען באַרג. דעמאָלט האָט ער געשיקט צו איהם אַ בעפעהל, ער זאָל אונגעזאַמט קומען צו איהם. אָבער אַריסטובול, וואָס איז געווען שטאַרק בעליידיגט איבער פּומפּיוס'עס שטריינגען, בעפעהלערישען, טאָן, איז שוין געווען גרייט בעסער אַיינצושטעלען זיך אין דער גרעסטער סכנה, איידער צו פאָלגען. נאָר אַז ער האָט בעמערקט, ווי געפאַלען עס איז דער מוט ביי זיינע מענשען, האָט ער געפאָלגט דער עצה פון זיינע גוטע פריינד, וואָס האָבען איהם קלאָר בעוויזען, ווי שווער עס איז זיך אַנטקעגענצושטעלען קעגען רוימישען חיל, און איז אַראָב צו פּומפּיוס'ן. ער האָט פאַר איהם אויסגעלייגט אַלע זיינע טענות און אויפגעוויזען זיינע רעכט אויפ'ן קעניגליכען טרוין, און דערנאָך האָט ער זיך צוריק אומגעקעהרט אין שלאָס. נאָך אַמאָל איז ער אַראָב פון באַרג אויף זיין ברודער'ס איינלאַדונג, האָט געשטריטען מיט איהם וועגען זיינע רעכט, און האָט זיך ווידער אומגעקעהרט צו זיך אַהיים, — און פּומפּיוס האָט איהם אַלץ ניט געשטערט. אַזוי האָט ער עטליכע מאָל, שוועבענדיג צווישען שרעק און האָפענונג, אַראָבגעשטייגט פון באַרג, בכדי דורך זיינע בקשות צו פּועל'ן ביי פּומפּיוס'ן, ער זאָל זיך שטעלען אויף זיין צד, — און איטליכס מאָל פלעגט ער גייהן צוריק אַרויף, בכדי ניט אויסצווייזען זיך פאַר אַ שרעקענדיגען מענשען, וואָס איז שוין לכתחילה גרייט זיך אונטערצוגעבען. צולעצט האָט פּומפּיוס געפאָדערט ביי איהם, ער זאָל איבערגעבען די פעסטונגען, און האָט איהם געצוואונגען, ער זאָל מיט זיין אייגענער האַנד אָנשרייבען וועגען דעם די קאָמענדאַנטען, מחמת די לעצטע האָבען אַ אינסטרוקציע צו פאָלגען בלויז זיינע אייגענע שריפטליכע בעפעהלען. קעגען זיין ווילען האָט ער דאָס געטאָן, וואָס פּומפּיוס האָט ביי איהם געפאָדערט, נאָר באַלד דערויף איז ער אין גרימצאָרן אָבגעטראָטען קיין ירושלים און האָט אָנגעהויבען גרייטען זיך צו אַ מלחמה קעגען פּומפּיוס'ן.

6. פּומפּיוס האָט זיך באַלד געלאָזט גייהן נאָך איהם און האָט איהם ניט געלאָזט קיין צייט אויף די קריגס-הכנות. אין יריחו האָט ער בעקומען די בשורה, אַז דער קעניג מיטרידאַטעס (מתרדת), מיט וועלכען ער האָט מלחמה געפיהרט, איז געשטאָרבען, און דאָס האָט איהם צוגעגעבען נאָך מעהר ענערגיע צום קאַמף.

די ערד פון יריחו איז די פרוכטבאַרסטע אינ'ם גאַנצען לאַנד יהודה, און דאָרט וואַקסען אָהן אַ שיעור פאַלמען-בוימער און באַלזאַם-קוסטעס. די אונטערשטע טיילען פון די שטאַמען פון די דאָזיגע קוסטעס שנייהט מען איין מיט שאַרפע שטיינער, און די טראָפּענס, וואָס טריפען אַראָב ווי טרערען פון די דאָזיגע איינשניטען, קלייבט מען צונויף ווי באַלזאַם.

אין דער דאָזיגער געגענד האָט פּומפּיוס זיך אויסגערוהט אַ נאַכט, און אויפ'ן אַנדערן טאָג, גאָר פריה, האָט ער זיך געלאָזט גייהן מיט אַ גיכען

מארש קיין ירושלים. אריסתובול האט זיך דערשראָקען. בשעת פומפיוס איז אָנ־געקומען, איז ער ארויס איהם אנטקעגען און האט געבעטען איהם, ער זאָל רחמנות האָבען אויף איהם. ער האט איהם צוגעזאָגט געבען געלד, פרייוויליג איבערגעבען די פעסטונגען און איבערגעבען זיך אליין אין זיין רשות, — און דערמיט האט ער איינגעשטילט פומפיוס'ס כעס. נאָר קיין איינע פון די דאָזיגע הבטחות איז ניט אויסגעפילט געוואָרען: גאביניוס'ן, וואָס פומפיוס האט איהם געשיקט, ער זאָל בעקומען די געלד, האָבען אריסתובול'ס אָנהיינגער אפילו אין שטאָדט ניט אריינגעלאָזען.

# זיבעטער קאפיטעל.

פומפיוס נעמט איין ירושלים, בייהט אריין אין דעם בית־המקדש און זעהט דעם קדשי־קדשים. — זיינע ווייטערדיגע מעשים אין מלכות־יהודה.

1. פומפיוס איז געוואָרען שטארק אין כעס און האט געהייסען אריינזעצען אריסתובול'ן אין תפיסה. דערנאָך איז ער צוגעטראָטען נעהענטער צום שטאָדט און האט אָנגעהויבען אויסצוקוקען א בעקוועמען אָרט אויף אָנצופאלען. ער האט איינ־געפונען, אז די שטאָדטישע מויערן זיינען אליין פאר זיך אזוי שטארק, אז נעמען זיי אין שטורם וועט זיין זייהר שווער; אז די דאָזיגע מויערן זיינען ארומגע־רינגעלט נאָך מיט א שרעקליכען גראָבען, און אז דער פלאץ פונ'ם בית־המקדש־וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט גראָבען, האט אזעלכע שטארקע בעפעסטיגונ־גען, וואָס אפילו נאָכ'ן איינבעמען די שטאָדט וואָלטען זיי געקאָנט דיענען אלס א בעהעלטעניש פאר די בעלעגערטע.

2. פומפיוס האט דאָס ארומגעקלערט און א לאנגע צייט האט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. דערוויילי איז צווישען די איינוואוינער פון שטאָדט אויסגעבראָכען א מחלוקת: אריסתובול'ס צד האט געפאָדערט, מען זאָל זיך אנט־קעגענשטעלען מיט געוועהר אין די הענד און בעפרייען דעם קעניג; פערקעהרט, הורקנוס'עס אָנהיינגער זיינען געווען נוטה צו עפענען די טויערן פאר פומפיוס'ן. די מורא פאר'ן גוט אָרגאניזירטען רוימישען חייל, וואָס מען האט איהם געקאָנט זעהן פון שטאָדט אויס, האט אלץ מעהר פערגרעסערט די צאָהל פון די אָנ־היינגער פון דער לעצטער מיינונג. אז אריסתובול'ס אָנהיינגער האָבען, סוף־כל־סוף, דערזעהן, אז זיי זיינען געבליבען א מיעוט, זיינען זיי אָבגעטראָטען צום בית־המקדש, האָבען צעשטערט דעם בריק, וואָס פערבינדט דעם לעצטען מיט דער שטאָדט, און האָבען אָנגעהויבען זיך צו גרייטען צו א פערצווייפעלטען ווידער־שטאנד. די איבעריגע ירושלמים אָבער האָבען אריינגעלאָזען די רוימער אין שטאָדט און האָבען איבערגעגעבען אין זייער רשות דעם קעניגליכען פאלאץ. דעמאָלט האט פומפיוס געשיקט אהין א חייל אונטער דער אָנפיהרונג פון פיזא. דער לעצטער האט איינגענומען די גאנצע שטאָדט, און היות ווי איהם האט זיך ניט איינגעגעבען אריבערצוציהען אויף זיין צד קיין איינעם ניט פון די,

וואָס האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אין בית-המקדש, דעריבער האָט ער אָנגעהויבען צוצוגרייטען אַלצדינג צוליעב׳ן אָנפאַל. הורקנוס׳עס אָנהייגער האָבען איהם דערין שטאַרק געהאָלפען מיט וואָרט און טאַט.

3. פומפיוס גופא האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער פון צפון-זייט און האָט געהייסען פערשיטען דעם גאַנצען טיעפען טאָל; צוליעב דעם האָבען די סאָלדאַטען צונויפגעקליבען פערשיידענע מאַטעריאַלען. די אויסגלייכונג פון׳ם דאָזיגען אָרט, שוין אָבגערעדט דערפון, וואָס ער איז געווען בעדייטענד טיעף,—האָט בעגעגענט ניט-געוויינליכע מניעות מצד די בעלעגערטע אידען. זיי האָבען מיט אַלע מיטלען און קרעפטען געשטערט אויסצופיהרען די אַרבייט, ווי געהעריג, און אַלע אָנשטריינגונגען פון די רוימער וואָלטען געווען אומזיסט, אויב פומפיוס וואָלט ניט אויסגענוצט דעם שבת׳דיגען טאָג, בשעת די אידען טוען ניט קיין שום מלאָכה, מחמת דאָס איז זיי פערבאָטען לויט׳ן געזעץ. אין דעם דאָזיגען טאָג האָט פומפיוס געהייסען אויפשיטען העכער דעם וואַל, און צו גלייכער צייט האָט ער פערזאָגט די סאָלדאַטען, אַז אין אַ געשלעג מיט די אידען זאָלען זיי זיך ניט אריינלאָזען. וואָרום צוליעב פערטיידיגען דעם לעבען מעגען די אידען זיך יאָ שלאָגען אום שבת.

אַז דער טאָל איז אויף אַזאַ אופן אויסגעפיהלט געוואָרען, האָט פומפיוס אויסגעבויט הויכע טורעמס און אַרויפגעשטעלט אויף זיי מאַשינעס, וואָס ער האָט געבראַכט פון צור — און געלאָזט די מאַשינעס אַרבייטען. אין דער זעלביגער צייט האָבען די זעלנער געוואָרפען שטיינער און האָבען אַראָבגעשלאָגען פון די מויערן די פערטיידיגער, וואָס האָבען מיט אַלע כוחות געשטערט די רוימער אין זייער צערשטערונגס-אַרבייט. מעהר פון אַלץ האָבען זיך געהאַלטען די טורעמס, וואָס זיינען דאָ אויסגעבויט געווען און וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער מורא׳דיגער גרייס און זייער שיינעם אויסזעהן.

4. הגם די רוימער האָבען זיך אַ סך אָנגעליטען אין דער דאָזיגער בעלעגערונג, פונדעסטוועגען האָבען זיי געמוזט נשתומם ווערען איבער דער שטאַנדהאַפטיגקייט פון די אידען בכלל, און בפרט איבער דעם, וואָס אין דעם שאַרפסטען האָגעל פון שטיינער און פיילען האָבען זיי ניט דורכגעלאָזען אפילו די קלענסטע צערעמאָניעס פון זייער עבודה. מיט אַלע פרטים און דקדוקים פלעגט מען אַלע טאָג ברייגען די קרבנות און מאַכען טבילות, און בכלל איז דער גאַנצער סדר פון דער עבודה ניט אָנגעריהרט געוואָרען, אַזוי ווי אַרום און אַרום וואָלט געהערשט מנוחה און שלום. אפילו נאָכדעם ווי דער בית-המקדש איז איינגענומען געוואָרען, און די בלוט פון די אידען האָט אַלע טאָג זיך געגאָסען ווי וואַסער אַרום דעם מזבח, האָבען זיי ניט אויפגעהערט אָבצוריכטען די עבודה ווי פריהער.

אויפ׳ן דריטען חודש פון דער בעלעגערונג, נאָכדעם ווי די רוימער האָבען מיט גרויס מיה צערשטערט איינעם פון די טורעמס, זיינען זיי אַריינגעדרונגען אין הויף פון בית-המקדש. דער ערשטער, וואָס האָט זיך דערוועגט אַריבערצושפּרינגען איבער׳ן מויער, איז געווען פויסטוס קאָרנעליוס, דער זוהן פון סולאַ.

נאָך איהם זיינען אַריבער צוויי הויפּטלייט, פּוריוס און פּאַביוס,—איטליכער מיט זיין אָבטיילונג. זיי האָבען אַרומגערינגעלט די אידען פון אַלע זייטען און האָבען דער'הרג'עט אייניגע נאָך אַ קורצען ווידערשטאַנד, און די אַנדערע האָבען זיי געטויט, בשעת יענע זיינען געלאָפען בעהאַלטען זיך אין בית-המקדש.

5. ניט קוקענדיג אויף די פיינד, וואָס האָבען זיך געוואָרפען אויף זיי מיט בלויזע שווערדען, — זיינען דאָ געשטאַנען אַ סך כהנים אונערשראָקען אויף זי'ערע ערטער און האָבען ניט אויפגעהערט צו טאָן ווייטער זייער עבודה. זיי האָבען געבראַכט קרבנות, געגאָסען ווין און גערויכערט קטורת; זיי האָבען געטראַכט נאָר וועגען זייער חוב בנוגע צום גאָטעסדיענסט און האָבען גאָר ניט גע'דאג'עט וועגען ראַטעווען זייער אייגען לעבען.

דער גרעסטער רוב פון אַריסטובול'ס אָנהייגער זיינען דער'הרג'עט געוואָרען דורך זייערע געגנער פון זייערע אייגענע פאָלקס-ברידער. אַ סך האָבען געפונען דעם טויט אין די טיפע בערג-שפּאַלטען, וואוהין זיי האָבען זיך אַראָבגעוואָרפען פון מויער; אַנדערע, וואָס זיינען מחמת יאוש כמעט ווי משוגע געוואָרען, האָבען אונטערגעצונדען די בנינים, וואָס זיינען געשטאַנען האַרט נעבען די מויערן, און זענען אינאיינעם מיט זיי אומגעקומען אין פייער. צוועלף טויזענד אידען זיינען דעמאָלט אומגעקומען. די רוימער האָבען געהאַט זייהר ווינציג דער'הרג'עטע, נאָר מעהר פערוואונדעטע.

6. נאָר קיין זאַך האָט אַזוי טיעף ניט דערשלאָגען דאָס פאָלק אין זיין דעמאָלטיגען אומגליק, ווי דאָס, וואָס דער קדשי-קדשים, וואָס ביז איצט איז עס פון קיינעם ניט געזעהן געוואָרען, איז געעפענט געוואָרען דורך די פרעמדע. וואָרום פּומפּיוס איז אין דער בעגלייטונג פון זיין סוויטע אַריינגעטראָטען אין יענעם חדר פון בית-המקדש, וואָס אַהין האָט געמעגט אַריינגייהן בלויז דער כהן-גדול, און האָט בעקוקט אַלצדינג, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען: די מנורה, דעם שולחן, די כלים צוליב ברייינגען קרבנות און רויכערן קטורת—דאָס אַלץ פון לויטער גאָלד, — אַ סך ווייהרויך און דעם אוצר פון בית-המקדש, וואָס איז בעשטאַנען פון 2000 טאַלענטען. נאָר ער האָט ניט אָנגערירט הן די און הן אַנדערע הייליגע חפצים. נאָך מעהר. באַלד אויפ'ן אַנדערן טאָג נאָכ'ן שטורם האָט ער ערלויבט אויסצורייניגען דעם בית-המקדש און ווידער צו ברייינגען די קרבנות, ווי געוויינליך. הורקנוס'ן האָט ער בעשטעטיגט פאַר אַ כהן-גדול, מחמת פאַר דער צייט פון דער בעלעגערונג האָט ער זיך אַרויסגעוויזען פאַר זייהר איבערגעגעבען די רוימער, נאָר דער עיקר דערפאַר, וואָס ער האָט געקאָנט אייבהאַלטען די דאָרפישע בעפעלקערונג, וואָס איז אויפגעשטאַנען צו הילף אַריסטובול'ן. דאָס גלייכען האָט ער אויך, ווי עס פּאַסט טאַקע פאַר אַ גוטען קריגספיהרער, געמיהט זיך צו בערוהיגען דאָס פאָלק מעהר דורך לייטזעליגקייט, איידער דורך שטרייגקייט.

צווישען די קריגס-געפאַנגענע איז געווען אויך אַריסטובול'ס שוועהר, וואָס איז אויך געווען צוגלייך זיין פעטער. ביי די הויפּט-אויפטוער פון דער מלחמה האָט פּומפּיוס געלאָזט אַראָבהאַקען די קעפ מיט אַ האַק; פויסטוס'ן און די איבע-

ריגע שטרייטער, וואָס האָבען מוטיג געקעמפט אינאיינעם מיט איהם, האָט ער בעלוינט מיט טייערע מתנות. אויפ'ן לאַנד יהודה און אויף ירושלים האָט ער אַרויפגעלייגט אַן אָבצאָהלונג.

7. אַלע שטעדט, וואָס די יודען האָבען געהאַט איינגענומען אין קעלע-סיריען, האָט פּומפּיוס צוריק אָבגענומען און האָט זיי געמאַכט אָבהייגגיג אי פונ'ם דעמאָלטיגען רוימישען לעגאַט. דאָס אידישע קעניגרייך אָבער האָט ער בעגרע-ניצט דורך זיינע אייגענע גרעניצען. בכדי צוליעב צו טאָן איינעם זיינעם אַ פריי-געלאָזטען שקלאַף דימיטריוס'ן, וואָס איז געווען געבירטיג פון גדרה, האָט ער ווידער אויסגעבויט די דאָזיגע שטאָדט, וואָס די אידען האָבען זי געהאַט פריהער חרוב געמאַכט. חוץ דעם האָט ער בעפרייט פון דער אידישער ממשלה אַלע יענע שטעדט אין לאַנד, וואָס זיי האָבען ניט חרוב געמאַכט, היינו: סוסיתא, בית-שאָן, פעלאַ, שומרון, מרשה אינאיינעם מיט אַשדוד, יבנה און אַרעטוזיאַ, און אויך די ים-שטעדט: עזה, יפו, דורא און סטראַטאָנס-טורם (די לעצטע שטאָדט האָט דער קעניג הורדוס שפּעטער איבערגעבויט מיט אַ ניט-געוויינליכער פּראַכט און האָט איהר אַ נאָמען געגעבען קיסריה). אַלע די דער-מאָנטע שטעדט האָט פּומפּיוס צוריק אָבגעגעבען די אָרטיגע איינוואוינער און האָט זיי פאַראייניגט מיט דער סירישער פּראָווינץ. סקאַוורוס'ען האָט ער איבערגעגעבען די פער-וואַלטונג איבער מלכות-יהודה און איבער'ן גאַנצען לאַנד צווישען מצרים און פרת, און האָט איהם איבערגעלאָזען צוויי לעגיאָנען. אַליין איז פּומפּיוס אַוועק דורך קיליקיען קיין רוים און האָט אַוועקגעפיהרט אַהין אַלס געפאַנגענעם אַריסטובול'ן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, וואָס איז בעשטאַנען פון צוויי טעכטער און צוויי זיהן. איי-נער פון די זיהן, אַלכסנדר, איז אונטערוועגס אַנטלאָפען געוואָרען, אָבער דעם איינגער'ן אַנטיגנוס'ן, און זייבע שוועסטער האָט מען אָבגעפיהרט קיין רוים.

# אכטער קאַפּיטעל.

אַריסטובול'ס זוהן, אַלכסנדר, האַלט מלחמה מיט הורקנוס'ן, נאָר גאַביניוס איז איהם מנצח.—אַריסטובול אַנטלויפט פון רוים און קלייבט צונויף אַ חייל, נאָר ווערט בע-זיגט און ווידער אָבגעפיהרט קיין רוים.—די ווייטערדיגע געשעהענישען פאַר דער צייט פון גאַביניוס, קראַסוס און קאַסיוס.

1. דערווייל האָט סקאַווּרוס געגומען זיך פיהרען אַ מלחמה מיט אַראַביען. די ווילדע נאַטור פון דער געגענד האָט איהם געשטערט צו דערגרייכען ביז פּעטראַ. דערפאַר אָבער האָט ער חרוב געמאַכט די סביבה פון פעלאַ, הגם אויך דאָ האָט ער אַריבערגעטראָגען אַ סך שוועריגקייטען, מחמת זיינע סאָלדאַ-טען האָבען געליטען הונגער. הורקנוס האָט איהם געשיקט דורך אַנטיפּטר'ן עסענוואַרג. דעם לעצטען, וואָס איז געווען חרתת'עס אַ גוטער פריינד, האָט סקאַווּרוס געשיקט צום אַראַבישען קעניג מיט אַ פאָרשלאָג, ער זאָל זיך איינ-קויפען שלום פאַר אַ בעשטימטען געצאָהלט. דער אַראַבער האָט טאַקע מסכים

געווען צו געבען 300 טאַלענטען, און אַז סקאַוורוס האָט דאָס בעקומען, איז ער אַרויסגעטראָטען פון אַראַביען.

2. איצטער איז אויפגעשטאַנען אויף הורקנוס'ן אַ נייע צרה. אַריסטובול'ס זוהן אַלכּסנדר, וואָס איז אַנטלאָפען געוואָרען פון פּומפּיוס'ן, האָט צוביסלעכווייז צונויפגעקליבען אַ שטאַרקען חייל און איז אַריינגעדרונגען אין לאַנד יהודה און האָט חרוב געמאַכט אַלצדינג אונטערוועגס. מען האָט זיך געקאָנט ריכטען, אַז אין גיכען וועט ער אַראָבוואַרפען הורקנוס'ן. ער איז צוגעטראָטען צו ירושלים און איז געווען אפילו אַזוי דרייסט, אַז ער האָט געפּרובט ווידער אויסצובויען דעם מויער, וואָס פּומפּיוס האָט צעשטערט 1). נאָר איהם האָט זיך געשטעלט אַנטקעגען גאַביניוס, וואָס איז געווען פּערוואַלטער אין סיריען נאָך סקאַוורוס'ן, אַ מוטיגער קריגסמאַן, אויסגעפּרובט אין אַ סך מלחמות. אַז גאַביניוס האָט זיך דערנעהנטערט, האָט אַלכּסנדר זיך דערשראָקען און האָט צונויפגעקליבען נאָך מעהר חייל, אַזוי אַז ער האָט געהאַט שוין 10 000 שווער בעוואָפענטע זעלנער און 1 500 רייטער און האָט בעפעסטיגט די פאַסיגע ערטער, ווי אַלכּסנדריון, הורקניון און מכוור, וואָס געפינען זיך ניט ווייט פון די אַראַבישע בערג.

3. גאַביניוס האָט געשיקט מאַרקוס אַנטאָניוס'ן מיט אַ טייל חייל פאָראויס און אַליין איז ער געגאַנגען נאָך איהם און האָט געפיהרט די הויפּט-אַרמיי אָבגעקליבענע אָבטיילונגען אַנטיפּטר'ס און דער איבעריגער אידישער חייל, אונטער דער אָנפיהרונג פון מאַליכוס און פּיטולוס, זיינען צוגעשטאַנען צו מאַרקוס אַנטאָניוס'ן מיט זיינע גענעראַלען, און אַלע אינאיינעם זיינען זיי אַרויס אַנטקעגען אַלכּסנדר'ן. באַלד איז אָנגעקומען אויך גאַביניוס מיט זיין חייל. אַלכּסנדר האָט איינגעזעהן, אַז ער וועט ניט זיין בכח צו האַלטען זיך קעגען דעם מיליטער פון די פערבינדעטע, און דעריבער איז ער אָבגעטראָטען צוריק. נאָר ניט ווייט פון ירושלים איז ער געווען גענויט צו אַ שלאַכט. דאָ האָט ער אָנגעוואָהרען 6 000 מאַן: 3 000 זיינען געפאַלען טויט און 3 000 זיינען גענומען געוואָרען געפאַנגען. מיט דעם גאַנץ געבליבענעם רעשט איז אַלכּסנדר אַנטלאָפען געוואָרען קיין אַלכּסנדריון.

4. אַז גאַביניוס איז אָנגעקומען אין אַלכּסנדריון, האָט ער געפונען אַ סך אידען, וואָס האָבען דאָרט געהאַט אויפגעשלאָגען זייער לאַגער. ער האָט געפּרובט אַריינצוהאַפּען זיי אָהן אַ שלאַכט און האָט זיי צוגעזאָגט מוחל צו זיין זיי פאַר אַלצדינג, וואָס עס איז געשעהן. נאָר היות ווי די אידען האָבען אפילו ניט געוואָלט הערען וועגען מאַכען שלום, דעריבער האָט ער אַ סך דער'הרג'עט און די איבעריגע אַריינגעיאָגט אין פעסטונג. אין דער דאָזיגער שלאַכט האָט בעזונדערס גרויסע גבורות בעוויזען מאַרקוס אַנטאָניוס, וואָס הגם אומעטום האָט ער אַרויסגעוויזען זיין מוט, נאָר אין ערגיץ האָט ער זיך ניט אויסגעצייכענט, אַזוי ווי

1) ס'איז בעשיינפערליך, אַז ניט אַלכּסנדר, נאָר הורקנוס האָט געפּרובט אויסבויען דעם מויער, ווי עס שטייהט געשריבען אין קדמוניות XIV, 5, 2.

דאָ. גאַביניוס האָט געלאָזען אַ טייל פון'ם חייל אויף אײנצונעמען די פעסטונג, און אַליין האָט ער זיך געלאָזט גייהן אין וועג אַריין און האָט זיך פערנומען מיט'ן פעררִיכטען די גאַנץ־געבליבענע שטעדט און אויסבויען אויפ'סניי די חרוב'ע. אזוי זיינען, אויף זיין בעפעהל, אויפס'ניי בעזעצט געוואָרען בית־שאן שומרון, אַנטעדאָן, אַפּאָלאָניאַ, יבנה, רפיח, מרשה, אדרעי, גמלה אשדוד און נאָך אַ סך אַנדערע שטעדט, וואָס די אײנוואוינער פון זיי האָבען זיך מיט פרייד צוריק אומגעקעהרט 1).

5. נאָכדעם ווי גאַביניוס האָט געענדיגט די אַלע עסקים, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק צו אַלכסנדריון; ער האָט אַזוי ענערגיש געפיהרט די בעלעגערונג, אַז אַלכסנדר האָט זיך באַלד איינגאַנצען מיאש געווען און האָט געשיקט צו איהם שלוחים מיט דער בקשה, ער זאָל איהם מוחל זיין זיינע פעהלערן. דערנאָך האָט ער איהם איבערגעגעבען די ביידע פעסטונגען, וואָס האָבען זיך נאָך געפונען אין זיינע הענד, הורקניון און מכוור, און באַלד דערויף אויך אַלכסנדריון. לויט דער עצה פון אַלכסנדר'ס מוטער, האָט גאַביניוס אַראָבגעגראָבען די דאָזיגע פעסטונגען, בכדי זיי זאָלען ניט ווערען קיין שטיצפונקטען פאַר אַ נייער מלחמה. די דאָזיגע פרוי, וואָס איז געווען פער'דאג'עט איבער דעם גורל פון איהר מאַן און פון איהרע איבעריגע קינדער, וואָס האָבען זיך געפונען אין רוים אין געפאַנגענשאַפט, איז געקומען צו גאַביניוס'ן, בכדי צו דערוועקען זיין לייטזעליגקייט און גענאָד.

נאָך דער דאָזיגער מעשה האָט גאַביניוס אָבגעפיהרט הורקנוס'ן קיין ירושלים און האָט איהם איבערגעגעבען די הנהגה איבער'ן בית־המקדש. די מלוכה־פערוואַלטונג האָט ער איינגעאָרדענט אזוי, אַז בראש פון איהר האָבען זיך געשטעלט די חשוב'סטע בירגער. דאָס גאַנצע לאַנד האָט ער צעטיילט אויף פינף פּראָווינצען מיט אַ געזעלשאַפטליכער פערוואַלטונג אין איטליכער, און פאַר די הויפּטשטעדט פון די פּראָווינצען זיינען בעשטימט געוואָרען: ירושלים, גדרה, חמתא, יריחו און פירי אין גליל. דאָס פאָלק האָט זיך געפרייהט דערמיט, וואָס עס איז פּטור געוואָרען פון דער הערשאַפט פון אײנאײנציגען, און וואָס עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אַן אַריסטאָקראַטישע פערוואַלטונג 2).

6. באַלד אָבער האָבען זיך, איבעריגענס, אָנגעהויבען נייע מהומות. דער אויפטוער פון זיי איז געווען אַריסטובול, וואָס איז אַנטלאָפען געוואָרען פון רוים און האָט צוגעצויגען צו זיך אַ מאַסע אידען. אַרום איהם האָבען זיך צונויפגעקליבען, צום טייל, מענשען, וואָס שטרעבען בכלל צו נייע פאַראַנדקעס, און צום טייל אַזעלכע, וואָס זיינען געווען באמת איהם געטריי איבערגעגעבען. צוערשט האָט ער געפּרובט ווידער צו בעפעסטיגען אַלכסנדריון, וואָס ער האָט געהאַט זי איינגענומען. נאָר אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז גאַביניוס האָט אַרויסגע-

1) די אַלע שטעדט זיינען געווען בעוואוינט צום גרעסטען טייל פון גריכען און העלענעזירטע סירייער.

2) אין יאָהר 57 פאַר קריסט.

שיקט קעגען איהם אַ חייל אונטער דער אָנפיהרונג פון סיזענא, אַנטאָניוס און פערוויליוס, איז ער אָבגעטראָטען צוריק קיין מכוור. דערביי האָט ער אַוועקגעלאָזען דעם ניט־אָרגאַניזירטען המון, וואָס האָט איהם נאָר געמאַכט שוויריגקייטען, און האָט איבערגעלאָזט ביי זיך די שווער־בעוואָפענטע זעלנער, אַנ'ערך 8 000 מאַן. צווישען זיי האָט זיך אויך געפונען פיטולוס — אַ ירושלמ'ער קריגס־הויפטמאַן, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען אויף אַריסטאָבול'ס צד מיט 1 000 זעלנער. נאָך די רוימער האָבען זיי כסדר נאָכגעיאָגט, און אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען ביידע אַרמייען שוין געשטאַנען פנים־אל־פנים. אַריסטאָבול'ס מענשען האָבען געשטריטען מוטיג און האָבען לאַנג זיך געהאַלטען אויפ'ן שלאַכט־פעלד. נאָר צולעצט האָבען די רוימער זיי גובר געווען: 5 000 מאַן זיינען געפאַלען אויפ'ן אָרט, אַן ערך 2 000 זענען אַנטרונען געוואָרען אויף אַ נאָהענטען באַרג, די איבעריגע 1 000 צוזאַמען מיט אַריסטאָבול'ן האָבען זיך דורכגעשלאָגען דורך די רייהען פון די פיינד, און געיאָגט פון די רוימער, האָבען זיי זיך צונויפגעקליבען אין מכוור. נאָכדעם ווי דער קעניג אַריסטאָבול האָט זיך אויסגערוהט דעם ערשטען אָווענד אין די חורבות פון מכוור, האָט ער בעפעסטיגט, ווי ער האָט געקאָנט, זיין לאַגער און האָט געהאָפט, אַז אויב די מלחמה וועט אויף אַ געוויסער צייט אויפהערען, וועט ער זיין ביכולת צונויפקלייבען אַ נייעם חייל. נאָר די רוימער זיינען אונגעזאַמט אָנגעפאַלען אויף איהם אַ צווייטען מאָל. גאַנצע צוויי טעג האָט אַריסטאָבול זיך אַנטקעגענגעשטעלט, אָנווענדענדיג צוליעב זיין פערטיידיגונג כמעט איבערמענשליכע כוחות. נאָר סוף־כל־סוף איז ער גענומען געוואָרען געפאַנגען און געשמידט אין קייטען אינאיינעם מיט זיין זוהן אַנטיגנוס'ן וואָס איז אויך אַנטלאָפען געוואָרען פון רוים. מען האָט ביידען געבראַכט צו גאַביניוס'ן, וואָס האָט זיי נאָכאַמאָל אָבגעשיקט קיין רוים. דער סענאַט האָט אַריסטאָבול'ן אַריינגעזעצט אין תפיסה און זיינע קינדער האָט ער צוריק אָבגעלאָזט אין לאַנד יהודה, מחמת גאַביניוס האָט מודיע געווען דורך אַ בריעף, אַז ער האָט צוגעזאָגט אַריסטאָבול'ס פרוי צו לאָזען פריי איהרע קינדער, דערפאַר וואָס מען האָט איהם איבערגעגעבען די פעסטונגען.

7. נאָך דער מעשה האָט גאַביניוס געוואָלט אַרויסגייהן מלחמה האַלטען מיט די פאַרטער. נאָר אַז ער האָט שוין געהאַט דערגרייכט ביז צום טייך פרת, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק צוליעב תלמי'ן, בכדי איהם ווידער צו מאַכען פאַר אַ קעניג אין מצרים. הורקנוס און אַנטיפטר האָבען איהם דערין אַ סך געהאָלפען: דער לעצטער האָט איהם פערזאָרגט מיט געלד, געוועהר, פראָוויאַנט און הילפס־אָבטיילונגען; און דער ערשטער האָט געפועל'ט ביי די עגיפּטישע אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין פעלוסיום און האָבען בעדאַרפט אָבהיטען דאָרט דעם דורכגאַנג, אַז זיי זאָלען דורכלאָזען גאַביניוס'ן אָהן מניעות.

בשעת גאַביניוס איז ניט געווען אין סיריען, האָבען זיך דאָרט אויפגעהויבען גרויסע מהומות, און אין דערזעלביגער צייט האָט אַריסטאָבול'ס זוהן, אַלכסנדר, מעורר געווען די אידען צו אַ מרידה. ער האָט צונויפגעקליבען זייער אַ גרויסען חייל און האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע — צו פערטיליגען

אַלע רוימער, וואָס געפינען זיך אין גבול פון דער אידישער מלוכה. גאַביניוס איז געוואָרען אונרוהיג איבער דער דאָזיגער בעוועגונג און איז תיכף צוריק־געקומען פון מצרים קיין סיריען. ער האָט געשיקט אַנטיפּטר׳ן צו אייניגע אָנפיהרער פונ׳ם אויפשטאַנד, און אַנטיפּטר׳ן האָט זיך איינגעגעבען אָבריידען זיי פון אָנטייצולנעמען דערין. פונדעסטוועגען זיינען ביי אַלכּסנדר׳ן פאָרט גע־בליבען נאָך 30,000 מאַן. ער האָט געגאַרט אַרויסצוטרעטען אין שלאַכט מיט׳ן שונא און איז אַרויס בראש פון די אידען, וואָס זיינען געגאַנגען אַנטקעגען דעם פיינד. ביי׳ם באַרג תבור האָבען זיך ביידע אַרמייען צונויפגעטראָפען: 10 000 אידען זיינען געפאַלען טויט, די איבעריגע מאַסע האָט זיך צעשפּרייט. גאַביניוס איז אַריינגעטראָטען אין ירושלים און האָט איבערגעמאַכט די מלוכה־פערוואַלטונג לויט אַנטיפּטר׳ס פערלאַנג. פון דאָרטען איז ער אַרויס קעגען די נבט׳ער, האָט זיי געשלאָגען און האָט געהאָלפען מיטרידאַטעס׳ן און אָרסאַנעס׳ן (וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען פון פּאַרטען), אַנטרונען צו ווערען, דורכדעם, וואָס ער האָט דערקלערט זיינע סאָלדאַטען, אַז זיי האָבען זיך בעהאַלטען.

8. נאָך גאַביניוס׳ן האָט פערוואַלטעט איבער סיריען קראַסוס. צוליעב פיהרען מלחמה קעגען די פּאַרטער, האָט ער גענומען פון בית־המקדש אין ירושלים יענע 2 000 טאַלענטען, וואָס פּומפּיוס האָט זיי ניט אָנגעריהרט, און אויך אַנדערע גאָלדענע חפצים, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען. איבעריגענס, איז דאָ ניט דער אָרט וועגען דעם א סך צו ריידען.

9. נאָך קראַסוס׳עס טויט האָבען די פּאַרטער געפּרובט אָנצופאַלען אויף סיריען. נאָר קאַסיוס, וואָס איז אַנטלאָפען געוואָרען אין דער דאָזיגער פּראָווינץ, האָט זיי צוריקגעשלאָגען. נאָכדעם ווי קאַסיוס האָט זיך געהאַט איינגעפעסטיגט אין סיריען, איז ער איילינג אַוועק אין לאַנד יהודה, האָט איינגענומען די שטאָדט טריכיה, געמאַכט אַן ערך 30 000 אידען פאַר שקלאַפען און געטייט פּיטולוס׳ן, וואָס האָט געקליבען אָנהייגער פאַר אַריסתובול׳ן. אָבצוטאָן דעם דאָזיגען מאָרד האָט קאַסיוס׳ן געגעבען די עצה אַנטיפּטר

אַנטיפּטר האָט געהאַט פון זיין פרוי, (וואָס איז געוועזען א מיוחס׳דיגע אַראַ־בערין, מיט׳ן נאָמען קיפּרא), פיר זיהן: פּזאל, הורדוס (וואָס איז שפּעטער גע־ווען קעניג), יוסף און פירורס, און נאָך א טאָכטער שלומית. ער איז געוועזען פערבונדען אין פריינדשאַפט מיט אַלע דעמ גלטיגע גדולים און האָט זיי צוגעצויגען צו זיך דורך זיין ברייטער הכנסת־אורחים. בעזונדערס שטאַרק איז ער געווען בעפריינ־דעט מיט׳ן אַראַבישען קעניג, וואָס איז געווען זיינער א מחותן. צו איהם האָט ער געשיקט זיינע קינדער, ער זאָל אויף זיי השגחה געבען בשעת דער מלחמה קעגען אַריסתובול׳ן.

קאַסיוס האָט געצוואונגען אַלכּסנדר׳ן, ער זאָל צוזאָגען צו האַלטען זיך רוהיג, און איז אַוועק צוריק צום טייך פרת, בכדי ניט צו דערלאָזען די פּאַר־טער אַריבערצוגייהן. נאָר וועגען דעם אַן אַנדערש מאָל.

# נײנטער קאַפּיטעל.

אריסטאָבול און זײן זוהן אַלכּסנדר דער'הרג'עט. — אַנטיפּטר בײהט אַריבער נאָך פּאָמפּיוס'עס טויט אויף צעזאַר'ס צד. — זײנע גבורות.

1. נאָכדעם ווי פּאָמפּיוס אינאײנעם מיט'ן סענאַט זײנען אַנטלאָפען געוואָרען איבער'ן יאָנישען ים, און צעזאַר איז געוואָרען דער מושל איבער רוים און איבער דער גאַנצער מלוכה, האָט ער בעפרײט אַריסטאָבול'ן פון תּפיסה, בעגעבען איהם צוויי לעגיאָנען און אַוועקגעשיקט איהם אײליג קײן סיריען, מחמת ער האָט געהאָפט דורך איהם צו מאַכען אונטערטעניג צו זיך די דאָזיגע פּראָווינץ אינאײנעם מיט גאַנץ מלכות-יהודה. נאָר די קנאה האָט צעשטערט אַריסטאָבול'ס גוטען רצון און צעזאַר'ס האָפענונגען. פּאָמפּיוס'עס אָנהײנגער האָבען אַריסטאָבול'ן פער'סמ'ט. אַ לאַנגע צײט איז ער אַפילו צו קבורה ניט געקומען אין זײן געבאָרען-לאַנד; מען האָט זײן גוף געהאַלטען אין האָניג, ביז וואַנען אַנטאָניוס האָט איהם אָבגעשיקט צו די אידען, בכדי זיי זאָלען איהם מקבר זײן אין קעניגליכען קברים-הויז.

2. און זײן זוהן אַלכּסנדר איז אויך אומגעקומען: איהם האָט געקעפּט מיט אַ האַק סציפּיאָ אין אַנטיוכיה. אויסגעפיהרט איז געוואָרען אויף איהם די דאָזיגע טויט-שטראָף לויט פּאָמפּיוס'עס שריפטליכען בעפעהל, נאָכדעם ווי מען האָט דערוועקט קעגען איהם אַ פאָרמאַלע בעשולדיגונג דערין, וואָס ער האָט אָבגעטאָן פײנדליכע מעשים בנוגע צו די רוימער.

זײנע ברידער האָט צוגענומען תּלמי, דער זוהן פון מענויס, דער מושל פון קאַלקיס, וואָס ליגט בײם פוס פון לבנון — ער האָט געשיקט נאָך זיי אין אַשקלון זײן זוהן, פיליפּיאָן. דעם לעצטען האָט זיך אײנגעגעבען צו צעשײדען אַנטיגנוס'ן מיט זײנע שוועסטער פון זײער מוטער, אַריסטאָבול'ס אַלמנה, און צו ברײנגען זיי צו זײן פאָטער. פיליפּיאָן האָט זיך אײנגעליעבט אין דער אינגסטער שוועסטער און האָט מיט איהר חתונה געהאַט. נאָר פון איהרטוועגען איז ער געוואָרען דער'הרג'עט דורכ'ן אײגענעם פאָטער, וואָס האָט דערנאָך אַלײן חתונה געהאַט מיט אַלכּסנדרה'ן און מחמת דעם דאָזיגען שידוך האָט ער זיך פערהאַלטען מיט גרויס פרײנדשאַפט צו די ברידער.

3. נאָך פּאָמפּיוס'עס טויט האָט אַנטיפּטר אומגעביטען זײן מאַסקע און האָט אָנגעהויבען צו חנפ'ענען זיך צו צעזאַר'ן. בשעת מיטרידאַטעס (מתרדת) פון פּערגאַמאָן, וואָס האָט מיט זײן חייל געאײלט קײן מצרים, איז געצוואונגען געווען אָבצושטעלען זיך נעבען אַשקלון, מחמת מען האָט איהם פערצאַמט די דורכגאַנגען אין פּעלוסיום, — האָט דעמאָלט אַנטיפּטר געפּועל'ט בײ זײנע גוטע פרײנד די אַראַבער, זיי זאָלען איהם קומען צו הילף, און איז אַלײן צוגעשטאַנען צו איהם בראש פון אַ אידישען חייל פון 3 000 מאַן. חוץ דעם, האָט אַנטיפּטר אויפגעהויבען אויף די פיס די סירישע מושלים, און אויך תּלמי'ן און יאַמבליכוס'ן, וואָס האָבען געוואוינט אויפ'ן באַרג לבנון און וואָס אונטער זײער אײנפלוס זײנען די אָרטיגע שטעדט געוואָרען צוגעשטאַנען צו דער מלחמה, וואָס

האָט זיך אָנגעהויבען. אויפגעמונטערט דורכדעם, וואָס זיינע קרעפטען זיינען אזוי פיעל אויסגעוואקסען, פאר וואס ער האָט געהאַט צו פערדאַנקען איננאַנצען אַנטיפּטר'ן, האָט מיטרידאַטעס זיך געלאָזט גייהן צו פעלוסיום, און היות ווי דאָרט האָט מען איהם ניט געלאָזט פריי דורכגייהן, דעריבער האָט ער בעלעגערט די דאָזיגע שטאָדט. ביים איינעמען די לעצטע האָט זיך מעהר פון אַלעמען אויסגעצייכענט אַנטיפּטר, וואָס האָט דורכגעבראָכען דעם טייל מויער, וואָס איז אויסגעקומען אויף זיין חלק, און איז דער ערשטער מיט זיין אָבטיילונג אריינגעדרונגען אין שטאָדט.

4. הגם פעלוסיום איז שוין געווען איינגענומען, נאָר דער חייל האָט אין זיין ווייטערדיגער בעוועגונג ווידער אַמאָל בעגעגענט אַן אָבהאַלט מצד די עגיפּטישע אידען, וואָס האָבען געהאַט פערנומען די געגענד, וועלכער ווערט אָנגערופען חוניוס'עס פּראָווינץ. נאָר אַנטיפּטר האָט ביי זיי געפועלט, אַז לאַדי וואָס זיי זאָלען אויפהערען אַנטקעגען צושטעלען זיך, נאָר זיי זאָלען נאָך צושטעלען פאַר'ן חייל כל-ערליי עסענווארג, וואָס פאַר איהם איז נויטיג. אָט דערפאַר טאַקע האָבען אויך די אידען, וואָס וואוינען אַרום מעמפיס, ניט אַרויסגעוויזען קיין שום ווידערשטאַנד און זיינען צוגעשטאַנען מיט'ן גוטען ווילען צו מיטרידאַטעס'ן. דער לעצטער איז געגאַנגען אַרום דער דעלטאַ און האָט געגעבען אַ שלאַכט די איבעריגע עגיפּטער אין דער געגענד, וואָס ווערט אָנגערופען דער אידישער לאַגער. דאָ איז ער מיט זיין רעכטען פליגעל געשטאַנען אין אַ גרויסער סכנה, וואָס פון איהר האָט איהם מציל געווען אַנטיפּטר, וועלכער איז געקומען צולויפען צו איהם פאַזע ברעג טייך, און אין דערזעלביגער צייט האָט דער לינקער פליגעל גובר געווען דעם שונא. דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פיינד, וואָס האָבען נאָכגעיאָגט מיטרידאַטעס'ן, האָט פערטיליגט אַ בעדייטענדען טייל פון זיי און די איבעריגע האָט ער אַזוי ווייט פערטריבען, אַז ער האָט געקאָנט פערכאַפּען זייער לאַגער. ער האָט אָנגעוואָהרען פון זיינע מענשען בלויז 80, מיטרידאַטעס בשעת זיין לויפען — 800 מאַן. מיטרידאַטעס, וואָס איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען אַזוי אונגעריכטערהייד, האָט דעו ציהלט צעזאַר'ן דעם גאַנצען אמת וועגען אַנטיפּטר'ס גבורות און האָט דערביי ניט אַרויסגעוויזען קיין שום קנאה.

5. צעזאַר האָט געחנפ'עט אַנטיפּטר'ס אייגענליבע, לויבענדיג איהם, און האָט איהם אויפגעמונטערט צו ווייטערדיגע גבורות. און אין דער אמת'ען האָט זיך אַנטיפּטר תמיד אַרויסגעשטעלט פאַר זייהר אַ מוטיגען קעמפער. כמעט זיין גאַנצער קערפער איז געווען בעדעקט מיט וואונדען, וואָס האָבען עדות געזאָגט וועגען זיין מוט. שפּעטער, אַז צעזאַר האָט געזיכערט דעם מצב אין מצרים און האָט זיך אומגעקעהרט קיין סיריען, האָט ער בעלוינט אַנטיפּטר'ן מיט'ן טיטעל רוימישער בירגער און בעפרייט איהם פון אָבצאָהלונגען. אַרויסווייזענדיג צו אַנטיפּטר'ן סימנים פון פריינדשאַפט און גענאָד, האָט צעזאַר אַרויסגערופען ביי אַנדערע אַ געפיהל פון קנאה צו איהם. אַנטיפּטר'ן צוליעב האָט צעזאַר בעשטעטיגט הורקנוס'ן פאַר אַ כהן-גדול.

# צעהנטער קאַפּיטעל.

צעזאַר בעשטימט אנטיפּטר'ן פאַר'ן פערוואַלטער איבער מלכות-יהודה. — אנטיפּטר בעשטימט פזאל'ן פאַר'ן קאָמענדאַנט פון ירושלים, און הורדוס'ן פאַר'ן פערוואַלטער פון גליל. — דער לעצטער ווערט באלד דערויף אַנגעקלאַגט פאַר'ן בית-דין, נאַר ער ווערט בעפרייט. נאָך סעקסטוס צעזאַרן, וואָס באַסוס האָט איהם דער'הרג'עט, קומט מורקוס.

אין דער זעלביגער צייט איז געקומען אַריסטובול'ס זוהן אַנטיגנוס צו צעזאַר'ן און — ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען — ער האָט נאָך מיטגעווירקט, אַז אַנטיפּטר זאָל נאָך מעהר דערהויכט ווערען. אַנשטאָט צו בעוויינען זיין פאָטער, וואָס איז, לויט ווי עס איז געווען בעוואוסט אַלעמען, פער'סמ'ט געוואָרען דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָבגעקעהרט פון פּומפּיוס'ן; אַנשטאָט צו בעקלאָגען זיך אויף סציפּיאָ'ס אַכזריות בנוגע צו זיין ברודער און אַנשטאָט צו דערוועקען מעהר ניט רחמנות אויף זיך, ניט צוקריגען זיך מיט וועמען עס איז,— איז אַנטיגנוס אַרויסגעטראָטען אַלס פאָרמאַלער אַנקלאָגער קעגען הורקנוס'ן און אַנטיפּטר, קעגען אַלע רעכט, האָט ער זיך בעקלאָגט פאַר צעזאַר'ן, האָבען זיי איהם און זיינע ברידער אַרויסגעטריבען פון פאָטערלאַנד, און זיינען זיך בעגאַנגען קעגען פאָלק מיט האָפערדיגקייט און אַכזריות. און אויב זיי האָבען געשיקט הילפס-אָבטיילונגען אינ'ם קריג אין מצרים, האָבען זיי דאָס געטאָן ניט מחמת איבערגעגעבענקייט צו צעזאַר'ן, נאַר מחמת זיי האָבען מורא געהאַט פאַר איהם איבער זייער פריהערדיגען פיינדליכען פערהאַלטען זיך צו איהם און מחמת זיי האָבען געוואָלט ריין וואַשען זיך די הענד פון דער פריהערדיגער פריינדשאַפט מיט פּומפּיוס'ן.

2. דעמאָלט האָט אַנטיפּטר אַראָבגעריסען זיך די קליידער פון לייב, האָט אָנגעוויזען אויף זיינע סך וואונדען און האָט געזאָגט: „בכדי צו בעווייזען זיין געטריישאַפט צו צעזאַר'ן, בעדאַרף ער גאָר קיין סך רייד, — אפילו אויב ער וועט שווייגען, וועט זיין לייב געננוג הויך פאַר איהם ריידען, נאַר איבער וואָס ער איז נשתומם, איז דאָס אַנטיגנוס'עס דרייסקייט: ער, וואָס איז אַ זוהן פון רוימ'ס אַ פיינד און פון אַ רוימישען דעזערטיר, ער, וואָס האָט בעקומען בירושה פון זיין פאָטער אַנ'אומרוהיגען כאַראַקטער און דעם גייסט פון אַ מורד,— ער האָט נאָך די העזה אָנצוקלאָגען אַנדערע מענשען פאַר'ן רוימישען רעגירער, ער רעכענט נאָך צו בעקומען פון צעזאַר'ן אַ שטיקעל נדבה, אין דער צייט וואָס ער האָט בעדאַרפט זיך פריידען, וואָס ער בלייבט נאָך לעבען. אויך איצט שטרעבט ער צו דער ממשלה ניט מחמת דעם, וואָס ער נויטיגט זיך אַזוי שטאַרק אין איהר, נאַר בלויז צוליעב דעם, כדי צו האָבען אַ מעגליכקייט ווידער אויפצורודער'ן די אידען און צו געברויכען זיין ממשלה צום שאַדען פון די יעניגע, וואָס וועלען זי איהם געבען".

3. אַז צעזאַר האָט דאָס אויסגעהערט, האָט ער נאָך מעהר אָנערקענט פאַר הורקנוס'ן דאָס רעכט אויף דער כהונה גדולה, און אַנטיפּטר'ן האָט ער

פארגעלייגט זיך אויסצוקלייבען, וואָסער הויכע שטעלע ער וויל נאָר. אַנטיפּטער האָט איבערגעלאָזט צו בעשטימען די בעלוינונג דעם, ווער עס גיט זי. דעמאָלט האָט איהם צעזאַר בעשטימט פאַר׳ן פערוואַלטער (פּראָקוראַטאָר) איבער גאַנץ מלכות־יהודה און האָט איהם חוץ דעם ערלויבט אויסצובויען די חרוב׳ע מויערן פון זיין געבּאָרענשטאָדט. דעם אַקט (כּתב) וועגען דעם חסד, וואָס ער האָט געטאָן מיט אַנטיפּטר׳ן, האָט צעזאַר אָבגעשיקט קיין רוים, בּכדי מען זאָל עס אויסקריצען אויף אַ טאָוועל און אַוועקשטעלען אין קאַפּיטאָליום, אַלס אַ זכר פאַר זיין גערעכטיגקייט און אַנטיפּטר׳ס פערדיענסטען.

4. דערנאָך האָט אַנטיפּטר אַרויסבעלייט צעזאַר׳ן ביז צום גרעניץ פון סיריען און האָט זיך ווידער אומגעקעהרט אין לאַנד יהודה. זיין ערשטע אַרבייט איז געווען אויפ׳סניי אויסצובויען די מויערן פון ירושלים, וואָס פּומפּיוס האָט זיי חרוב געמאַכט. דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ נסיעה איבער׳ן גאַנצען לאַנד, בּכדי איינצושטילען די אונרוהען. סטראַשענדיג, נאָר צוגלייך איינהאַלטענדיג דעם טאָן פון אַ גוטען בעל־יועץ, האָט ער אומעטום מודיע געווען, אַז די מענשען, וואָס זיינען איבערגעגעבען הורקנוס׳ן, וועלען לעבען גליקליך און רוהיג און וועלען הנאה האָבען פון שלום און פון זייער האָב און גוטס, וואָס זיי האָבען זיך עהרליך אָנגעשאַפט. דער אָבער, וואָס וועט לאָזען זיך איינשמועסען דורך די פּוסטע חלומות פון די מורדים, וואָס שטרעבען בלויז צו זייער אייגענער טובה, פאַר יענעם וועט ער, אַנטיפּטר, זיין ניט אַן איבערגעגעבענער פריינד, נאָר אַ דעספּאָט און הורקנוס—ניט אַ פאָטער פון לאַנד, נאָר אַ טיראַן און די רוימער און צעזאַר — ניט קיין פריינד און פיהרער, נאָר שונאים, מחמת די רוימער וועלען ניט דערלאָזען צו דערנידעריגען דעם יעניגען, וועמען זיי האָבען דערהויבט — אַזוי האָט אַנטיפּטר אָנגעזאָגט דעם פאָלק. אין דערזעלביגער צייט האָט ער איינגעשטעלט די מלוכה־ענינים, ווי איהם האָט זיך דאָס געוואָלט, וויבאַלד ער האָט דערזעהן, אַז הורקנוס איז צו אָבגעלאָזען און צו שוואַך אום צו זיין אַ קעניג. זיין עלטסטען זוהן פזאל׳ן האָט ער בעשטימט פאַר אַ פערוואַלטער איבער ירושלים און דער סביבה; דעם אַנדערן זוהן, הורדוס׳ן, וואָס איז דעמאָלט געווען נאָך זייהר יונג, האָט ער געשיקט מיט דעם אייגענעם כּוח־הרשאה קיין גליל.

5. הורדוס, אַלס אַן ענערגישע נאַטור, האָט באַלד געפונען אַ געלעגענהייט אַרויסצוווייזען זיינע פעיהיגקייטען. דעם רויבער־הויפּטמאַן חזקיה, וואָס האָט פערוויסט די גרעניצען פון סיריען, האָט ער געכאַפּט און געטויט און האָט אויך פערטיליגט אַ סך מענשען פון זיין באַנדע. פאַר דער דאָזיגער גבורה זיינען איהם די סירער זייער דאַנקבאַר געוועזן. אין די דערפער און שטעדט האָט מען גערייהמט און געלויבּט הורדוס׳עס נאָמען, ווי אַן אויסלייזער פון לאַנד וואָס האָט איינגעשטעלט שלום און רוה. אַ דאַנק דעם, איז הורדוס אויך בעקאַנט געוואָרען דעם גרויסען צעזאַר׳ס קרוב, סעקסטוסצעזאַר, וואָס איז געווען פערוואַלטער איבער סיריען.

און היות ווי פזאל האָט געוואָלט נאָכטאָן זיין בעריהמטען ברודער, דעריבער האָט ער אָנגעווענדט אַלע זיינע כּוחות אויף צו געווינען חן אין די אויגען

פון די ירושלמ׳ער איינוואוינער. הגם ער איז געווען כמעט אן אונאָבהייניגער מושל פון שטאָדט, פונדעסטוועגען האָט ער זיך אָבגעהאַלטען פון צו געבּרויכען זיין מאַכט אויף שלעכטע מעשים. און דעריבּער טאַקע האָט דאָס פאָלק געדיענט געטריי אַנטיפּטר׳ן, ווי אַ קעניג, און איטליכער האָט איהם אָבגעגעבען כבוד, ווי דעם אויבּערשטען הערשער איבּער דער מלוכה. אַנטיפּטר אליין איז, ווי פריהער, געבּליבען געטריי הורקנוס׳ן און האָט קיין שום פאַלשקייט קעגען איהם ניט געטאָן.

6. נאָר אין גליק קאָן מען בשום אופן ניט אויסמיידען קיין קנאה. הורקנוס איז שוין שטילערהייד פון לאַנג אָן געווען אויפגערעגט איבּער׳ן כבוד פון די יונגע לייט, נאָר מעהר פון אַלץ איז ער געווען אומרוהיג איבּער הורדוס׳עס גבורות און איבּער דער מאַסע אויסרופער, וואָס האָבּען געקלונגען וועגען די דאָזיגע גבורות אין אַלע עקען און קאַנטען. חוץ דעם פלעגען איהם נאָך אונטערוואַרימען עטליכע הויפּסלייט, וואָס האָבּען מקנא געווען אַנטיפּטר׳ן און זיינע זיהן, וואָס זייער פאָרזיכטיגקייט און קלוגשאַפט איז די דאָזיגע לייט געלעגען, ווי אַ שטיין אין וועג. אָט די הויפּס-לייט האָבּען געזאָגט צו הורקנוס׳ן: „ער, הורקנוס, האָט אייגענטליך אָבגעטראָטען די פערוואַלטונג אַנטיפּטר׳ן און זיינע זיהן, און ער אַליין איז נאָר געבּליבען בּיים טיטעל קעניג אָהן וואָסער עס איז מאַכט. ווי לאַנג נאָך וועט ער נאָך לעבּען אַזוי אין טעות און אויסהאָדעווען אויף זיין אייגענעם אומגליק מלכים? זיי בּעגנוגענען זיך שוין ניט מעהר צו האַלטען פון אויסווייניג דעם אויסזעהן פון רעגירער, נאָר זיי בּעלי-בּת׳עווען אין דער אמת׳ן, ווי פולבּערעכטיגטע מושלים און רוקען אַוועק אינגאַנצען אָן אַ זייט דעם אמת׳ען קעניג. האָט דאָך הורדוס קעגען דעם געזעץ פערטיליגט אַ סך אידען אָהן אַ מינדליכען אָדער שריפטליכען בּעפעהל פון איהם, פון הורקנוס׳ן. אויבּ הורדוס איז נאָך ניט קיין קעניג, נאָר אַ פּריוואַט-מענש, האָט ער בּעדאַרפט ווערען אָנגעקלאָגט פאַר׳ן בּית-דין און פערענטפערן זיך פאַר איהם און פאַר די געזעצען פון פאָטערלאַנד, וואָס דערלאָזען ניט אויספיהרען קיין טויט-שטראָף אָהן רעכט און אָהן בּית-דין".

7. אַזעלכע מיני רייד האָבּען נאָך מעהר אויפגערייצט הורקנוס׳ן. סוף-כל-סוף האָט זיך זיין כּעס אויסגעלאָזט דערמיט, וואָס ער האָט געהייסען רופען הורדוס׳ן פאַר׳ן בּית-דין. לויט זיין פאָטערס עצה און שטיצענדיג זיך אויף זיין גייסטיגען מצב, איז הורדוס אָנגעקומען קיין ירושלים, נאָכדעם ווי ער האָט פריהער פונאַנדערגעשטעלט אין גאַנץ גליל מיליטערישע אָבטיילונגען. ער איז געגאַנגען קיין ירושלים אָהן אַ חייל, בכדי מען זאָל איהם ניט חושד זיין, אַז ער וויל אַראָבוואַרפען הורקנוס׳ן, נאָר ער האָט זיך פאָרט אַרומגערינגעלט מיט אַ בּעדייטענדער מיליטערישער וואַך, בכדי אויף יעדען פאַל ניט בּלייבּען גאַנץ אונבּעשיצט אין די הענד פון זיינע בּעלי-מקנאים. נאָר סעקסטוס צעזאַר, וואָס איז געווען בּעזאָרגט איבּער׳ן גורל פון הורדוס׳ן און וואָס האָט מורא געהאַט פאַר די פאַלשקייטען מצד זיינע פיינד, האָט געשיקט צו הורקנוס׳ן אַ בּעפעהל צו בּעפרייען הורדוס׳ן פון דער בּעשולדיגונג אין מאָרד. הורקנוס,



יוליוס קיסר

וואָס איז געווען נוטה דאָס צו טאָן לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו מחמת זיין ליעבשאַפט צו הורדוס'ן, האָט איהם אָנערקענט פאַר פריי [1].

8. הורדוס, וואָס האָט גערעכענט, אַז ער איז בעפרייט געוואָרען קעגען קעניגס ווילען, איז אַוועק צו סעקסטוס צעזאַר'ן קיין דמשק מיט'ן בעשלוס ניט צו קומען מעהר פאַר'ן בית-דין, אויב אפילו מען וועט איהם נאָך אַמאָל אַרויסרופען. ווידער האָבען שלעכטע מענשען אָנגעהויבען אונטערצוהעצען הורקנוס'ן, און דאָס מאָל האָבען זיי איהם געשראָקען דערמיט, וואָס הורדוס איז אַוועק א דערצאָרענטער און איצט בעוואָפענט ער זיך קעגען איהם. דער קעניג האָט דאָס געגלויבט, נאָר היות ווי ער האָט גוט געוואוסט, אַז דער געגנער איז שטאַרקער פאַר איהם, דעריבער האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. נאָר אַז סעקסטוס צעזאַר האָט שפּעטער בעשטימט הורדוס'ן פאַר'ן פערוואַלטער איבער קעלעסיריען און שומרון, דעמאָלט האָט הורקנוס אָנגעהויבען מורא צו האָבען ניט בלויז פאַר דער פאָלקס-ליבע צו הורדוס'ן, נאָר אויך פאַר זיין מאַכט, וואָס איז איצט נאָך מעהר אויסגעוואַקסען, און אין שרעק האָט ער געריכט זיך, אַז יענער וועט אין גיכען אָנפאַלען אויף איהם מיט זיין חייל.

9. זיין פאָרגעפיהל האָט איהם ניט אָבגענאַרט. הורדוס, פול מיט גרימצאָרן איבער דעם פסק-דין, וואָס האָט בעדאַרפט אַרויסגעטראָגען ווערען קעגען איהם, האָט צונויפגעקליבען אַ חייל און האָט זיך געלאָזט גייהן אויף ירושלים, בכדי אַראָבצורעצען הורקנוס'ן. און ער וואָלט געוויס אויסגעפיהרט זיין פלאַן, אויב זיין פאָטער און ברודער, וואָס זיינען אַרויס איהם אַנטקעגען, וואָלטען ניט אַיינגעשטילט זיין כעס. זיי האָבען איהם בעשוואָרען, ער זאָל בעגרעניצען זיין נקמה דערמיט, וואָס ער וועט אָנסטראַשען הורקנוס'ן און אַרויסיאָגען אויף איהם אַ מורא; ער בעדאַרף פערשוינען דעם קעניג, וואָס אין זיינע צייטען האָט ער דערגרייכט צו אַזאַ מאַכט. אויב דאָס, וואָס מען האָט איהם אָנגעקלאָגט פאַר'ן בית-דין, — האָבען זיי מוסיף געווען — האָט איהם אַזוי אַרייב-

1) דאָ איז די מעשה מיט הורדוס'עס פראָצעס פאַר'ן סנהדרין אַ ביסעל פערפלאָנטערט און פערדרייהט. יוסיפוס האָט דאָ, בעשיינפערליך, איבערגעשריבען אַ מקור, וואָס איז גינסטיג פאַר הורדוס'ן (מסתמא, די שריפט פון הורדוס'עס הויף-היסטאָריקער ניקאָלאַוס פון דמשק). אין דער אמת'ן איז די מעשה געווען אַזוי: דער חזקיה, וואָס הורדוס האָט איהם דערהרג'עט אָהן אַ משפט, איז דאָס געווען אַ פּאַטריאָט וואָס האָט מורד געווען קעגען דער ניט-געזעצליכער ממשלה פון אַנטיפּטר'ס זיהן. הורדוס האָט זיך געמוזט שטעלען פאַר'ן סנהדרין. אַלע מיטגלידער פונ'ם סנהדרין האָבען זיך געשראָקען אַרויסצוטראָגען קעגען איהם דעם פערדיענטען פסק. מעהר ניט איין שמעיה האָט אָפען אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג און האָט צוגעגעבען מוט זיינע איבעריגע חברים, זיי זאָלען טאָן לויט'ן געזעץ. הורדוס וואָלט געוויס פער'משפט געוואָרען, נאָר הורקנוס, וועלכער האָט מורא געהאַט פאַר די רוימער, וואָס אונטער זייער שוץ איז הורדוס געשטאַנען, האָט אָבגעלייגט די זיצונג פונ'ם סנהדרין און האָט דערווייל געגעבען הורדוס'ן די מעגליכקייט צו אַנטלויפען פון ירושלים. אַ גענויע ערציילונג וועגען דער מעשה קאָן מען געפינען אין [illegible]'ס אידישע געשיכטע.

געבראַכט אין כעס, איז, פון דער אַנדער זייט, בעדאַרף ער זיין דאַנקבאַר דער־פאַר, וואָס מען האָט פון איהם די שולד אַראָבגענומען, באם ניט—וועט ער נאָר אָבצאָהלען פאַר דאָס שלעכטס; פאַר זיין בעפרייאונג אָבער וועט ער זיין אונ־דאַנקבאַר. מען מוז אויך געדיינקען, אַז דער אויסגאַנג פון דער מלחמה געפינט זיך אין גאָט'ס האַנד. און דעריבער איז אין אַן אומגערעכטען ענין דער חייל אָהן כח. אַרויסגייהענדיג פון דעם שטאַנדפונקט, קאָן ער, הורדוס, ניט זיין זיכער אין זיין נצחון, מחמת ער הויבט אויף זיין האַנד קעגען קעניג, וואָס מיט איהם אינאיינעם איז ער אויסגעוואַקסען, וואָס האָט איהם אָפט געטאָן טובות, און האָט קיין מאָל ניט בעצויגען זיך צו איהם פיינדליך; און אויב איצט האָט ער אַרויסגעוויזען בנוגע צו איהם, הורדוס'ן, אַ שאָטען פון אומגערעכטיגקייט, איז דאָס מעהר ניט ווי מחמת די אַייגריידענישען פון שלעכטע יועצים.

הורדוס האָט געלאָזט זיך אַייגריידען און האָט זיך בעגנוגענט דערמיט, וואָס ער האָט בעוויזען דעם פאָלק זיין קראַפט, און איז אויף אַזאַ אופן בע־הענטער צוגעקומען צום ענדציעל פון זיינע שטרעבונגען.

10. אין יענער צייט זיינען ביי אַפּאַמעאַ פאָרגעקומען מהומות און מלחמות צווישען די רוימער, דערפאַר וואָס צעציליוס באַסוס, פומפיוס'עס אַן אָנהייגער, האָט דורך פאַלשקייט דער'הרג'עט סעקסטוס צעזאַר'ן, און פערכאַפּט זיין אַרמיי נאָך צעזאַרס אַנדערע קריגס-הויפּטלייט, וואָס האָבען געוואָלט זיך נוקם זיין פאַר דעם דאָזיגען מאָרד, זיינען מיט פעראייניגטע קרעפטען אָנגעפאַלען אויף באַסוס'ן. צו זיי האָט אַנטיפּטר געשיקט הילפס-אָבטיילונגען דורך זיינע זיהן, און האָט אויף אַזאַ אופן אַרויסגעוויזען זיין פריינדשאַפט צו דיביידע צעזאַרס: צו דעם דער'הרג'עטען, ווי אויך צו דעם, וואָס האָט נאָך געלעבט. די מלחמה האָט נאָך אַלץ געדויערט, ביז וואַנען פון איטאַליען איז אָנגעקומען מורקוס, וואָס האָט פערנומען סעקסטוס'עס אָרט.

# עלפטער קאַפּיטעל.

הורדוס ווערט פערוואַלטער איבער גאַנץ סיריען. — מאַליך פער'סמ'ט אַנטיפּטר'ן נאָך דערפאַר ווערט ער אַליין געטויט.

1. אין דערזעלביגער צייט איז צווישען די רוימער אויסגעבראָכען די גרויסע מלחמה, בשעת קאַסיוס און ברוטוס האָבען פלוצלונג דורך פאַלשקייט געטויט צעזאַר'ן 1), נאָכדעם ווי ער האָט געוועלטיגט דריי יאָהר מיט זיבען חדשים. דער דאָזיגער מאָרד האָט אַרויסגערופען שרעקליכע מהומות און אַ צע־שפּאַלטונג צווישען די חשוב'ע לייט. פערזענליכע צוועקען האָבען בעוואויגען איטליכען צוצושטייהן צו דער, אָדער צו יענער פאַרטיי, וואָסהאָט צוגעזאָגט גרע־סערע טובות. דעמאָלט איז קאַסיוס געקומען קיין סיריען, בכדי אַריבערצוציהען

1) אין יאָהר 4 פאַר קריסט.

אויף זיין צד דעם חייל, וואָס האָט זיך געפונען ביי אַפּאַמעאַ. נאָכדעם ווי ער האָט דאָ שלום געמאַכט צווישען מורקוס'ן און באַסוס'ן, ווי אויך צווישען די לעגיאָנען, וואָס האָבען געשטריטען צווישען אַנאַנד, האָט ער בעפרייט אַפּאַמעאַ פון דער בעלעגערונג, און בראש פון דער פעראייניגטער אַרמיי איז ער אַליין אַרומגעפאָהרען איבער די שטעדט און האָט אומעטום גענומען צינז און אָב־געהאָלגען אָהן אַ שיעור.

2. ס'איז דערגאַנגען די צייט צו די אידען — אויף זיי האָט מען אַרויפגע־לייגט צו בעצאָהלען 700 טאַלענטען. אַנטיפּטר, וואָס האָט זיך געשראָקען פאַר קאַסיוס'עס סטראַשונקעס, האָט געהייסען אומגעזאַמט צונויפקלייבען די דאָזיגע סומע — זיינע זיהן און עטליכע זיינע קרובים, צווישען זיי אויך אפילו מאַליכ'ן, וואָס איז געווען זיין פּערזענליכער שונא — אַזוי גרויס איז געווען זיין נויט. דער ערשטער וואָס האָט קאַסיוס'ן צופרידען געשטעלט איז געווען הורדוס, וואָס האָט איהם אומגעזאַמט פּערזענליך צוגעשטעלט זיין חלק פון גליל, וועלכער האָט בעטראָפען 100 טאַלענטען. דערמיט האָט הורדוס זיך איינגעקויפט קאַס־יוס'עס פריינדשאַפט. און די איבעריגע האָט קאַסיוס געטאַדעלט פאַר זייער אומפּינקטליכקייט און האָט אפילו אויסגעלאָזען זיין כעס צו די עצם שטעדט די איינוואוינער פון גופנא, עמאוס און פון צוויי אַנדערע שטעדט פון דער צווייטער מדרגה האָט ער געמאַכט פאַר קנעכט יַּך איז פערגאַנגען אַזוי וויט, אַז מאַליכ'ן האָט ער געסטראַשעט מיט טויט-שטראָף, פאַרוואָס ער קלייבט אַזוי פאַמעליך דעם צינז. נאָר אַנטיפּטר האָט אָבגעווענדט דעם אונטערגאַנג פון איהם און פון נאָך איינעגע שטעדט דערמיט, וואָס ער האָט אַזוי גיך ווי מעגליך איינגעשטילט קאַסיוס'עס כעס דורך 100 טאַלענטען.

3. נאָכדעם ווי קאַסיוס איז אַוועק, האָט מאַליך ניט אַרויסגעוויזען קיין שום דאַנקבאַרקייט בנוגע צו אַנטיפּטר'ן. ער האָט, פערקעהרט, געמאַכט אַ פּלאַן ווי אָנצופאַלען אויפ'ן לעבען פון יענעם מענשען, וואָס האָט איהם ניט איין מאָל אָבגעראַטעוועט, און האָט זיך געמיהט צו דערווייטערן דעם יעניגען, וואָס איז געווען איהם שטענדיג אַ שטער אין זיינע פערברעכענס. אַנטיפּטר, וואָס דער כח און די פאַלשקייט פונ'ם פיינד האָבען אין איהם איינגעפליסט אַ חשד, איז אַריבער דעם ירדן, בכדי צונויפצוקלייבען אַ חייל און צוגרייטען זיך צו אַ ווידערשטאַנד. און אַז מאַליך האָט דערזעהן, אַז זיינע בעהאַלטענע פּלענער זיינען אַנטפּלעקט געוואָרען, האָט ער פערשטאַנען דורך זיין חוצפה אָבצונאַרען אַנטיפּטר'ס זיהן, הן פזאל'ן, וואָס איז געווען דער קאָמענדאַנט פון ירושלים, הן הורדוס'ן, וואָס איז געווען דער אָנפיהרער פונ'ם גאַנצען חייל. ער האָט זיי אַזוי פערבלענדט דורך זיינע חרמות און שבועות, אַז זיי האָבען זיך אָנגענו־מען צו מאַכען שלום צווישען איהם און זייער פאָטער. נאָך אַמאָל האָט אַנטיפּטר איהם אָבגעראַטעוועט, דורכדעם וואָס ער האָט גע'פועל'ט ביים דעמאָלטיגען פערוואַלטער פון סיריען, מורקוס'ן, ער זאָל פערשוינען מאַליכ'ן, וועמען ער האָט געהאַט בדעה צו טויטען איבער זיין אונרוהיגען כאַראַקטער.

4. אין יענער צייט איז אויסגעבראָכען דער קאַמף פון דעם יונגען

צוזאַר 1) און אַנטאָניוס'ן קעגען ברוטוס און קאַסיוס. דער לעצטער האָט אי-
איינעם מיט מורקוס'ן צונויפגעקליבען אַ חייל אין סיריען, און היות ווי אַ בע-
דייטענדער טייל פון די מיטלען, וואָס זיי האָבען בעדאַרפט האָבען פאַר דער
דאָזיגער מלחמה, האָט זיי צוגעשטעלט הורדוס, דעריבער האָבען זיי איהם בע-
שטימט פאַר'ן פערוואַלטער איבער גאַנץ סיריען און האָבען איהם געגעבען
פוספאָלק און רייטערײ. קאַסיוס האָט איהם אפילו צוגעזאָגט נאָכ'ן סוף פון
דער מלחמה צו מאַכען איהם פאַר אַ קעניג איבער מלכות-יהודה. די
דאָזיגע מאַכט הורדוס'עס און די גלענצענדע צוקונפט, וואָס האָט אויף איהם
געוואַרט, זיינען געווען די סבה פון זיין פאָטערס אונטערגאַנג. אויס מורא פאַר
דער גדולה פונ'ם דאָזיגען מענשען, וואָס איז אַלץ מעהר געוואַקסען, האָט מאַליך
אונטערגעקויפט אײנעם פון דעם קעניגס וויינשײנקער, ער זאָל פער'סמ'ען אַנ-
טיפּטר'ן. אַזוי איז געשטאָרבען, אין מיטען זיינע גרויסע מעשים, דער דאָזיגער
מעכטיגער מאַן, וואָס הורקנוס האָט געהאַט איהם צו פערדאַנקען זיין ממשלה. ער
איז געשטאָרבען אין דער צײט פון אַ מאָלצייט אַלס אַ קרבן פון מאַליכ'ס פערברעכען.

5. מאַליך האָט געקאָנט איינשטילען דעם גרימצאָרן פון פאָלק, וואָס
האָט איהם חושד געווען, אַז ער האָט דאָס פער'סמ'ט אַנטיפּטר'ן,—דורכדעם וואָס
ער האָט אָבגעלייקענט, אַז ער האָט עפּיס אַן אָנטייל דערין. נאָר היות ווי ער
האָט פאָראויסגעזעהן, אַז הורדוס וועט ניט בלייבען גלייכגילטיג, דעריבער האָט
ער גלייכצייטיג פערגרעסערט זיין חייל דורך שווער-בעוואָפענטע. און אין דער
אמת'ען איז הורדוס באַלד געקומען בראש פון אַ חייל, בכדי צו נעמען נקמה
פאַר זיין פאָטער. נאָר לויט דער עצה פון ברודער פזאל, וואָס האָט איהם גע-
געבען צו פערשטייהן, אַז אויב ער, הורדוס, וועט אָנהויבען אָפען רודף צו זיין
מאַליכ'ן, קאָן ער אויפרייצען דאָס פאָלק, האָט הורדוס דערווייל אויסגעהערט
זיינע טענות און האָט לפנים זיך אָבגעזאָגט פון זיין השד. דעם פאָטער האָט
ער געמאַכט אַ גרויסאַרטיגע לויה.

6. דערנאָך איז הורדוס אַוועק קיין שומרון, וואו עס האָבען דעמאָלט געהערשט
פאָלקס-מהומות, און האָט איינגעשטעלט דאָרט רוה. דערנאָך איז ער צום נאָהענט-
טען יום-טוב בראש פון זיין שווער-בעוואָפענטען חייל ווידער אָנגעקומען קיין
ירושלים. לויט מאַליכ'ס עצה, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר הורדוס'עס קומען,
האָט הורקנוס אַרויסגעשיקט איהם אַנטקעגען אַ בעפעהל, ער זאָל ניט אַריינפיה-
רען קיין פרעמדע אין שטאָדט, וואָס איהרע איינוואוינער הייליגען זיך צום קו-
מענדיגען יום-טוב. נאָר הורדוס האָט ניט געקוקט הן אויפ'ן מאָטיוו פונ'ם בע-
פעהל און אויף דער פערזאָן, פון וועמען דער דאָזיגער בעפעהל איז אַרויסגע-
גאַנגען, און איז בײ-נאַכט אַריינגעטראָטען אין שטאָדט. מאַליך איז ווידער
געקומען צו איהם און האָט אָנגעהויבען ביטער צו בעוויינען אַנטיפּטר'ן. הורדוס
האָט זיך אויך פערשטעלט פאַר איהם, הגם ער האָט מיט שוועריגקייט געקאָנט
איינהאַלטען זיין כעס. נאָר דאָ גופא האָט ער גע'מסר'ט וועגען דעם פאָטערס
ערמאָרדונג אין אַ בריעף צו קאַסיוס'ן, וואָס האָט סיי-ווי-סיי פיינט געהאַט

1) אווגוסטוס-קיסר.

מאַליכ׳ן. אין זיין ענטפּער האָט קאַסיוס גערופען הורדוס׳ן, ער זאָל נקמה נעמען פאַר זיין פאָטער, און גלייכצייטיג האָט ער געגעבען אַ געהיימען בעפעהל זיינע קריגס-טריבונען (אָפיצירען), זיי זאָלען העלפען הורדוס׳ן אָבטאָן דעם דאָזיגען אַקט פון גערעכטיגקייט.

7. ווי נאָר קאַסיוס האָט געהאַט איינגענומען לאַאָדיקיאַ (לודקיה), האָבען אָנגעהויבען פון אומעטום צו קומען צו איהם שרים מיט מתנות און קראַנצען. דעם דאָזיגען מאָמענט האָט הורדוס בעשטימט פאַר זיין נקמה. מאַליך, וואָס האָט זיך געפונען דעמאָלט אין צור, האָט פערשטאַנען זיין מיין און האָט בעשלאָסען שטילערהייד אַוועקצושיקען זיין זוהן פון צור, וואו יענער האָט זיך געפונען אַלס משכון, און אַליין צו אַנטלויפען אין לאַנד יהודה. זיין פערצווייפעלטע לאַגע האָט איהם אַיינגעפליסט נאָך בריימערע פלענער: היות ווי ער האָט געוואוסט, אַז קאַסיוס איז פערנומען אין דער מלחמה מיט אַנטאָניוס׳ן, דעריבער האָט ער געהאָפט, אַז ער וועט קאָנען צוריידען דעם פאָלק מורד צו זיין קעגען די רוימער, און דערנאָך וועט ער קאָנען מיט גרינגער מיה אַראָבוואַרפען הורקנוס׳ן און אַליין ווערען קעניג אין מלכות-יהודה.

8. נאָר איהם איז ניט בעשערט געווען אויסצופיהרען זיינע פלענער. הורדוס האָט פאָראויסגעזעהן זיין פלאַן און האָט איהם אַיינגעלאַדען אינאיינעם מיט הורקנוס׳ן צו זיך אויף אַ מאָלצייט. אַז די געסט זיינען געקומען, האָט הורדוס גערופען איינעם פון זיינע דיענער און האָט איהם אַוועקגעשיקט ווי בלומר׳שט מיט אַ שליחות צוצוגרייטען אַלץ פאַר דער מאָלצייט. נאָר אין דער אמת׳ען, בכדי צו בעפעהלען די טריבונען זיך צו בעהאַלטען. געדיינקענדיג קאַסיוס׳עס בעפעהל, זיינען די טריבונען, בעוואָפענט מיט שווערדען, אַרויסגעגאנגען הינטער׳ן שטאָדט צום ברעג צו. דאָ האָבען זיי אַרומגערינגעלט מאַליכ׳ן, אָנגעמאַכט איהם אַ סך וואונדען און געטויט. הורקנוס׳ן האָט אָנגעהאַפּט אַזאַ שרעק, אַז ער איז געפאַלען אין חלשות. אַז ער איז דערנאָך מיט מיה געקומען צו זיך, האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי הורדוס׳ן, ווער עס האָט געטויט מאַליכ׳ן. און אַז איינער פון די טריבונען האָט געענטפערט: „קאַסיוס׳עס בעפעהל", האָט הורקנוס אַרויסגערעדט: „אויב אַזוי, האָט קאַסיוס געראַטעוועט מיך און מיין פאָטערלאַנד, מחמת ער האָט בעזייטיגט אַ מענשען, וואָס איז געווען געפעהרליך פאַר אונז ביידען". מען האָט ניט געקאָנט בעשטימען: צי האָט טאַקע הורקנוס אַרויסגעזאָגט מיט אַן אמת דאָס, וואָס ער האָט געמיינט, אָדער ער האָט גערעדט אויס מורא, רעכענענדיג זיך מיט דעם אָבגעטאָנענעם אַקט. אָט אויף אַזאַ אופן האָט הורדוס זיך נוקם געווען אָן מאַליכ׳ן.

## צוועלפטער קאַפּיטעל.

פזאל איז מנצח העליקס׳ן, און הורדוס — אנטיגנוס׳ן. פזאל און הורדוס ווערען בעשטימט דורך אנטאָניוס׳ן פאַר טעטראַרכען.

1. נאָכדעם ווי קאַסיוס איז אַוועק פון סיריען, זיינען אין ירושלים ווידער אויסגעבראָכען אומרוהען. אַ געוויסער העליקס איז אַרויסגעטראָטען בראש פון

אַ חייל קעגען פּזאל'ן, בכדי אויס נקמה אָן הורדוס'ן פאַר מאַליכ'ס ערמאָרדונג צו בעשטראָפען זיין ברודער. הורדוס, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען ביי פאַביוס'ן, דעם קאָמענדאַנט פון דמשק, האָט שוין געהאַט בדעה צו קומען זיין ברודער צו הילף, נאָר אַ קראַנקייט האָט איהם דערין געשטערט. דערווייל האָט פּזאל שוין מיט זיין אייגענער קראַפט מנצח געווען העליקס'ן. ער האָט געמאַכט פאָרוואַרפען הורקנוס'ן, פאַרוואָס ער איז געשטאַנען אויף העליקס'עס צד און האָט איבערגעלאָזען די פעסטונגען אינ'ם רשות פון מאַליכ'ס ברודער, וואָס האָט שוין געהאַט אַ סך פון זיי איינגענומען, צווישען דעם אויך די שטאַרקסטע צווישען זיי, מצדה.

2, קעגען הורדוס'עס מאַכט האָט יענער אָבער גאָרנישט ניט געקאָנט אויספיהרען. וואָרום ווי נאָר הורדוס איז געזונט געוואָרען, האָט ער תיכף אַרויסגעריסען פון זיינע הענד זיין רויב. נאָר היות ווי ער האָט זיך ביי הורדוס'ן שטאַרק געבעטען, האָט הורדוס איהם געלאָזען פריי אַוועקגייהן פון מצדה.

דערנאָך האָט הורדוס פערטריבען פון גליל דעם טיראַן פון צור, מאַריאָן, וואָס האָט שוין געהאַט איינגענומען דריי דאָרטיגע פעסטונגען. די צורים, וואָס ער האָט גענומען געפאַנגען אין דער מלחמה, האָט ער געלאָזען לעבען און עטליכע פון זיי האָט ער אַפילו אָבגעשיקט אַהיים מיט מתנות. דורכדעם האָט ער זיך אַזוי בעליעבט געמאַכט ביי די איינוואוינער פון צור, פונקט ווי ביי דעם טיראַן איז ער געווען פערהאַסט. הגם מאַריאָן האָט בעקומען זיין ממשלה פון קאַסיוס'ן, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט גאַנץ סיריען אויף אַזעלכע קליינע פירשטענטימער, פונדעסטוועגען האָט ער, מחמת שנאה צו הורדוס'ן, אונטערגעשטיצט אַריסטאָבול'ס זוהן, אַנטיגנוס'ן, און דאָס האָט ער געטאָן נאָך מעהר דערפאַר, וואָס דער לעצטער האָט דורך געלד בעוואויגען פאַביוס'ן, ער זאָל איהם העלפען צוריק צו בעקומען די מלוכה. אַלע מיטלען, וואָס זיינען דערצו נויטיג געווען, האָט אַנטיגנוס'ן געגעבען תלמי—וואָס איז געווען זיינער אַ מחותן.

3. קעגען די דאָזיגע שונאים איז הורדוס אַרויסגעטראָטען אין מלחמה. האָט זיי מנצח געווען ביי די גרעניצען פון לאַנד יהודה און האָט פערטריבען אַנטיגנוס'ן. דערנאָך האָט ער זיך צוריק אומגעקעהרט קיין ירושלים, וואו אַלע האָבען איהם בעגריסט פאַר זיינע גבורות אין דער דאָזיגער מלחמה. איצטער האָבען אויך אַ סך פון די, וואָס האָבען איהם פריהער ניט ליעב געהאַט, בעגעגענט איהם פריינדליך, מחמת הורקנוס איז געוואָרען זיינער אַ מחותן. וואָרום פריהער האָט הורדוס געהאַט גענומען אַ פרוי פון די איינגעבאָרענע פון לאַנד מיט'ן נאָמען דאָריס, וואָס איהר משפחה איז געווען אַ גאַנץ מיוחס'דיגע, און די דאָזיגע פרוי האָט איהם געבאָרען אַ זוהן אַנטיפּטר. איצט אָבער האָט ער זיך פערקנס'ט מיט מרים'ען, די טאָכטער פון אַריסטאָבול'ס זוהן, אַלכסנדר'ן, און הורקנוס'עס אַן אייניקעל. אַזוי איז ער דורך איהר געוואָרען אַ קרוב פון קעניג.

4. נאָכדעם ווי קאַסיוס האָט בעקומען די מפלה ביי פיליפּי[1], איז צוגע-

1) אין יאָהר 42 פאַר קריסט.

(אויגוסטוס-קיסר) אװעק קיין איטאַליען און אַנטאָניוס קיין אַזיען. דאָ זיינען געקומען צו אַנטאָניוס'ן קיין ביטיניען שלוחים פון אַלע איינצעלנע מלוכות. צווישען דעם זיינען אויך געווען חשוב'ע אידען, וואָס האָבען זיך בעקלאָגט איבער פּזאל'ן און הורדוס'ן, וואָס זיי האָבען אַריינגעחאַפּט די גאַנצע ממשלה אין זייערע הענד, און ביי הורקנוס'ן איז מעהר ניט געבליבען, ווי דער בכבוד'יגער טיטעל. נאָר אויך הורדוס איז באַלד געקומען און דורך טייערע מתנות האָט ער זיך אַזוי צוגעחנפ'עט צו אַנטאָניוס'ן, אַז יענער האָט זיינע געגנער אַפילו קיין וואָרט ניט געלאָזט אויסריידען. אַזוי האָבען זיי געמוזט אָבפאָהרען אָהן אַ שום פּעולה.

5. אָבער ווידער אַמאָל זיינען געקומען הונדערט פון די אָנגעזעהענסטע אידען קיין דאַפנע נעבען אַנטיוכיה צו אַנטאָניוס'ן, וואָס די ליעבע האָט איהם שוין דעמאָלט געהאַט געמאַכט פאַר קלעאָפּאַטרע'ס שקלאַף, און די חשוב'סטע און בערייד'עוודיגסטע צווישען זיי זיינען אַרויסגעטראָטען אַלס רעדנער, בכדי אָנצוקלאָגען ביידע ברידער. אַנטקעגען זיי האָט פערטיידיגט די בעשולדיגטע מעסאַלאַ, און אויך הורקנוס, וואָס איז איצט געווען אַ קרוב פון די בעשולדיגטע, האָט איהם דערין געהאָלפען. אַז אַנטאָניוס האָט אויסגעהערט ביידע צדדים, האָט ער געפרעגט ביי הורקנוס'ן, ווער עס פּאַסט צום מיינסט פאַר אַ רעגירער. און אַז הורקנוס האָט אַרויסגעשטעלט הורדוס'ן מיט זיין ברודער, האָט זיך אַנטאָניוס זייהר געפרייהט, וואָרום נאָך דעמאָלט, בשעת ער, אַנטאָניוס, איז געקומען מיט גאַביניוס'ן אין מלכות-יהודה, האָט זייער פאָטער איהם אויפגענומען ווי אַ גוטען גאַסט. דערנאָך האָט ער בעשטימט די ברידער פאַר טעטראַרכען 1) און האָט זיי איבערגעגעבען די פערוואַלטונג איבער גאַנץ מלכות-יהודה.

6. בשעת די אידישע שלוחים האָבען אויסגעדריקט זייער אונצופרידענקייט דעריבער, האָט אַנטאָניוס געהייסען חאַפּען פופצעהן פון זיי און אַריינוואַרפען אין תפיסה 2) און ער האָט געהאַט בדעה זיי צו לאָזען טויטען; די איבעריגע האָט ער אַוועקגעטריבען מיט גרויסע חרפות. מחמת דעם איז די אויפרעגונג אין ירושלים נאָך מעהר געוואַקסען, און נאָך אַ מאָל האָט מען אַרויסגעשיקט שלוחים, — דאָס מאָל זיינען עס געווען אַפילו טויזענד — קיין צור, וואו אַנטאָניוס האָט זיך אויפגעהאַלטען אונטערוועגס קיין ירושלים. נאָר אַז די דאָזיגע שלוחים האָבען אויפגעהויבען אַ געשריי מיט אַ ליאַרם, האָט אַנטאָניוס אַרויסגעשיקט קעגען זיי דעם קאָמענדאַנט פון צור מיט'ן בעפעהל צו טויטען אַלעמען, וועמען ער וועט נאָר חאַפּען, און דורכדעם זאָל ער בעפעסטיגען די ממשלה פון די טעטראַרכען, וואָס אַנטאָניוס האָט בעשטימט.

7. נאָר אַפריהער איז הורדוס מיט הורקנוס'ן אַרויס אויפ'ן ברעג און האָט

1) טעטראַרך איז אַמאָל געווען דער טיטעל פון'ם רעגירער איבער אַ פערטל-חלק פון אַ לאַנד; דאָ בעצייכענט ער קליינע פירשטען בכלל.

2) נאָר הורדוס האָט בעפועלט ביי אַנטאָניוס'ן, מען זאָל זיי לאָזען לעבען (קדמוניות היהודים, בוך 14, קאַפּ. 13).

מתרה געווען די אידען, אַז אויב זיי וועלען זיך נאָך אַנטקעגענשטעלען, וועלען זיי אַרויסרופען אויף זיך דעם אונטערגאַנג, און אויף זייער פֿאָטערלאַנד אַ מלחמה. אָבער היות ווי דער כעס פון די אידען איז נאָך גרעסער געוואָרען דורך די אַלע רייד, האָט אַנטאָניוס אַרויסגעשיקט בעוואָפֿענטע מענשען, וואָס האָבען אַ סך פון זיי אויסגעהרג'עט אָדער פערוואונדעט. די לויה פון די הרוגים און די זאָרג וועגען די פערוואונדעטע האָט הורקנוס גענומען אויף זיך. יענע אָבער, וואָס זיינען אַנטרונען געוואָרען פון דער שחיטה, האָבען זיך נאָך אַלץ ניט געהאַלטען רוהיג; פֿערקעהרט, זיי האָבען אונטערגעהעצט די בעפעלקערונג פון דער סביבה. דעריבער איז אַנטאָניוס אַזוי אין כעס געוואָרען, אַז ער האָט אַפילו געהייסען טויטען די געפאַנגענע.

# דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

די פּאַרטער זעצען ווידער אַרויף אַנטיגנוס'ן אויפ'ן טראָן.—הורקנוס ווערט געפאַנגען. הורדוס אַנטלויפט.— די בעראַובונג פון ירושלים.— פזאל'ס טויט.

1. אין צוויי יאָהר אַרום, בשעת דער פּאַרטישער סאַטראַפּ, באַרזאַפאַרנעס און דעם פּאַרטישען קעניגס זוהן, פּאַקורוס, האָבען געהערשט איבער סיריען, — האָט ליזאַניוס, וואָס האָט איבערגענומען די רעגירונג נאָכ'ן טויט פון זיין פֿאָטער, תּלמי דעם זוהן מענעאוס, צוגערעדט דעם סאַטראַפּ, ער זאָל אַנטיגנוס'ן ווידער אַרויפזעצען אויפ'ן טראָן און הורקנוס'ן אַראָבוואַרפען. דערפאַר האָט ער איהם צוגעזאָגט טויזענד טאַלענטען און האָט זיך געלאָזט גייהן פאַזע ברעג ים, און באַרזאַפאַרנעס'ן האָט ער געהייסען גייהן אינעווייניג אין לאַנד. צווישען די זייבוואוינער פון ברעג ים האָבען די צורים פערשלאָסען זייערע טויערן פאַר פּאַקורוס'ן, די איינוואוינער פון עכו און צידון האָבען איהם, פערקעהרט, צוגענומען. דערנאָך האָט ער איבערגעגעבען אַ קעניגליכען וויינשיינקער (שר-המשקים), וואָס האָט געהאַט דעם אייגענעם נאָמען, וואָס ער, אַ טייל פון די רייטער און האָט איהם בעפוילען אַריינצודרינגען אין מלכות יהודה, בכדי אויסצופאָרשען די לאַגע פון די פיינד און צו העלפען אַנטיגנוס'ן, ווי וויית דאָס וועט נויטיג זיין.

2. אין דער צייט, וואָס די דאָזיגע מיליטער-אָבטיילונג איז אַריין אין געגענד פון כרמל און האָט עס פערוויסט, האָבען זיך צונויפגעקליבען אַרום אַנטיגנוס'ן אַ סך אידען, וואָס האָבען דערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט צו נעמען אַן אָנטייל אין דעם אָנפאַל. אַנטיגנוס האָט זיי געשיקט פאָראויס אין דעם אַזוי אָנגערופענעם דעמבען-וואַלד, בכדי זיי זאָלען איינעמען די דאָזיגע געגענד. אין דעם קאַמף, וואָס איז דאָרט אויסגעבראָכען, האָבען זיי צוריקגעשלאָגען די פיינד און זיי נאָכגעיאָגט. דערנאָך זיינען זיי אַוועק קיין ירושלים, און אונטערוועגס זענען צו זיי צוגעשטאַנען נאָך מאַסען. צולעצט האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט פאַר'ן קעניגליכען פּאַלאַץ. דאָ אָבער זיינען אַרויסגעטראָטען קעגען זיי פזאל און הורקנוס מיט אַ בעדייטענדען חייל, און אויפ'ן מאַרק-פּלאַץ איז פאָרגעקומען אַ געשלעג, אין וועלכען הורדוס מיט זיינע קריגס-לייט האָבען געצוואונגען די פיינד צו אַנטלויפען. די לעצטע האָבען זיך איינגעשלאָסען אין בית-המקדש, און

הורדוס האָט זיי דאָרט געלאָזט היטען דורך זעכציג זעלנער, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף די דעכער פון די שכנישע הייזער. נאָר דער טייל פון פאָלק, וואָס איז געווען פיינדליך געשטימט קעגען ביידע ברידער, איז אָנגעפאַלען אויף די הייזער און האָט זיי פערברענט אינאיינעם מיט די סאָלדאַטען. דערצאָרענט איבער דעם דאָזיגען אָנווערהר, איז הורדוס אָנגעפאַלען אויף זיינע געגנער און האָט אַ סך פון זיי געטויט. אַזוי פלעגען זיי איינער אויפ'ן אַנדערן אָנפאַלען אַלע טאָג גאַנצע מחנות'ווייז, און צו די הריגות איז גאָר קיין סוף ניט געווען.

3. אין דערזעלביגער צייט איז אויסגעקומען שבועות, און מחמת דעם האָט זיך אָנגעקליבען אַרום בית-המקדש, ווי בכלל אין דער גאַנצער שטאָדט, אַ מאַסע מענשען פון דער פראָווינץ, וואָס זיינען געווען ס'רוב בעוואָפענט. פזאל האָט געהאַט פערנומען די מויער, הורדוס מיט אַ קליינער אָבטיילונג ווידער — דעם קעניגליכען פאַלאַץ. הורדוס האָט געמאַכט אָנפאַלען פון צפון-זייט אויף דעם ניט-אָרגאַניזירטען המון פון די שונאים. אַ גרויסען טייל פון זיי האָט ער אויסגעהרג'עט און איינינע האָט ער איינגעשלאָסען אין בית-המקדש, אַנדערע אין דער שטאָדט, די דריטע צווישען די אויסווייניגסטע וואַלען. דעמאָלט האָט אַנטיגנוס פאָרגעלייגט אַריינצולאָזען פאַקורוס'ן אין שטאָדט, בכדי ער זאָל מאַכען אַ פשרה צווישען די שטרייטענדע צדדים. פזאל האָט דערויף מסכים געווען און האָט ניט פריינדליך אויפגענומען דעם פאַרטער מיט פינף הונדערט רייטער, הגם דער לעצטער איז מעהר ניט לפנים געקומען אונטערשטיצען אַנטיגנוס'ן. דערנאָך האָט דער פאַלשער פאַקורוס איינגערעדט פזאל'ן, ער זאָל גייהן אַלס שליח צו באַרזאַפאַרנעס'ן, בכדי צו מאַכען אַ פשרה אין דער מחלוקת. הורדוס האָט אפילו אָבגעראָטען זיין ברודער דערפון און האָט איהם פאָרגעלייגט, ער זאָל בעסער זעהן אָבשאַפען פון וועג דעם פאַלשען מענשען, איידער פערלאָזען זיך אויף איהם, וואָרום די באַרבאָרען זיינען על-פי טבע פאַלש. פונדעסטוועגען איז פזאל מיט הורקנוס'ן אוועק צו באַרזאַפאַרנעס'ן, און בכדי צו דערוועקען ווינציגער חשד, האָט פאַקורוס געלאָזען ביי הורדוס'ן עטליכע פון זיינע רייטער, וואָס האָבען געהייסען „די פרייע“, און די איבעריגע האָט ער געהייסען בעלייטען פזאל'ן.

4. אַז הורקנוס און פזאל זיינען אָנגעקומען אין גליל, האָבען זיי געטראָפען די איינוואוינער פון לאַנד בעוואָפענט צום אויפשטאַנד. די מענשען, וואָס האָבען בעלייט הורקנוס'ן און פזאל'ן, האָבען אינאיינעם מיט באַרזאַפאַרנעס'ן איצט אַרומגעטראַכט זייער פאַלשען פלאַן, און זיי האָבען דעם לעצטען צוגערעדט, ער זאָל זיך אָנשטעלען, אַז ער איז פזאל'ס בעסטער גוטער פריינד. צוליעב דעם האָט דער סאַטראַפ לכתחילה הורקנוס'ן און פזאל'ן געגעבען מתנות, אָבער ווי נאָר זיי זיינען אוועק פון איהם, האָט ער אָנגעהויבען אויסצופיהרען זיינע פאַלשע פלענער. זיי ביידע אָבער האָבען דאָך אָנגעהויבען צו פערשטייהן, וואו זיי האַלטען, בשעת זיי זיינען אָנגעקומען אין אַ גרעניץ-שטאָדט מיטן נאָמען עקדיפאָן. דאָרט האָבען זיי דערהערט וועגען די צוגעזאָגטע טויזענד

טאַלענטען. חוץ דעם האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז צווישען די פינף הונדערט פרויען, וואָס אַנטיגנוס האָט צוגעזאָגט די פּאַרטער, זאָלען זיך געפינען ס'רייב זייערע אייגענע פרויען. זיי זיינען אויך געוואָהר געוואָרען, אַז די באַרבאַרען שטעלען אַוועק אַרום זיי אַלע נאַכט בעהאַלטענע שומרים, און אַז מען האָלט זיי שוין לאַנג געהאַט גענומען געפאַנגען, אויב מען וואָלט ניט געוואָלט וואַרטען, ביז וואַנען מען וועט כאַפּען הורדוס'ן אין ירושלים, בכדי ער זאָל ניט קאָנען אָננעמען קיין פּאָרזיכס-מיטלען, בשעת ער וועט זיך דערוויסען וועגען הורקנוסע'ס און פזאל'ס סוף. און אַז דאָס אַלץ איז ניט בלויז פּוסטע דבורים, איז געווען געדרונגען דערפון, וואָס פון דער ווייסענס האָבען זיי שוין געקאָנט זעהן די וועכטער, וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט פון זייערטוועגען.

5. אַ געוויסער אַפּעליוס האָט זיך דערוואוסט וועגען גאַנצען פאַלשען פּלאַן פון סאַראַמעלאַס'ן, וואָס איז געווען דער רייכסטער סידייער פון יענער צייט. און דער דאָזיגער אַפּעליוס האָט צוגערעדט פזאל'ן, ער זאָל אַנטלויפען. נאָר יענער האָט ניט געקאָנט פועל'ן ביי זיך צו לאָזען הורקנוס'ן אַליין. אדרבה, ער איז אַוועק גלייך צום סאַטראַפּ און האָט איהם אין פּנים אַריין געמאַכט פאָרוואורפען איבער זיין בגידה, און בפרט איבער זיין געלדגעריגקייט, וואָס האָט איהם געפיהרט דערצו. דערנאָך האָט ער איהם אָנגעבאָטען פאַר זיין רעטונג נאָך אַ גרעסערע סומע, איידער אַנטיגנוס האָט איהם צוגעזאָגט פאַר'ן בעקומען פאַר איהם דעם טרון. דער פּאַרטער אָבער איז געווען אַזוי דורכגעטריבען, אַז מיט כל-ערליי טענות און שבועות האָט ער זיך געמיהט אַראָבצוואַרפען פון זיך דעם חשד און איז אַוועק צו פּאַקורוס'ן. באַלד דערויף האָבען די איבערגעבליבענע פּאַרטער, וואָס האָבען בעקומען דערויף אַ בעפעהל, גענומען געפאַנגען פזאל'ן און הורקנוס'ן, און די לעצטע פון זייער זייט האָבען ניט אויפגעהערט צו שילטען די פּאַרטער מיט שווערע קללות פאַר זייער ניט האַלטען וואָרט און פאַר'ן עובר זיין זייער שבועה.

6. דערווייל האָט זיך געפלייסט דער שר המשקים, וואָס די פּאַרטער האָבען איהם געשיקט, אַריינצוכאַפּען אויך הורדוס'ן, און האָט געזוכט, לויט'ן בעפעהל, וואָס ער האָט בעקומען, איהם אַרויסצונאַרען אויסערהאַלב די מויערן. שוין פון אָנהויב אָן האָט הורדוס געהאַט אַ חשד קעגען די באַרבאַרען, און נאָך מעהר איצט, בשעת ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אַ בריעף, וואו מען האָט איהם אָנגעזאָגט וועגען דעם אָנפאַל, וואָס מען גרייט קעגען איהם, איז אַריינגעפאַלען צו די שונאים אין די הענד. ער האָט דעריבער זיך געהיט אַרויסצוגייהן פון שטאָדט, הגם פּאַקורוס האָט איהם געלאָזט אָנזאָגען, אַז ער זאָל גאַנץ רוהיג אַרויסגייהן אַנטקעגען די מענשען, וואָס בריינגען דעם בריעף; וואָרום די פיינד האָבען דעם בריעף ניט פערהאַלטען, און אין בריעף געפינט זיך גאָרנישט וועגען אַן אָנפאַל, נאָר בלויז אַ ידיעה וועגען דעם, וואָס פזאל האָט אויפגעטאָן. צופעליג אָבער האָט זיך שוין הורדוס דערוואוסט פון אַן אַנדער אָרט, אַז זיין ברודער איז גענומען געוואָרען געפאַנגען. אויך האָט זיך ביי איהם געפונען הורקנוס'עס טאָכטער מרים (זיין צוקונפטיגע שוויגער), וואָס איז געווען זייער אַ קלוגע פרוי, און זי האָט זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל בלייבען אין

שטאָדט און ניט איבערגעבען זיך אין די הענד פון די באַרבאַרען, וואָס ווילען בע-שיינפערליך איהם נעמען דאָס לעבען.

7. אין דער צייט וואָס פאַקורוס און זיינע חברים האָבען זיך אַלץ מיישב געווען, ווי אַזוי צו פערווירקליכען זייערע פלענער בעהאַלטענערהייד, וויבאַלד אַז מיט אָפענער געוואַלד האָט מען ניט געקאָנט צוקומען צו אַזאַ דורכגע-טריבענעם מענשען, ווי הורדוס, — האָט יענער זיך שוין געפעדערט פאַר זיי און אין איין נאַכט איז ער מיט זיינע נאָהענטסטע מענשען אַנטלאָפען אין לאַנד אדום, און די פיינד האָבען דערפון גאָרנישט ניט געוואוסט. ווי באַר די פאַרטער זיינען דאָס דערגאַנגען, האָבען זיי תיכף געלאָזט זיך נאָך איהם נאָכיאָגען. דעמאָלט האָט הורדוס געלאָזען גייהן זיין שוועסטער, זיין כלה מיט איהר מוטער פאָראויס און ער מיט זיינע קריגס-לייט האָבען אָבגעשטעלט די באַרבאַרען, בכדי צו בעשיצען זיינע קרובים. איטליכס מאָל, ווען די פאַרטער פלעגען אָנפאַלען, האָט ער אַ סך פון זיי אויסגעהרג'עט. אַזוי האָט ער סוף-כל-סוף דערגרייכט בשלום ביז דער פעסטונג מצדה.

8. נאָך מעהר, איידער די פאַרטער, האָבען איהם די אידען געמאַכט שוועריגקייטען ביים אַנטלויפען. זיי פלעגען שטענדיג אָנפאַלען אויף איהם, און אַז ער האָט זיך געפונען אַ מהלך פון זעכציג סטאַדיעס ווייט פון שטאָדט, האָ-בען זיי אפילו געגעבען איהם אַ געשלעג, וואָס האָט געדויערט גאַנץ לאַנג. הורדוס אָבער האָט זיי מנצח געווען און האָט אַ סך אויסגעהרג'עט. שפעטער האָט ער אויף דעמזעלביגען אָרט געגרינדעט צום אָנדייגקען אַ שטאָדט, וועלכע ער האָט אויסגעפוצט מיט די גרויסאַרטיגסטע פּאַלאַצען, בעפעסטיגט דורך זייער אַ שטאַרקער פעסטונג און אַ נאָמען געגעבען נאָך זיין אייגענעם נאָמען הורדיון. בשעת ער איז יעמאָלט געלאָפען, זיינען צו איהם אַלע טאָג צוגעשטאַנען מאַסען מענשען. און סוף-כל-סוף, אַז זיי זיינען אָנגעקומען אין טריסאַ אין לאַנד אדום, האָט זיין ברודער יוסף, וואָס איז איהם געקומען אַנטקעגען, איהם אַן עצה געגעבען, ער זאָל דעם גרעסטען טייל פון זיינע בעגלייטער אָבלאָזען, מחמת מצדה קאָן ניט אַריינגעמען אַזאַ מאַסע מענשען. וואָרום עס האָבען זיך געהאַט צונויפגעקליבען ביז ניין טויזענד מאַן. הורדוס האָט בעפאָלגט דער עצה און האָט אַוועקגעלאָזט די, וואָס זיינען מעהר געפאַלען צו לאַסט, איידער זיי האָבען נוצען געבראַכט, און האָט זיי געגעבען הוצאות הדרך, בכדי זיי זאָלען קאָנען דערגרייכען פערשיידענע געגענדען פון לאַנד אדום. מיט די נאָהענטסטע און קרעפטיגסטע מענשען זיינע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט ביי זיך, איז הורדוס אָנגעקומען בשלום אין דער פעסטונג. דאָרט האָט ער איבערגעלאָזען 800 מאַן מיט אַלע נויטיגע זאַפּאַסען אויף צו בעשיצען די פרויען אין פאַל פון אַ בע-לעגערונג, און אַליין איז ער אַוועק קיין פּעטראַ אין אַראַביען (סלע ערב).

9. אין ירושלים האָבען די פאַרטער דערווייל זיך גענומען ראַבעווען. זיי האָבען זיך אַריינגעריסען אין די הייזער פון די אַנטלאָפענע און אין קע-ניגליכען פּאַלאַץ און האָבען בלויז ניט אָנגעריהרט הורקנוס'עס אוצר, וואָס האָט אָבער בעטראָפען ניט מעהר פון 300 טאַלענטען. בכלל איז זיי ניט אַריינגע-

פאַלען אין הענד אזאַ גרויסער רויב, ווי זיי האָבען זיך געריכט. וואָרום הורדוס, וואָס האָט זיך שוין לאַנג געהאַט פערזאָרגט אויפ׳ן פאַל, טאָמער וועלען די בארבאַרען אָנווענדען רמאות, — האָט זיינע טייערסטע חפצים שוין פריהער געלאָזט אַריבערפיהרען אין לאַנד אדום, און דאָס אייגענע האָבען אויך געטאָן זיינע אָנהייגער. נאָך דער דאָזיגער ראַבירונג זיינען די פּאַרטער אין זייער ווילדווילען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי זיינען דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לאַנד און פּערוויסט עס אָהן צו דערקלערען קריג עפענטליך. זיי האָבען תרוב געמאַכט די שטאָדט מרשה און לא די וואָס זיי האָבען אַנטיגנוס׳ן אַוועקגעזעצט פאַר אַ קעניג, נאָר זיי האָבען איהם נאָך איבערגעגעבען פזאל׳ן און הורקנוס׳ן, געשמידט אין קייטען, בכדי ער זאָל זיי פּייניגען. ביי הורקנוס׳ן, וואָס איז געפאַלען פאַר איהם אויף די קניה, האָט אַנטיגנוס גופא אָבגעביסען די אויערן, בכדי ער זאָל להבא, אויב ס׳וועט אפשר פאָרקומען אַן איבערקעהרעניש, ניט ווערען קיין כהן גדול. וואָרום די כהונה־גדולה קאָנען בעקומען נאָר די, וואָס האָבען ניט קיין מום אויף זייער קערפּער.

10. וואָס איז שייך צו פזאל׳ן, האָט ער געהאַט גענוג כאַראַקטער־שטאַרקייט, בכדי אויסצומיידען אַנטיגנוס׳עס הענד. היות ווי קיין שווערד האָט ער ניט געקאָנט אָנגעמען און בכלל ניט געקאָנט ריהרען מיט די הענד, דעריבער האָט ער זיך צעקלאַפּט דעם שאַרבען אָן אַ שטיינערנער וואַנט. זיין העלדישער טויט האָט בעוויזען, אַז ער איז אַן אמת׳ער הורדוס׳עס ברודער; אין פערגלייך מיט איהם ווייזט זיך הורקנוס אַרויס נאָך נעביכדיגער. איבעריגענס, האָט פזאל׳ס סוף, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעקליבען, אינגאַנצען געפּאַסט צו די מעשים, וואָס ער האָט אויפגעטאָן צייט זיין לעבען. מען דערציילט אויך, אַז פון דער וואונד, וואָס ער האָט זיך אָנגעמאַכט, זאָל ער זיך האָבען ערהוילט, נאָר דער רופא, וואָס אַנטיגנוס האָט צו איהם געשיקט, בכדי איהם כלומר׳שט צו היילען, האָט אָנגעפילט די וואונד מיט סם־המות, און ערשט נאָכדעם איז ער געשטאָרבען. צי ס׳איז אמת די איינע אָדער די אַנדערע מעשה — נאָר יעדענפאַלס איז די דערמאָנטע טאַט אַ העלדישע. קורץ פאַר׳ן טויט האָט ער נאָך בעקומען דורך אַ פרוי אַ ידיעה, אַז הורדוס איז ניצול געוואָרען. דעמאָלט זאָל ער האָבען געזאָגט: „איצטער גייה איך אַוועק מיט אַ פריידליכען געמיט, וואָרום איך לאָז איבער לעבעדיגערהייד דעם יעניגען, וואָס וועט זיך נוקם זיין פאַר מיר אָן מיינע פיינד”.

11. אַזוי איז געשטאָרבען פזאל. הגם די פּאַרטער האָבען ניט בעקומען די פרויען, וואָס צו זיי האָבען זיי צום מיינסט געלוסט, פונדעסטוועגען האָבען זיי פערשאַפט אַנטיגנוס׳ן די גאַנצע ממשלה אין ירושלים און הורקנוס׳ן האָבען זיי מיטגעפיהרט מיט זיך געפאַנגען קיין פּאַרטיען.

# פערצעהנטער קאַפּיטעל

הורדוס פאָהרט אוועק קיין רוים, וואו ער ווערט, דורך דער פערמיטעלונג פון אַנטאָניוס'ן און צוזאַמען מיט אָקטאַוויאַנוס, בעשטימט פאַר'ן קעניג פון די אידען.

1. הורדוס האָט זיך געאײַלט וואָס גיכער אָבצופאָהרען קיין אַראַביען בכדי צו בעקומען פון קעניג געלד — דאָס איז געווען דער אײנציגער מיטעל, וואָס דורכדעם האָט ער געהאָפט צו ווירקען אויף די געלדגיריגע באַרבאַרען לטובת פזאל'ן. פאַר דעם פאַל אָבער, טאָמער וועט דער אַראַבישער קעניג האָבען פערגעסען זיין פאָטערס פריינדשאַפט און וועט זיין אַ צו גרויסער קמצן, בכדי צו שײַנקען איהם די געלד, וואָס ער האָט נויטיג אויף אויסצולייזען דעם ברודער, האָט ער גערעכענט צו לייהען פון איהם און צו לאָזען פאַר אַ משכון פזאל'ס זיבען-יאָהריגען זוהן, וואָס ער האָט גענומען מיט זיך. דריי הונדערט טאַלענטען איז ער געווען געגרייט צו צאָהלען די פאַרטער אַלס פדיון, און דערביי האָט ער גערעכענט, אַז די אײַנוואוינער פון צור וועלען איהם דיענען דערצו אַלס פערמיטלער. אָבער זיין גאַנצע מיה איז שוין געווען אומזיסט: פזאל איז שוין געווען טויט. חוץ דעם האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פון דער אַלטער פריינדשאַפט פון די אַראַבער איז שוין קיין זכר מעהר ניט געבליבען. זייער קעניג מאַליך האָט איהם אַפילו אַרויסגעשיקט אַנטקעגען אַ בעפעהל, ער זאָל וואָס גיכער פערלאָזען דאָס לאַנד, אונטער דעם אויסרייד, אַז די פאַרטער זאָלען האָבען געבעטען מאַליכ'ן אַרויסצוטרייבען הורדוס'ן פון אַראַביען. אין דער אמת'ען אָבער האָט דער קעניג מעהר ניט געטראַכט וועגען דעם, ווי אַזוי פטור צו ווערען פון צו בעצאָהלען דאָס, וואָס ער איז שולדיג אַנטיפטר'ן, און ער האָט גאָר ניט געפיהלט, אַז ער מוז אָבצאָהלען אַנטיפטר'ס זוהן פאַר די מתנות, וואָס ער האָט בעקומען פון זייער פאָטער. אַז ער זאָל זיך אַזוי אומפערשעמט איפפיהרען, האָבען איהם אַן עצה געגעבען אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען אַליין חשק געהאַט צו פערחאַפּען די געלד, וואָס אַנטיפטר האָט זיי איבערגעגעבען אויף בעהאַלטען, און זיי זיינען גראָד געווען די מעכטיגסטע הויפלייט פון אַראַבישען קעניג.

2. אַז הורדוס האָט בעמערקט, אַז די אַראַבער זיינען געוואָרען זיינע שונאים גראָד איבער דעם טעם, וואָס האָט איהם בעוואויגען צו האָפּען, אַז זיי וועלען זיין זיינע גוטע פריינד, — האָט ער געענטפערט די שלוחים מיט די ווערטער, וואָס דער ווייהטאָג האָט אַריינגעלייגט אין זיין מויל, און האָט זיך געווענדעט קיין מצרים. דאָ האָט ער דעם ערשטען אָבענד איבערגענעכטיגט אין אַ טעמפּעל אין אַ דאָרף, וואו ער האָט זיך ווידער צונויפגעטראָפען מיט זיינע בעגלייטער, מיט וועלכע ער האָט געהאַט זיך צעשיידט. דעם אַנדערן טאָג איז ער אָנגעקומען אין רינקאָרורא און דאָרט איז ער דערגאַנגען וועגען זיין ברודערס טויט. הגם פון איין זייט האָט ער בעקלאָגט דעם ברודערס טויט, גאָר פון דער אַנדער זייט האָט ער זיך געפיהלט בעפרייט פון אַ גרויסער זאָרג און איז געגאַנגען ווייטער אין זיין וועג.

דערווייל האָט דער אַראַבישער קעניג חרטה געקראָגען אויף זיין אי־ פיהר און האָט געשיקט באַלד שלוחים נאָך הורדוס׳ן בכדי איהם צוריקצורופען, נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפעט, וואָרום הורדוס איז שוין געווען אַ מהלך פאָראויס און איז שוין געווען אָנגעקומען אין פעלוסיום. דאָ האָט מען ניט געוואָלט איהם אַריבערפיהרען אויף קיין איינער פון די שיפען, וואָס זיינען געלעגען אין האַפען. דעריבער האָט ער זיך געווענדט צו די פאָרשטייהער פון שטאָדט, וואָס האָבען איהם זייהר געאַכט אַלס אַ בעריהמטען און חשוב׳ען מאַן, און זיי האָבען איהם איבערגעפיהרט קיין אַלכסנדריא. דאָ האָט איהם קלעאָ־פאַטרע גלענצענד צוגענומען, מחמת זי האָט געהאָפט, אַז ער וועט ביי איהר דיענען אַלס קריגס־אָנפיהרער אין דער מלחמה, וואָס זי האָט זיך געקליבען צו פיהרען. אָבער הורדוס האָט זיך אָבגעזאָגט פון איהר פאָרשלאַג און האָט זיך געזעצט אויף אַ שיף, וואָס גייהט אָב קיין רוים, ניט צו קוקען אויף דער שמריינגקייט פון ווינטער און אויף די מהומות אין רוים.

3. ניט ווייט פון פאַמפיליען 1) האָט איהם געכאַפּט אַ מסוכנ׳דיגער שטורם־ווינט, און ער האָט געמוזט אַרויסוואַרפען פון שיף דעם גרעסטען טייל פון דער משא. קוים מיט צרות האָט ער זיך געראַטעוועט אויף דער אינזעל ראָדוס, וואָס איז געוואָרען שטאַרק געשעדיגט אין דער מלחמה קעגען קאַסיוס׳ן. דאָ האָבען איהם זיינע פריינד תלמי און סאַפיניוס פריינדליך אויפגענומען, און ער האָט געלאָזט אויסבויען אַ שיף מיט דריי שורות רודערן (טרירעמאַ), הגם ער איז געווען זייהר געאיינגט אין געלד. אַז די שיף איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ער זיך געלאָזט מיט זיינע גוטע פריינד פאָהרען אויף איהר קיין ברונדוזיום (ברינדיזי), פון דאָרט איז ער תיכף אַוועק קיין רוים און האָט זיך געווענדט צו אַנטאָניוס׳ן, זיך סומך זיינענדיג אויף די פריינדשאַפטליכע בעציהונגען צווי־שען יענעם און זיין פאָטער. ער האָט איהם דערציילט זיינע צרות און די צרות פון זיין משפחה און האָט בעזונדערס פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי ער האָט געמוזט איבערלאָזען זיינע נאָהענטסטע קרובים אין אַ פעסטונג אין די סכנות פון אַ בעלעגערונג און ווי אַזוי ער האָט זיך געאַיילט קומען צו איהם, ניט קוקענדיג אויפ׳ן ווינטער און אויפ׳ן שטורם אויפ׳ן ים, בכדי צו בעטען ביי איהם הילף.

4. איבער אַזאַ אומגליק האָט אַנטאָניוס געמוזט רחמנות האָבען, און אַזוי ווי ער האָט מיט דאַנקבאַרקייט זיך דערמאָנט אָן אַנטיפּטר׳ס הכנסת־אורחים און היות ווי ער האָט אָנערקענט הורדוס׳עס מעלות, דעריבער האָט ער בע־שלאָסען צו בעשטימען איהם, וואָס איז געווען פריהער אַ טעטראַרך, פאַר׳ן קעניג פון די אידען (109 יאָהר פאַר׳ן חורבן בית שני). ניט ווינציגער ווי זיין גוט־גינציגקייט צו הורדוס׳ן, האָט איהם דערצו בעוואויגען זיין שנאה צו אַנטיג־נוס׳ן וואָס איהם האָט ער געהאַלטען פאַר אַ מורד און פאַר אַ פיינד. פון די רוימער, נאָר מעהר פאַר אַנטאָניוס׳ן האָט פאַר הורדוס׳ן געטאָן צעזאַר (אָוו־

1) אַ לאַנד ביים ברעג פון קליין אזיען.

גוסטוס-קיסר). ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער מלחמה אין עגיפּטען, וואו אנטיפּטר האָט גענומען אָן אָנטייל אינאיינעם מיט זיין פאָטער, און אויך אָן אנטיפּטר'ס הכנסת אורחים און זיין פריינדליכקייט בנוגע צו איטליכען מענשען. חוץ דעם האָט ער אויך פון זיין זייט אָנערקענט הורדוס'עס ענערגיע. בכן האָט ער צונויפגערופען דעם סענאַט, פאַר וועמען מעסאַלאַ און דערנאָך אַטראַטינוס האָבען פאָרגעשטעלט הורדוס'ן און האָבען געלויבט זיין פאָטערס גוטען אויפפיהר, ווי אויך זיין אייגענע איבערגעבענקייט צו די רוימער. צו גלייכער צייט האָבען זיי בעצייכענט אַנטיגנוס'ן פאַר אַ פיינד, ניט בלויז מחמת די פריהערדיגע עולות, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס ער האָט אויסגעמידען די רוימער און האָט געלאָזט זיך אַרויפזעצען אויפ'ן טרוין דורך די פּאַרטער. די דאָזיגע סברות האָבען געמאַכט אויפ'ן סענאַט אַ שטאַרקען איינדרוק. און אַז אַנטאָניוס איז דערנאָך אַרויסגעטראָטען און האָט בעוויזען, ווי וויכטיג עס איז פאַר דער מלחמה קעגען די פּאַרטער, אַז הורדוס זאָל ווערען קעניג,— האָבען אַלע דערצו מסכים געווען. נאָכדעם ווי די זיצונג פון סענאַט האָט זיך געענדיגט, האָבען אַנטאָניוס און צעזאַר גענומען הורדוס'ן צווישען זיך און זענען אוועק, בעגלייט פון די קאָנסולן און די איבעריגע שרים, בכדי צו ברייגנען קרבנות און אוועקצולייגען די אָנגעשריבענע החלטה אויפ'ן קאַפּיטאָליום. אַנטאָניוס האָט געמאַכט אַ גרויסען מאָלצייט לכבוד הורדוס'ן דעם ערשטען טאָג, וואָס ער איז געוואָרען קעניג.

# פופצעהנטער קאַפּיטעל.

הורדוס קעהרט זיך אום צוריק אין לאַנד יהודה, נעמט איין יפו, בעפרייט מצדה פון דער בעלעגערונג און טרעט אַרויס קעגען ירושלים.

1. אין דערזעלביגער צייט האָט אַנטיגנוס בעלעגערט הורדוס'עס קרובים, וואָס זיינען געווען איינגעשלאָסען אין מצדה. די בעלעגערטע האָבען געהאַט בכלל אַלע לעבענסמיטלען, ס'איז מעהר ניט געווען אַ דוחק אין וואַסער. איבער דעם טעם האָט הורדוס'עס ברודער יוסף בעשלאָסען צו אַנטלויפען מיט צוויי הונדערט מענשען צו די אַראַבער. נאָך מעהר האָט איהם בעוואויגען דערצו די ידיעה, אַז מאַליך האָט חרטה געקראָגען אויף זיין בעגייהן זיך מיט הורדוס'ן. ער וואָלט טאַקע באמת געהאַט פערלאָזען די פעסטונג, אויב אין דער נאַכט, וואָס איז בעשטימט געוואָרען פאַר'ן אַרויספאַל, וואָלט ניט געפאַלען קיין שלאַקסרעגען. דערפון זיינען די ברונימער ווידער פול געוואָרען מיט וואַסער, און צו אַנטלויפען האָט שוין קיין זין ניט געהאַט. די בעלעגערטע האָבען איצט געמאַכט אַרויספאַלען אויף אַנטיגנוס'ן און האָבען אוסגעהרג'עט א סך פון זיינע מענשען, צום טייל אין אָפענער שלאַכט, צום טייל פון בעהעלטענישען. אודאי, האָט זיי ניט אַלע מאָל געגלאָטען, אָפטמאָלס פלעגט אויך טרעפען, אַז זיי פלעגען זיך מוזען צוריקציהען מיט אָנווערה.

2. דערווייל איז אָנגעקומען אין לאַנד יהודה דער רוימישער קריגס-פיהרער ווענטידיוס, וואָס איהם האָט מען געהאַט געגעבען די שליחות צו פערטרייבען די פּאַרטער פון סיריען. געקומען איז ער פלומר'שט, ווי צו געבען הילף יוסף'ן און זיינע מענשען, נאָר אין דער אמת'ן, בכדי אַרויסצוציהען ביי אַנטיגנוס'ן געלד. הארט פאַר די מויערן פון ירושלים האָט ער אויפגעשלאָגען זיין לאַגער, און ווי נאָר מען האָט בעפרידיגט זיין געלדגיריגקייט, איז ער אַוועק מיט'ן גרעסטען טייל פון זיין חייל; סילאָ'ן מיט אַ קליינער אָבטיילונג האָט ער איבערגעלאָזט, בכדי דורכדעם וואָס דער גאַנצער חייל וועט אַוועק, זאָל ניט ווערען צו בולט זיין מיאוס'ע תאוה נאָך געלד. איצט האָט זיך אַנטיגנוס ניט מיאש געווען פון דער האָפנונג, אַז די פּאַרטער וועלען איהם קומען צו הילף, פון דער אַנדער זייט אָבער האָט ער ניט געוואָלט אַיינרייסען מיט סילאָ'ן, בכדי יענער זאָל איהם ניט שטערען זיינע פּלענער.

3. אָבער דערווייל איז שוין הורדוס געווען אָנגעקומען פון איטאַליען. אין עכו איז ער אַראָב אויפ'ן ברעג, האָט צונויפגעקליבען אַ בעדייטענדען חייל פון פרעמדע און איינהיימישע און האָט זיך איילינג געלאָזט גייהן דורך גליל קעגען אַנטיגנוס'ן. אונטערשטיצט האָבען איהם אויך די רוימישע קריגס-פיהרער ווענטידיוס און סילאָ, וואָס דעליוס, אַנטאָניוס'עס שליח, האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלען העלפען הורדוס'ן זיך בעפעסטיגען אויפ'ן טרויך. ווענטידיוס איז געווען גראָד פערנומען מיט איינשטילען די אונרוהען אין די איינצעלנע שטעדט, וואָס די פּאַרטער האָבען אַרויסגערופען, און סילאָ, וואָס אַנטיגנוס האָט איהם אונטערגעקויפט, איז פערבליבען אין לאַנד יהודה. איבעריגענס, האָט הורדוס גאָר ניט בעדאַרפט קיין פרעמדע הילף. וואָרום וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אַלץ גרעסער איז געוואָרען פון טאָג צו טאָג זיין מאַכט, און אין גיכען איז גאַנץ גליל, חוץ איינינע אויסנאַמען, געווען אויף זיין צד.

די וויכטיגסטע אויפגאַבע, וואָס איהם האָט צום מייסט אינטערעסירט, איז געווען איינצונעמען מצדה, בכדי צו בעפרייען זיינע קרובים פון דער בעלעגערונג. דערביי אָבער איז איהם יפו געלעגען אין וועג. און אין יעדען פאַל האָט ער געמוזט איינעמען די דאָזיגע פיינדליכע שטאָדט, איידער ער וועט זיך לאָזען גייהן ווייטער קעגען ירושלים, וואָרום אויב ניט, וועט ביי די פיינד בלייבען אַ פעסטונג, וואָס קאָן איהם זיין אַ סכנה פון הינטען. דעמאָלט האָט זיך אויך סילא גערן פעראייניגט מיט איהם, וואָרום ער האָט איצט געפונען אַן אויסרייד אָבצומאַרשירען, וואָס ער האָט שוין לאַנג געזוכט. די אידען אָבער האָבען נאָכגעיאָגט די רוימער און האָבען זיי אָנגעטאָן גרויס שאָדען. דאָ איז הורדוס מיט אַ קליינער אָבטיילונג אַרויס זיי אַנטקעגען, האָט זיי גיך צעטריבען און אויף אַזאַ אופן האָט ער געראַטעוועט סילאָ'ן, וואָס האָט זיך, אגב, שלעכט פערטיידיגט

4. נאָכדעם ווי הורדוס האָט איינגענומען יפו, איז ער איילינג אַוועק קיין מצדה, בכדי צו בעפרייען זיינע קרובים. פון די אָרטיגע איינוואוינער זיינען איצט אַ סך צוגעשטאַנען צו איהם, איינינע מחמת אַלטער פריינדשאַפט, וואָס



מאַרקוס אַנטאָניוס

האָט געשטאַמט נאָך פון זיין פאָטערס אַנטיפּטער׳ס צייטען, אַנדערע ווייטער זיינען געווען בעגייסטערט פון הורדוס׳עס גרויסען נאָמען אָדער זיינען דאַנק־באַר געווען דעם פאָטער אָדער דעם זוהן פאַר די טובות, וואָס זיי האָבען מיט זיי געטאָן. דער גרעסטער טייל אָבער איז צוגעשטאַנען צו איהם דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען כמעט בעזיכערט, אַז ער וועט בעקומען דעם טרוין. אַזוי האָט ער צונויפגעקליבען זייהר אַ גרויסען חייל.

איצטער, בשעת ער איז געגאַנגען זיין וועג פאַראויס, האָט אַנטיגנוס, אמת, געפּרובט אָנצופאַלען אויף איהם פון בעהעלטעניש׳ען, וואָס ער האָט געמאַכט אין פאַסיגע ערטער, נאָר ער האָט איהם כמעט ווי קיין שאָדען ניט געקאָנט טאָן. מיט גרינגער מיה האָט הורדוס איצט בעפרייט זיינע קרובים אין מצדה. ער האָט נאָך איינגענומען די פעסטונג רעסאַ און האָט זיך געלאָזט גייהן קיין ירושלים, בעגלייט פון סילאָ׳ס חייל און פון אַ סך איינוואוינער פון דער שטאָדט, וואָס די מורא פאַר איהם האָט זיי בעוואויגען צו מאַכען מיט איהם יד אחת.

5. ווי נאָר ער האָט געהאַט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער אין מערב־זייט פון דער שטאָדט ירושלים, זיינען די וואַך־סאָלדאַטען, וואָס זיינען געווען דאָרט אויסגעשטעלט, אָנגעפאַלען מיט פיילען און וואַרף־שפּיזען, און עטליכע אָבטיי־לונגען האָבען אַפילו געפּרובט צו מאַכען אַרויספאַלען קעגען הורדוס׳עס פאָר־פּאָסטען. מחמת דעם האָט הורדוס צוערשט געלאָזט אויסרופען פאַר די מויערן, אַז ער איז געקומען מיט׳ן מיין אויסצולייזען דאָס פאָלק און צו ראַטעווען די שטאָדט, און דעריבער ווייל ער אַפילו זיינע אָפענע געגנער ניט טאָן קיין בייז. נאָר ער וויל מוחל זיין אַפילו זיינע ערגסטע שונאים פאַר די רשעות, וואָס זיי האָבען איהם אָבגעטאָן. אָבער אַנטיגנוס׳עס אָנהייגגער האָבען אויך ניט געשוויגען און האָבען געזאָרגט דערפאַר, אַז קיינער זאָל ניט הערען, וואָס די אויסרופער זאָגען, און קיינער זאָל ניט אַריבער אויף הורדוס׳עס צד. דערוויייל האָט אַנטיגנוס געגעבען אַ בעפעהל אָוועקצוטרייבען די פיינד פון די מויערן, און באַלד האָט אַ גאַנצער רעגען פון פיילען אָוועקגעטריבען אַלעמען פון די טורעמס.

6. דעמאָלט האָט סילאָ דייטליך בעוויזען, אַז ער איז אונטערגעקויפט. ער האָט אַליין אונטערגעהעצט אַ סך פון זיינע סאָלדאַטען, זיי זאָלען זיך בע־קלאָגען דערויף, וואָס עס איז אַ דוחק אין פּראָוויאַנט, און זיי זאָלען פאָדערן, מען זאָל זיי געבען געלד אויף אונטערצוהאַלטען דעם לעבען און פיהרען זיי אויף גוטע ווינטער־קוואַרטירען, וואָרום די סביבה פון דער שטאָדט איז אינגאַנ־צען צעראַבירט דורך אַנטיגנוס׳עס מענשען. און סילאָ האָט באמת שוין געוואָלט אָוועקגייהן. נאָר הורדוס האָט זיך געווענדעט צו סילאָ׳ס אונטערגעבענע הויפּט־לייט און צו אַלע סאָלדאַטען מיט דער בקשה, זיי זאָלען איהם ניט לאָזען אָהן הילף, וואָרום איהם האָבען דאָך געשיקט צוזאַר, אַנטאָניוס און דער סענאַט; וואָס איז שייך צו זייער נויטבעדערפטיגקייט, האָט ער צוגעזאָגט נאָך דעם־זעלביגען טאָג צו מאַכען אַ סוף דערפון. און ווי נאָר ער האָט דאָס אַרויס־געזאָגט, איז ער אַרויס אויף דער מדינה און האָט געבראַכט פאַר זיי אַזאַ

מאַסע פּראָוויאַנט, אַז ער האָט אָבגענומען ביי סילאָ'ן אַלע אויסריידען. און בכדי אַז אויך אויף די וויטערדיגע טעג זאָל זיין געזיכערט דער צופוהר, האָט ער געלאָזט אָנזאָגען די שומרונים, וואָס זיינען געשטאַנען אויף זיין צד, אַז זיי זאָלען צושיקען קיין יריחו תבואה, וויין, אייל און בהמות. אַז אַנטיגנוס איז דאָס געוואָהר געוואָרען, האָט ער געשיקט אָבטיילונגען אין דער געגענד, בכדי צו חאַפּען די קאַראַוואַנעס מיט'ן פּראָוויאַנט. לויט זיין בעפעהל, האָט מען פונאַנדערגעשטעלט אַ גרויסע מאַסע בעוואָפענטע מענשען אַרום יריחו און אין די בערג, בכדי זיי זאָלען אויפפּאַסען די פוהרען מיט די לעבענסמיטלען. אָבער אויך הורדוס איז ניט געזעסען צוזאַמענגעלייגט די הענד. מיט צעהן קאָהאָרטעס (אָבטיילונגען), פינף רוימישע און פינף אידישע, און אויך מיט אַ סך געדונגענע זעלנער פון פערשיידענע פעלקער און מיט עטליכע רייטער איז ער געקומען קיין יריחו. די שטאָדט גופא האָט ער געפונען ליידיג און פוסט; אין דער פעסטונג אָבער האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען פינף הונדערט מאַן, מיט ווייבער און קינדער. הורדוס האָט זיי גענומען געפאַנגען, נאָר דערנאָך האָט ער זיי באַלד אַרויסגעלאָזט פריי. דעמאָלט האָבען זיך די רוימער אַ וואָרף געטאָן אויף דער שטאָדט, בכדי צו ראַבירען זי, און האָבען געפונען די הייזער פול מיט כל-ערליי אוצרות. דערנאָך האָט דער קעניג געלאָזען אַ גאַרניזאָן אין יריחו, האָט זיך אומגעקעהרט און האָט געלאָזט די רוימישע סאָלדאַטען אָבציהען אויף ווינטער-קוואַרטירען אין די שטעדט פון גליל, אדום און שומרון, וואָס זיינען איהם געטריי געוועזן. אגב, האָט אויך אַנטיגנוס בעקומען דורכ'ן אונטערגעקויפטען סילאָ'ן אַן ערלויבניש אויפצונעמען אַ טייל פון רוימישען חייל אין לוד. דורכדעם האָט ער גערעכענט צו געפינען חן אין אַנטאָניוס'עס אויגען.

# זעכצעהנטער קאַפּיטעל.

הורדוס נעמט איין די שטאָדט ציפורי און איז מנצח די רויבער. — מאַכעראַס'ס צווייידייטיגקייט. — הורדוס גייהט קיין סאַמאָסאַטע צו אַנטאָניוס'ן.

1. אַזוי האָבען זיך די רוימער גאַנץ גוט געפיהלט אין דער צייט פון'ם ציטווייליגען שלום. הורדוס אָבער האָט ניט גערוהט און האָט געהייסען זיין ברודער יוסף'ן צו פערנעמען דאָס לאַנד אדום מיט צוויי טויזענד פוסגייהער און פיער הונדערט רייטער, בכדי צו בעשיצען דאָס לאַנד קעגען אַ פלוצלונגדיגען אָנפאַל מצד אַנטיגנוס'ן. ער גופא האָט אָבגעפיהרט זיין מוטער מיט די איבעריגע קרובים, וואָס ער האָט בעפרייט פון מצדה, קיין שומרון און בעהאַלטען זיי דאָרט. דערנאָך האָט ער זיך גענומען פאַר'ן איינעמען די איבעריגע ערטער פון גליל און אַרויסטרייבען די זעלנער, וואָס אַנטיגנוס האָט דאָרט אַריינגעשטעלט.

2. ביי אַ שטאַרקער זאַווערוכע איז ער אָנגעקומען קיין צפורי און האָט די שטאָדט גרינג איינגענומען, מחמת דער גאַרניזאָן איז אַנטלאָפען געוואָרען,

זי נאָר הורדוס האָט זיך דערנעהנטערט. זיינע סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיך געהאַט שטאַרק איינגעמאַטערט ביים שלעכטען וועטער, האָט הורדוס ערלויבט אָבצופרישען זייערע כחות מיט די לעבענס-מיטלען, וואָס זיינען געווען בנמצא אין פולער מאָס. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט גייהן קעגען די רויבער, וואָס האָבען געוואוינט אין די הייהלען און וואָס דורך זייערע אָפטע אָנפאַלען האָבען זיי געמאַכט די איינוואוינער פון לאַנד פונקט אַזוי פיעל שאָדען, ווי אַן אָפענע מלחמה. דריי קאָהאָרטעס סאָלדאַטען פוסגייהער און אַן אָבטיילונג רייטער האָט ער געשיקט פאָראויס ביז'ן דאָרף אַרבעלאַ, און אַליין איז ער מיט'ן רעשט פון חייל דעם פערציגסטען טאָג אויך געקומען אַהין. די פיינד האָבען אָבער ניט קיין מורא געהאַט פאַר זיין אָנפאַל, נאָר זיי האָבען זיך אַנטקעגענגע-שטעלט מיט געוועהר אין די הענד. וואָרום זיי האָבען געהאַט סיי די גע-ניטקייט פון קריגס-לייט סיי די דרייסטקייט פון רויבער. אַזוי איז פאָרגעקו-מען אַ געשלעג, אין וועלכען דער פיינדליכער רעכטער פליגעל האָט געצוואונגען הורדוס'עס לינקען פליגעל אָבצוטרעטען. גיך אָבער האָט הורדוס מיט זיין רעכטען פליגעל זיך געגעבען אַ קעהר אום, איז געקומען די זייניגע צו-הילף, האָט זיי אָבגעהאַלטען פון צו לויפען ווייטער, איז אָנגעפאַלען אויף די פער-פאָלגער און האָט אָבגעשטעלט זייער אָנפאַל, ביז וואַנען ער האָט זיי סוף-כל-סוף, נאָך אַ היציגער שלאַכט, פערטריבען.

3. כסדר אויס'הרג'ענדיג אַלעמען, וועמען ער האָט נאָר געטראָפען, האָט הורדוס זיי נאָכגעיאָגט ביז'ן ירדן און האָט דעם גרעסטען טייל פון זיי פער-טיליגט. דער רעשט פון זיי האָט זיך צעשפּרייט אויפ'ן אַנדערן ברעג טייך. אַזוי איז גליל בעפרייט געוואָרען פון איהר ערגסטער צרה, און געבליבען איז בלויז די באַנדע אין די הייהלען, וואָס צוליעב קעמפען מיט זיי האָט מען בעדאַרפט בלייבען אַ לענגערע צייט. דעריבער האָט הורדוס קודם כל פונ-אַנדערגעטיילט צווישען זיינע סאָלדאַטען מתנות פאַר די אויסגעשטאַנענע צרות. איטליכען פון די פשוט'ע סאָלדאַטען האָט ער געגעבען צו 150 זילבערנע דראַכמעס 1) און די הויפּטלייט נאָך פיעל מעהר. דערנאָך האָט ער זיי געשיקט אין די ווינטער-קוואַרטירען און האָט געהייסען זיין יונגסטען ברודער פירורס'ן צו פערשאַפען זיי פּראָוויאַנט און צו בעפעסטיגען אַלכּסנדריון. פירורס האָט דאָס ערפילט.

4. אין דערזעלביגער צייט האָט אַנטאָניוס זיך איינגעפונען אין אַטען (אתונה). ווענטידיוס האָט גערופען סיל'אָן און הורדוס'ן צום קריג קעגען די פּאַרטער, נאָר ער האָט זיי פריהער געהייסען איינשטעלען די אָרדנונג. מיט פערגעניגען האָט הורדוס געלאָזען סילאָ'ן אַליין זיך פּעראייניגען מיט ווענ-טידיוס'ן, און ער גופא איז אַרויסגעטראָטען קעגען די רויבער אין די הייהלען.

די דאָזיגע הייהלען האָבען זיך געפונען אויף בערג, וואָס זיינען געווען גלייך ווי אַ וואַנט, און פון קיין זייט האָט מען ניט געקאָנט צו זיי צוקומען.

1) אַ דראַכמע בעטרעפט אַן ערך 35 קאָפּ.

נאָר גאַנץ שמאָלע און קרומע שטעגלעך האָבען געפיהרט אַרויף צו זיי, און די פעלזען, אין וועלכע ס'האָבען זיך געפונען די אַריינגאַנגען אַהין, האָבען זיך אַראָבגעלאָזען אין זייהר טיעפע שפּאַלטען, פון וועלכע זיי האָבען זיך דערהויבען כמעט גלייך און צעשפּאָלטען אויף שטיקער. אַלאַנגע צייט האָט דער קעניג ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. ביז ער האָט זיך סוף-כל-סוף אָבגעשטעלט אויף זייהר אַגעפעהרליכער ערפינדונג. ער האָט געהייסען אַראָבלאָזען די שטאַרקסטע צווישען זיינע מענשען אין קאַסטענס ביז צו די אַריינגאַנגען פון די הייהלען. די דאָזיגע קריגסלייט האָבען אויסגע'הרג'עט די רויבער מיט זייערע פאַמיליעס און האָבען געוואָרפען ברענענדיגע האָלצשייטען אויף די, וואָס האָבען זיך פערטיידיגט. הורדוס האָט גערן געוואָלט חאַפּען עטליכע פון זיי לעבעדיגערהייד און האָט געלאָזט זיי אַרויספאָדערן דורך אַן אויסרופער, זיי זאָלען זיך איהם אונטערגעבען. נאָר קיין איינער האָט זיך ניט אונטערגעגעבען מיט'ן גוטען ווילען, און אַסך פון די, וואָס זיינען דערצו געצוואונגען געוואָרען, האָבען בעסער געוואָלט שטאַרבען, איידער אַריינפאַלען אין געפאַנגענשאַפט. איין אַלטער רויבער, אַפאָטער פון זיבען קינדער, האָט דער'הרג'עט אויפ'ן פאָלגענדען אופן זיינע זיהן מיט זייער מוטער, וואָס האָבען געבעטען זיך ביי איהם, ער זאָל זיי ערלויבען אַרויסצוגייהן צו הורדוס'ן. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט געבען אַריינגאַנג פון דער הייהל, און ווי נאָר ווער עס איז פון זיינע קינדער איז צוגעגאַנגען צו איהם, האָט ער איהם געקוילעט. הורדוס, וואָס האָט דאָס געזעהן פון דערווייטענס, האָט געקראָגען רחמנות אויפ'ן זקן און האָט קעגען איהם אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנד און בעשוואָרען איהם, ער זאָל פערשוינען זיינע קינדער. נאָר דער אַלטער האָט גאָרנישט ניט געוואָלט הערען דערפון, האָט בעזידעלט מיט די ערגסטע ווערטער הורדוס'ן פאַר זיין נידעריגען גזע, האָט געטויט זיין ווייב, אַראָבגעוואָרפען די טויטע קערפער אין אָבגרונד אַראָב און צולעצט האָט ער זיך אַליין אויך אַראָבגעוואָרפען 1).

5. אויף אַזאַ אופן האָט הורדוס איינגענומען די הייהלען און זייערע איינוואוינער. דערנאָך האָט ער איבערגעלאָזען אונטער תלמי'ס אָנפיהרונג אַ טייל פון זיין חייל, וואָס האָט זיך איהם אויסגעדוכט פאַר גענוג שטאַרק, בכדי צו אונטערדריקען איטליכען אויפשטאַנד, וואָס קאָן זיך טרעפען, און אַליין איז ער אַרויס קעגען אַנטיגנוס'ן קיין שומרון מיט 3000 סאָלדאַטען פוסגייהער און 600 רייטער. אָבער ווי נאָר ער איז אַוועק, זיינען יענע, וואָס האָבען אויך פריהער אָנגעמאַכט די אומרוהען אין גליל, ווידער געוואָרען דרייסטער. זיי האָבען געטויט תלמי'ן דורך אַ פלוצלונגדיגען אָנפאַל, פערוויסט דאָס לאַנד און זיינען אָבגעטראָטען צוריק דורך זומפען און אומבעוואוינטע געגענדען. ווי נאָר הורדוס האָט בעקומען אַ ידיעה וועגען דעם דאָזיגען אויפשטאַנד, איז ער געקומען צו הילף, האָט אויסגע'הרג'עט אַ סך מורדים, בעפרייט אַלע בעלעגערטע פעסטונגען און האָט אויפגעמאָנט פון זיינע פיינד—אַלס אַ שטראָף פאַר די מהומות—100 טאַלענטען.

1) די, וואָס ווערען דאָ בעצייכענט פאַר רויבער, זיינען געווען אין דער אמת'ן יודישע פּאַטריאָטען, וואָס האָבען מורד געווען קעגען דער ממשלה פון די רוימער און פון הורדוס'ן.

6. דערווייל זיינען די פּאַרטעי אַרויסגעטריבען געוואָרען פון לאַנד, און אַפּיקורוס'ן האָט מען געטויט. איצטער האָט ווענטידיוס, לויט אַנטאָניוס'עס בעפעהל, געשיקט הורדוס'ן 1 000 רייטער מיט צוויי לעגיאָנען צו הילף קעגען אַנטיגנוס'ן. דער לעצטער אָבער האָט זיך געווענדט צו מאַכעראַס'ן, דעם קאָמאַנדיר פון דעם חייל, מיט אַ שריפטליכער בקשה, ער זאָל זיך שטעלען אויף זיין צד. דערביי האָט ער זיך שטאַרק בעקלאָגט אויף הורדוס'עס מעשים רעים און זיין עזות'דיג בעגייהן זיך מיט דער קעניגליכער פאַמיליע, און האָט אויך צוגעזאָגט אַ מתנה אין געלד. מאַכעראַס אָבער האָט ניט געוואָלט איינרייסען מיט דעם יעניגען, וועמ עס האָט איהם געשיקט. און היות ווי הורדוס האָט בעסער געצאָהלט אויך, דעריבער האָט מען ביי מאַכעראַס'ן ניט געקאָנט פּועל זיין, ער זאָל פעלשען אין זיין שליחות. אָבער ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער איז כלומר'שט אַנטיגנוס'עס אַ גוטער פריינד, און איז אַוועק, ניט קוקענדיג אויף הורדוס'עס התראה, אויסצוקוקען אַנטיגנוס'עס לאַגע. נאָר אַנטיגנוס האָט פערשטאַנען זיין מיין, האָט פערשלאָסען פאַר איהם די טויערן פון שטאָדט און פון די מויערן אַראָב האָט ער זיך פערטיידיגט קעגען איהם, ווי קעגען אַ פיינד. מאַכעראַס האָט געמוזט מיט חרפּה זיך אומקעהרען צוריק צו הורדוס'ן קיין עמאוס. אונטערוועגס האָט ער אויסגעלאָזט זיין כעס איבער זיין מפּלה צו אַלע אידען און האָט געהייסען אַלעמען אויס'הרג'ען, וועמען ער האָט אָנגעגעגנט. ער האָט ניט געשוינט אַפילו הורדוס'עס אָנהייגגער, וואָס ער איז זיך מיט זיי בעגאַנגען אַזוי, פּונקט ווי זיי וואָלטען געשטאַנען אויף אַנטיגנוס'עס צד.

7. הורדוס איז געוואָרען אויפגעבראַכט דורכדעם און האָט בעשלאָסען, מלחמה צו האַלטען קעגען מאַכעראַס'ן, ווי קעגען אַ פיינד. נאָר סוף-כל-סוף האָט ער זיין כעס איינגעהאַלטען און איז אַוועק צו אַנטאָניוס'ן, בכדי אָנצוקלאָגען מאַכעראַס'ן פאַר זיין נידערטרעכטיגען אויפפיהר. דערווייל אָבער האָט מאַכעראַס איינגעזעהן זיין טעות, איז אַוועק באַלד נאָכ'ן קעניג און האָט אויסגעבעטען ביי איהם מחילה. פונדעסטוועגען האָט הורדוס ניט אָבגעשטעלט זיין נסיעה צו אַנטאָניוס'ן. היות ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אַנטאָניוס בעלעגערט מיט אַ שטאַרקען חייל די פעסטונג סאַמאָסאַטע ביים פרת, דעריבער האָט ער זיך געאיילט צו איהם, מחמת ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָ איז פאַרהאַן אַ גוטע געלעגענהייט אַרויסצו-ווייזען זיין גבורה און זיין איבערגעבענקייט צו אַנטאָניוס'ן. און טאַקע נאָך זיין קומען האָט זיך די בעלעגערונג גיך געענדיגט. היות ווי ער האָט אויסגע'הרג'עט אַ סך באַרבאַרען און אַריינגעחאַפּט אַ סך רויב, דעריבער האָט אַנטאָניוס, וואָס האָט שוין פריהער בעוואונדערט זיין מוט, איהם נאָך ליעבער בעקומען. ער האָט איהם אָבגעגעבען נאָך מעהר כבוד און האָט פערשטאַרקט זיין האָפנונג צו דערגרייכען דעם קעניגליכען טרוין. דער קעניג אַנטיוכוס [1] אָבער איז געוועזען געצוואונגען איבערצוגעבען סאַמאָסאַטע.

[1] פון קאָמאַגענע, וואָס סאַמאָסאַטע (שוטמישוט) איז דאָס געווען זיין רעזידענץ-שטאָדט.

# זיבעצעהנטער קאַפּיטעל.

הורדוס'עס ברודער יוסף ווערט דער'הרג'עט. — די בעשטראָפונג פונ'ם מערדער. — הורדוס בעלעגערט ירושלים און האָט חתונה מיט מרים.

1. דערווייל האָט הורדוס געהאַט אַ מפּלה אין מלכות־יהודה גופא. וואָרום ער האָט איבערגעלאָזען זיין ברודער יוסף פאַר'ן הויפּט־קאָמאַנדיר און האָט איהם בעפויהלען, אַז ביז ער, הורדוס, וועט קומען צוריק, זאָל ער זיך אָבהאַלטען פון איטליכער קריגערישער בעוועגונג קעגען אַנטיגנוס'ן, וואָרום מאַכעראַס איז לויט זיין פריהערדיגען אויפפיהר בשום אופן ניט קיין פערבינדעטער, אויף וועלכען מען זאָל זיך קאָנען פערלאָזען. נאָר ווי באַלד יוסף האָט געוואוסט, אַז דער ברודער איז ווייט פון איהם, איז ער, ניט קוקענדיג אויפ'ן בעפעהל, וואָס איהם איז געגעבען געוואָרען, אַרויסגעטראָטען מיט פינף קאָהאָרטעס, וואָס מאַכעראַס האָט איהם געגעבען, קעגען יריחו, בכדי צו רויבען די תבואה, וואָס איז שוין געווען צייטיג צום שניט. אָבער אין דער בערגיגער ווילדער געגענד זיינען די פיינד אויף איהם אָנגעפאַלען, און נאָך אַ העלדענמוטיגען קאַמף איז ער געפאַלען אינאיינעם מיט דער גאַנצער רוימישער מיליטער־אָבטיילונג. וואָרום די קאָהאָרטעס זיינען בעשטאַנען דורכאויס פון סירישע רעקרוטען, און אין זיי האָבען געפעהלט אַלטע געניטע זעלנער, וואָס זאָלען קאָנען אונטערהאַלטען זייערע אומגעניטע חברים.

2. נאָר אַנטיגנוס האָט זיך נאָך ניט בעגנוגענט מיט'ן נצחון. אין זיין ערביטערונג איז ער אַוועק אַזוי ווייט אַפילו, צו בעליידיגען יוסף'ס טויטען קערפּער. וואָרום נאָכדעם ווי ער האָט געהייסען צונויפקלייבען די געפאַלענע, האָט ער בעפוילען איהם אַראָבצוהאַקען די קאָפּ, הגם יוסף'ס ברודער פירורס האָט דערפאַר געוואָלט בעצאָהלען 50 טאַלענטען פדיון.

נאָך אָט דעם נצחון אַנטיגנוס'עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מרידה אין גליל, וואָס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַנטיגנוס'עס אָנהייגגער האָבען געחאַפּט אַלע חשוב'ע לייט, וואָס שטייהען אויף הורדוס'עס צד, אַוועקגעשלעפּט זיי צום ים־כנרת און דערטרונקען זיי דאָרט. אויך אין לאַנד אדום, וואו מאַכעראַס האָט גראָד בעפעסטיגט אַ שלאָס מיט'ן נאָמען גיטתא, האָבען זיך אָנגעהויבען מהומות. פון די אַלע געשעהענישען האָט אָבער הורדוס גאָרנישט ניט געוואוסט.

נאָכדעם ווי סאַמאָסאַטע איז געפאַלען, האָט אַנטאָניוס בעשטימט סאָסיוס'ן פאַר'ן פערוואַלטער איבער סיריען און האָט איהם געהייסען אונטערשטיצען הורדוס'ן קעגען אַנטיגנוס'ן, און אַליין איז ער ווידער אַוועק קיין מצרים. סאָסיוס האָט געשיקט פאַר הורדוס'ן קיין מלכות־יהודה אַ הילפס־חייל פון צוויי לעגיאָנען, און אַליין מיט'ן איבעריגען טייל פון זיין חייל איז ער נאָכגעגאַנגען האַרט נאָך זיי.

3. הורדוס האָט זיך געפונען גראָד אין דאַפנע נעבען אַנטיוכיא, בשעה עס איז איהם אָנגעזאָגט געוואָרען דורך אַ דייטליכען חלום, אַז זיין ברודער איז

טויט. און ווי נאָר ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט דערשראָקענערהייד, זיינען אַריינגעקומען די שלוחים מיט דער טרויעריגער בשורה. נאָר מעהר ניט אַ קורצע צייט האָט הורדוס זיך איבערגעלאָזט דעם ווייהטאָג. באַלד אָבער האָט ער דעם טרויער אָבגעלייגט אויף אַ שפּעטערדיגער צייט און איז איילינג אַרויס קעגען די פיינד. אַזוי גיך, אַז מען קאָן דאָס כמעט ניט גלויבען, האָט ער דערגרייכט ביז צום לבנון, וואו ער האָט אַריבערגעצויגען אויף זיין צד אַכטהונדערט פון די בערג־אַיינוואוינער און האָט געפונען אויך אַ לעגיאָן רוימער. מיט'ן דאָזיגען חייל איז ער אַריינגעדרונגען אין גליל, ניט אָבגעוואַרט אַפילו, ביז עס וועט ווערען טאָג, און האָט צוריק אַריינגעטריבען די פיינד אין דער פעסטונג, פון וואַנען זיי האָבען זיך דערוועגט אַרויסצוציהען. ניט אָבשטעלענדיג זיך, איז ער אָנגעפאַלען אויף דער פעסטונג. נאָר איידער ער האָט בעוויזען זי אַיינצונעמען, איז געוואָרען אַ שרעקליכער שטורמווינט, און ער איז געצוואונגען געווען אָבצושטעלען זיך אין די שכנישע דערפער. אין עטליכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אויך דער צווייטער לעגיאָן, וואָס אַנטאָניוס האָט געשיקט. דעמאָלט זיינען די פיינד אויס מורא פאַר דער דאָזיגער מאַכט ביי־נאַכט אַנטלאָפען פון פעסטונג.

4. נאָכדעם איז הורדוס באַלד אַוועק קיין יריחו, בכדי וואָס גיכער זיך נוקם צו זיין אָן זיין ברודערס מערדער. דאָרט איז מיט איהם געשעהן אַ נס, און וויל ער איז אומגעריכטערהייד ניצול געוואָרען, האָט זיך וועגען איהם פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער איז אַ בעזונדערער ליעבלינג פון גאָט. אין יענעם אָוועגד זיינען גראָד געווען אַיינגעלאַדען צו איהם אַ סך חשוב'ע געסט ביים טיש. און ווי נאָר די סעודה האָט זיך געענדיגט, און די געסט זיינען אַרויס פון שטוב, איז די הויז פּלוצלונג אַיינגעפאַלען. הורדוס האָט דערין אַיינגעזעהן אַ מופת, וואָס בעווייזט אויף די סכנות, וואָס ער וועט מוזען אויסשטייהן אין דער מלחמה, און אויך, אַז סוף־כל־סוף וועט ער ניצול ווערען, — און פאַר בעגינען איז ער אַרויסגעטראָטען. באַלד זיינען אַראָב פון די בערג אָן ערך 6 000 פיינד און האָבען זיך אַריינגעלאָזט אין קליינע געשלעגען מיט זיין פאָדערשטען חייל. אמת, זיי האָבען ניט דערוועגט זיך צוצוגייהן נאָהענט צו די רוימער, נאָר פון דערווייטענס האָבען זיי געשליידערט שטיינער און וואָרף־שפּיזען און האָבען פערוואונדעט אַ סך פון זייערע געגנער. אויך הורדוס'ן האָבען זיי פאַרביי רייטענדיג געטראָפען מיט אַ שפּיז אין זייט.

5. און בכדי צו מאַכען דעם אָנשטעל, אַז זיינע מענשען זיינען כלומר'שט שטאַרקער פאַר זייערע געגנער ניט בלויז דורך זייער דרייסטקייט, נאָר אויך דורך זייער צאָהל, האָט אַנטיגנוס געשיקט איינעם פון זיינע גוטע פריינד פּפּוס'ן מיט אַ מיליטער־אָבטיילונג קיין שומרון. דאָרט האָבען זיי געדאַרפט מלחמה האַלטען מיט מאַכעראַס'ן. הורדוס אָבער איז דערווייל דורכגעגאַנגען דאָס פיינדליכע לאַנד, האָט צעשטערט פינף קליינע שטעדט, אויסגע'הרג'עט צוויי טויזענד אַיינוואוינער, פערברענט זייערע הייזער און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין זיין לאַגער, וואָס ער האָט געהאַט אויפגעשלאָגען אין אַ דאָרף מיט'ן נאָמען קאַנאַ.

6. אַלע טאָג זיינען צוגעשטאַנען צו הורדוס׳ן מאַסען אידען פון ירימו גופא און פון אַנדערע קאַנטען, טיילווייז מחמת שנאה צו אַנטיגנוס׳ן און טייל-ווייז, ווייל זיי זיינען געווען בעגייסטערט דורך הורדוס׳עס גבורות. דער גרעס-טער רוב אָבער איז געווען געטריבען דורך אַן אומבעוואוסטען פערלאַנג אומצו-בייטען דעם מצב פון איצטער. הורדוס האָט, אגב, שטאַרק חשק געהאַט צו שלאָגען זיך מיט׳ן שונא. אָבער אויך פפוס׳עס מענשען זיינען איהם געגאַנגען מוטיג אַנטקעגען, ניט מורא האָבענדיג פאַר זיין גרויסער מאַכט און פאַר זיין חשק צום קאַמף. אין דער שלאַכט, וואָס עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבען, האָט אַ טייל פונ׳ם שונא׳ס חייל אַ קורצע צייט איהם שטאַרק איינגעאיינגט. אָבער הורדוס, וואָס האָט געדיינקט זיין ברודערס טויט, איז ניט אָבגעשטאַנען פאַר קיין סכנה און האָט זיך געשלאָגען אַזוי, ווי ער וואָלט האָבען צו טאַן מיט די רוצחים גופא. אַזוי האָט ער באַלד גובר געווען די, וואָס האָבען זיך געהאַט אַ וואָרף געטאָן אויף איהם; דערנאָך האָט ער זיך געווענדט קעגען די, וואָס האָבען זיך געהאַלטען, זיי אַלעמען פערטריבען פון שלאַכט-פעלד און געלאָזט זיך נאָכ-יאָגען נאָך זיי. אונטער אונאויפהערליכער בלוט-פערגיסונג האָט ער זיי אַריינ-געיאָגט אין דאָרף, פון וואַנען זיי זיינען אַרויס קעגען איהם, און דערביי האָט ער בעזונדערס מורא׳דיגע שאָדענס אָנגעטאָן זייער הינטערשטען חייל. צולעצט איז ער אינאיינעם מיט די פיינד אַריינגעדרונגען אין דאָרף, וואו איטליכע הויז איז געווען פול מיט בעוואָפענטע, און אפילו אויף די דעכער זיינען גע-שטאַנען פערטיידיגער. ווי נאָר ער האָט גובר געווען די, וואָס זיינען גע-שטאַנען אין דרויסען, האָט ער געהייסען איינברעכען די הייזער, און דורכדעם האָט ער געוואָלט צווינגען די, וואָס געפינען זיך אינווייניג, זיי זאָלען אַרויסגייהן. אַזוי איז דער גרעסטע רוב פון זיי דערשטיקט געוואָרען אונטער די איינגעפאַלענע דעכער; די, וואָס זענען ניצול געוואָרען פון די מפולת׳ן, זיינען געפאַלען אונטער׳ן שווערד פון די סאָלדאַטען, און די טויטע קערפער, וואָס זיינען געלעגען הויפענסווייז, האָ-בען צולעצט פערשפאַרט די וועג די זיגער גופא. אַזא שחיטה האָט אינגאַנצען אָבגענומען דעם מוט ביי די פיינד, און אַז ס׳פלעגט זיך יאָ צונויפקלייבען אַ הייפעל, — איז ווי זיי האָבען נאָר דערזעהן די טויטע ליגענדיג אין דאָרף, האָבען זיי זיך געלאָזט לויפען איבערגעשראָקענע אין אַלע זייטען.

הורדוס, וואָס האָט זיך שטאַרק געפרייהט איבער זיין נצחון, וואָלט גע-ווען גערן תיכף-ומיד צו לאָזען זיך גייהן קיין ירושלים. נאָר דער צו-שטרענ-גער ווינטער האָט איהם געשטערט דערין. מעהר ניט דאָס איז די סבה, פאַר-וואָס הורדוס האָט ניט געקאָנט אויסנוצען פולקום זיין נצחון און אַראָבוואַרפען אַנטיגנוס׳ן, וואָס האָט זיך שוין געגרייט צו פערלאָזען ירושלים.

7. קעגען אָוונד האָט הורדוס געלאָזט זיינע אויסגעמאַטערטע קריגסלייט זיך אויסרוהען, און אַליין איז ער אַוועק זיך באָדען לויט׳ן מנהג פון סאָל-דאַטען, און דערביי האָט איהם בעדיענט נאָר איין קליינער אינגעל. איידער ער איז אַריינגעגאַנגען אין מרחץ, איז פאַר זיינע אויגען אַרויסגעלאָפען פון דאָרט אַ פיינדליכער סאָלדאַט מיט אַ שווערד אין דער האַנד, נאָך איהם אַ צווייטער.

טער, א דריטער און נאָך עטליכע. זיי זיינען נאָך דער שלאַכט אַנטלאָפען געוואָרען בעהאָפענטעריהייד אין מרחק און האָבען זיך דאָרט בעהאַלטען פאַר גרויס מורא. ווי נאָר זיי האָבען דערזעהן דעם קעניג, זענען זיי אַרויס פון זייער פערגליווערונג און מיט ציטערניש זיינען זיי אַרויסגעלאָפען פאַרביי איהם, וואָס איז געווען ניט בעוואָפענט, און האָבען געזוכט די טיר. צופעליג איז דערביי ניט געווען קיין איינער ניט פון הורדוס׳עס קריגסלייט, וואָס האָט געקאָנט זיי חאַפען, און אַזוי זיינען זיי אַלע אַנטלאָפען געוואָרען.

8. דעם אַנדערן טאָג האָט הורדוס געהייסען אָראָבהאַקען די קאָפּ ביי אַנטיגנוס׳עס קריגס-הויפּטמאַן פּפּוס׳ן, וואָס איז געפאַלען אין שטרייט, און האָט עס אָבגעשיקט צו זיין ברודער פירורס פאַר אַ סימן, אַז ער האָט נקמה גענומען פאַר זייער ברודערס טויט; וואָרום אָט דער פּפּוס האָט דאָס יוסף׳ן געטויט.

ווי נאָר די שטרייגקייט פון ווינטער איז שוואַכער געוואָרען, איז הורדוס אַרויסגעטראָטען קעגען ירושלים, האָט צוגעפיהרט זיין חייל ביז צו די מויערן און האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער פונקט קעגענאיבער דעם בית-המקדש. דאָס איז געשעהן צום סוף פון דריטען יאָהר, זינט ער איז אין רוים געוואָרען בעשטימט פאַר אַ קעניג. נאָר אויף דער זייט, וואָס הורדוס האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט מען געקאָנט איינ- נעמען די שטאָדט; אויך פומפּיוס האָט זי איינגענומען פון אָט דער זייט. נאָכדעם ווי הורדוס האָט פונאַנדערגעטיילט די בעלעגערונגס-אַרבייטען צווישען זיינע קריגסלייט און געהייסען אויסהאַקען די וועלדער אַרום שטאָדט, האָט ער בעפויהלען אויסצובויען דריי וואַלען און אויף זיי טורעמס. צוליעב די דאָזיגע אַרבייטען האָט ער איבער- געלאָזט זיינע פלייסיגסטע מענשען, און אַליין איז ער אַוועק קיין שומרון, בכדי חתונה צו האָבען דאָרט מיט דער טאָכטער פון אַלכסנדר, דעם זוהן פון אַריסטובול, וואָס מיט איהר, ווי עס איז שוין אויבען דערמאָנט, איז ער געווען פער׳קנס׳ט. אַזוי איז ביי איהם געווען די חתונה אַ בייזאַך צו דער בעלעגערונג, וואָרום ער האָט שוין אָנגעהויבען צו פעראַכטען זיינע געגנער.

9. ווי נאָר די חתונה איז געווען פאַרביי, האָט ער זיך אומגעקעהרט קיין ירושלים מיט נאָך אַ גרעסערן חייל, וואָרום פאַר דער צייט האָט זיך מיט איהם פעראייניגט סאָסיוס מיט אַ בעדייטענדען חייל פון רייטער און פוסגייהער. דעם חייל האָט ער געשיקט דורך די אינעווייניגסטע געגענדען פון לאַנד, און ער אַליין האָט זיך געלאָזט גייהן דורך פעניקיען. דער גאַנצער חייל, אַן ערך עלף לעגיאָנען פוסגייהער און 600 רייטער, דערצו נאָך אַ בעדייטענדער הילפס- חייל פון סיריען, האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער ניט ווייט פון דער צפון׳דיגער שטאָדט-מויער. הורדוס גופא האָט זיך סומך געווען אין זיינע מעשים אויף דעם בעשלוס פון סענאַט, וואָס האָט איהם בעשטימט פאַר אַ קעניג, און סאָסיוס אויף אנטאָניוס׳ן, וואָס האָט געשיקט הורדוס׳ן צוהילף דעם חייל, וואָס שטייהט אונטער זיין אָנפיהרונג.

# אכטצעהנטער קאפיטעל.

הורדוס און סאָסיוס נעמען איין ירושלים. — אנטיגנוס'עס טויט. — קלעאָפּאַטרע'ס געלדגיריגקייט.

1. דערווייל האָט די מאַסע אידען, וואָס האָבען זיך געהאַט צונויפגעקליבען אין ירושלים, אָנגעהאַפּט אַ גרויסע אויפרעגונג. די שוואַכערע האָבען זיך צונויפגעקליבען אַרום דעם בית־המקדש און האָבען געשאַצט גליקליך דעם, ווער עס לעבט ניט אין אַזאַ צייט, וואָרום זיי האָבען דערין איינגעזעהן אַ בעזונדערע גאָטס געגאָד. פערקעהרט, די דרייסטערע האָבען זיך צונויפגעקליבען באַנדעסווייז און פלעגען אויספיהרען אַ סך גזלות און רציחות. בעזונדערס פלעגען זיי בערויבען די סביבה פון שטאָדט, מחמת עס האָט זיי געפעהלט לעבענסמיטלען פאַר די מענשען און פאַר די בהמות. דעם בעסער דיסציפּלינירטען טייל פונ'ם חייל האָט מען אויסגעשטעלט בכדי צו פערטיידיגען די שטאָדט קעגען די בעלעגערער. זיי האָבען פערטריבען די אַרבייטער ביי די וואַלען און האָבען אויסגעטראַכט אַלץ נייע פערטיידיגונגס־מיטלען קעגען די בעלעגערונגס־מאַשינעס. אָבער קיין זאַך האָבען זיי ניט געקאָנט בעסער פאַר די פיינד, ווי גראָבען אונטערערדישע מינעס.

2. די רויבער האָט דער קעניג געפּלייסט זיך צו כאַפּען, און ס'האָט זיך איהם אויך איינגעגעבען צו מאַכען אַ סוף פון די אויספאַלען. בכדי צו שטילען דעם דוחק אין עסענוואַרג, האָט ער געלאָזט צופיהרען לעבענסמיטלען פון ווייטענס. היות ווי ביי הורדוס'ן זענען געווען די קריגס געניטע רוימישע זעלנער, דעריבער איז ער געווען שטאַרקער פאַר די בעלעגערטע, הגם בנוגע צו דרייסטקייט האָט מען ניט גרינג געקאָנט איבערשטייגען די לעצטע. אמת, זיי האָבען טאַקע אויסגעמידען צו שלאָגען זיך מיט די רוימער אין אָפענעם פעלד, מחמת דאָס וואָלט זיכער בעטייט זייער אונטערגאַנג. דערפאַר אָבער פלעגען זיי אָפטמאָל בעווייזען זיך אונגעריכטערהייד פון זייערע אונטערערדישע גיינג אין רעכטען מיטען פון זייערע פיינד, און איידער איין טייל פון דער מויער האָט נאָך בעוויזען צו ווערען צעשטערט, האָבען זיי שוין געהאַט אויפגעבויט אַן אַנדערע. קיצור הדבר, ניט זייערע הענד זיינען מיד געוואָרען ניט זייער קאָפּ האָט אויפגעהערט אויסצוטראַכטען כל־ערליי פערשיידענע מיטלען, און זיי זיינען בעשיינפערליך גרייט געווען צו פערטיידיגען זיך ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט.

אַזוי האָבען זיי אויסגעהאַלטען די בעלעגערונג אין משך פון 5 חדשים, ניט קוקענדיג אויף דער שטאַרקייט פונ'ם חייל, וואָס האָט זיי בעלעגערט. צולעצט האָבען עטליכע אָבגעקליבענע מענשען הורדוס'עס גענומען אויף זיך אַרויפצושטייגען אויפ'ן מויער, נאָך זיי זיינען אַרויף סאָסיוס'עס צענטוריאָנען (אונטער־אָפיצירען), און זיי זיינען אַריינגעדרונגען אין שטאָדט. בוערשט האָבען זיי איינ־

גענומען דעם קווארטאל ארום דעם בית־המקדש. דערנאך האט דער חייל זיך אריינגעריסען אין שטאדט, און ס'האט זיך אנגעהויבען אומעטום א שרעקליכע שחיטה. ווארום די רוימער זיינען געווען שטארק ערביטערט דעריבער, וואס די בעלעגערונג האט אזוי לאנג געדויערט, און די אידען פון הורדוס'עס צד האבען פון זייער זייט געטאן אלצדינג, בכדי ניט צו לאזען לעבען קיינעם ניט פון אנטיגנוס'עס אנהייגער. גאנצע מאסען האט מען אויסגעקוילעט אין די שמאלע געסלעך, אין די הייזער, וואו זיי האבען זיך צונויפגעפרעסט, און לויפענדיג צום בית־המקדש. אפילו אויף קיין קינדער, אויף זקנים, אויף פרויען האט מען ניט געהאט קיין רחמנות, און הגם דער קעניג האט אומעטום ארומגעשיקט שלוחים און געהייסען שוינען, פונדעסטוועגען האט קיינער די האנד ניט איינגעהאלטען, און די סאלדאטען האבען געווילדעוועט ווי משוגע קעגען גרויס און קליין. דערווייל איז אנטיגנוס, וואס האט קיין שום געפיהל ניט געהאט ניט אין זיין פריהערדיגען, ניט אין זיין איצטיגען מעמד, ארויס פון זיין שלאס און האט זיך געווארפען סאסיוס'ן פאר די פיס. יענער אבער איז לחלוטין ניט גערירט געווארען דורך אזא אומבייט פון דער לאגע, האט אויסגעשאסען מיט א געלעכטער און האט איהם זידלענדיג אנגערופען אנטיגאנע, ד. ה. אידענע. ער האט איהם אבער ניט געלאזט פריי ארומגייהן, ווי א פרוי, נאר ער האט געהייסען איהם שמידען אין קייטען און אריינזעצען אין תפיסה.

3. נאכדעם ווי הורדוס איז בייגעקומען זיינע פיינד, האט ער קודם כל געזארגט דערפאר, ווי אזוי איינצושטילען די צעווילדעוועטע הילפס־זעלנער. ווארום דער פרעמדער המון איז געקומען אנגעלאפען פון אלע זייטען, בכדי צו זעהן דעם בית־המקדש און די הייליגטימער. דער קעניג האט זיי אבער אבגעהאלטען דערפון, טיילווייז דורך ווייכע רייד, טיילווייז דורך סטראשונקעס, און אפילו מיט'ן כח פון געוועהר. ווארום ער איז געווען איבערצייגט, אז זיין נצחון וואלט געווען שענדליכער, איידער א מפלה, אויב די פרעמדע וואלטען געזעהן עפיס אזוינס, וואס זיי טארען ניט זעהן. פונקט אזוי האט ער ניט דערלאזט צעראבירען די שטאדט און האט געפרעגט ביי סאסיוס'ן, ער זאל איהם זאגען, איין מאל פאר אלע מאל, צי דען ווילען די רוימער איינגאנצען אויסליידיגען די שטאדט פון געלד און פון מענשען און איבערלאזען איהם פאר א קעניג איבער מדבריות; ער פון זיין זייט האט מוחל געווען די הערשאפט איבער דער גאנצער וועלט, וויבאלד מען בעדארף זי קויפען דורך די בלוט פון אזוי פיעל בירגער. דערויף האט סאסיוס געענטפערט, אז על־פי יושר בעדארף מען מען לאזען די סאלדאטען רויבען, בכדי אבצוצאהלען זיי פאר די צרות, וואס זיי האבען געהאט בשעת דער בעלעגערונג. האט הורדוס ערקלערט, אז ער וועט איטליכען בעזונדער בעלוינען פון זיין אייגענער קאסע. דורכדעם האט זיך איהם איינגעגעבען אבצוראטעווען דעם איבעריגען טייל פון שטאדט, און תיכף האט ער אויך אויסערפילט זיין צוזאג און האט געשאנקען אלעמען מתנות: די סאלדאטען גלענצענדע, די אפיצירען נאך רייכערע און סאסיוס'ן גופא אמת קעניגליכע, אזוי אז קיינער איז ניט אוועק פון איהם אהן געלד. סאסיוס האט דערנאך מנדב געווען דעם אייביגען גאט א גאלדענע קרוין און איז אוועק

פון ירושלים, בכדי צו ברייגגען דעם געפאַנגענעם אַנטיגנוס'ן צו אַנטאָניוס'ן. און געשטאָרבען איז אַנטיגנוס דורך אַ מיאוס'ן טויט: מען האָט איהם אַראָב־געהאַקט די קאָפּ מיט אַ האַק 1).

4. איצטער האָט דער קעניג הורדוס געמאַכט אַן אָבקלייבונג צווישען די איינוואוינער פון שטאָדט: די וואָס זיינען געוועזען איהם געטריי, האָט ער גע־געבען בכבוד'יגע שטעלעס, און דערמיט האָט ער זיי באַכמעהר צוגעצויגען צו זיך. פערקעהרט, אַנטיגנוס'עס אַנהייגגער האָט ער געהייסען טויטען. היות ווי איהם האָט געפעהלט מזומן געלד, האָט ער געלאָזען אָבגיסען מטבעות פון אַלע טייערע חפצים, וואָס ער האָט געהאַט, און האָט עס אָבגעשיקט צו אַנטאָניוס'ן און צו זיינע גוטע פריינד. פונדעסטוועגען האָט ער ניט געקאָנט זיך איינ־קויפען זיכערקייט אויף אַ לאַנגער צייט.

וואָרום אַנטאָניוס, וואָס דער גלוסט צו קלעאָפּאַטרע'ן האָט איהם געהאַט כמעט ווי אויפגעצעהרט, איז געוואָרען איינגאַנצען אַ שקלאַף פון זיין תאוה. און נאָכדעם ווי קלעאָפּאַטרע האָט גע'פטר'ט איהר אייגענע פאַמיליע אַזוי, אַז קיין איינער פון איהרע נאָהענטע קרובים האָט מעהר ניט געלעבט,—האָט זיך דעמאָלט איהר בלוט דאָרשטיגקייט געווענדט נאָך אויסוויינינג, און זי פלעגט תמיד אָנריידען שלעכטס פאַר אַנטאָניוס'ן אויף די סירישע פירשטען און האָט זיך געמיהט צו פועל'ן ביי איהם, ער זאָל זיי הרג'ען, בכדי זי זאָל קענען גרינג אַריינכאַפּען זייערע לענדער. אַזוי האָט זי אויך געוואָרפען איהר בליק אויף דאָס לאַנד יהודה און אויף אַראַביען און שטילערהייד האָט זי געאַרבייט וועגען דעם, ווי אַזוי אָבצוראַמען פון וועג די מלכים פוןביידע לענדער, מאַליכ'ן און הורדוס'ן.

5. הגם ביז איצט האָט אַנטאָניוס נאָכגעגעבען אַלע איהרע פאָדערונגען, פונדעסטוועגען האָט ער ניט געקאָנט קוקען אויפ'ן מאָרד פון די דאָזיגע צוויי אָרענטליכע לייט און בעדייטענדע מלכים אַנדערש, ווי אויף אַ פערברעכען. פונ־דעסטוועגען איז ער געוואָרען אויס גוטער פריינד מיט זיי און האָט אָבגענומען ביי זיי בעדייטענדע חלקים ערד און אָבגעגעבען קלעאָפּאַטרע'ן. אַזוי האָט ער אָבגעגעבען קלעאָפּאַטרע'ן דעם פּאַלמען־וואַלד ביי יריחו, וואו עס געפינט זיך באַלזאַם, און אַלע שטעדט אויף דער זייט טייך עלויטערוס, חוץ צור און צדון.

נאָכדעם ווי קלעאָפּאַטריע איז געוואָרען די הערשערין איבער די דאָזיגע געגענדען, האָט זי בעגלייט אַנטאָניוס'ן אין דער מלחמה קעגען די פּאַרטער ביז צום טייך פּרת און דערנאָך איז זי געקומען איבער אַפּאַמעאַ און דמשק אין מלכות־יהודה. דאָ האָט הורדוס דורך טייערע מתנות איינגעשטילט איהר כעס און האָט אָבגעדונגען ביי איהר די געגענדען, וואָס זיינען אָבגענומען גע־וואָרען פון זיין קיניגרייך, פאַר 200 טאַלענטען יעהרליך. דערנאָך האָט ער זי אַרויסבעלייט מיט גרויס כבוד ביז פּעלוסיום. באַלד נאָכדעם איז אָנגעקומען אַנטאָניוס פון לאַנד פון די פּאַרטער און האָט געפיהרט מיט זיך געפאַנגענעם אַרטאַבאַזעס'ן, דעם זוהן פון טיגראַנעס'ן. איינאיינעם מיט די טייערע חפצים און דעם איבעריגען רויב האָט ער איהם אָבגעגעבען פאַר אַ מתנה קלעאָפּאַטרע'ן.

1) אין יאָהר 37 פאַר קריסט.

# נייַנצעהנטער קאַפּיטעל.

אַנטאָניוס שיקט הורדוס'ן קעגען די אַראַבער. — אַ גרויסע ערדציטערניש אין לאַנד יהודה.

אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה פון אַקציום,[1] האָט הורדוס זיך געגרייט אַרויסצוטרעטען אין מלחמה אינאיינעם מיט אַנטאָניוס'ן, מחמת איצט האָבען די אומרוהען אין מלכות־יהודה שוין געהאַט אויפגעהערט, און אויך די פעסטונג הורקניאַ, וואָס ביז אַהער האָט אַנטיגנוס'עס שוועסטער זי נאָך געהאַלטען, איז אַריינגעפאַלען אין הורדוס'עס הענד. אָבער קלעאָפּאַטרע האָט דורך איהר פאַלשקייט און רמאות אויסגעפיהרט, אַז הורדוס זאָל ניט מיטגייהן מיט אַנטאָניוס'ען. ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרען, האָט זי געוואָלט פטור ווערען פון איהם און פון אַראַבישען קעניג. בכן האָט זי צוגערעדט אַנטאָניוס'ן, ער זאָל איבערגעבען הורדוס'ן צו פיהרען מלחמה מיט די אַראַבער, און האָט אויסגערעכענט, אַז טאָמער וועט הורדוס מנצח זיין, וועט זי בעקומען אַראַביען, טאָמער זשע וועט ער בעקומען אַ מפלה, וועט זי בעקומען מלכות־יהודה. אַזוי האָט זי גערעכענט צו פערניכטען איין פירשט דורך דעם אַנדערן.

2. נאָר וואָס עס האָט געזאָלט אויסגייהן פאַר אַ רעה, איז געווען אַ טובה פאַר הורדוס'ן. צוערשט האָט ער אָבגענומען ביי די פיינד משכנות, דערנאָך איז ער אָנגעפאַלען אויף זיי מיט אַ בעדייטענדער אָבטיילונג רייטער ביי דיאָספּאָליס, און ניט קוקענדיג אויף זייער דרייסטען ווידערשטאַנד, האָט ער זיי מנצח געווען. די דאָזיגע מפלה האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע בעוועגונג צווישען די אַראַבער. זיי האָבען זיך נאָך אַמאָל צונויפגעקליבען אין אַ גרויסער צאָהל ביי קאַנאַטאַ אין קעלעסיריען און האָבען דאָרט געוואַרט אויף די אידען. אַז הורדוס איז דאָרט אָנגעקומען מיט זיין חייל, האָט ער געטראַכט צו פיהרען די מלחמה מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט, און דעריבער האָט ער געהייסען אויסבויען אַ בעפעסטיגטען לאַגער. נאָר זיינע מענשען האָבען איהם ניט געוואָלט פאָלגען, מחמת דער ערשטער נצחון האָט זיי דרייסט געמאַכט, און האָבען זיך אַוואָרף

1) נאָכדעם, ווי עס איז דערשטיקט געוואָרען דער לעצטער פּרוב פון די רוימישע רעפּובליקאַנער ווידער צו בענייען די רעפּובליק, האָבען פערהאַפּט די ממשלה איבער דער וועלט־מלוכה דריי רוימישע קריגס־הויפּטלייט (טריאומווירען), נאָר די הויפּטראָל שפּילען די צוויי — אַנטאָניוס און אָקטאַוויאַנוס קיסר, וואָס האָט שפּעטער בעקומען דעם צונעמעניש אויגוסטוס דער "הייליגער". זיי האָבען צעטיילט צווישען זיך די מלוכה אַזוי, אַז אָקטאַוויאַנוס האָט געהערשט איבער'ן מערב'דיגען טייל, ד. ה. איבער איטאַליען און איבער מערב־אייראָפּע, איבער דעם צפון־מערב פון אַפריקע; און אַנטאָניוס — איבער אַזיען, גריכענלאַנד, מצרים. אַ יאָהר 12 אַן ערך האָט געהערשט שלום צווישען זיי ביידען, נאָר סוף־כל־סוף האָבען זיי זיך צעקריגט. און אין דער שלאַכט ביי אַקציום איז אַנטאָניוס בעזיגט געוואָרען, און אָקטאַוויאַנוס איז געבליבען דער אומבעגרעניצטער אלייניהערשער איבער דער גאַנצער רוימישער אימפעריע מיט'ן טיטעל אימפּעראַטאָר, 100 יאָהר פאַר'ן צווייטען חורבן.

געטאָן אויף די אראַבער, וואָס האָבען זיך באַלד ביים ערשטען אָנפאַל געלאָזט לויפען. בשעת הורדוס האָט זיי נאָכגעיאָגט, האָט מען איהם אָבגעטאָן אַ מיאוס׳ן שפּיצעל. אַ געוויסער אַנטעניאָן, איינער פון קלעאָפּאַטרע׳ס הויפּט-לייט, וואָס איז תּמיד געווען איהם אַ שונא, האָט אויפגעהעצט קעגען איהם די איינוואוינער פון קאַנאַטאַ. זייער אָנפאַל האָט ווידער דערוועקט מוט ביי די אַראַבער, און זיי האָבען זיך אומגעקעהרט, זיך ווידער פעראייניגט און אויף אַ פעלזיגער געגענד אָהן וועגען האָבען זיי געשלאָגען הורדוס׳עס מענשען און האָבען אַ סך צווישען זיי אויסגעקוילעט. די וואָס זיינען אַנטרונען געוואָרען פון דער שלאַכט, זיינען אַנטלאָפען געוואָרען קיין אָרמיזא. נאָר די אַראַבער האָבען אַרומגערינגעלט דעם לאַגער, האָבען עס איינגענומען און די מענשען גענומען געפאַנגען.

3. באַלד נאָך דער דאָזיגער מפּלה איז אָנגעקומען הורדוס מיט אַ הילפס-חייל, נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. שולדיג אין׳ם גאַנצען אומגליק זיינען געווען הורדוס׳עס אָפיצירען, וואָס זיי האָבען איהם ניט געפאָלגט. וואָרום וואָלטען זיי ניט אזוי איבערראַיילט אָנגעהויבען דעם געשלעג, וואָלט אַנטעניאָן קיין געלעגענהייט ניט געהאַט פאַר זיין בגידה. איבעריגענס האָט הורדוס נקמה גע-נומען דורך אָפטע אָנפאַלען אין לאַנד פון די אַראַבער, אַזוי אַז זייער איינציגער נצחון האָט זיי טייער געקאָסט.

אין דער צייט וואָס ער האָט אַזוי אָנגעטאָן צרות זיינע פיינד, האָט איהם געטראָפען אַן אַנדער אומגליק. אין אָנהויב פריה-יאָהר פון זיבעטען יאָהר, זינט ער איז געוואָרען קעניג, דעמאָלט, בשעת די מלחמה פון אַקציום האָט דערגרייכט צו איהר העכסטען פונקט, איז געווען אַן ערדציטערניש אין זיין מלוכה, וואָס האָט פערטיליגט אָהן אַ שיעור בהמות און 30 000 מענשען. נאָר דער חייל איז געבליבען ניט בעשעדיגט, ווייל ער האָט געלעגערט אונטערן פרייען הימעל. דערווייל האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז גאַנץ מלכות-יהודה איז פערוויסט געוואָרען. וואָרום בכלל איז מען זיך נוהג מגזם צו זיין אין אַן אומגליק און מוסיף צו זיין מעהר ווי עס איז. דאָס האָט זייהר געשטאַרקט דעם מוט ביי די אַראַבער. זיי האָבען געמיינט, אַז זיי וועט זיך גרינג איינגעבען איינצונעמען דאָס לאַנד, וואָס איז געבליבען אָהן איינוואוינער. דעריבער זיינען זיי אַריינגע-דרונגען אין לאַנד יהודה, נאָכדעם ווי זיי האָבען לכתּחילה אַוועקגעקוילעט אויף קרבנות די שלוחים פון די אידען, וואָס האָבען זיך ביי זיי איינגעפונען. און היות ווי הורדוס׳עס קריגסלייט זיינען אַריינגעפאַלען אין גרויס מורא און זיינען איינגאַנצען געווען אַראָבגעפאַלען ביי זיך איבער די אומגליקען, וואָס האָבען געטראָפען מיט זיי איינער נאָכ׳ן אַנדערן, — דעריבער האָט הורדוס זיי אַלעמען צונויפגערופען און געפלייסט זיך צו שטאַרקען זייער שטאַנדהאַפטיגקייט דורך פאָלגענדער רעדע.

4. „מיר דוכט, אַז עס האָט קיין זין ניט דאָס, וואָס איהר האָט אַזוי מורא איצט. אַז די פורענויות, וואָס גאָט האָט אויף אייך אַרויפגעשיקט, שרעקען אייך, דאָס איז נאַטירליך. אָבער אויב אַן אָנפאַל פון מענשען מאַכט אויף אייך פונקט דעמזעלביגען איינדרוק — דאָס פּאַסט שוין ניט פאַר מוטיגע מענער. וואָס

אַנבעלאַנגט מיר, האַלט איך כלל ניט, אַז עס איז פאַרהאַן וואָס מורא צו האָבען פאַר די פיינד נאָכ'ן ערדציטערניש. מיר דוכט, אַדרבה, אַז גאָט האָט דערמיט געוואָלט, אַזוי צו זאָגען, אַריינבאַרען די אַראַבער, אַז זיי זאָלען אָנפאַלען אויף אונז. וואָרום זיי זיינען דאָך אָנגעפאַלען אויף אונז ניט מחמת דעם, וואָס זיי פערלאָזען זיך אויף זייער שטאַרקער מאַכט און אויף זייערע געוועהר, נאָר זיין סומך זיינענדיג אויפ'ן אומגליקליכען נאַטור-געשעהעניש, וואָס פון איהר ליידען מיר. אָבער אַזאַ האָפענונג, וואָס שטיצט זיך ניט אויפ'ן אייגענעם כח, נאָר אויפ'ן פרעמדענס אומגליק, טוט תמיד אָבנאַרען. צי דען איז דער גליק אָדער זיין היפוך שטאַנדהאַפטיג ביי מענשען? אָדער, לויט די ערפאַהרונג בעוויזט, שאָקעלט זיך דער גליק ניט אַהין און אַהער? קיין ראיות דערצו בעדאַרף מען באמת ניט זוכען ווייט. אָט זעהט: דער פיינד האָט מנצח געווען אונז, וואָס אין דער פריהערדיגער שלאַכט האָבען מיר איהם מנצח געווען; און מסתמא וועט ער אויך בעקומען די מפלה, הגם ער טרייסט זיך אַזוי מיט דער האָפענונג אויף אַ נצחון. אַז מען האַלט צופיעל פון זיך, ווערט מען אומפאָרזיכטיג; פערקעהרט, מורא ל'ערנט זיין פאָרזיכטיג; דעריבער גיט מיר איין מוט גראָד אייער פחדנות. וואָרום בשעת איהר האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף די פיינד מיט מעהר אימפעט, איידער ס'בעדאַרף צו זיין, און זייט אָנגעפאַלען אויף זיי קעגען מיין רצון, האָט אַנטעניאָן געפונען די געלעגענהייט פאַר זיין בגידה. איצט אָבער בין איך בעזיכערט, אַז דוקא אַדאַנק דעם, וואָס איהר זעהט אויס ווי דערשראָקען און מוטלויזיג, וועלען מיר אָבהאַלטען דעם נצחון. ביז ס'וועט אָנקומען די שעה פון שלאַכט, מעג אפשר הערשען די דאָזיגע שטימונג אייערע. אָבער אין דער שלאַכט גופא מוז אייער מוט אויפפלאַקערן און בעוויזען יענע פערברעכערישע באַנדעס, אַז כל זמן ביי די אידען איז נאָך פאַרהאַן אַ פונק חיות, וועט קיין איין אומגליק, צי עס קומט פון מענשען צי פון גאָט, ניט קאָנען צונישט מאַכען זייער מוט. און זעהט, אַז קיינער פון אייך זאָל ניט דערלאָזען דעם אַראַבער, וואָס איהר האָט איהם שוין כמעט אָבגעפיהרט אַלס געפאַנגענעם, צו ווערען אַ בעל-הבית איבער אייער אייגענס.

בכן זאָלט איהר אייך ניט לאָזען איינשרעקען דורך נאַטור-ערשיינונגען און רעכענט ניט, אַז די ערדציטערניש איז דאָס אַ סימן פאַר אַ ווייטערדיגען אומגליק. וואָרום דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין די יסודות פון דער נאַטור, בריינגט דעם מענשען ניט קיין אַנדער שאָדען, חוץ דעם, וואָס די נאַטור-ערשיינונג גופא רופט אַרויס. געוויס קאָנען הונגער, פעסט, ערדציטערניש אָנגעזאָגט ווערען דורך בעזונדערע מופתים; אָבער די פלאָגען גופא פאַר זיך זיינען בעגרעניצט דורך זייער אייגענער גרייס. בעטראַכט זיך נאָר אַליין: שוין זשע קאָן אפילו אַ פיינד, וואָס איז אונז מנצח, אונז אָנטון מעהר שאָדען, איידער די ערדציטערניש? פערקעהרט, אונזערע פיינד בעקומען אַ מורא'דיגען צייכען פאַר זייער פערטיליגונג, אַ צייכען, וואָס זיי האָבען זיך דערוואוסט ניט דורך דער נאַטור און ניט דורך אַן אַנדער כח. האָבען זיי דאָך קעגען דעם פעלקער-רעכט געטויט מיט אַכזריות אונזערע שלוחים און געבראַכט זיי פאַר קרבנות צו זייער גאָט צוליעב'ן סוף פון דער מלחמה! אָבער זיי וועלען ניט קאָנען אַנטלויפען

פון גאָטס אויג, האָס זעהט אומעטום, און פאַר זיין אונבעזיגטער האַנד. און באַלד וועלען מיר זיי אָבצאָהלען, ווי עס קומט זיי, אויב ביי אונז איז נאָך געבליבען אַ סימן פון אונזערע עלטערנס גייסט.

בכן זאָל איטליכער אַרויסטרעטען אין מלחמה, ניט פאַר זיין ווייב און קינדער, אויך ניט פאַר דאָס פאָטערלאַנד, וואָס געפינט זיך אין סכנה, נאָר בכדי צו נעמען נקמה פאַר'ן הרג'ען די שלוחים. וואָרום די שאָטענס (נשמות) פון די דאָזיגע מענער זייַנען בעסערע אָנפיהרער, איידער מיר, די לעבעדיגע. איך אָבער, אויב איהר וועט זיך נאָר ניט אָבזאָגען מיר צו פאָלגען, וועל גייהן פאַר אייך אַנטקעגען די סכנות, און איהר ווייסט דאָך, אַז אייער כוח איז אונבעזיגבאַר, אויב איהר שאַדט אייך נאָר ניט אַליין דורך אייער איבעראיילטקייט".

5. נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעמונטערט די סאָלדאַטען דורך אָט דער רעדע און אַז ער האָט בעמערקט, אַז זיין חייל איז גרייט אַרויסצוטרעטען אין שטרייט, האָט ער געבראַכט קרבנות צו גאָט, און אַז די הייליגע עבודה איז פערענדיגט געוואָרען, איז ער מיט'ן חייל אַריבער דעם ירדן. ער האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער ביי פילאַדעלפיא (רבת-עמון) ניט ווייט פון די פיינד. גרייטענדיג זיך צו דער ענטשיידענער שלאַכט, האָט ער צוערשט געזוכט צו פערכאַפען אין קליינע געשלעגען אַ קליינע פעסטונג, וואָס איז געלעגען צווישען ביידע מחנות און וואָס אַהין האָבען אויך די פיינד געשיקט אַ קליינע אָבטיילונג, אָבער דעם קעניגס זעלנער האָבען זיי צוריקגעשלאָגען און האָבען איינגענומען דעם בעפעסטיגטען באַרג.

הורדוס גופא פלעגט אַלע טאָג אַרויסטרעטען מיט זיין חייל און אויפשטעלען איהם אין שלאַכט-אָרדנונג. דורכדעם האָט ער געוואָלט אַרויסרופען די אַראַבער צום געשלעג. נאָר היות ווי קיינער האָט זיך איהם ניט אַנטקעגענגעשטעלט — וואָרום אויף די אַראַבער איז אַרויפגעפאַלען אַ מורא'דיגע שרעק, און זייער אָנפיהרער עלטעמוס איז כמעט פערשטיינערט געוואָרען פאַר פחד, בשעת ער האָט דערזעהן דעם שונא'ס חייל, — דעריבער איז ער אַליין געגאַנגען ווייטער פאָראויס און האָט אָנגעהויבען דורכצוברעכען זייערע בעפעסטיגונגען. געצוואונגען אויף אַזאַ אופן זיך אַנטקעגענצושטעלען, זייַנען זיי אַרויסגעטראָטען אין שלאַכט אָהן אַ שום אָרדנונג, צונויפגעמישט אינאיינעם פוסגעהער מיט רייטער. לויט זייער צאָהל זייַנען זיי געווען שטאַרקער פאַר די אידען, נאָר בנוגע צו זייער מוט זייַנען זיי געווען שוואַכער פאַר זיי, הגם פאַר יאוש האָבען זיי זיך געשלאָגען, ווי משוגע.

6. כל זמן זיי האָבען זיך געהאַלטען פעסט, האָבען זיי ניט געהאַט קיין גרויסען אָנווערה. אָבער ווי נאָר זיי האָבען אומגעקעהרט דעם נאַקען, זייַנען אַ סך פון זיי אומגעקומען, צום טייל דורכ'ן שווערד פון די אידען, צום טייל דורך זייערע אייגענע מענשען, וואָס האָבען זיי צעטראָטען מיט די פיס. 5 000 מאַן זייַנען געפאַלען אַזוי לויפענדיג, און די איבעריגע האָבען זיך אין געדיכטע מאַסען בעהאַלטען הינטער די בעפעסטיגונגען. דאָ האָט הורדוס זיי איינגעשלאָסען און בעלעגערט. און



קלעאָפּאַטרע

איידער זיי זיינען נאָך געצוואונגען געווען דורך דער קראַפט פון געוועהר זיך אונטערצוגעבען, האָט זיי דערצו געניט דער דאָרשט, מחמת ביי זיי האָט זיך אויסגעלאָזען די וואַסער. זייערע שלוחים האָט דער קעניג אויפגענומען מיט אַ שטאָלצער פעראַכטונג, און אַז זיי האָבען איהם פאָרגעלייגט אויסצוקויפען זיך פאַר 50 טאַלענטען, איז ער נאָך שטאַרקער אָנגעפאַלען אויף זיי. אָבער היות ווי דער דאָרשט האָט זיי אַלץ מעהר געפּייניגט, דעריבער זיינען זיי מאַסענווייז אַרויסגעטראָטען און האָבען זיך אונטערגעגעבען די אידען מיט׳ן גוטען ווילען. אַזוי זיינען אין פינף טעג געבונדען געוואָרען 5 000 מאַן זייערע. אויף דעם זעקסטען טאָג איז די איבעריגע מאַסע מחמת יאוש אַרויסגעטראָטען צום קאַמף, און הורדוס האָט ווייטער אויסגעהרג׳עט 7 000 מאַן. דורך די דאָזיגע שווערע קלעפּ האָט ער זיך נוקם געווען אָן די אַראַבער און האָט אַזוי ווייט אַראָבגעבויגט זייער שטאָלץ, אַז זיי האָבען געמוזט זיך אונטערגעבען אונטער זיין אויבערהערשאַפט.

# צוואנציגסטער קאפיטעל.

אָקטאַוויאַנוס בעשטעטיגט הורדוס׳ן פאַר אַ קעניג און בעווייזט איהם פיעל גנאָד.

1. באַלד נאָך דער מעשה האָט זיך אָנגעהויבען ביי הורדוס׳ן אַ שווערע זאָרג וועגען זיין ממשלה, און דוקא מחמת זיינע פריינדשאַפטליכע בעציהונגען צו אַנטאָניוס׳ן. וואָרום גראָד אין יענער צייט האָט אָקטאַוויאַנוס מנצח געווען ביי אַקציום. אָבער זיין מורא איז געווען גרעסער, איידער זי האָט בעדאַרפט זיין לויט דער אמת׳ער לאַגע. וואָרום צעזאַר האָט ניט געהאַלטען אַנטאָניוס׳ן פאַר בעזיגט, כל זמן הורדוס איז איהם געבליבען נעטריי. דעריבער האָט דער קעניג בעשלאָסען ביי זיך אַרויסצוטרעטען מוטיג אַנטקעגען דער געפאַהר. ער איז אַוועק קיין ראָדוס, וואו אָקטאַוויאַנוס האָט זיך געפונען דעמאָלט, און איז געקומען פאַר איהם אָהן אַ קרוין, לויט זיין קליידונג און זיין גאַנצען בענעם ווי אַ פשוט׳ער פריוואַטמענש, מעהר ניט לויט זיין גייסט אַן אמת׳ער קעניג. ניט בעהאַלטענדיג זיינע אמת׳ע געדאַנקען, האָט ער אָפענהאַרציג געזאָגט פאָלגענדעס:

„צעזאַר אַנטאָניוס האָט מיך געמאַכט פאַר׳ן קעניג פון די אידען, און איך בין מודה, אַז אַלס אַזעלכער האָב איך אַלצדינג געטאָן, בכדי איהם צו בריינגען נוצען. דאָס אייגענע וויל איך ניט לייקענען, אַז אין יעדען פאַל וואָלסט מיך אויך געזעהן אין קאַמף האַנד ביי האַנד מיט איהם, אויב די אַראַבער וואָלטען מיך דערין ניט געשטערט. ווי ווייט דאָס איז מיר נאָר מעגליך געווען, האָב איך אַנטאָניוס׳ן פערשאַפט פערבינדעטע און געגעבען איהם אַ סך טויזענדער מאָסען תבואה. אפילו נאָך דער שלאַכט ביי אַקציום האָב איך ניט פערלאָזען דעם יע־ניגען, וואָס האָט מיט מיר געטאָן גוטס. וויבאַלד אַז אין קאַמף האָב איך שוין ניט געקאָנט איהם מעהר קיין נוצען בריינגען, בין איך געוואָרען זיין בעסטער בעל־יועץ און האָב איהם געזאָגט, אַז דער איינציגער מיטעל אויף צו פערבע־

סערן זיין פערצווייפעלטע לאַגע איז קלעאָפּאַטרע'ס טויט. אין דעם פאַל, אויב ער וועט לאָזען אָבראַמען פון וועג די דאָזיגע פּרויענצימער, האָב איך איהם צוגעזאָגט בעקומען פאַר איהם געלד, פעסטונגען, אַ חייל, און אַז איך גופא וועל נעמען אַן אָנטייל אין דער מלחמה קעגען דיר. אָבער זיין שטאַרקע ליעבשאַפט צו קלעאָפּאַטרע'ן און גאָט אַליין, וואָס זיין חסד האָסטו צו פערדאַנקען דיין נצחון, האָט איהם געמאַכט טויב פאַר מיינע ווערטער. בכן בין איך אויך בעזיגט אינאיינעם מיט אַנטאָניוס'ן. און ווייל איך וויל זיין אַ חבר מיט איהם אויך אין אומגליק, לייג איך אַנידער די קרוין. און געקומען בין איך צו דיר, מחמת איך האָב געהאָפט, אַז מיין מוטיגער, אָפענער אַרויסטריט וועט דערוועקען דיין לייטזעליגקייט אויף מיר, און איך רעכען, אַז מען בעדאַרף אויספאָרשען, וואָס פאַר אַ פריינד איך בין געווען און ניט וועמענס פריינד".

2. דערויף האָט אָקטאַוויאַנוס געענטפערט: „שטאַרק זיך און געוועלטיג פון איצט אָן נאָך מיט אַ גרעסערער זיכערקייט אַלס קעניג. וואָרום דו ביזט ראוי צו הערשען איבער אַ סך מענשען, ווייל דו ביזט אַזוי געטריי דער פריינדשאַפט. איצט אָבער מיה זיך צו בלייבען געטריי דעם יעניגען, וואָס האָט בעהאַט מעהר הצלחה, איידער זיין געגנער, און וואָס לייגט אַרויף די גרעסטע האָפענונגען אויף דיין איידעלקייט. אַנטאָניוס האָט טאַקע אמת גוט געטאָן, וואָס ער האָט בעסער געפאָלגט קלעאָפּאַטרע'ן, איידער דיר; וואָרום אַ דאַנק זיין נאַרישקייט האָב איך דיך געוואונען. אגב, ווי איך זעה, האָסטו מיר שוין געטאָן אַ טובה. קווינטוס דידיוס שרייבט מיר גראָד, אַז דו האָסט איהם געשיקט הילף קעגען די גלאַדיאַטאָרען 1). דעריבער וועל איך דורך אַ פאָרמאַלער החלטה בעשטעטיגען דיך פאַר אַ קעניג און בעווייזען מיין לייטזעליגקייט, בכדי דו זאָלסט ניט דאַרפען בעקלאָגען, וואָס דו האָסט אָנגעוואָהרען אַנטאָניוס'ן".

3. נאָך אָט די פריינדליכע ווערטער האָט אָקטאַוויאַנוס אַרויפגעלייגט אויפ'ן קעניג די קרוין און האָט בעקאַנט געמאַכט די דאָזיגע גענאָד, וואָס ער האָט איהם בעוויזען, דורך אַ בעזונדערן בעפעהל, אין וועלכען ער האָט הורדוס'ן שטאַרק געלויבט. הורדוס האָט נאָך געמיהט זיך צו בעוועגען איהם דורך מתנות, ער זאָל אַרויסלאָזען פריי אַ געוויסען אַלכסנדר, וואָס איז געווען אַנטאָניוס'עס אַ גוטער פריינד און וואָס האָט איהם געבעטען, ער זאָל זיך משתדל זיין פאַר איהם. נאָר דעם קיסר'ס כעס האָט גובר געווען, מחמת ער האָט בעשולדיגט דעם מענשען, וואָס הורדוס האָט פאַר איהם געבעטען, אין אַ סך שווערע חטאים, און דעריבער האָט ער איהם זיין בקשה אָבגעזאָגט.

שפעטער האָט הורדוס צוגענומען דעם קיסר, בשעת יענער איז געגאַנגען דורך סיריען קיין מצרים, מיט דער גאַנצער פראַכט, וואָס געפינט זיך אין אַ קעניגס רשות. בשעת אווגוסטוס האָט ביי עכו רעווידירט זיין חייל, איז הורדוס

1) גלאַדיאַטאָרען — דאָס זיינען געווען אין רוים אַזעלכע קנעכט, וואָס מען פלעגט זיי אויסלערנען צו שלאָגען זיך מיט שווערדען, און צום פערגעניגען פון די צושויערס פלעגט מען זיי לאָזען קוילען איינער דעם אַנדערן אויף עפענטליכע פלעצער.

צום ערשטען מאָל געריטען האַרט נעבען איהם. דערנאָך האָט ער געמאַכט פון זיין כבוד וועגען אַ מאָלצייט און האָט געהייסען געבען אויך דעם חייל אַלצדינג, וואָס עס געהערט צו אַ סעודה. חוץ דעם, האָט ער געזאָרגט דערפאַר, אַז מען זאָל פערזאָרגען די רוימער מיט וואַסער אין זייער מאַרש אַהין און צוריק ביז דער געגענד פון פעלוסיום, וואו עס געפינט זיך ווינציג וואַסער. אויך האָט ער געזעהן, אַז זיי זאָלען ניט האָבען קיין דוחק אויך אין אַנדערע לעבענסמיטלען.

במילא איז שוין איינגעקומען ביים קיסר און ביי די סאָלדאַטען דער געדאַנק, אַז הורדוס'עס מלוכה איז פיעל צו קליין אין פערגלייך מיט זיינע מעשים. דעריבער איז ווי נאָר אָקטאַוויאַנוס איז אָנגעקומען אין מצרים — קלעאָפּאַטרע'ן און אַנטיגנוס'ן האָט ער שוין ניט געטראָפען מעהר לעבעדיגער־הייד, — האָט ער ניט בלויז אַרויסגעוויזען הורדוס'ן נייע סימנים פון כבוד, נאָר ער האָט אויך פערגרעסערט זיין קעניגרייך. ער האָט איהם אָפּגעגעבען צוריק דעם געביט, וואָס קלעאָפּאַטרע האָט געהאַט ביי איהם אָבגעריסען, און חוץ דעם האָט ער איהם נאָך צוגעגעבען גדרה, סוסיתא, שומרון, און אויך די שטעדט אויפן ברעג ים: עזה, אַנטעדאָן, יפו און סטראַטאָנס־טורם. חוץ דעם, האָט ער איהם נאָך געשאָנקען אַ לייבוואַך פון 400 גאַליער, וואָס זיינען פריהער געווען קלעאָפּאַטרע'ס לייבגוואַרדיע. אַזעלכע רייכע מתנות האָט הורדוס געהאַט צו פערדאַנקען דער עיקר זיין אייגענעם מוח.

4. אין דריי יאָהר אַרום האָט דער קיסר נאָך מעהר פערגרעסערט הורדוס'עס קעניגרייך, דורכדעם וואָס ער האָט צוגעגעבען די געגענד, וואָס ווערט אָנגערופען טרכונא, און אויך די געגענדען בשן און חורן, וואָס גרעני־צען זיך מיט איהר. דאָס איז געשעהן איבער פאָלגענדען טעם. אַ געוויסער זענאָדאָרוס, וואָס האָט געהאַט אָבגעדונגען אין אַרענדע ליזאַניוס'עס געביט, פלעגט שטענדיג אויפהעצען די רויבערבאַנדעס, וואָס וואוינען אין טרכונא, קעגען די איינוואוינער פון דמשק. די לעצטע האָבען זיך געווענדט נאָך הילף צו וואַראָ, דעם פערוואַלטער פון סיריען, און האָבען איהם געבעטען, ער זאָל מודיע זיין דעם קיסר וועגען זייער שלעכטער לאַגע. דערויף איז אָנגעקומען פון רוים אַ בעפעהל צו פערטיליגען די רויבער. בכן איז וואַראָ אַרויסגעטראָ־טען מיט אַ חייל, האָט אויסגערייניגט דאָס לאַנד פון די באַנדיטען און צוגע־נומען עס פון זענאָדאָרוס'ן. בכדי די געגענד זאָל ווידער אַמאָל ניט ווערען קיין בעהעלטעניש פאַר רויבער, פון וואַנען זיי זאָלען קאָנען בעאומרוהיגען דמשק, האָט דער קיסר זי אַוועקגעשאָנקען הורדוס'ן.

נאָך אין צעהן יאָהר אַרום, אַז אַווגוסטוס איז ווידער אַמאָל אָנגעקומען אין דער פּראָווינץ, האָט ער אַפילו בעשטימט הורדוס'ן פאַר'ן פערוואַלטער איבער גאַנץ סיריען, און די פּראָקוראַטאָרען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זיין רשות, האָבען קיין זאַך ניט געטאָרט טאָן אָהן זיין ערלויבניש. נאָך זענאָדאָרוס'עס טויט האָט דער קיסר איהם נאָך אָבגעגעבען דעם גאַנצען געביט צווישען טרכונא און גליל. נאָר מעהר ווערט, איידער די דאָזיגע אַלע חסדים, האָט געהאַט פאַר הורדוס'ן דאָס, וואָס ער איז געווען נאָר

אַגריפּאַ׳ן 1) אוגוסטוס׳עס בעסטער פריינד און נאָך אוגוסטוס׳ן אַגריפּאַ׳ס בעס־טער פריינד.

נאָכדעם ווי הורדוס האָט אויף אַזאַ אופן דערגרייכט צום העכסטען שטאַפּעל פון גליק, האָט זיך אויך זיין גייסט דערהויבען העכער, און ער האָט זיך דער עיקר פערנומען מיט מעשים פון פרומקייט און צוליעב דעם האָט ער אויסגעאַרבייט באמת גרויטאַרטיגע פּלענער.

## איין־און־צוואנציגסטער קאפּיטעל.

וועגען הורדוס׳עס גרויסאַרטיגע בנינים און וועגען זיין פזרנות. — זיינע פערזענליכע מעלות.

1. אין פופצעהנטען יאָהר פון זיין רעגירונג האָט הורדוס געהייסען אומבויען דעם בית־המקדש, פערברייטערן אויף נאָך אַ מאָל אַזוי פיעל דעם פּלאַץ אַרום בית־המקדש און אויסבויען אַרום אַ פעסטע מויער. דאָס אַלץ האָט געקאָסט אָהן אַ שיעור, ווייל עס איז געמאַכט געוואָרען מיט אַזאַ פּראַכט, וואָס איהר גלייכען איז ניטא. בעזונדערס האָבען דאָס בעוויזען די גרויסע זיילען־גאַלערייען, וואָס אַרום דעם בית־המקדש, און דער פעסטער־שלאָס, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט איהם פון צפון־זייט. די גאַלערייען האָט הורדוס אויסגעבויט פון דאָס ניי פון גרונד אויס, דעם שלאָס אָבער האָט ער אומגעבויט מיט גרויסע הוצאות, אַזוי אַז ער איז ניט מיאוס׳ער געוועזן פאַר אַ קיניגליכען שלאָס. פון אַנטאָניוס׳עס כבוד וועגען האָט ער איהם אַ נאָמען געגעבען אַנטאָניאַ. זיין אייגענעם קיניגליכען פּאַלאַץ האָט הורדוס אויסגעבויט אין אויבערשטען טייל שטאָדט, און די צוויי גרעסטע און שענסטע בנינים זיינע, וואָס מיט זיי האָט אפילו דער בית־המקדש ניט געקאָנט פערגליכען ווערען, האָט ער אָנגערופען צעזאַרעאום און אַגריפּעאום, נאָך זיינע הויכגעשעטצטע פריינד.

2. נאָר ניט בלויז איינצעלנע בנינים האָט ער געהייליגט דעם אָנדיינקען און דעם נאָמען פון די דאָזיגע מענער, נאָר ער איז אַוועק נאָך ווייטער: בכדי זיי אָבצוגעבען כבוד, האָט ער אָנגערופען גאַנצע שטעדט נאָך זייערע נעמען. אַזוי האָט ער אַרומגערינגעלט מיט אַ שיינער מויער פון אַן ערך 20 סטאַדיעס די לייענג אַ שטאָדט אין לאַנד פון די שומרונים, האָט אַריינגעזעצט אַהין 6 000 איינוואוינער, געשאָנקען די לעצטע די בעסטע פעלצער, אויסגעבויט אין מיטען אָט דער ניי־געגרינדעטער שטאָדט אַ גרויסאַרטיגען טעמפּעל מיט אַ פרייען פּלאַץ לכבוד דעם קיסר און האָט דער שטאָדט אַ נאָמען געגעבען סעבאַסטע 2). איהרע איינוואוינער האָט ער געגעבען אַן אויסגעצייכענטע געמיינדע־אָרדנונג.

3. אַז דער קיסר האָט איהם געשאָנקען נאָך נייע לענדער, האָט הורדוס אויך דאָרטען אויסגעבויט איהם אַ טעמפּעל פון ווייסע מירמעלשטיינער — דאָס

1) אוגוסטוס׳עס איידים.

2) לכבוד אוגוסטוס׳ן. אויף גריכיש הייסט אוגוסטוס („דער הייליגער“)—סעבאַסטאָס.

איז ביי די קוואַלען פון ירדן. און דער אָרט הייסט פּאַניום. דאָ דערהויבט זיך אַ באַרג-שפּיץ ביז צו אַן אונגעהייערער הויך, און ביי דער זייט פונ'ם בערג-שפּאַלט, וואָס געפינט זיך אונטער'ן באַרג, עפענט זיך אַ פינסטערע הייהל, און אינעווייניג אין איהר לאָזט זיך אַראָב אַ תהום, אָנגעפילט מיט וואַסער, וואָס איז אַזוי טיעף, אַז די שטיק בלייי, וואָס מען לאָזט אַראָב אויף אַ שטריק, קאָן דעם גרונד ניט דערגרייכען. פון אויסווייניג ביים קאַנט פון דער דאָזיגער הייהל שפּריצען אַרויס קוואַלען. דאָ געפינט זיך, ווי עס מיינען אייניגע, דער אָנהויב פונ'ם ירדן. גענויער וועגען דעם וועל איך מיטטיילען שפּעטער.

4. אויך נעבען יריחו, צווישען דער פעסטונג קיפּראָן און דעם געוועזענעם קעניגליכען פּאַלאַץ, האָט הורדוס געלאָזט אויסבויען אַ נייעם, בעסערן און בעקוועמערן בנין, וואָס ער האָט איהם אַ נאָמען געגעבען נאָך זיינע פריינד. קיצור הדבר, ס'איז כמעט ניט געווען קיין אָרט אין זיין מלוכה, וואָס ער זאָל איהם ניט האָבען אויסגעפּוצט מיט בנינים לכבוד דעם קיסר, אויב נאָר דער אָרט איז געווען מסוגל דערצו. נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעפילט אויף אַזאַ אופן זיין לאַנד מיט בנינים, האָט ער אויך אין דער פּראָווינץ אויסגעבויט אַ סך דענקמעלער פאַר אווגוסטוס'ן און אין אַ סך שטעדט צעזאַרייען (בנינים לכבוד דעם קיסר).

6. אַזוי האָט איהם אויך אויסגעוויזען אַ שטאָדט מיט'ן נאָמען סטראַטאָנס-טורם, וואָס האָט געהאַלטען דעמאָלט אין פאַלען, אַז מחמת דער שיינקייט פון איהר לאַגע איז זי ראוי דערצו, מען זאָל דורך איהר אָבגעבען כבוד דעם קיסר. צוליעב דעם האָט ער זי פון דאָס ניי איבערגעבויט אינגאַנצען פון ווייסע שטיינער און אויסגעצירט זי מיט גרויסאַרטיגע פּאַלאַצען. דאָ האָט ער בעזונ-דערס אַרויסגעוויזען זיין איינגעבאָרענעם זין פאַר גרויסאַרטיגע אונטערנעמונגען. וואָרום סטראַטאָנס-טורם איז געלעגען אין מיטען צווישען דור און יפו, און אויף דעם גאַנצען מהלך צווישען אָט די ביידע שטעדט איז דער גאַנצער ברעג געווען אָהן אַ האַפען, אַזוי אַז אַ סך, וואָס זיינען געפאָהרען אויף שיפען פאַרביי פעניקיען קיין מצרים, האָבען געמוזט אַרומגעשליידערט ווערען אויפ'ן אָפענעם ים איבער די סכנות פונ'ם דרום-ווינט, וואָס אפילו ווען ער וויהט ניט גאָר שטאַרק, מאַכט ער אויך אָן ביי די פעלזען אַזאַ שטורעמען, אַז די צוריקגעטריבענע כוואַליעס רודערן אויף דעם ים אויף אַ גרויסען מהלך. נאָר דורך זיין שטרעבען צו כבוד און דורך בעדייטענדע הוצאות האָט דער קעניג גובר געווען די נאַטור און האָט געשאַפען אַ האַפען, וואָס איז גרעסער געווען פאַר'ן פּירעאוס 1), און אינעווייניג אין איהם אַ סך אויסגעצייכענטע פּלעצער פאַר'ן אָנקערן די שיפען.

6. הגם דער אָרט איז געווען זייער אומגינסטיג, פונדעסטוועגען האָט גראָד די שוועריגקייט אויפגערייצט דעם קעניגס פערלאַנג פּאַרטיג צו מאַכען אַזאַ ווערק, וואָס איהר פעסטיגקייט זאָל קאָנען בעשטייהן קעגען דעם דראַנג

1) דער בעריהמטער האַפען פון דער גרעסטער אלטער גריכישער שטאָדט אַטען.

פון די כוואַליעס פון ים, און איהר שיינקייט זאָל אפילו אַ האָר ניט דערמאָ־נען אָן דער מיה, וואָס איז דערויף פערבּרויכט געוואָרען.

צוערשט האָט ער געהייסען אָבּגרעניצען דעם שטח, וואָס איז געווען בּעשטימט פאַר׳ן האַפען, אין דער שוין אָנגעוויזענער גרייס. דערנאָך האָט ער געהייסען אַריינוואַרפען אין ים צוואַנציג איילען די טיעף מורא׳דיגע שטיינער, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען פופציג פוס די לייגג, ניין פוס די הייך און צעהן פוס די בּרייט. נאָכדעם ווי ער האָט אויף אַזאַ אופן אויס־געפילט די טיעפעניש, האָט ער געלאָזט אויסבּויען דעם טייל פון דער דאַמבּע, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט איבּער׳ן פלאַך פון וואַסער אויף 200 פוס די בּרייט. הונדערט פוס דערפון זיינען געווען געבּויט פון פאַרענט, בּכדי איינצוּבּרעכען די קראַפט פון די כוואַליעס, און דעריבּער האָט די דאָזיגע העלפט בּעקומען דעם נאָמען פראָקימיאַ. דער אַנדערער שטח אָבּער האָט געדיענט פאַר אַ פונ־דאַמענט פון אַ מויער, וואָס איז געגאַנגען אַרום און אַרום דעם האַפען און האָט געהאַט זייער הויכע טורעמס, וואָס דער גרעסטער און שענסטער פון זיי איז אָנגערופען געוואָרען דרוזיום נאָך דרוזוס׳ן, דעם קיסר׳ס שטיפזוהן.

7. אַ סך געוועלבּען האָבּען געדיענט פאַר אכסניות פאַר די מאַטראָסען, און אַ פלאַטפאָרם, וואָס האָט זיך געפונען פאַר זיי און האָט זיך געצויגען אַרום און אַרום דעם האַפען, האָט געגעבּען גענוג אָרט אויף שפאַצירען פאַר די אָנגעקומענע אורחים. דער אַריינפאָהר אין האַפען איז געלעגען געווענדט קיין צפון, וואָרום דער צפון־ווינט איז דאָרט דער שוואַכסטער פון אַלע ווינטען. צו בּיידע זייטען פון דעם אַריינפאָהר האָבּען זיך געפונען דריי קאָלאָסאַלע סטאַטועס, וואָס זיי־נען געשטאַנען לינקס אויף אַ מאַסיווען טורם און רעכטס אויף צווי מיט אַנאַנד פערבּונדענע זיילען; איבּעריגענס, זיינען די זיילען געווען גרעסער, איידער דער טורם, וואָס איז געשטאַנען קעגענאיבּער זיי.

די געבּיידעס, וואָס זענען געלעגען הארט נעבּען האַפען, זיינען אויך געווען פון ווייסע מירמעלשטיינער, און אַלע גאַסען פון דער שטאָדט האָבּען אין אַ גלייכען מהלך געפיהרט צום האַפען. קעגענאיבּער דעם אַריינגאַנג פון האַפען איז געשטאַנען אויף אַ בּערגיל אַ טעמפעל פון קיסר, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט דורך זיין גרייס און שיינקייט, און אין דעם טעמפעל זיינען געשטאַנען דעם קיסר׳ס אַ קאָלאָסאַלע סטאַטוע, וואָס איז געווען ניט ערגער, איידער איהר מוסטער, די סטאַטוע פונ׳ם אָלימפּישען צוים, און אַ סטאַטוע פון ראָמאַ לויט דעם מוסטער פון הערע אין אַרגאָס.

און די דאָזיגע שטאָדט האָט הורדוס געהייליגט דער פראָווינץ, און דעם האַפען — די ים־רייזענדע, וואָס בּענוצען איהם, און דעם כבוד פון דעם גאַנצען יסוד — דעם קיסר, וואָס נאָך איהם האָט ער אַ נאָמען געגעבּען דער גאַנצער שטאָדט קיסריאַ.

8. אויך די איבּעריגע בּנינים, וואָס הורדוס האָט דאָרט אויסגעבּויט, אַן אַמפיטעאַטער און אַ טעאַטער, און אויך אַ מאַרק־פלאַץ, זיינען געווען ראוי צו־טראָגען די צונעמעניש, וואָס זיי האָבּען געהאַט. דערנאָך האָט דער קעניג איינ־

געשטעלט קאַמף-שפּיעלען, וואָס האָבען זיך איבערגע'חזר'ט אַלע פינף יאָהר און וואָס ער האָט זיי אויך געגעבען אַ נאָמען נאָכ'ן קיסר. פאַר'ן ערשטען שפּיעל, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער 192-טער אָלימפּיאַדע [1], האָט ער אַליין בעשטימט פּריזען, און דערביי האָט ער בעלוינט מיט קעניגליכער רחבות ניט בלויז די זיגער, נאָר אויך די, וואָס האָבען פערנומען דעם צווייטען און דריטען אָרט.

ווייטער האָט ער ווידער אויסגעבויט די ים-שטאָדט אַנטעדאָן, וואָס איז צעשטערט געוואָרען אין די מלחמות, און האָט איהר אַ נאָמען געגעבען אַגריפּיום. איבער צו גרויסער ליעבשאַפט צו זיין פריינד אַגריפּאַ האָט ער אַפילו געלאָזט אויסקריצען זיין נאָמען איבער'ן טויער פון בית-המקדש, וואָס ער האָט אויסגעבויט.

9. אויך אין קינדערליכער ליעבע איז קיינער ניט געווען שטאַרקער פון איהם. צום אָנדיינקען אָן זיין פאָטער האָט ער געגרינדעט אַ שטאָדט אינ'ם שענסטען טאָל פון זיין מלוכה, וואָס איז געווען גוט בעוואַסערט און האָט געהאַט אַ סך בוימער, און דער דאָזיגער שטאָדט האָט ער אַ נאָמען געגעבען אַנטיפּאַטריס. זיין מוטער האָט ער געהייליגט אַ שטאַרקע שיינע פעסטונג הינטער יריחו, וואָס ער האָט זי פון דאָס ניי בעפעסטיגט און אַ נאָמען געגעבען קיפּראָן. זיין ברודער פזאל האָט ער געהייליגט דעם פזאלס-טורם אין ירושלים, וואָס זיין געשטאַלט און ניט-געוויינליכע פּראַכט וועל איך שילדערן שפּעטער. לכבוד פזאל'ן האָט ער אויך געגרינדעט די שטאָדט פזאליס אָן אַ זייט פונ'ם טיעפען טאָל, וואָס ציהט זיך פון יריחו קיין צפון-זייט.

10. נאָכדעם ווי ער האָט אויף אַזאַ אופן פעראייביגט דעם אָנדיינקען פון זיינע קרובים און גוטע פריינד, האָט ער אויך געזאָרגט פאַר זיין אייגענעם אָנדיינקען און האָט אויסגעבויט אויף די בערג, וואָס ציהען זיך ביז אַראַביען, אַ פעסטונג, וואָס ער האָט איהר אַ נאָמען געגעבען נאָך זיך הורדיון. דעמזעלביגען נאָמען האָט ער געגעבען אַ בערגיל, וואָס איז געווען אויפגעשאָטען דורך מענשענס הענד אין דער געשטאַלט פון אַ פרויען-ברוסט אַ מהלך פון 60 סטאַדיעס פון ירושלים, און האָט איהם אויסגעפוצט מיט דער גרעסטער פּראַכט. זיין שפּיץ האָט ער אַרומגערינגעלט מיט קיילעכדיגע טורעמס, און דעם שטח, וואָס איז געווען איינגעשלאָסען דורך דעם דאָזיגען פעסטונגס-רינג, האָט ער פערבויט מיט גרויסאַרטיגע פּאַלאַצען, וואָס ניט בלויז זייער אינעווייניגסטער אויסזעהן איז געווען גלענצענד, נאָר אויך פון אויסווייניג די ווענט, די טורעמס און דעכער

1) אָלימפּיאַדע—דאָס איז אַ משך פון פיער יאָהר. אַלע פיער יאָהר פלעגען אין דער גריכישער שטאָדט אָלימפּיאַ פאָרקומען עפענטליכע שפּיעלען, וואו יונגע לייט פלעגען זיך אין געוועט ראַנגלען, לויפען, וואַרפען שפּיזען וכדומה. די זיגער פלעגען בעקומען פּריזען, אויך פלעגען דאָרט דיכטער פאָרלייענען עפענטליך זייערע שירים, ס'פלעגען אויפגעפיהרט ווערען דראַמעס, מיט איין וואָרט, אויף די דאָזיגע אָלימפּישע שפּיעלען פלעגט זיך קאָנצענטרירען דאָס גייסטיגע און נאַציאָנאַלע לעבען פון די גריכען.

זיינען געווען אויסגעפוצט מיט פערשווענדערישער פראַכט. דערנאָך האָט ער געלאָזט צופיהרען פון זייהר ווייט וואַסער די והותר און אויסבויען אַ טרעפּ פון פּרעס-ווייסע מירמעלשטיינער, וואָס האָט געהאַט צוויי הונדערט שטאַפּלען — און דאָס אַלץ האָט אָבגעקאָסט אַ מטמון. וואָרום דער בערגיל איז געווען גאַנץ הויך און אינגאַנצען אַן אַרבייט פון מענשענס הענד. אויך ביים פוס פון בערגיל האָט ער אויסגעבויט נאָך פּאַלאַצען, בכדי אויפצונעמען זיינע הויפּס-לייט און זיין סוויטע, און האָט זיי אַזוי רייך אויסגעפוצט, אַז די גאַנצע זאַמלונג פון בנינים האָט אויסגעוויזען, ווי אַ שטאָדט.

11. אַז הורדוס האָט געענדיגט אָט די אַלע גרויסאַרטיגע בנינים, האָט ער אויך מנדב געווען פירשטליכע נדבות אַ סך אויסלענדישע שטעדט. אַזוי האָט ער געשאָנקען טריפּאָליס, דמשק און עכו שולען אויף ראַנגלען זיך, ביבלוס[1] אַ שטאָדטישע מויער, בעריטוס[2] און צור — זיילען-גאַלערייעס, האַלען, טעמפּלען און מערק, צידון און דמשק — טעאַטערן, די ים-שטאָדט לאַאָדיקעאַ — אַ וואַסער-לייטונג, אשקלון — פּראַכטפולע בעדער און ברונימער און חוץ דעם נאָך זיילען-האַלען, וואָס איבער זייער גרייס און קונציגער אַרבייט האָט מען געקאָנט נשתומם ווערען. אַנדערע שטעדט האָט ער געשאָנקען וועלדלעך און לאָנקעס, און אַ סך האָבען בעקומען פון איהם שטיקער ערד, אַזוי ווי זיי וואָלטען געהערט צו זיין לאַנד. פאַר די ועדים פון פאָרשטייהער פון פרעמדע שולען פאַר ראַנגלען זיך האָט ער געשאָנקען אַ פעסטע יאָהריגע הכנסה. און דערביי האָט ער געשטעלט אַ תנאי, ווי למשל אין קאָס, אַז קיין מאָל טאָרען ניט פעהלען קיין פּריזען פאַר'ן קאַמף.

ווייטער האָט ער מנדב געווען תבואה אַלעמען, ווער עס האָט נאָר נויטיג געהאַט. די איינוואוינער פון דער אינזעל ראָדוס האָט ער אָפט און ביי פערשיידענע געלעגענהייטען געגעבען געלד אויף אויסצובויען זייער פלאָט. אויף אייגענע הוצאות האָט ער געלאָזט נאָך שענער אויפבויען דעם טעמפּעל פון פּיטישען אַפּאָלאָ, וואָס איז אָבגעברענט געוואָרען. צוליעב וואָס זאָל איך נאָך דערמאָנען די מתנות, וואָס ער האָט געשאָנקען די איינוואוינער פון ליקאָס און סאַמאָס, אָדער די פזרנות, מיט וועלכער ער האָט אין יאָניען געהאָלפען ניט איינעם אין זיין נויט? צי איז דען ניט אַטען און לאַקעדעמאָן, ניקאָפּאָליס און די מיזישע שטאָדט פּערגאַמאָס פול מיט הורדוס'עס מתנות? און צי האָט ער דען ניט אויסברוקירט די הויפּט-גאַס פון אַנטיוכיאַ אין סיריען, וואָס איבער איהר קויטיגקייט פלעגט מען זי אויסמיידען — מיט געשליפענע מירמעלשטיינער אויף אַ מהלך פון צוואַנציג סטאַדיעס, און צי האָט ער דען ניט אויסגעצירט זי מיט אַ זיילען-גאַלעריי פון דער אייגענער לייננ, בכדי צו בעשיצען זי פון רעגען[3]?

[1] גבל. [2] בארות, יעצט ביירוט.

[3] די אלע מתנות, וואָס הורדוס האָט געגעבען די פערשיידענע גריכישע שטעדט, האָבען אָבגעקאָסט בלוטיגע געלד די אידישע מאַסען. בעווייזען דערצו האָט הורדוס'ן, ווי יוסיפוס פלאַוויוס בעמערקט גאַנץ ריכטיג, אין אַן אַנדער אָרט, זיין אונגעהייער גרויסע תשוקה צו כבוד.

12. און אויב פון די דאָזיגע נדבות, ווי מען קאָן זיך מיט אַן אמת אויס-דריקען, האָבען דער עיקר הנאה געהאַט בלויז די איינצעלנע געמיינדעס, דער-פאַר אָבער האָט ער געגעבען דער שטאָדט עליס אַ מתנה, וואָס דערין האָט געהאַט אַ חלק ניט בלויז גאַנץ גריכענלאַנד, נאָר אויך די גאַנצע וועלט, ווי ווייט מען ווייס וועגען די אָלימפּישע שפּיעלען 1). בשעת ער האָט געזעהן, אַז די דאָזיגע שפּיעלען האַלטען ביים אונטערגייהן, מחמת עס פעהלט געלד, און אַז דערמיט שטייהט אין סכנה צו פערשווינדען דער לעצטער רעשט פון אַלטען גריכענלאַנד, — דעמאָלט איז ער לא די וואָס אַרויסגעטראָטען אַלס פּריזענריכ-טער אין דעם אָלימפּיאַדען-יאָהר, בשעת עס איז אויסגעקומען זיין ים-נסיעה קיין רוים, נאָר ער האָט נאָך געגרינדעט בעשטימטע הכנסות פאַר די קומענ-דיגע צייטען, און דערמיט האָט ער פעראייביגט זיין אָנדיינקען אַלס קאַמף-ריכטער.

נאָר איך וואָלט קיין מאָל ניט ענדיגען, אויב איך וואָלט נאָך וועלען אויסרעכענען אַלע די חובות און אָבצאָהלונגען, וואָס ער האָט געשאָנקען. אַלס אַ ביישפּיעל דערמאָן איך נאָר די שטעדט פּזאליס און באַלאַנעאַ און אַ רייה שטעדטלעך ביי דער גרעניץ פון קיליקיען, וואָס ער האָט זיי פערגרינגערט דורך פערקלענערן די יעהרליכע אָבצאָהלונגען.

אגב, האָט ער ניט געקאָנט זיין אַזאַ פּזרן, ווי ער האָט געוואָלט, דער עיקר דערפאַר, מחמת ער האָט מורא געהאַט צו דערוועקען קנאה אָדער אַ חשד, אַז ער טוט פאַר די שטעדט גרעסערע טובות, איידער זייערע אייגענע מושלים.

13. צו הורדוס'עס גייסטיגע מעלות האָט געפּאַסט זיין גוף. פון שטענדיג אָן איז ער געווען אַ יעגער, און דערביי איז איהם אָפּטמאָלס צוניץ געקומען זיין פלינקייט ביים רייטען. אַזוי האָט ער אין איין טאָג אויסגעה'רג'עט פער-ציג שטיקער געווילד. דאָרט אין לאַנד געפינען זיך אויך ווילדע חזירים; נאָר מעהר זייגען דאָרט פאַרהאַן הירשען און ווילדע אייזלען.

אין שטרייט האָט קיינער ניט געקאָנט בעשטייהן קעגען הורדוס'ן, און אויך ביי די גימנאַסטישע איבונגען האָבען אַ סך מורא געהאַט פאַר איהם, בשעת זיי האָבען געזעהן, ווי גלייך ער שליידערט דעם שפּיז און ווי זיכער ער שיסט מיט'ן בויגען. צו די אַלע גייסטיגע און קערפּערליכע מעלות האָט ער נאָך געהאַט מזל אויך. זעלטען ווען פלעגט איהם טרעפען אין קריג אַן אומ-גליק, און אויב עס פלעגט שוין יאָ טרעפען, איז געווען שולדיג דערין ניט ער גופא, נאָר ערגיץ אַ בוגד אָדער די איבעראיילטקייט פון זיינע סאָלדאַטען.

אין בעוויסער מאָס האָט ער זיין ציעל דערגרייכט. צווישען די גריכען און רו'מער איז ער טאַקע געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען הורדוס דער גרויסער.

1) זעה די הערה אויף זייטע 83.

# צוויי-און-צוואנציגסטער קאפּיטעל.

וועגען טויט פון די כהנים גדולים אריסטובול און הורקנוס. — מרים ווערט בע-שטראָפט מיט טויט.

1. אויף וויפיעל הורדוס איז פון אויסווייניג געווען גליקליך, אויף אַזוי פיעל אומגליקליך איז ער געווען אין זיין פאַמיליען-לעבען. די סבה פון זיין אומגליק איז געווען גראָד די פרוי, וואָס ער האָט זי ליעב געהאַט פון גאַנצען האַרצען. וואָרום נאָכדעם ווי ער האָט דערגרייכט צו דער רעגירונג, האָט ער זיך געג'גט מיט זיין פרוי דאָריס, וואָס ער האָט זי גענומען, בשעת ער איז נאָך געווען אַ פּריוואַט-מענש, און האָט חתונה געהאַט מיט מרים, דער טאָכטער פון אַריסטובול'ס זוהן אַלכּסנדר'ן. שוין פריהער איז דער דאָזיגער שדוך געווען פאַר איהם אַ סיבה פון פאַמיליען-מחלוקת'ן; אָבער אַז ער האָט זיך אומגעקעהרט פון רוים, האָבען זיך די מחלוקת'ן נאָך מעהר געשטאַרקט.

צוערשט האָט ער אַרויסגעשיקט פון ירושלים צוליעב מרים'ס זיהן זיין זוהן אַנטיפּטר'ן, וואָס ער האָט געהאַט פון דאָריס'ן, און האָט איהם ערלויבט צו קומען אַהין נאָר אום יום-טוב. דערנאָך האָט ער אָבגעראַמט פון וועג זיין פרויס זיידען, הורקנוס'ן, וואָס איז געקומען צו איהם פון פּאַרטיען, מחמת ער האָט איהם חושד געווען אין אַ פערשווערונג קעגען איהם. ווי ס'איז בעוואוסט, האָט באַרזאַפאַרנעס געפאַנגען גענומען הורקנוס'ן, בשעת ער איז אָנגעפאַלען אויף סיריען, אָבער די אידען פון יענער זייט פרת האָבען אויס רחמנות אויף איהם אויסגעבעטען, מען זאָל איהם פריי לאָזען. אויב הורקנוס וואָלט געפאָלגט זייערע התראות ניט צו פאָהרען צו הורדוס'ן, וואָלט ער זיין לעבען ניט אָנגעוואָהרען. זיין אייניקעלס חתונה איז אָבער געווען די אָנרייצונג, וואָס דאָט איהם געבראַכט דעם טויט. וואָרום ער האָט זיך אומגעקעהרט קיין ארץ ישראל, מחמת ער האָט זיך פערלאָזען אויף דער דאָזיגער פערבינדונג און וויייל ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך דער היים. אַגב, האָט הורדוס איהם פיינד גע-האַט ניט מחמת דעם, וואָס ער וואָלט טאַקע אויסגעשטרעקט זיין האַנד נאָך דער קרוין, נאָר ווייל די קרוין האָט איהם געקומט על פי יושר.

2. מרים האָט געבאָרען הורדוס'ן פינף קינדער, צוויי טעכטער און דריי זיהן. פון די זיהן איז דער יונגסטער געשטאָרבען אין רוים, וואו ער האָט זיך געפונען צוליעב זיין בילדונג. דיביידע עלטערע האָט הורדוס אויפגעהאָ-דעוועט, ווי עס פאַסט פאַר בני-מלכים, טיילווייז מחמת דעם מיוחס'דיגען גזע פון זייער מוטער, טיילווייז דערפאַר, ווייל זיי זיינען געבוירען געוואָרען, בשעת ער איז שוין געווען קעניג. נאָר מעהר פון אַלץ האָט איהם דערצו בעוואויגען זיין ליעבע צו מרים, וואָס האָט זיך ביי איהם פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער פונאַנדערגעפלאַקערט, אַזוי אַז ער האָט גאָרניט בעמערקט דעם האַרצווייהטאָג, וואָס די הייס-געליעבטע פרוי האָט איהם פערשאַפט. וואָרום ווי גרויס זיין ליעבשאַפט צו מרים'ן איז געווען, פונקט אַזוי גרויס איז געווען איהר שנאה צו איהם. פאַר דער דאָזיגער שנאה האָט זי טאַקע געהאַט וויכטיגע סבות, וואָס

זיינען געווען געגרינדעט אויף פאקטען. און היות ווי זי איז געווען איבער־צייגט, אַז זי איז געליעבט, פלעגט זי הורדוס'ן פריי און אָפען אַרויסזאָגען אַלצדינג, וואָס ער האָט געזינדיגט קעגען איהר זיידען הורקנוס'ן און איהר ברודער אַריסטובול'ן. ווארום אויך דעם לעצטען האָט ער ניט געשוינט, ניט קוקענדיג אויף זיינע יאָהרען, נאָר נאָכדעם ווי ער האָט איהם צו 17 יאָהר בעשטימט פאַר אַ כהן־גדול, האָט ער איהם באַלד, ווי ער האָט אָנגענומען די כהונה, געטויט. ס'איז געווען איין מאָל אַ יום־טוב צייט, בשעת אַריסטובול אין די הייליגע בגדי כהונה איז צוגעגאַנגען צום מזבח, האָט דאָס גאַנצע פאָלק זיך פונאַנדערגעוויינט. דאָס איז געווען די סיבה דערפון, וואָס נאָך אין דער־זעלביגער נאַכט איז דער יונגער־מאַן אָבגעשיקט געוואָרען קיין יריחו, און דאָרט האָבען איינינע גאַליער, וואָס זיינען דערויף געשיקט געוואָרען, דערטרונקען איהם ביי'ם באָדען אין אַ טייך.

3. וועגען דער דאָזיגער שענדליכער מעשה האָט מרים געמאַכט פאָר־וואורפען דעם קעניג און האָט אויך געשאָטען פעך און שוועבעל אויף זיין מוטער און זיין שוועסטער. מחמת זיין ליידענשאַפטליכער ליעבשאַפט האָט הורדוס דערויף שטיל געשוויגען. פערקעהרט, ביי די פרויען האָט זיך איינגעוואָרצעלט אַ שטאַרקע שנאה, און בכדי אַריינצוברייינגען דעם קעניג אין כעס, האָבען זיי בעשולדיגט זיין פרוי, אַז זי איז איהם ניט געטריי. אלס ראיה פאַר זייער בע־הויפּטונג האָבען זיי צווישען אַנדערע זאַכען גע'מסר'ט, אַז זי האָט אָבגעשיקט איהר בילד קיין מצרים צו אַנטאָניוס'ן און האָט זיך אויף אַזאַ אופן געוויזען אַ מענשען, וואָס איז בעוואוסט פאַר אַ בעל־תאוה'ניק און וואָס איז אויך אין שטאַנד אָנצווענדען גוואַלדמיטלען. ווי אַ בליץ האָט די דאָזיגע מסירה געטראָפען הורדוס'ן, וואָס זיין ליעבע האָט איהם געמאַכט אייפערזיכטיג ביז צום העכסטען גראַד. און היות ווי ער האָט חוץ דעם זיך דערמאָנט אָן קלעאָפּאַטרע'ס אכזריות, וואָס צוליעב איהר זיינען אומגעקומען דער קעניג לי־זאַניאַס און דער אַראַבער מאַליך, דעריבער האָט ער ניט בלויז מורא גע־האַט, אַז מ'זאָל ביי איהם אָבנעמען די פרוי, נאָר ער האָט זיך אויך געשראָ־קען פאַר זיין לעבען.

4. איין מאָל, בשעת ער האָט בעדאַרפט אָבפאָהרען, האָט ער אָנפער־טרויט זיין פרוי יוסף'ן, זיין שוועסטער שלומיתע'ס מאַן, וואָס איז איהם געווען איבערגעגעבען שוין מחמת זיין מחותנ'עשאַפט מיט איהם, און האָט איהם גע־הייסען זי טויטען, טאָמער וועט אַנטאָניוס איהם, הורדוס'ן, אומברייינגען. יוסף אָבער האָט מרים'ן אויסגעזאָגט דעם סוד, ניט מיט אַ שלעכטען מיין, נאָר בכדי צו בעווייזען איהר דעם קעניגס ליעבע צו איהר, וואָס אפילו אין טויט וויל ער זיך פון איהר ניט שיידען. אַז הורדוס איז צוריקגעקומען און האָט איהר ווידער אַמאָל אָנגעהויבען צו פערזיכערן, אַז ער האָט זי ליעב און אַז ער וועט קיין מאָל ניט קאָנען ליעב האָבען קיין אַנדער פרוי אַזוי שטאַרק, — האָט זי געענטפערט: „אודאי האָסטו בעוויזען גלענצענד דיין ליעבע צו מיר, דורכ־דעם וואָס דו האָסט יוסף'ן געגעבען דעם בעפעהל מיך צו טויטען“.

5. ווי נאָר הורדוס האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך ניט געקאָנט איינ-האַלטען און האָט אויסגעשריען: „יוסף וואָלט קיין מאָל ניט אויסגעזאָגט דעם בעפעהל, אויב ער וואָלט דיך ניט געשענדעט!" האַלב משוגע פאַר כּעס איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט אָנגעהויבען צו לויפען אין פּאַלאַץ אַהין און אַהער. אַטאָ דעם מאָמענט, וואָס איז אַזוי גינסטיג געווען פאַר מסירות און רכילות׳ן, האָט אויסגענוצט זיין שוועסטער שלומית און האָט נאָך פערשטאַרקט זיין חשד קעגען יוסף׳ן. אויסער זיך פאַר גרימצאָרן און אייפערזוכט, האָט הור-דוס געגעבען אַ בעפעהל זיי ביידען צו טויטען אויפ׳ן אָרט.

נאָר נאָך דער דאָזיגער ליידענשאַפטליכער אויפרעגונג איז באַלד געקו-מען די חרטה, און ווי נאָר זיין כּעס האָט זיך געשטילט, האָט ווידער אויפגעפלאַקערט זיין ליעבשאַפט. זיין בייענקשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט גלויבען, אַז מרים איז טויט, נאָר אין זיין טרויער פלעגט ער צו איהר ריידען, ווי זי וואָלט נאָך געלעבט. מיט דער צייט, אַז ער האָט זיך צוגעוויינט צום געדאַנקען, אַז זי איז טויט, האָט ער זי בעוויינט מיט דער אייגענער שטאַרקייט, ווי ער האָט זי געליעבט.

# דריי-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

מען רעדט אָן שלעכטס פאַר הורדוס׳ן אויף מרים׳ס זיהן. — דער שלום צווישען פאָטער און קינדער.

1. די זיהן האָבען גע׳ירש׳ט דער מוטערס שנאה, און אַזוי ווי זיי האָבען דערמאָנט זיך אָן זייער פאָטערס פערברעכען, האָבען זיי איהם בעטראַכט ניט אַנדערש, ווי אַ שונא. אַזאַ מין שטימונג האָט געהערשט ביי זיי נאָך אין רוים, בשעת זיי האָבען דאָרט געלעבט צוליעב זייער בילדונג. נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אומגעקעהרט אַהיים, איז זייער שנאה בעדייטענד שאַרפער געוואָרען און מיט די יאָהרען אַלץ מעהר און מעהר געוואַקסען. דערנאָך אָבער, אַז זיי האָבען חתונה געהאַט, דער איינער מיט דער טאָכטער פון זיין מוהמע שלומית, וואָס האָט גע׳מסר׳ט זיין מוטער, דער אַנדערער מיט דער טאָכטער פון אַרכילוס, דעם קעניג פון קאַפּאַדאָקיען, — האָבען זיי אָפען אויס-בעדריקט זייער שנאה אין זייערע רייד.

זייער דרייסטקייט האָבען אויסגענוצט רכילות-טרייבער, בכדי צו לייגען אַ נעץ פאַר זייערע פיס. און אין גיכען האָבען געוויסע מענשען גאַנץ דייטליך גע׳מסר׳ט דעם קעניג, אַז זיינע זיהן טראַכטען קעגען איהם שלעכטס, און אַז אַרכילוס׳עס איידעם גרייט זיך אפילו מיט זיין שוועהרס הילף צו אַנטלויפען און אָנצוקלאָגען הורדוס׳ן פאַר׳ן קיסר. אַזעלכע מסירות האָבען סוף-כּל-סוף גע-מוזט ווירקען אויפ׳ן קעניג, און ער האָט ווידער צוגענומען צו זיך אַנטיפּטר׳ן, דאָריס׳עס זוהן, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען האָבען אין איהם אַ שטיצע קעגען זיינע אַנדערע זיהן, און האָט אָנגעהויבען אויף אַלע מעגליכע אופנים איהם אַרויסצורוקען.

2. דעם דאָזיגען שנוי האָבען אָבער מרים'ס זיהן ניט געקאָנט אַריבערטראָגען. מחמת זיי שטאַמען אַרויס פון אַ מיוחס'דיגער משפחה, האָבען זיי ניט געקאָנט אַיינהאַלטען זייער כּעס דעריבער, וואָס דער זוהן פון אַ בירגערליכער מוטער ווערט אַזוי הויך געשטעלט. און איטליכס מאָל, ווען מען פלעגט זיי קריינקען, פלעגען זיי אָפען אַרויסזאָגען זייער כּעס. אין דער צייט וואָס די ביידע פּרינצען זיינען פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר ווידערשפעניג געוואָרען, האָט אַנטיפּטר געזוכט צו בעפעסטיגען זיין מצב. מיט גרויסער געשיקטקייט האָט ער זיך צוגע'חנפ'עט צום פאָטער, האָט אויסגעטראַכט אויף זיינע ברידער כּל-ערליי בלבולים, און טיילווייז פלעגט ער אַליין אָנ'מסר'ן אויף זיי, טיילווייז האָט ער דאָס געלאָזט טון דורך זיינע גוטע פריינד — און סוף-כּל-סוף האָט ער ביי זיי צערשטערט לחלוטין די האָפענונג צו בעקומען ווען עס איז די קרוין. וואָרום לאָ די וואָס מען האָט אַנטיפּטר'ן שוין אַריינגעשטעלט פאַר אַ קרוין־יורש אין דער צוואה, האָט מען איהם אויך געשיקט צום קיסר מיט אַ קעניגליכער פּראַכט און בעלייט פון אַ קעניגליכער סוויטע, אַזוי אַז מעהר ניט ווי די קרוין האָט איהם געפעהלט, ער זאָל זיין אַ קעניג. צו-ביסלעכווייז איז זיין איינפלוס געוואַקסען אפילו אַזוי ווייט, אַז דער קעניג האָט ווידער צוריקגענומען פאַר אַ פרוי זיין מוטער אָנשטאָט מרים'ן. אויפ'ן קעניג אָבער האָט ער פערשטאַנען צו ווירקען דורך צווייערליי געוועהר, דורך חניפה און רכילות, וואָס ער האָט עס אָנגעווענדט קעגען זיינע ברידער, — און סוף-כּל-סוף איז הורדוס געוואָרען פעסט אין דער דעה, צו לאָזען זיי ביידע טויטען.

3. אַלכּסנדר'ן האָט הורדוס אַוועקגעשלעפּט קיין רוים און האָט איהם דאָרט בעשולדיגט פאַר'ן קיסר, אַז ער האָט געוואָלט פער'סמ'ען דעם פאָטער. דערויף האָט אַלכּסנדר לכתחילה ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, אַזוי האָט איהם זיין האַרצווייהטאָג פערטומעלט. נאָר אַז ער האָט געזעהן, אַז ער געפינט זיך פאַר אַ שופט, וואָס איז גענייטער פאַר אַנטיפּטר'ן און קליגער פאַר הורדוס'ן, האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און האָט אמת מיט יראת הכּבוד פערשטעלט דעם פאָטערס פעהלערן, נאָר זיינע פאַלשע בעשולדיגונגען האָט ער דערפאַר מיט נאָך גרעסערער בעשטימטהייט אָבגעלייקענט. דערנאָך האָט ער בעוויזען די אומשולדיגקייט פון זיין ברודער, וואָס געפינט זיך מיט איהם אין אַ גלייכער סכּנה, און האָט זיך בעקלאָגט איבער אַנטיפּטר'ס פאַלשקייט און איבער דעם, וואָס איהם, אַלכּסנדר'ן, האָט מען אָבגעשטופּט. דערביי האָט איהם אונטערגעהאָלפען ניט בלויז זיין ריינער געוויסען, נאָר אויך זיין מעכטיגע בערעדעוודיגקייט; וואָרום ער איז געווען אַן אויסגעצייכענטער רעדנער און אַז ער האָט צולעצט נאָך אויסגערופען, אַז זאָל זיי דער פאָטער טויטען, וויבאַלד ער האָט שוין אַרויסגעזאָגט קעגען זיי אַזאַ בעשולדיגונג, — האָט ער אַלעמען, וואָס זיינען געווען דערביי, גערירט ביז טרערען. אויך דעם קיסר'ס געמיט איז געווען אַזוי בעוועגט, אַז ער האָט אָבגעוואָרפען די בעשולדיגונג, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען קעגען די פּרינצען, און האָט באַלד שלום געמאַכט צווישען זיי און הורדוס'ן. דערביי האָט מען אויסגענומען אַ תּנאי, אַז ביידע זיהן זאָלען פאָלגען דעם פאָטער אין אַלצדינג, און אַז דער פאָטער קאָן בעשטימען פאַר אַ יורש, וועמען ער וויל-

4. דערנאָך האָט דער קעניג זיך אומגעקעהרט אַ היים פון רוים און האָט זיך געמאַכט לפנים, ווי ער וואָלט שוין מעהר גאָרניט געטראַכט וועגען די בעשולדיגונגען, וואָס מען האָט אַרויסגעשטעלט קעגען זיינע זיהן. אין דער אמת'ען אָבער איז ער נאָך אַלץ ניט געווען פריי פון חשד. דערפאַר האָט שוין געזאָרגט דער פאַלשער אַנטיפּטר, הגם דער לעצטער האָט אויס מורא פאַר'ן היכען פערמיטלער ניט דערוועגט זיך אַרויסצוווייזען אָפען זיין שנאה.

אַז זיי זיינען געפאָהרען פאַרביי דעם ברעג פון קיליקיען, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אין עלייזאַ, וואו אַרכילויס האָט זיי פריינדליך אויפגענומען און געדאַנקט פאַר זיין איידעמס רעטונג. ער האָט זיך שטאַרק געפרייהט איבער דעם שלום, וואָרום אויך ער האָט באַלד געהאַט געשריבען צו זיינע גוטע פריינד אין רוים, זיי זאָלען העלפען אַלכּסנדר'ן דורכצופיהרען זיין ענין. דערנאָך האָט ער בעלייט זיינע געסט ביז זעפירידום און האָט זיי מכבד געווען מיט מתנות, וואָס זענען ווערט געווען דרייסיג טאַלענטען.

5. אַז הורדוס איז אָנגעקומען אין ירושלים, האָט ער צונויפגערופען דאָס פאָלק, האָט איהם פאָרגעשטעלט זיינע דריי זיהן, אָבגעגעבען אַ דין וחשבון וועגען זיין נסיעה און האָט אויסגעדריקט אַ שבח צו גאָט און דאַנק צום קיסר, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו די מחלוקת'ן אין זיין הויזגעזינד, און געגעבען זיינע זיהן אַן אייגענס, וואָס איז טייערער איידער הערשאַפט, דאָס איז אַחדות.

„ווי וויית דאָס וועט זיין געווענדט אָן מיר,—האָט ער ווייטער גערעדט,— וועל איך זעהן דעם בונד נאָך פעסטער צו פערקניפּען. דער קיסר האָט בע־שטימט, אַז איך זאָל זיין דער איינציגער הערשער אין מיין מלוכה און זאָל האָבען דאָס רעכט צו בעשטימען, ווער עס וועט זיין מיין יורש. היות ווי איך פלייס זיך צו טון לויט דעם קיסר'ס רצון, אָהן צו שעדיגען דערביי מיינע אייגענע אינטערעסען, דעריבער בעשטים איך אָט די דריי זיהן מיינע פאַר מלכים און בעט נאָך גאָט אויך אייך, איהר זאָלט מסכים זיין צו דער דאָזיגער החלטה. וואָרום איינער האָט דאָס רעכט צו פאָדערן די קרוין פאַר זיך, מחמת ער איז דער עלטסטער, די אַנדערע ווידער—דערפאַר, וואָס זיי שטאַמען פון אַ גרוי־סען יחוס, און דאָס קיניגרייך איז נאָך גענוג גרויס, אַז עס וועט קלעקען פאַר עטליכע. דעריבער זאָלט איהר אָנערקענען דאָס רעכט פון די יעניגע, וואָס דער קיסר האָט זיי פערבונדען אין אחדות, און זייער פאָטער האָט זיי בעשטימט אויף זייערע ערטער, און אָהן שום אָבהאַלט זאָלט איהר זיי בעווייזען כבוד, ווי עס קומט זיי, לויט דער מדרגה פון זייער עלטער. וואָרום די שמחה פון דעם, וואָס מען וואָלט איהם אָבגעבען מעהר כבוד, לויט ווי דאָס קומט איהם לויט זיין עלטער, וואָלט ניט געווען אַזוי גרויס, ווי דער צער פון יענעם, וואָס מען וואָלט איהם נידעריגער געשטעלט. וואָס פאַר אַ קרובים און גוטע פריינד זאָלען זיך געפינען אין דער סוויטע פון איטליכען איינצעלנעם פרינץ, דאָס וועל איך שוין אַליין בעשטימען. די מקורבים וועלען מיר אויך מוזען ערב זיין דערפאַר, אַז די אַחדות צווישען מיינע זיהן זאָל בלייבען ניט געשטערט. וואָרום איך ווייס גאַנץ גוט, אַז מחלוקת און קריגערייען ווערען אָפטמאָלס

אַרויסגערופען בלויז דורך פאַלשע הויפּס-לייט, און פערקעהרט, אַז קיין זאַך איז ניט אַזוי מסוגל אונטערצוהאַלטען די געגענזייטיגע פריינדשאַפט, ווי עהר-ליכע מקורבים. ווייטער איז עס מיין ווילען, אַז פון איצט אָן זאָלען ניט בלויז מיינע זיהן, נאָר אויך די אָפיצירען פון מיין חייל זוכען שטיצע בלויז ביי מיר. ווארום ניט די מלוכה גופא, נאָר בלויז דעם כבוד פון איהר גיב איך איבער מיינע זיהן, אַזוי אַז זיי זאָלען מעהר ניט די הנאה האָבען דערפון, אָבער די לאַסט וועל איך אַליין מוזען טראָגען, הגם איך טו דאָס זייהר ניט גערן. זאָל איטליכער פון אייך בעטראַכטען מיין עלטער, מיין אַרט לעבען און מיין פרומקייט. ווארום באמת, ניט איך בין אַזוי אַלט, אַז מען זאָל אין גיכען זיך קאָנען ריכטען אויף מיין טויט, אויך בין איך ניט איבערגעגעבען קיין תענוגים, וואָס ברייגנען געוויינליך אום אפילו יונגע מענשען, און צו גאָט האָב איך אויך שטענדיג אַזוי געדיענט, אַז איך קאָן האָפען אויף אריכת-ימים. בכן איז דער וואָס וועט חנפ'ען מיינע זיהן אין דער האָפענונג, אַז איך וועל אין גיכען שטאַרבען, וועט מיר מוזען בעצאָהלען דערפאַר. ווארום ניט מחמת קנאה וויל איך דאָס, אַז מען זאָל ניט אָבגעבען צופיעל כבוד מיינע קינדער, נאָר דערפאַר וויל איך וויס, אַז חניפה קאָן גרינג אָנרייצען יונגע מענשען צו עקשנות. דעריבער איז אויב איטליכער, וואָס וועט האָבען אַ שייכות מיט זיי, וועט בעטראַכטען, אַז בלויז דער עהרליכער מענש קאָן זיך ריכטען צו בעקומען פון מיר אַ בעלוי-נונג, און פערקעהרט, אַז דער, וואָס וועט זוכען מחלוקת'ן, וועט אפילו פון דעם, צו וועמען ער חנפ'עט זיך צו, אויך ניט בעקומען קיין בעלוינונג,—דעמאָלט, רעכען איך, וועלען אַלע מיינע אונטערטאַנען פערטיידיגען מיינע אינטערעסען, וואָס זיינען דאָך אויך מיינע זיהנס אינטערעסען. ווארום זיי, מיינע זיהן, וועלען האָבען נאָר נוצען דערפון, אויב איך וועל בלייבען ביי דער ממשלה און לע-בען גוט מיט זיי. און איהר, מיינע גוטע זיהן, ניט פערגעסט דעם הייליגען בונד פון דער נאַטור, וואָס פערזיכערט די שטאַרקייט פון דער ליעבע אפילו ביי ווילדע חיות, פערגעסט אויך ניט אָן דעם קיסר, וואָס ער האָט דאָס שלום געמאַכט צווישען אונז, און לסוף אויך אָן מיר ניט, וואָס בעט זיך ביי אייך, הגם איך וואָלט געקאָנט בעפעהלען, — און בלייבט ברידער! איך גיב אייך איצטער קיניגליכע קליידער און קיניגליכע סוויטעס און בין מתפלל צו גאָט, ער זאָל ניט אָבנעמען זיין שוץ פון מיין החלטה, כל זמן צווישען אייך וועט הערשען אחדות".

נאָך אָטאָ דער רעדע האָט הורדוס אַרומגענומען מיט ליעבשאַפט אַלע זיינע זיהן און האָט פונאַנדערגעלאָזען דאָס פאָלק. איין טייל פון פאָלק האָט געוואונשען, אַז הורדוס'עס רייד זאָלען מקוים ווערען; אָבער די וואָס האָבען געשטרעבט צו נייעסן, האָבען זיך געמאַכט כלא ידע.

# פיער־און־צוואנציגסטער קאַפּיטעל.

נייע אינטריגעס ביי הורדוס'עס הויף.

1. אָבער די ברידער האָבען זייער מחלוקת ניט אָבגעשטעלט, און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך צעשיידט, האָבען זיי נאָך מעהר חשד געהאַט קעגען אַנאַנד, איידער ווען עס איז פריהער. אַלכּסנדר און אַריסתּובול האָבען געפיהלט זיך דערצאָרענט דורכדעם, וואָס איצטער איז פאָרמאַל בעשטעטיגט געוואָרען, אַז אַנטיפּטר איז העכער פאַר אַלעמען, מחמת ער איז דער עלטסטער. אַנטיפּטר פון זיין זייט האָט אַפּילו ניט פערגונען זיינע ברידער דאָס, וואָס זיי פערנעמען דעם צווייטען אָרט נאָך איהם. נאָר אַנטיפּטר האָט פערשטאַנען צו בעהאַלטען זיינע געדאַנקען פאַר זיך. ער איז געווען זייהר אַ דורכגעטריבענער מענש און האָט בעהאַלטען זיין שנאה צו זיינע ברידער. אָבער די לעצטע זיינען שטענדיג געווען אָפען אין זייערע רייד, אַזוי ווי עס האָט געפּאַסט פאַר זייער יחוס.

חוץ דעם, האָבען אַ סך זייערע פריינד געמיהט זיך זיי אויפצוהעצען, און נאָך גרעסער איז געווען די צאָהל פון די יעניגע, וואָס האָבען זיך אריינגע'גנב'עט ביי זיי אַלס שפּיאָנעס. אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז איטליכס וואָרט אַלכּסנדר'ס פלעגט באַלד דערגייהן צו אַנטיפּטר'ן און פון איהם מיט הוספות פלעגט עס אַריבער צו הורדוס'ן. אַפּילו גאָר פּשוט'ע ווערטער אַלכּסנדר'ס, וואָס זיינען געווען גאָר אָהן אַ שום מיין, פלעגען די רכילות־טרייבער פערדרייהען און אויסטייטשען, ווי פערברעכערישע. און אויב ער האָט נאָר גערעדט ווען עס איז אַ ביסעל פרייער, דעמאָלט פלעגט שוין די פאַנטאַזיע טון דאָס איהריגע, בכדי צו מאַכען פון דער קליינינגקייט אַ גרויסען ענין. דערביי האָט אַנטיפּטר תמיד אונטערגעשיקט צו אַלכּסנדר'ן מענשען, וואָס זאָלען אונטערהעצען איהם, בכדי דער ליגען זאָל זיך קאָנען כאָטש אַ ביסעל סומך זיין אויף אמת'ע געשעהענישען. ווארום זאָל כאָטש איין קערנדי'ל דערפון, וואָס מען פלעגט דערציילען, זיין אמת, וואָלט מען דעמאָלט מעהר געגלויבט אין דאָס איבעריגע.

דערצו נאָך זיינען אַנטיפּטר'ס גוטע פריינד געווען על־פּי טבע פערשוויגענע מענשען, אָדער דורך מתּנות האָט מען אַזוי וויית געווירקט אויף זיי, אַז זיי האָבען קיין זאַך ניט דערציילט, וואָס מען האָט בעדאַרפט האַלטען בסוד. גאַנץ ריכטיג וואָלט מען געקאָנט אָנרופען אַנטיפּטר'ס לעבען דער געהיימער דיענסט פאַר דער רשעות. ווארום אויך די יעניגע, וואָס זיינען געווען חבר מיט אַלכּסנדר'ן, האָט אַנטיפּטר דורך שוחד און חניפה, וואָס זיינען געווען זיינע הויפּט מיטלען, געמאַכט פאַר בוגדים, וואָס פלעגען איהם שטילערהייד איבערגעבען אַלצדינג, וואָס עס פלעגט געטאָן אָדער גערעדט ווערען. און ער גופא האָט געקאָנט זיך גוט פערשטעלען און מיט גרויסער דורכגעטריבענקייט האָט ער פערשטאַנען איבערצוגעבען הורדוס'ן זיינע רכילות'ן אינ'ם נאָמען פון אַנדערע מוסרים, און אַליין האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַ גוטען ברודער. אַז מען פלעגט איהם וואָס עס איז דערציילען וועגען אַלכּסנדר'ן, פלעגט ער קומען אין פלוג צופעליג צו הורדוס'ן, פלעגט לכתחלה מכלומר'שט מבטל מאַכען



אָקטאַוויאַנוס אויגוסטוס

דאָס געזאָגטע, דערנאָך אָבער האָט ער פערשטאַנען אומבעמערקט עס פאָרצושטעלען אַזוי, אַז מען האָט געמוזט גלויבען דערין, און דורכדעם האָט ער אַריינגעבראַכט דעם קעניג אין כעס. אַלצדינג האָט געדאַרפט בעווייזען, אַז עס װערט געמאַכט אַ פערשווערונג קעגען קעניג, און אַז אַלכסנדר פלאַנט כלומר׳שט צו טויטען זיין פאָטער. אָבער קיין זאַך איז ניט געווען מסוגל מעהר צו מאַכען גלויבען אין אָט די אַלע רכילות׳ן, ווי דער פאַקט, וואָס אַנטיפּטר פלעגט אַרויסטרעטען אַלס פערטיידיגער.

2. אַזוי איז הורדוס׳עס געמיט אַלץ מעהר פערביטערט געוואָרען, און וואָס מעהר ער האָט פון טאָג צו טאָג אָבגעווענדט זיין ליעבע פוןביידע ברידער, אַלץ מעהר האָט ער זי געווענדט צו אַנטיפּטר׳ן. אינאיינעם מיט׳ן קעניג האָט זיך אָבגעשיידט פון די פרינצען די גאַנצע הויפישע געזעלשאַפט, אייניגע מיט׳ן גוטען ווילען, אַנדערע לויט אַ בעפעהל, ווי דעם קעניג׳ס אָנגעזעהענסטער פריינד תלמי, חוץ דעם, הורדוס׳עס ברידער און זיין גאַנצע משפּחה. וואָרום אַנטיפּטר האָט געהאַט די גאַנצע דעה, און די גרעסטע דעה האָט אויך געהאַט אַנטיפּטר׳ס מוטער, און זי האָט עס אויסגענוצט שטענדיג צוליעב אָנטון צרות אַלכסנדר׳ן און אַריסטובול׳ן, מחמת זי איז געווען צו זיי ערגער ווי אַ שטיפמוטער און האָט פיינט געהאַט דעם קעניגס זיהן מעהר, איידער פּשוט׳ע שטיפזיהן.

אַזוי פלעגט מען זיך פון אַלע זייטען צו־חנפ׳ען צו אַנטיפּטר׳ן צוליעב די גלענצענדע אויסזיכטען, וואָס האָבען זיך געעפענט פאַר איהם. פון דער אַנדער זייט האָט דער קעניג פערזאָגט אַלע חשוב׳ע לייט, זיי זאָלען קיין שום מגע ומשא ניט האָבען מיט אַלכסנדר׳ן און זיין סוויטע, און דורכדעם האָט ער אָבגענומען ביי זיי אַלע זייערע גוטע פריינד. וואָרום דאָס רעכט, וואָס דער קיסר האָט געגעבען הורדוס׳ן — קיין אַנדער קעניג האָט דאָס דאָזיגע רעכט ניט געהאַט — צו כאַפּען מענשען, װאָס אַנטלויפען פאַר איהם, אפילו אין אַזעלכע שטעדט, וואָס געהערען ניט צו איהם, — האָט אָבגעשראָקען ניט בלויז די אינלענדישע פריינד פון די פרינצען, נאָר אויך די אויסלענדישע.

נאָר פון אָט די אַלע אינטריגעס האָבען ביידע פרינצען גאָרנישט ניט געוואוסט, און דעריבער האָבען זיי מחמת זייער אונפאָרזיכטיגקייט געמוזט אַלץ מעהר זיך פערפלאָנטערען אין זיי. וואָרום זייער פאָטער פלעגט קיין מאָל ניט מאַכען זיי אָפען פאָרוואורפען, און נאָר מחמת זיין קאַלטקייט און זיין אויפגעקאָכט־ווערען ביי אונאָנגענעמע געשעהענישען פלעגען זיי אָנהויבען פערשטייהן די לאַגע. דערוויל האָט אַנטיפּטר אויך בעוויזען אויפצורייצען קעגען זיי זייער פעטער פירורס׳ן און אויך זייער מוהמע שלומית, וואָס מיט איהר איז ער געוועזען שטאַרק בעפריינדעט, בכדי זי אונטערצוהעצען. אגב, איז שלומית׳עס שנאה בעזונדערס געשטאַרקט געוואָרען דורך אַלכסנדר׳ס ווייב גלאַפירא׳ס בעריהמעריי. גלאַפירא האָט ליעב געהאַט אויסצורעכענען איהר מיוחס׳דיגע משפּחה און פלעגט זיך האַלטען, אַז זי איז העכער פון אַלע פרויען פון קעניגליכען הויז, ווייל פון פאָטערס צד שטאַמט זי אָב פון טעמענאָס, דעם קעניג פון אַרגאָס, און

פון מוטער׳ס צד—פון דריויש היסטאָספּעס. אויך פלעגט זי גאַנץ אָפט אַראָבמאַ־כען ניט בלויז הורדוס׳עס שוועסטער איבער איהר נידעריגען גזע, נאָר אויך זיינע פרויען, וואָס וועגען זיי פלעגט זי טענ׳ען, אַז דער קעניג האָט זיי גע־נומען בלויז פון וועגען זייער קערפּערליכער שיינקייט און ניט וועגען זייער יחוס. וואָרום הורדוס האָט געהאַט אַ סך ווייבער, ערשטענס, דערפאַר, ווייל די אידען מעגען על־פּי דין נעמען אַ סך ווייבער, און צווייטענס האָט ער דערפון געהאַט הנאה. אָט די אַלע פרויען זיינען אַדאַנק גלאַפּיראַ׳ס בעריהמעריי און זידלערייען געוואָרען אַלכסנדר׳ס ערגסטע פיינדינס.

3. אָבער אויך אַריסטובול, הגם ער איז געווען שלומית׳עס איידעם, האָט דערוועקט אויף זיך איהר שנאה; שטאַרק אין כעס איז זי שוין געווען איבער גלאַפּיראַ׳ס זידלערייען. וואָרום אַריסטובול פלעגט שטענדיג פאַרוואַרפען זיין פרוי וועגען איהר נידעריגען יחוס און פלעגט זיך בעקלאָגען דערויף, וואָס ער מוז זיך בעגעגנוגען מיט אַ פרוי פון בירגערליכען גראַד, אין דער צייט וואָס זיין ברודער אַלכסנדר האָט גענומען אַ קעניגס אַ טאָכטער. ווייענענדיג האָט אַריסטובול׳ס פרוי דאָס דערצייהלט איהר מוטער שלומית און האָט דערצו מוסיף געווען, אַז אַלכסנדר און אַריסטובול זאָלען האָבען געסטראַשעט, אַז ווי נאָר זיי וועלען איבערנעמען די ממשלה, וועלען זיי אָבשיקען די מוטער׳ס פון זייערע איבעריגע ברידער צו די וועבשטולען און די ברידער גופא וועלען זיי מאַכען פאַר דאָרפ־שרייבערס, וואָרום יענע האָבען דאָך בעקומען, ווי זיי פלעגען זיך אויסדריקען בדרך הלצה, אַזאַ אויסגעצייכענטע בילדונג. שלומית האָט ניט געקאָנט איינהאַל־טען איהר כעס דעריבער און האָט אַלצדינג איבערגעגעבען איהר ברודער הורדוס׳ן, און היות ווי זי איז אַרויסגעטראָטען קעגען איהר אייגענעם איידעם, דעריבער האָט מען איהר טאַקע גרינג געגלויבט.

נאָך אַן אַנדער קלאַנג האָט מיטגעהאָלפען פונאַנדערצובלאָזען דעם קעניגס כעס. מען האָט איהם גע׳מסר׳ט, אַז מרים׳ס זיהן דערמאָנען שטענדיג זייער מוטער׳ס נאָמען מיט געוויין און קללות קעגען הורדוס׳ן, און אַז איטליכס מאָל, ווען זייער פאָטער פלעגט שיינקען מרים׳ס אַ קלייד איינער פון זיינע שפּעטער־דיגע פרויען, פלעגען זיי אפילו סטראַשען, אַז אָנשטאָט בגדי־מלכות וועלען די דאָזיגע פרויען מוזען באַלד אָנטון זעק.

4. הגם דער האָפערדיגער אויפפיהר פון די יונגע לייט האָט שטאַרק בעאומרוהיגט דעם קעניג, פונדעסטוועגען האָט ער אַלץ נאָך ניט אָנגעוואָהרען די האָפענונג זיי אַרויפצופיהרען אויף אַ בעסערן וועג. איין מאָל, בשעת ער האָט געהאַט בדעה צו פאָהרען קיין רוים, האָט ער זיי גערופען צו זיך און האָט צוערשט אַלס קעניג זיי געפּרובט סטראַשען. דערנאָך האָט ער מיט זיי גערעדט פריינדליכער אַלס פאָטער און מזהיר געווען זיי, זיי זאָלען ליעב האָ־בען זייערע ברידער, און צוגעזאָגט זיי מוחל צו זיין פאַר די פריהערדיגע פעהלערן, אויב זיי וועלען זיך אויף להבא בעסערן. דערויף האָבעןביידע ברי־דער אָנגעוויזען אויף דער גאַנצער רכילות, וואָס מען פיהרט קעגען זיי, אַז זי איז ליגען, און האָבען אונטערגעשטריכען, אַז זייערע מעשים גופא זיינען שוין

גענוג, בכדי מען זאָל גלויבען זייער פערטיידיגונג. איצטער זאָל דער קעניג פערמאַכען די מויל ביי אַלע רכילות-טרייבער און ניט גלויבען מעהר אַלצדינג, וואָס מען דערצייהלט איהם. וואָרום ליגענס קעגען זיי וועלען זיין גענוג, כל זמן עס וועט זיין עמיצער, וואָס וועט דערין גלויבען.

5. דורכדעם, וואָס זיי האָבען זיך געווענדט מיט די דאָזיגע טענות צו הורדוס'עס פאָטערליכען האַרצען, האָבען זיי אויף דעם מאָמענט בעזייטיגט די סכנה. דערפאַר אָבער זיינען געווען טרויעריג זייערע אויסזיכטען אויף דער צוקונפט, מחמת זיי האָבען זיך דערוואוסט וועגען דער שנאה צו זיי מצד שלומית'ן און זייער פעטער פירורס'ן.ביידע זיינען זיי געווען פערביטערטע און געפעהרליכע געגנער. פירורס איז נאָך דערצו געווען אַ מעכטיגער שונא, וואָרום ער איז געווען הורדוס'עס מיטרעגירער, נאָר אָהן אַ קרוין; ער האָט געהאַט 100 טאַלענטען הכנסה פון זיין אייגענעם מאַיאָנטעק, און איהם האָט אויך געהערט די הכנסה פונ'ם גאַנצען לאַנד אויף יענער זייט ירדן, וואָס איז געווען אַ מתנה פון זיין ברודער; הורדוס האָט איהם אויך מיט'ן קיסר'ס הסכמה געמאַכט פאַר אַ טעטראַרך און איהם אָנגעטאָן דעם כבוד איהם חתונה צו מאַכען מיט אַ פרוי פון קיניגליכער פאַמיליע, מיט זיין אייגענער פרויס אַ שוועסטער. נאָך איהר טויט האָט דער קעניג איהם געוואָלט געבען זיין עלטסטע טאָכטער מיט אַ נדן פון 300 טאַלענטען, נאָר איבער דער ליעבשאַפט צו אַ שקלאַפין האָט פירורס ניט געוואָלט דעם שידוך מיט'ן קעניגס טאָכטער. דעריבער איז הורדוס געוואָרען אין כעס און האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער מיט זיין פלימעניק, וואָס איז דערנאָך געפאַלען אין דער מלחמה קעגען די פאַרטער. באַלד אָבער האָט הורדוס אײַנגעשטילט זיין כעס קעגען פירורס'ן, ווייל ער האָט זיך גערעכענט מיט זיין ליעבעס-קראַנקהייט.

6. נאָך פריהער, בשעת די קעניגין האָט נאָך געלעבט, האָט מען געהאַט בעשולדיגט פירורס'ן, אַז ער זאָל האָבען געוואָלט פער'סמ'ען דעם קעניג. איצטער אָבער האָבען זיך אָנגעקליבען אַזוי פיעל בעשולדיגונגען, אַז הגם הורדוס האָט שטאַרק ליעב געה.ט זיין ברודער, פונדעסטוועגען האָט ער סוף-כל-סוף פאָרט אָנגעהויבען גלויבען אין די דאָזיגע קלאַגגען און האָט בעקומען שטאַרק מורא. נאָכדעם ווי ער האָט גלאָזט פייניגען אַ גאַנצע רייה מענשען, וואָס זיינען געווען חשוד אינ'ם בעטייליגען זיך אין דער פערשווערונג,—איז אויך אָנגעקומען די רייה צו פירורס'עס גוטע פריינד. הגם פון זיי האָט קיין איינער זיך ניט מודה געווען, אַז עס איז געווען אַ דירעקטער פלאַן צו טויטן הורדוס'ן, נאָר דאָך האָט מען זיך דערוואוסט, אַז פירורס מאַכט הכנות, בכדי אינאיינעם מיט זיין געליעבטע צו אַנטלויפען צו די פאַרטער. ווייטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז קוסטובר, שלומית'עס מאַן, וואָס מיט איהם האָט זי דער קעניג חתונה געמאַכט, נאָכדעם ווי איהר ערשטער מאַן איז געטויט געוואָרען פאַרן זיין אונטרייַשאַפט—אַז אָט דער קוסטובר וויל אונטערשטיצען פירורס'עס פלאַן צו אַנטלויפען. אָבער אויך שלומית איז ניט געבליבען פריי פון בעשולדיגונגען, וואָרום איהר ברודער פירורס האָט זי בעשולדיגט, אַז זי איז געוואָרען אַ כלה מיט

סילעאוס'ן, דעם פערוואַלטער פונ'ם אַראַבישען קעניג עבדת, וואָס איז געווען זייהר פיינדליך געזאָננען צו הורדוס'ן. הגם מען האָט בעוויזען, אַז די דאָזיגע בעשולדיגונג, ווי אויך די איבעריגע, וואָס הורדוס האָט איהר אויפגעוואָרפען, זיינען אמת, פונדעסטוועגען האָט הורדוס איהר מוחל געווען. אויך פירורס'ן האָט דער קעניג פריי געשפּראָכען פון די חטאים, אין וועלכע מען האָט איהם גע-האַט בעשולדיגט.

7. אַזוי האָבען זיך די כמאַרעס צונויפגעקליבען איבער אַלכסנדר'ן אַליין און האָבען זיך אויסגעגאָסען איינגאַנצען אויף זיין קאָפּ. צווישען זיינע טריסים האָט דער קעניג געהאַט דריי, וועלכע ער האָט זייהר הויך געשאַצט, ווי מען האָט דאָס געקאָנט פערשטייהן שוין דערפון, וואָס פאַר אַ התמנות זיי האָבען געהאַט. דער איינער איז געווען אַ שר המשקים, דער אַנדערער פלעגט דער-לאַנגען צום טיש, און דער דריטער פלעגט בעדיענען דעם קעניג, בשעת ער ער פלעגט זיך לייגען שלאָפען, און פלעגט שלאָפען ניט ווייט פון דעם קעניגס געלעגער. אַט די דריי האָט אַלכסנדר דורך גרויסע מתנות בעוואויגען דערצו, זיי זאָלען דיענען פאַר זיין תאוה. דער קעניג איז דאָס געוואָהר געוואָרען און האָט געלאָזט זיי אויספּאָרשען אונטער ענויים. דערביי האָבען זיי באַלד זיך מודה געווען און האָבען אויך אויסגעזאָגט די הבטחות, מיט וועלכע אַלכסנדר האָט זיי פערפיהרט. ער האָט געזאָגט, אַז פון הורדוס'ן האָבען זיי שוין מעהר ניט וואָס צו האָפען; וואָרום ער איז אַן אַלטער שוטה, וואָס פאַרבט זיך די האָר, בכדי מען זאָל איהם האַלטען פאַר יונג. בעסער זאָלען זיי האַלטען מיט איהם, וואָרום אין גיכען וועט ער גופא קעגען זיין פאָטערס ווילען אַריינכאַפּען די ממשלה, און דעמאָלט וועט ער זיינע שונאים בעשטראָפען, און זיינע גוטע פריינד, און פריהער פאַר אַלעמען זיי, מאַכען גליקליך און רייך. בסוד זיינען שוין די גדולים פון דער מלוכה אויף זיין צד, און די הויכע און נידעריגע אָפיצירען האָבען בשתיקה פערזאַמלונגען מיט איהם.

8. אָטאָ די רייד האָבען דעם קעניג איבערגעשראָקען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אַפילו ניט דערוועגט זיך אין דעם מאָמענט אויסצונוצען עס אָפען. דערפאַר אָבער האָט ער געשיקט סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט שפּיאָנעס, וואָס דורך זיי איז ער דערגאַנגען אַלצדינג, וואָס עס איז געוואָרען געטאָן און גערעדט. אויף וועמען ס'איז געפאַלען אַ חשד, דער האָט געמוזט אופן אָרט בעצאָהלען מיט זיין לעבען. און דער קיניגליכער פּאַלאַץ איז פול געוואָרען מיט די שרעקליכסטע פערברעכענס. וואָרום איטליכער פלעגט אויסקלערען רכילות'ן, וואָס רשעות און שנאה האָבען געקאָנט נאָר אַרויפברייננען אויפ'ן בעדאַנק, און אַ סך פלעגען אויסנוצען דעם קעניגס בלוטדאָרשטיגען כעס אויף צו טון שאָדען זייערע געגנער. די ליגענס פלעגט מען תיכף גלויבען, און כמעט גיכער, ווי די בעשולדיגונג האָט געקאָנט ווערען אויסגערעדט, איז שוין געשעהן די שטראָף. אָפטמאָל אַפילו פלעגט ווערען אָנגעקלאָגט דער, וואָס איז אָקאָרשט אַליין געווען אָנקלאָגער, און פלעגט ווערען בעשטראָפט אינאיינעם מיט זיין קרבן. וואָרום היות ווי דער קעניג האָט גערדאג'עט פאַר זיין לעבען, דע-ריבער האָט ער ניט געוואָלט מאַכען קיין לאַנגע אונטערזוכונג.

סוף־כל־סוף איז דעם קעניגס געמיט אזוי פערביטערט געוואָרען, אַז ער פלעגט אפילו אויף די אומשולדיגסטע מענשען ניט קוקען מעהר מיט גענאָד און אַפילו מיט זיינע גוטע פריינד פלעגט ער זיך בעגייהן מיט בייזקייט. אַ סך פון זיי האָט ער פערזאָגט ניט צו קומען צו איהם אין פּאַלאַץ, און וועמען ער האָט ניט געטאָרט אָנריהרען מיט זיין האַנד, דעם פלעגט ער בעליידיגען מיט ווערטער.

לאָמיר זיך איצט אומקעהרען צוריק צו אַלכּסנדר׳ן. אַנטיפּטר האָט אויס־געניצט זיין שלעכטע לאַגע און האָט אַרומגעקליבען אַרום זיך אַלע זיינע קרובים, ווי אַ געשלאָסענע באַנדע, און האָט אויסגעקלערט כּל׳ערליי רכילות׳ן וועגען איהם. און פון אַנטיפּטר׳ס ליגענס איז אויפ׳ן קעניג געפאַלען אַזאַ שרעק, אַז איהם פלעגט זיך שטענדיג אויסדוכטען, אַז ער זעהט אַלכּסנדר׳ן פּאַר זיך מיט אַ בלויזען שווערד אין דער האַנד. דעריבער האָט ער געהייסען איהם פּלוצלונג כאַפּען און שמידען אין קייטען, און דערנאָך איז ער צוגע־טראָטען צו פייניגען זיינע מקורבים. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען גע־שטאָרבען שווייגענדיג, און האָבען גאָרנישט ניט אויסגעזאָגט, וואָס זיי האָבען ניט געוואוסט. די יעניגע אָבער, וואָס די ענויים האָבען זיי געצוואונגען צו זאָגען ליגען, האָבען אויסגעזאָגט, אַז אַלכּסנדר אינאיינעם מיט זיין ברודער אַריסתּובול מאַכען אַ פּלאַן צו טויטען דעם קעניג און זיי וואַרטען נאָר אויף אַ געלעגענהייט, בכדי צו הרג׳ען איהם אויף אַ געיעג און צו אַנטלויפען דער־נאָך קיין רוים. אין אַזעלכע הודאות — וואָס האָבען זיך קנאַפּ געלייגט אויפ׳ן שכל, מחמת זיי זיינען געמאַכט געוואָרען אין טויט־שרעקעניש — איז דער קעניג גערן געווען צו גלויבען און איז געווען צופרידען דערמיט, וואָס ער האָט אַריינגעזעצט זיין זוהן אין תּפיסה, ווייל ס׳האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז דאָס איז יושר׳דיג.

# פינף־און־צוואנציגסטער קאפּיטעל.

ארכילויס מאכט ווידער שלום צווישען אלכּסנדר׳ן און פירורס׳ן מיט הורדוס׳ן.

1. אַז אַלכּסנדר האָט איינגעזעהן, אַז עס איז אוממעגליך איבערצומאַכען דעם פאָטערס איבערצייגונג, האָט ער בעשלאָסען דרייסט זיך איינצושטעלען אין אַ סכּנה. צוליעב דעם האָט ער אָנגעשריבען פיער ביכער קעגען זיינע שונאים, וואו ער האָט טאַקע מודה געווען אין זיין פערברעכערישען פּלאַן, נאָר צוגלייך האָט ער אויך אָנגעוויזען, אַז דער גרעסטער רוב פון זיינע געגנער, בעזונדערס פירורס און שלומית, נעמען אַן אָנטייל אין זיין פערשווערונג. אַט די דאָזיגע ביכער, וואָס זיינען געווען פול מיט די ערגסטע אָנקלאָגען קעגען די מעכטיגסטע פּערזאָנען, זיינען אַריינגעפאַלען אין דעם קעניגס הענד.

אין דערזעלביגער צייט איז אַרכילויס, אַלכּסנדר׳ס שוועהר, וואָס איז געווען שטאַרק בעזאָרגט איבער׳ן גורל פון זיין איידעם און טאָכטער, אָנגעקו־

מען אין לאַנד יהודה. ער האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַ זייהר געשיקטען העל־פער אין דער נויט, מחמת ער האָט פערשטאַנען דורך רמאות אָבצו־ווענדען די סכנה, וואָס איז געווען מצד דעם קעניג. וואָרום ווי נאָר ער איז אַריין צו הורדוס'ן, האָט ער אויסגערופען פאָלגענדע ווערטער: „וואו איז ער, מיין נידער־טרעכטיגער איידעם, און וואו קאָן איך געפינען דעם רוצח, וואָס וויל הרג'ען זיין פאָטער — און איך וועל זיין קאָפּ צעשפּאַלטען מיט מיינע אייגענע הענד! אויך מיין טאָכטער וועל איך פטר'ן אינאיינעם מיט איהר איידעלן מאַן. וואָרום אויב זי האָט אפילו ניט גענומען קיין אַנטייל אין זיינע פּלענער, פונדעסטוועגען איז געפאַלען אויף איהר אַן אומכבוד דורכדעם, וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט אַזאַ מענשען. וואונדערן מוז איך זיך נאָר דעריבער, וואָס דו, וואָס דו שטייהסט שטענדיג אין סכנה, ווייזט אַרויס אַזוי פיעל געדולד און וואָס אַלכּסנדר לעבט נאָך בכלל. בשעת איך האָב מיך געאיילט צו קומען אַהער פון קפּוטקיאַ, האָב איך, פערשטייהסט זיך, געמיינט, אַז איך וועל איהם שוין געפינען לאַנג געטויט און אַז איך וועל נאָר דאַרפען מיט דיר אינאיינעם משפּט'ן מיין טאָכטער, וואָס איך האָב איהם געגעבען פאַר אַ פרוי אויס אַכטונג צו דיר און צו דיין יחוס. איצטער מוזען מיר עס ביידע בעשליסען, און אויב דו ווערסט אַלס פאָטער זיך פיהלען צו שוואַך צו בעשטראָפען דעם זוהן, וואָס האָט דיר געוואָלט נעמען דאָס לעבען, דעמאָלט לאָמיר זיך בייטען מיט די ראָלען, און איינער וועט איבערנעמען דעם אַנדערנס כעס".

2. דורך די דאָזיגע קלינגענדיגע ווערטער האָט אַרכילויס פערשטאַנען זיך אַ ביסעל צוצומאַכען צו הורדוס'ן, וואָס לכתחילה האָט ער זיך געהאַלטען מיט איהם פון דערווייטענס. און באַלד האָט הורדוס איהם געגעבען צו לייענען די ביכער, וואָס אַלכּסנדר האָט אָנגעשריבען, און ביי איטליכען קאַפּיטעל האָט ער זיך אָבגעשטעלט און איבערגעקוקט מיט איהם אינאיינעם דעם אינהאַלט. די דאָזיגע געלעגענהייט האָט אַרכילויס אויסגענוצט, בכדי אויסצופיהרען זיין פּלאַן, און אומבעמערקטערהייד האָט ער אַרויפגעוואָרפען די שולד אויף די מענשען וואָס זיינען אָנגערופען אין'ם חבור, און בעזונדערס אויף פירורס'ן.

ווי נאָר ער האָט בעמערקט, אַז דער קעניג האָט אָנגעהויבען צו גלויבען אין זיינע רייד, האָט ער צו איהם אַזוי געזאָגט: „מיר מוזען אויספאָרשען, צי האָבען ניט אפשר די פיעל נידערטרעכטיגע מענשען אויסגעשפּרייט נעצען פאַר די פיס פונ'ם יונגען מענשען, און ניט ער האָט קעגען דיר געמאַכט די פּלענער. וואָרום אייגענטליך איז לחלוטין ניטאָ קיין יסוד, פאַר וואָס ער זאָל זיך האָבען פערזינדיגט אין אַזאַ פערברעכען, בשעת ער האָט כבוד, ווי אַ קע־ניג, און ביי איהם איז פאַראַן אַן אויסזיכט צו ירש'ען דעם טרוין. אפשר זיינען דאָס געווען פערפיהרער, וואָס האָבען אויסגענוצט זיין יוגענדליכע לייכטזיניג־קייט. אַזעלכע מענשען קאָנען אָפטמאָלס פערדרייהען די קעפּ ניט בלויז יונגע לייט, נאָר אויך אַלטע לייט, און אַריינוואַרפען אין אַ צרה מיוחס'דיגע משפחות און אויך גאַנצע מלוכות".

3. די דאָזיגע סברות זיינען הורדוס'ן געפעלען געוואָרען, און וואָס מעהר זיין כעס קעגען אַלכסנדר'ן האָט נאָכגעלאָזען, איז שטאַרקער געוואָרען זיין ערביטערונג קעגען פירורס'ן, וואָס וועגען איהם איז דער עיקר גערעדט געוואָרען אין די פיער ביכער. און אַז דער לעצטער האָט בעמערקט, אַז דער קעניג איז אויפגערעגט קעגען איהם און אַז אַרכילויס האָט בעקומען אַ גרויסען איינפלוס, האָט ער צוליעב זיין רעטונג זיך איינגאַנצען אָבגעזאָגט פון זיין שטאָלץ, ווייל ער האָט זיך ניט געקאָנט ראַטעווען אויף אַן עהרליכען אופן. ער האָט שוין מעהר ניט אינטערעסירט זיך מיט אַלכסנדר'ן און געזוכט הילף ביי אַרכילויס'ן. אַרכילויס האָט איהם דערקלערט, אַז ער געפינט ניט קיין מעגליכקייט אַרויסצוראַטעווען איהם פון סכנה, מחמת קעגען איהם זיינען פאַראַן אַזוי פיעל בעשולדיגונגען, וואָס בעווייזען קלאָר, אַז ער האָט געוואָלט נעמען דעם קעניג דאָס לעבען און אַז ער האָט אַריינגעבראַכט דעם יונגען מאַן אין זיין איצטיגער שלעכטער לאַגע; סיידען ער זאָל פועל'ן ביי זיך אָבצוזאָגען זיך פון אַלע ליגענס און רמאות, מודה זיין זיך אין אַלע עולות, אין וועלכע מען בעשולדיגט איהם, און בעטען ביי הורדוס'ן מחילה, זיך סומך זייענדיג אויף זיין ברודערליעבע. אין דעם פאַל וועט ער, אַרכילויס, אַלצדינג טון, בכדי איהם צו העלפען.

4. פירורס האָט דערויף מסכים געווען, און בכדי צו דערוועקען נאָך מעהר רחמנות, האָט ער אָנגעטאָן שוואַרצע קליידער און איז געפאַלען הורדוס'ן פאַר די פיס. מיט טרערען אין די אויגען האָט ער איהם געבעטען, ער זאָל איהם מוחל זיין, ווי ער האָט דאָס שוין ניט איין מאָל געטאָן, און האָט זיך מודה ומתודה געווען, אַז ער איז טאַקע אַ זינדיגער מענש, וואָס איז טאַקע שולדיג אין אַלע עבירות, וואָס מען וואַרפט איהם פאַר, נאָר צוגלייך האָט ער געקלאָגט און געיאָמערט דעריבער, וואָס אַ תאוה צו אַ פרוי האָט איהם געמאַכט משוגע.

נאָכדעם ווי אַרכילויס האָט אויסגעפיהרט דאָס, אַז ער האָט געמאַכט פירורס'ן פאַר אַ קטיגור און עדות קעגען זיך אַליין — דעמאָלט ערשט האָט ער אָנגעהויבען צו בעטען הורדוס'ן און איינצושטילען זיין כעס. „אויך איך, האָט ער געזאָגט, האָב געהאַט אַ ברודער, וואָס האָט מיר אָנגעטאָן נאָך ערגערע צרות, נאָר פונדעסטוועגען האָב איך געהאַלטען העכער דעם געזעץ פון דער נאַטור, איידער דעם געזעץ פון דער נקמה. וואָרום אויך אין מלוכות, פונקט ווי אין גרויסע קערפּערס, קומען אויף גרינג, מחמת דער שווערקייט פון די בעזונדערע טיילען, געשווירען, וואָס מען קאָן זיי ניט אויסמיידען, נאָר מען מוז זיי היילען דורך ווייכע מיטלען".

5. דורך אַזעלכע און כדומה נאָך אַזעלכע טענות האָט זיך אַרכילויס'ן איינגעגעבען אָבצושוואַכען הורדוס'עס כעס קעגען פירורס'ן. נאָר ער גופא האָט זיך נאָך פעסט געהאַלטען פאַר זיין כלומר'שטיגען כעס אויף אַלכסנדר'ן און האָט אַפילו מודיע געווען, אַז ער וויל זיין טאָכטער גט'ען מיט איהם און נעמען זי מיט זיך. סוף־כל־סוף איז הורדוס דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער אַליין האָט

זיך איינגעשטעלט פאר'ן יונגען מאן און האט געבעטען ארכילוס'ן, ער זאל לאזען גלאפיראַ'ן ביי איהר מאן. דערויף האט ארכילוס פריינדליך געענטפערט, אז ער לאזט איבער אין רשות פון קעניג חתונה צו מאכען גלאפיראַ'ן מיט וועמען ער וויל, אבי נאר ניט מיט אלכסנדר'ן. וואָרום עס ארט איהם קיין זאך ניט אזוי, ווי דאס, אז עס זאלען בלייבען די גוטע בעציהונגען, וואס עק-סיסטירען צווישען איהם און הורדוס'ן. נאר הורדוס האט דערויף געענטפערט, אז ער וועט אנגעמען זיין זוהן, ווי א מתנה פון ארכילוס'עס האנד, אויב יענער וועט ניט צעשיידען דעם פארפאלק, וואס איז דאך שוין געבענשט מיט קינ-דער. אויך איז גלאפיראַ צערטליך געליעבט פון איהר מאן, און כל זמן זי וועט בלייבען ביי איהם, וועט זי איהם געוויס אבהיטען פון אזעלכע פאלשע שריט. טאמער אבער וועט מען זי אבנעמען ביי איהם, קאן מען גרינג אריינ-טרייבען דעם יונגען מאן אין יאוש; וואָרום אז עס פעהלען די פריידען פונ'ם שטילען פאמיליען-לעבען, דעמאלט איז שוין ניט מעהר מעגליך איינצוהאלטען דעם אימפעט פון דער יוגענד. איצטער האט ארכילוס סוף-כל-סוף נאכגעגעבען, האט איינגעשטילט זיין כלומר'שטיגען כעס קעגען אלכסנדר'ן און האט ווידער שלום געמאכט צווישען יונגען-מאן מיט זיין פאטער. נאר ער האט מוסיף גע-ווען, אז מען מוז איהם על כל פנים שיקען קיין רוים, בכדי ער זאל קאָנען ריידען מיט'ן קיסר; וואָרום ער גופא האט שוין געגעבען צו וויסען וועגען אלץ אווגוסטוס'ן דורך א בריעף.

6. דערמיט האט ארכילוס געשפיעלט ביז צום סוף זיין ראל און געראַ-טעוועט זיין איידעם. נאך דעם שלום האט מען געמאכט גרויסע שמחות און מאלצייטען. און אז ארכילוס איז אבגעפאהרען, האט הורדוס איהם מכבד גע-ווען מיט זיבעציג טאלענטען, א גאלדענעם שטול, בעפוצט מיט אבנים טובות, עטליכע סריסים און א פלגש מיט'ן נאמען פאניכיס. אויך זיין סוויטע האט ער געגעבען פאסיגע מתנות. נאך טייערע מתנות האבען געגעבען ארכילוס'ן דעם קעניגס קרובים, לויט ווי הורדוס האט זיי געהייסען. דערנאך האט הורדוס מיט אלע חשוב'ע לייט איהם בעלייט ביז אנטיוכיא.

## זעקס-און-צוואנציגסטער קאפיטעל.

אוריקלעס פער'מסר'ס מרימ'ס זיהן.

1. באלד נאכדעם איז אנגעקומען אין לאנד יהודה א מענש, וואס איז געווען נאך געניטער אין דורכגעטריבענע גייגג, איידער ארכילוס. און דער דא-זיגער מענש לא די וואס ער האט געמאכט צו נישט דעם שלום, וואס ארכילוס האט איינגעשטעלט לטובת אלכסנדר'ן, נאר ער איז אויך געווען שולדיג אינ'ם פרינצענס אונטערגאנג. דאס איז געווען א לאקעדעמאניער מיט'ן נאמען אוריקלעס, וואט די מיאוס'ע תשוקה נאך געלד האט איהם געפיהרט אין דאס אידישע קי-ניגרייך, באכדעם ווי גריכענלאנד האט זיך ארויסגעוויזען צו קליין פאר זיין

פערשוועגדונגס-לוסט. הורדוס'ן האָט ער געבראַכט גלענצענדע מתנות, בכדי איהם צוצוציהען צו זיך און דערגרייכען דורכדעם צו זיינע צוועקען, און תיכף טאַקע האָט ער בעקומען פון הורדוס'ן צוריק מתנות, וואָס זיינען אַ סך מעהר ווערט געוועזען. נאָר ער איז נאָך ניט געוועזען צופרידען מיט אָט דער ריינער מתנה, ער האָט גערעכענט, אַז ער מוז זיך איינקויפען דעם קעניגס חסד דורך בלוט.

קודם כל האָט ער זיך צוגעמאַכט צו הורדוס'ן דורך חניפה-רייד און פאַלשע ליבען, וואָס ער האָט פערשטאַנען איבערצוגעבען מיט שיינע ווערטער. און אַז ער האָט זיך גוט בעקאַנט מיט'ן קעניגס כאַראַקטער — און דאָס איז געשעהן זייהר גיך — האָט ער גערעדט און געטאָן אַלצדינג, וואָס הורדוס'ן איז געוועזען געפעלען. אויף אַזאַ אופן איז ער באַלד געוואָרען איינער פון הורדוס'עס באָהעגסטע פריינד, און ווי מיט אַ ספאַרטאַנער זיינען אַלע: הורדוס ווי אויך זיין גאַנצער הויף און אַלע אידען, שוין פון וועגען זיין פאָטערלאַנד אַליין, זיך בעגאַנגען גוט מיט איהם.

2. ווי נאָר דער דאָזיגער אוירילקלעס האָט בעמערקט דעם קראַנקען אָרט פון דער קיניגליכער פאַמיליע, דאָס הייסט די פיינדשאַפט צווישען די ברידער און דעם פאָטערס ניט-גלייכען פערהאַלטען זיך צו די זיהן, — האָט ער זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז אַרכילויס'עס אַן אַלטער פריינד און האָט זיך פערשטעלט, אַז ער איז גוטגינציג צו אַלכסנדר'ן. אין דערזעלבער צייט אָבער איז ער שוין געוועזען אויפגענומען אַלס גאַסט ביי אַנטיפטר'ן און ביי דער געלעגענהייט האָט ער געוואונען זיין צוטרוי. אַלכסנדר האָט איהם, אַגב, שוין איבער דעם דערמאָנטען טעם תיכף אָנגענומען, ווי אַן אַלטען זיכערן פריינד, און אויך צו זיין ברודער אַריסתובול'ן האָט ער פערשטאַנען זיך אונטערצו'חנפ'ען. ער האָט געקאָנט שפּיעלען פערשיידענע ראָלען, אַזוי אַז איטליכען איז ער בייגעקומען אויף אַ בעזונדערן אופן. דער עיקר אָבער איז ער געוועזען געדונגען פון אַנטיפטר'ן, קעגען אַלכסנדר'ן אָבער איז ער געוועזען אַ בוגד. אַנטיפטר'ן האָט ער געמאַכט פאַרוואורפען דעריבער, ווי אַזוי דערלאָזט ער, אַלס עלטסטער פרינץ, נעבען זיך אַזעלכע מענשען, וואָס זיינען מעהר ניט אויסען, ווי בטל צו מאַכען זיינע רעכט אויפ'ן טרוין. אַלכסנדר'ן ווידער האָט ער פאָרגעוואָרפען, וואָס ער, אַ קעניגינס אַ זוהן, אַ קעניגס אַ טאָכטערס אַ מאַן, וואָס האָט נאָך דערצו פון אַרכילויס'ן אַזאַ שטיצע, — ווי אַזוי קאָן ער דאָס צולאָזען, אַז אַ זוהן פון אַ בירגערליכער פרוי זאָל ירש'ען די קרוין.

און היות ווי אוירילקלעס האָט זיך סומך געוועזען אויף אַרכילויס'ן, דעריבער האָט אַלכסנדר געמיינט, אַז ער איז פאַר איהם אַ זיכערער בעל יועץ, און פלעגט זיך ניט בלויז בעקלאָגען פאַר איהם אָפּענהאַרציג איבער אַנטיפטר'ן, נאָר ער האָט אויך אַמאָל אַרויסגעזאָגט די בעמערקונג, אַז הורדוס, וואָס האָט דער'הרג'עט זייער מוטער, וועט זיך אויך ניט אָבהאַלטען פון אָבצונעמען ביי זיי דעם טרוין, וואָס אויף איהם האָבען זיי רעכט גראָד אַלס די זיהן פון דער דאָזיגער מוטער. אויף די דאָזיגע רייד פלעגט אוירילקלעס מאַכען דעם אָנשטעל, ווי ער האָט עס גרויס רחמנות אויף אַלכסנדר'ן. ווי נאָר ער האָט אַרויסבעקומען אויך

ביי אַריסטאָבול'ן עהנליכע טענות און האָט זיי ביידען פּערפיהרט אַרויסצוזאָגען אונצופרידענקייט קעגען זייער פאָטער, — האָט ער באַלד דעם סוד איבערגעגע-בען אַנטיפּטר'ן און דערביי האָט ער מוסיף געווען די אויסגעטראַכטע מעשה, אַז די ברידער פּלאַנען איהם צו הרג'ען און זיינען גרייט אָנצופאַלען אויף איהם מיט בלויזע געוועהר.

נאָכדעם ווי ער האָט בעקומען פון אַנטיפּטר'ן רייכע מתנות פאַר די דאָ-זיגע ידיעות, האָט ער שטאַרק אויפגעהויבען אַנטיפּטר'ן אין הורדוס'עס אויגען, אַלכּסנדר'ן און אַריסטאָבול אָבער האָט ער אָנגעקלאָגט, און דורכדעם האָט ער געשטרעבט צוצוגרייטען זייער אונטערגאַנג. און די מעשה איז אַזוי געווען. אוירוקלעס איז געקומען צו הורדוס'ן און האָט געזאָגט צו איהם, אַז אַלס מתּנה פאַר די גוטס, וואָס ער האָט מיט איהם געטאָן, און אַלס דאַנק פאַר דעם גו-טען אויפנעם, וואָס ער האָט ביי איהם געהאַט, וויל ער איהם ראַטעווען דאָס לעבען. שוין לאַנג איז אָנגעשאַרפט די שווערד צו הרג'ען דעם קעניג, און אַלכּסנדר'ס רעכטע האַנד איז קעגען איהם אויסגעשטרעקט. נאָר ער, אוירוקלעס, האָט פערשטאַנען אָבצוהאַלטען די אויספיהרונג פונ'ם אָנפאַל, מחמת ער איז אויך לפנים צוגעשטאַנען אַלס חבר צו דער פערשווערונג. אַלכּסנדר פלעגט זאָגען, אַז הורדוס'ן איז ניט גענוג צו זיצען אויף אַ טרוין, וואָס געהערט איהם ניט, און צו צעברעקלען זייער מוטערס מלוכה, נאָכדעם ווי ער האָט זי דער-הרג'עט, נאָר ער וויל נאָך אויך, אַז ירש'ען די קרוין זאָל אַ ממזר, אָט דער פערשאָלטענער אַנטיפּטר, ווען ער וויל אַוועקגעבען דאָס קיניגרייך, וואָס איז געבליבען פאַר זיי פון זייערע זיידעס. נאָר ער, אַלכּסנדר, וועט זיך נוקם זיין פאַר הורקנוס'עס און מרים'ס טויט; וואָרום פון די הענד פון אַזאַ פאָטער טאָר ער ניט אָננעמען די ערשאַפט אָהן בלוטפערגיסונג. איבעריגענס, גייהט ניט פאַרביי אַ טאָג, וואָס ער זאָל ניט אויפגערייצט ווערען דורך דער אָדער יענער סבה, און ער רעדט ניט אויס אַ וואָרט, וואָס זאָל ניט ווערען פערדרייהט. בשעת מען רעדט וועגען אַן אַנדערנס יחוס, דעמאָלט זידעלט מען איהם אָהן אַ שום יסוד, און בפרט הורדוס האָט אַ רגילות דעמאָלט צו בעמערקען: בלויז אַלכּסנדר אַליין איז אַ בעל-יחוס, דעריבער פעראַכט ער אויך זיין פאָטער, וואָס קומט אַרויס פון אַ קליינעם יחוס. אויפ'ן געיעג האָט מען פעראיבעל אויף איהם, ווען ער שווייגט; טאָמער עפּענט ער יאָ אויף זיין מויל, בכדי אַרויסצוזאָגען זיין צופרידענקייט, טייטשט מען עס אויס, אַז ער טרייבט לצנות. ביי איטליכער געלעגענהייט פאַלט אָן דער פאָטער אויף איהם בייז, און נאָר צו אַנטיפּטר'ן בעציהט ער זיך מיט ליעבשאַפט. ער וואָלט גערן געווען צו שטאַרבען, אויב דער אָנפאַל אויף הורדוס'ן וועט זיך ניט איינגעבען. פערקעהרט, טאָמער וועט זיך דעם קעניגס ערמאָרדונג יאָ איינגעבען, דעמאָלט ריכט ער זיך אויף רע-טונג קודם כּל מצד זיין שוועהר ארכילויס'ן, וואָס צו איהם וועט ער קאָנען אַנטלויפען, און דערנאָך פונ'ם קיסר, וואָס ביז איצט ווייס ער נאָך אַפילו ניט הורדוס'עס אמת'ען כאַראַקטער. וואָרום דעמאָלט וועט ער, אַלכּסנדר, שוין שטייהן פאַר'ן קיסר אַליין און וועט ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר'ן פאָטער, וואָס שטייהט געוועהנליך ביי זיין זייט. ער וועט זיך אויך ניט בעגענוגען מיט

די טענות, וואָס זיינען שייך בלויז צו זיין אייגענער פּערזאָן, נאָר דער עיקר
וועט ער שילדערן די שלעכטע לאַגע פון זיין פאָלק און דערציילען, וויַ אַזוי
מען ציהט פון איהם אַרויס דורך שטייערן די מאַרך פון די ביינער, אויף
וואָסערע הולטיי־שטיק און מיאוס׳ע מעשים מען פערשווענדט די דאָזיגע בלוטיגע
געלד, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ מענשען, וואָס ווערען רייך פונ׳ם אייגענס פון
זייערע לאַנדסלייט און וואָס זיי גיט מען אַוועק במתנה גאַנצע שטעדט. דאָ וויל
ער אויך צולעצט זוכען נקמה פאַר זיין זיידען און פאַר זיין מוטער און אויפ־
דעקען אַלע עולות פון דער איצטיגער רעגירונג, און נאָך דאָס אַלץ גלויבט
ער בשום אופן ניט, אַז מען זאָל איהם אָבמשפּט׳ען אַלס אַ מערדער פון זיין פאָטער.

3. נאָכדעם ווי אויריקלעס האָט געענדיגט דערצייהלען דעם דאָזיגען
משונה׳דיגען ליגען וועגען אַלכּסנדר׳ן, האָט ער גענומען זיך אַריינלויבען אין
טאָג אַריין אַנטיפּטר׳ן און האָט אונטערגעשטריכען, אַז נאָר אַנטיפּטר אַליין
האָט ליעב זיין פאָטער, און אַז נאָר איבער איהם איז ביז איצט צו נישט גע־
וואָרען דער פּלאַן צו מאַכען אַן אָנפאַל אויפ׳ן קעניגס לעבען. הורדוס, וואָס
האָט נאָך ניט געהאַט פערגעסען די פריהערדיגע געשעהענישען, איז איצטער
געוואָרען אָנגעצונדען פאַר כּעס. אַנטיפּטר האָט אָבער פונקט ווי פריהער אויס־
גענוצט די גינסטיגע געלעגענהייט, בכדי אַרויסצורוקען קעגען זיינע ברידער
אַנדערע בעשולדיגער, וואָס האָבען דערציילט, אַז די פּרינצען קומען זיך צע־
נויף אין דער שטיל מיט יוקונדוס׳ן און טיראַנוס׳ן — דאָס זיינען צוויי געוועזענע
קעניגליכע רייטער־אָפיצירען, וואָס ניט לאַנג האָט מען זיי אָבגעזאָגט פון זייערע
שטעלעס איבער אַ חטא. מחמת דעם איז הורדוס מורא׳דיג אין כּעס געוואָרען,
און ער האָט תוך כּדי דבור געהייסען די אָנגערופענע אָפיצירען פּייניגען. זיי האָ־
בען אָבער גאָרנישט ניט מודה געווען דערפון, וואָס מען האָט זיי פאַלש בעשולדיגט.

צולעצט האָט מען אויך געבראַכט אַלכּסנדר׳ס אַ בריעף, אין וועלכען ער
בעט דעם קאָמענדאַנט פון דעם קעניגס אַ פעסטונג, אַז נאָך דעם פאָטערס ער־
מאָרדונג זאָל ער איהם מיט זיין ברודער אַריסטובול׳ן צונעמען אין פעסטונג
און ערלויבען איהם צו בענוצען די געוועהר און אַנדערע כּלי־מלחמה.
אַלכּסנדר האָט ערקלערט, אַז דער דאָזיגער בריעף איז אַ פאַלשער, און געמאַכט
האָט איהם דיאָפאַנטאָס, אַ קיניגליכער שרייבער, וואָס איז געווען אַן עזות־פּנים
און זייהר געשיקט נאָכצומאַכען האַנדשריפטען. איבעריגענס, האָט דערזעלביגער
פעלשער געהאַט אַ שלעכטען סוף. נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעטאָן אַ סך אַזעלכע
פאַלשקייטען, האָט מען איהם איין מאָל געכאַפּט ביי דעם אייגענעם פערברע־
כען און בעשטראָפט מיט טויט. הורדוס האָט דערויף געהייסען באַלד פּייניגען
דעם דערמאָנטען פעסטונגס־קאָמענדאַנט, נאָר ער האָט ניט געקאָנט אַרויסבעקו־
מען ביי איהם קיין איין זאַך, וואָס זאָל האָבען אַ שייכות צו דער בעשולדיגונג.

4. הגם דער קעניג האָט געהאַלטען, אַז די בעווייזען זייגען צו שוואַך,
פונדעסטוועגען האָט ער געהייסען אַריינזעצען זיינע זיהן אין תפיסה, אָבער
ניט שמידען זיי דערוויל אין קייטען. אויריקלעס׳ן אָבער, וואָס האָט געבראַכט
אַ מפּלה אויף זיין גאַנצען הויז און אויסגעטראַכט דעם גאַנצען נידערטרעכטי־

געגען פּלאַן, האָט ער אָנגערופען זיין גואל און בעסטען פריינד און געשאָנקען איהם פופציג טאַלענטען.

איבעריגענס איז אויריקלעס נעלם געוואָרען, איידער זיין פערברעכען איז נאָך אַנטפּלעקט געוואָרען. ער איז אַוועק קיין קפּוטקיא און האָט אויס־געגנאַרט ביי אַרכילויס'ן אַ מתנה. מהמת ער האָט איהם, ווי אַן עזות־פּנים, אָנדער־ציילט ליגענס, אַז ער האָט כּלומר'שט געמאַכט שלום צווישען הורדוס'ן און אַלכּסנדר'ן. דערנאָך איז ער אַריבערגעפאָהרען קיין גריכענלאַנד און האָט פער־ברויכט די געלד, וואָס ער האָט בעקומען אַלס לוין פאַר זיינע זינד, צוליעב כּדומה נאָך אַזעלכע מעשי־עולה. נאָר סוף־כּל־סוף האָט מען איהם אָנגעקלאָגט ביים קיסר פאַר אויפרייצען צו אַ מרידה אין אַכאַיאַ און פאַר אָבנאַרען שטאָד־טישע קאַסעס און מען האָט איהם בעשטראָפט צו פערשיקען. אזוי איז ער אויך בעשטראָפט געוואָרען פאַר'ן פערברעכען, וואָס ער איז בעגאַנגען קעגען אַריס־תּובול'ן און אַלכּסנדר'ן.

5. אַנטקעגען דעם דאָזיגען ספּאַרטאַנער איז ראוי אַוועקגעשטעלט צו ווערען וואַראַטוס, אַ בירגער פון קאָס, וואָס איז געווען איינער פון אַלכּסנדר'ס בעסטע פריינד. ער איז געקומען אין מלכות־יהודה אין דער זעלביגער צייט וואָס אויריקלעס, און אַז דער קעניג האָט ביי איהם געפרעגט וועגען די מעשיות, וואָס אויריקלעס האָט דערציילט, האָט ער על פּי שבועה פערזיכערט, אַז ער האָט אַזעלכעס קיין מאָל ניט געהערט פון פּרינצען. די דאָזיגע עדות האָט דעם אומגליקליכען פּרינצען גאָרנישט ניט געהאָלפען. ווארום נאָר בייזע מסירות האָט הורדוס געוואָלט הערען, און בעליעבט איז געווען ביי איהם נאָר דער יעניגער, וואָס האָט איינאיינעם מיט איהם דערין געגלויבט און איינאיינעם מיט איהם גע־ווען אויפגעבראַכט דעריבער

# זיבען־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

מרים'ס זיהן ווערען פער'משפּט און בעשטראָפט מיט'ן טויט.

1. אויך שלומית האָט געטאָן דאָס איהריגע, בכדי אויפצורייצען הורדוס'ן קעגען זיינע זיהן. ווארום בכדי אַריינצוציהען זיין שוויגער און מוהמען אין די־זעלביגע סכּנות, וואָס זיינען געהאַנגען איבער זיין קאָפּ. — האָט אַריסתּובול איהר בעלאָזט מתרה זיין, זי זאָל זעהן זיך ראַטעווען, מחמת דער קעניג גרייט זיך זי צו טויטען. דאָס איז געווען פאַר דער אַלטער בעשולדיגונג קעגען איהר, אַז זי האָט אַרויסגעגעבען דעם אַראַבער סילעאוס די סודות פון זיין שונא הורדוס'ן, בכדי צו בעקומען איהם פאַר אַ מאַן. נאָר דאָס איז געווען אין געוויסען זין די לעצטע כוואַליע, וואָס האָט ענדגילטיג געבראַכט דעם אונטערגאַנג פון די יונגע לייט, וואָס דער שטורעם האָט זיי שוין סיי־ווי־סיי געהאַט שטאַרק אויסגעמאַטערט. ווארום שלומית האָט ניט געזאַמט קיין רגע, איז באַלד אַוועק צום קעניג און האָט איבערגעגעבען איהם די התראה, וואָס זי האָט בעקומען.

איצט האָט הורדוס שוין ניט געקאָנט מעהר זיך איינהאַלטען, האָט געהייסען שמידען ביידע זיהן אין קייטען און אָבזונדערן זיי פון אַנאַנד און האָט געשיקט דעם הויפּטמאַן וואָלומניוס און זיין פריינד אָלימפּוס מיט אַ שריפטליכען בעריכט צום קיסר. אַז די דאָזיגע מענער זיינען אָנגעקומען קיין רוים און איבערגעגעבען דעם בריעף דעם קיסר, האָט דער קיסר, אמת, שטאַרק רחמנות געהאַט אויף די פּרינצען, פונדעסטוועגען האָט ער געהאַלטען, אַז ער בעדאַרף ניט אָבנעמען ביים פאָטער די הערשאַפט איבער זיינע זיהן. דעריבער האָט ער געענטפערט, אַז הורדוס איז דאָך אַ מושל ביי זיך אין שטוב; נאָר פונדעסטוועגען וואָלט ער זייהר גוט געטאָן, ווען ער וואָלט צונויפגעשטעלט אַ בית-דין פון זיינע קרובים און די העכסטע בעאַמטע פון דער פּראָווינץ, און אָט דער בית-דין זאָל די פערשווערונג אויספאָרשען. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז די יונגע לייט זיינען שולדיג, דעמאָלט זיינען זיי חייב מיתה; טאָמער זשע האָבען זיי מעהר ניט געהאַט בדעה צו אַנטלויפען, דעמאָלט קומט זיי אַ גרינגערע שטראָף.

2. אָט דער פאָדערונג האָט הורדוס נאָכגעגעבען. אויפ'ן קיסר'ס בעפעהל איז ער אַוועק קיין בעריטוס און האָט צונויפגערופען דעם בית-דין. אָנגעפיהרט דעם בית-דין האָבען, לויט'ן קיסר'ס שריפטליכען בעפעהל, די העכסטע בעאַמטע סאַטורנינוס און פעדאַניוס מיט זיינע לעגאַטען. חוץ ד׳ב, האָבען זיך דאָרט געפונען דער פינאַנץ-פערוואַלטער וואָלומניוס, דעם קעניגס קרובים און גוטע פריינד, צווישען זיי אויך שלומית און פירורס, און אויך אַלע פירשטען פון סיריען, חוץ דער קעניג אַרכילויס; וואָרום דעם לעצטען האָט הורדוס ניט געטרויט, ווייל ער איז געווען אַלכסנדר'ס שוועהר. זיינע זיהן גופא האָט, אגב, דער קעניג ניט געלאָזט אַרויספיהרען פאַר'ן בית-דין, און דער טעם דערפון איז געווען אַ פשוטער. הורדוס האָט גוט געוואוסט, אַז זיינע זיהנס אויסזעהן גופא וועט אַרויסרופען מיטגעפיהל צו זיי פון אַלע זייטען, און אויב מען זאָל זיי געבען נאָך אַ וואָרט, דעמאָלט וועט אַלכסנדר גרינג קענען מאַכען צו נישט די גאַנצע בעשולדיגונג. מען האָט די ביידע פּרינצען געהאַלטען געפאַנגען אין פּלאַטאַנאַ. דאָס איז אַ דאָרף אין לאַנד פון די צדונים.

3. איצטער איז אויפגעשטאַנען דער קעניג און איז אַרויפגעפאַלען אויף זיינע זיהן אַזוי, ווי זיי וואָלטען טאַקע באמת געווען דערביי. די בעשולדיגונג וועגען פּלאַן איהם צו טויטען האָט ער נאָר בעריהרט פון אויבענאויף, מחמת ער האָט גוט געפיהלט, אַז זי האַלט זיך נאָר אויף אַ שוואַכען פונדאַמענט. דערפאַר אָבער האָט ער אויסגערעכענט אַ גאַנצע רייה זידלערייען, שפּאָט-רייד, זלזולים און פערשיידענע אַנדערע חטאים קעגען זיין פּערזאָן, וואָס פאַר זיי איז די טויט-שטראָף, לויט זיין מיינונג, געווען נאָך צו גרינג. און אַז קיינער האָט דערויף ניט געענטפערט, האָט ער ווייטער אָנגעהויבען צו בעקלאָגען זיך, אַז ער גופא איז שוין גענוג געשטראָפט געוואָרען, און אַז דער נצחון, וואָס ער וועט אָבהאַלטען איבער זיינע קינדער, וועט זיין פאַר איהם אַ מקור פון ביטערן צער.

דערנאָך האָט ער געפרעגט ביי איטליכען פון די פערזאַמעלטע זיין מיינונג. סאַטורנינוס, וואָס האָט אָבגעשטימט דער ערשטער, האָט אָנערקענט די יונגע לייט פאַר שולדיג, אָבער ער האָט גע'פסק'עט, אַז קיין טויט-שטראָף קומט זיי ניט; וואָרום עס פּאַסט איהם ניט איבערצוגעבען דעם טויט די קינדער פון אַן אַנדער מענשען, בשעת זיינע אייגענע דריי זיהן געפינען זיך ביי איהם. דיזעלבע מיינונג האָבען געהאַט אויך די ביידע לעגאַטען, און צו זיי זיינען צוגעשטאַנען נאָך עטליכע שטימען. וואָלומניוס אָבער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָבגעפּסק'עט אַ האַרבערע שטראָף, און נאָך איהם האָבען אַלע איבעריגע מיטגלידער פון בית-דין פער'משפט די פרינצען צום טויט, אייניגע, ווייל זיי האָבען זיך געוואָלט אונטער'חנפ'ען אַנדערע — מחמת שנאה צו הורדוס'ן. קיינער אָבער איז ניט געווען אויפגעבראַכט אויף די בעשולדיגטע.

גאַנץ סיריען און מלכות-יהודה האָט מיט גרויס אינטערעס געוואַרט אויפ'ן סוף פון דער טראַגעדיע, נאָר קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז הורדוס זאָל אין זיין אַכזריות אַוועק אַזוי ווייט צו לאָזען טויטען זיינע זיהן. הורדוס האָט מיטגענומען ביידע זיהן קיין צור, פון דאָרט איז ער אַוועק אויף אַ שיף קיין קיסריה און האָט זיך מעהר ניט מיישב געווען, וואָס פאַר אַ טויט ער זאָל זיי אָנטון.

4. דערווייל האָט געטראָפען, אַז דעם קעניגס אַן אַלטער סאָלדאַט, מיט'ן נאָמען טירון, וואָס זיינער אַ זוהן איז געווען אַלכסנדר'ס בעסטער פריינד און ער גופא האָט ביידע פרינצען מיט אַן אמת ליעב געהאַט, — אַז אָט דער טירון איז פון גרויס צער איבער דער פער'משפט'ונג פון די פרינצען משוגע געוואָרען. לכתחילה איז ער אַרומגעלאָפען און האָט געשריען, אַז דער יושר ליגט צעטראָטען אויף דער ערד, דער אמת איז אונטערגעגאַנגען, די נאַטור איז פערדאָרבען, און די וועלט פול מיט פערברעכענס — און כדומה נאָך אַזעלכע רייד, וואָס קומען מחמת גרויס צער אַרויף אויפ'ן זינען ביי אַ מענשען, וואָס האָט מפקיר געווען זיין לעבען. סוף-כל-סוף האָט ער זיך דערוועגט אַפילו אַרויסצוטרעטען פאַר'ן קעניג גופא און האָט איהם אַזוי געזאָגט: „מיר דוכט, אַז אַ בייזער רוח איז אין דיר אַריין, וויבאַלד אַז דו גלויבסט די ערגסטע נידערטרעכטיגע מענשען קעגען די יעניגע, וואָס האָבען בעדאַרפט זיין דיר טייערער פון אַלץ. וואָרום אַ פירורס'ן אָדער אַ שלומית, וואָס דו האָסט שוין אַזוי אָפט געמוזט אָנערקענען, אַז זיי זיינען חייב מיתה, געטרויסט דו, בשעת זיי טרעטען אַרויס קעגען דיינע קינדער. און די דאָזיגע נוולים שטרעבען דאָך ניט צו קיין אַנדער זאַך, ווי אָבצוראַמען פון וועג דיינע געזעצליכען קרוין-יורש און איבערלאָזען פאַר דיר אַנטיפּטר'ן אַליין, בכדי זיי זאָלען בעקומען אַ קעניג, וואָס וועט אין אַלצדינג טון זייער רצון. אָבער זאָל זיי זיך מיישב, צי וועט זיינע ברידערס טויט ניט אַרויפציהען אויף איהם די שנאה פון די סאָלדאַטען. וואָרום אין גאַנצען חייל איז ניטאָ קיין איין מענש, וואָס זאָל ניט האָבען רחמנות אויף ביידע פרינצען, און אַ סך אָפיצירען זוכען אַפילו ניט צו בעהאַלטען זייער אומצופרידענהייט". דערביי האָט טירון אויך אָנגערופען די נעמען פון די אומ-

צופרידענע. דער קעניג האָט געהייסען באַלד אויפ'ן אָרט פעסטנעמען די אָנגערופענע אָפיצירען אינאיינעם מיט טירונ'ען און זיין זוהן.

5. איצטער איז געקומען אויך אַ הויפישער באַרבירער מיט'ן נאָמען טריפאָן אין אַ צושאַנד פון משוגעת און האָט זיך אַליין געמסר'ט. „שטעל זיך פאָר, האָט ער געזאָגט, אַז אָט דער טירון האָט מיר געוואָלט איינריידען, אַז ביים גאָלען זאָל איך דיך אומברייגען מיט'ן גאָלמעסער, און דערביי האָט ער מיר צוגע־זאָגט אַ גרויסע מתנה פון אַלכסנדר'ן". ווי נאָר הורדוס האָט דאָס דערהערט, האָט ער תיכף געהייסען פייניגען טירונ'ען, זיין זוהן און אויך דעם באַרבירער. נאָר די ערשטע האָבען האַרטנאַקיג אָבגעלייקענט די גאַנצע מעשה, און היות ווי דער באַרבירער האָט ווייטער נישט אויסגעזאָגט, האָט הורדוס געהייסען איהם נאָך מעהר פייניגען. נאָר דעם באַרבירערס זוהן האָט ניט געקאָנט צוזעהן דעם צער פון זיין פאָטער, און דעריבער האָט ער צוגעזאָגט הורדוס'ן, אַז ער וועט איהם אַלצדינג אויסזאָגען, אויב ער וועט זיין פאָטער בעגענאָדיגען. און אַז הורדוס איז דערויף מוסכם געוואָרען, האָט ער אויסגעזאָגט, אַז אַלכסנדר האָט געפועלט ביי זיין פאָטער, ער זאָל אומברייגען הורדוס'ן. די דאָזיגע מעשה האָבען אייניגע געהאַלטען, אַז דער זוהן האָט זי אויסגעקלערט, בכדי צו ראַטעווען דעם פאָטער, אַנדערע ווידער האָבען זי געהאַלטען פאַר אמת.

6. דערויף האָט הורדוס אין אַ פאָלקס־פערזאַמלונג אָנגעקלאָגט טירונ'ען און די אָפיצירען און האָט אַזוי אויפגערייצט דאָס פאָלק קעגען זיי, אַז דער המון האָט זיי תיכף אינאיינעם מיט'ן באַרבירער געטויט אויפ'ן אָרט מיט שטיינער און שטעקענס. זיינע זיהן אָבער האָט ער אָבגעשיקט אין דער שטאָדט סעבאַסטע, וואָס ליגט ניט ווייט פון קיסריא, און האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל זיי דאָרט צו דערווערגען. און דאָס איז באַלד געשעהן. זייערע טויטע קערפער האָט ער געהייסען אָבפיהרען אין דער פעסטונג אַלכסנדריון, וואו מען האָט זיי מקבר געווען נעבען אַלכסנדר'ן, זייער זיידען פון מוטערס צד. אַזאַ טרוי־עריגען סוף האָבען געהאַט אַלכסנדר און אַריסטובול.

# אכט־און־צוואנציגסטער קאפיטעל.

אנטיפטר ווערט פערהאַסט. — אַן איבערבליק איבער הורקנוס'עס פאַמיליע.

1. אַנטיפטר איז איצט, אמת, געווען דער איינציגער קרוין־יורש, אָבער די שנאה פון פאָלק איז געלעגען אויף איהם ווי אַ שווערע, כמעט אומדערטרעג־ליכע משא. ווארום אַלע האָבען געוואוסט, אַז ער איז דאָס געווען דער אמת'ער אויפטוער פון אַלע רכילות'ן, וואָס מען האָט אויסגעטראַכט קעגען זיינע ברידער. אגב, האָט ער ניט ווינציג מורא געהאַט, בשעת ער האָט געזעהן, ווי די קינ־דער פון די דער'הרג'עטע זיינען אַלץ מעהר אויסגעוואַקסען. אַלכסנדר האָט געהאַט פון גלאַפיראַ'ן צוויי זיהן, טיגראַנעס'ן און אַלכסנדר'ן, און אַריסטובול

האָט געהאַט פון בערעניקע'ן, שלומית'עס טאָכטער, די זיהן הורדוס, אַגריפּס און אַריסטאָבול און די טעכטער הורדיה (הערָאדיאַס) און מרים. נאָך אַלכּסנדר'ס טויט האָט הורדוס אָבגעשיקט גלאַפּירא'ן מיט איהר נדן צוריק קיין קפּוטקיא, און אַריסטאָבול'ס פרוי בערעניקע האָט ער החתונה געמאַכט מיט אַנטיפּטר'ס פעטער פון זיין מוטערס צד; דעם דאָזיגען שדוך האָט אַנטיפּטר גופא דורכגעפיהרט, בכדי צו ווערען גוטע-פריינד מיט שלומית'ן, וואָס ער האָט געהאַט מיט איהר זיך צעקריגט. אויך פירורס'ן האָט ער געמיהט זיך אַריבערצוציהען אויף זיין צד דורך מתנות און אַנדערע צייכענס פון פריינדשאַפט; דאָס אייגענע האָט ער צוגעצויגען צו זיך דעם קיסר'ס גוטע פריינד, וואָס צו זיי פלעגט ער שיקען בעדייטענדע סומעס געלד אַזש קיין רוים. ווייטער האָט ער געגעבען אָהן אַ שיעור מתנות סאַטורנינוס'ן אין סיריען און זיין גאַנצער סוויטע. אָבער וואָס מעהר ער האָט געטיילט מתנות, אַלץ מעהר האָט מען איהם פיינט געקראָגען; ווארום מען האָט גוט געוואוסט, אַז ער איז אַ פזרן ניט מחמת גוטסקייט, נאָר פערשווענדעריש אויס מורא. אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די וואָס האָבען בעקומען פון איהם מתנות, זיינען ניט געוואָרען בעסער צו איהם, דערפאַר אָבער זיינען די, וואָס האָבען ניט בעקומען קיין מתנות, געוואָרען זיינע ערגסטע שונאים. נאָך גלענצענדער איז געוואָרען זיין פזרנות, אַז ער האָט מיט אַמאָל בעמערקט אומגעריכטערהייד, אַז דער קעניג האָט אָנגעהויבען צו זאָרגען פאַר די יתומים און האָט אויסגעדריקט זיין חרטה איבער זיינע זיהנ'ס טויט דורכדעם, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען רחמנות זייערע קינדער.

2. איין מאָל האָט הורדוס צונויפגעקליבען אַרום זיך זיינע קרובים און גוטע פריינד, האָט זיי פאָרגעשטעלט זיינע קינדער און מיט טרערען אין די אויגען האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט: „אַ ביטערע גזירה האָט ביי מיר צוגענומען די עלטערן פון די דאָזיגע קינדער; דעריבער הייסט מיר די שטים פון דער נאַטור און דער רחמנות-געפיהל איבער זייער עלענד צו זאָרגען פאַר זיי. און דעריבער וויל איך פרובען, נאָכדעם ווי איך בין געווען אַלס פאָטער אַזוי אומגליקליך, צו זיין לייטזעליג אַלס זיידע, און טאָמער וועל איך מוזען אַוועקגייהן פון דער וועלט, וויל איך לאָזען מיינע בעסטע פריינד, זיי זאָלען מיינע אייניקלעך בעשיצען. דיין טאָכטער, פירורס, פער'קנס איך דעריבער מיט אַלכּסנדר'ס עלטסטען זוהן, בכדי דו זאָלסט ווערען זיין נאָהענטסטער מחותן און אַפּטרופּוס. מיט דיין זוהן, אַנטיפּטר, פער'קנס איך אַריסטאָבול'ס טאָכטער – הלואי זאָלסטו ווערען אַ פאָטער פאַר אָט דער יתומה; איהר שוועסטער זאָל נעמען פאַר אַ פרוי מיין הורדוס, וואָס פון מוטערס צד האָט ער אַ זיידען אַ כהן-גדול. און איצט: ווער עס האָט מיך ליעב, דער זאָל מסכים זיין אויף מיין החלטה, און קיינער זאָל זיך ניט דערוועגען זי מבטל צו זיין, אויף וויפיעל מיין פריינדשאַפט איז איהם ליעב. און איך בין מתפלל צו גאָט, ער זאָל בענשען די דאָזיגע שידוכים צוליעב דער טובה וועגען פון מיין מלוכה און פון מיינע אייניקלעך און זאָל קוקען אויף אָט די קינדער מיט מעהר גענאָד, ווי אויף זייערע פאָטערס".

3. בשעת דער דאָזיגער רעדע האָט ער געווייגט און האָט פעראייניגט די הענד פון די קינדער. דערנאָך האָט ער פריינדליך אַרומגענומען איטליכס פון די קינדער און האָט פונאַנדערגעלאָזען די פערזאַמלונג.

אַנטיפּטר אָבער איז שטאַרק צעטומעלט געוואָרען איבער אָט דער מעשה, און פון זיין פנים האָט מען געקאָנט זעהן, אַז ער איז אין כעס. וואָרום ער האָט געהאַלטען, אַז דער כבוד, וואָס זיין פאָטער האָט אָנגעטאָן די יתומים, בעטייט, אַז ער, אַנטיפּטר, הויבט אָן פאַלען. איהם האָט זיך געדוכט, אַז אַלצ-דינג שטייהט ווידער אין סכנה, ווייבאַלד אַז אַלכסנדר'ס קינדער האָבען נאָך אַלס בעשיצער דעם טעטראַרך פירורס'ן, חוץ אַרכילויס'ן. ווייטער האָט ער גע-נומען אין בעטראַכט די שנאה פון פאָלק קעגען איהם, דעם פאָלקס רחמנות אויף די יתומים, די צוגעטאָנקייט, וואָס די אידען האָבען אַרויסגעוויזען בשעת זייער לעבען זיינע ברידער, וואָס זיינען אומגעקומען איבער זיין שולד, און דעם כבוד, וואָס זיי האָבען אָבגעגעבען זייער אָנדייינקען נאָך זייער טויט. דאָס אַלץ האָט ביי אַנטיפּטר'ן בעפעסטיגט דעם בעשלוס, זעהן צו צעשטערען די שידוכים.

4. אָנצוווענדען פאַלשע גיינג האָט ער געהאַלטען, אַז עס לוינט ניט, מחמת ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין פאָטערס שטרייגקייט און איינגערייצטקייט ביי חשוד'יגע צופאַלען. נאָר ער האָט זיך געמאַכט אַ האַרץ און איז אַוועק גלייך צום קעניג און האָט געבעטען ביי איהם, ער זאָל ביי איהם ניט אָבנעמען דעם כבוד, מיט וועלכען ער האָט איהם בעקרוינט, און ניט אָבגעבען אָן אַנ-דערן די אמת'ע ממשלה, איבערלאָזענדיג איהם, אַנטיפּטר'ן, בלויז דעם טיטעל קעניג. וואָרום ער, אַנטיפּטר, וועט קיין מאָל ניט דערגרייכען צו דער רעגירונג, אויב אַלכסנדר'ס זוהן וועט האָבען אַ שטיצע ניט בלויז אין זיין זיידען אַרכילויס'ן, נאָר אויך אין זיין שוועהר פירורס'ן. דעריבער האָט ער געבעטען אומצובייטען די שידוכים, און דאָס וועט דאָך ניט שווער זיין, ווייבאַלד די קעניגליכע פאַמיליע האָט אַזוי פיעל מיטגלידער.

וואָרום דער קעניג האָט געהאַט ניין ווייבער, וואָס זיבען פון זיי האָבען איהם געבוירען קינדער. אַנטיפּטר איז געווען פון דאָריס'ן, הורדוס פון מרים'ן, אַ כהן-גדול'ס אַ טאָכטער, אַנטיפּס און אַרכילויס און די טאָכטער אָלימפּיאַס, וואָס האָט געהאַט פאַר אַ מאַן זיין פלימעניק יוסף'ן, פון דער שמרונית מלתקה, הורדוס און פיליפּוס — פון דער ירושלמית קלעאָפּאַטרע, פזאל — פון פאַלאַס. ווייטער האָט ער געהאַט צוויי טעכטער, ראָקסאַנע און שלומית — די ערשטע פון פעדראַ און די אַנדערע פון עלפּיס, און חוץ דעם נאָך צוויי טעכטער פון מרים'ן, אַלכסנדר'ס און אַריסטובול'ס מוטער.

אָט אויף דער דאָזיגער גרויסער צאָהל קינדער האָט אַנטיפּטר זיך סומך געווען, בשעת ער האָט געבעטען, מען זאָל אומבייטען די שדוכים.

5. אָבער דער קעניג האָט פון דער דאָזיגער בקשה אַנטיפּטר'ס פער-שטאַנען זיין אמת'ע בעציהונג צו די יתומים און איז געוואָרען שטאַרק אין כעס. ער האָט שוין אפילו אָנגעהויבען צו ביסלעכווייז חושד צו זיין, טאָמער זיינען אויך זייערע פאָטערס געפאַלען פאַר קרבנות פון אַנטיפּטר'ס אינטריגעס.

דעריבער האָט ער איהם געגעבען זייהר ניט קיין גנעדיגען ענטפער און האָט איהם אָבגעזאָגט זיין בקשה. דערנאָך אָבער האָט ער זיך געלאָזט דורך חניפה־רייד איבעררייידען, און האָט געגעבען אַנטיפּטר'ן גופא אַריסתובול'ס טאָכטער פאַר אַ פרוי און זיין זוהן פירורס'עס טאָכטער.

6. וויפיעל אַנטיפּטר האָט געקאָנט אויפטון מיט זיינע חניפות, קאָן מען זעהן דערפון, וואָס שלומית, וועלכע האָט זיך געווענדט צום קעניג מיט אַן עהנליכען ענין, האָט גאָרנישט ניט געקאָנט פועל'ן. זיך פערלאָזענדיג אויף דער שתדלנות פון דעם קיסר'ס פרוי יוליא, האָט זי געבעטען הורדוס'ן, ער זאָל איהר ערלויבען חתונה צו האָבען מיט'ן אַראַבער סילעאוס. נאָר הורדוס האָט איהר געשוואָרען, אַז הגם זי איז זיין לייבליכע שוועסטער, וועט ער זי האַלטען פאַר זיין ערגסטע פיינדין, אויב זי וועט זיך ניט אָבזאָגען פון איהר פערלאַנג. צולעצט האָט ער זי חתונה געמאַכט מיט זיינעם אַ גוטען פריינד אַלעקסאַס'ן, און איינע פון איהרע טעכטער מיט אַלעקסאַס'עס אַ זוהן, און די אַנדערע—מיט אַנטיפּטר'ס פעטער פון מוטערס צד. פון מרים'ס טעכטער האָט איינע געהאַט פאַר אַ מאַן אַנטיפּטר'ן, אַ זוהן פון הורדוס'עס שוועסטער, און די אַנדער'ע – זיין פלימעניק פזאל'ן.

## ניין־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

אַנטיפּטר פאָהרט מיט הורדוס'עס צוואה קיין רוים.—פירורס'עס טויט.

1. נאָכדעם ווי אַנטיפּטר האָט געמאַכט צו נישט די אויסזיכטען פון די יתומים און געשלאָסען די שידוכים, לויט ווי זיינע אינטערעסען האָבען דאָס געפאָדערט, האָט ער גערעכענט, אַז ער געפינט זיך ביים ציעל פון זיינע פערלאַנגען. זיין האָפערדיגקייט, וואָס איז נאָך צוגעקומען צו זיין רשעות, האָט איהם געמאַכט אומדערטרעגליך. און היות ווי ער איז ניט געווען ביכולת אָבצווענדען פון זיך די אַלגעמיינע שנאה, דעריבער האָט ער געזוכט צו פערשאַפען זיך זיכערקייט דורכדעם, וואָס ער האָט פערשפּרייט אַרום זיך שרעק. פירורס, וואָס האָט איהם בעטראַכט שוין אַלס צוקינפטיגען קעניג, האָט איהם דערביי שטאַרק געהאָלפען.

חוץ דעם, האָט זיך געבילדעט ביים הויף אַ חברה ווייבער, וואָס האָבען נאָך פערגרעסערט די מחלוקת. פירורס'עס ווייב, אינאיינעם מיט איהר מוטער און שוועסטער און מיט אַנטיפּטר'ס מוטער, האָט זיך אויפגעפיהרט זייהר האָפערדיג אין'ם קיניגליכען פּאַלאַץ און האָט אפילו געהאַט די העזה צו זידלען דעם קעניגס צוויי טעכטער. איבער דער מעשה איז הורדוס געווען שטאַרק אין כעס אויף איהר, נאָר פונדעסטוועגען האָט זי מיט איהרע חבר'טעס פערשטאַנען צו הערשען איבער די אַנדערע פרויען. מעהר ניט שלומית אַליין האָט געשטערט די אַחדות פון דער חברה און האָט גע'מסר'ט אויף זיי דעם קעניג, אַז זיי טראַכטען שלעכטס אויף איהם. ווי נאָר די אַנדערע ווייבער האָבען זיך

דערוואוסט, אַז אויך זיי איז געפאַלען אַ חשד און אַז דער קעניג איז אין כעס אויף זיי, — האָבען זיי אָבגעשטעלט זייערע אָפענע בעגעגענישען און אויפגעהערט צו האָבען פריינדשאַפטליכע בעציהונגען מיט אַנאַנד, און בשעת זיי פלעגען זיך געפינען אינאיינעם אין דעם קעניגס געגענוואַרט, פלעגען זיי מאַכען אַן אָנשטעל, ווי זיי וואָלטען איינע די אַנדערע פיינט געהאַט. אין די דאָזיגע פערשטעלענישען האָט גענומען אַן אָנטייל אויך אַנטיפּטר, וואָס האָט איין מאָל אפילו פירורס׳ן עפענטליך בעליידיגט. אָבער שטילערהייד פלעגען זיי אויך ווייטער זיך צונויפקומען און שכור׳ן ביי נאַכט, און זייער אַחדות איז נאָך מעהר געוואַקסען דערפון, וואָס זיי האָבען געפיהלט, אַז מען היט זיי.

אָבער שלומית האָט זיך דערוואוסט וועגען זייערע אַלע מעשים און האָט אַלצדינג צו וויסען געגעבען דעם קעניג

2. דעמאָלט האָט זיך הורדוס׳עס כעס פונאַנדערגעפלאַקערט, און מעהר פון אַלץ קעגען פירורס׳עס פרוי, וואָס אויף איהר האָט שלומית געוואָרפען דעם גרעסטען חשד. דעריבער האָט ער צונויפגערופען זיינע גוטע פריינד און קרובים און האָט זיך פאַר זיי בעקלאָגט איבער דער דאָזיגער פרוי, בעזונדערס דערפאַר, וואָס זי בעציהט זיך מיט עזות צו זיינע טעכטער און וואָס זי האָט אויפגערייצט די פּרושים קעגען איהם דורך געלד־מתנות און האָט אָבגעווענדעט פון איהם זיין ברודערס האַרץ דורך כשוף־געטראַנקען. צולעצט האָט ער זיך געווענדעט אין זיין רעדע צו פירורס׳ן און האָט איהם געהייסען, ער זאָל אויסקלייבען צווישען זיין ברודער און זיין פרוי. דערויף האָט פירורס ערקלערט, אַז ער וויל גיכער אַוועקלאָזען זיין לעבען, איידער זיין פרוי. דעמאָלט האָט הורדוס ניט געוואוסט וואָס צו טון און האָט זיך געווענדעט צו אַנטיפּטר׳ן און בעפויהלען איהם, ער זאָל איבעררייסען איטליכען מגע ומשא מיט פירורס׳עס ווייב, מיט פירורס׳ן גופא און מיט זייער גאַנצער כנופיא.

אָפען פלעגט אַנטיפּטר פון איצט אָן שוין מעהר ניט עובר זיין אויף דעם דאָזיגען פערבאָט, אָבער בעהאַלטענערהייד פלעגט ער פערברייגגען גאַנצענע נעכט אין דער געזעלשאַפט פון די אָנגערופענע מענשען. נאָר היות ווי שלומית׳עס שפּיאָנעריי האָט איהם איינגעפליסט אַ שרעק פאַר דער צוקונפט, דעריבער האָט ער דורך זיינע פריינד אין איטאַליען געלאָזט פועל׳ן ביי הורדוס׳ן, מען זאָל איהם אָבשיקען קיין רוים. זיי האָבען געשריבען, אַז מען בעדאַרף באַלד שיקען אַנטיפּטר׳ן צום קיסר. האָט הורדוס איהם באַלד אָבגעשיקט מיט אַ גלענצענדער סוויטע און רייכע געלדמיטלען, בכדי ער זאָל ברייגגען צום קיסר זיין צוואה, אין וועלכער אַנטיפּטר איז בעשטימט געוואָרען פאַר׳ן צוקינפטיגען קעניג, און פאַר זיין יורש — הורדוס, דער זוהן פון מרים׳ן, דעם כהן־גדול׳ס טאָכטער.

3. אין דערזעלביגער צייט איז אויך געפאָהרען קיין רוים דער אַראַבער סילעאוס, וואָס האָט ניט געפאָלגט דעם קיסרס בעפעהלען און האָט איצט בעדאַרפט ווערען אָנגעקלאָגט דורך אַנטיפּטר׳ן פאַר די זעלביגע מעשים, וואָס פאַר

זיי האָט איהם שוין געהאַט פריהער אָנגעקלאָגט ניקאָלאַאָס 1). חוץ דעם האָט סילעאוס זיך געהאַט צעקריגט מיט זיין אייגענעם קעניג חרתת'ן, מחמת ער האָט גענומען דאָס לעבען דעם קעניגס עטליכע גוטע פריינד, צווישען זיי אויך סאָעמוסען, וואָס איז געווען דער מעכטיגסטער מענש אין פעטראַ. מיט אַ סך געלד האָט ער געוואונען אויף זיין צד דעם קיסרס פערוואַלטער פאַבאַטוס'ן און ער האָט גערעכענט, אַז יענער וועט איהם אונטערשטיצען אויך קעגען הורדוס'ן. הורדוס אָבער האָט דורך נאָך אַ רייכערער געלד-מתנה אָנגערעדט פאַבאַטוס'ן פון סילעאוס'ן און מיט זיין הילף האָט ער געוואָלט אויפמאָנען ביים אַראַבער דעם געלד-קנס, וואָס דער קיסר האָט אויף איהם אַרויפגעלייגט. נאָר סילעאוס לא די וואָס ער האָט ניט געוואָלט צאָהלען, נאָר ער האָט נאָך פערמסר'ט פאַבאַטוס'ן ביי אווגוסטוס'ן און האָט איהם פאָרגעוואָרפען, אַז ער, פאַבאַטוס, פערוואַלטעט מעהר צוליעב הורדוס'עס אינטערעסען, איידער צוליעב דעם קיסרס. דאָס האָט שטאַרק דערצאָרענט פאַבאַטוס'ן, וואָס איז געווען נאָך אַלץ בעפריינדעט מיט הורדוס'ן, און ער האָט אויסגעזאָגט דעם קעניג סילעאוס'עס אַלע סודות און האָט איהם געגעבען צו וויסען, אַז סילעאוס האָט אונטערגעקויפט זיין לייב-וועכטער קאָרינטוס'ן; זאָל ער נאָר לאָזען פעסט נעמען דעם דאָזיגען מענשען. דער קעניג האָט געגלויבט דער דאָזיגער מסירה נאָך מעהר דערפאַר, ווייל קאָרינטוס איז אויפגעוואַקסען אין פאַלאַץ און איז געווען אַ געבאָרענער אַראַבער. באַלד האָט ער געהייסען כאַפּען ניט בלויז קאַרינטוס'ן, נאָר נאָך צוויי אַנדערע אַראַבער, וואָס האָבען זיך ביי איהם געפונען, סילעאוס'עס אַ גוטען פריינד און אַן אָנפיהרער פון אַ שבט. אַז מען האָט זיי געפייניגט, האָבען זיי זיך מודה געווען, אַז זיי האָבען געוואָלט איינריידען קאָרינטוס'ן צו הרג'ען הורדוס'ן און האָבען איהם דערפאַר צוגעזאָגט אַ גרויסע בעלוינונג. נאָכדעם ווי סאַטורנינוס, דער פערוואַלטער פון סיריען, האָט זיי פערהערט, האָט מען זיי אויך אָבגעשיקט קיין רוים.

4. איבעריגענס, האָט הורדוס ניט אויפגעהערט צוצושטייהן צו פירורס'ן ער זאָל געבען גט זיין ווייב; וואָרום ער האָט זי פיינט געהאַט איבער אַ סך טעמים, און דאָך האָט ער ניט געוואוסט קיין בעסערן מיטעל, בכדי זיך נוקם צו זיין אָן איהר. סוף-כל-סוף איז זיין כעס אַוועק אַזוי וויט, אַז ער האָט אַרויסגעטריבען זיין ברודער אינאיינעם מיט זיין פרוי פון הויף.

פירורס האָט אָבער גלייכגילטיג אויפגענומען די דאָזיגע בעליידיגונג און איז אוועק אין זיין טעטראַרכיע, נאָר דערביי האָט ער געשוואָרען, אַז כל זמן דער ברודער וועט לעבען, וועט ער מעהר ניט צוריקגייהן צו זיין הויף, און ערשט אַז הורדוס וועט שטאַרבען, וועט ער קומען צוריק. ער האָט געהאַלטען

1) ניקאָלאַאָס פון דמשק, אַ סיריער. ביי הורדוס'ען איז ער געווען אַ גאַנצער מקורב. ער האָט אָנגעשריבען די געשיכטע פון הורדוס'עס קיניגען, וואָס אויך יוסיפוס האָט זי אויסגענוצט צוליעב זיינע ווערק. נאָר ער האָט זי בענוצט זייהר פאָרזיכטיג און מיט דער נויטיגער קריטיק, (הגם ניט שטענדיג) וואָרום ניקאָלאַאָס, אַלס הויפישער אָפיציעלער היסטאָריקער, חנפ'עט שוין צופיעל הורדוס'ן.

זיין שבועה און ניט געוואלט קומען אפילו דאן, בשעת הורדוס איז קראנק געווארען און האט איהם געלאזט בעטען צו זיך, מחמת ער האט געמיינט, אז ער וועט אין גיכען שטארבען, און דעריבער האט ער בעדארפט עפיס נאך אנזאגען פירורס'ן. נאר אומגעריכטערהייד איז ער געזונד געווארען.

באלד דערויף איז פירורס קראנק געווארען, און הורדוס איז זיך בעגאנגען מיט איהם פריינדליכער: ער איז אוועקגעפאהרען צו זיין ברודער און איז בעגאנגען ארום איהם מיט צערטליכקייט. פירורס אבער האט די קראנקהייט ניט אריבערגעלעבט, נאר איז געשטארבען אין עטליכע טעג ארום. הגם הורדוס האט איהם ליעב געהאט ביז'ן טויט, פונדעסטוועגען האט מען שטילערהייד געשמועסט, אז ער האט איהם אויך אומגעבראכט, און דוקא דורך סם. זיין טויטען קערפער האט ער געלאזט בריינגען קיין ירושלים און האט געהייסען דעם גאנצען פאלק האלטען א טיעפען טרויער איבער איהם און האט איהם געמאכט א גרויסארטיגע לויה. איינער פון אלכסנדר'ס און פון זיין ברודער אריסתובול'ס מערדער האט אויף אזא אופן געפונען זיין טויט.

# דרייסיגסטער קאפיטעל.

ווערט אנטפלעקט אנטיפטר'ס פערשווערונג קעגען הורדוס'ן.

1. אין גיכען האט אויך דער אמת'ער אויפטועער פונ'ם פערברעכען, אנטיפטר, בעקומען זיין שטראף, און גראד פירורס'ס טויט איז געווען די נאהענטסטע סבה דערצו. פירורס'עס עטליכע פרייגעלאזענע קנעכט זייגען געקומען צו גייהן אין טיעפען טרויער צו הורדוס'ן און האבען איהם דערציילט, אז זיין ברודער איז אומגעקומען דורך סם. פירורס'עס פרוי זאל האבען איהם דערלאנגט עפיס א ניט-געווייהנליכען געריכט, און נאכדעם ווי ער האט עס בעגעסען, איז ער קראנק געווארען; זיין פרוי'ס מוטער און שוועסטער זאלען מיט צוויי טעג פריהער זיין אנגעקומען מיט א פרוי פון אראביען, וואס פערשטייהט אויף קרייטעכצער. בכדי צוצוגרייטען פאר פירורס'ן א ליעבע-געטראנק. די דאזיגע פרוי איז אבער סילעאוס'עס א בעקאנטע, און ער האט ביי איהר געפועל'ט, אז זי זאל אנשטאט דעם ליעבע-געטראנק געבען פירורס'ן סם המות.

2. אויפגערעגט פון אלע חשודיגע געדאנקען, וואס זיינען אנגעפאלען אויף איהם, האט דער קעניג געהייסען פייניגען א סך שקלאפינס און פריידיענסט-מיידלעך, און דערביי האט איינע פון זיי אונטער די ענויים אויסגעשריען: „הלואי זאל גאט, דער האר פון הימעל און פון דער ערד, בעשטראפען די, וואס איז שולדיג אין אונזערע יסורים, אנטיפטר'ס מוטער!” אטא די פראגע האט געגעבען דעם קעניג אן אנהאלט, פון וואנען ער האט געקאנט אריבערגייהן צו דער ווייטערדיגער אויספארשונג פונ'ם גאנצען ענין. די געפייניגטע האט דערנאך אויסגעזאגט וועגען די פריינדשאפטליכע בעציהונגען צווישען אנטיפטר'ס מוטער מיט פירורס'ן און זייגע פרויען, ווי אויך וועגען זייערע גע-

היימע פערזאַמלונגען. זי האָט אויך דערציילט וועגען דעם, ווי אַזוי פירורס און אַנטיפּטר פלעגען, נאָכדעם ווי זיי פלעגען קומען פון קעניג, גאַנצע נעכט טרינ־קען אינאיינעם מיט די פרויען, און דערביי פלעגען זיי אַוועקשיקען אַלע מענ־ליכע און ווייבליכע בעדיענטע. דאָס האָט אויסגעזאָגט איינע פון די פרייע דיענערינס.

3. דערנאָך האָט הורדוס געלאָזען פייניגען די שקלאַפינס איטליכע בע־זונדער, און אַלע האָבען אויסגעזאָגט דאָסזעלבע, וואָס די דיענערין, וועלכע איז צוערשט פערהערט געוואָרען, און האָבען נאָך מוסיף געווען, אַז צווישען אַנטיפּטר'ן און פירורס איז געווען אָבגערעדט, אַז דער ערשטער זאָל פאָהרען קיין רוים, און דער לעצטער זאָל זיך צוריק אומקעהרען קיין פּערעא. וואָרום עטליכע מאָל האָבען זיי זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זין, אַז איצט, נאָכדעם ווי הורדוס האָט בעזייטיגט אַלכּסנדר'ן און אַריסטובול'ן, וועט ער אויך נעמען זיך פאַר זיי און פאַר זייערע פרויען. פאַר אַזאַ מענשען, וואָס האָט געקאָנט אומברייג־גען מרים'ען און איהרע קינדער, קאָן קיינער ניט זיין זיכער. דעריבער איז עס בעסער אויסצומיידען די דאָזיגע חיה רעה, ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגליך. אָפטמאָלס פלעגט אויך אַנטיפּטר זיך בעקלאָגען פאַר זיין מוטער, אַז ער איז שוין איצט גראָה געוואָרען, אין דער צייט וואָס זיין פאָטער זעהט אויס אַלע טאָג אינגער, און סוף־כּל־סוף וועט ער, אַנטיפּטר, שטאַרבען פריהער, איידער ער וועט נאָך קומען צו דער אמת'ער רעגירונג, און אפילו ווען הורדוס זאָל שטאַרבען פריהער פאַר איהם — און ווי לאַנג קאָן דאָס נאָך געדויערן — דע־מאָלט וועט ער אויך נאָר אַ קורצע צייט הנאה האָבען פון דער ממשלה. וואָרום די קעפּ פון דער הידרא (לינדעגוואָרם), דאָס הייסט, אַלכּסנדר'ס און אַריסטו־בול'ס קינדער, וואַקסען אונטער, און זיינע, אַנטיפּטר'ס, אייגענע קינדער האָט דאָך דער קעניג אָבגעשניטען די האָפענונג, וואָרום אין זיין צוואה האָט ער בעשטימט פאַר אַ יורש נאָך זיין (אַנטיפּטר'ס) טויט מרים'ס זוהן הורדוס'ן און ניט קיינעם פון זיי. אָבער דערין נאַרט זיך אָב דער אַלטער מאַן (הורדוס) שטאַרק, אויב ער רעכענט, אַז זיין צוואה קאָן מען גאָרניט אומבייטען; ער, אַנטיפּטר, וועט שוין זאָרגען דערפאַר, אַז קיינער פון די קעניגס קינדער זאָל ניט בלייבען לעבען. קיין פאָטער האָט דאָך ניט אַזוי פיינט געהאַט זיינע קינדער, ווי הורדוס, נאָר זיין שנאה צו זיינע ברידער איז נאָך גרעסער. אַזוי האָט ער איהם ניט לאַנג געגעבען הונדערט טאַלענטען, בכדי ער זאָל מיט פירורס'ן קיין וואָרט ניט אויסריידען. און אַז יענער האָט געפרעגט, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער געטאָן דעם קעניג, זאָל אַנטיפּטר האָבען געענטפערט: „מיר קאָנען שון זיין צופרידען דערמיט, וואָס ער לאָזט אונז דאָס הוילע לעבען, נאָכדעם ווי ער האָט ביי אונז אַלצדינג אָבגענומען. אָבער עס איז אוממעגליך אַנטרונען צו ווערען פון אַזאַ מין בלוט־דאָרשטיגער חיה רעה, וואָס קאָן אפילו ניט גערן צוזעהן, ווי מען ווייזט אַרויס אָפען זיין פריינדשאַפט צו אנדערע מענשען. איצטער קומען מיר זיך צונויף מעהר ניט בעהאַלטענערהייד, נאָר אין גיכען וועלען מיר דאָס קאָנען טון אויך עפענטליך, אויב ביי אונז איז נאָר פאַרהאַן אַ האַרץ און אַ פויסט פון אמת'ע מענער".

4. אַזוי האָבען אויסגעזאָגט די געפּייניגטע שקלאַפינס און האָבען נאָך מוסיף געווען דערצו, אַז פירורס האָט געהאַט בדעה מיט זיי צו אַנטלויפען קיין פּערעאַ. דערקעניג האָט געגלויבט אָט די אַלע ידיעות, בעזונדערס מחמת דעם, ווייל עס זיינען דערמאָנט געוואָרען די הונדערט טאַלענטען; וואָרום דערפון האָט ער אַליין נאָר גערעדט מיט אַנטיפּטר'ן.

קודם כל האָט הורדוס אויסגעלאָזען זיין כעס צו אַנטיפּטר'ס מוטער דאָריס'ן. ער האָט ביי איהר צוריק אָבגענומען איהר צירונג, וואָס ער האָט געהאַט איהר פריהער געשאָנקען און וואָס איז ווערט געווען אַ סך טאַלענטען, און האָט זי פערטריבען אַ צווייטען מאָל. פערקעהט, פירוס'עס פרויען האָט ער בעגנאָדיגט און געלאָזט אויסהיילען זייערע וואונדען, וואָס זיי האָבען בעקומען בשעת די ענויים.

איבעריגענס, איז ער פון איצט אָן געווען אויסער זיך פון מורא. דער קלענסטער חשד פלעגט איהם שוין אויפרעגען, און ער האָט געלאָזט אַ סך אומשולדיגע פייניגען, בכדי ניט דורכצולאָזען קיין שולדיגען.

5. אַזוי האָט ער אויך געכאַפּט דעם שומרוני אַנטיפּטר'ן, זיין זוהן אַנ־טיפּטר'ס פערוואַלטער. בשעת מען האָט דעם דאָזיגען שומרוני געפּייניגט, האָט ער אויסגעזאָגט, אַז זיין בעל־הבית האָט געלאָזט ברייגגען פון מצרים דורך זיינעם אַ גוטען פריינד, אַנטיפילוס, סם המות, בכדי צו טויטען דעם קעניג. פון אַנטיפילוס'ן האָט עס צוגענומען אַנטיפּטר'ס פעטער טוידיאָן און איבערגע־געבען עס פירורס'ן, וואָס איהם האָט עס אַנטיפּטר איבערגעגעבען, ער זאָל טויטען הורדוס'ן, אין דער צייט וואָס ער גופא, אַנטיפּטר, וועט זיך געפינען אין רוים, און אַזוי וועט אויף איהם קיין חשד ניט קאָנען פאַלען. פירורס אָבער זאָל האָבען אָבגעגעבען דעם סם אויף צו היטען זיין פרוי.

די לעצטע האָט דער קעניג באַלד געהייסען רופען און האָט איהר בעפוילען צו ברייגגען די זאַך, וואָס מען האָט איהר אָנגעטרויט. איז זי אַוועק מכלומר'שט, בכדי צו ברייגגען דאָס, וואָס מען האָט פערלאַנגט פון איהר, נאָר אין דער אמת'ען האָט זי זיך אַראָבגעוואָרפען פון דאַך, בכדי פּטור צו ווערען פון דער אונטערזוכונג און פון די ענויים. וואָס דער קעניג האָט בעשטימט. נאָר ס'איז געווען בעשיינפערליך בעשערט פון גאָט, וואָס האָט געוואָלט בע־שטראָפען אַנטיפּטר'ן, אַז זי זאָל פאַלען ניט אויפ'ן קאָפּ, נאָר אויף אַנדערע טיילען פון גוף, און אַזוי איז זי געבליבען לעבען. אַז מען האָט זי געבראַכט צו טראָגען, האָט דער קעניג געהייסען ברייגגען איהר דערקוויקונג, ווייל זי איז געווען בעטויבט נאָכ'ן פאַל, און האָט ביי איהר געפרעגט, פאַרוואָס האָט זי זיך אַראָבגעוואָרפען. אויב זי וועט אויסזאָגען דעם אמת, האָט ער איהר געשוואָרען, אַז ער וועט זי פריי מאַכען פון שטראָף. טאָמער זשע וועט זי עפּיס בעהאַלטען, וועט ער דורך די ענויים איהר לייב צעשניידען אַזוי, אַז עס וועט גאָר נישט מעהר איבערבלייבען פאַר דער קבורה.

6. דערויף האָט די אידענע געענטפערט נאָך אַ קורצען ישוב־הדעת: צו־ליעב וואָס זאָל איך נאָך האַלטען דעם סוד, וויבאַלד אַז פירורס איז טויט? און

צוליעב וואָס זאָל איך שוינען אַנטיפּטר'ן, וואָס האָט געוואָלט פון אונז אַלעמען מאַכען אַ תל? איז דעריבער הער מיך אויס, אדוני קעניג, און חוץ דיר, זאָל זיין מיין עדות גאָט, וועמען מען קאָן ניט אָבנארען, אַז איך זאָג דעם אמת. בעת דו ביזט געזעסען, בעגאָסען מיט טרערען, ביי פירורס'ן, וואָס האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָט ער מיך גערופען צו זיך און האָט געזאָגט: באמת, ליעבע פרוי, האָב איך אַ גרויסען טעות געהאַט אין דעם געפיהל, וואָס מיין ברודער האָט צו מיר. איך האָב איהם פיינט געהאַט, בשעת ער האָט מיך אַזוי שטאַרק ליעב, און איך האָב געוואָלט טויטען דעם, ווער עס בעוויינט אַזוי מיך, וואָס איך בין נאָך ניט געשטאָרבען. איך בעקום איצטער מיין פערדיענטען לוין פאַר מיין ליעבלויזיגקייט. אָבער דו זאָלסט ברייגגען די סם, וואָס איז בעשטימט פאַר איהם, וואָס אַנטיפּטר האָט עס געלאָזען דאָ, און דו היטסט עס, און פערניכטען עס דאָ פאַר מיינע אויגען, בכדי איך זאָל ניט מיטנעמען דעם נקמה-גייסט מיט מיר אין גרוב". זיין בעפעהל האָב איך געפאָלגט, האָב געבראַכט די סם און אַריינגעשאָטען דעם גרעסטען טייל דערפון פאַר זיינע אויגען אין פייער, דעם רעשט אָבער האָב איך בעהאַלטען פאַר מיר, ווייל איך האָב מורא געהאַט פאַר דיר, אויפ'ן פאַל פון אַ נויט".

7. מיט אָט די ווערטער האָט זי אַרויסגענומען אַ קעסטיל, וואו ס'האָט זיך געפונען נאָך אַ ביסעל סם. דער קעניג האָט דערנאָך געהייסען אויספרעגען אונטער עגויים אַנטיפילוס'עס מוטער און ברידער, און יענע האָבען זיך אויך מודה געווען, אַז אַנטיפילוס האָט מיטגעבראַכט די דאָזיגע קעסטיל פון מצרים, וואו ער האָט זי בעקומען אינאיינעם מיט די סם פון זיינעם אַ ברודער, וואָס איז געווען אַ דאָקטאָר אין אַלכסנדריאַ.

אַזוי האָבען די נשמות פון די ברידער אַלכסנדר און אַריסתּובול, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער'ן פּאַלאַץ, אַנטפּלעקט פערבאָרגענע עולות און האָבען גערופען צום בית-דין אַזעלכע מענשען, וואָס אויך זיי איז דער חשד געפאַלען צום ווייניגסטען. וואָרום אויך וועגען דעם כהן-גדול'ס טאָכטער מרים איז געוואָרען בעוויזען, אַז זי האָט געוואוסט וועגען דער פערשווערונג; איהרע אייגענע ברידער האָבען דאָס אויסגעזאָגט, אַז מען האָט זיי געפייניגט. פאַר דער מוטערס פערברעכען האָט הורדוס בעשטראָפט דעם זוהן, און האָט אויסגעמעקט פון זיין צוואה הורדוס'ן, וואָס ער האָט איהם געהאַט בעשטימט פאַר אַנטיפּטר'ס יורש.

# איין-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

אנטיפּטר קעהרט זיך אום צוריק פון רוים און ווערט איפגענומען קאַלט

1. צולעצט איז נאָך אַרויסגעטראָטען אַלס עדות אַ געוויסער באַטילוס, וואָס האָט געבראַכט די בולט'סטע ראיות וועגען דער פערשווערונג פון אַנטיפּטר'ן, וואָס ער, באַטילוס, איז געווען זיין פריי-געלאָזענער שקלאַף. ער האָט בעוויזען אַן אַנדער סם המות, סם פון אַ שלאַנג און ליחה פון אַנדערע שרצים, וואָס דער-

מ׳ט האָבען פירורס און זיין ווייב זיך בעדאַרפט בעוואָפענען קעגען דעם קעניג אין דעם פאַל, אויב די ערשטע סם וועט ניט ווירקען.

אין אַ געוויסער מאָס אַלס הוספה צו די פלענער פונ׳ם פאָטערמערדער, האָט ער נאָך בעוויזען בריעף, וואָס אַנטיפּטר האָט אויסגעטראַכט זייער איינהאַלט, בכדי צו פטר׳ן זיינע ברידער. דעם קעניגס צוויי זיהן, אַרכילויס און פיליפּוס, וואָס זענען שוין געווען דערוואַקסענע בחורים און זיינען פול געחען מיט געהויבענע שטרעבונגען, האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין רוים צוליעב זייער בילדונג. בכדי וואָס גיכער אָבצוראַמען פון וועג די דאָזיגע יונגע לייט, וואָס זיינען געווען עלול צו מאַכען צו נישט אַלע זיינע אויסזיכטען, — האָט אַנטיפּטר טיילוויז אַליין געשריבען פאַלשע בריעף אונטער׳ן נאָמען פון זיינע גוטע פריינד אין רוים, און טיילוויז האָט ער אַנדערע אונטערגעקויפט מיט געלד, זיי זאָלען שרייבען בריעף, אין וועלכע ס׳איז געוועזן געזאָגט, אַז ביידע פּרינצען זיינען אָפּט מזלזל דעם פאָטער, אַז זיי בעקלאָגען אָפען אַלכסנדר׳ס און אַריסטובול׳ס גורל און זיינען שטאַרק ניט צופרידען דערמיט, וואָס זיי מוזען זיך אומקעהרען אַ היים. ווארום גראַד אין יענער צייט האָט דער פאָטער זיי געהאַט צוריק אַרויסגערופען, און דאָס האָט שטאַרק בעאומרוהיגט אַנטיפּטר׳ן.

2. איבעריגענס, האָט ער שוין פאַר זיין נסיעה, בשעת ער איז נאָך געווען אין מלכות־יהודה, געלאָזט שרייבען פאַר געלד אַזעלכע בריעף קעגען זיי פון רוים, נאָר דעם פאָטערס חשד האָט ער ניט אַרויסגערופען; ווארום ער גופא פלעגט אַרויסטרעטען אַלס פערטיידיגער פון זיינע ברידער, און האָט אָדער דערקלערט, אַז אַלץ, וואָס דאָ שטייהט געשריבען, איז פאַלש, אָדער ער פלעגט פאַרשטעלען, אַז אַלע זייערע פעהלערן זיינען מעהר ניט געמאַכט אויס יוגענדליכער לייכטזיניגקייט. נאָר היות ווי אויף אַזאַ אופן האָט ער געמוזט אויסגעבען אַ סך געלד אויף די יעניגע, וואָס האָבען געשריבען די בריעף קעגען זיינע ברידער, דעריבער האָט ער געזוכט אונטערצוגאַרען די עדות און האָט געקויפט טייערע קליידער, בונטע טעפּיכען, זילבערנע און גאָלדענע כּלים און אַ סך אַנדערע זאַכען, בכדי איבער דער גרייס פון די הוצאות פאַר אָט די חפצים צו בעהאַלטען דעם לוין פאַר די בריעפען־פעלשער. צולעצט האָט בעטראָפען דער חשבון פון זיינע אַלע הוצאות ביז 200 טאַלענטען, און ער האָט געמאַכט דעם אויסרייד, אַז דעם גרעסטען טייל דערפון האָט אַיינגעשלונגען דער פּראָצעס קעגען סילעאוס׳ן.

דורך אַלע בעווייזען אונטער די עגויים איז קלאָר געוואָרען, אַז אַנטיפּטר האָט געוואָלט הרג׳ען דעם פאָטער, און דורך דער מעשה מיט די בריעף איז אַנטפּלעקט געוואָרען, אַז ער האָט געהאַט נאָך אַ מאָרדפּלאַן קעגען זיינע ברידער, — און אַזוי זיינען אינגאַנצען אויפגעדעקט געוואָרען אַנטיפּטר׳ס אַלע מיאוס׳ע מעשים, סיי די קלענערע סיי די גרעסערע. פונדעסטוועגען האָט קיינער פון די מענשען, וואָס זיינען געקומען קיין רוים, איהם ניט געגעבען צו וויסען, ווי שלעכט עס האַלט מיט איהם אין מלכות־יהודה, הגם זינט די דאָזיגע פערהערען, ביז וואַנען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, זיינען פאַרבייגעגאַנגען זיבען חדשים: אַזוי גרויס איז געווען די שנאה, וואָס אַלע האָבען אויף איהם געהאַט. אפשר

האָבּען אויך די נשמות פון די דער'הרג'עטע ברידער פערמאַכט די מויל ביי די יעניגע, וואָס וואָלטען גערן געוועז איהם צו לאָזען וויסען. און מיט פערגעניגען האָט ער אָנגעזאָגט אין אַבּריעף די בשורה, אַז ער קעהרט זיך אום אין גיכען פון רוים, און האָט צוגלייך מודיע געוועזן, מיט וואָס פאַר אַכּבוד דער קיסר האָט זיך מיט איהם אָבּגעזעגענט.

3. דער קעניג ווידער, וואָס האָט געגאַרט צו כאַפּען דעם דאָזיגען אינטריגאַנט און האָט מורא געהאַט, טאָמער דערוויסט יענער זיך דערפון פריהער און וועט זיין פאָרזיכטיג, — האָט פון זיין זייט אין זיינע בּריעף צו אַנטיפּטר'ן אַרויסגעשטעלט זיך פריינדליך צו איהם און האָט איהם געאיילט, ער זאָל וואָס גיכער קומען אַהיים; אויב ער וועט אין גיכען קומען, וועט ער, הורדוס, קאָנען מאַכען אַסוף צו די אָנקלאָגען קעגען זיין מוטער. וואָרום זיין מוטערס פערטרייבּונג איז אַנטיפּטר'ן ניט געבּליבּען אומבּעוואוסט.

שוין פריהער האָט ער בּעקומען אין טאַרענט אַבּריעף, וואו מען האָט איהם אָנגעזאָגט פירורס'עס טויט, און ער האָט שטאַרק געטרויערט איבּער איהם. אַנדערע האָבּען געוואָלט איהם בּעזונדערס לויבּען פאַר'ן דאָזיגען אויפפיהר, ווייל דאָס האָט בּעוויזען, ווי ווייט ער איז געוועזן צוגעטאָן זיין פעטער. נאָר ס'ווייזט אויס, אַז בּעצם איז ער געוועזן מעהר ניט נידערגעשלאָגען דערפאַר, וואָס די פערשווערונג האָט זיך ניט איינגעגעבּען, און אין פירורס'ן האָט ער בּעוויינט מעהר ניט דעם העלפער פון זיין רשעות. איבּעריגענס, בּשעת ער פלעגט זיך דערמאָנען אָן זיינע פערבּרעכענס, האָט איהם שוין אָנגעכאַפּט אַ שרעק, אַז די סם זאָל ניט ווערען געפונען.

בּשעת אָבּער ער האָט בּעקומען אין קיליקיען זיין פאָטערס דערמאָנטען בּריעף, איז ער טאַקע בּאַלד געפאָהרען ווייטער און איז אין גיכען אַראָבּ אויפ'ן בּרעג אין קעלענדעריס. דאָרט האָט איהם אָנגעהויבּען צו מאַטערן דער געדאַנק וועגען זיין מוטערס אומגליק און וועגען זיך אַליין האָט ער געהאַט שלעכטע פאָרגעפיהלען. די קליגערע צווישען זיינע גוטע פריינד האָבּען איהם געגעבּען אַן עצה, ער זאָל ניט פריהער זיך לאָזען זעהן בּיים פאָטער, איידער ער וועט דערגייהן, איבּער וואָס פאַר אַטעם זיין מוטער איז געוואָרען פערטריבּען; וואָרום מען בּעדאַרף מורא האָבּען, אַז איבּער דער אָנקלאַגע קעגען איהר וועט ער אויך מוזען ליידען. אָבּער די מעהר אומפאָרזיכטיגע, וואָס זיינען ניט אַזוי אויסען געוועזן אַנטיפּטר'ס טובה, ווי זיי האָבּען געוואָלט וואָס גיכער קומען אַהיים, האָבּען איהם צוגערעדט זיך צוצואיילען און האָבּען איהם מתרה געוועזן, אַז ער זאָל ניט דורך זיין זאַמען זיך אַרויסציהען אויף זיך אַ חשד מצד זיין פאָטער און געבּען די רכילות-טרייבּער אַ גוטע אויסרייד אויף מסירות. וואָרום אויבּ מען האָט עפּיס קעגען איהם אינטריגירט, איז דאָס געוועזן נאָר, כּל זמן ער איז ניט געוועזן דערבּיי, אָבּער אין זיין געגענוואַרט וועט קיינער ניט האָבּען מעהר די העזה קעגען איהם אַרויסצוטרעטען. דעריבּער וואָלט ער ניט קלוג געטאָן, אויבּ ער וואָלט איבּער אַן אומזיכערן חשד אָנוועהרען אַ זיכער'ן געווינס. זאָל ער בּעסער וואָס גיכער זיך וואַרפען דעם פאָטער אין די אָרעמס

און זעהן צו בעקומען די קיניגליכע קרוין, וואָס שאָקעלט זיך אויף הורדוס'עס קאָפּ, כּל זמן יענער איז נאָך אַליין. געטריבען פון זיין בייזען דעמאָן, האָט אַנטיפּטר געפאָלגט דער לעצטער עצה, האָט געזעצט זיך אויפ'ן שיף און איז באַלד אָנגעקומען אין סעבאַסטאָס, דעם האַפען פון קיסריא.

4. נאָר דאָ האָט ער אומגעריכטערהייד זיך אײַנגעפונען איינזאַם און עלענד. אַלע האָבען איהם אויסגעמידען, און קיינער האָט זיך ניט דערוועגט צו גענעהנען צו איהם. ווארום אַלע האָבען איהם אין גלייכער מאָס פיינט געהאַט, און אָטאָ די שנאה האָט מען איצט געמעגט אָפען אַרויסווייזען. אַסך האָבען איהם אויסגעמידען אויס מורא פאַר'ן קעניג; ווארום איבער דער גאַנ־צער שטאָדט זיינען שוין געגאַנגען שלעכטע קלאַנגען וועגען אַנטיפּטר'ן, נאָר ער אַליין האָט גאָרנישט ניט געוואוסט, ווי עס האַלט מיט איהם.

קיינער האָט נאָך קיין מאָל ניט געהאַט אַזאַ געזעגעניש, ווי אַנטיפּטר ביים אָבפאָהרען פון רוים, אָבער קיינעם האָט מען אויך ניט אַזוי מיט ווינציג כּבוד בעגעגענט ביים קומען אַהיים. און ער האָט שוין אָנגעהויבען צו שפּירען דעם אומגליק, וואָס האָט געוואַרט אויף איהם אין דערהיים; נאָר ער איז גע־וועזען גענוג דורכגעטריבען, בכדי עס ניט צו לאָזען מערקען. אינעווייניג האַלב־טויט פאַר שרעק, האָט ער זיך געפּלייסט אַרויסצווייזען אַ מינע פון האָפערדי־גער פעסטקייט. קיין וועג צום אַנטלויפען איז ניט געווען, און בכלל איז ניט געווען קיין מעגליכקייט זיך אַרויסצורייסען פון נעץ. עפּיס זיכערעס וועגען די געשעהענישען אין דערהיים איז ער אויך דאָ ניט דערגאַנגען, מחמת דער קע־ניג האָט זייהר שטריינג פערזאָגט ניט צו מאַכען קיין מיטטיילונגען וועגען דעם גאַנצען ענין. אַזוי איז ביי איהם געבליבען בלויז דער איינציגער פונק פון האָפענונג, אַז אפשר האָט מען קיין זאַך ניט געפונען, אָדער אַז אויב מען האָט אפילו יאָ עפּיס געפונען, וועט ער דורך אַ העזה'דיגען אויפפיהר און דורך פאַלשע גיינג קאָנען צו נישט מאַכען די בעשולדיגונג. קיין אַנדער וועג אויף רעטונג האָט ער ניט געהאַט.

5. אין אַזאַ געמיטס־צושטאַנד איז ער אַריינגעטראָטען אין קיניגליכען פּאַלאַץ, אָבער אָהן זיינע פריינד; ווארום זיי האָט מען ביים ערשטען טויער מיט שפּאָט אָבגעטריבען. אין פּאַלאַץ איז געווען צופעליג ווארוס, דער פער־וואַלטער פון סיריען. אַנטיפּטר איז אַריין צו זיין פאָטער, האָט זיך אָנגענומען מיט גאָר דער דרייסטקייט, וואָס ער האָט פערמאָגט, און האָט זיך דערנעהנ־טערט צו איהם, בכדי איהם אַרומצונעמען. אָבער הורדוס האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענד פאַר זיך און האָט אויסגערופען: „נאָר אַ רוצח פון זיין פאָטער קאָן האָבען די העזה מיך אַרומצונעמען, בשעת ער האָט אַרויפגעלאָדען אויף זיך אַזאַ חטא! אַוועק צו אַלדי רוחות, נידערטרעכטיגער מענש, און ריהר מיך ניט אָן, ביז דו וועסט זיך אָברייניגען פון דיין שולד! איצטער וועל איך דיר געבען אַ בית־דין, און פאַר אַ דיין וועט זיין ווארוס, וואָס איז גראָד געקומען צו דער געלעגענער צייט. גייה איצט אַוועק און בעטראַכט זיך אויף דיין פערטיידיגונג ביז מאָרגען; ווארום די צייט וויל איך דיר נאָך געבען, בכדי דו זאָלסט צוגרייטען דיינע פאַלשקייטען".

אנטיפּטר איז פון דעם דאָזיגעם קבלת-פּנים געוואָרען אַזוי צעטומעלט, אַז ער איז ניט געווען פיהיג צו ענטפערן אַפילו אַ וואָרט, און איז באַלד אַוועק פון קעניג. באַלד זיינען געקומען צו איהם זיין מוטער און זיין פרוי, וואָס האָבען איהם געגעבען צו וויסען וועגען אַלע בעווייזען. צוביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיך אַזוי ווייט, אַז ער האָט געקאָנט אָנהייבען טראַכטען וועגען זיין פערטיידיגונג.

# צוויי-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

אנטיפּטר׳ס שולד ווערט בעוויזען. — הורדוס מאַכט איבער זיין צוואה.

1. דעם אַנדערן טאָג האָט דער קעניג צונויפגערופען אַ פערזאַמלונג פון זיינע גוטע פריינד און קרובים און האָט איינגעלאַדען אויך אַנטיפּטר׳ס גוטע פריינד. פאָרזיצענדער איז געווען ער גופא בחברותא מיט וואַרוס׳ן. ער האָט בעהייסען אַרויסרופען אַלע עדות, וואָס צווישען זיי האָבען זיך געפונען, אויך עטליכע דיענער פון אַנטיפּטר׳ס מוטער, וואָס האָבען געבראַכט אַ בריעף פון איהר צו אַנטיפּטר׳ן. אין דעם דאָזיגען בריעף איז געשטאַנען אָט וואָס: „היות ווי אַלץ דאָס בעוואוסטע איז דערגאַנגען צו דיין פאָטער, דעריבער זאָלסטו זיך היטען צו קומען צו איהם, סיידען אַז דו קאָנסט זיך ריכטען אויף הילף מצד דעם קיסר״.

נאָכדעם ווי מען האָט געהאַט אַרויסגערופען אַטאָ די עדות און אויך אַלע אַנדערע, איז אַנטיפּטר אַרויסגעטראָטען, געפאַלען דעם פאָטער צו די פיס און האָט געזאָגט: „איך בעט דיך, פאָטער, דו זאָלסט מיך ניט אָב׳משפט׳ען לכתחילה, נאָר מיט גנאָד אויסהערען מיין פערטיידיגונג. וואָרום אויב דו וועסט עס ערלויבען, וועל איך בעווייזען מיין אומשולדיגקייט״.

2. הורדוס אָבער איז איהם בייז אָנגעפאָהרען, ער זאָל שווייגען, און האָט געזאָגט, געווענדעט צו וואַרוס׳ן: „ווי איטליכער עהרליכער שופט, ווערסטו דו אויך, וואַרוס, דאָס בין איך זיכער, דערקענען, אַז אַנטיפּטר איז זייהר אַ פערדאָרבענער מענש. איך האָב נאָר מורא, דו זאָלסט דיך ניט מחמת עקעל אָבקעהרען פון מיר און טראַכטען, אַז איך האָב פערדיענט דעם דאָזיגען אומגליק, ווייל איך האָב אַזעלכע זיהן געהאַט. נאָר פונדעסטוועגען איז בעצם אויף מיר אַ גרויסער רחמנות, ווייל איך בין געווען אַ גוטער פאָטער פאַר אַטאָ די שלעכטע זיהן. מיינע ערשטע זיהן האָב איך שוין געגעבען דעם טיטעל קעניג, בשעת זיי זיינען געווען נאָך יונג, האָב זיי געלאָזען אויפהאָדעווען אין רוים, געמאַכט זיי פאַר׳ן קיסר׳ס פריינד, און איבער דעם האָבען אַנדערע מלכים זיי מקנא געווען. נאָר איך האָב אַרויסגעפונען, אַז זיי ווילען מיר דאָס לעבען נעמען, און דעריבער האָבען זיי געמוזט שטאַרבען, דער עיקר אַנטיפּטר׳ן צוליעב; וואָרום איהם, דעם יונגען קרוין-יורש, האָב איך קודם כל געוואָלט פערשאַפען זיכערקייט.

נאָר אָט די דאָזיגע שרעקליכע חיה רעה האָט אויסגענוצט צום שלעכטען מיין געדולד און האָט געווענדעט איהר גאַנצע ווילדקייט קעגען מיר. פאַר אַנטיפּטר'ן האָט מיין לעבען צו לאַנג געדויערט, מיין עלטער איז איהם געווען ניט בעקוועם, און ער האָט געוואָלט ווערען קעניג ניט אַנדערש, ווי דורך מאָרדען זיין פאָטער. איך זאָל האָבען פערדיענט אַ שטראָף דערפאַר, וואָס איך האָב צוריקגעבראַכט דעם פערטריבענעם פון דער פּראָווינץ, אַרונטערגעזעצט די זיהן, וואָס זיי האָט מיר געבוירען אַ קעניגס אַ טאָכטער, און בעשטימט איהם פאַר אַ קרוין-יורש! איך בין מודה, וואַרום, אַז דאָס איז געווען אַ בייזע פערבלענדעניש פון מיין זייט. יענע זיהן האָב איך אויפגעבראַכט קעגען מיר דורך דעם, וואָס איך האָב דערשטיקט זייערע תביעות לטובת אַנטיפּטר'ן. אָבער ווען האָב איך יענע אַזוי פיעל גוטס געטאָן, ווי אָט דעם אַנטיפּטר'ן? הגם איך לעב נאָך אַליין, פונדעסטוועגען האָב איך איהם איבערגעגעבען כמעט מיין גאַנצע מאַכט, האָב איהם בפירוש בעשטימט אין מיין צוואה פאַר'ן קרוין-יורש, געגעבען איהם 50 טאַלענטען פון מיין אייגענער הכנסה, דערצו נאָך רייכליכע מיטלען פון מיין פּריוואַט-קאַסע און ניט לאַנג פאַר זיין נסיעה קיין רוים נאָך 300 טאַלענטען; איהם אַליין האָב איך אויסגעצייכענט פון מיין גאַנצער פאַמיליע, דורך דעם וואָס איך האָב איהם געריהמט פאַר'ן קיסר אַלס זיין פאָטערס רעטער. און וואָס זשע אַזוינס האָבען יענע זיך פערזינדיגט, וואָס זאָל קאָנען צוגעגליכען ווערען צו אַנטיפּטר'ס פערברעכענס? און ווען האָט מען געבראַכט קעגען זיי אַזעלכע בעווייזען, ווי קעגען אָט דעם רוצח?

נאָר דער רוצח פון זיין פאָטער האָט געהאַט די העזה נאָך צו זאָגען עפּיס וואָס צוליעב זיין פערטיידיגונג און האָפט נאָך אַ מאָל צו פערדעקען דעם אמת דורך זיינע פאַלשע קונצען. דעריבער זאָלסטו זיך היטען, וואַרום! איך קען די חיה רעה, איך זעה שוין פאָראויס, ווי ער וועט פּרובען מאַכען אַן אָנשטעל, מען זאָל איהם גלויבען, און דורך זיין צביעות'דיגען געוויין וועט ער זוכען צו מאַכען אַן איינדרוק. ער האָט דאָס מיר מתרה געווען, איך זאָל זיך היטען פאַר אַלכסנדר'ן, כל זמן יענער לעבט נאָך, און זאָל ניט אָנפערטרויען מיין פּערזאָן אַבי וועמען. ער איז דאָס, וואָס האָט געהאַט אַ צוטריט אין מיין שלאָפצימער און האָט אויפגעפּאַסט, אַז קיינער זאָל ניט מאַכען קיין פערשווערונג קעגען מיר. ער איז דאָס צולעצט, וואָס האָט געהיט מיין שלאָף, געזאָרגט פאַר מיין זיכערקייט, געטרייסט מיך אין מיין טרויער איבער די געטויטע און אַכטונג געגעבען איבער דער שטימונג פון זיינע ברידער, וואָס לעבען נאָך. בקצור: ער איז געווען מיין היטער און לייב-וועכטער. איצטער, אָ וואַרום ווען איך בעטראַכט זיין פאַלשקייט און צביעות, דעמאָלט קאָן איך כמעט ניט פערשטייהן, ווי אַזוי איך לעב נאָך און ווי אַזוי איך האָב געקאָנט אַנטרונען ווערען פון אַזאַ דורכגעטריבענעם בוגד.

אָבער ווי מיר דוכט, שטייהט איבער מיר אַ בייזער רוח און טראַכט בלויז, ווי מיין הויז צו פערוויסטען און מיינע ליעבסטע קרובים אויפצוהעצען קעגען מיר, — און איך קאָן מעהר ניט ווי בעוויינען דעם אומגערעכטען גזר.

דיין און דאָס, וואָס איך בלייב איינזאַם און עלענד. אָבער קיינער, וואָס דאַרשט נאָך מיין בלוט, וועט ניט קאָנען אַנטלויפען פון מיר, און זאָלען אפילו כסדר אַלע מיינע קינדער זיך אַרויסוויייזען פאַר שולדיג!"

ווייטער האָט שוין דער קעניג פאַר אויפרעגונג ניט געקאָנט מעהר ריידען און האָט געהייסען זיין פריינד ניקאָלאַאָס'ן איבערגעבען די בעוויייזען.

דערווייל איז אַנטיפּטער, וואָס איז געלעגען די גאַנצע צייט ביים פאָטערס פיס, אויפגעשטאַנען און האָט אויסגערופען: „דו גופא, פאָטער, האָסט געפיהרט מיין פערטיידיגונג! ווי אַזוי קאָן איך זיין אַ מערדער פון מיין פאָטער, וויבאַלד אַז דו אַליין ביזט מודה, אַז שטענדיג בין איך דיין וועכטער געווען? אמת, דו זאָגסט, אַז מיין קינדליכע ליעבע איז געווען מעהר ניט כזב ושקר. אָבער ווי נאַריש האָב איך געדאַרפט זיין — איך, וואָס בכלל בין איך כלומר'שט אַזוי איבערגעשפּיצט — בכדי ניט צו פערשטייהן, אַז אַזאַ מענש, וואָס טוט אָב אַזעלכע מעשים רעים, קאָן עס ניט בעהאַלטען אפילו פאַר מענשען, שוין אָבגערעדט, אַז פאַר'ן שופט אין הימעל, וואָס זעהט אַלץ און געפינט זיך אומעטום! אָדער צי דען איז מיר ניט געווען בעוואוסט דער סוף פון מיינע ברידער, וואָס גאָט האָט זיי אַזוי שווער בעשטראָפט פאַר דעם פערברעכערישען אָנפאַל קעגען דיר? און וואָס זאָל מיך האָבען אויפגעבראַכט קעגען דיר? צי אפשר די אויסזיכט צו ווערען קעניג? אָבער איך בין דאָך שוין געווען אַ קעניג! אָדער דער געדאַנק, אַז דו האָסט מיך פיינט? צי דען האָסטו מיך ניט ליעב געהאַט? אָדער דערפאַר, ווייל איך האָב פון דיינעטוועגען בעדאַרפט מורא האָבען פאַר אַנדערע? אָבער פאַר מיר האָבען דאָך גאָר פערקעהרט געשראָקען זיך אַנדערע, ווייל איך האָב דיך בעשיצט! אָדער אפשר האָב איך געהאַט דוחק אין געלד? נאָר ווער האָט געקאָנט מעהר געלד אויסגעבען פאַר מיר? ווען איך וואָלט געווען אפילו דער פערדאָרבענסטער פון אַלע מענשען און ווען איך וואָלט געהאַט אפילו די פאַלשקייט פון אַ ווילדער חיה — צי דען וואָלט איך אפילו דעמאָלט, אָ פאָטער, דיין גוטסקייט ניט מאַכען צאַהם: וואָס דו, ווי דו האָסט אַליין געזאָגט, האָסט מיך ווידער אויפגענומען אין דיין הויז, געשטעלט מיך העכער פון אַלע דיינע קינדער, בעשטימט מיך פאַר אַ קעניג, אין דער צייט וואָס דו לעבסט נאָך, און געמאַכט מיר נאָך אַ סך אויסצייכענונגען, אַזוי אַז אַלע זיינען מיר מקנא געווען.

אָ, וואָס פאַר אַן אומגליק די דאָזיגע פערשאָלטענע נסיעה איז געווען פאַר מיר! וואָס פאַר אַ געלעגענהייטען האָב איך געגעבען דורכדעם פאַר'ן אומ'חן, וואָס פאַר אַ לאַנגע צייט — די מוסרים, וואָס רייז'ען שלעכטס אויף מיר! אָבער די דאָזיגע נסיעה האָב איך דאָך געמאַכט צוליעב דיר, פאָטער, און צוליעב דיינע אינטערעסען, בכדי סילעאוס זאָל ניט חוזק מאַכען פון דיין עלטער. גאַנץ רוים איז אַן עדות פון מיין קינדליכער ליעבע, און ניט ווינציגער דער קיסר, וואָס האָט מיך אָפט אָנגערופען „דער פאָטער־ליעבענדער". אָט איז, פאָטער, דער בריעף פון איהם, וואָס מען קאָן אין איהם מעהר גלויבען, איידער אין אַלע רכילות'ן, וואָס מען האָט דאָ אָנדערציילט. דאָס איז אויך מיין איינ-

ציגער פערטיידיגער, און זאָל ער זאָגען עדות וועגען מיין צערטליכער ליעבע צו דיר.

דערמאָן זיך, ווי גערן בין איך אָבגעפאָהרען, ווייל איך האָב גוט געוואוסט, אַז אין דער מלוכה האָט מען מיך אין דערשטיל פיינט. דו, פאָטער, האָסט אַליין אָהן דיין ווילען מיך אַריינגעבראַכט אין אַ צרה. מחמת דו האָסט מיך געצוואונגען צו לאָזען צייט די בעלי-מקנאים אָנצורייידען שלעכטס אויף מיר. איצטער אָבער בין איך ווידער דאָ, איך בין דאָ, אַרויסצוטרעטען קעגען די בעווייזען, — און אי אויפ'ן ים, אי אויף דער יבשה איז דער פאָטערמערדער געבליבען גאַנץ. אמת, דער דאָזיגער בעוויז העלפט מיר ניט, וואָרום ביי גאָט און ביי דיר, פאָטער, בין איך פער'משפט. אַלס פער'משפט'ער בעט איך אָבער ביי דיר, דו זאָלסט ניט געטרויען די עדות פון די יעניגע, וואָס האָבען אויסגעזאָגט אונטער ענויים — נאָר זאָל מען ברייגען אַהער דעם פייער פאַר מיר גופא און זאָלען די ענויים-ווערקצייג מאַטערן מיין אייגען לייב! איהר זאָלט דעמאָלט ניט שוינען מיך, בשעת איהר וועט הערען דעם יאָמערן, וואָס וועט אַרויס פונ'ם פערשאָלטענעם גוף! וואָרום אויב איך בין באמת אַ פאָטערמערדער, איז טאָר איך ניט שטאַרבען אָהן ענויים".

אָטאָ די ווערטער האָט אַנטיפּטר אויסגעשריען מיט געוויין און געיאָמער און האָט דערוועקט רחמנות ביי אַלע, וואָס זיינען געווען דערביי, און אויך ביי וואַרוס'ן. מעהר ניט הורדוס אַליין אין זיין כעס האָט ניט געוויינט, וואָרום ער האָט גוט געוואוסט, ווי גוט די אָנקלאַגע איז בעגרינדעט.

4. אויף דעם קעניגס בעפעהל האָט איצטער ניקאָלאַאָס גענומען דאָס וואָרט. נאָכדעם ווי ער האָט אַרומגערעדט אַנטיפּטר'ס פאַלשקייט און ווידער מבטל געווען דעם רחמנות, וואָס האָט זיך דערוועקט קעגען איהם, האָט ער אַרויסגעשטעלט אַ שאַרפע בעשולדיגונג קעגען איהם. ער האָט אַרויפגעלייגט אויף אוהם די שולד וועגען אַלע פערברעכענס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פאַלאַץ, בעזונדערס האָט ער בעוויזען, אַז דעם אונטערגאַנג פון די ביידע ברידער האָט מען צו פערדאַנקען בלויז אַנטיפּטר'ס אינטריגעס. חוץ דעם, האָט ניקאָלאַאָס ווייטער גערעדט, זוכט אַנטיפּטר פטור צו ווערען נאָך פון די איבעריגע מיטגלידער פון דער קיניגליכער פאַמיליע, וואָס זיינען לויט זיין מיינונג געפעהרליך פאַר זיין קרוין-ירושה. וואָרום דער וואָס האָט געקאָנט צוגרייטען אַ סם-געטראַנק פאַר זיין פאָטער, וועט זיך אויך ניט אָבהאַלטען פון צו הרג'ען זיינע ברידער. נאָכדעם האָט ניקאָלאַאָס זיך געווענדט צו די בעווייזען וועגען דער פערגיפטונג, וואָס אַנטיפּטר האָט געפלאַנט, האָט כסדר אַרומגערעדט די בעווייזען פון איטליכען עדות און האָט בעזונדערס אויסגעדריקט זיין אויפרעגונג דעריבער, וואָס אַנטיפּטר האָט נאָך געמאַכט פירורס'ן פאַר אַ ברודער-מערדער און דורך דער פערפיהרונג פונ'ם קעניגס בעסטע פריינד געמאַכט דעם קיניגליכען פאַלאַץ פאַר אַ רויבער-הייהל. אַזוי האָט ער נאָך אַ געווויסע צייט אויסגעלייגט די בעווייזען און האָט געענדיגט זיין רעדע.

5. אַז וואַרוס האָט זיך דערנאָך געווענדט צו אַנטיפּטר׳ן מיט דער פראַגע, וואָס האָט ער צו זאָגען צוליעב זיין פערענטפערונג, האָט יענער גאָרנישט ניט אַרויסגערעדט, חוץ די ווערטער: „גאָט איז אַן עדות פאַר מיין אומשולדיגקייט״, און איז געבליבען ליגען שווייגענדיגערהייד. דעמאָלט האָט וואַרוס געהייסען ברייגען די סם און געבען עס עסען אַ מענשען, וואָס איז געווען פער׳משפּט צום טויט, און יענער איז תיכף געפאַלען טויט אויפ׳ן אָרט.

נאָכדעם ווי דער פערוואַלטער האָט נאָך וועגען דעם געהאַט אַ געהיימען שמועס מיט הורדוס׳ן, האָט ער אָבגעשיקט דעם קיסר אַ שריפטליכען בעריכט וועגען דער פערהאַנדלונג און איז אויפ׳ן אַנדערן טאָג אָבגעפאָהרען. דער קעניג האָט געהייסען שמידען אַנטיפּטר׳ן אין קייטען און האָט געשיקט שלוחים, בכדי אָנצוזאָגען דעם קיסר די בשורה וועגען זיין אומגליק.

6. באַלד נאָך די דאָזיגע געשעהענישען האָט מען אויך אַנטפּלעקט נאָך אַנטיפּטר׳ס אַן אינטריגע קעגען שלומית׳ן. פון רוים איז אָנגעקומען אַנטיפילוס׳עס אַ דיענער מיט בריעף פון אַקמע׳ן, יוליאַ׳ס אַ דיענערן. אָט די אַקמע האָט געשריבען הורדוס׳ן, אַז זי האָט געפונען צווישען יוליאַ׳ס פּאַפּירען שלו-מית׳עס בריעף, און איצט שיקט זי איהם זיי איבער, מחמת זי איז איהם איבערגעגעבען. אָבער אין די בריעף האָבען זיך געפונען די ערגסטע זלזולים און די שווערסטע בעשולדיגונגען קעגען קעניג, און אַנטיפּטר האָט זיי געפעלשט: ער האָט בעוואָויגען דורך שוחד אַקמע׳ן, זי זאָל זיי שיקען צו הורדוס׳ן.

בעוויזען האָט מען אַנטיפּטר׳ס שולד דורך אַ בריעף, וואָס איז געווען געשיקט צו איהם גופא, אין וועלכען אַקמע האָט געשריבען: „לויט ווי דו האָסט מיר געהייסען, האָב איך געשריבען דיין פאָטער און אָבגעשיקט איהם די בעוואוסטע בריעף. איך בין זיכער, אַז דער קעניג וועט זיין שוועסטער ניט לאָזען לעבען, ווי נאָר ער וועט דעם בריעף לייענען. אַז אַלץ וועט אַראָב גליקליך, האָף איך, וועסטו דיינע הבטחות ניט פערגעסען״.

7. אַז מען האָט געכאַפּט אָט דעם בריעף און אויך די אַנדערע, וואָס זיינען בעוועזען געווענדט קעגען שלומית׳ן, דעמאָלט איז ערשט אויפגעקומען ביים קעניג דער חשד, אַז אפשר זיינען אויך קעגען אַלכסנדר׳ן געמאַכט גע-וואָרען אַזעלכע פעלשונגען. איבעריגענס, האָט דער געדאַנק, אַז אַנטיפּטר האָט איהם שיער ניט געמאַכט פאַר אַ מערדער פון זיין שוועסטער, איהם אַזוי אַריינ-געבראַכט אין כעס, אַז ער האָט געוואָלט אומגעזאַמט לאָזען בעשטראָפען אַנ-טיפּטר׳ן פאַר אַלע זיינע פערברעכענס. נאָר אַז ער האָט געמאַכט די הכנות דערצו, איז אויף איהם אָנגעפאַלען אַ שווערע קריינק. דעריבער האָט ער גע-געבען צו וויסען דעם קיסר וועגען אַקמע׳ן און אויך וועגען די אינטריגעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען קעגען שלומית׳ן. דערנאָך האָט ער געהייסען ברייגען צו זיך זיין צוואה און האָט זי איבערגעמאַכט אַזוי, אַז ער האָט בע-שטימט אַנטיפּס׳ן פאַר קרוין-יורש; די עלטערע זיהן, אַרכילויס׳ן און פיליפּס׳ן, ו

האָט ער אויסגעמידען, ווייל אויך זיי האָט אַנטיפּטר געמאַכט חשוד׳יג ביי איהם אין די אויגען. דעם קיסר האָט ער געלאָזט אין זיין צוואה 1000 טאַלענטען חוץ די מתנות אין שוה-כסף, און דעם קיסר׳ס פרוי, קינדער, פריינד און פריי געלאָזענע — האָט ער איבערגעלאָזט אַן ערך 5000 טאַלענטען. אַ סך אַנדערע מענשען האָט ער צעטיילט נחלאות. אָבער די גלענצענדע מתנות האָט ער גע-געבען זיין שוועסטער שלומית׳ן. אויף אַזאַ אופן האָט הורדוס איבערגעמאַכט זיין צוואה.

# דריי-און-דרייסיגסטער קאַפּיטל.

די צעשטערונג פון׳ם גאָלדענעם אָדלער. — אַנטיפּטר ווערט בעשטראָפט מיט טויט. — הורדוס׳עס לעצטע בעפעהלען און זיין טויט.

1. דעם קעניגס קראַנקהייט איז אַלץ ערגער געוואָרען, און דערצו האָבען צו מיינסט מיטגעהאָלפען עצבות און עלטער. וואָרום ער איז שוין אַלט געווען זיבעציג יאָהר, און די צרות, וואָס ער האָט געהאַט פון זיינע קינדער, האָבען געמאַכט טרויעריג זיין געמיט אויף אַזאַ אופן, אַז אפילו אין די געזונטע טעג פון זיין לעבען איז ער ניט געווען אמת פריילעך. נאָך שטאַרקער איז געוואָ-רען זיין קראַנקהייט דורך דעם געדאַנק, אַז אַנטיפּטר לעבט נאָך. פונדעסטוועגען האָט ער ניט געוואָלט איהם לאָזען טויטען באַלד, נאָר ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט געזונט ווערען.

2. בכדי נאָך פול צו מאַכען דעם אומגליק, איז נאָך אויסגעבראָכען אַ פאָלקס-מרידה. עס האָבען דעמאָלט געוואוינט אין דער שטאָדט ירושלים צוויי געלעהרנטע מענשען, יהודה דער זוהן פון צפּרי און מתתיה דער זוהן פון מרגלית, וואָס האָבען געהאַט אַ שם פון גרויסע מלומדים אין דער תורה, און זיינען מחמת דעם געווען שטאַרק אָנגענומען ביים פאָלק. בשעת די דאָזיגע מענער פלעגען אויסטייטשען די תורה, פלעגען זיך צונויפקלייבען אַרום זיי אַ סך יונגע לייט, און אַזוי פלעגען זיי לערנען אַלע טאָג פאַר אַ גאַנצען המון צוהערער.

און איצט, אַז אָט די געלעהרנטע האָבען זיך דערוואוסט, אַז דער צער און קראַנקהייט מאַכען צו-ביסלעכווייז הרוב דעם קעניג, האָבען זיי זיך אַרויס-געזאָגט פאַר זייערע תלמידים, אַז עס איז איצט געקומען די צייט צו בעשיצען גאָטס כבוד און צו צעשטערען די סטאַטועס, וואָס זיינען אַוועקגעשטעלט גע-וואָרען קעגען דעם געזעץ פון די עלטערן. וואָרום עס איז קעגען דעם געזעץ אַוועקצושטעלען ביים בית-המקדש סטאַטועס, ביוסטען אָדער אַנדערע בילדער, וואָס טראָגען דעם נאָמען פון לעבעדיגע בעשעפענישען. הורדוס האָט געלאָזען אַרויפשטעלען איבער׳ן גרויסען טויער פון בית-המקדש אַ גאָלדענעם אָדלער,

און גראָד אָט דעם אָדלער האָבען די געלעהרנטע געהייסען אראָבררייסען און האָבען מוסיף געווען, אז הגם דעריך שטעקט אַ געוויסע סכנה, פונדעסטוועגען ברייננט עס כבוד דעם מענשען צו שטאַרבען פאַר דער אמונה פון זיינע על-טערן. ווארום דער, וואָס וועט שטאַרבען אויף אַזאַ אופן, דעמס נשמה וועט זיין אומשטערבליך און וועט געניסען אייביגען שכר. בלויז גראָבע מענשען, וואָס האָבען קיין סימן ניט פון אמת'ער חכמה און וואָס פערשטייהען ניט, וואָס עס איז נוצליך פאַר זייער נשמה, — בלויז אַזעלכע מענשען ווילען בעסער שטאַרבען דורך קראַנקהייט, איידער דורך אַ העלדענטויט.

3. צוגלייך מיט די דאָזיגע רייד האָט זיך פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז דער קעניג האַלט ביי דער גסיסה, און אַזוי האָבען זיך די יונגע לייט גענומען וואָס דרייסטער פאַר דער זאַך. אין מיטען העלען טאָג, בשעת אַ גאַנצער המון מענשען איז געשטאַנען ניט ווייט פונ'ם בית-המקדש, האָבען זיי זיך אויף שטאַרקע שטריק אַראָבגעלאָזט פונ'ם דאַך פון בית-המקדש און האָבען צעהאַקט דעם גאָלדענעם אָדלער מיט העק.

תיכף האָט מען וועגען דעם מודיע געווען דעם קאָמענדאַנט פון קיניג-ליכען פאַלאַץ, וועלכער איז געקומען געשווינד מיט אַ גרויסער מיליטער-אָבטיילונג, האָט געכאַפּט פערציג יונגע לייט און געבראַכט זיי צום קעניג. באַלד אויף דער ערשטער פראַגע, צי האָבען זיי דאָס טאַקע געהאַט די העזה צו צעשטע-רען דעם גאָלדענעם אָדלער, האָבען זיי שטאָלץ זיך מודה געווען, אַז זיי האָבען עס געטאָן. אויף דער אַנדער פראַגע, ווער האָט זיי דאָס געהייסען — האָבען זיי געענטפערט: דאָס געזעץ פון זייערע עלטערן. און אַז מען האָט זיי דערנאָך געפרעגט, פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי פרייהליך געשטימט, וויבאַלד אַז זיי וועלען דאָך מוזען שטאַרבען — האָבען זיי דערקלערט, אַז נאָכ'ן טויט וועלען זיי בעקומען אַ גרעסער'ן שכר.

4. ווייל דער קעניג איז איבער דער מעשה שטאַרק אין כעס געוואָרען, דעריבער איז פאָרגעקומען אַ בעסערונג אין זיין קראַנקהייט, אַזוי אַז ער האָט אַליין געקאָנט זיין אין אַ פאָלקס-פערזאַמלונג, וואו ער האָט אין אַ לאַנגער רעדע בעשולדיגט די יונגע לייט פאַר חלול-הקודש און האָט געטענ'עט, אַז זיי האָבען מעהר ניט געמאַכט אַן אויסרייד, אַז זיי ווילען שיצען דאָס געזעץ, אין דער אמת'ען אָבער גייהען זייערע פלענער ווייטער. און ער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי בעשטראָפען, ווי פאַר אַ חלול השם. אָבער היות ווי דאָס פאָלק האָט מורא געהאַט, עס זאָלען ניט ווערען אריינגעמישט קיין סך מענשען אין דער אונטערזוכונג, דעריבער האָט עס געבעטען צוערשט, אַז ער זאָל בע-שטראָפען בלויז די אויפטוער, און דערנאָך, אַז ער זאָל בעשטראָפען נאָר די, וואָס מען האָט געכאַפּט ביים האַנד בשעת מעשה, אָבער די איבעריגע זאָל ער מוחל זיין. דער קעניג, וואָס האָט נאָר זייער ניט גערן נאָכגעגעבען, האָט געהייסען פערברענען לעבעדיגערהייד די, וואָס האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אויף די שטריק, און אויך די געלעהרנטע; די אַנדערע אַרעסטירטע האָט ער איבער-געגעבען דעם תליון, ער זאָל זיי טויטען.

5. זינט יענער צייט האָט די קראַנקהייט אָנגעכאַפּט זיין גאַנצען גוף און האָט אַרויסגעוויזען אין די בעזונדערע אברים בעזונדערע חולאת'ן. דער פיבער איז אמת געווען נים שטאַרק, אָבער אויפ'ן גאַנצען גוף האָט הורדוס געפיהלט אַ מין אומדערטרעגליכע בייסעניש, און אין די געדערים — בעשטענדיגע ווייה־טאָגען. אויף די פיס האָט זיך בעוויזען אַ געשווילעכץ, ווי ביי וואַסערזיכטיגע, אין אונטערלייב אַן אַנטצינדונג און דערביי אַ פוילענדיגער געשוויר, וואו עס האָבען זיך געפונען ווערים. חוץ דעם האָט איהם געמאַטערט דאָס, וואָס איהם איז געווען שווער צו אָטעמען, אַזוי אַז איהם איז געווען שווער צו ליגען, און אַ קראַמף איז געלעגען אין אַלע זיינע גלידער. די וואָהר־זאָגער האָבען דערקלערט, אַז די קראַנקהייט איז אַ שטראָף פאַר'ן הרג'ען די געלעהרנטע.

נאָר הגם ער האָט געהאַט אויסצושטייהן אַזוי פיעל יסורים, פונדעסטוועגען האָט ער זיך מיט אַלע כוחות געהאַלטען פאַר'ן לעבען, האָט געהאָפט, אַז ער וועט נאָך געזונט ווערען, און האָט געטראַכט וועגען רפואות. און באַלד האָט ער געהייסען, מען זאָל איהם אַריבערטראָגען אויף יענער זייט ירדן, בכדי דאָרט צו געברויכען די וואַרימע קוואַלען פון קאַליראָע [1], וואָס זייער וואַסער פליסט אַריין אין ים המלח און איז אַזוי זיס, אַז מען קאָן עס אויך טרינקען. דאָרט האָבען די דאָקטוירים געהאַלטען פאַר אַ תרופה, ער זאָל באָדען דעם גאַנצען גוף אין וואַרימע אייל. אָבער ווי נאָר מען האָט איהם אַריינגעלייגט אין וואַנע, וואָס איז געווען פול מיט אייל, איז איהם געוואָרען שוואַרץ פאַר די אויגען, און ער האָט זיי פערדרייהט, ווי אַ מענש, וואָס האַלט ביים שטאַרבען. נאָר דער געשריי, וואָס זיינע איבערגעשראָקענע דיענער האָבען אויפגעהויבען, האָט איהם ווידער געבראַכט צו זיך. איצטער האָט ער זיך אַליין שוין אָבגע־זאָגט פון דער האָפענונג ווען עס איז צו ווערען געזונט, און האָט געהייסען שיינקען די סאָלדאַטען איטליכען צו 50 דראַכמעס און די אָפיצירען און זיינע גוטע פריינד נאָך אַ סך גרעסערע מתנות אין געלד

6. און אַז ער איז צוריקצו־וועגס אָנגעקומען אין יריחו, האָט איהם אָנ־געכאַפּט די שוואַרצע גאַל. און אַזוי ווי ער וואָלט נאָך סטראַשען דעם טויט גופא, האָט ער אָבגעטאָן אַ מורא'דיגע מעשה. ער האָט געהייסען צונויפרופען אַלע חשוב'סטע מענשען פון גאַנץ מלכות־יהודה פון די בעזונדערע שטעדט און איינשליסען זיי אינ'ם בנין, וואָס ווערט אָנגערופען היפּאָדראָם [2]. דערנאָך האָט ער גערופען צו זיך זיין שוועסטער שלומית און איהר מאַן אַלעקסאַס און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „איך ווייס, אַז די אידען וועלען פייערן מיין טויט, ווי אַ פרייהליכען יום־טוב. נאָר אַנדערע וועלען מיר שוין העלפען דערצו, אַז מען

1) איצטער הייסט דער אָרט זערקא־מעין; דאָרט בעפינען זיך וואַרימע שוועבעל־קוואַלען, וואָס האָבען 61,5 גראַד וואַרימקייט.

2) היפּאָדראָם—דער פּלאַץ, וואו עס לויפען די פערד אין געוועט.

זאָל מיך בעטרויערן, און אַז איך זאָל האָבען אַ גלענצענדע לויה, אויב איהר וועט נאָר וועלען אויספיהרען מיין בעפעהל. תיכף נאָך מיין פטירה זאָלט איהר הייסען אַרומרינגלען די אַיינגעשפּאַרטע מענשען דורך סאָלדאַטען און באַלד זיי טויטען, בכדי גאַנץ מלכות-יהודה און איטליכע איינציגע פאַמיליע זאָל בעוויינען מיין טויט קעגען זייער אייגענעם ווילען".

7. באַלד נאָכדעם זיינען אָנגעקומען פון די שלוחים, וואָס האָבען זיך געפונען אין רוים, בריעף, וואָס האָבען מודיע געווען, אַז אַקמע איז בעשטראָפט געוואָרען מיט טויט אויפ'ן קיסרס בעפעהל, און אַז אַנטיפּטר איז פער'משפט געוואָרען צום טויט; נאָר, איז ווייטער געזאָגט געוואָרען אין די בריעף, אויב דער פאָטער וויל בעסער פערשיקען איהם אָנשטאָט דעם, האָט דער קיסר גאָר נישט קעגען דעם.

אויף אַ קורצער צייט האָט הורדוס ווידער ארויסגעוויזען אַ ביסעל לעבענסמוט. נאָר אַז באַלד נאָכדעם האָבען איהם ווידער אָנגעהויבען מאַטערן די יסורים,—ער האָט ניט געקאָנט נעמען צו זיך קיין שפּייז און האָט שטאַרק געהוסט,—האָט ער בעשלאָסען צו פערגיכערן דעם סוף. ער האָט גענומען אַן עפּעל און געבעטען דערצו אַ מעסער, בכדי ווי געוויינהנטליך צו צעשניידען דעם עפּעל, איידער איהם אויפצועסען. דעמאָלט האָט ער זיך אַרומגעקוקט, טאָמער וועט איהם עמיצער שטערען, און האָט אויפגעהויבען זיין רעכטע האַנד, בכדי זיך צו דערשטעכען. נאָר תיכף איז זיין פלימעניק אַחיאָב צוגעלאָפען צו איהם, האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנד און ניט דערלאָזט איהם זיך הרג'ען.

איצט האָט זיך אין פּאַלאַץ אויפגעהויבען אַ מורא'דיגער געשריי און געיאָמער, אַזוי ווי דער קעניג וואָלט שוין געווען געשטאָרבען. ווי נור אַנטיפּטר האָט דערהערט, האָט ער ווידער געמאַכט זיך האַרץ און פולער פרייד האָט ער אָנגעהויבען זיך בעטען ביי זיינע וועכטער, זיי זאָלען פאַר אַ געלד-מתנה אַראָבנעמען פון איהם זיינע קייטען און לאָזען איהם אַנטלויפען. נאָר דער קאָמענדאַנט פון דער וואַך האָט גאָר קיין חשק ניט געהאַט מסכים צו זיין דערצו, אַדרבה, ער איז געלאָפען צום קעניג און האָט איהם געגעבען צו וויסען וועגען כּרוב איהם אונטערצוקויפען. מיט אַ שטים, וואָס איז געווען ניט-געוויינליך שטאַרק אין פערגלייך מיט זיין קראַנקען צושטאַנד, האָט הורדוס אויסגעשריען און געשיקט תיכף עטליכע סאָלדאַטען, בכדי צו טויטען אַנטיפּטר'ן. זיין טויטען קערפּער האָט ער געהייסען בעגראָבען אין הורקניון. דערנאָך האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעמאַכט זיין צוואה און האָט אַריינגעשריבען פאַר'ן קרוין-יורש זיין עלטסטען זוהן אַרכילויס'ן, אַנטיפּס'עס ברודער, און אַנטיפּס'ן גופא האָט ער בעשטימט פאַר אַ טעטראַרך.

8. אין פינף טעג אַרום נאָך זיין זוהנס טויטונג איז געשטאָרבען אויך הורדוס. זינט ער האָט פערכאַפּט די ממשלה דורך ערמאָרדען אַנטיגנוס'ן, זיינען פאַרבייגעגאַנגען 34 יאָהר, און זינט די רוימער האָבען איהם בעשטימט פאַר אַ קעניג,—37 יאָהר. פון אויסוויינינג איז כּמעט ניט געווען אַזאַ בר-מזל, ווי הורדוס,

וואָרום פון הויז אויס אַ פּריוואַט־מענש, האָט ער אַריינגעכאַפּט אַ קינינגרייך און געקאָנט עס איבערלאָזען בירושה זיינע קינדער. נאָר אין פאַמיליען־לעבען האָט איהם געטראָפען איין אומגליק נאָכ'ן אַנדערן.

איידער דער חייל האָט נאָך דערוואוסט זיך וועגען הורדוס'עס טויט, איז שלומית אַוועק מיט איהר מאַן און האָט פרייגעלאָזט די געפאַנגענע, וואָס דער קעניג האָט געהייסען אומברייננגען זיי; זי האָט דערציילט, אַז דער קעניג זאָל כלומר'שט האָבען אומגעביטען זיין החלטה און געהייסען אָבשיקען די אַלעמען אַהיים. נאָכדעם ווי יענע זיינען אַוועק, האָט זי איבערגעגעבען די סאָלדאַטען די גאַנצע מעשה און האָט זיי צונויפגערופען אינאיינעם מיט'ן איבעריגען פאָלק אין אַמפּיטעאַטער פון יריחו. דאָרט איז אַרויסגעטראָטען תלמי, וואָס איהם האָט הורדוס אָנגעטרויט זיין זיגעלרינג, האָט געבענשט דעם קעניג, געטרייסט דאָס פאָלק און איבערגעלייענט דעם בריעף, וואָס דער קעניג האָט געלאָזען צו די סאָלדאַטען, בכדי זיי אָנצוזאָגען, זיי זאָלען זיין געטריי זיינע יורשים. איבערגעלייענט דעם בריעף, האָט תלמי אויפגעעפענט די צוואה און בעקאַנט געמאַכט דעם אינהאַלט דערפון. פיליפוס איז בעשטימט געוואָרען צו זיין דער יורש פון טרכונא און פון די לענדער, וואָס גרעניצען זיך מיט איהר, אַנטיפּס — ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרען, פאַר אַ טעטראַרך, און אַרכילויס — פאַר אַ קעניג. דעם לעצטען איז איבערגעגעבען געוואָרען די שליחות [illegible] בריינגען הורדוס'עס זיגעלרינג און אַלע פּאַפּירען וועגען דער מלוכה־פערוואַלטונג צום קיסר: וואָרום דער קיסר האָט צו זאָגען דאָס לעצטע וואָרט איבער אַלע בעשטימונגען פון דער צוואה, און ער מוז עס פריהער בעשטעטיגען. אין איבעריגען זאָל אַלץ בלייבען, ווי פריהער איז געוואָרען איינגעשטעלט.

9. תיכף האָט מען אַרכילויס'ן בעגריסט בקול רם. איינער נאָכ'ן אַנדערן זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי איהם די סאָלדאַטען אינאיינעם מיט'ן פאָלק, האָבען געשוואָרען צו זיין איהם געטריי און געבעטען גאָטס גענאָד אויף איהם. דערנאָך האָט מען געמאַכט הכנות צוליעב דעם קעניגס לויה. אַרכילויס האָט קיין הוצאות ניט געקאַרגט, און בכדי די לויה זאָל אויסקומען וואָס גרויסאַרטיגער, האָט ער געלאָזט בעווייזען די גאַנצע קעניגליכע צירונג. די מטה איז געוועזען אינגאַנצען בעזעצט מיט גאָלד און אבנים טובות, די דעקטוך — פון בונט אויסגעהאַפטען פורפור־געוואַנט, און דער בר־מינן, וואָס איז געלעגען אויף איהר, איז אויך געוועזען אַיינגעהילט אין אַ פורפור־קליידונג. אויף זיין קאָפּ איז געלעגען די קעניגליכע דיאַדעם, און איבער איהר אַ גאָלדענע קרוין, און אין דער רעכטער האַנד האָט ער געהאַלטען די גאָלדענע רוט. אַרום דער מטה זיינען געגאַנגען דעם קעניגס זיהן און זיינע איבעריגע קרובים; דערנאָך זיינען געגאַנגען די סאָלדאַטען פון דער לייבוואַך, די טראַקישע אָבטיילונג, די גערמאַנען און די גאַליער, אַלע אין זייער גאַנצער קריגס־בעוואָפענונג. פון פאָרענט איז געגאַנגען דער איבעריגער טייל פון חייל אונטער דער פיהרונג פון זייער הויפט־לייט, אויך אין גאַנצען קריגספוץ, און הינטער דעם צוג — 500 דיענער

און פריי־געלאָזענע, וואָס האָבען געטראָגען טייערע געווירצען. אַזוי האָט מען געטראָגען דעם בר־מינן 200 סטאַדיעס וויט קיין הורדיון, וואו מען האָט איהם מקבר געווען, לויט דעם פערשטאָרבענעמס בעפעהל. דאָס איז געווען הורדוס'עס סוף.

# אינהאלט:

ווי אזוי ארכילויס האָט נאָך דער טרויער־צייט אויף זיין פאָטער און נאָך דער סעודה פאַר׳ן פאָלק צוגעזאָגט דעם לעצטען צו ערפילען אלע זיינע פאָדערונגען.

ווי אזוי ער האָט געלאָזט טויטען אַ סך פון די, וואָס האָבען בעקלאָגט די געלעהרטע, וואָס זיינען געוואָרען פער׳משפט צום טויט פאַר׳ן צעשטערען דעם גאָלדענעם אָדלער, און וואָס האָבען צוגעגרייט אַ מרידה קעגען איהם, צווישען זיי בעזונדערס די, וואָס האָבען זיך געהאַט צונויפגע־קליבען פסח־צייט.

ווי אזוי סאַבינוס, גייהענדיג קיין ירושלים, האָט אָנגעטראָפען אונטערוועגס ארכילויס׳ן, וואָס איז געפאָהרען קיין רוים, און אויף וואַרוס׳עס פאָדערונג האָט ער זיך ווידער אומגעקעהרט, נאָר דערנאָך, אַז וואַרוס איז אָבגעפאָהרען, איז ער ווייטער אוועק אהין און האָט געוואָלט פערהאַפען דעם קיניגליכען שלאָס און די גאַנצע געלד, נאָר דאָס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען.

ווי אזוי אַנטיפּס האָט געשטריטען מיט ארכילויס׳ן וועגען דער קיניגליכער ממשלה, און וואָס איטליכער פון זיי האָט געטענ׳עט.

ווי אזוי סאַבינוס איז געקומען קיין ירושלים און לאָ די וואָס ער האָט איבערגעוואָלד צונויפגעקליבען די אָבצאָהלונגען, נאָר ער האָט אויך געגישטערט אין די קיניגליכע אוצרות. דעמאָלט האָט דאָס פאָלק זיך צונויפגעקליבען און איז אויפגעשטאַנען קעגען איהם, אזוי אַז די מרידה האָט אַרומגעהאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד יהודה.

וועגען די מורדים אין מלכות־יהודה און וועגען די וואָס האָבען אַרויפגעלייגט אויף זיך די קיניגליכע קרוין.

ווי אזוי וואַרוס איז געקומען, האָט דערשטיקט די מרידה און בעשטראָפט די אויפטוער.

ווי אזוי די אידען זיינען אוועק צום קיסר, האָבען אָנגעקלאָגט הורדוס׳ן און זיינע זיהן און האָבען פערלאַנגט, אַז זיי זאָלען זיך ניט מעהר געפינען אונטער דער ממשלה פון מלכים. ווי אזוי ארכילויס האָט צו נישט געמאַכט זייערע טענות.

ווי אזוי דער קיסר האָט אָבגעגעבען ארכילויס׳ן די העלפט פון דער מלוכה און בעשטימט איהם פאַר אַן עטנארך, און דעם רעשט האָט ער צעטיילט אויף צוויי טעטראַרכיעס, וואָס איינע פון זיי האָט ער אָבגעגעבען פיליפוס׳ן און די אנדערע אַנטיפּטר׳ן, וואָס ווערט אויך אָנגערופען אַנטיפּס און הורדוס. וואָס האָט דער קיסר געגעבען די איבעריגע יורשים הורדוס׳עס.

וועגען פאַלשען אלכסנדר׳ן, און ווי אזוי מען האָט בעוויזען זיין פאַלשקייט.

ווי אזוי ארכילויס האָט אין ניינטען יאָהר פון זיין רעגירונג אָנגעוואָהרען זיין טראָן און פערמעגען און איז פערשיקט געוואָרען אויף אַ לאַנגער צייט. זיינע און זיין ווייבס חלומות. זיין מלוכה ווערט פערוואַנדעלט אין אַ פּראָווינץ און אוועקגעשטעלט אונטער דער ממשלה פון אַ פּראָקו־ראַטאָר (רוימישען פערוואַלטער).

וועגען יהודה הגלילי, וואָס האָט אויפגערייצט זיינע לאַנדס-לייט צו אַ מרידה, און וועגען די דריי אידישע כּתות, די צדוקים, פּרושים און איסיים.

דער טויט פון הורדוס'עס שוועסטער שלומית און פונ'ם קיסר אווגוסטוס. טיבעריוס שטייגט ארויף אויפ'ן טרוין. וואָסערע שטעדט עס האָבען בעגרינדעט די טעטראַרכען הורדוס און פיליפּוס.

ווי אזוי פּילאַטוס, דער פּראָקוראַטאָר פון מלכות-יהודה, האָט געהייסען ברייגגען דעם קיסר'ס בילדער קיין ירושלים, נאָר אין גיכען האָט ער זיי ווידער ארויסגעפיהרט פון שטאָדט, ווייל דאָס פאָלק האָט איהם שטארק געבעטען וועגען דעם. ווי אזוי ער האָט געוואָלט נעמען דעם אוצר פון בית-המקדש צוליעב בויען אַ וואסערלייטונג, נאָר דורכדעם האָט ער ארויסגערופען אַ מרידה צווישען פאָלק און האָט אויסגע'הרג'עט אַ סך אידען.

ווי אזוי אַגריפּס, דער זוהן פון אריסטאָבול'ן, וואָס הורדוס האָט איהם געטויט אינאיינעם מיט זיין ברודער, איז אוועק צו טיבעריוס'ן, בכדי אָנצוקלאָגען הורדוס'ן. נאָר לא די וואָס דער קיסר האָט איהם אָבגעזאָגט, נאָר מען האָט איהם נאָך צריינגעוואָרפען אין תּפיסה און בעהאנדעלט איהם שלעכט, מחמת ער האָט געוואונשען, אז גאיוס זאָל ווערען קיסר.

ווי אזוי מען האָט איהם פרייגעלאָזט נאָך טיבעריוס'עס טויט, און נאָכדעם ווי גאיוס איז ארויף אויפ'ן טרוין, האָט ער בעקומען דעם פערשטאָרבענעם פיליפּוס'עס טעטראַכיע און אויך די טעטראַרכיע פון יענעם ברודער הורדוס'ן, וואָס איז אינאיינעם מיט זיין פרוי הורדיה (הערודיאַס) פערשיקט געוואָרען קיין הישפּאַניען פאַר זיין געלדגיריקייט און, ווייל אַגריפּס האָט איהם פער'מסר'ט.

ווי אזוי גאיוס האָט געשיקט פּעטראָניוס'ן קיין מלכות-יהודה, בכדי אוועקצושטעלען זיין סטאַטוע אין בית-המקדש, און ווי אזוי כמעט אלע איד'ן זענען ארויסגעגאנגען אנטקעגען פּעטראָניוס'ן ביז עכּו און האָבען זיך געבעטען ביי איהם, ער זאָל עס ניט טון. די בעשרייבונג פון עכּו און פונ'ם טייך בעלעאוס (בעלוס). וועגען מעמנאָנס מצבה און דעם גלאָז-זאמד. ווי אזוי מען האָט געפּועל'ט ביי פּעטראָניוס'ן, ער זאָל מסכּים זיין ניט אוועקצושטעלען די סטאַטוע.

ווי אזוי נאָך גאיוס'עס טויט איז קלאַוודיוס געקומען צו דער רעגירונג, נאָכדעם ווי דער סענאַט האָט מיט איהם שלום געמאַכט לויט אַגריפּס'עס עצה. ווי אזוי קלאַוודיוס האָט אָבגעגעבען אַגריפּס'ן זיין פאָטערס גאַנצע מלוכה און האָט נאָך מוסיף געווען אַנדערע חלקים ערד, און אַגריפּס'עס ברודער, וועלכער איז אויך געווען זיין איידעם, האָט ער בעשטימט פאַר'ן קעניג פון כאַלקיס.

ווי אזוי אַגריפּס, וואָס האָט אָנגעהויבען צו בעפעסטיגען ירושלים, איז געשטאָרבען, און זיין מלוכה איז ווידער געוואָרען אַ פּראָווינץ אונטער דער פערוואַלטונג פון פּראָקוראַטאָרען. ווי אזוי עס איז באַלד נאָכדעם געשטאָרבען אויך הורדוס, דער קעניג פון כאַלקיס, און קלאַוודיוס האָט אָבגעגעבען זיין מלוכה זיין פּלימעניק אַגריפּס'ן, אַגריפּסע'ס זוהן. דאָס זיינען געווען אריסטאָבול'ס יורשים, אַלעכּסנדר'ס יורשים האָבען געהערשט אין גרויס-ארמעניען.

ווי אזוי עס איז אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד אין ירושלים אין דער צייט פונ'ם פּראָקוראַטאָר קומאַנוס איבער דעם חוצפּה'דיגען אויפפיהר פון אַ סאָלדאַט, און דערביי זיינען אומגעקומען אַן ערך 10 000 אידען. נאָכדעם ווי די דאָזיגע מרידה איז דערשטיקט געוואָרען, איז אויסגעבראָכען נאָך איינע, מחמת אַ סאָלדאַט אין שומרון האָט פערברענט אַ ספר-תּורה.

ווי אזוי עס איז ווידער ארויסגעקומען אַ גרויסע מחלוקת מחמת דעם, וואָס די שומרונים האָבען דער'הרג'עט אַ גלילי, און ווי אזוי קלאַוודיוס האָט איינגעשטעלט שלום. קלאַוודיוס פיהרט אריבער אַגריפּס'ן פון כאַלקיס אין אַ גרעסערן קיניגרייך.

ווי אזוי נירון איז נאָך קלאַוודיוס'עס טויט געוואָרען קיסר. ער האָט איבערגעגעבען די ממשלה איבער קליין-ארמעניען הורדוס'עס זוהן אריסטאָבול'ן, האָט מוסיף געווען צו אַגריפּס'עס

לאנד נאך פיער שטעדט מיט זייער סביבה, און דעם איבעריגען טייל פון מלכות־יהודה האט ער אוועקגעשטעלט אונטער דער ממשלה פונ'ם פראקוראטאר פעליקס, וואס האט געהייסען קרייציגען א סך פערברעכער און דעם רויבער־הויפט־מאן אלעזר'ן, וואס האט בעאומרוהיגט דאס לאנד צוואנציג יאהר, האט ער אבגעשיקט א געשמידטען אין קייטען קיין רוים.

וועגען די אזוי אנגערופענע סיקאריער (סיקריקון), פאלשע נביאים און אויפטוער פון מרידות. וועגען דער מחלוקת צווישען אידען און גריכען אין קיסריה. וועגען דער בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג, און ווי אזוי ביידע צדדים האבען געשיקט דעפוטאציעס צו נירונ'ען, בכדי צו פערטיידיגען זייערע רעכט.

וועגען דעם פראקוראטאר אלבינוס'ן, וואס איז געווארען נאך פעסטוס'ן, און וועגען זיין רשעות; אין פערגלייך מיט פלארוס'ן, וואס איז געווען נאך איהם, איז ער געווען א מוסטער פון ערליכקייט.

ווי אזוי די גריכען פון קיסריה האבען געפועל'ט ביי נירונ'ען אז זיי זאלען ווערען אנערקענט פאר די בעלי־בתים פון דער שטאדט, און דערנאך האט זיך אנגעהויבען די אידישע מלחמה, פון איין זייט ווייל אן איינוואוינער פון קיסריה האט געבראכט פאר קרבנות פויגלען אין א טאפ, און פון דער אנדער זייט דערפאר, ווייל פלארוס האט געהייסען ארויסנעמען פון אוצר פון בית־המקדש 17 טאלענטען

וועגען אגריפס'עס שוועסטער בערעניקע און וואס מיט איהר האט געטראפען.

ווי אזוי פלארוס האט ווידער פונאנדערגעבלאזען די מרידה, וואס איז שוין געווען איינבעלאשען, מחמת ער האט בעפוילען די אידען, זיי זאלען גייהן אנטקעגען די סאלדאטען און זיי בעגריסען, און די סאלדאטען, פערקעהרט, האט ער געהייסען ניט צו ענטפערען אויף דער בעגריסונג, און ווי נאר זיי וועלען הערען אומצופרידענע רייד, זאלען זיי תיכף געברויכען בעוועהר.

ווי אזוי פלארוס האט פערלאזען די שטאדט און אבגעגעבען א בעריכט וועגען דער מרידה פון די אידען קיסטיוס'ן, וועלכער האט באלד געשיקט דעם טריבון נעאפאליטאנוס'ן אויסצופארשען דעם ענין, ווי אזוי נעאפאליטאנוס און אגריפס זענען אריין אין שטאדט און האבען געפונען, אז די אידען ווילען מאכען שלום מיט די רוימער, נאר זיי בעקלאגען זיך שטארק אויף פלארוס'ן. דערנאך איז נעאפאליטאנוס אוועק צו דעם, וואס האט איהם געשיקט, און דער קעניג האט צוגערעדט דעם פאלק, עס זאל זיך פערהאלטען רוהיג.

נאכדעם ווי אגריפס האט איינגעשטעלט די אויפרעגונג פון די אידען און האט געפרובט אויך שלום מאכען צווישען זיי מיט פלארוס'ן, זיינען די אידען אריין אין כעס און האבען געלאזט אנזאגען אגריפס'ן מיט א שליח מיוחד, ער זאל ארויס פון שטאדט. ווי אזוי זיי האבען דערנאך אריינגעחאפט די פעסטונג מצדה, נאכדעם ווי זיי האבען אויסגעקוילעט דעם רוימישען גארניזאן פון דארט.

ווי אזוי מען האט, בשעת אלעזר דער זוהן פונ'ם כהן גדול חנניה, איז געווען דער הויפטמאן איבער דער וואך פון בית־המקדש, צוריק אבגעשיקט די קרבנות, וואס מען האט בעדארפט ברייגגען פאר'ן קיסר, און דורכדעם האט מען נאך מעהר פונאנדערגעבלאזען דעם קריג.

ווי אזוי די מיוחס'דיגע לייט האבען געשיקט שלוחים צו אגריפס'ן און האבען בעקומען פון איהם א חייל, וואס זיי האבען איהם אויסגענוצט קעגען אלעזר'ן און זיין אבטיילונג מורדים. וועגען יום טוב פונ'ם קרבן־העצים און וועגען די סיקאריער.

ווי אזוי מנחם, דער זוהן פון יענעם יהודה הגלילי, וואס האט אנומעלס אויפגערייצט דאס פאלק קעגען קווירינוס'ן, איז אויפגעשטאנען קעגען אלעזר'ן, און ווי אזוי ער מיט זיינע אנהייגער

און דעם קיניגס אלע מענשען זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען דורך אלעזר'ס מענשען.

ווי אזוי דאָס גאנצע אידישע פאָלק איז אויפגעשטאנען, נאָכדעם ווי די איינוואוינער פון קיסריה האָבען אויסגע'הרג'עט אלע זייערע אידישע בירגער, און האָט אבגעטאָן אכזריות'דיגע מעשים אין סיריען און אין די דערביי־איגע געגענדען.

ווי אזוי די איינוואוינער פון סקיטאָפאָליס (בית־שאן) האָבען אויך אויסגע'הרג'עט די אידישע בירגער. אַ מעשה וועגען אַ געוויסען שמעון'ען, וואָס האָט געטויט זיין גאנצע פאַמיליע און זיך אליין. ווי אזוי די גריכען האָבען אומעטום אויסגע'הרג'עט אידען.

ווי אזוי איינצעגע גריכען האָבען פערשוינט די אידען, וואָס האָבען ביי זיי געוואוינט, און ווי אזוי אין אגריפּס'עס מלוכה זיינען די אידען דער'הרג'עט געוואָרען אָהן זיין וויסען.

ווי אזוי די אידען זיינען אָהן רחמנות געטויט געוואָרען אויך אין אנדערע ערטער, און די אלכּסנדרינער אליין האָבען אויסגעקוילעט 50 000 אידען.

וואָס פאַר אַ צרות קיסטיוס האָט אָנגעטאָן, גייענדיג פון אנטיוכיה קיין ירושלים, וויפיעל שטעדט ער האָט איינגענומען און וויפיעל מענשען ער האָט געהייסען טויטען. ווי אזוי די אידען זיינען אָנגעפאַלען אויף איהם, בשעת ער האָט זיך דערנעהנטערט צו ירושלים, און האָבען אויסגע'הרג'עט אַ סך רוימער, נאָר דערנאָך זיינען זיי געוואָרען געשלאָגען און האָבען זיך צוריקגעצויגען אין שטאָדט; שמעון בר גיורא האָט נאָך אויסגע'הרג'עט אַ סך רוימער.

ווי אזוי אגריפּס האָט געפּרובט פיהרען אונטערהאנדלונגען וועגען שלום מיט די אידען, נאָר ער האָט גאָרנישט ניט אויסגעפיהרט, ווייל די מורדים זיינען געווען קעגען שלום.

ווי אזוי קיסטיוס איז אונגעריכטערהייד אָנגעפאַלען אויף די אידען און האָט בעלעגערט די אינעווייניגסטע שטאָדט און דעם בית־המקדש. דערנאָך, הגם ער האָט געקאָנט איינעמען די שטאָדט, פונדעסטוועגען איז ער אָבגעטראָטען צוריק, ווייל דער קאָמענדאנט פונ'ם לאַגער און די רייטער־הויפּטלייט, וואָס פלאָרוס האָט זיי געהאַט אונטערגעקויפט, האָבען איהם געגעבען אַן עצה, ער זאָל אזוי טון. ווי אזוי קיסטיוס האָט נאָכדעם ווידער אָנגעהויבען די בעלעגערונג, נאָר באַלד איז ער ווידער אַמאָל צוריק אָבגעטראָטען.

ווי אזוי קיסטיוס האָט אומפאָרזיכטיג אָבגערוקט זיין לאַגער פון דער שטאָדט, און וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטייהן פון די אידען, בשעת ער איז אָבגעטראָטען צוריק.

ווי אזוי די איינוואוינער פון דמשק האָבען אויסגע'הרג'עט די אידישע בירגער פון דער דאָזיגער שטאָדט און ווי אזוי די אידען, וואָס האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון נאָכצויאָגען קיסטיוס'ן, האָבען אָנגעווענדט זייער אויפמערקזאמקייט אויף צו בעפעסטיגען די שטאָדט און האָבען אויסגעקליבען נאָך אָנפיהרער, צווישען דעם אויך דעם מחבר פון דער דאָזיגער געשיכטע.

וואסערע הכנות יוסף האט געמאכט אין דער געגענד, וואס מען האט איהם איבערגעגעבען.

וועגען יוחנן, וואס האט זיך ארויסגעוויזען שפּעטער פאר א טיראן. זיינע אינטריגעס קעגען יוסף'ן.

וואס איז פארגעקומען אין ירושלים אונטער חנן'ס פערוואלטונג און וואס האט אויפגעטאָן שמעון בר גיורא אין דער געגענד עקרבתא.

# ערשטער קאַפּיטעל.

דער אָנהויב פון אַרכילויס'עס קיניגען. — די מרידה אין ירושלים און איהר איינשטילונג.

1. אַ געלעגענהייט צו נייע אומרוהען האָט געגעבען די נסיעה, וואָס אַרכילויס האָט אונטערגענומען קיין רוים. נאָכדעם ווי ער האָט בעקלאָגט זיין פאָטער זיבען טעג און האָט געמאַכט פאַר'ן פאָלק אַ סעודה, וואָס האָט אָבגעקאָסט אַ סך געלד — דער מנהג צו מאַכען פאַר די אבלים אַ סעודה שטעלט אַ סך אידען בדלות, וואָרום מען רעכענט דאָס פאַר אַ מוז-זאַך, בכדי אָבצוגעבען כבוד דער געדעכעניש פונ'ם פערשטאָרבענעם — האָט ער אָנגעטאָן ווייסע קליידער און איז אַוועק אין בית-המקדש, וואו דאָס פאָלק האָט איהם בעגריסט מיט אַ סך ברכות. דערנאָך האָט ער זיך געזעצט אויף אַ גאָלדענעם שטול, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכער בימה, האָט בעגריסט דאָס פאָלק און געדאַנקט איהם פאַר'ן אָנטיילנעמען אין זיין פאָטערס לויה און פאַר'ן בעגריסען איהם אַזוי ווי ער וואָלט שוין געווען אַ קעניג. נאָר, האָט ער ווייטער גערעדט, ער זאָגט זיך אָב דערווייל ניט בלויז פון אויסצופיהרען זיין מאַכט אַלס מושל, נאָר אויך פונ'ם טיטעל, ביז וואַנען דער קיסר וועט בעשטעטיגען די צוואה, דעריבער האָט ער, אַרכילויס, ניט געוואָלט אָנגעמען אין יריחו דעם דיאַדעם, וואָס די סאָלדאַטען האָבען געוואָלט אַרויפלייגען אויף זיין קאָפּ. איבעריגענס, דערפאַר, וואָס דער חייל און דאָס פאָלק האָבען איהם אַרויסגעוויזען אַזאַ געטריישאַפט און איבערגעבענקייט, וועט ער זיי שוין אָבדאַנקען ווי געהעריג, ווינאָר דער קיסר וועט איהם אָנערקענען פאַר אַ ריכטיגען קעניג. וואָרום די גרעסטע מיה וועט ער זיך געבען אַרויסצוווייזען זיך אין אַלע פרטים לייטזעליגער צו זיין פאָלק, איידער זיין פאָטער הורדוס איז געווען.

2. פול פרייד איבער דער דאָזיגער הבטחה, האָט דאָס פאָלק געוואָלט איהם באַלד אויספּרובען, צי זיין מיין איז טאַקע אַן ערנסטער, און מען האָט אָנגעהויבען צו שטעלען איהם הויכע פאָדערונגען. איינע האָבען געפאָדערט, מען זאָל פערגרינגערן די שטייערן, אַנדערע — מען זאָל מבטל זיין די גרעניץ-אָבצאָהלונגען, ווידער אַנדערע — מען זאָל פריי לאָזען די געפאַנגענע. בכדי זיך צו מאַכען בעליעבט ביים פאָלק, האָט אַרכילויס צוגעזאָגט אַלצדינג. דערנאָך האָט ער געבראַכט קרבנות און געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר זיין סוויטע.

אָבער קעגען אָבענד האָט זיך צונויפגעקליבען אַ גאַנץ בעדייטענדע מאַסע אומצופרידענע, וואָס האָבען בעקלאָגט די יעניגע, וואָס הורדוס האָט זיי גע-

הייסען טויטען פאר'ן צעשטערען דעם גאָלדענעם אָדלער, וואָס איז געווען אוועקגעשטעלט איבער'ן טויער פון בית־המקדש. נאָכדעם ווי דער עפענטליכער טרויער איבער'ן קעניג איז געענדיגט געוואָרען, האָבען זיי גערעכענט פאַר נויטיג אויסצודריקען זייער אייגענעם טרויער. די שטאָדט איז פול געוואָרען מיט אַ טרויער, וואָס איז ניט געווען קיין אָנגעשטעלטער, קיין געמאַכטער; דאָס איז געווען אַ געוויין, וואָס האָט געקאָנט אַ שטיין ריהרען, אַ יאָמער פון טיעפען האַרצען איבער די מענער, וואָס האָבען אָבגעגעבען זייער לעבען פאַר דאָס געזעץ פון די עלטערן און פאַר'ן בית־המקדש, ווי מען האָט זיך אויסגעדריקט. און מען האָט געשריען: פאַר זייער טויט מוז מען זיך נוקם זיין אָן די, וואָס הורדוס האָט זיי געגעבען הויכע שטעלעס. פריהער פון אַלעמען מוז זיך אָבזאָגען פון זיין שטעל דער כהן גדול, וואָס ער האָט אוועקגעשטעלט, און מאַכען אַן אָרט פאַר אַ פרומערן און כשר'ערן מענשען.

3. הגם אַרכילויס איז דעריבער שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען, פונדעסט־וועגען האָט ער זיך נאָך דערווייל אָבגעהאַלטען פון אָנצוווענדען שטראָף־מיטלען, מחמת ער האָט זיך געאיילט אָבצופאָהרען. ער האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט ער אַיינרייסען מיט'ן פאָלק, וועט די בעוועגונג אויסוואַקסען אַזוי ווייט, אַז זיין נסיעה וועט איינגאַנצען בלייבען אָהן נוצען. דעריבער האָט ער געמיהט זיך צו בערוהיגען די אומצופרידענע מעהר דורך גוטע רייד, איידער דורך אָנווענדען געוואַלט, און האָט געשיקט אַ הויכען אָפיציר, בכדי זיי מזהיר צו זיין, זיי זאָלען זיך פערהאַלטען רוהיג. אָבער אַז יענער איז אַריין אין בית־המקדש, האָבען די מורדים געוואָרפען אויף איהם שטיינער און אַרויסגעטריבען איהם, איידער ער האָט נאָך געקאָנט אַ מויל עפענען. אויך אַרכילויס'עס אַנדערע שלוחים, וואָס זיינען געקומען נאָך דעם ערשטען, בכדי איינצושטילען די מורדים, האָבען יענע אָבגעטריבען מיט ליידענשאַפטליכע סטראַשונקעס. ס'איז געווען קלאָר, אַז אויב די מורדים וואָלטען בעקומען אונטערשטיצונג מן הצד, דעמאָלט וואָלט מען זיי שוין מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען אין צוים.

און גראָד איצט זיינען זיך צונויפגעקומען אין שטאָדט אַ סך דאָרפס־לייט לכבוד יום־טוב, ווייל ס'האָט בעדאַרפט זיין דער יום־טוב פונ'ם אומגעזייערטען ברויט, וואָס די אידען רופען איהם אָן פסח און וואָס זיי פייערן איהם דורך ברייגנען אַ סך קרבנות.

די וואָס האָבען בעקלאָגט די געלעהרנטע, האָבען זיך געהאַלטען צוזאַ־מען אין בית־המקדש, און פון דאָרט אויס האָבען זיי אונטערגעהעצט די מאַסע צו דער מרידה. דעריבער האָט אַרכילויס בעקומען שטאַרק מורא, און בכדי ניט צו דערלאָזען, אַז דער פיבער פון דער מרידה זאָל זיך פערשפרייטען איבער'ן גאַנצען פאָלק, האָט ער שטילערהייד געשיקט אַ טריבון בראש פון אַ קאָהאָרטע און האָט איהם בעפויהלען צו כאַפען די רעדעלפיהרער איבער גע־וואַלד. נאָר דער גאַנצער המון האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַנטקעגען די סאָלדאַ־טען און האָט דעם גרעסטען טייל פון זיי דער'הרג'עט מיט שטיינער. דער טריבון גופא איז געוואָרען פערוואונדעט און האָט זיך קוים מיט צרות אַרויס־

גערַאטעוועט. דערנאָך האָבען די מורדים זיך ווידער געטומען פאַר די קרבנות, אַזוי ווי עס וואָלט קיין בייז ניט פאָרגעקומען.

אַרכילויס אָבער האָט איינגעזעהן, אַז עס איז ניט מעגליך לייגער אַיינ־צוהאַלטען דאָס פאָלק אָהן בלוט־פערגיסונג. דעריבער האָט ער אַרויסגעשיקט זיין גאַנצען חייל, די פוס־סאָלדאַטען אין געשלאָסענע רייהען דורכ'ן שטאָדט און די רייטער אויפ'ן פעלד. אויף אַזאַ אופן זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען אַן ערך דריי טויזענד מענשען ביים ברייגנען קרבנות, און דאָס איבעריגע פאָלק האָט זיך צעשפרייט איבער די שכנישע בערג. דאָרט אַהין זיינען אַוועק נאָך די אַרכילויס'עס אויסרופער, וואָס האָבען אָנגעזאָגט דעם בעפעהל, אַז איטליכער זאָל זיך אומקעהרען צו זיך אַהיים. דערויף האָבען אַלע געלאָזען דעם יום־טוב אין מיטען און זיינען אַוועק.

# צווייטער קאַפיטעל.

ארכילויס פאָהרט קיין רוים, וואו זיינע קרובים קלאָגען איהם אָן פאַר'ן קיסר, נאָר זיי פיהרען גאָרנישט ניט אויס.

1. ער (אַרכילויס גופא) האָט איבערגעלאָזען פיליפוס'ן פאַר'ן פערוואַלטער איבער דער מלוכה און פאַר'ן היטער פון זיין הויז, און אַליין איז ער אַוועק צום ברעג ים אין דער בעגלייטונג פון זיין מוטער און פון זיינע גוטע פריינד פאָפּלאַס, תלמי און ניקאָלאַאָס. צוגלייך מיט איהם זיינען אָבגעפאָהרען שלומית מיט איהרע קינדער, ווייטער נאָך אַנדערע קרובים און דעם קעניגס איידעמס. לפנים האָבען זיי כלומר'שט געוואָלט אונטערשטיצען אַרכילויס'עס תביעות אויפ'ן טרון, אין דער אמת'ן אָבער האָבען זיי געוואָלט איהם פער'מסר'ן פאַר זיינע אומגעזעצליכע מעשים אין בית־המקדש.

2. אין קיסריא איז זיי געקומען אַנטקעגען סאַבינוס, דער פינאַנץ־פער־וואַלטער פון סיריען, וואָס האָט געהאַט בדעה צו גייהן קיין מלכות־יהודה, בכדי צו פערנעמען די אוצרות, וואָס הורדוס האָט געלאָזען נאָך זיך. אָבער אַרכילויס האָט געשיקט תלמי'ן צו וואַרוס'ן (דער אויבער־פערוואַלטער פון סיריען) און האָט זיך שטאַרק געבעטען ביי איהם, ער זאָל ניט לאָזען סאַבינוס'ן פאָהרען ווייטער. סאַבינוס האָט געפאָלגט וואַרוס'ן און איז ניט אַוועק באַלד אין די בעפעסטיגטע שטעדט, בכדי צו פערשליסען הורדוס'עס אוצרות, אַזוי אַז אַר־כילויס זאָל זיי ניט קאָנען בעקומען, נאָר ער האָט, פערקעהרט, צוגעזאָגט צו וואַרטען, ביז עס וועט אָנקומען דעם קיסר'ס החלטה, און איז געבליבען אין קיסריא.

אָבער ווי נאָר ס'זיינען אַוועק יענע, וואָס האָבען איהם אָבגעהאַלטען — דער איינער, וואַרוס, איז אַוועק קיין אַנטיוכיא, און דער אַנדערער, אַרכילויס, האָט זיך געזעצט אויפ'ן שיף צו פאָהרען קיין רוים — איז סאַבינוס אומגעזאַמט אַוועק קיין ירושלים, האָט פערכאַפּט דעם קעניגליכען פאַלאַץ און גערופען די קאָמענ־

דאַנטען פון די פעסטונגען און די ממונים איבער די אוצרות, בכדי צו דערגרייכען דעם סכום, וואָס געפינט זיך אין די קאַסעס, און אַריינצוכאַפּען די פעסטונגען אין זיין ממשלה. נאָר די קאָמענדאַנטען האָבען זיך געהאַלטען שטריינג פאַר ארכילויס'עס בעפעהלען און זיינען געבליבען אַלע אויף זייערע פּאָסטענס, אָנווייזענדיג דערויף, אַז זיי מוזען ענטפערן דערפאַר מעהר דעם קיסר איידער אַרכילויס'ן.

3. אין דערזעלביגער צייט האָט זיך אַנטיפּס געלאָזט אין וועג אַריין, בכדי אַרויסצושטעלען זיינע תּביעות אויף דער ירושה, מחמת ער האָט געמיינט, אַז די פריהערדיגע צוואה, וואו ער איז בעשטימט געוואָרען פאַר אַ קעניג, איז מעהר גילטיג, איידער די שפּעטערדיגע, אומגעביטענע. איבעריגענס, האָבען איהם שוין פריהער צוגעזאָגט צו אונטערשטיצען שלומית און אַ סך פון זיינע איבעריגע קרובים, וואָס זיינען געפאָהרען אינאיינעם מיט אַרכילויס'ן. בעלייט האָט איהם, חוץ זיין מוטער, ניקאָלאַאָס'עס ברודער תּלמי, וואָס זיין איינפלוס, האָט זיך איהם געדוכט, וועט האָבען אַ בעזונדערס וויכטיגע בעדייטונג, מחמת ער האָט געגעאָסען פולקום צוטרוי מצד הורדוס'ן, וואָס ער איז געווען זיין בעסטער פריינד. נאָר זיין גרעסטע האָפענונג האָט ער געלייגט אויף דער געשיקטקייט פונ'ם רעדנער אירענעאוס. פערלאָזענדיג זיך אויף איהם, האָט ער אָבגעוואָרפען אַלע עצות פון די, וואָס האָבען איהם צוגערעדט, ער זאָל אַרכילויס'ן לאָזען דעם ערשטען אָרט, וואָרום ער איז דער עלטערער און אויך אין דער צוואה איז ער בעצייכענט פאַר'ן קרוין־יורש.

נאָכדעם ווי זיי זיינען געקומען קיין רוים, זיינען די קרובים סוף־כל־סוף אַלע אַריבער אויף אַנטיפּס'עס צד; וואָרום אַרכילויס'ן האָבען אַלע פיינט געהאַט. נאָר בעסער פון אַלץ וואָלטען זיי גאָר געוואָלט אַ זעלבשטענדיגע רעגירונג אונטער דער אויבערהערשאַפט פון אַ רוימישען פּערוואַלטער; נאָר טאָמער איז דאָס ניט מעגליך, דעמאָלט איז אַנטיפּס געווען פאַר זיי דער בעסטער קעניג.

4. אויך סאַבינוס האָט דורך זיינע בריעף געהאָלפען זיי אין דער אויספיהרונג פון זייערע פּלענער: אַרכילויס'ן פלעגט ער פערמסר'ן פאַר'ן קעניג און אַנטיפּס'ן פלעגט ער בעקרוינען מיט אַלע מעלות. און נאָכדעם ווי שלומית און איהר צד האָבען אויפגעשריבען אויף אַ רייסטער זייערע איינצעלנע בעשולדיגונגען, האָבען זיי עס פאָרגעלייגט דעם קיסר. אָבער אויך אַרכילויס האָט געלאָזט אויפשרייבען די בעגרינדונג פון זיינע תּביעות און איבערגעבען דעם קיסר דעם פּאַפּיר אינאיינעם מיט זיין פּאָטערס זיגעלרינג. דער קיסר האָט צוערשט בעטראַכט די טענות, וואָס ביידע צדדים האָבען אַרויסגעזאָגט, די גרייס פונ'ם קיניגרייך און די צאָהל נפשות, וואָס געהערען צו הורדוס'עס משפּחה, דערנאָך האָט ער אויך איבערגעלייענט די בריעף, וואָס וואַרוס און סאַבינוס האָבען געשריבען וועגען דעם ענין. און צולעצט האָט ער צונויפגערופען אַ פערזאַמלונג פון די חשוב'סטע רוימער, וואָז אויף איהר האָט צום ערשטען מאָל בענומען אַן אָנטייל מיט אַ בעשליסענדער שטים גאַיוס, דער זוהן פון יוליא

און אַגריפּאַ, וואָס אווגוסטוס האָט איהם אויפגענומען פאַר אַ זוהן. דערויף האָט מען געגעבען די שטרייטענדע צדדים אַ וואָרט.

5. צוערשט איז אויפגעשטאַנען שלומית'ס זוהן אַנטיפּטר, וואָס איז גע־ווען דער בעסטער רעדנער צווישען אַרכילויס'ס געגנער, און האָט אַרויסגעזאָגט זיין אָנקלאַגע. לויט אַרכילויס'ס רייד, האָט ער געזאָגט, קומט אויס, אַזוי ווי ער וואָלט ערשט בעטען דעם טראָן. אין דער אמת'ן אָבער איז ער שוין לאַנג קעניג און בעשווערט מעהר נישט דעם קיסרס אויער דורך פוסטע אויסריידען. ניט צו וואַרטען אויפ'ן קיסרס בעשלוס, האָט ער, אַרכילויס, אַנגעשטעלט שטילערהייד עטליכע מענשען, זיי זאָלען אויף איהם אַרויפלייגען די קרוין, ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן קעניגליכען שטול, אויפגעפיהרט זיך ווי אַ קעניג, אומגעביטען די אָרדנונג פונ'ם חייל, אַרויפגעזעצט בעאַמטע אויף העכערע שטעלעס, צוגע־זאָגט דעם פאָלק אַלצדינג, וואָס עס האָט געפאָדערט פון איהם אַלס קעניג, און אַרויסגעלאָזט פריי אַזעלכע מענשען, וואָס זיין פאָטער האָט זיי אַריינגע־זעצט אין תפיסה פאַר די שווערסטע פערברעכענס. איצטער איז ער געקומען אַהער, מעהר ניט בכדי אויסצובעטען ביי זיין אויבערהאַר דעם שאָטען פון דער מלוכה, וואָס בעצם האָט ער זי שוין פערכאַפּט, און אַזוי מאַכט ער דעם קיסר פאַר אַ בורר ניט איבער זאַכען, נאָר איבער הוילע נעמען.

חוץ דעם, האָט אַנטיפּס פאָרגעוואָרפען אַרכילויס'ן, אַז זיין גאַנצער טרויער איבער'ן פאָטער איז געוועזען מעהר ניט ווי אַן אָנשטעל. ביי טאָג האָט ער טאַקע אַרויסגעוויזען אַ בעטריבטע מינע, אָבער ביי נאַכט האָט ער זיך אָנגעשכור'ט און געהוליעט. און נאָר ווייל דאָס פאָלק איז געווען אין כעס איבער דעם דאָזיגען אויפפיהר, האָט עס מורד געווען. נאָר די הויפּט־טענה פון דער גאַנצער רעדע איז בעשטאַנען דערין, וואָס אַזאַ מאַסע מענשען זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען אין בית־המקדש. זיי זיינען געקומען צום יום־טוב, און בעבען זייערע קרבנות זיינען זיי אכזריות'דיג אויסגעקוילעט געוואָרען, און אין בית־המקדש זיינען געלעגען גאַנצע הויפענס הרוגים. נאָך מעהר, ווי עס וואָלט געווען נאָך אַ פּלוצלינגדיגען אָנפאַל מצד אויסוויינינגסטע שונאים.

אָטאָ די אַכזריות זיינע האָט זיין פאָטער הורדוס טאַקע פאָראויסגעזעהן און געוואָלט אָפּנעמען ביי איהם איטליכע האָפענונג אויף צו בעקומען די ירושה. ערשט אין דער צייט, בשעת הורדוס איז געווען קראַנק מעהר גייסטיג, איידער קערפּערליך, און איז מעהר ניט געווען קלאָר ביי די געדאַנקען, האָט ער איהם בעשטימט פאַר'ן קרוין־יורש, ניט וויסענדיג אַליין, וואָס ער טוט, הגם די יורשים, וואָס ער האָט בעשטימט אין דער פריהערדיגער צוואה, בשעת ער איז נאָך געווען איינגאַנצען געזונט און ביים קלאָרען זינען, האָבען קיין שום אויסרייד ניט געגעבען זיי אָנצוקלאָגען. אָבער אפילו ווען מען זאָל רעכענען פאַר ריכטיג די מיינונג פון אַ טויט־קראַנקען מענשען, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז אַרכילויס האָט פערשפּילעט די הערשאַפט איבער זיין קיניגרייך דורך זיין אויפפיהרונג, וואָס איז קעגען אַלע געזעצען. וואָרום מען קאָן גרינג פערשטייהן, ווי אַזוי עס וועט זיך אויפפיהרען נאָך זיין בעשטעטיגונג אַזאַ מענש, וואָס

האָט געלאָזט אויסקוילען אַזוי פיעל מענשען, נאָך איידער ער האָט בעקומען די בעשטעטיגונג.

6. אַנטיפּטר האָט אַרויסגעזאָגט נאָך אַ סך אַזעלכע טענות, און ביי איט־ליכען פּונקט פון דער אָנקלאָגע האָט ער אָנגערופען פאַר עדות דעם רוב פון זיינע קרובים. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט זיין רעדע, איז אויפגעשטאַנען ניקאָלאַאָס, אַרכילויס'עס פערטיידיגער. ניקאָלאַאָס האָט זיך געפלייסט צו בעווייזען, אַז די הריגה אין בית־המקדש איז געווען נויטווענדיג, מחמת די דער'הרג'עטע זענען געווען ניט בלויז די שונאים פונ'ם קעניגרייך, נאָר אויך פונ'ם קיסר, וואָס ער איז איצט דער בורר. בנוגע צו די איבעריגע פּונקטען פון דער אָנקלאָגע האָט ער בעוויזען, אַז גראָד די אָנקלאָגער גופא האָבען געגעבען אַרכילויס'ן די די עצה דאָס צו טון. און די הוספה צו דער צוואה רעכענט ער, ניקאָלאַאָס, בעזונדערס פאַר גילטיג דערפאַר, ווייל דוקא דאָרט ווערט אָנגעוויזען, אַז דער קיסר בעדאַרף דעם קרוין־יורש בעשטעטיגען. ווארום, האָט ניקאָלאַאָס געענדיגט זיין רעדע, דער וואָס איז געווען אַזוי פערשטאַנדיג, זיך אָבצוזאָגען פון זיין ממשלה לטובת דעם וועלט־בעהערשער, דער האָט אוודאי קיין טעות ניט געהאַט בנוגע צום קרוין־יורש, וואָס ער האָט אויסגעקליבען, נאָר ער האָט גע־האַנדעלט ביים פולען פערשטאַנד, ווייל ער האָט גוט געוואוסט, דורך וועמען ער וועט ווערען בעשטעטיגט אויף זיין שטעל.

7. נאָכדעם ווי ניקאָלאַאָס האָט אויך געענדיגט זיין רעדע, איז אַרכילויס גאַנץ רוהיג אַרויסגעטראָטען פאַר'ן קיסר און האָט זיך אַנידערגעוואָרפען איהם פאַר די פיס. לייטזעליג האָט דער קיסר געהייסען איהם אויפשטייהן און האָט דערקלערט, אַז ער איז ראוי צו ווערען זיין פאָטערס יורש. פונדעסטוועגען האָט ער קיין בעשטימטע החלטה ניט אָנגענומען, נאָר ער האָט פונאַנדערגע־לאָזען די פערזאַמלונג, וואָס איז געווען צונויפגערופען אויף דעם טאָג, און, נעמענדיג אין אַכט דאָס, וואָס ער האָט געהערט, האָט ער אַרומגעקלערט, צי זאָל ער בעשטימען פאַר'ן קרוין־יורש איינעם פון די, וואָס זיינען אָנגערופען אין דער צוואה, אָדער ער זאָל צעטיילען די מלוכה צווישען אַלע מיטגלידער פון דער משפחה; ווארום היות ווי די משפחה איז געווען גרויס, דעריבער האָט ער גערעכענט, אַז אויף אַזאַ אופן בעדאַרף מען פערזאָרגען אַלעמען.

## דריטער קאַפּיטעל.

### דער אויפשטאַנד פון די אידען קעגען סאַבינוס'ן.

1. איידער דער קיסר האָט אָנגענומען אַ בעשטימטע החלטה וועגען דעם ענין, איז קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען אַרכילויס'עס מוטער מלתקה, און צו גלייכער צייט איז אָנגעקומען אַ בריעף פון וואַרוס'ן, וואָס האָט מודיע גע־ווען וועגען אַן אויפשטאַנד פון די אידען. ווארום וואַרוס, וועלכער האָט פאַר־אויסגעזעהן אַ מרידה, איז נאָך אַרכילויס'עס אָבפאָהרען אַריינגעדרונגען אין



אַ פּאַסטעך אין א״י

ירושלים, בכדי צו דערשטיקען די אונרוהען, וואָס האָבען געקאָנט אויסברעכען איטליכע רגע, האָט איבערגעלאָזען אין שטאָדט איינע פון די דריי לעגיאָנען, וואָס ער האָט מיטגענומען פון סיריען, און אַליין האָט ער זיך אומגעקעהרט קיין אַנטיוכיא. צו אַן אָפענער מרידה האָט די אידען געבראַכט סאַבינוס, וואָס איז געקומען, האָט געצוואונגען די גאַרניזאָנען איבערצוגעבען איהם די פעס־טונגען און האָט מיט גרויסער שטרייִנגקייט געזוכט דעם קעניגס אוצרות. דער־ביי האָט ער זיך געשטיצט ניט בלויז אויף די סאָלדאַטען, וואָס וואַרוס האָט איבערגעלאָזען, נאָר אויך אויף דער גרויסער מאַסע פון זיינע אייגענע שקלאַ־פען, וואָס ער האָט זיי אַלעמען געגעבען געוועהר און האָט זיי איצט גע־ברויכט אלס ווערקצייג פון זיין געלדגיריגקייט.

אין דערזעלביגער צייט איז גראָד אויסגעקומען דער יום־טוב שבועות, וואָס ווערט געפייערט זיבען וואָכען נאָך פסח און וואָס האָט זיין נאָמען פון דער צאָהל טעג, וואָס צווישען ביידע ימים טובים. נאָר איצט האָט געצויגען דאָס פאָלק נאָך ירושלים ניט אַזוי דער געוועהנליכער גאָטעסדיענסט, ווי אַ שטאַרקע פערביטערונג. כמעט אָהן אַ צאָהל איז געוועזען די מאַסע, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבען אין ירושלים פון גליל, אדום, יריחו און פון פערעאַ אויף יענער זייט ירדן; נאָר שטאַרקער פון אַלעמען לויט'ן צאָהל און דרייסטקייט איז געוועזען דאָס פאָלק פון לאַנד יהודה גופא. די גאַנצע מאַסע האָט זיך צע־טיילט אויף דריי מחנות, וואָס האָבען אויפגעשלאָגען זייערע לאַגערן אין דריי פערשיידענע ערטער, איינע — אין צפון־זייט פון בית־המקדש, די אַנדערע — אין דרום־זייט ביים פּלאַץ, וואו עס יאָגען זיך די פערד, און די דריטע אין מערב. זייט ניט ווייט פונ'ם קיניגליכען פּאַלאַץ. אַזוי האָבען זיי אַרומגערינגעלט די רוימער פון אַלע זייטען און האָבען אָנגעהויבען צו בעלעגערן זיי.

2. סאַבינוס, וואָס האָט זיך דערשראָקען איבער דער גרויסער צאָהל פון די פיינד און איבער זייער דרייסטקייט, האָט געשיקט איין שליח נאָכ'ן אַנדערן צו וואַרוס'ן, צו בעטען איהם, ער זאָל איהם שיקען וואָס גיכער הילף, און האָט איהם געלאָזט אָנזאָגען, אַז טאָמער וועט ער זיך זאַמען, וועט דער לעגיאָן אויסגעה'רג'עט ווערען. ער אַליין איז אַרויפגעקראָכען אויפ'ן העכסטען טורם פון דער פעסטונג, אויפ'ן פזאלס־טורם, — וואָס ווערט אַזוי אָנגערופען נאָך הורדוס'עס ברודער, וועלכען די פּאַרטער האָבען געטויט — און פון דאָרט האָט ער געגע־בען די סאָלדאַטען פון דער לעגיאָן אַ צייכען אָנצופאַלען; אַליין האָט ער פאַר גרויס שרעק ניט דערוועגט זיך אפילו אַראָבצוגייהן צו זיינע סאָלדאַטען. די סאָלדאַטען האָבען געפאָלגט זיין בעפעהל, האָבען זיך אַ לאָז געטאָן ביז פאַר'ן בית־המקדש, און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ הייסע שלאַכט צווישען זיי און צווי־שען די אידען. דורך זייער קריגס־געניטקייט האָבען די רוימישע סאָלדאַטען געהאַט די אויבערהאַנד איבער די אידען, כל זמן קיינער איז ניט אָנגעפאַלען אויף זיי פון אויבען. אָבער ווי נאָר די אידען זיינען אַרויף אין אַ גרויסער צאָהל אויף די גאַלערייעס און האָבען אָנגעהויבען שיטען פיילען אויף די קעפּ פון די רוימער, זיינען די לעצטע געפאַלען מאַסענווייז, ווייל זיי האָבען

צים געקאָנט אויסהאַלטען דעם גלייכצייטיגען אָנפאַל סיי פון דער נאָהענט סיי פון אויבען.

3. בעדריקט אַזוי פון צוויי זייטען, האָבען די רוימער אונטערגעצונדען די גאַלערייעס, וואָס זיינען געווען בנינים פון אַ הפלא׳דיגער גרייס און פראַכט. דערביי האָבען אַ סך, וואָס זיינען געשטאַנען אויבען, זיך באַלד אָנגעחאַפּט און זיינען אומגעקומען אין פייער, אַ סך ווייטער זיינען אַראָבגעשפּרונגען און געפאַלען פאַר אַ קרבן פון די שונאים׳ס שווערד, אַנדערע ווידער זיינען פון דער אַנדער זייט אַראָבגעשפּרונגען פון מויער, אָדער מחמת יאוש האָבען זיי זיך אָנגעמאַכט אַ טויט מיט זייערע אייגענע געוועהר, ניט וואַרטענדיג, ביז דער פייער וועט זיי אָנחאַפּען. די אָבער, וואָס זיינען אַראָבגעקלעטערט פון מויער און זיינען אָנגעפאַלען אויף די רוימער, האָבען די לעצטע גרינג מנצח געווען, מחמת זיי זיינען געווען פערטומעלט.

נאָכדעם ווי איין טייל פון די מורדים איז אויף אַזאַ אופן אומגעקומען און דער אַנדער טייל האָט זיך צעשפּרייט אויס מורא, האָבען די סאָלדאַטען זיך אַוואָרף געטאָן אויפ׳ן אוצר פון בית־המקדש, וואָס איז געווען אָהן אַ שמירה, און האָבען געראַובט פון דאָרט אַן ערך 400 טאַלענטען, און וואָס מען האָט אויף אַזאַ אופן ניט אַרויסגעגנב׳עט, האָט סאַבינוס צוגענומען פאַר זיך.

4. אָבער די צעשטערונג פון אַזעלכע גרויסאַרטיגע בנינים און דער אונטערגאַנג פון אַזוי פיעל מענשען האָט די אידען אַזוי אַריינגעבראַכט אין כעס, אַז זיי זיינען באַלד אַרויסגעטראָטען אין קאַמף קעגען די רוימער מיט אַ גרעסערן און געניטערן חייל, האָבען אַרומגערינגעלט דעם קיניגליכען פּאַלאַץ און האָבען געסטראַשעט אויסצו׳הרג׳ען דעם גאַנצען גאַרניזאָן, אויב ער וועט ניט אָבציהען וואָס גיכער. טאָמער וועט סאַבינוס טון לויט זייער פערלאַנג און וועט אָבטרעטען אינאיינעם מיט זיין לעגיאָן, האָבען זיי איהם צוגעזאָגט איהם צו לאָזען לעבען. איבעריגענס איז דער גרעסטער רוב פון די קיניגליכע סאָלדאַטען אַריבערגעגאַנגען צו די מורדים, געבליבען אויפ׳ן צד פון די רוימער זיינען מעהר ניט 3000 מאַן פון סעבאַסטע (שמרון) אונטער דער אָנפיהרונג פון רופוס און גראַטוס — נאָר דאָס איז געווען דער בעסטער טייל פונ׳ם חייל. גראַטוס איז געווען דער הויפּטמאַן איבער׳ן קיניגליכען פוס־חייל, רופוס איז געווען דער אָנפיהרער פון דער רייטעריי, און זיי ביידע, שוין אָבגערעדט פונ׳ם חייל, וואָס האָט זיך געפונען אונטער זייער רשות, האָבען געמוזט האָבען אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה אַדאַנק זייער מוט און פערשטאַנד.

די אידען האָבען, הייסט עס, ווייטער געפיהרט די בעלעגערונג מיט מאַכט און ביי זייערע אָנפאַלען אויף די מויערן פון שלאָס פלעגען זיי צורופען סאַבינוס׳עס מענשען, אַז זיי זאָלען אוועקגייהן און ניט שטייהן זיי אין וועג, בשעת זיי ווילען נאָך אַ לאַנגער צייט ווידער בעקומען די פרייהייט, וואָס זייערע עלטערן האָבען געהאַט. איבעריגענס, וואָלט סאַבינוס גערן געווען אָבצוציהען שטילערהייד, נאָר ער האָט ניט געטרויט די הבטחות פון זייגע געגנער און

האָט חושד געווען, אַז מיט זייער גוטסקייט ווילען זיי איהם נאָר אַרייג-נאַרען אין אַ פּאַסטקע. חוץ דעם האָט ער געהאָפּט צו בעקומען באַלד הילף מצד וואַרוס'ען, און מחמת דעם האָט ער אויך ווייטער אויסגעהאַלטען די בעלעגערונג.

# פיערטער קאַפּיטעל.

א בונט פון הורדוס'עס געוועזענע סאָלדאַטען. — וועגען יהודה, שמעון און אטראָנגעאוס.

1. אין דערזעלביגער צייט זיינען אויסגעבראָכען אומרוהען אויך אין אַנ-דערע ערטער פון'ם לאַנד, און אַ סך האָבען גערעכענט דעם מאָמענט פאַר גינסטיג אַרויפצולייגען אויף זיך די קעניגליכע קרוין. אזוי האָבען אין לאַנד אדום געגומען זיך פאַר די געוועזענע 2000 הורדוס'עס געוועזענע קריגסלייט און האָבען געהאַלטען מלחמה מיט דעם קעניגס סאָלדאַטען. דעם קעניגס שוועסטערקינד אַחיאָב האָט מיט זיי געפיהרט קריג פון די שטאַרקסטע פעסטונגען, אָבער אויפ'ן פרייען פעלד האָט ער ניט געוואָלט האָבען מיט זיי קיין צוזאַמענשטויסען. ווייטער האָט אַ געוויסער יהודה פון צפורי אין גליל צונויפגעקליבען אַ גרויסע מאַסע מענשען אַרום זיך. ער איז געווען אַ זוהן פון יענעם רויבער-הויפּטמאַן חזקיה, וואָס האָט אַנומעלט פערוויסט דאָס לאַנד, נאָר דער קעניג הורדוס האָט איהם גענומען געפאַנגען. אָטאָ דער יהודה איז בעפאַלען די קעניגליכע אַרסע-נאַלען, האָט פערחאַפּט אַ סך געוועהר, בעוואָפענט דערמיט זייגע מענשען און געהאַלטען מלחמה מיט די, וואָס האָבען געשטרעבט צו דער ממשלה.

2. אין פּערעאַ האָט איינער פון'ם פערשטאָרבענעם קעניגס דיענער שמעון אַרויפגעלייגט זיך אויפ'ן קאָפּ די קרוין, פערלאָזענדיג זיך אויף זיין שייבקייט און גרויסען וואוקס. מיט די רויבער, וואָס ער האָט אַריבערגעצויגען אויף זיין זייט, איז ער אַרומגעגאַנגען איבער'ן לאַנד, האָט אונטערגעצונדען דעם קעניג-ליכען פּאַלאַץ אין יריחו און אויך אַנדערע גרויסאַרטיגע בנינים, און בשעת די שרפות פלעגט ער מיט גרינגער מיה אַרייַנכאַפּען רויב. אויב עס וואָלט נאָך לאַנג אַזוי געדויערט, וואָלט ער געוויס פערברענט אַלע גרויסאַרטיגע בנינים. נאָר אַנטקעגען איהם איז אַרויס גראַטוס, דער אָנפיהרער פון'ם קעניגס פוס-סאָלדאַטען, מיט די בויגענשיסער פון טרכונא און די קאַמף-געניטסטע איינ-וואוינער פון סעבאַסטע (שומרון). ס'איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט, אין וועלכער ס'איז געפאַלען דער גרעסטער טייל פון'ם פוספאָלק. נאָר שמעון גופאָ האָט מען געטויט, בשעת ער האָט געוואָלט אַנטלויפען דורך אַ שמאָלער בערג-שפּאַלט.

אַן אַנדער באַנדע מורדים אין פּערעאַ האָט פערברענט דעם קעניגליכען שלאָס אין בית-אַרמתון, ניט ווייט פון ירדן

3. אפילו אַ פּאַסטוך מיט'ן נאָמען אַטראָנגעאוס האָט זיך דערוועגט אין דער אומרוהיגער צייט אויסצושטרעקען זיין האַנד נאָך דער קרוין. בעזונדערס האָט פּערשטאַרקט זיין האָפענונג — חוץ דעם, וואָס ער אַליין איז געווען אַ גרויסער גבר און אַ מוטיגער מענש — דאָס, וואָס איהם האָבען געגעבען הילף זיינע ברידער, וואָס זיינען אויך געווען אַזוי שטאַרק ווי ער. איטליכען פון זיי האָט ער געגעבען אונטער זיין רשות אַ באַנדע בעוואָפענטע און האָט זיי געהייסען מאַכען קריגערישע אָנפאַלען. ער אַליין האָט, ווי אַ קעניג, אויסגעפיהרט די וויכטיגסטע ענינים. אָטאָ דער מענש האָט דעמאָלט אַרויפגעלייגט אויף זיך די קיניגליכע קרוין און בחברותא מיט זיינע ברידער האָט ער אַ לאַנגע צייט נאָכאַנאַנד פערוויסט דאָס לאַנד. דער עיקר האָבען זיי געזוכט צו הרג'ען רוימער און דעם קעניגס סאָלדאַטען; אָבער ווען עס פלעגען אַריינפאַלען אין זייערע הענד אפילו אידען, ביי וועמען זיי האָבען געקאָנט עפּיס אַרויסציהען, האָבען זיי אויך זיי ניט געשוינט. איין מאָל האָבען זיי אפילו דערוועגט זיך אַרומצורינגלען ביי עמאוס אַ גאַנצע רוימישע קאָהאָרטע, וואָס האָט געפיהרט פאַר'ן לעגיאָן פּראָוויאַנט און געוועהר. זיי האָבען שוין געהאַט דערשאָסען דעם צענטוריאָ אַריוס מיט 40 פון די מוטיגסטע סאָלדאַטען, און די איבעריגע רוימער וואָלטען אויך געהאַט דעמזעלביגען פּסק — נאָר מיט אַמאָל איז געקומען זיי צו הילף גראַטוס מיט די שומרונים און האָט זיי געראַטעוועט.

גאָכדעם ווי די ברידער האָבען פאַר דער גאַנצער צייט פון די מהומות אָבגעטאָן אַ סך אַזעלכע געוואַלדטאַטען קעגען היימישע און פרעמדע, זיינען סוף־כל־סוף דריי פון זיי געגומען געוואָרען געפאַנגען. דער עלטסטער איז אַריינגעפאַלען צו אַרכילויס'ן אין די הענד, די ביידע אַנדערע — צו גראַטוס'ן און תלמי'ן. דער פערטער אָבער האָט זיך אונטערגעגעבען אַרכילויס'ן אויפ'ן סמך פון אַן אָבמאַך. דעם דאָזיגען סוף האָבען זיי געהאַט ערשט שפּעטער; אין יענער צייט אָבער האָבען זיי, ווי געזאָגט, אָנגעפילט דאָס גאַנצע לאַנד יהודה מיט זייערע רויבערייען.

# פינפטער קאַפּיטעל.

וואַרוס שטעלט ווידער איין אָרדנונג אין מלכות־יהודה.

1. ווי נאָר וואַרוס האָט בעקומען די בריעף פון סאַבינוס און פון די איבעריגע קאָמאַנדירען, האָט ער אָנגעהויבען זיך צו שרעקען, ס'זאָל קיין אומגליק ניט געשעהן מיט'ן גאַנצען לעגיאָן, און האָט אָנגענומען אַ בעשלוס וואָס גיכער צו ברענגען זיי הילף. צוליעב דעם צוועק איז ער אַוועק מיט די איבעריגע צוויי לעגיאָנען און מיט די פיער רייטער־אָבטיילונגען, וואָס געהערען צו זיי, קיין עכו, וואוהין ער האָט געהייסען קומען דעם הילפס־חייל פון די אַנדערע פירשטען. אונטערוועגס, ביים דורכמאַרשירען דורך בעריטוס, האָט ער מיטגענומען אויך פון דער דאָזיגער שטאָדט 1 500 בעוואָפענטע. ביי עכו איז

צו איהם צוגעשטאַנען, חוץ דעם חייל פון די איבעריגע פערבינדעטע, אויך דער אַראַבער חרתת מיט אַ בעדייטענדען חייל פון פוסגייהער און רייטער, מחמת ער האָט פיינט געהאַט הורדוס׳ן. פון עכו האָט וואַרוס תיכף געשיקט אַ טייל פונ׳ם חייל אונטער דער אָנפיהרונג פון זיין פריינד גאַיוס אין די גרעניץ-געגענדען פון גליל, וואָס ליגען ניט ווייט פון עכו. גאַיוס האָט געשלאָגען און פונאַנדערגעטריבען די אָבטיילונגען, וואָס זיינען אַרויס איהם אַנטקעגען, האָט איינגענומען די שטאָדט צפורי, אונטערגעצונדען זי און פערקויפט די איינוואוינער פאַר שקלאַפען. וואַרוס גופא איז מיט׳ן גאַנצען איבעריגען חייל אַרויסגעטראָטען קעגען שומרון, נאָר אָנגעפאַלען אויף דער שטאָדט איז ער ניט; וואָרום עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זי האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין דעם אויפשטאַנד אינאיינעם מיט די איבעריגע שטעדט. פונדעסטוועגען האָט ער אויפגעשלאָגען זיין לאַגער ביים דאָרף אַרוס, וואָס האָט געהערט צו תּלמי׳ן און וואָס מחמת דעם האָבען די אַראַבער איהם בערויבט, וואָרום זיי האָבען פיינט געהאַט הורדוס׳עס גוטע פריינד ניט ווינציגער, איידער איהם גופא. פון דאָרט איז ער געגאַנגען ווייטער קיין סאַמפאָ, אַן אַנדער בעפעסטיגטער דאָרף, וואָס די אַראַבער האָבען איהם אויך אויסגערויבט, פונקט אַזוי ווי זיי פלעגען אָנפאַלען אויף אַלע פּראָוויאַנט-אָבטיילונגען, וואָס פלעגען קומען זיי אין וועג. פייער און שווערד האָבען געווילדעוועט אומעטום, און קיינער האָט ניט געקאָנט אַנטרונען ווערען פון די רויבגיריגע אַראַבער. אויך די שטאָדט עמאַאוס, וואָס די אַיינוואוינער איהרע זיינען אַנטלאָפען געוואָרען, האָט וואַרוס געהייסען פערברענען, בכדי צו בעשטראָפען די דערפער, וואָס דאָרט זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען אַריוס אין זיינע מענשען.

2. פון דאָרט איז ער געגאַנגען ווייטער און אָנגעקומען ביז ירושלים. ווי נאָר די אידען, וואָס האָבען זיך געפונען אין זייערע לאַגערן, האָבען דערזעהן זיין חייל, האָבען זיי זיך צעשפרייט אין אַלע זייטען און זיינען אַנטלאָפען געוואָרען ווייטער אין לאַנד. די אַיינוואוינער פון שטאָדט אָבער האָבען געעפענט איהם די טויערן און האָבען געזוכט זיך ריין צו וואַשען פון דער שולד אין דעם אויפשטאַנד. זיי האָבען געטענ׳עט, אַז זיי גופא האָבען בשום אופן ניט געשטערט די רוה, נאָר נאָכדעם ווי זיי זיינען געצוואונגען צוליעב׳ן יום-טוב אַריינצולאָזען די מאַסע מענשען אין דער שטאָדט, האָבען זיי זיך ניט פעראייניגט מיט די מורדים, נאָר אַדרבא, זיי האָבען אינאיינעם מיט די רוימער אויפגעהאַלטען די בעלעגערונג.

שוין פריהער זיינען אַרכילויס׳עס שוועסטערקינד, יוסף, און אויך גראַטוס און רופוס מיט׳ן קיניגליכען חייל און מיט די שומרונים און די סאָלדאַטען פונ׳ם רוימישען גאַרניזאָן אַרויס אַנטקעגען וואַרוס׳ן אין זייער געוועהנליכען קריגספוץ. סאַבינוס, פערקעהרט, האָט ניט געהאַט קיין מוט צו ווייזען זיך איהם פאַר די אויגען, און איז דעריבער שוין פאַר זיין אָנקומען געשווינד אַרויס פון שטאָדט און אַוועק צום ברעג ים.

דערנאָך האָט וואַרוס געשיקט אַ טייל פון זיין חייל, אויף צו חאַפען די די אויפטוער פון דער מרידה, און מען האָט געחאַפט אַ סך פון זיי. די, וואָס

האָבען אויסגעוויזען ניט אַזעלכע היציגע, האָט ער געלאָזט אַריינזעצען אין תפיסה, די צום מיינסט שולדיגע אָבער, אַן ערך 2000 מאַן, האָט ער געהייסען אויפהייגגען אויף קרייצען.

3. דערנאָך האָט ער בעקומען אַ אידיעה, אַז אין לאַנד אדום שטייהען נאָך 10000 בעוואָפענטע. היות אָבער ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די אַראַבער פיהרען זיך אויף ניט ווי בונדעס־חברים, נאָר זיי פיהרען קריג, לויט ווי זיי איז וואוילגעפעלען, און אַז מחמת זייער שנאה צו הורדוס'ן פערוויסטען זיי דאָס לאַנד מעהר, ווי איהם, ווארוס'ן גופא, איז דאָס געווען ניחא, — דערי־בער האָט ער זיי אָבגעלאָזט און איז מיט זיינע אייגענע לעגיאָנען גיך אַרויסגע־טראָטען קעגען די מורדים. נאָר לויס אַחיאָב'ס עצה האָבען זיך די מורדים אונטערגעגעבען די רוימער, איידער ס'איז נאָך געקומען צו אַ געשלעג. דערויף האָט ווארוס די גרויסע מאַסע מוחל געווען, די אָנפיהרער אָבער האָט ער אָב־געשיקט צום קיסר, בכדי ער זאָל אַרויסטראָגען אַ פסק־דין. אווגוסטוס האָט דעם גרעסטען טייל פון זיי בעגנאַדיגט, און נאָר עטליכע קרובים פונ'ם קעניג הורדוס, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו די מורדים, האָט ער געהייסען טויטען, ווייל זיי זיינען אַרויסגעטראָטען אין מלחמה קעגען דעם קעניג, וואָס האָט געהערט צו זייער משפחה.

נאָכדעם ווי ווארוס האָט אויף אַזאַ אופן ווידער איינגעשטעלט אָרדנונג אין ירושלים, האָט ער בעשטימט, אַז דער לעגיאָן, וואָס האָט זיך שוין פריהער געפונען אין ירושלים, בעדאַרף דאָרט פערבלייבען, און אַליין איז ער אַוועק צוריק קיין אַנטיוכיא.

# זעקסטער קאַפּיטעל.

אווגוסטוס הערט אויס די טענות פון די אידען קעגען ארכילויס'ן און צעטיילט הורדוס'עס קעניגרייך.

1. דערווייל האָט אַרכילויס געמוזט נאָך אויסהאַלטען אין רוים אַ שטרייט מיט יענע אידען, וואָס זיינען אַוועק אַהין מיט ווארוס'עס ערלויבניש, נאָך איידער דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכען, בכדי צו בעטען פּאָליטישע זעלב־שטענדיגקייט פאַר זייער פאָלק 1). פופציג מענשען זיינען געווען אין דער דעפּוטאַציע, און צו זיי זיינען נאָך צוגעשטאַנען איבער 8000 מאַן פון די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין רוים. דער קיסר האָט צונויפגערופען אַ פערזאַמלונג פון די חשוב'סטע רוימער און פון זיינע גוטע פריינד אין דעם

1) דאָס הייסט, זיי האָבען מעהר ניט געוואָלט געפינען זיך אונטער דער ממשלה פון דער משפחה אדומים, וואָס איז געווען זיי אזוי פערהאַסט, נאָר זיי האָבען בעסער געוואָלט שטייהן דירעקט אונטער דער רוימישער אויבערהערשאַפט.

טעמפּעל פון אַפּאָלאָ, וואָס שטייהט אויפ׳ן פּאַלאַטינוס 1); דאָס איז געוועו אַ גרויסאַרטיג בעצירטער בנין, וואָס אווגוסטוס אַליין האָט איהם אויסגעבויט. דאָ איז געשטאַנען די גאַנצע מאַסע פון די אידען אויף איין זייט, און אַרכילויס מיט זיינע פריינד אויף דער אַנדער זייט. נאָר די פריינד פון זיינע קרובים זיינען אויף קיינעמס צד ניט געשטאַנען; וואָרום, פון איין זייט, האָט זיי ניט דערלאָזען די שנאה צו אַרכילויס׳ן אַרויסצוזאָגען זיך פאַר איהם, און פון דער אַנדער זייט האָט זיי אָבגעהאַלטען די מורא פאַר׳ן קיסר פון צוצושטייהן צו זיינע אָנקלאָגערס. חוץ דעם, איז נאָך אויך געוועו געקומען אַרכילויס׳עס ברודער פיליפּוס, וואָס איהם האָט זיין בעשיצער וואַרוס געשיקט אַהער מיט אַ צווייאיגען מיין: ערשטענס, בכדי ער זאָל העלפען פערטיידיגען אַרכילויס׳ן, און צווייטענס בכדי ער גופא זאָל ניט ווערען פערטיילט, אין דעם פאַל אויב דער קיסר וועט צעטייעלן הורדוס׳עס מלוכה צווישען אַלע זיינע יורשים.

2. נאָכדעם ווי מען האָט געגעבען די אָנקלאָגער אַ וואָרט, האָבען זיי צוערשט געשילדערט הורדוס׳עס מעשׂים רעים; לויט זייערע רייד, איז ער פאַר זיי געוועו ניט קיין קעניג, נאָר אַן אַכזריות׳דיגער טיראַן, וואָס זיין גלייכען איז ניטא. אַ סך מענשען האָט ער אויסגעהרג׳עט, און דער גורל פון די, וואָס ער האָט געלאָזט לעבען, איז געוועו אַזוי טרויעריג, אַז זיי וואָלטען נאָך גליקליך געשאַצט די וואָס זיינען אומגעקומען. וואָרום לא די וואָס ער האָט געפּיניגט איינציגע פון זיינע אונטערטאַנען, האָט ער נאָך גאַנצע קהלות געמאַטערט. בכדי צו קענען פערשענערן אויסלענדישע שטעדט, האָט ער בערויבט זיינע אייגענע און פרעמדע פעלקער האָט ער געגעבען מתנות, וואָס זיינען געוואָרען בעצאָהלט מיט׳ן בלוט פון די אידען. מחמת דעם זיינען אָנשטאָט דעם פריהערדיגען וואוילשטאַנד און גוטע מדות, וואָס האָבען געהערשט צווישען פאָלק, אָנגעקומען פעראָרימונג און פערדאָרבענע מדות. בכלל האָבען די אידען געהאַט אויסצושטייהן מעהר צרות דורך הורדוס׳ן אין די ווינציג יאָהרען, איידער אין דעם לאַנגען משך צייט, זינט זיי האָבען זיך אומגעקעהרט פון בבל אין קסערקסעס צייטען. דאָס פאָלק האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוויהנט צום אומגליק און איז אַזוי פערטעמפּט געוואָרען, אַז עס האָט רוהיג אָנגענומען די קנעכטשאַפט, ווי עס וואָלט איהם אין געוויסער מאָס געקומט. וואָרום ווי דען אַנדערש זאָל מען דערקלערען דאָס, וואָס עס האָט אַזוי פריינדליך בעגריסט אַרכילויס׳ן, דעם זוהן פונ׳ם איינגעגעסענעם טיראַן, האָט מיט איהם אינאיינעם בעקלאָגט הורדוס׳עס טויט און אָבגעגעבען איהם מזל־טוב ביים איבערנעמען די קרוינס־ירושה? אָבער אַרכילויס האָט אָנגעהויבען זיין רעגירונג מיט דער מאָרדונג פון דריי טויזענד בירגער: ער האָט זיך דאָך בעדאַרפט אַרויסווייזען, אַז ער איז הורדוס׳עס אַן אמת׳ער זוהן. אָט די דריי טויזענד געמאָרדעטע זיינען דאָס געוועו די קרבנות, וואָס דורך זיי האָט ער געוואָלט אויסבעטען ביי גאָט אַ גליקליכע רעגירונג און מיט אַזאַ מאַסע הרוגים האָט ער זיך דערוועגט אָנ־

1) איינער פון די זיבען בערג, וואָס [illegible] איז רוים געבויט.

צו פּילען דעם אויבערשטענס היכל אין אַ יום-טוב. צולעצט אָבער האָבען די, וואָס זיינען, ניט קוקענדיג אויף די סך צרות, געבליבען לעבען, אָנגענומען אַ בעשלוס מוטיג אַרויסצוטרעטען אַנטקעגען דער געפאַהר. און זיי בעטען ביי די רוימער, זיי זאָלען רחמנות האָבען אויף די חורבות פון מלכות-יהודה און ניט אָבגעבען זיי די מלאכי חבלה פונ'ם פאָלק, נאָר זיי זאָלען פעראייניגען דאָס לאַנד מיט סיריען און לאָזען עס פערוואַלטען דורך רוימישע פּראָקוראַטאָרען. דעמאָלט וועט זיך אַרויסווייזען, אַז די אידען, וואָס האָבען איצט אַ שלעכטען נאָמען, אַז זיי זיינען נוטה צו מרידות און צו מלחמות, וועלען גערן זיין צו פאָלגען אַזעלכע הערשער, וואָס ווייסען, ווי מיט זיי צו בעגייהן זיך. מיט אָט דער בקשה האָבען די אידען געענדיגט זייער אָנקלאַגע.

דערויף איז אויפגעשטאַנען ניקאָלאַאָס 1) און האָט זיך געמיהט אָבצופּרעגען די בעשולדיגונגען, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרען קעגען ביידע מלכים. פערקעהרט, די אידען האָט ער געשילדערט, ווי אַ פאָלק, וואָס לויט זיין טבע נאָך איז שווער צו רעגירען איבער איהם, און עס איז נוטה ניט צו פאָלגען זיינע מושלים. אויך אַרכילויס'עס קרובים, וואָס האָבען זיך געשטעלט אויפ'ן צד פון די בעשולדיגער, האָט ער געזוכט אַרויסצושטעלען פאַר ניט אָרענטליכע לייט.

3. אַז דער קיסר האָט אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים, האָט ער פונאַנדערגעלאָזען די פערזאַמלונג. אין עטליכע טעג אַרום האָט ער געגעבען אַרכילויס'ן די העלפט פונ'ם קעניגרייך און אויך דעם טיטעל עטנאַרך 2) און האָט איהם נאָך צוגעזאָגט צו מאַכען איהם פאַר אַ קעניג, אויב ער וועט זיך אַרויסווייזען פאַר ראוי דערצו. די אַנדערע העלפט אָבער האָט ער צעטיילט אין צוויי טעטראַרכיעס 3) און האָט זיי אָבגעגעבען הורדוס'עס אַנדערע צוויי זיהן, איינע פיליפּוס'ן און די אַנדערע—אַנטיפּס'ן, וואָס האָט געשטריטען מיט אַרכילויס'ן וועגען טרוין. אויף אַנטיפּס'עס חלק איז אויסגעקומען פּערעאַ און גליל מיט אַ יעהרליכער הכנסה פון 200 טאַלענטען 4), און פיליפּוס האָט בעקומען בשן, טרכון, חורן און אייניגע טיילען פון זענאָ'ס געביט ביי יאַמניאַ מיט 100 טאַלענטען יעהרליכע הכנסה. צו אַרכילויס'עס עטנאַרכיע האָבען געהערט דאָס לאַנד אדום, גאַנץ מלכות-יהודה און שומרון; דעם לעצטען לאַנד האָט מען געשאָנקען אַ פערט-חלק פון זיינע שטייערן אַלס בעלוינונג דערפאַר, וואָס עס האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אינ'ם אויפשטאַנד פון די איבעריגע געגענדען. חוץ דעם האָט מען אַרונטערגעשטעלט אונטער אַרכילויס'עס ממשלה די שטעדט סטראַטאָנס-טורם (קיסריה), סעבאַסטע (שומרון), יפו און ירושלים; פער-

1) פון דמשק הורדוס'עס בעל-יועץ און געשיכטס-שרייבער.

2) אַן ערך ווי נשיא, מיט אַ מדרגה נידעריגער פאַר'ן טיטעל „קעניג".

3) ז. בוך I זייט 105

4) אַ טאַלענט בעטרעפט אַן ערך 2 200 רובעל.

קעהרט, די גריכישע שטעדט 1) עזה, גדרה און סוסיתא האָט דער קיסר אָבגעטיילט פון דער מלוכה און צוגעגעבען זיי צו סיריען. דער סך־הכל פון די הכנסות פון אַרכילויס׳עס חלק האָט בעטראָפען 400 טאַלענטען.

שלומית האָט בעקומען, חוץ דעם וואָס הורדוס האָט איהר פערשריבען אין זיין צוואה, נאָך די הערשאַפט איבער יבנה, אַשדוד און פּזאליס; חוץ דעם, האָט איהר דער קעניג געשאָנקען דעם קיניגליכען פּאַלאַץ אין אַשקלון. פון די אַלע נחלאות האָט זי בעדאַרפט בעקומען אַלע יאָהר הכנסה 60 טאַלענטען, נאָר דער געביט איהרער איז געווען אַרונטערגעשטעלט אונטער אַרכילויס׳עס עטנאַרכיע. הורדוס׳עס איבעריגע קרובים האָבען בעקומען די חלקים, וואָס הורדוס האָט זיי פערזאָגט אין זיין צוואה. און זיינעביידע ניט־חתונה־געהאַטע טעכטער האָט דער קיסר געשאָנקען צו דעם חלק ירושה, וואָס זיי האָבען בעקומען פון זייער פאָטער, נאָך 500 000 זילבערשטיקער און האָט זיי חתונה געמאַכט מיט פערורוס׳עס זיהן. און נאָכדעם ווי ער האָט איינגעאָרדענט דעם גאַנצען ענין מיט דער ירושה, האָט ער זיי נאָך אָבגעגעבען די מתנה פון 1 000 טאַלענטען, וואָס הורדוס האָט איהם איבערגעלאָזט, און האָט אויסגעקליבען פאַר זיך נאָר עטליכע אבנים טובות פון אַ קלענערן ווערט אַלס אָנדייגקען אָן דעם פערשטאָרבענעם.

# זיבעטער קאפּיטעל.

דער פאַלשער אַלכּסנדר — אַרכילויס ווערט פערשיקט קיין וויענא — גלאַפיראַ׳ס טויט — אַרכילויס׳עס און גלאַפיראַ׳ס חלומות.

1. אין יענער צייט איז געקומען אין רוים אַ יונגער מאַן, וואָס איז געווען אַ געבאָרענער איד. נאָר אויפגעהאָדעוועט איז ער געוואָרען אין צידון ביי אַ רוימישען פרייגעלאָזטען קנעכט. היות ווי לויט זיין געשטאַלט איז ער געווען עהנליך אויף אַלכּסנדרן (מרים׳ס זוהן) דעריבער האָט ער זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז דאָס דער פּרינץ וואָס איז געטויט געוואָרען לויט הורדוס׳עס בעפעהל, אין ער האָט געהאָפט אַז מען וועט זיין פאַלשקייט ניט אויפדעקען. זיינער אַ לאַנדסמאַן וואָס האָט געננוי געוואוסט אַלצדינג, וואָס עס קומט פאָר אין׳ם קיניגרייך, האָט איהם דערביי געגעבען הילף און האָט איהם אונטערגעהעצט צו זאָגען, אַז די תליונים, וואָס מען האָט זיי געהייסען טויטען איהם און אַריסטובול׳ן, האָבען רחמנות געקראָגען איבער זיי, האָבען געלאָזט זי אַנטלויפען און אונטערגערוקט טויטע גופים פון אַנדערע מענשען, וואָס זיינען געווען עהנליך אויף זיי. דורך דער דאָזיגער ערציילונג האָט זיך איהם איינגעגעבען אָבצונאַרען די אידען פון קרעטאַ און צו בעקומען פון זיי הוצאות הדרך, און דערנאָך איז ער אָבגעפאָהרען קיין מעלאָס. אויך דאָ האָט מען

1) ד. ה. די שטעדט, וואָס זיינען געווען בעוואוינט על פי רוב אָדער אינגאַנצען פון גריכען און העלעניזירטע סירייער.

איהם געגלויבט, ער האָט אַרויסגענאַרט נאָך גלענצענדערע מתנות און סוף-כל-סוף האָט ער איינגערעדט זיינע בעלי-בתים, וואָס האָבען איהם געהאַט אויפגענומען, ווי אַ גאַסט, זיי זאָלען פאָהרען מיט איהם קיין רוים. נאָכדעם ווי ער איז אַרויס אויפ'ן ברעג אין דיקעאַרכיאַ, און די דאָרטיגע אידען האָבען איהם ווידער אַמאָל געגעבען מתנות, האָבען די פריינד פון זיין כלומר'שטיגען פאָטער בעלייט איהם, ווי אַ קעניג. די אויסוויינינגסטע עהנליכקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו די וואָס האָבען געזעהן אַלכסנדר'ן און גוט געקאָנט איהם, האָבען געשוואָרען, אַז ער איז דאָס. אַלע אידען פון רוים האָבען זיך צונויפגעקליבען, בכדי איהם צו זעהן, און אַן אומגעהייער גרויסע מאַסע מענשען האָט פערפולט די גאַסען, דורך וועלכע מען האָט איהם געטראָגען. וואָרום די אידען פון מעלאָס זיינען געווען אַזוי פערנאַרט, אַז זיי האָבען איהם געטראָגען אויף אַ שטול און האָבען איהם פערשאַפט אויף זייערע הוצאות קיניגליכע קליידער.

2. דער קיסר, וואָס האָט געגוי געדיינקט אַלכסנדר'ס פרצוף-פנים, — וואָרום אַנומעלט האָט דאָך הורדוס פערקלאָגט דעם פרינצען פאַר איהם — האָט, נאָך איידער ער האָט בעקומען צו זעהן דעם רמאי, באַלד פערשטאַנען, אַז דאָ ליגט אַ פאַלשקייט, וואָס איז זיך סומך אויף דער עהנליכקייט. נאָר בכדי צו לאָזען נאָך אַן אָרט פאַר אַ מעהר גינסטיגער הנחה, האָט ער געשיקט אַ געוויסען קעלאַדוס, וואָס האָט גוט געקענט אַלכסנדר'ן, מיט אַ בעפעהל צו ברייגען פאַר איהם דעם יונגען מאַן. באַלד אויפ'ן ערשטען קוק האָט יענער איינגעזעהן דעם אונטערשייד אין דעם פרצוף-פנים, און היות ווי לויט דער גאַנצער גראָבקייט פונ'ם קערפערבוי האָט מען געקאָנט אַרויסזעהן, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַ שקלאַף, דעריבער איז די גאַנצע רמאות געווען קלאָר ווי דער טאָג. גאַנץ בעזונדערס האָט איהם (קעלאַדוס'ן) אויפגעבראַכט די העזה, מיט וועלכער דער פאַלשער אַלכסנדר האָט געענטפערט, בשעת מען האָט ביי איהם נאָכגעפרעגט זיך וועגען אַריסתּובול'ן; ער האָט בעהויפטעט, אַז יענער לעבט נאָך, נאָר מיט אַ כּיון זאָל ער זיין געבליבען אויפ'ן אינזעל קיפּרוס, בכדי זיך צו בעזיכערן פאַר די שונאים; וואָרום ווען זיי זיינען אָבגעשיידט פון אַנאַנד, איז שווערער זיי צו חאַפּען.

דעמאָלט האָט קעלאַדוס איהם אָבגעפיהרט אָן אַ זייט און געזאָגט צו איהם אַזוי: „דער קיסר וויל דיר שיינקען דאָס לעבען, אויב דו וועסט אָנרופען דעם יעניגען, וואָס האָט דיך פערפיהרט צו דער דאָזיגער פאַלשקייט“. דערויף האָט דער יונגער מאַן צוגעזאָגט זיך אין אַלצדינג מודה צו זיין, איז אַוועק מיט קעלאַדוס'ן צום קיסר און האָט אָנגערופען דעם אידען, וואָס האָט אויסגענוצט צוליעב אָבנאַרעריי זיין עהנליכקייט מיט אַלכסנדר'ן. ער האָט דערציילט, אַז אין איטליכער שטאָדט האָבען זיי בעקומען מעהר מתנות, איידער אַלכסנדר אויף זיין גאַנצען לעבען. דער קיסר האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט דעריבער, האָט געהייסען אַוועקזעצען דעם פאַלשען אַלכסנדר'ן צווישען די רודערער מחמת זיין שטאַרקען קערפערבוי, און דעם פערפיהרער האָט ער געהייסען טויטען. די איינוואוינער פון מעלאָס אָבער, האָט זיך איהם אויסגעדוכט,

זיינען שוין גענוג געשטראָפט פאַר זייער נאַרישקייט דורך די הוצאות, וואָס זיי האָבען געמאַכט.

3. אַז אַרכילויס האָט איבערגענומען די ממשלה איבער זיין עטנאַרכיע, איז ער זיך בעגאַנגען מיט אַכזריות ניט בלויז מיט די אידען, נאָר אויך מיט די שומרונים, ווייל ער האָט געדיינקט זייער פריהערדיגע מרידה. סוף-כל-סוף האָבען דעפּוטאַציעס פוןביידע פעלקער איהם פער'מסר'ט ביים קיסר, און אין ניינטען יאָהר פון זיין רעגירונג האָט מען איהם פערשיקט אין דער גאַלישער שטאָדט וויענאַ. זיין אייגענס האָט דער קיסר צוגענומען פאַר זיך. איבעריגענס דערציילט מען, אַז איידער ער איז גערופען געוואָרען צו אווגוסטוס'ן, האָט ער געזעהן אין חלום 9 פולע און צייטיגע זאַנגען, וואָס אָקסען האָבען זיי אויפגעגעסען. האָט ער געלאָזט רופען וואָהרזאָגער און כאַלדייער און האָט זיי געפרעגט, וואָס דער חלום קאָן בעטייטען. איינע האָבען בעשיידען אַזוי, די אַנדערע אַנדערש; נאָר אַ געוויסער שמעון, וואָס האָט געהערט צו דער חברה איסים, האָט אויסגעטייטשט, אַז די זאַנגען בעטייטען יאָהרען, און די אָקסען — אַן אומבייטונג פונ'ם מצב, מחמת ביים אַקערן פערענדערען זיי די ערד. דעריבער וועט אַרכילויס רעגירען אַזוי פיעל יאָהר, ווי פיעל עס וועיזט אָן די צאָהל פון די זאַנגען, און סוף-כל-סוף וועט ער ענדיגען זיין לעבען נאָך פערשיידענע טלטולים. אין פינף טעג אַרום, נאָכדעם ווי אַרכילויס האָט אויסגעהערט די דאָזיגע בעשיידונג פונ'ם חלום, האָט מען איהם אַרויסגערופען קיין רוים, בכדי ער זאָל זיך פערענטפערן.

4. כדאי איז אויך צו דערמאָנען דעם חלום פון זיין פרוי גלאַפירא, דער טאָכטער פון אַרכילויס, דעם קעניג פון קפוטקיא, וואָס איז פריהער געוועזן זיין ברודערס אַלכסנדר'ס פרוי. אָט דער אַלכסנדר איז געוועזן, ווי בעוואוסט, אַ ברודער פון אַרכילויס'ן, וואָס וועגען איהם ווערט דאָ גערעדט, און איז געטויט געוואָרען, ווי איך האָב שוין פריהער דערציילט, אויף זיין פאָטער הורדוס'עס בעפעהל. נאָך איהר מאַנס טויט האָט גלאַפירא חתונה געהאַט מיט יובאַס, דעם קעניג פון ליביען, און נאָכדעם ווי ער איז אויך געשטאָרבען, האָט זי זיך אומגעקעהרט אַהיים און האָט געלעבט ביי איהר פאָטער אַלס אַלמנה. דאָ האָט זי געזעהן דער עטנאַרך אַרכילויס און האָט זיך אַזוי איינגעליעבט אין איהר, אַז ער האָט באַלד גע'גט זיך מיט זיין פרוי מרים און חתונה געהאַט מיט גלאַפירא'ן. מיט אַ קורצע צייט פריהער, איידער זי איז אָנגעקומען אין מלכות-יהודה, האָט זיך איהר געחלומ'ט, אַז אַלכסנדר שטייהט פאַר איהר און זאָגט צו איהר אַזוי: „דער שידוך אין ליביען האָט בעדאַרפט גענוג זיין פאַר דיר; אָבער דו ביזט נאָך ניט צופרידען דערמיט, קעהרסט זיך נאָך אום צוריק אין מיין שטוב און נעמסט דעם דריטען מאַן, און גראָד מיין ברודער, דו חצופה! נאָר די חרפה וועל איך דיר ניט שיינקען, נאָר איך נעם דיך צו זיך, צי דו ווילסט אָדער ניט. ס'זיינען ניט אַוועק קיין צוויי טעג, זינט זי האָט דערציילט דעם חלום, איז איהר אַרויס די נשמה.

# אכטער קאפּיטעל.

יהודה הגלילי. — וועגען די דריי כּתות בּיי אידען.

1. אַרכילויס'עס געבּיט איז איצט פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּראָווינץ און אַלס פּראָקוראַטאָר (פערוואַלטער) איז געשיקט געוואָרען אַהין אַ רוימער פונ'ם ריטער־שטאַנד, מיט'ן נאָמען קאָפּאָניוס, און איהם האָט דער קיסר געגעבּען די ממשלה איבּער לעבּען און טויט. אין דער צייט, וואָס ער האָט פערוואַלטעט, האָט אַ געוויסער יהודה פון גליל צוגערעדט זיינע לאַנדסלייט צו מאַכען אַ מרידה; ער האָט דערקלערט, אַז עס איז אַ חרפּה פאַר זיי צו צאָהלען נאָך ווייטער צינז די רוימער און צו אָנערקענען נאָך שטאַרבּליכע מענשען פאַר הערשער איבּער זיך, חוץ גאָט. ער איז געוועזן דער גרינדער פון אַן אייגענער כּתּה, וואָס האָט ניט קיין שום שייכות מיט דער אַנדערע 1).

2. וואָרום עס זענען פאַרהאַן בּיי אידען דריי מינים פון פילאָסאָפישע שולען; איינע בּילדען די פּרושים, די אַנדערע — די צדוקים, די דריטע, וואָס לעבּט לויט בּעזונדערס שטרייגע כּללים — די וואָס ווערען אָנגערופען איסים. די לעצטע זיינען אויך געבּאָרענע אידען, נאָר זיי זיינען מעהר צונויפגעבּונדען אין ליעבּשאַפט צווישען זיך, איידער די אַנדערע. אַלע תּענוגים פון דער וועלט מיידען זיי אויס, ווייל עס איז אַן עבירה, און פאַר אַ מצוה רעכענט זיך בּיי זיי איינהאַלטען און בּעהערשען די תּאוות. חתונה האָבּען האַלטען זיי פאַר נידעריג, נאָר זיי נעמען צו צו זיך פרעמדע קינדער, בּשעת זיי זיינען נאָך זייהר יונג, אַזוי אַז מען קאָן זיי נאָך בּילדען, האַלטען זיי, ווי זייערע אייגענע, און פלאַנצען איין אין זיי גוטע מדות. נאָר דערמיט ווילען זיי ניט אָבּשאַפען איינגאַנ־

1) יוסף שילדערט דאָ דעם אָנהויבּ פון דער פּאַרטיי „קנאים" און איהר לאַגע אין אידישען פאָלק, לויט דעם אַלגעמיינעם יסוד, אויף וועלכען ער האָט אויפגעבּויט זיין געשיכטע. ער איז אויסען צו בּעווייזען, אַז אין דער מלחמה זיינען שולדיג, פון איין זייט, די רוימישע פּראָקוראַטאָרען, און פון דער אַנדער זייט, יענע אויסערסטע פּאַטריאָטען, יענע „רויבּער", ווי יוסף רופט זיי אָן על־פּי רובּ, וואָס האָבּען בּשום אופן ניט געוואָלט אריבּערטראָגען דעם פרעמדען יאָך. דאָ זאָגט ער, אַז די פּאַרטיי קנאים איז בּעגרינדעט געוואָרען, גלייך ווי עס איז בּעקומען דער ערשטער פּראָקוראַטאָר. דאָס איז אפשר ניט גאָר גענוי. וואָרום אייגענטליך האָבּען מיר דאָך דאָ צו טון שוין מיט'ן צווייטען דור „קנאים". מעגליך, אַז גראָד איצט האָט די בּעוועגונג אָנגענומען אַ מעהר בּולט'ע פּ אָ ל י ט י ש ע פאָרם, אַנשטאָט דער פריהערדיגער רעליגיעזער (די מעשה מיט'ן גאָלדענעם אָדלער). ווייטער דאָס, וואָס ווערט דאָ געזאָגט, אַז די „קנאים" האָבּען קיין שום שייכות ניט צו די איבּעריגע סעקטעס, איז מעהר ניט ווי צוליעבּ צופּאַסען זיך צום געשמאַק פונ'ם רוימישען לעזער, וואָס איהם זיינען די אידישע פּאַטריאָטען געווען פערהאַסט, און מלמד זכות זיין אויף'ן כּלל ישראל, אַז זיי האָבּען חס ושלום קיין שייכות ניט מיט די מורדים. אין זיין גרויסען בּוך „קדמוניות היהודים" זאָגט יוסף פּשוט, אַז די קנאים זיינען פּרושים, וואָס צייכענען זיך אויס דורך זייער גרויסער ליעבּשאַפט צו פרייהייט. בּכלל זעהען מיר, אַז עס געפינען זיך צווישען די „קנאים" מענשען פון אַלע דריי כּתות.

צען חתונות און האָבען קינדער, נאָר זיי ווילען זיך פערהיטען קעגען די אונגאָרענטליכקייט פון די ווייבער, ווייל זיי האַלטען, אז קיין איינע פון זיי איז ניט געטריי דעם מאַן.

3. עשירות פעראַכטען זיי, און נשתומם צו ווערען איז איבער דעם, וואָס ביי זיי איז דאָס גאַנצע אייגענס בשותפות, אז מען געפינט ניט קיינעם צווישען זיי, וואָס זאָל האָבען מעהר פאַר אַן אַנדערן. וואָרום ס'איז פאַרהאַנען ביי זיי אַ תקנה, אז איטליכער, ווער עס וויל אַריינגייהן אין דער כתה, מוז אָבגעבען זיין פערמעגען דעם כלל, און אַזוי זעהט מען ניט ביי זיי ניט קיין נידעריגע אָרימקייט, ניט קיין צו גרויסע עשירות, נאָר אַלע בענוצען זיך ווי ברידער, מיט'ן בשותפות'דיגען אייגענס, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון די פערמעגענס פון די איינצעלנע חברים.

בוימיל האַלטען זיי פאַר שמוץ, און ווען עמיצער ווערט בעשמירט מיט בוימיל קעגען זיין ווילען, ווישט ער אָב זיין קערפער. וואָרום צו האָבען אַ פערגרעבטע הויט רעכענט זיך ביי זיי פאַר אַ כבוד, פונקט אַזוי ווי גייהן אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער. די פערוואַלטער איבער'ן בשותפות'דיגען פערמעגען ווערען אויסגעקליבען דורך אַ רוב שטימען, און איטליכער, אָהן אונטערשייד, מוז זיין גרייט צו אַרבייטען פאַר'ן כלל.

4. זיי האָבען ניט קיין אייגענע שטאָדט, נאָר אין איטליכער שטאָדט וואוינען אַ סך פון זיי. מיטגלידער פון דער חברה וואָס קומען פון אַנדערע שטעדט, קאָנען בענוצען אַלצדינג, וואָס זיי געפינען ביי זייערע חברים, ווי זייער אייגענעם פערמעגען, און צו מענשען, וואָס זיי האָבען קיין מאָל ניט געזעהן פריהער, גייהען זיי אַריין, ווי זיי וואָלטען געווען זייערע נאָהענטסטע פריינד. דעריבער נעמען זיי ניט מיט קיין זאַך אויף דער נסיעה, חוץ געוועהר אויף צו שיצען זיך קעגען רויבער. אין איטליכער שטאָדט געפינט זיך אַ בעזונדער ממונה פאַר די אורחים, וואָס בעדאַרף זיי פערזאָרגען מיט קליידונג און בעפרידיגען אַנדערע זייערע הצטרכות'ן.

אין זייער קליידונג און זייער גאַנצען אויסווייניגסטען אויסזעהן מאַכען זיי אַן איינדרוק פון יונגלעך, וואָס שטייהען נאָך אונטער דער פיהרונג פון אַ רבי'ן. קליידער און שיך בייטען זיי ניט פריהער, איידער זיי זיינען אינגאַנצען צעריסען אָדער אָבגעשליסען דורכ'ן לאַנגען געברויך. צווישען אַנאַנד קויפען זיי און פערקויפען גישט, נאָר איטליכער גיט פון זיין אייגענס דעם אַנדערן, וואָס יענער האָט נויטיג, און בעקומט, פערקעהרט, פון איהם דאָס, וואָס ער קאָן אַליין געברויכען. נאָך מעהר, איטליכער קאָן פאָדערן ביי זיין חבר אַלצדינג, וואָס ער האָט נויטיג, אפילו גאָרנישט ניט געבענדיג דערפאַר.

5. אויף אַ בעזונדערן אופן דינען זיי צו גאָט. וואָרום איידער עס גייהט אויף די זון, ריידען זיי ניט אַרויס קיין אומהייליג וואָרט, נאָר זיי ווענדען זיך צו דער זון מיט געוויסע, פון שנים קדמוניות איינגעשטעלטע תפלות, אַזוי ווי זיי וואָלטען אויסגעבעטען איהר אויפגאַנג. דערנאָך לאָזען זייערע פאָרשטייהער

זיי אָב צו דער טעגליכער אַרבייט, וואָס איטליכער פון זיי פערשטייהט. אַזוי אַרבייטען זיי פלייסיג ביז דער פינפטער שעה (11 אַזייגער), דערנאָך קומען זיי זיך ווידער צונויף אין אַ בעשטימטען אָרט, בינדען זיך אַרום אַ לייוועגטענע טוך און טובל'ען זייער גוף אין קאַלטע וואַסער. נאָך אָט דער רייניגונג גייהען זיי אַריין אין אַ בעזונדערן בנין, וואָס קיין אָנהייגגער פון אַן אַנדער כּתּה טאָר אַהין ניט אַריינגייהן, און קלייבען זיך צונויף דאָרט אין עס-צימער, גערייניגט, אַזוי ווי זיי וואָלטען גייהן אין אַ הייליגטום. דאָרט זעצען זיי זיך אַנידער גאַנץ רוהיג, און דער בעקער לייגט דעמאָלט אַוועק פאַר אַלעמען כּסדר ברויט, און דער קעכער שטעלט אַוועק פאַר איטליכען אַ שיסעל מיט אַן איינציגען מאכל. איידער די סעודה הויבט זיך אָן, זאָגט דער כּהן אַ תפלה, און פאַר דער תפלה טאָר קיינער ניט עסען. נאָך דער סעודה איז ער ווידער אַמאָל מתפלל, ובכן ווערט פאַר'ן עסען און נאָכ'ן עסען אָבגעגעבען אַ שבח צו גאָט, וואָס האָט גע-געבען די שפּייז. נאָכדעם טוען זיי זיך אויס די קליידער, וואָס זיינען אַזוי ווי הייליגע, און גייהען ווייטער צו דער אַרבייט ביז צום אָבענד. דערנאָך קעהרען זיי זיך אום צוריק און עסען ווייטער אויפ'ן אייגענעם אופן; טאָמער זיינען פאַרהאַן אורחים, נעמען זיי אויך אַן אָנטייל אין דער סעודה. ניט קיין געשריי אָדער וואָסער עס איז אַנדער טומעל פערשוועכט ווען עס איז דאָס הויז, נאָר איטליכער לאָזט דעם אַנדערן ריידען, ווי עס טרעפט איהם דער סדר. אויף די יעניגע, וואָס געפינען זיך אויסווייניג, מאַכט די שטילקייט, וואָס הערשט אין שטוב, אַן איינדרוק פון אַ שרעקליכען סוד; נאָר די רוהיגקייט קומט באמת נאָר דערפון, וואָס די מיטגלידער פון דער חברה זיינען שטענדיג ניכטער און זיי נעמען שפּייז און געטראַנק בלויז אויף אַזויפיעל, בכדי צו ווערען זאַט.

6. קיין זאַך טוען די איסים ניט, אָהן צו בעקומען אַ בעשטימטען בעפעהל פון זייערע פאָרשטייהער, און נאָר אין צוויי זאַכען האָבען זיי פולע פרייהייט: אין געבען הילף און צדקה טון. אַזוי איז עס איטליכען ערלויבט צו קומען צו הילף נויטבעדערפטיגע און געבען שפּייז הונגעריגע. קרובים אָבער טאָר מען גישט שיינקען אָהן דער ערלויבעניש פונ'ם פאָרשטייהער. אַרויסווייזען כּעס טוען די אסים נאָר דאָרט, וואו ער איז אַ גערעכטער; די געמיטס-בעוועגונגען ווייסען זיי, ווי אַיינצוהאַלטען; געטריישאַפט און גלויבען שאַצען זיי הויך; שלום מאַכען זיי אַלע מאָל. אַז זיי גיבען אַ וואָרט, איז דאָס גערעכענט ביי זיי מעהר פון אַ שבועה; נאָך מעהר, זיי שווערען גאָר ניט, ווייל זיי האַלטען עס פאַר ערגער, איידער פאַלש צו שווערען. וואָרום דער, זאָגען זיי, וואָס מען גלויבט איהם ניט, סיידען ער זאָל אָנרופען גאָטס נאָמען, איז שוין לכתחילה אָבגע'משפּט. מעהר פון אַלץ פערנעמען זיי זיך מיט'ן אויספאָרשען די כּתבים פון די פרי-הערדיגע דורות, בעזונדערס, בכּדי צו דערגייהן, וואָס איז געזונט און נוצליך פאַר'ן גוף און פאַר דער נשמה. פון די דאָזיגע כּתבים ווילען זיי זיך אויס-לערנען צו קענען די קרייטעכצער אויף פערטרייבען קראַנקהייטען און די תכונות פון די שטיינער.

7. ווער עס וויל ווערען צוגענומען אין דער כּתּה, ווערט ניט צוגעלאָזען תיכף, נאָר ער מוז צוערשט אַ יאָהר לאַנג זיין אויסער דער חברה און פיהרען

דעמזעלבען אַרט לעבען, ווי די מיטגלידער; דערבײַ גיט מען איהם פריהער אַ קליינע האַק, די אויבען דערמאָנטע טוך אויף אָנצוגורטען די לענדען און ווייסע קליידער. אויב ער האָט אין משך פון דער צייט אויסגעהאַלטען דעם פּרוב פון אויסגעהאַלטענקייט, יעמאָלט קומט ער צו אַ שריט נעהענטער צו דער חברה: ער נעמט אַן אָנטייל אין דער טבילה, אָבער צו די בשותּפות'דיגע סעודות ווערט ער נאָך ניט צוגעלאָזען. נאָכדעם ווי ער האָט בעוויזען זיין שטאַנדהאַפטיגקייט, פּרובט מען אויס נאָך צוויי יאָהר זיין כאַראַקטער, און ערשט אויב ער ווייזט זיך אַרויס פאַר ראוי אויך אין דעם פּרט, ערשט דעמאָלט ווערט ער פאָרמאַל אויפגענומען אין דער חברה. נאָר איידער ער טאָר קומען צו דער בשותּפות'דיגער סעודה, מוז ער אָבגעבען פאַר די מיטגלידער פון דער חברה אַ מורא'דיגע שבועה, אַז ער וועט דיענען צו גאָט מקיים זיין זיינע התחייבות'ן בנוגע צו מענשען, קיינעם ניט אָנטון שאָדען, ניט פון אייגענעם ווילען און ניט לויט אַן אַנדערנ'ס בעפעהל, שטענדיג פיינט האָבען רשעים און העלפען צדיקים און יי. געטריי איטליכען, און בעזונדערס דער רעגירונג, וואָרום קיינער האָט קיין מאַכט ניט, סיידען גאָט האָט זי איהם געגעבען. ווייטער מוז ער זיך שווערען, אַז טאָמער וועט איהם אַליין אויסקומען צו בעפעהלען, זאָל ער קיין מאָל ניט שטאָלצירען מיט זיין מאַכט און ניט שטרעבען זיך צו שטעלען העכער פאַר זיינע אונטערגעגעבענע ניט אין קליידער און ניט אין אַנדער צירונג. ווייטער איז ער זיך מתחייב שטענדיג ליעבצוהאָבען דעם אמת און צו דערנידעריגען דעם שקר, ריין צו האַלטען די הענד פון גנבה און די נשמה פון דער בעפלעקונג מיט אונעהרליכע פערדיענסטען, ניט האָבען קיין סודות פאַר די חברים, פערקעהרט, ניט אויסזאָגען זייערע סודות פרעמדע אפילו ווען מען זאָל איהם מאַטערן ביז צום טויט; ווייטער, ניט איבערצוגעבען אַנדערע די תקנות פון דער חברה, סיידען אויף דעם אופן, ווי ער גופא האָט זיך דערוואוסט, אָבצוקעהרען זיך מיט עקעל פון גזלות, צו האַלטען בסוד די ספרים פון דער כתּה און די נעמען פון די מלאכים. דורך אַזעלכע שבועות פערזיכערען זיך די אסים מיט די, וואָס זיי ווילען זיי אויפנעמען בײַ זיך.

8. דעם, וועמען מען האָט אויפגעוויזען שווערע חטאים, שליסען זיי אויס פון דער חברה, און דער אַרויסגעטריבענער קומט אום אויפ'ן טרויעריגסטען אופן. געבונדען דורך שבועות און מנהגים פון דער חברה, טאָר ער ניט אָננעמען קיין שפּייז פון ניט-מיטגלידער, און דעריבער מוז ער זיך דערנעהרען פון קרייטעכצער, און דורכדעם ווערט זיין גוף אָבגעצעהרט און סוף-כּל-סוף גייהט ער אויס פון הונגער. דעריבער האָבען זיי שוין אַ סך פון אָט די אומגליקליכע, וואָס האָבען געהאַלטען שוין כּמעט בײַ דער גסיסה, ווידער צוגענומען אויס רחמנות, ווייל זיי האָבען גערעכענט, אַז די ענויים, וואָס האָבען זיי געבראַכט נאָהענט צום טויט, זיינען אַ גענוגע שטראָף פאַר זייערע זינד.

9. זייהר געוויסענהאַפט און גערעכט פיהרען זיי זיך אויף בשעת אַ פּראָצעס. זיי פּסק'ען נאָר דעמאָלט, בשעת עס האָבען זיך צונויפגעקליבען לכל

הפחות 100 מיטגלידער, און דער פסק-דין פונ'ם דאָזיגען געריכט קאָן ניט אומ-געביטען ווערען. נאָך גאָט גיבען זיי אָב דעם גרעסטען כבוד דעם נאָמען פונ'ם מחוקק (משה רבינו). ווער עס לעסטערט איהם, דער ווערט בעשטראָפט מיט טויט. צו פאָלגען זקנים און דעם רוב — האַלטען זיי פאַר אַ כבוד. דעריבער איז ווען עס זיצען צוזאַמען צעהן פון זיי, דעמאָלט רעדט קיין איינער ניט קעגען דער מיינונג פון די ניין אַנדערע. וויטער היטען זיי זיך אויסצושפייען פאַר אַן אַנדערן אָדער נאָך דער רעכטער זייט. נאָך מעהר ווי אַלע איבעריגע אידען מיידען זיי אויס אום שבת זיך צו פערנעמען מיט אַרבייט, און דעריבער איז לא די וואָס זיי גרייטען צו זייער שפייז פון ערב שבת, בכדי ניט אָנצוצינדען אום שבת קיין פייער, נאָר זיי דערוועגען זיך אפילו ניט אָבצורוקען אַ כלי פון אָרט.

10. לויט דער צייט, וואָס זיי געהערען אָן צו דער חברה, זיינען זיי אַיינגעטיילט אין פיער קלאַסען, און די אינגערע מיטגלידער זיינען אזוי פיעל נידעריגער פאַר די עלטערע, אַז די לעצטע, ווען זיי ריהרט אָן אַ אינגערער חבר, טובל'ען זיך, פונקט אַזוי ווי אַ נכרי וואָלט זיי געהאַט מטמא געווען. זיי לעבען זייהר לאַנג, און אַ סך פון זיי ווערען אַלט איבער הונדערט יאָהר; דאָס קומט, דוכט מיר, דערפון, וואָס זייער אַרט לעבען איז אַ פשוט'ער, און פון דער אָרדענונג, וואָס הערשט ביי זיי. דערביי ווערען זיי ניט אויפגערעגט פון דער שרעקליכסטער צרה; וואָרום וויהטאָגען זיינען זיי גובר דורך דער שטאַר-קייט פון זייער נשמה און אַ בכבוד'ען טויט האַלטען זיי בעסער פאַר'ן לייַנג-סטען לעבען. אָטאָ די איבערצייגונג זייערע האָט זיך אַרויסגעוויזען בעזונדערס קלאָר אין דער מלחמה קעגען די רוימער. מען האָט זיי אָנגעטאָן די ערגסטע ענויים, מען האָט געצויגען זייערע אברים, געברענט, געבראָכען; מיט אַלע פיי ניגונגס-געצייג, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט אויסטראַכטען, האָט מען זיי גע-מאַטערט, בכדי זיי צו צווינגען צו לעסטערן דעם מחוקק אָדער צו עסען טריפ'ע מאכלים — נאָר ניט דאָס און ניט יענץ האָט מען געקאָנט אויספיהרען ביי זיי. קיין איין וואָרט פון בקשה צו זייערע פייניגער איז ניט געקומען איבער זייערע ליפען, און זייערע אויגען זיינען געבליבען אָהן טרערען. שמייכלענדיג אונטער וויהטאָגען, האָבען זיי חוזק געמאַכט פון זייערע תליונים, און מיט פרייד האָבען זיי אָבגעגעבען זייער נשמה, אין דער פעסטער האָפענונג, זי ווידער אַמאָל צו בעקומען.

11. וואָרום זיי האַלטען זיך פעסט פאַר דער אמונה, אַז טאַקע דער גוף ווערט פערפוילט און פערגייהט, נאָר די נשמה לעבט אין אייביגקייט; די נשמה אַליין שטאַמט פון זייהר אַן איידעלן הויכען הומר, און זי ווערט אַראָבגעצויגען דורך אַזאַ מין נאַטירליכען כשוף און אַיינגעשלאָסען אין גוף, פונקט ווי אין אַ תפיסה, אָבער ווי נאָר די נשמה ווערט בעפרייט פון די קייטען פונ'ם גוף, דעמאָלט שוועבט זי אַרויף נאָך אויבען אַ גליקליכע, פונקט אַזוי ווי זי וואָלט אויסגעלייזט געוואָרען פון אַ לאַנגער קנעכטשאַפט. אין הסכם מיט די אינגערע העלענען לערנען די איסים, אַז די צדיקים איז בעשטימט אַ לעבען אויף יענער זייט ים אוקינוס אין אַן אָרט, וואָס ווערט ניט בעשווערט ניט דורך רעגען, ניט

דיורד שניי, ניט דורך היך, נאָר אַ שטענדיגער זאַנפּטער חינטעל, וואָס ווייהט פון ים אוקינוס, קיהלט איהם אָב; פאַר די רשעים, ווייזען זיי אָן, איז פאַרהאַן אַ פינסטערע קאַלטע הייהל, וואָס איז פול מיט אייביגע ענויים. דערזעלביגער געדאַנק, דוכט מיר, געפינט זיך אויך ביי די העלענען, וואָס זאָגען, אַז זייערע העלדען, וואָס זיי רופען זיי אָן הערא‍ָען און האַלבע געטער, געפינען זיך אויף די אינזלען פון די גליקליכע, די נשמות פון די שלעכטע מענשען אָבער פערנעמען דעם אָרט פון די רשעים אין האַדעס, וואו לויט דער מסורה קומען אָב זייער שטראָף סיזיפוס, טאַנטאַלוס, איקסיאָן און טיטיוס 1).

דערמיט ווילען די אסים קודם כל פעסטשטעלען די אומשטאַרבליכקייט פון דער נשמה (השארת הנפש); אָבער חוץ דעם ווילען זיי אויפמונטערן צו טון מצוות און דערווייטערן זיך פון עבירות. זיי רעכענען דערויף, אַז אויב די צדיקים וועלען בשעת זייער לעבען אויף דער ערד האָפען אויף שכר נאָכ׳ן טויט, וועלען זיי נאָך בעסער ווערען, פערקעהרט די בייזע מחשבות פון די רשעים וועלען אויס מורא צו בישט ווערען, ווייל זיי, די רשעים, וועלען מוזען טראַכטען, אַז אויב אפילו ביים לעבען קאָן זייער רשעות בלייבען פערבאָרגען, דערפאַר אָבער אויף יענער וועלט וועלען זיי מוזען אויסשטייהן אַן אייביגע שטראָף. אָטאָ די תורה פון די איסים וועגען דער נשמה איז דער כשוף-באַנד, וואָס מיט איהם בינדען זיי צו צו זיך אויף שטענדיג די יעניגע, וואָס האָבען זייער חכמה נאָר טועם געווען.

12. איבעריגענס געפינען זיך צווישען זיי אויך אַזעלכע, וואָס נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך פערנומען זינט זייער יוגענד-צייט אָן מיט לייענען די הייליגע ספרים און מיט די רייד פון די נביאים און פערשיידענע טבילות, בעהויפּטען זיי, אַז זיי ווייסען פאָראויס די צוקונפט, און באמת טרעפט עס זייהר זעלטען, אַז זייערע נבואות זאָלען ניט מקוים ווערען.

13. חוץ דעם איז פאַרהאַן נאָך אַ צווייטער צווייג פון דער כתּה איסים, וואָס לויט׳ן אַרט לעבען, מנהגים און מדות איז ער לחלוטין דער אייגענער, וואָס דער ערשטער, נאָר ער אונטערשיידט זיך פון איהם מעהר ניט מיט זיין קוק אויף חתונה האָבען. וואָרום זיי האַלטען, אַז די וואָס האָבען ניט חתונה, היטען ניט אָב דעם וויכטיגסטען צוועק פון לעבען, דאָס הייסט האָבען קינדער, און אויב אַלע וואָלטען אַזוי געטראַכט, וואָלט דער מין מענשען אין גיכען אויסגעשטאָרבען אינגאַנצען. נאָר דריי יאָהר פּרובען זיי אויס די כלות, און ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז זיי זיינען פייהיג צו געבוירען קינדער, נעמען זיי זיי צו פאַר פרויען. די ווייבער באָדען זיך אין העמדער, פונקט ווי די מאַנסבילען אין שירצען. דאָס זיינען די מנהגים פון דער דאָזיגער כתּה.

1) גריכישע העלדען אָדער האַלבע געטער, וואָס האָבען זיך, לויט דער אלטער גריכישער טראַדיציע, פערזינדיגט קעגען די געטער, און מוזען אָבקומען אַן אייביגע שטראָף דערפאַר.

14. וואָס איז שייך צוביידע כתות, וואָס זיינען צוערשט אָנגערופען געוואָרען, איז די כּתּה פון די פּרושים די עלטסטע. זיי האָבען אַ שם, אַז זיי פּערשטייהען בעזונדערס גוט אויסצוטייטשען די תּורה; זיי זאָגען, אַז אַלצדינג איז אָבהייניג פון גאָט און פון'ם מזל, און אַז דעם מענשען שטייהט פריי על־פּי־רוב צו טון גוטס אָדער שלעכטס, נאָר ביי איטליכער טועכץ העלפט איהם מיט דער מזל 1). די נשמות זיינען, לויט זייער מיינונג, אַלע אומשטאַרבליך, אָבער נאָר די נשמות פון די צדיקים גייהען איבער נאָכ'ן טויט אין אַן אַנדער גוף, די נשמות פון די רשעים אָבער מוזען ליידען אַן אייביגע שטראָף.

פערקעהרט, די צדוקים, די צווייטע פון די אויבען אָנגערופענע כּתּות, לייקענען אינגאַנצען אין'ם מזל און בעהויפּטען, אַז גאָט האָט גאָרנישט צו שאַפען מיט דער טועכץ פון די מענשען; פערקעהרט, סיי גוטע סיי שלעכטע מעשים זיינען אינגאַנצען אָבהייניג פון פרייען ווילען, און איטליכער טרעט אַרויף אויף דער אָדער אַנדער זייט, לויט ווי איהם גופא איז דאָס וואוילגעפעלען. ווייטער לייקענען זיי אויך אין השארת הנפש (אייביגען לעבען פון דער נשמה), ווי אויך אין שכר ועונש אויף יענער וועלט. אין דער צייט וואָס די פּרושים זיינען פעסט פעראייניגט צווישען זיך און האַלטען הויך די אחדות לטובת הכּלל, איז די בעציהונג פון צדוקים צו זייערן אַ חבר אַ סך אומפריינדליכער, אזוי אַז זיי בעגייהען זיך מיט זייערע געזינונגס־חברים פונקט אַזוי אָבשטויסענדיג, ווי מיט פרעמדע.

דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט בעמערקען איבער די פילאָסאָפישע שולען פון די אידען.

# ניינטער קאַפּיטעל.

שלומית'ס טויט. — אומרוהען אין פּילאַטוס'עס צייטען. — אגריפּאַס ווערט אריינגעזעצט אין תּפיסה דורך טיבעריוס'ן, און דורך קאַליגולאַ בעפרייט. — הורדוס אנטיפּס ווערט פערשיקט.

1. אין דער צייט, וואָס אַרכילויס'עס עטנאַרכיע איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּראָווינץ, האָבען די אַנדערע פּירשטען, פיליפוס און הורדוס אַנטיפּס, ווייטער רעגירט איבער זייערע טעטראַרכיעס. דערוויל איז שלומית געשטאָרבען און האָט געלאָזען איהר געביט מיט יאַמניאַ און מיט'ן פּאַלמען־וואַלד ביי פזאליס פאַר יוליאַ, אַווגוסטוס'עס פרוי.

1) גענויער איז די מיינונג פון די פּרושים אויסגעדריקט אין דער מימרא פון „פּרקי אבות": „הכּל צפוי והרשות נתונה". די שיטה פון די פּרושים, אָדער די שיטה פון דער יהדות לייגט מעהר אַקצענט אויף דעם „והרשות נתונה"—ווילענס־פרייהייט איז דער יסוד פון זיטליכקייט. ווי עס ווייזט אויס, האָט יוסף פערשטאַנען די פּרושים אַ ביסעל אַנדערש, ווייל אין דעם זאַץ ווערט מעהר בעטאָנט די קראַפט פון דער השגחה פּרטית.

אויך נאָכדעם ווי עס איז געשטאָרבען אַווגוסטוס, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער רוימישער מלוכה זיבען-און-פופציג יאָהר, זעקס חדשים מיט צוויי טעג, און די ממשלה איז איבערגעגאַנגען צו טיבעריוס'ן, יוליאַס זוהן, זיינען הורדוס און פיליפוס פערבליבען ביי זייערע טעטראַכיעס. דער לעצטער האָט אויסגעבויט אין דער געגענד פון פנייס ביי די קוואַלען פון ירדן די שטאָדט קיסריא און אין אונטער-גולן די שטאָדט יוליאַס. הורדוס האָט אויסגעבויט אין גליל טבריא און אין פּערעאַ אויך אַ שטאָדט, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבען נאָך יוליאַ.

2. וואָס איז שייך צו מלכות-יהודה, האָט טיבעריוס געשיקט אַהין אַלס פּראָקוראַטאָר פּילאַטוס'ן. איין מאָל האָט פּילאַטוס געהייסען ביי-נאַכט אַריינטראָגען אין ירושלים בעהאַלטענערהייד דעם קיסר'ס בילדער, וואָס די רוימער רופען זיי אָן „סיגנאַ" 1). ס'איז געווען קוים בעגינען, איז געוואָרען אין שטאָדט אַ גרויסע אויפרעגונג. וואָרום דער וואָס האָט זיך דערנעהנטערט צום אָרט, וואו די בילדער זיינען געשטאַנען, האָט זיך אָבגעשטעלט מיט גרויל און ציטערניש: אַלע האָבען עס גערעכענט פאַר אַ שרעקליכען חלול-השם, וואָרום ס'איז פערבאָטען די אידען אַוועקצושטעלען וואָסערע עס איז בילדער אין שטאָדט. ביסלעכווייז האָט די ערביטערונג פון די שטאָדטישע אַיינוואוינער צוגעצויגען אויך דאָס פאָלק פון די דערפער, און גרויסע מאַסען האָבען זיך צונויפגעקליבען און האָבען זיך געלאָזט גייהן קיין קיסריא צו פּילאַטוס'ן און האָבען זיך געבעטען ביי איהם תחנונים, ער זאָל הייסען אַרויסטראָגען די בילדער פון ירושלים און ניט אָנריהרען זייערע רעליגיעזע געזעצען, וואָס זיי האָבען פון שנים קדמוניות. נאָר אַזוי ווי פּילאַטוס האָט אָבגעזאָגט זייער בקשה, האָבען זיי זיך אַנידערגעוואָרפען אויף דער ערד און זיינען אַזוי געבליבען ליגען, אָהן זיך צו ריהרען, פינף טעג און פינף נעכט.

3. אויפ'ן זעקסטען טאָג האָט פּילאַטוס זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הויכער בימה אין מיטען דעם פלאַץ, וואו עס יאָגען זיך די פערד, און האָט געלאָזט צונויפרופען דאָס פאָלק, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיי זאָגען אַן ענטפער אויף זייער בקשה. נאָר אין דער אמת'ן האָט ער געגעבען אַ צייכען די סאָלדאַטען, וואָס ער האָט מיט זיי געהאַט פריהער אָבגערעדט, זיי זאָלען אַרומרינגלען די אידען מיט געוועהר אין די הענד. אַרומגערינגעלט אַזוי מיט דריי שורות בעוואָפענטע, זיינען די אידען לכתחילה שטאַרק צעטומעלט געוואָרען. נאָר אַז פּילאַטוס האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט זיי אַלעמען לאָזען אויסקוילען, אויב זיי וועלען ניט צונעמען ביי זיך דעם קיסרס בילדער, און האָט געגעבען די סאָלדאַטען אַ וואונק, אַרויסצוציהען זייערע שווערדען, זיינען אַלע אידען, ווי זיי וואָלטען זיך געהאַט צונויפגערעדט, אַנידערגעפאַלען, האָבען אויסגעשטרעקט זייערע העלזער און האָבען דערקלערט הויך אויפ'ן קול, אַז זיי

1) דאָס זיינען געווען אָדלערס בעפעסטיגט אויף שפּיזען; אין יענער צייט פלעגט מען אויך דערצו מוסיף זיין דעם קיסרס בילד.

אילען בעסער זיך לאָזען אומברייננגען, איידער עובר זיין אויפ'ן געזעץ. פילאַטוס איז נשתומם געוואָרען דעריבער, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך אַזוי מוטיג אַרויסגעשטעלט פאַר זיין געזעץ, און האָט געגעבען אַ בעפעהל תיכף אַרויסצוטראָגען די פאָהנען פון ירושלים.

4. שפּעטער האָט ער אַרויסגערופען נייע אומרוהען דורכדעם, וואָס ער האָט פערברויכט דעם אוצר פון בית-המקדש, וואָס ווערט אָנגערופען קרבן, אויף בויען אַ וואַסערלייטונג, וואָס האָט בעדאַרפט זיין לאַנג 400 סטאַדיעס 1). דעריבער איז דאָס פאָלק שטאַרק אין כעס געוואָרען. און אַז פילאַטוס איז איין מאָל געקומען אין ירושלים, האָט עס אַרומגערינגעלט מיט געשרייען זיין ריכטער-שטול. אָבער ער האָט שוין פון פריהער זיך געהאַט דערוואוסט וועגען דער פערזאַמלונג, וואָס בעדאַרף פאָרקומען, און דעריבער האָט ער שטילערהייד פונאַנדערגעטיילט בעוואָפענטע סאָלדאַטען אין בירגערליכע קליידער צווישען דעם המון, און האָט זיי בעפוהלען ניט צו געברויכען קעגען די שרייער קיין שווערד, נאָר צו שלאָגען זיי מיט שטעקענס. און נאָכדעם ווי ער האָט פון זיין ריכטער-שטול געגעבען אַ צייכען, זיינען אַ סך אידען אומגעקומען, צום טייל אונטער די קלעפּ פון די סאָלדאַטען, צום טייל דורכדעם, וואָס זיי זיינען לויפענדיג צעטראָטען געוואָרען דורך זייערע אייגענע לאַנדסלייט. דער שרעק איבער דעם שרעקליכען גורל פון די דער'הרג'עטע האָט באַלד געבראַכט דאָס פאָלק צום שווייגען.

5. אין דערזעלבינער צייט איז אַגריפּס, דער זוהן פון אַריסתּובול'ן, וואָס איז געטויט געוואָרען דורך זיין פאָטער הורדוס'ן, אַוועק צו טיבעריוס'ן, בכדי אָנצוקלאָגען דעם טעטראַרך הורדוס'ן. אָבער זיין אָנקלאַגע האָט מען ניט אָנגענומען. נאָר ער איז פאָרט געבליבען אין רוים און האָט געזוכט צו געפינען חן אין די אויגען פון אַנדערע איינפלוסרייכע רוימער, בעזונדערס ביי גערמאַניקוס'עס זוהן, גאַיוס'ן, וואָס איז נאָך געווען דעמאָלט אַ פּריוואַט-מענש.

איין מאָל האָט ער געמאַכט אַ סעודה פאַר גאַיוס'ן, און נאָכדעם ווי ער האָט איהם אָנגעזאָגט אַ סך קאָמפּלימענטען, האָט ער צולעצט אויסגעשטרעקט זיינע הענד און האָט הויך אויפ'ן קול מתפלל געווען, אַז עס זאָל איהם זיין פערגונען אין גיכען צו בעגריסען גאַיוס'ן אַלס דעם האַר פון דער וועלט, נאָכדעם ווי טיבעריוס וועט זיין געשטאָרבען. איינער פון זיינע דיענער האָט דאָס גע'מסר'ט טיבעריוס'ן, און יענער איז דעריבער געוואָרען אַזוי אין כעס, אַז ער האָט געהייסען אַריינזעצען אַגריפּס'ן אין תפיסה און האַלטען איהם דאָרט אונטער אַ שטרייגגער בעהאַנדלונג. אַזוי איז אַגריפּס געזעסען אין תפיסה זעקס חדשים, ביז טיבעריוס איז געשטאָרבען, נאָכדעם ווי ער האָט רעגירט 22 יאָהר 6 חדשים און 3 טעג.

6. ווי נאָר גאַיוס (קאַליגולאַ) איז אויסגערופען געוואָרען פאַר אַ קיסר, האָט ער באַלד אַרויסגעלאָזט פריי אַגריפּס'ן און בעשטימט איהם נאָר אַ קעניג

1) אַ סטאַדיע אָדער ריס האַלט אַן ערך 1 125 מעטער.

איבער דער טעטראַרכיע פון פיליפוס'ן, וואָס איז גראָד אין יענער צייט גע־שטאָרבען. דאָס אָבער האָט דערוועקט קנאה ביים טעטראַרך הורדוס'ן, וואָס איהם האָט בעזונדערס זיין פרוי הורדיה געגעבען די האָפענונג, אַז ער וועט בעקומען דעם טיטעל קעניג. זי האָט איהם פאָרגעוואָרפען, פאַרוואָס ער טוט גאָרנישט, און בעהויפּטעט, אַז נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט פאָה־רען צום קיסר, האָט מען ניט דערהויכט זיין טיטעל; וואָרום אויב דער קיסר האָט דעם פריוואַט־מענשען אַגריפּס'ן געמאַכט פאַר אַ קעניג, איז אַפשיטאָ שוין פאַר איהם, דעם טעטראַרך, וואָלט ער שוין געוויס אָנערקענט די דאָזיגע העכערונג.

דורך אַזעלכע טענות האָט הורדוס געלאָזט זיך איינריידען און איז אַוועק צו גאַיוס'ן, אָבער אַלס שטראָף פאַר זיין געלד־גיריגקייט האָט איהם גאַיוס פערשיקט קיין הישפּאַניען. אַגריפּס איז איהם געווען נאָכגעפאָהרען, בכדי איהם אָנצוקלאָגען, און האָט בעקומען פון גאַיוס'ן הורדוס'עס טעטראַרכיע נאָך צו זיין קיניגרייך. הורדיה איז איבעריגענס מיטגעפאָהרען מיט איהר מאַן אין דער פערשיקונג קיין הישפּאַניען, וואו ער איז פערבליבען ביז זיין טויט.

# צעהנטער קאַפּיטעל.

קאַליגולאַ פאָדערט, אַז מען זאָל אוועקשטעלען זיין סטאַטוע אין בית־המקדש אין ירושלים. — ווי אַזוי פעטראָניוס האָט זיך דערביי אויפגעפיהרט.

1. דערווייל איז דער קיסר גאַיוס מחמת זיין הצלחה געוואָרען אַזוי האָ־פערדיג, אַז לאָ די וואָס ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גאָט און געפאָדערט, אַז אַנדערע מענשען זאָלען איהם אַזוי אָנרופען, נאָר ער האָט נאָך אויך זיין פאָטערלאַנד בערויבט זיינע בעסטע זיהן. ניט ווינציגער האָבען געהאַט צו ליי־דען פון זיין רשעות די אידען.

איינמאָל האָט ער געשיקט פעטראָניוס'ן בראש פון זיין חייל קיין ירושלים, בכדי אוועקצושטעלען זיין סטאַטוע אין בית המקדש. צוגלייך האָט ער איהם אָנגעוויזען, אַז טאָמער וועלען די אידען ניט וועלען פאָלגען, זאָל ער די ווידער־שפּעניגע לאָזען טויטען, און דאָס איבעריגע פאָלק פערקויפען פאַר שקלאַפען. אָבער דעם אויבערשטענס השגחה האָט ניט דערלאָזען אויספיהרען די דאָזיגע בעפעהלען.

פעטראָניוס איז אַרויסגעטראָטען פון אַנטיוכיאַ קעגען מלכות־יהודה מיט דריי לעגיאָנען און מיט אַ סך סירישע הילפס־חייל. אַ טייל פון די אידען האָט איינגאַנצען ניט געגלויבט די קלאַנגען וועגען מלחמה, אַנדערע ווידער, וואָס האָבען זיי געהאַלטען פאַר ריכטיג, האָבען ניט געוואוסט, ווי אַזוי זיך צו פערטיידיגען, נאָר באַלד האָט אָנגעכאַפּט דאָס פאָלק אַ מורא; וואָרום דער חייל איז שוין געשטאַנען ביי עכו.

2. די דאָזיגע שטאָדט. וואָס ליגט ניט ווייט פון גליל אין גרויסען טאָל (עמק יזרעאל), איז אַ ים-שטאָדט און אַרומגערינגעלט פון בערג. אין מזרח-זייט דערהויבען זיך די גליל'ער בערג, וואָס שטייהען אָב פון איהר אויף אַ מהלך פון 60 סטאַדיעס, אין דרום-זייט — אויף אַ מהלך פון 120 סטאַדיעס — דער באַרג כרמל, און אין צפון-זייט — אויף אַ מהלך פון 100 סטאַדיעס — דער זייהר הויכער באַרג, וואָס די דאָרטיגע בעפעלקערונג רופט איהם אָן דער צור'ישער לייטער. צוויי סטאַדיעס ווייט פון דער שטאָדט פליסט פאַרביי אַ גאַנץ קליינער טייך, וואָס ווערט אָנגערופען בעלעאוס, און ניט ווייט פון איהם געפינט זיך מעמנאָנס אַ דיינקמאָל און זייהר אַ מערקווירדיגער פלאַץ פון 100 איילען אין היקף. דער פלאַץ איז אַ רונדער און טיעפער, און אין איהם געפינט מען גלאָז-זאַמד; ווען די שיפען, וואָס שטייהען ביים ברעג, נעמען אויס די גאַנצע זאַמד, קומט צו איטליכס מאָל נייע, וואָרום די ווינטען טרייבען ווידער צונויף די גלענ-צענדע זאַמד אַהין פון אויסווייניג. אין גרוב ווערט די גאַנצע זאַמד תיכף צו גלאָז; אָבער נאָך הפלא'דיגער איז דאָס, וואָס די גלאָז, וואָס פליסט אַריבער איבער'ן ברעג פון גרוב, ווערט ווידער צו זאַמד. דאָס איז די טבע פון דער דאָזיגער געגענד.

3. די אידען האָבען זיך צונויפגעקליבען מיט ווייבער און קינדער אין טאָל ביי עכו און האָבען געבעטען תחנונים ביי פעטראָניוס'ן, ער זאָל בעשיצען צוערשט זייערע היימישע מנהגים און דערנאָך זיי גופא. די גרויסע מאַסע פון די, וואָס האָבען ביי איהם געבעטען, און די פעסטקייט, מיט וועלכער זיי האָ-בען איהם אַרויסגעזאָגט זייערע בקשות, האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף פעטראָניוס'ן, אַז ער האָט געלאָזען זיין חייל און די סטאַטוע אין עכו און אליין איז ער אַוועק קיין טבריא אין גליל, וואוהין ער האָט צונויפגערופען דאָס פאָלק, און בעזונדערס אַלע אָנגעזעהענע אידען.

דאָרט האָט ער אויספיהרליך זיי צו פערשטייהן געגעבען, ווי גרויס עס איז די מאַכט פון די רוימער, און ווי שרעקליך עס זיינען דעם קיסר סטראַ-שונקעס, און צו גלייכער צייט האָט ער געזוכט זיי צו בעווייזען, ווי ניט פער-שטאַנדיג עס איז זייער פערלאַנג. אַלע אונטערטעניגע פעלקער, האָט ער גע-ענדיגט זיין רעדע, האָבען אַוועקגעשטעלט אין איטליכער שטאָדט, חוץ די ביל-דער פון אַנדערע געטער, אויך דעם קיסר'ס סטאַטועס, און אויב די אידען אַליין שטעלען זיך אַרויס קעגען דעם, הייסט עס, אַז זייער אויפפיהרונג איז ניט אַנדערש ווי אַ מרידה, און דערצו נאָך אַ מרידה, וואָס איז פערבונדען מיט דער בעליידיגונג פונ'ם קיסר.

4. נאָר די אידען האָבען זיך סומך געווען אויף זייער געזעץ און אַלטע מנהגים, וואָס לויט זיי איז ניט ערלויבט אַוועקצושטעלען אין בית-המקדש אָדער אפילו אין אַ ניט-געהייליגטען אָרט פון לאַנד אפילו גאָטס בילד, שוין אָבגערעדט אַ מענשענס בילד. דערויף האָט פעטראָניוס געענטפערט: „נאָר איך מוז דאָך אויך ערפילען מיין האַרענס געזעץ, און אויב איך וועל אויף איהם עובר זיין, בכדי אייך צו שוינען, וועל איך בעשטראָפט ווערען מיט טויט, און לויט רעכט. דער וואָס האָט מיך געשיקט

ער וועט מיט אייך פיהרען קריג, ניט איך; ווארום אויך איך שטייה אונטער זיין ממשלה, פונקט אזוי ווי איהר". דערויף האט דער גאנצער המון אויסגעשריען, אז זיי זיינען גרייט צו ליידען פאר זייער געזעץ. נאכדעם ווי פעטראניוס האט ווידער איינגעשטילט דעם טומעל און געפרעגט, צי זיי האבען בדעה צו קעמפען קעגען קיסר, האבען די אידען געענטפערט, אז צוויי מאל אין טאג ברייגגען זיי קרבנות פאר'ן קיסר און פאר דאס רוימישע פאלק. אויב אבער ער (דער קיסר) וויל אויך נאך אוועקשטעלען זיין סטאטוע, זאל ער פריהער אויסקוילען דאס גאנצע פאלק פון די אידען; ווארום מיט ווייבער און קינדער זיינען זיי גרייט זיך צו לאזען שעכטען. ערשטוינונג און רחמנות איז איינעם האט אנגעהאפט פעטראניוס'ן, אז ער איז געוואהר געווארען די פעסטע פרומקייט פון די אידען און זייער גרייטקייט מקבל צו זיין אויף זיך דעם טויט. און מיט גארנישט האט מען זיך פונאנדערגעשיידט דאס מאל.

5. די קומענדיגע טעג האט ער גערופען צו זיך בעזונדערס די אייבלוסרייכע מענשען און האט אויך ווידער צונויפגעקליבען דאס פאלק, און דערביי האט ער געפרובט אמאל מיט געבעט, אמאל מיט צוריידען, נאר ס'רוב האט ער געסטראשעט, שילדערנדיג פאר זיי די מאכט פון די רוימער, גאיוס'עס כעס און זיין אייגענע שווערע לאגע. נאר היות ווי דאס אלץ האט קיין שום פעולה ניט געבראכט, און פעטראניוס האט איינגעזעהן, אז עס איז פארהאן א סכנה, אז דאס לאנד זאל בלייבען ניט געזייהט — ווארום ס'איז שוין אוועק פופציג טעג פון דער צייט פון זייהען, און דאס פאלק האט נאך אלץ ניט געארבייט — האט ער נאך אמאל צונויפגערופען א פאלקס-פערזאמלונג און האט אזוי געזאגט: „איך וויל נעמען בעסער די סכנה אויף מיר: איך וועל מיט גאטס הילף אומבייטען דעם קיסרס מיינונג און וועל מיט אייך אינאיינעם זיך משמח זיין איבער אייער רעטונג; טאמער אבער ווערט ער אין כעס, וועל איך גערן אוועקגעבען מיין לעבען פאר אזוי פיעל מענשען!" דערויף האט ער זיך געזעגענט, און דערביי האט איהם דער המון ארויסבעלייט מיט ברכות; אין עכו האט ער אבגענומען זיין חייל און איז ווידער אוועק קיין אנטיוכיא.

פון דארט האט ער געשריבען תיכף צום קיסר, האט איהם געשילדערט זיין אריינטרעטען אין מלכות-יהודה, די בקשות און תחנונים פון פאלק, און ווי אזוי ער האט געמוזט לאזען די אידען, זיי זאלען האלטען זייער געזעץ, סיידען ער האט געוואלט חרוב מאכען דאס לאנד און די מענשען, און דעריבער האט ער ניט געקאנט אויספיהרען זיין שליחות. גאיוס'עס ענטפער אויף דעם דאזיגען בריעף איז לחלוטין ניט געווען קיין לייטזעליגער; פערקעהרט, ער האט געסטראשעט פעטראניוס'ן מיט'ן טויט, דערפאר וואס ער האט זיך ארויסגעוויזען אזוי נאכלעסיג אין אויספיהרען זיינע בעפעהלען. נאר דורך א צופאל איז ארויסגעקומען אזוי, אז די שלוחים, וואס האבען געבראכט דעם דאזיגען בריעף, זיינען אויפגעהאלטען געווארען אויפ'ן ים דורך א שטורעם אין משך פון דריי חדשים, אין דער צייט וואס אנדערע שלוחים מיט דער בשורה וועגען גאיוס'עס

טויט האָבען געהאַט אַ גליקליכע נסיעה, און אַזוי האָט פעטראָניוס בעקומען דעם בריעף מיט דער בשורה וועגען טויט מיט 27 טעג פריהער, איידער דעם בריף, וואָס איז געווען געווענדעט קעגען איהם גופא.

# עלפטער קאפיטעל.

די בעציהונגען פונ'ם קיסר קלאוודיוס צו אגריפס'ן. — דער טויט פונ'ם לעצטען און פון זיין ברודער, הורדוס פון כאלקיס.

1. נאָכדעם ווי גאַיוס איז אומגעקומען דורך אַ געהיימען מאָרד, נאָכדעם ווי ער האָט רעגירט 3 יאָהר מיט 8 חדשים, האָט דער חייל, וואָס איז געשטאַנען אין רוים, אַרויפגעזעצט אויפ'ן טרון קלאַוודיוס'ן. נאָר דער סענאַט האָט איבערגעגעבען, לויט'ן פאָרשלאַג פון די קאָנסולן סענטיוס סאַטורנינוס און פּאָמפּאָניוס סעקונדוס, די שמירה פון דער שטאָדט די דריי לעגיאָנען, וואָס זיינען געבליבען איהם געטריי, האָט זיך צונויפגעקליבען אויפ'ן קאפיטאָליום און האָט בעשלאָסען, נעמענדיג אין אַכט גאַיוס'עס אַכזריות, צו פיהרען קריג קעגען קלאַוודיוס'ן. מען האָט בעדאַרפט אָדער ווידער איינשטעלען די פריהערדיגע אַריסטאָקראַטישע אָרדנונג, אָדער אויסקלייבען דורך אָבשטימונג אַ מענשען, וואָס איז ראוי צו דער מלוכה.

2. דעמאָלט האָט זיך אַגריפּס צופעליג געפונען אין רוים, און ער איז געוואָרען איינגעלאַדען פונ'ם סענאַט אויף אַ בעראַטונג, און אין דערזעלביגער צייט האָט אויך קלאַוודיוס פון דער קאַזאַרמע געשיקט נאָך איהם, בכדי צו פערזיכערן זיך, אַז ער וועט איהם דיענען. אַגריפּס, וואָס האָט גוט פערשטאַנען אַז קלאַוודיוס איז מחמת זיין מאַכט שוין באמת קיסר, איז אַוועק צו איהם.

און קלאַוודיוס האָט איהם געשיקט אַלס זיין שליח צום סענאַט, בכדי צו לאָזען וויסען דעם לעצטען זיינע פּלענער. קעגען זיין ווילען, האָט ער געלאָזט זאָגען, האָבען די סאָלדאַטען איהם מיטגעצויגען מיט זיך, און פונקט אַזוי ווי פון איין זייט האַלט ער ניט פאַר ריכטיג ניט צו נעמען אין אַכט זייער איבערגעבענקייט, אַזוי וויל ער אויך ניט האַלטען זיין גליק פאַר געזיכערט. וואָרום דאָס וואָס מען האָט איהם געמאַכט פאַר אַ קיסר, האָט אין זיך געוויסע סכנות. איבעריגענס, איז ער פעסט ביי דער דעה צו רעגירען, ניט ווי אַ פירשט, ווי אַ טיראַן; אויך וועט ער זיך בעגענוגען מיט'ן טיטעל קיסר און ביי מלוכה-ענינים וועט ער פרעגען די מיינונג פון פאָלק. און אויב ער וואָלט על-פּי טבע ניט געווען קיין גוטער, בעדאַרף ער דאָך פון גאַיוס'עס סוף אַראָבנעמען זיך אַ מוסר צו מעסיגען זיך.

3. אָט אָ די שליחות דאָט אַגריפּס איבערגעגעבען דעם סענאַט און האָט בעקומען אַן ענטפער, אַז, פערלאָזענדיג זיך אויפ'ן חייל און אויף זייערע רעכט, וועלען זיי זיך ניט אונטערגעבען דער קנעכטשאַפט. אַז קלאַוודיוס האָט אויסגעהערט דעם דאָזיגען ענטפער, האָט ער געשיקט אַגריפּס'ן נאָך אַמאָל מיט

דער ערקלערונג, אז ער וועט בשום אופן ניט לאָזען אָהן הילף די יעניגע, וואָס וועלען שווערען איהם געטריי צו זיין, נאָר ער איז גענויטיגט צום קאַמף קעגען די, מיט וועמען ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט שטרייטען. נאָר פריהער, איבעריגענס, מוז מען בעשטימען אַ פּלאַץ חוץ׳ן שטאָדט, וואו זיך צו-בויפצוטרעפען; ווארום ס׳וואָלט דאָך געווען אַ זינד צו פערפלעקען מיט די בלוט פון די בירגער די הייליגטימער פון דער געבאָרענשטאָדט איבער דעם אומגליקליכען בעשלוס פון די סענאַטאָרען. אויך וועגען דער דאָזיגער ערקלערונג האָט אַגריפּס מודיע געווען דעם סענאַט.

4. דעמאָלט האָט איינער פון די אַ׳דאַטען, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן סענאַטס צד, אַרויסגעצויגען זיין שווערד און אויסגערופען: „חברים! צוליעב וואָס זשע זאָלען מיר הרג׳ען אונזעו ע ברידער און קעמפען מיט אונזערע קרובים, וואָס האַלטען פאַר קלאַוודיוס׳ן, וואָס אין איהם האָבען מיר אַ מושל, וואָס מען קאָן איהם קיין שלעכטס ניט נאָכזאָגען? מיר זיינען דאָך דורך הייליגע התחייבות׳ען פערבונדען מיט די, קעגען וועמען מיר בעדאַרפען אַרויסטרעטען מיט געוועהר אין די הענד". נאָך אָט די ווערטער איז ער געשווינד אַרויס אין מיטען דער פערזאַמלונג און האָט מיטגעצויגען נאָך זיך אַלע איבעריגע סאָלדאַטען.

דעם ערשטען אויגענבליק זיינען די פּאַטריציער געווען דערשראָקען דעריבער, וואָס די סאָלדאַטען זיינען אַוועק; אָבער אַז זיי האָבען ניט געהאַט קיין אַנדער וועג אויף זיך צו ראַטעווען, זיינען זיי באַלד אַוועק נאָך די סאָלדאַטען צו קלאַוודיוס׳ן. באַלד פאַר דער שטאָדט-מויער האָבען זיי זיך אָנ-געטראָפען מיט אַן אָבטיילונג בעוואָפענטע, וואָס האָבען געוואָלט מאַכען זייער גליק דורכ׳דעם, וואָס זיי ווילען זיך איינשטעלען פאַר זייער נייעם הערשער, און זיינען געלאָפען מיט בלויזע שווערדען. און די סענאַטאָרען וואָלטען געהאַט אַ שלעכטען סוף, נאָך איידער קלאַוודיוס וואָלט דערגאַנגען וועגען דעם אַרויס-טרעטען פון די סאָלדאַטען, אויב אַגריפּס וואָלט ניט אַוועק געשווינד צו קלאַוודיוס׳ן און וואָלט ניט געגעבען איהם צו וויסען וועגען דער ערנסטער לאַגע. אָדער, האָט ער געזאָגט, זאָל ער איינהאַלטען די ווילדע סאָלדאַטען וואָס-זיינען שטאַרק דערצאָרענט איבער די פּאַטריציער, אָדער ער וועט אָנווערען די זיילען פון זיין טרויך, און זיין אַ מושל איבער אַ מדבר.

5. ווי נאָר קלאַוודיוס האָט דאָס דערהערט, האָט ער איינגעשטילט די אויפרעגונג פונ׳ם חייל, האָט אויפגענומען פריינדליך דעם סענאַט אין דער קאַ-זאַרמע און איז תיכף מיט איהם אַוועק, בכדי צו ברייגגען קרבנות פאַר דער גאָטהייט ביי זיין בעשטייגען דעם טרוין. באַלד דערויף האָט ער געשאָנקען אַגריפּס׳ן דאָס גאַנצע קיניגרייך פון זיין זיידען און האָט נאָך מוסיף געווען דערצו די געגענדען טרכונא און גולן, וואָס אַווגוסטוס האָט געגעבען הורדוס׳ן, און אויך די אַזוי אָנגערופענע נחלה פון ליזאַניאַס. דעם פאָלק האָט ער בע-קאַנט געמאַכט וועגען דער דאָזיגער מתנה דורך אַן עדיקט, און דעם סענאַט האָט ער בעפויהלען אויסצוקריצען דעם שטר-מתנה אויף קופּערנע טאָוולען און

אוועקצולייגען די טאָוולען אין קאַפּיטאָליום. אויך אַגריפּפּס׳עס ברודער הורדוס׳ן, וואָס איז אויך דורך זיין שידוך מיט בערעניקע׳ן געווען זיין איידעם, האָט ער געגעבען פאַר אַ מתנה דאָס קיניגרייך כאַלקיס.

6. פון אַזאַ גרויסען געביט האָבען זיך אָנגעקליבען ביי אַגריפּפּס׳ן גרויסע רייכטימער, און ער האָט פערברויכט די געלד אויף בעדייטענדע אונטערנע־מונגען. אַזוי האָט ער אָנגעהויבען אַרומצורינגלען ירושלים מיט אַזעלכע שטאַר־קע מויערן, אַז אויב זיי וואָלטען פאַרטיג געוואָרען, וואָלטען די בעלעגערונגס־אַרבייטען פון די רוימער קיין ערפאָלג ניט געהאַט. נאָר איידער דער בנין איז געענדיגט געוואָרען, איז אַגריפּפּס געשטאָרבען אין קיסריה, נאָכדעם ווי ער איז געווען דריי יאָהר קעניג און 3 יאָהר טעטראַרך. ער האָט געלאָזען נאָך זיך דריי טעכטער, וואָס ער האָט געהאַט פון זיין פרוי קיפּראָס: בערע־ניקע, מרים און דרוזילא, און איין זוהן אַגריפּפּס׳ן פון דער אייגענער מוטער. היות ווי דער לעצטער איז געווען נאָך יונג, האָט קלאַודיוס ווידער אַמאָל גע־מאַכט דאָס קיניגרייך פאַר אַ פּראָווינץ און האָט געשיקט אַהין אלס קוראַטאָ־רען צוערשט קוספּיוס פאַדוס׳ן און דערנאָך טיבעריוס אַלכסנדר׳ן, וואָס אונטער זייער ממשלה האָט דאָס פאָלק זיך געהאַלטען רוהיג, מחמת זיי האָבען ניט אָנגעריהרט זיינע היימישע מנהגים. באַלד דערויף איז געשטאָרבען אויך הורדוס דער קעניג פון כאַלקיס און האָט געלאָזען נאָך זיך פון בערעניקע׳ן, זיין ברו־דערס טאָכטער, צוויי זיהן בערעניקיאַנוס און הורקנוס און אַ זוהן אַריסטאָבול פון זיין ערשטער פרוי מרים. אַגריפּפּס׳עס אַנדער ברודער, מיט׳ן נאָמען אַריסטאָבול, איז געשטאָרבען אַלס פּריוואַט־מענש און האָט איבערגעלאָזט אַ טאָכטער יאָטאַפּע.

דאָס זיינען געווען, ווי עס איז שוין אויבען דערמאָנט, די זיהן פון הורדוס׳עס זוהן אַריסטאָבול׳ן. דעם לעצטען, ווי אויך זיין ברודער אַלכסנדר׳ן, האָט הורדוס, ווי בעוואוסט, געהאַט פון זיין פרוי מרים, און הגם ער איז גע־ווען זייער לייבליכער פאָטער, פונדעסטוועגען האָט ער זיי ביידען איבערגע־געבען צום תליון. וואָס איז שייך צו אַלכסנדר׳ס קינדער, האָבען זיי געהערשט אין גרויס־אַרמעניען.

## צוועלפטער קאַפּיטעל.

אומרוהען אין קומאַנוס׳עס צייטען. — פעליקס אלס פערוואלטער איבער מלכות־יהודה.

1. נאָכ׳ן טויט פון הורדוס׳ן, וואָס האָט געוועלטיגט איבער כאַלקיס, האָט קלאַודיוס אַוועקגעשטעלט זיין פּלימעניק, דעם יונגען אַגריפּפּס׳ן, איבער דעם פערשטאָרבענעמס קיניגרייך, און די פערוואַלטונג פון דער פּראָווינץ איז איבער־געגאַנגען פון אַלכסנדר׳ן צו קומאַנוס׳ן. אין דעם לעצטענס צייטען האָבען זיך ווידער אַמאָל אָנגעהויבען אומרוהען, וואָס אַדאַנק זיי זיינען אומגעקומען אַ סך אידען. וואָרום בשעת דאָס פאָלק פלעגט זיך צונויפקלייבען אין ירושלים צו־

ליעב'ן יום-טוב פון דעם ניט-געזייערטען ברויט, איז געווען אויסגעשטעלט איבער דער זיילען-גאלעריי פון בית-המקדש א רוימישע קאהארטע, און בכלל האבען די רוימער זיך נוהג געווען צו שטעלען אויף דער וואך א מיליטערישע אבטיילונג, בכדי צו אונטערדריקען די מרידות, וואס האבען געקאנט אויסברעכען צווישען דער צונויפגעקליבענער מאסע.

איין מאל האט איינער פון די סאלדאטען אויפגעהויבען זיין מאנטעל אין דערהויך און האט געמאכט א מיאוס'ע תנועה אנטקעגען די אידען. די מאסע איז אריין שטארק אין כעס און האט געפאדערט ביי קומאנוס'ן מיט גרויס געשריי, ער זאל בעשטראפען דעם סאלדאט; נאך מעהר, אייניגע היצקעפ און יענער טייל פון פאלק, וואס איז שטענדיג נוטה צו א מרידה, זיינען שוין תיכף צוגעטראטען צו מאכען אן אנפאל, האבען צונויפגעקליבען שטיינער און געחארפען דערמיט אויף די סאלדאטען. קומאנוס, וואס האט מורא געהאט פאר אן אנפאל מצד דעם גאנצען פאלק, האט אפילו געהייסען תיכף ארויסטרעטען א גאנצע אבטיילונג שווער-בעוואפענטע. אז יענע זיינען אריינגעדרונגען אין די גאלערייעס, האט די אידען אנגעהאפט א שרעק, אזוי אז זיי זיינען געשווינד ארויסגעלאפען פון בית-המקדש און אנטלאפען געווארען אין שטאדט. נאר דורכדעם איז ביי די ארויסגאנגען געווארען אזא מורא'דיגע שטיקעניש, אז מעהר פון 10 000 מענשען זיינען געווארען צעטרעטען און דערשטיקט. אזוי איז פערביטען געווארען די פרייד פון יום-טוב אין טרויער פונ'ם גאנצען פאלק, און איטליכע שטוב האט געהילכט פון יאמער און קלאגען.

2. באלד נאכדעם זיינען ווידער אויסגעבראכען אומרוהען א דאנק א גזלה. אויפ'ן וועג פון בית-חורון זיינען אנגעפאלען רויבער אויף דעם קיסרס א דיענער מיט'ן נאמען סטעפאנוס און האבען ביי איהם אבגערויבט די גאנצע געפעק, וואס ביי איהם איז געווען. תיכף האט קומאנוס ארויסגעשיקט מיליטער-אבטיילונגען, האט געלאזט געפאנגען נעמען און ברייננגען צו זיך די איינוואוינער פון די שכנישע דערפער און האט זיי פארגעווארפען, פארוואס זיי האבען די רויבער ניט נאכגעיאגט און געהאפט. ביי דער געלעגענהייט האט א סאלדאט געפונען א ספר-תורה און האט עס צעריסען און אריינגעווארפען אין פייער. דעריבער זיינען די אידען אזוי אויפגערעגט געווארען, פונקט ווי דאס גאנצע לאנד וואלט חרוב געווארען דורך פייער, און אין זייער רעליגיעזער אויפרעגונג האבען זיי זיך וואס צום גיכסטען געלאזט לויפען קיין קיסריא צו קומאנוס'ן, אזוי ווי א כשוף וואלט זיי געטריבען אדער ווי מען וואלט זיי אלעמען געהאט געגעבען א צייכען. און זיי האבען געבעטען זיך ביי קומאנוס'ן, ער זאל ניט לאזען אומבעשטראפט דעם מענשען, וואס האט אזוי שטארק געלעסטערט גאט און די תורה. קומאנוס, וואס האט גאנץ גוט פערשטאנען, אז דאס פאלק וועט ניט בלייבען רוהיג, אויב מען וועט עס ניט בעפרידיגען, האט געלאזט בריייגען דעם סאלדאט און אבפיהרען איהם צום עשאפאט דורך די רייהען פון זיינע אנקלאגער. דערויף זיינען די אידען אוועק.

3. שפּעטער זיינען פאַרגעקומען מחלוקת'ן צווישען די גליליס און שומרונים. ביים דאָרף געמאַ, וואָס ליגט אין גרויסען טאָל פון שומרון, איז דער'הרג'עט געראָרען אַ גלילי, איינער פון די אידען, וואָס זיינען געפאָהרען קיין ירושלים אויף יום-טוב. מחמת דעם האָבען זיך צונויפגעקליבען אַ סך גלילים, בכדי צו האַלטען מלחמה מיט די שומרונים. אָבער די חשוב'סטע מענשען פון שומרון זיינען געקומען צו קומאַנוס'ן און האָבען איהם געבעטען, ער זאָל קו-מען קיין גליל און בעשטראָפען די אויפטוער פון דער רציחה; וואָרום נאָר אויף דעם אופן, האָבען זיי געזאָגט, איז עס מעגליך צו צווינגען די מאַסע זיך פונאַנדערצוגייהן און צו פערהיטען פון אַ מלחמה. נאָר היות ווי קומאַנוס איז געווען פערנומען מיט נויטיגע ענינים, דעריבער האָט ער לכתחילה ניט צוגע-הערט זיך צו זייער בקשה און האָט געלאָזט די בעטער אומקעהרען זיך אַהיים מיט גאָרנישט.

4. די ידיעה וועגען דער רציחה האָט אויך אין ירושלים אַרויסגערופען אַן אַלגעמיינע אויפרעגונג, און תיכף האָט די מאַסע געוואָרפען דעם יום-טוב און האָט זיך געלאָזט גייהן קיין שומרון אָהן אָנפיהרער און אָהן צו פאָלגען זייערע עלטסטע, וואָס האָבען זיך געפלייסט אָבצוהאַלטען זיי פון דער געפעהר-ליכער אונטערנעמונג. אונטערוועגס האָבען זיך געשטעלט בראש פונ'ם המון, וואָס האָט געשטרעבט צו מרידה און צו רויב, אלעזר דער זוהן פון דנאי און אַ געוויסער אַלכסנדר. זיי האָבען זיך תיכף אַ וואָרף געטאָן אויף דער נאָהענט-סטער געגענד עקרבתא, וואו עס האָבען געוואוינט שומרונים, און האָבען אויס-גע'הרג'עט אַלעמען אָהן אונטערשייד פון עלטער און אונטערגעצונדען די דערפער.

5. דאָ איז קומאַנוס אַרויסגעטראָטען פון קיסריא מיט אַן אָבטיילונג ריי-טער, וואָס ווערען אָנגערופען סעבאַסטענער, בכדי צו קומען צו הילף די בע-דריקטע, האָט גענומען געפאַנגען אַ בעדייטענדע צאָהל פון אלעזר'ס מענשען און דעם גרעסטען רוב פון זיי דער'הרג'עט. צו דעם איבעריגען המון אָבער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון ירושלים, בכדי צו פיהרען קריג מיט די שומרונים, זיינען געשווינד אַוועק די אָנגעזעהענסטע לייט פון ירושלים, אין טרויער-קליידער און מיט אַש אויף די קעפּ, און האָבען בעשוואָרען, זיי זאָלען זיך אומקעהרען אַהיים, און ניט אויפרייצען די רוימער קעגען ירושלים דורך זייער שטרעבען צו נעמען נקמה פון די שומרונים. זאָלען זיי רחמנות האָבען אויף זייער פאָטערלאַנד, אויפ'ן בית-המקדש, אויף זייערע אייגענע ווייבער און קינדער און ניט איינשטעלען אַלצדינג אין קאָן פון וועגען איין גלילי. די דאָזיגע רייד האָבען געווירקט אויף די אידען, און זיי זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

אָבער אַ סך פון זיי, וואָס האָבען גערעכענט, אז מען וועט זיי ניט חאַפּען, האָבען געמאַכט פון דער רויבעריי אַ פרנסה; און באַלד זיינען געוואָרען רויבערייען, און צווישען די דרייסטערע אפילו מרידות, מעשים בכל יום. מחמת דעם זיינען די אייבערשטע שומרונים אַוועק קיין צור צו אומידיוס קוואַדראַטוס, דעם פערוואַלטער פון סיריען, און האָבען איהם געבעטען, ער זאָל

אָנגעמען מיטלען קעגען די פערוויסטער פון לאַנד. חוץ די שומרונים זיינען געקומען צו איהם אויך די חשוב'סטע אידען מיט דעם כהן-גדול יונתן, דעם זוהן פון חנן, און האָבען דערקלערט, אַז אַרויסגערופען צוערשט אומרוהען האָבען די שומרונים, דורכדעם וואָס זיי האָבען דערהרג'עט דעם גלילי, נאָר אינ'ם ווייטערדיגען גאַנג איז שולדיג קומאַנוס, ווייל ער האָט ניט געוואָלט בעשטראָפען די אויפטוער פון דער רציחה.

6. קוואַדראַטוס האָט בערוהיגט דערווייל ביידע צדדים דורך דער הבטחה, אַז ער וועט אַלצדינג גענוי אונטערזוכען, ווי נאָר ער וועט קומען אין דער געגענד. און אַז ער איז באַלד דערויף געקומען אין קיסריה, האָט ער געהייסען אויפהיינגען אויפ'ן קרייץ אַלע מורדים, וואָס קומאַנוס האָט זיי גענומען געפאַנגען לעבעדיגע. פון דאָרט איז ער אַוועק קיין לוד, וואו ער האָט די שומרונים נאָך אַמאָל אויסגעהערט. דערויף האָט ער געלאָזט חאַפּען אַכצעהן אידען, וואָס האָבען, לויט ווי ער האָט זיך דערוואוסט, גענומען אַן אַנטייל אין דער מלחמה, און טויטען זיי דורך אַ האַק. און צוויי אַנדערע איינפלוסרייכע לייט, ווי אויך די כהנים גדולים יונתן און חנניה און דעם לעצטענס זוהן חנן און נאָך אַנדערע חשוב'ע אידען, האָט ער אָבגעשיקט אינאיינעם מיט די אָנגעזעהענסטע שומרונים צום קיסר. דערנאָך האָט ער געהייסען קומאַנוס'ן און דעם טריבון צעלער'ן אָבצופיהרען קיין רוים, בכדי אָבצוגעבען פאַר קלאַוודיוס'ן אַ דין וחשבון וועגען דעם, וואָס איז געשעהן. נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעגעבען די דאָזיגע בעפעהלען, איז ער אָבגעפאָהרען פון לוד קיין ירושלים, און אַז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס פאָלק פייערט גאַנץ רוהיג דעם יום-טוב פון די אומגעזייערטע ברויט, האָט ער זיך תיכף אומגעקעהרט צוריק קיין אַנטיוכיא.

7. ביים פערהער, וואָס דער קיסר האָט געמאַכט אין רוים קומאַנוס'ן און די שומרונים, איז געוועזן דערביי אַגריפּס און ער איז שטאַרק אַרויסגעטראָטען לטובת די אידען, וואָרום קומאַנוס האָט אויך געהאַט אַ סך מעכטיגע שתדלנים. צולעצט האָט דער קיסר דערקלערט די שומרונים פאַר שולדיג און האָט געהייסען בעשטראָפען מיט טויט דרייען פון זייערע חשוב'סטע לייט און קומאַנוס'ן האָט ער פערשיקט. צעלער'ן ווידער האָט ער אָבגעשיקט אַ געשמידעטע קיין ירושלים, וואו מען האָט איהם בעדאַרפט איבערגעבען די אידען צום פייניגען, שלעפען איבער'ן שטאָדט און דערנאָך אַראָבהאַקען די קאָפּ.

8. דערנאָך האָט דער קיסר בעשטימט פאַלאַס'עס ברודער פעליקס פאַר'ן פערוואַלטער איבער יהודה, גליל, שומרון און פערעא. אַגריפּס'ן האָט ער אַריבערגעפיהרט פון כאַלקיס אין אַ גרעסערן קעניגרייך — ער האָט איהם געגעבען פיליפּוס'עס געוועזענע טעטראַרכיע, דאָס הייסט, טרכונא, בשן און גולן; אויך האָט ער מוסיף געוועזן ליזאַניאַס'עס נחלה און וואַרוס'עס געוועזענעם געביט.

נאָך אַ רעגירונג פון 13 יאָהר 8 חדשים און 20 טעג איז געשטאָרבען דער קיסר קלאַוודיוס און האָט געלאָזען אַלס קרוין-יורש נירונ'ען, וועמען ער האָט בעשטימט איבער די אינטריגעס און די מעשי-כשוף פון זיין פרוי אַגריפּינאַ.

הגם ער האָט געהאַט פון זיין פריהערדיגער פרוי מעסאַלינאַ אַ לייבליכען זוהן בריטאַניקוס׳ן. זיין טאָכטער אָקטאַוויאַ, אויך פון מעסאַלינאַ, האָט ער חתונה געמאַכט מיט נירונ׳ען. חוץ דעם האָט ער נאָך געהאַט אַ טאָכטער מיט׳ן נאָמען אַנטאָניאַ פון פעטינאַ.

# דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

נירון, אגריפּס און פעליקס. — די סיקאַריער און דער פאַלשער נביא פון מצרים. — אונרוהען אין קיסרי.

1. ווי אַזוי נירון האָט געזינדיגט און אַנטקעגענגעשטעלט זיך קעגען דער השגחה, פער׳שכור׳ט דורך זיין גליק און רייכטום, ווי אַזוי ער האָט כסדר אויסגעה׳רג׳עט זיין ברודער, זיין פרוי און זיין מוטער, ווי אַזוי זיין אכזריות האָט זיך געווענדעט דערנאָך קעגען די איידעלסטע מענשען און ווי אַזוי ער האָט סוף-כל-סוף אין זיין משוגעת אַוועקגעלאָזען זיך אויף דער ביהנע און אין טעאַטער, — דאָס אַלץ וועל איך ניט בעריהרען, מחמת דאָס זיינען פון לאַנג בעוואוסטע זאַכען. איך וועל מיך ווענדען גלייך צו די מעשים, וואָס זיינען געשעהן ביי די אידען אין דער צייט פון זיין רעגירונג.

2. פאַר אַ קעניג פון קליין אַרמעניען האָט ער בעשטימט אַריסטובול׳ן, הורדוס׳עס זוהן, און צו אַגריפּס׳עס קיניגרייך האָט ער צוגעגעבען נאָך פיער שטעדט מיט זייער סביבה: אבילה און יוליאַס אין פּערעאַ, טריכיא און טבריא אין גליל. דעם איבעריגען טייל פון לאַנד יהודה האָט ער אַרונטערגעשטעלט אונטער דער ממשלה פונ׳ם פּראָקוראַטאָר פעליקס׳ן. פעליקס האָט גענומען געפאַנגען דעם רויבער-הויפּטמאַן אלעזר, וואָס האָט פערוויסט דאָס לאַנד אין משך פון צוואַנציג יאָהר, אינאיינעם מיט אַ סך פון זיינע חברים, און האָט זיי אָבגעשיקט קיין רוים. ווייטער האָט ער געהייסען אויפהייגען אויף קרייצען אַ סך רויבער און אויך בעשטראָפען מיט טויט אַ סך בירגער, וואָס האָבען גע-האָט געמאַכט יד אחת מיט זיי.

3. נאָכדעם ווי דאָס לאַנד איז אויף אַזאַ אופן אויסגערייניגט געוואָרען, האָבען זיך בעוויזען אין ירושלים אַן אַנדער מין באַנדיטען, וואָס מען האָט זיי גערופען סיקאַריער 1) (סיקריקון). זיי פלעגען אָבטון רציחות אין מיטען העלען טאָג און אין מיטען שטאָדט, פלעגען זיך אַריינמישען בעזונדערס אין ימים-טובים צווישען פאָלק און דערשטעכען זייערע געגנער מיט קליינע קינזשאַלען, וואָס זיי האָבען געטראָגען אונטער זייערע קליידער. און אַז זייערע קרבנות פלעגען אַנידערפאַלען אויף דער ערד, דעמאָלט פלעגען די מערדער אינאיינעם מיט׳ן גאַנצען פאָלק אַרויסווייזען זייער כעס, און איבער אָט דעם רוהיגען

1) סיקאַריער האָבען זיי בעהייסען לויט זייערע קורצע שווערדען אָדער „סיקאַ“.

אויפפיהר זייערן האָט מען זיי בשום אופן ניט געקאָנט חאַפּען. דער ערשטער, וועמען זיי האָבען דערשטאָכען, איז געווען דער כהן־גדול יונתן, און שפּעטער צו האָבען זיך אָנגעקליבען אַלץ מעהר רציחות פון טאָג צו טאָג, אַזוי אַז דער פּחד פאַר זיי האָט געוואָרפען אַ גרעסערע אימה, איידער די אומגליקס־צופאַלען גופא, ווארום פונקט אַזוי ווי אין אַ שלאַכט, האָט זיך קיינער ניט געפיהלט זיכער מיט זיין לעבען אפילו איין אויגענבליק. אַלעמען פלעגט מען חושד זיין פאַר פיינד, מען פלעגט אפילו ניט געטרויען גוטע פריינד, וואָס מען פלעגט זיי בעגעגענען. נאָר ניט קוקענדיג אויף דער גאַנצער פאָרזיכטיגקייט, זיינען שטענדיג פאָרגעקומען אַלץ נייע רציחות — אַזוי גרויס איז געווען די פלינקייט פון די באַנדיטען און אַזוי קונציג האָבען זיי פערשטאַנען זיך צו בעהאַלטען.

4. אין דערזעלביגער צייט מיט די סיקאַריער איז אויפגעקומען נאָך אַ באַנדע פערדאָרבענע מענשען, וואָס זייערע הענד זיינען געווען אפילו ריינער, נאָר זייערע כוונות זיינען געווען נאָך ערגערע, ווי ביי די סיקאַריער, און וואָס האָבען ניט ווינציגער פון זיי חרוב געמאַכט דעם גליק פון דער שטאָדט ירושלים. דאָס זיינען געווען פערפיהרער און אָבנאַרער, וואָס האָבען מיט אַן אויסרייד, אַז גאָט האָט זיי געשיקט, געשטרעבט צו אַן איבערקעהרעניש און צו אַ מרידה און האָבען געזוכט צו דערוועקען ביים פאָלק רעליגיעזע פאַנטאַזיעס: זיי פלעגען ארויסנאַרען דאָס פאָלק אין דער מדבר און האָבען אייַנגערעדט איהם, אַז דאָרט וועט גאָט כלומר'שט אָנזאָגען איהם די בשורה וועגען זיין אויסלייזונג דורך מופתים. פעליקס, וואָס האָט אַיינגעפונען אין די דאָזיגע געשעהענישען די קערנדלעך פון אַ מרידה, האָט אַרויסגעשיקט קעגען זיי אַ המון רייטעריי פון פוספאלק, וואָס האָבען אַ סך מענשען אויסגע'הרג'עט.

5. נאָך אַן ערגערע צרה פאַר די אידען איז געווען דער נביא פון מצרים. עס איז געקומען אין לאַנד יהודה אַ רמאי, וואָס האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ נביא און צונויפגעקליבען אַרום זיך אַנ'ערך 30 000 אָבגענאַרטע. מיט זיי איז ער געקומען פון מדבר צום הר־הזיתים, פון וואַנען ער האָט גערעכענט איבערגעוואַלד אַריינצודרינגען אין ירושלים. ווייטער האָט ער גערעכענט בייצוקומען דעם רוימישען חייל און ווערען דער מושל פון פאָלק, און דערביי האָט ער געוואָלט געברויכען די חברים פון זיין אונטערנעמונג אַלס לייבוואַך. נאָר פעליקס האָט צונישט געמאַכט דעם פּלאַן, דורכדעם וואָס ער איז אַרויסגעטראָטען קעגען דעם רמאי מיט רוימישע שווער־בעוואָפענטע, אונטערשטיצט פונ'ם גאַנצען פאָלק, וואָס האָט גענומען אַן אַנטייל אין דער פערטיידיגונג. באַלד נאָכ'ן אָנהויב פון דער שלאַכט איז דער עגיפּטער מיט זיינע נאָהענטע חברים אַנטלאָפען געוואָרען, און דער גרעסטער רוב פון זיינע אָנהיינגער זיינען אָדער דער'הרגעט געוואָרען אָדער אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט. דער רעשט האָט זיך צעשפּרייט, און איטליכער האָט געזוכט צו בעהאַלטען זיך ביי זיך אין דערהיים.

6. נאָר קוים איז די צרה בעזייטיגט געוואָרען, איז שוין אויסגעבראָכען אַן אַנדער'ע, פונקט אַזוי ווי אַן ענטצינדונג אויף אַ קראַנקען קערפּער. די רמאים

און די רויבער האָבען זיך איצט צונויפגעקליבען, האָבען איינגערעדט אַ סך אידען צו אַ מרידה און אויפגערייצט זיי צום בעפרייאונגס-קאַמף. ווער עס האָט אָנגערקענט די רוימישע איבערהערשאַפט, דעם האָבען זיי געסטראַשעט מיט טויט, און אָפען האָבען זיי אַרויסגעזאָגט, אַז די וואָס נעמען אויף זיך אַרויף מיט׳ן גוטען ווילען די קנעכטשאַפט, זיי מו מען איבער געוואַלד פיהרען צו פרייהייט. אין אָבטיילונגען האָבען זיי זיך פונאַנדערגעשפרייט איבער׳ן לאַנד, האָבען בערויבט דעם אייגענס פון די גבירים, געטויט די בעלי-בתים און פערברענט די דערפער, אַזוי אַז דאָס גאַנצע לאַנד יהודה האָט געמוזט ליידען פון זייערע פערברעכענס און די מלחמה האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַלץ שטאַרקער פון טאָג צו טאָג.

7. אומרוהען פון אַן אַנדער מין זיינען אויפגעקומען אין קיסריה: דאָרט איז אַרויס אַ מחלוקת צווישען די סירישע איינוואוינער פון שטאָדט מיט זייערע אידישע שכנים. די אידען האָבען גע׳טענ׳עט, אַז די שטאָדט געהערט צו זיי; וואָרום געבויט האָט זי אַ איד, דער קעניג הורדוס. די סיריער פון זייער זייט האָבען טאַקע מודה געווען, אַז אַ איד האָט געגרינדעט קיסריה, נאָר פאָרט האָבען זיי גע׳טענ׳עט, אַז די שטאָדט געהערט צו די גריכען: וואָרום אויב הורדוס וואָלט זי געהאַט בעשטימט פאַר אידען, וואָלט ער אין איהר ניט אַוועקגעשטעלט קיין טעמפּלען און קיין סטאַטועס. דעריבער האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט די מחלוקת, און לסוף איז דער כעס געוואָרען אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט זיך גענומען פאַר די געוועהר, און טאָג-אויס טאָג-איין זיינען אַרויסגעטראָטען אין שטרייט די מוטיגסטע מענשען פוןביידע צדדים. וואָרום פון איין זייט האָבען די עלטסטע פון די אידען ניט געקאָנט מעהר איינהאַלטען די היצקעפּ פון זייער געמיינדע, און פון דער אַנדער זייט האָבען די גריכען געהאַלטען פאַר מיאוס, אַז די אידען זאָלען אַרויסווייזען זיך מוטיגער פאַר זיי. בנוגע צו זייער רייכטום און קערפּער-קראַפט זיינען די אידען געווען די ערשטע, אָבער די גריכען זיינען געווען שטאַרקער פאַר זיי דורך דעם, וואָס פאַר זיי האָט געהאַלטען דער חייל; וואָרום דער גרעסטער טייל פונ׳ם רוימישען חייל, וואָס דאָרט איז געשטאַנען, איז בעשטאַנען פון סיריער, וואָס זיינען געווען גרייט צו קומען צו הילף די גריכען.

איבעריגענס האָבען די קאָמאַנדירען זיך געגעבען די מיה צו דערשטיקען די אונרוהען נאָך אין זייער אָנהויב, און איטליכס מאָל פלעגען זיי פעסטנעמען די שטרייטער פון ביידע צדדים און בעשטראָפען זיי מיט מלקות און מיט תפיסה. נאָר דער גורל פון די אַרעסטירטע האָט לא די וואָס ניט בערוהיגט אָדער איינגעשראָקען די איבעריגע, נאָר, אַדרבא, ער האָט זיי נאָך מעהר אַריינגעבראַכט אין כעס און אויפגערייצט צו אַ מרידה.

נאָכדעם ווי די אידען זיינען איין מאָל געבליבען זיגער, האָט זיך פעליקס בעוויזען אויפ׳ן מאַרק-פּלאַץ און האָט מיט סטראַשונקעס זיי געהייסען זיך צוריקציהען; נאָר אַז זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט צו פאָלגען דער דאָזיגער פאָדערונג, האָט ער געהייסען אַרויסטרעטען אַ מיליטערישע אָבטיילונג, אויס׳הרג׳ען אַ סך

אידען און אויסרויבען זייער האָב־און־גוטס. ניט קוקענדיג דערויף, האָבען די כּסוכים נאָך אַלץ געדויערט, ביז פעליקס האָט סוף־כּל־סוף אויסגעקליבען די אָנגעזעהענסטע מענשען פון ביידע צדדים און האָט זיי אָבגעשיקט אַלס שלוחים צו נירונ׳ען, וואָס פאַר זיין ריכטער־שטוהל האָבען זיי בעדאַרפט אויסטענ׳ען זיך.

# פערצעהנטער קאַפּיטעל.

וועגען די פּראָקוראַטאָרען פעסטוס, גאַלוס און געסיוס פלאָרוס. — דער לעצטער טרייבט דורך זיין אכזריות די אידען צו דער מלחמה.

1. פעסטוס, וואָס איז איצט געוואָרען פּראָקוראַטאָר, האָט תיכּף אָנגענומען שאַרפע מיטלען קעגען דער אַלגעמיינער מכּת־מדינה: ער האָט געלאָזט חאַפּען דעם גרעסטען טייל פון די רויבער און טויטען אַ בעדייטענדע צאָהל פון זיי. אַלבינוס אָבער, וואָס איז געווען נאָך איהם, האָט געפיהרט זיין פערוואַלטונג גאָר אין אַן אַנדער גייסט. וואָרום סאיז ניט געווען קיין איין שענדליכע מעשה, וואָס ער זאָל זי ניט האָבען געטאָן. לא די וואָס ער האָט בע׳גנב׳עט די עפענטליכע קאַסעס, אָבגערויבט ביי אַ סך פּריוואַטע מענשען זייער אייגענס און בעשווערט דאָס גאַנצע פאָלק מיט אָבצאָהלונגען, — האָט ער נאָך פרייגעלאָזט אַזעלכע מענשען, וואָס די פריהערדיגע פּראָקוראַטאָרען האָבען זיי געהאַט אַריינגעזעצט אין תּפיסה פאַר גזלות, פאַר אויסקויף־געלד, וואָס זייערע קרובים האָבען אַריינגעטראָגען, און בלויז די, וואָס האָבען ניט געקאָנט צאָהלען, זיינען פערבליבען ווי פערברעכער אין תּפיסה.

איצטער איז ווידער אויסגעוואַקסען דער מוט ביי די אָנהייגער פון דער איבערקעהרעניש אין ירושלים: די רייכע האָבען אַריבערגעצויגען אַלבינוס׳ן אויף זייער צד דורך שוחד, אַזוי אַז זיי האָבען געקאָנט אויפהעצען צום אויפשטאַנד אָהן אַ שטער פון זיין זייט. און דער המון־עם וואָס איהם איז די רוה כּלל ניט געפעלען, האָט געהאַלטען אויף דעם צד, וואָס האָט געמאַכט יד־אחת מיט אַלבינוס׳ן. איטליכער פערברעכער האָט צונויפגעקליבען אַן אייגענע באַנדע אַרום זיך, און אַלבינוס איז געווען דער ערשטער צווישען אַלעמען אַלס רויבער־הויפּטמאַן אָדער טיראַן, און מיט דער הילף פון זיינע אָנהייגער האָט ער אַלע בירגער בדיל־הדל געשטעלט.

ס׳איז דערגאַנגען אפילו אַזוי ווייט, אַז אָנשטאָט אַרויסצוזאָגען זייער צאָרן, ווי עס האָט בעדאַרפט זיין, האָבען די בעגזל׳טע אפילו ניט דערוועגט זיך צו עפענען אַ מויל, און אַז די, וואָס זיינען געבליבען פערשוינט ביז אַהער, האָבען נאָך גע׳חנפ׳עט דעם רוצח, אויס מורא, מען זאָל זיך מיט זיי אויך ניט בעגייהן אַזוי. בכלל האָט קיינער ניט דערוועגט זיך צו ריידען אַ פריי וואָרט, און מען האָט רוהיג אַריבערגעטראָגען די ממשלה ניט פון איין טיראַן, נאָר פון אַ סך טיראַנען. דעמאָלט איז אַיינגעזייהט געוואָרען דער זוימען, וואָס פון איהם האָט אין גיכען בעדאַרפט אַרויסוואַקסען דער חורבן פון דער שטאָדט.

2. פונדעסטוועגען האָט אַלבינוס זיך אַרויסגעוויזען נאָך פאַר אַ מוסטער פון גערעכטיגקייט אין פערגלייך מיט געסיוס פלאָרוס, וואָס איז געווען נאָך איהם. וואָרום אין דער צייט, וואָס דער ערשטער האָט אָבגעטאָן דעם גרעסטען טייל פון זיינע מעשי-נבלה לכל הפחות בעהאַלטענערהייד און מיט אַ געוויסער פאָרזיכטיגקייט, האָט געסיוס אַרויסגעוויזען זיינע פערברעכענס פריי און פראַנק פאַר'ן גאַנצען פאָלק, ווי ער וואָלט זיך דערמיט וועלען גרייסען. פאַר קיין גזלה און רציחה האָט ער זיך ניט אָבגעשטעלט, פונקט אַזוי ווי ער וואָלט געווען געשיקט אַלס תליון, בכדי צו בעשטראָפען פער'משפט'ע. אין זיין אַכזריות האָט ער פון קיין רחמנות ניט געוואוסט, אין זיין רשעות — פון קיין בושה ניט און קיין מאָל האָט קיינער ניט פערדרייהט דעם אמת אין שקר, אַזוי ווי ער, אָדער אויסגעטראַכט דורכגעטריבענערע מיטלען צוליעב דערגרייכען זיינע פערברעכערישע צוועקען. ער האָט ניט געהאַלטען פאַר כדאי זיך צו בערייכערן מיט'ן האָב-און-גוטס פון יחידים; ער האָט בע'גזל'ט גאַנצע שטעדט און חרוב געמאַכט גאַנצע קהלות. נאָך מעהר, קיין סך וואָלט ניט אויסגעפעהלט, וואָלט ער געלאָזט אויסרופען אין לאַנד, אַז איטליכען שטייהט פריי צו גזל'ען, אַב' נאָר ער, פלאָרוס, זאָל אויך בעקומען אַ טייל פונ'ם רויב. גאַנצע געביטען האָבען אָנגעוואָהרען זייער בעפעלקערונג דורך זיין בלוטגיריגקייט, און גאָר אַ סך האָבען פערלאָזען זייערע עלטערנס היים און זיינען אַנטלאָפען געוואָרען אין פרעמדע פראָווינצען.

3. כל זמן קיסטיוס גאַלוס איז געזעסען אין דער פראָווינץ סיריען, וואָס ער האָט פערוואַלטעט, האָט קיינער זיך ניט דערוועגט צו שיקען צו איהם שלוחים, בכדי צו פערקלאָגען פלאָרוס'ן. אָבער אַז ער איז געקומען קיין ירושלים קורץ פאַר'ן יום-טוב פון די אומגעזייערטע ברויט (פסח), האָבען איהם אַרומגעריינגעלט ניט ווינציגער פון דריי מיליאָן אידען און געבעטען איהם תחנונים ער זאָל רחמנות האָבען אויף דער שלעכטער לאַגע פונ'ם פאָלק, און מיט הויכע געשרייען האָבען זיי אָנגעוויזען, אַז פלאָרוס איז די מגפה פון לאַנד-פלאָרוס, וואָס איז אַליין געשטאַנען דערביי נעבען קיסטיוס'ן, האָט געענטפערט מיט אַ חוצפה'דיגען געלעכטער אויף די אַלע בעשולדיגונגען. קיסטיוס אָבער האָט בערוהיגט דאָס פאָלק דורכ'ן צוזאָג צו ווירקען אויף פלאָרוס'ן, ער זאָל ווערען בעסער, און איז אַליין אַוועק קיין אַנטיוכיה. בכדי איהם צו פערבלענדען די אויגען, האָט פלאָרוס איהם בעגלייט ביז קיסריה; נאָר אַזוי ווי ער איז געווען שטאַרק אין כעס אויף די אידען, האָט ער געזוכט אַריינצוציהען זיי אין אַן אָפענער מלחמה, וואָס בלויז דורכדעם אַליין האָט ער גערעכענט צו פערדעקען זיינע מעשים רעים. וואָרום כל זמן עס איז געווען שלום, האָט ער שטענדיג בעדאַרפט מורא האָבען, די אידען זאָלען איהם ניט פערמסר'ן ביים קיסר; אָבער ווען ער וואָלט דערפיהרט ביז צו אַ קריג, דעמאָלט האָט ער געקאָנט האָפען, אַז דער גרויסער אומגליק וועט אָבווענדען די אויפמערקזאַמקייט פון די קלענערע.

4. דערווייל האָבען אויך די גריכען פון קיסריה געפועל'ט ביי נירונ'ען אַז זיי זיינען אָנערקענט געוואָרען פאַר די בעלי-בתים פון שטאָדט, און זיינען

געקומען מיט'ן דאָקומענט, וואו עס איז געווען פערשריבען די דאָזיגע החלטה. דערמיט האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה אין צוועלפטען יאָהר פון נירונ'ס רעגירען און אין זיבעצעהנטען יאָהר פון אַגריפּס'עס קיניגען, אין חדש אייר.

די גרייס פון די צרות, וואָס די מלחמה האָט אָנגעטאָן, איז אודאי ניט געווען צו פערגלייכען אין ערך מיט דער נאָהענטסטער סיבה צו איהר. וואָרום די אידען פון קיסריה האָבען געהאַט אַ שול אויף אַ פּלאַץ, וואָס האָט געהערט צו אַ גריכישען איינוואוינער פון דער שטאָדט. איין מאָל און נאָך אַמאָל האָבען זיי געפּרובט דעם פּלאַץ אָבצוקויפען, און געבאָטען דערפאַר אַ מקח וואָס איז ווייט אַריבערגעשטיגען דעם אמת'ן ווערט דערפון. נאָר דער בעל-הבית האָט ניט געקוקט אויף זייער פערלאַנג, נאָר בכדי זיי צו ערגערן האָט ער אויסגעבויט אויפ'ן פּלאַץ בנינים, וואָס אין זיי האָט ער געמאַכט וואַרשטאַטען, אַזוי אַז פאַר די אידען איז איבערגעבליבען בלויז אַ שמאָלער און זייהר אומבעקוועמער אַריינגאַנג. צוערשט האָבען עטליכע יונגע היצקעפּ געפּרובט צו פערהינדערען דעם בוי; אָבער אַז פלאָרוס האָט זייער שטורעמען איינגעהאַלטען, האָבען די רייכערע אידען, וואָס צו זיי האָט געהערט אויך דער צינז-חוכר יוחנן, ניט געפונען קיין אַנדער עצה, ווי צו באָטען פלאָרוס'ן אַכט טאַלענטען, בכדי ער זאָל פערבאָטען דעם בוי. בכדי צו בעקומען די געלד, האָט פלאָרוס צוגעזאָגט צו טון אַלצדינג; אָבער ווי נאָר ער האָט בעקומען די געלד אין זיינע הענד, איז ער אָבגעפאָהרען פון קיסריה קיין סעבאַסטע און האָט געלאָזען ביידע צדדים, זיי זאָלען אַליין דורכקומען צווישען זיך, אַזוי ווי ער וואָלט האָבען פערקויפט די אידען די ערלויבעניש צו נעמען זיך פאַר די געוועהר.

5. דעם אַנדערן טאָג, אום שבת, בשעת די אידען זיינען געווען אין שול, האָט איינער אַן איינוואוינער פון קיסריה, וואָס האָט ליעב געהאַט מחלוקת, אויפגעשטעלט פאַר'ן אַריינגאַנג אין שול אַן אומגעקעהרטען טאָפּ און האָט מקריב געווען פויגלען. דאָס האָט די אידען אַריינגעבראַכט מורא'דיג אין כעס; וואָרום דערין האָבען זיי איינגעזעהן סיי אַ בעליידיגונג פאַר זייערע געזעצען, סיי אַ טומאה פאַר'ן אָרט. אין דער צייט וואָס די רוהיגע און פאָרזיכטיגערע אידען האָבען געהאַלטען, אַז מען בעדאַרף זיך ווענדען נאָך אַ מאָל צו דער רעגירונג, האָבען די ליידענשאַפטליכע און הייסבלוטיגע יונגע לייט ניט געקאָנט מעהר איינהאַלטען זייער תשוקה צום שטרייט. נאָר דער צד שכנגד איז שוין געשטאַנען גרייט צום קאַמף. וואָרום זיי האָבען געלאָזט ברייגען דעם קרבן מיט אַ כיון. און אַזוי האָט זיך תיכף אָנגעהויבען אַ געשלעג.

דער הויפּטמאַן איבער דער רוימישער רייטעריי יוקונדוס, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיך די שליחות איינצושטעלען רוה, האָט אַוועקגעטראָגען דעם טאָפּ און געפּרובט מאַכען אַ סוף צו דער מחלוקת. נאָר היות ווי ער האָט גאָרנישט ניט געקאָנט מאַכען מיט די איינוואוינער פון קיסריה, דעריבער האָבען די אידען וואָס גיכער גענומען זייערע ספרי-תורה'ס און זיינען אַוועק קיין נרבולא, דאָס איז אַ אידישער ישוב, וואָס געפינט זיך אַ מהלך פון 60 סטאַדיעס ווייט פון קיסריה. דעמאָלט זיינען יוחנן און צוועלף פון די חשוב'סטע

אידען אַוועק קיין סעבאַסטע צו פלאָרוס'ן, האָבען אויסגעדריקט זייער בעדוי־ערונג איבער דער געשעהענער מעשה און האָבען געבעטען ביי איהם הילף, דערביי האָבען זיי איהם דערמאָנט וועגען די אַכט טאַלענטען. נאָר ער האָט געלאָזט אַריינוואַרפען די שלוחים אין תפיסה, פאַר וואָס זיי האָבען מיטגענומען די ספרי־תורה'ס — אָט דאָס זאָל זיין געוועזען זייער חטא.

6. אָטאָ די געשעהענישען האָבען שטאַרק אַריינגעבראַכט אין כעס די איינוואוינער פון ירושלים; נאָר דערוויייל האָבען זיי זייער צאָרן נאָך איינגע־האַלטען. נאָר פלאָרוס האָט מיט אַ כיון אָנגעבלאָזען די פלאַם פון דער מלחמה, פונקט ווי ער וואָלט גראַד דערצו געווען געדונגען. וואָרום ער האָט געשיקט נאָכ'ן אוצר פון בית־המקדש און האָט געלאָזט פון דאָרט אַרויסנעמען זיבעצען טאַ־לענטען אונטערן אויסרייד, אַז דער קיסר זאָל האָבען נויטיג די געלד. דע־ריבער איז דאָס גאַנצע פאָלק צעטומעלט געוואָרען; מיט געשרייען און געוואַל־דען האָט ער תיכף זיך געלאָזט לויפען צום בית־המקדש, גערופען דעם קיסר'ס נאָמען און געבעטען, ער זאָל זיי בעפרייען פון פלאָרוס'עס טיראַניע. אייניגע פונ'ם המון האָבען אויסגע,שריען אויף איהם די ערגסטע זידלערייען, זיינען אַרומגעגאַנגען מיט אַ פושקע און געבעטעלט אַ נדבה „פאַר'ן אָרימען, אומגליק־ליכען פלאָרוס'ן". אָבער דאָס אַלץ לאָ די וואָס עס האָט ניט איינגעשטילט זיין געלדגיריגקייט, נאָר אדרבא, ס'האָט איהם אויפגערייצט נאָך צו וייטערדי־גע גזלות. אָנשטאָט צו איילען זיך קיין קיסריה, בכדי דאָרט איינצולעשען דעם קריגס־פייער, וואָס האָט געהאַלטען ביים אויסברעכען, און אָבצוראַמען די סיבה פון די מחלוקת'ן, וואָס דערפאַר האָט מען איהם אויך געהאַט בעצאָהלט, — האָט ער זיך געלאָזט גייהן מיט רייטער און פוס־סאָלדאַטען קיין ירושלים, בכדי צו אונטערשטיצען זיינע פאָדערונגען דורך די געוועהר פון די רוימער, און דורך שטראַשונקעס אַרויפצויאָגען אַ מורא אויפ'ן שטאָדט.

7. בכדי איינצושטילען זיין כעס לכתחילה, איז דאָס פאָלק אַרויסגעגאַנ־גען אַנטקעגען די סאָלדאַטען, בכדי זיי צו בעגריסען, און האָט אויך געמאַכט הכנות בכדי מקבל פנים צו זיין פלאָרוס'ן מיט'ן גרעסטען כבוד. נאָר פלאָרוס האָט געשיקט פאָראויס דעם צענטוריא קאַפּיטאָ מיט 50 רייטער און האָט זיי בעפויהלען, זיי זאָלען זיך אָבטראָגען אַ היים. איצטער, האָט ער זיי געלאָזט זאָגען, האָבען זיי שוין ניט בעדאַרפט אַרויסשטעלען קיין פאַלשע פריינדליכקייט קעגען דעם, וועמען זיי האָבען פריהער אַזוי שענדליך בעליידיגט. אויב זיי זיינען עכטע מענער און האָבען ניט קיין מורא פאַר אַ פרייער און אָפענער שפּראַך, זאָלען זיי פון איהם חוזק מאַכען אויך אין זיין געגענוואַרט און אַרויסווייזען זייער ליעבע צו פרייהייט ניט בלויז דורך ווערטער, נאָר אויך מיט געוועהר אין די הענד.

אין דעם זעלביגען אויגענבליק האָבען קאַפּיטאָ'ס רייטער זיך אַריינגערי־סען אינ'ם המון, וואָס איז פונאַנדערגעלאָפען זיך אין אַלע זייטען, נאָך איידער ער האָט בעוויזען צו בעגריסען פלאָרוס'ן און געבען צו פערשטייהן די סאָלדאַטען זיין הכנע'דיגע שטימונג. אַלע האָבען זיך דערויף צוריקגעצויגען אין

זייערע הייזער און האָבען פערבראַכט די נאַכט אין איין שרעק און ציטערניש.

8. פלאָרוס האָט זיך אָבגעשטעלט אויף קוואַרטיר אין קעניגליכען פּאַלאַץ, אויפ'ן אַנדערן טאָג האָט ער זיך אַוועקגעזעצט פאַר'ן פּאַלאַץ אויף אַ ריכ-טער-שטול, און דערנאָך האָבען זיך אויסגעשטעלט פאַר'ן ריכטער-שטול די כהנים-גדולים, די שרים און בכלל דער חשוב'ער טייל פון די בירגער. ער האָט פערלאַנגט פון זיי, זיי זאָלען איהם אַרויסגעבען די, וואָס האָבען איהם בעליידיגט, און האָט זיי געסטראַשעט, אַז ער וועט זיי אַליין בעשטראָפען, אויב זיי וועלען איהם ניט ברייננען די שולדיגע. נאָר זיי האָבען איהם אָנגעוויזען אויף דער פרידליכער שטימונג פון פאָלק און האָבען געבעטען מחילה פאַר די, וואָס זיינען אַוועק צו ווייט אין זייערע רייד. ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס צווישען אַזאַ גרויסער מאַסע האָבען זיך איינגעפונען עטליכע שרייערס און יונגע אומפאָרזיכטיגע מענשען. נאָר די שולדיגע צו געפינען איז אוממעגליך, וואָרום אַלע האָבען אומגעביטען זייערע מיינונגען און אויס מורא פאַר דער שטראָף וועלען זיי אַלצדינג אָבלייקענען. דעריבער זאָל פלאָרוס בעסער זאָרגען וועגען אונטערהאַלטען דעם שלום און פאַר היטען פאַר די רוימער די שטאָדט, און זאָל ער בעסער מוחל זיין די ווינציג שולדיגע פון וועגען די סך אומשולדיגע, איידער פון וועגען עטליכע שלעכטע מענשען צו ברייננען אין סכנה דעם גרעסערן רוהיגען טייל פון פאָלק.

9. אָטאָ די טענות האָבען ערשט אין אמת'ען פונאַנדערגעבלאָזען זיין כעס, אַזוי אַז ער האָט אַ געשריי געטאָן צו די זעלנער, זיי זאָלען אויסרויבען דעם אַזוי אָנגערופענעם אויבערשטען מאַרק (שוק העליון) און טויטען איטליכען וועמען עס וועט קומען זיי אין וועג. אָט אויף דעם בעפעהל פון זייער האַר האָבען די רויבגיריגע סאָלדאַטען נאָר געוואַרט און זיי האָבען אויסגערויבט ניט בלויז דעם טייל שטאָדט, וואָס זיי איז אָנגעוויזען געוואָרען, נאָר זיי זיינען אויך אַריינגעדרונגען אין איטליך הויז און האָבען אויסגעהרג'עט די איינוואוינער. אין די שמאָלע געסלעך האָבען זיך צונויפגעפרעסט די וואָס זיינען אַנטלאָפען; וועמען מען האָט געחאַפּט, דער האָט געקאָנט זיין בעזיכערט, אַז ער וועט שטאַרבען, און ס'איז ניטאָ קיין איין מין פון רויבעריי, וואָס זאָל ניט זיין געוואָרען אָבגעטאָן. אַ סך פרידליכע בירגער האָט מען געחאַפּט און געבראַכט צו פלאָרוס'ן, וואָס האָט געלאָזט זיי שלאָגען שענדליך און קרייציגען. איינגאַנ-צען זיינען אומגעקומען דעם טאָג, אינאיינעם מיט ווייבער און קינדער — וואָ-רום מען האָט קיין רחמנות ניט געהאַט אפילו אויף קליינע קינדער — אַן ערך 300 נפשות. און נאָך שווערער האָט געמאַכט דעם אומגליק די אכזריות, וואָס איהר גלייכען איז ביז אַהער ניט געהערט געוואָרען ביי די רוימער. וואָרום פלאָרוס האָט געהאַט די העזה צו טון דאָס, וואָס זיינע פאָרגייהער וואָלטען בשום אופן ניט דערוועגט זיך: צו לאָזען שמייסען און קרייציגען פאַר זיין ריכטער-שטול מענער פון ריטערליכען שטאַנד, וואָס הגם לויט זייער אָבשטאַמונג זיינען זיי געוועזען אידען, אָבער זיי האָבען געהאַט אַ רוימישען טיטעל.

# פופצעהנטער קאפיטעל.

בערעניקע'ס שתדלנות לטובת די אידען. — פלארוס בלאזט ווייטער פונאנדער די מרידה, וואס האט שוין געהאט זיך איינגעלאשען.

1. אין יענער צייט איז דער קעניג אגריפס אוועקגעפאהרען קיין אלכסנדריה, בכדי אבצוגעבען מזל-טוב אלכסנדר'ן, וואס נירון האט איהם איבער-געגעבען די פערוואלטונג איבער עגיפטען. זיין שוועסטער בערעניקע איז גראד צו יענער צייט געווען אין ירושלים און האט אויך געמוזט אנזעהן די מעשי-רצח, וואס די סאלדאטען האבען אבגעטאן. גערירהרט פון א טיעפען רחמנות, האט זי עטליכע מאל געשיקט איהרע רייטער-אפיצירען און לייב-וועכטער צו פלארוס'ן מיט דער בקשה, ער זאל מאכען א סוף צו די רציחות. אבער ניט די גרויסע צאהל פון די דער'הרג'עטע, ניט דער גרויסער יחוס פון דער שתדלנ'טע האבען ניט געקאנט איהם ריהרען; אדרבא, ער האט געקוקט מעהר ניט, ווי אויף דעם ריוח, וואס די גזלות האבען געקאנט איהם אריינברייננגען, און האט איגנאנצען ניט געקוקט אויף איהרע בקשות. נאך מעהר, דער גרימצארן פון די סאלדאטען האט זיך געווענדט אפילו קעגען דער קיניגין גופא; ווארום לא די וואס זיי האבען געפייניגט און געטויט די געפאנגענע פאר איהר אין די אויגען, נאר זיי וואלטען זי גופא אויך אומגעבראכט, אויב זי וואלט זיך ניט געשווינד בעהאלטען אין קיניגליכען פאלאץ, וואו זי האט פערבראכט די גאנצע נאכט אונטער דער שוץ פון א וואך, וויל זי האט מורא געהאט פאר אן אנפאל מצד די סאלדאטען.

זי האט זיך דעמאלט געפונען אין ירושלים, בכדי מקיים צו זיין א נדר וואס זי האט געגעבען דעם אויבערשטען. ווארום עס איז א מנהג, אז אידען, וואס האבען געליטען פון א שווערער קראנקהייט אדער וואס מיט זיי האט געטראפען אזוי אן אומגליק, בעדארפען דרייסיג טעג, איידער זיי ברייגגען קרבנות, טון בעשטענדיג תפלה, טארען ניט טרינקען קיין וויין און מוזען זיך אבשערען די האר פון קאפ. בערעניקע, וואס האט אויך דעמאלט בעדארפט מקיים זיין אזא מין נדר, איז געקומען א בארוויסע פאר פלארוס'עס שטול, בכדי ביי איהם זיך משתדל צו זיין פאר די אידען. נאר לא די וואס מען האט איהר קיין כבוד ניט אבגעגעבען, נאר חוץ דעם, איז נאך איהר לעבען געווען אין סכנה.

2. דאס איז געשעהן זעכצעהן טעג אין אייר. דעם אנדערן טאג האט דאס פאלק זיך צונויפגעקליבען אין גרויסער אויפרעגונג אויפ'ן אויבערשטען מארק, האט מיט גרויס געוויין בעקלאגט די דער'הרג'עטע און צו גלייכער צייט ארויסגעזאגט זיין שנאה צו פלארוס'ן אין טויטע קללות. פול מיט שרעק דעריבער, האבען די חשוב'ע לייט און די כהנים גדולים 1) צעריסען זייערע

1) דעם דאזיגען טיטעל האבען בעהאט חוץ דעם דיענענדען כהן-גדול, אויך זיינע בע-הילפען און געוועזענע כהנים גדולים.

קליידער, זיינען געפאַלען צו די פיס פאַר איינצעלנע מענער פון פאָלק און האָבען זיך געבעטען ביי זיי, זיך אַיינצוהאַלטען און ניט איינצורייצען פלאָרוס׳ן אַזוי ווייט, אַז ער זאָל מוסיף זיין צו די ביז אַהעריגע ענויים ווייטערדיגע אַכזריות. תיכף האָט זיך אויך די מאַסע בערוהיגט, צום טייל מחמת יראת הכבוד צו די, וואָס האָבען ביי זיי געבעטען, און צום טייל אין דער האָפענונג, אַז פלאָרוס וועט מעהר ניט טון קיין אומגערעכטע מעשים.

3. נאָר דער פראָקוראַטאָר האָט ניט געגלויבט, אַז די מרידה זאָל זיך איינשטילען, און ער האָט דעריבער געטראַכט וועגען מיטלען, ווי אַזוי זי ווי-דער פונאַנדערצובלאָזען. מיט דער כוונה האָט ער איינגעלאַדען צו זיך די כהנים גדולים און די חשוב׳סטע בירגער און האָט זיי מודיע געווען, אַז ער קאָן נאָר דאַן זיין איבערצייגט, אַז די אידען טראַכטען מעהר ניט וועגען אַ מרידה, אויב זיי וועלען גייהן אַנטקעגען צו בעגריסען די סאָלדאַטען, וואָס זיינען געקומען פון קיסריה. וואָרום ס׳האָבען בעדאַרפט קומען צוויי קאָהאָרטעס.

בשעת די אָנגערופענע האָבען צונויפגערופען דאָס פאָלק, האָט ער פאַר-אויסקעשיקט שלוחים און געלאָזט אָנזאָגען די צענטוריאָנען פון די קאָהאָרטעס, זיי זאָלען אָנזאָגען זייערע מענשען, ניט צו ענטפערן אויף די בעגריסונגען מצד די אידען, און טאָמער וועלען זיי הערען אומצופרידענע רייד איבער איהם, זאָלען זיי געברויכען זייערע געוועהר.

דערוויַיל האָבען די כהנים-גדולים צונויפגעקליבען דאָס פאָלק אין בית-המקדש און האָבען איהם צוגערעדט רוהיג צו גייהן אַנטקעגען די רוימער און אויפצונעהמען די קאָהאָרטעס פריינדליך, בכדי צו פערהיטען פון אַן אומגליק. דער-פון אָבער האָבען ניט געוואָלט וויסען די, וואָס האָבען געשטרעבט צו אַ מרידה, און וואָס איז שייך צו דער גרויסער מאַסע, איז זי מעהר נוטה געווען אויפ׳ן צד פון די דרייסטע, מחמת זי האָט זיך נאָך געפונען אונטער׳ן פרישען רושם פון דער הריגה.

3. אין דעם קריטישען מאָמענט האָבען זיך בעוויזען אַלע כהנים און גאָטס דיענער, טראָגענדיג פאַר זיך די הייליגע כלים און אָנגעטאָן אין דער צירונג, וואָס זיי טראָגען געוויהנטליך ביי דער עבודה, ווייטער די שפּילער אויף די קיטאַרעס און די זינגערס פון כאָר מיט זייערע אינסטרומענטען — און זיי אַלע זיינען אַנידערגעפאַלען און געבעטען זיך ביים פאָלק, עס זאָל פערזיכערן פאַר זיי די הייליגע צירונג און ניט רייצען די רוימער צוצונעמען די הייליגע כלים. די כהנים גדולים גופא האָט מען געזעהן די קעפּ מיט אַש בעשאָטען און מיט אַן אָפענער האַרץ, ווייל זיי האָבען געהאַט זייערע קליידער צעריסען. זיי האָבען בעשוואָרען די איינצעלנע חשוב׳ע לייט ביי זייערע נעמען און דאָס פאָלק אין גאַנצען, זיי זאָלען ניט איבערגעבען די שטאָדט פון זיי-ערע עלטערן אין די הענד פון די, וואָס ווילען זי פערוויסטען, מחמת דעם, וואָס זיי ווילען ניט אויסערפילען אַ קליינע פאָרמאַליטעט. צי דען קאָנען די סאָלדאַטען, האָבען זיי געפרעגט, האָבען וואָסער עס איז בעזונדערן נוצען פון

דער בּעגריסונג, וואָס איהר וועט זיי בּריינגען? אָדער צי וועט אפשר דער געשעהענער אומגליק ווערען געמאַכט אומגעשעהן, דורכדעם וואָס איהר וועט ניט גייהן זיי אַנטקעגען? דעריבּער זאָלט איהר לויט אייער מנהג אויפנעמען די סאָלדאַטען גאַנץ פריינדליך; וואָרום אויף דעם אופן וועט איהר אָבּנעמען בּיי פלאָרוס'ן איטליכען אויסרייד צום קריג, איהר וועט אָבּהיטען אייער געבּאָרענשטאָדט פון אונטערגאַנג און זיך אַליין בּעזיכערן פון וויטערדיגע ענויים. חוץ דעם איז עס אַ גרויסע נאַרישקייט, אויבּ איהר לאָזט זיך פיהרען דורך די ווינציג אונרוהיגע קעפּ, אַנשטאָט צו צווינגען זיי מסכּים צו זיין צו אייערע החלטות, ווי עס פּאַסט בּיי אייער גרויסער צאָהל".

5. דורך אָט די ווערטער האָבּען זיי בּערוהיגט ניט בּלויז דעם המון אַליין, נאָר זיי האָבּען אויך געבּראַכט צום שווייגען אפילו די מורדים, צום טייל דורך סטראַשונקעס און צום טייל דורך זייער האַלטונג, וואָס האָט אַרויסגערופען יראת-הכּבוד צו זיי. רוהיג און אָנגעטאָן אין בּגדי-יום-טוב, איז דאָס פּאָלק אַרויס אַנטקעגען די סאָלדאַטען און האָט זיי בּעגריסט, ווי נאָר זיי זיינען געקומען בּעהענטער. נאָר אַזוי ווי מען האָט ניט געענטפערט אויף דעם גערוס, האָבּען די אומרוהיגע אָנגעהויבּען צו זידלען פלאָרוס'ן. דער־מיט איז געגעבּען געוואָרען דער סיגנאַל צו דער הריגה: אין איין כּהרף עין האָבּען די סאָלדאַטען אַרומגערינגעלט די אידען און האָבּען געשלאָגען זיי מיט שטעקענס, און ווער עס האָט געוואָלט אַנטלויפען, דעם האָבּען די רייטער נאָכגעיאָגט און צעטראָטען אונטער די פיס פון זייערע פערד. אַ סך זיינען אומגעקומען פון די קלעפּ מצד די רוימער, אָבּער נאָך אַ סך גרעסער איז געווען די צאָהל פון די יעניגע, וואָס זיינען צעדריקט געוואָרען אויף טויט פון זייערע אייגענע לאַנדסלייט. מורא'דיג איז געוועזן די שטיקעניש בּיי די טויערן; איטליכער האָט געזוכט אַריינצוקומען פריהער פאַר'ן אַנדער'ן, דורכדעם איז דער לויפען שווערער געוואָרען פאַר אַלעמען, און די וואָס זיינען אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד, זיינען אומגעקומען אויף אַ שוידערהאַפטען אופן. דערשטיקט און צעקוועטשט פון דער מאַסע פון די, וואָס זיינען אַריבּערגעטראָטען איבּער זיי, זיינען זיי אַזוי צעקאַליעטשעט געוואָרען, אַז קיינער האָט מעהר ניט געקאָנט דערקענען אפילו זיינע אייגענע קרובים, זאָל זיין אפילו צוליעב מקבר זיין זיי.

צוגלייך מיט די לויפענדיגע זיינען אַריינגעדרונגען אין שטאָדט אויך די סאָלדאַטען, האַקענדיג אָהן אויפהער אַלע די, וועמען זיי האָבּען נאָר געקאָנט האַפּען, און האָבּען געזוכט צו פערטרייבּען דאָס פּאָלק אין יענעם טייל שטאָדט, וואָס ווערט אָנגערופען בּצתא, בּכדי עס אָבּצושטופּען אָן אַ זייט און צו פערהאַפּען דעם בּית-המקדש און דעם שלאָס אַנטאָניא. מיט דעם זעלבּיגען מיין איז אויך געקומען פלאָרוס מיט זיין חייל פונ'ם קיניגליכען פּאַלאַץ און האָט געזוכט צוצוקומען צו דער פעסטונג. נאָר דער אָנפאַל האָט זיך ניט איינגעגעבּען, וואָרום מיט אַמאָל האָט דאָס פּאָלק זיך אומגעקעהרט, האָט זיך אַנטקעגענגעשטעלט געגען די אָנפאַלער, איז אַרויף אויף די דעכער און האָט פון

דאָרט אַראָבגעשאָסען אויף די קעפּ פון די רוימער. היות ווי די רוימער האָבען אַ סך געליטען פון די פיילען, וואָס זיינען געקומען פון דערהויך, און היות ווי זיי זיינען אויך געווען צו שוואַך דורכצוברייסען זיך דורך דער מענשענמאַסע, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט אין די שמאָלע געסלעך, דעריבער זיינען זיי צוריק אָבגעטראָטען אין זייער לאַגער ביים קיניגליכען פּאַלאַץ.

6. די מורדים האָבען איצט מורא געהאַט, אַז פלאָרוס זאָל ניט מאַכען נאָך אַן אָנפאַל אויפ'ן בית־המקדש פון אַנטאָניאַ אויס און איהם פערכאַפּען. דעריבער זיינען זיי געשווינד אַרויף און האָבען איינגעבראָכען די זיילען־גאַ־לערייעס, וואָס האָבען פערבונדען דעם בית־המקדש מיט'ן שלאָס. דאָס האָט אָבגעקיהלט פלאָרוס'עס געלדגיריגקייט: וואָרום איהם האָט געגלוסט זיך צו פערכאַפּען די הייליגע אוצרות, און דעריבער האָט ער געשטרעבט צו אַנטאָניאַ. ווי באַלד אָבער אַז די גאַלערייעס זיינען איינגעבראָכען געוואָרען, האָט ער זיך אָבגעהאַלטען פון אַן אָנפאַל.

דערנאָך האָט ער גערופען צו זיך די כהנים גדולים מיט'ן ראַט און האָט זיי דערקלערט, אַז ער וועט פערלאָזען די שטאָדט און איבערלאָזען זיי אַ חייל פון וויפיעל מענשען זיי ווילען נאָר אַליין. דערויף האָבען זיי צוגע־זאָגט, אַז זיי זיינען ערב פאַר דער רוה און אָרדנונג אין דער שטאָדט, אויב ער וועט זיי לאָזען חאָטש איין איינציגע קאָהאָרטע, נאָר ניט די, וואָס האָט אָקאָרשט געקעמפּט; וואָרום איבער איהר איז דאָס פאָלק אין כעס פאַר די אָנוועהרען, וואָס ער האָט געהאַט. לויט אָט דעם פערלאַנג האָט ער זיי גע־געבען אַן אַנדער קאָהאָרטע און מיט'ן איבעריגען חייל האָט ער זיך אומגע־קעהרט קיין קיסריה.

# זעכצעהנטער קאַפּיטעל.

קיסטיוס שיקט נעאָפּאָליטאַנוס'ן, בכדי צו אונטערזוכען די לעצטע געשעהענישען אין ירושלים. — דעם קעניג אגריפּס'עס רעדע צו די אידען.

1. בכדי צוצוגעבען פאַר'ן קריגס־פייער נייע ברען־מאַטעריאַל, האָט פלאָרוס געשיקט צו קיסטיוס'ן אַ בעריכט, וואו ער האָט פאַלש בעשולדיגט די אידען, אַז זיי האָבען מורד געווען, פאָרגעוואָרפען זיי, אַז זיי האָבען אָנגעהויבען דעם שטרייט, און האָט אַרויפגעוואָרפען אויף זיי, אַז זיי זאָלען האָבען געטאָן דאָס, וואָס באמת האָבען זיי געהאַט אויסצושטייהן מצד די רוימער. פון דער אַנדער זייט האָבען אויך ניט געשוויגען די רעגירענדע פערזאָנען אין ירושלים, נאָר זיי האָבען אינאיינעם מיט בערעניקען געשילדערט אין אַ בריעף צו קיסטיוס'ן פלאָרוס'עס אומגערעכטען אויפפיהר בנוגע צו דער שטאָדט.

אַז קיסטיוס האָט בעקומען די מעלדונגען פוןביידע צדדים, האָט ער זיך אַן עצה געהאַלטען מיט זיינע אָפיצירען, וואָס ער האָט צו טון. איינינע פון זיי

געהאַלטען, אַז קיסטיוס זאָל זיך לאָזען גייהן מיט זיין חייל קיין ירושלים, בכדי צו בעשטראָפען די שטאָדט, אויב ס'איז טאַקע פאָרגעקומען אַ מרידה; טאָמער זשע זיינען די אידען פערבליבען געטריי, בעדאַרף מען זיי בעשטאַר־קען אין זייער געטריישאַפט. נאָר איהם גופא האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס'איז מעהר כדאי צו שיקען צוערשט איינעם פון זיינע גוטע פריינד, וואָס זאָל אויס־פאָרשען דעם מצב און אָבגעבען אַ זיכערן בעריכט וועגען דער שטימונג פון די אידען. אָטאָ די אויפגאַבע האָט ער אָנפערטרויט איינעם פון זיינע טריבונען, נעאַפּאָליטאַנוס'ן, וואָס האָט זיך צונויפגעטראָפען ביי יבנה מיט'ן קעניג אַגריפּס און האָט איהם איבערגעגעבען דעם נאָמען פון דעם, וואָס האָט איהם געשיקט. און אויך דעם צוועק, צוליעב וואָס ער איז געשיקט געוואָרען.

2. אַהין זיינען אויך געקומען די כהנים־גדולים און די חשוב'ע אידען אינאיינעם מיט'ן ראַט, בכדי צו בעגריסען דעם קעניג. נאָכדעם ווי זיי האָבען איהם אָבגעגעבען זיין כבוד, האָבען זיי זיך בעקלאָגט איבער זייער נויט און האָבען אויספיהרליך געשילדערט פלאָרוס'עס אכזריות.

הגם אַגריפּס איז דעריבער שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען, פונדעסטוועגען האָט ער מיט בערעכענטער קלוגשאַפט אויסגעלאָזען זיין כעס צו די אידען, וואָס אין האַרצען האָט ער אויף זיי רחמנות געהאַט. וואָרום ער האָט געהאַט בדעה צו בויגען זייער שטאָלץ און אַראָבפיהרען זיי פון'ם געדאַנק וועגען נקמה דורך דער מיינונג, אַז זיי זיינען כלומר'שט אַליין שולדיג אין זייערע צרות, און אין דער אמת'ען, אַלס געבילדעטע לייט און אַלס פרידליך געשטימטע שוין צוליעב זייער אייגענעם פערמעגען, האָבען זיי פערשטאַנען זייהר גוט, אַז דעם קעניגס פאָרוואורפען זיינען געמאַכט מיט אַ גוטער כוונה.

זיינען אָבער געקומען אַנטקעגען אַגריפּס'ן און נעאַפּאָליטאַנוס'ן צו בעגרי־סען זיי אויף אַ מהלך פון 60 סטאַדיעס פון ירושלים די נידעריגע שיכטען פון פאָלק, און פאַר אַלעמען זיינען געגאַנגען די פרויען פון די דער'הרג'עטע און האָבען געוויינט און געקלאָגט אויפ'ן קול. באַלד האָט דער גאַנצער המון אָנ־געהויבען צו קלאָגען און יאָמערן אינאיינעם מיט זיי און צו בעטען אַגריפּס'ן, ער זאָל זיי העלפען; פאַר נעאַפּאָליטאַנוס'ן אָבער האָבען זיי זיך בעקלאָגט איבער די צרות, וואָס פלאָרוס האָט זיי אָנגעטאָן.

נאָכדעם ווי זיי זיינען אַריין אין שטאָדט, האָבען זיי בעוויזען איהם און דעם קעניג דעם פערוויסטען מאַרק־פּלאַץ און די צעשטערטע הייזער. דערנאָך האָבען זיי געפועל'ט דורך אַגריפּס'ן ביי נעאַפּאָליטאַנוס'ן, ער זאָל בלויז מיט איין דיענער דורכגייהן דורך דער שטאָדט ביז צום קוואַל שלח, בכדי זיך צו איבערצייגען, אַז די אידען זיינען אונטערטעניג אין אַלע פרטים און אַז זיי זיינען אויפגעבראַכט נאָר קעגען פלאָרוס'ן איבער זיין מורא'דיגער אַכזריות. נאָכדעם ווי נעאַפּאָליטאַנוס איז אַרומגעגאַנגען איבער דער גאַנצער שטאָדט און געפונען גענוג בעוויזען, אַז די בירגער זיינען פרידליך געזונען, איז ער אַרויף צום בית־המקדש. דאָרט האָט ער געלאָזט צונויפרופען דאָס פאָלק, האָט עס געלויבט שטאַרק פאַר זיין געטריישאַפט צו די רוימער, האָט מתרה געווען עס

צו פערהאַלטען זיך רוהיג און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צו קיסטיוס'ן, נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעוויזען זיין פערעהרונג דעם בית-המקדש, ווי ווייט דאָס איז איהם געווען ערלויבט.

3. נאָכדעם ווי ער איז אָבגעפאָהרען, האָבען זיך די אידען געווענדעט צום קעניג און צו די כהנים-גדולים מיט אַ בקשה, זיי זאָלען שיקען שלוחים צו נירונ'ען, בכדי צו פערקלאָגען פלאָרוס'ן. ווארום קיין זאַך איז לויט זייער מיינונג ניט אַזוי עלול צו דערוועקען קעגען זיי אַ חשד וועגען אַ מרידה, ווי דאָס, וואָס זיי וועלען פערשווייגען די סך רציחות. טאָמער-זשע וועלען זיי ניט באַלד אָנרופען דעם, וועם עס האָט דער ערשטער אָנגעווענדעט געוועהר, דע-מאָלט וועט עס אויסזעהן, אַזוי ווי זיי וואָלטען עס אַליין געטאָן.

ס'איז קלאָר געווען, אַז ביי דעם מצב איז ניט מעגליך געווען איינצו-האַלטען רוהה אויף דעם פּאַל, אויב מען וועט די שלוחים ניט אָבשיקען. אָבער אַגריפּס האָט גוט געוואוסט, אַז דורך דער אָנקלאַגע קעגען פלאָרוס'ן וועט ער בעקומען שונאים, און היות ווי פון דער אַנדער זייט האָט ער ניט געקאָנט ריכטען זיך צו האָבען אַ טובה דערפון, וואָס ער וועט ווידער פונאַנדערפלאַ-קערן די פלאַם פון דער מלחמה צווישען די אידען, דעריבער האָט ער צונויפ-גערופען דאָס פּאָלק אויפ'ן פּלאַץ קסיסטאָס, וואָס איז פערבונדען דורך אַ בריק מיט'ן בית-המקדש, האָט נעבען זיך אַוועקגעשטעלט זיין שוועסטער אַזוי, אַז איטליכער זאָל קאָנען זי זעהן, און פאַר דעם פּאַלאַץ פון די חשמונאים, וואָס איז געלעגען איבער'ן קסיסטאָס ביים גרעניץ פון דער אויבערשטער שטאָדט, האָט ער געהאַלטען פּאָלגענדע רעדע:

4. „אויב איך וואָלט געזעהן, אַז איהר אַלע האָט שטאַרק חשק צו פיה-רען מלחמה מיט די רוימער, און איך וואָלט ניט געווען, פערקעהרט, איבער-צייגט, אַז דער לויטערסטער און איידעלסטער טייל פון פּאָלק איז פעסט ביי דער דעה צו האַלטען שלום, וואָלט איך פאַר אייך ניט אַרויסגעטראָטען און וואָלט ניט דערוועגט זיך צו געבען אייך מיין עצה. ווארום ס'איז איבעריג איטליכס וואָרט, וואָס מען רעדט, בשעת אַלע צוהערער זייגען שוין אין פאָראויס געקומען צו איין פערדאַרבליכען בעשלוס. נאָר היות ווי דאָ גייהט די רייד ניט וועגען ניט-איינגעהאַלטענע יונגע לייט, וואָס האָבען אַליין נאָך ניט איבערגעלעבט די צרות פון מלחמה, און ניט וועגען אַזעלכע, וואָס ווערען געטריבען דורך דער אומפערשטאַנדיגער האָפענונג אויף פרייהייט אָדער דורך געלדגיריגקייט, ווייל זיי ריכטען זיך, אַז זיי וועלען קאָנען אויסבייטלען די שוואַכערע אין די מהומה-צייטען, — דעריבער האַלט איך פאַר נויטווענדיג אייך צונויפצוקלייבען און צו זאָגען אייך דאָס, וואָס איז, לויט מיין מיינונג, מעהר פון אַלץ מסוגל הן צו ברייגגען צום שכל יענע היצקעפּ, הן פון דער אַנדער זייט צו בעוואָהרענען די רוהיגע און עהרליכע לייט, זיי זאָלען ניט ווערען אַריינגעצויגען אין פערדאַרבעניש דורך עטליכע אומפאָרזיכטיגע.

און זאָל מיר קיינער ניט אַריינפאַלען אין די רייד, בשעת ער וועט הערען עפּיס, וואָס איהם איז ניט געפעלען. ווארום דער וואָס שטרעבט צו

דער מרידה אין יעדען פאַל, דעם שטייהט דאָך פריי צו בלייבען ביי זיין מיי־זונג אויך נאָך מיין התראה; פערקעהרט, אויב ניט אַלע וועלען בלייבען רוהיג, וועט מיין וואָרט פערפאַלען גייהן אפילו פאַר די, וואָס וואָלטען עס גערן געוועזען צו הערען.

איך ווייס, אַז אַ סך זיינען צופיעל מגזם בשעת עס רעדט זיך וועגען קלאָגען איבער דעם פראָקוראַטאָרס אומגערעכטיגקייט אָדער וועגען תהלות ותשבחות אויף דער פרייהייט. און איידער איך וועל אויפקלערען, וואָס זייט איהר גופא און וואָס זיינען די, מיט וועמען איהר האָט בדעה צו פיהרען מלחמה, וויל איך צוערשט פרובען פונאַנדערקלייבען די פלאָנטערניש, וואָס הערשט בנוגע צו די אויסריידען צו דער מלחמה.

וואָרום אויב איהר ווילט בלויז פטור ווערען פון די מענשען, וואָס בעדריקען אייך, טאָ צוליעב וואָס זשע לויבט איהר די פרייהייט? טאָמער־זשע דוכט זיך אייך אָבער, אַז עס איז בכלל ניט מעגליך אַריבערצוטראָגען די הערשאַפט פון אַ מושל, דעמאָלט איז גאַנץ איבעריג דער טאַדעל קעגען די פראָקוראַטאָרען; וואָרום ווי איינגעהאַלטען זיי זאָלען ניט זיין, אָבער די הכנעה גופא בלייבט דאָך פאָרט אַ חרפה. נאָר אויב איהר וועט בעטראַכטען כסדר איטליכען פונקט בעזונדער, — ווי אומבעדייטענד וועט זיך דעמאָלט אַרויסווייזען דער אויסרייד צו דער מלחמה!

קודם כל וואָס איז שייך צו די טענות קעגען די פראָקוראַטאָרען, איז מוז מען די גדולים אָבגעבען כבוד, אָבער ניט דערוועקען זייער כעס, און בשעת איהר ענטפערט אויף קליינע עולות מיט גרויסע זידלערייען, דעמאָלט ברייננגט איהר שאָדען נאָר זיך אַליין; וואָרום ניט בלויז בעהאַלטענערהייד און מיט אַ געוויסער מורא טוען זיי אייך אָן שאָדען, נאָר זיי מאַכען פון אייך אַ תל גאַנץ אָפען! קיין זאַך קאָן ניט איינהאַלטען אַזוי זיכער די קלעפ, ווי בשעת מען טראָגט זיי אַריבער מיט געדולד, און די בהכנעה'דיגע רוה פון די געפייניגטע אַנדערשט איבער אָפטמאָלס דעם אַכזריות'דיגען כאַראַקטער פונ'ם פייניגער. נאָר לאָמיר אָננעהמען, אַז די בעאַמטע, וואָס זיינען געשיקט פון די רוימער, זיינען אַכזרים, וואָס קאָנען זיך ניט בעסערן, איז בעדריקען אייך דאָך ניט די רוימער בכלל און ניט דער קיסר, און גראָד קעגען זיי ווילט איהר דאָך פיהרען מלחמה. איבעריגענס קאָן מען דאָך אין מערב ניט זעהן, וואָס דאָ אין מזרח קומט פאָר און אויך ידיעות פון דאַנען קומען אָן דאָרטען גאָר שווער. דעריבער איז עס אומזיניג צו וועלען פיהרען קריג מיט אַ סך מענשען צוליעב איינעם, מחמת אַזעלכע קליינע סיבות האַלטען מלחמה מיט אַ גאַנצען פאָלק, וואָס ווייס אפילו ניט, איבער וואָס מיר האָבען זיך צו בעקלאָגען.

יעדענפאַלס מוז מען דאָך אויך נעמען אין בעטראַכט די מעגליכקייט, אַז פאַר אונזערע קלאָגען וועלען מיר גיך בעקומען אַ תרופה; וואָרום, ראשית, וועט ניט שטענדיג בלייבען ביי אונז איין און דערזעלביגער פראָקוראַטאָר, והשנית, איז עס אויך וואַהרשיינליך, אַז נאָך איהם וועלען קומען מענשען מיט אַ בעסערן כאַראַקטער. נאָר וויבאַלד אַז די מלחמה האָט זיך שוין אָנגעהויבען,

קאָן מען שוין ניט אויסקומען אָהן גרויסע היזקות, צי מען וויל זי ענדיגען אָדער פיהרען ווייטער.

וואָס איז שייך צו דער פרייהייט, איז איצט ניט די צייט נאָך איהר צו בעגעהרען. פריהער האָט מען בעדאַרפט קעמפען וועגען דעם, בכדי זי ניט צו פערלירען; וואָרום דער ערשטער דרוק פון דער קנעכטשאַפט איז האַרט, און געדעכט איז דער קאַמף קעגען איהר, בשעת זי שטייהט פאָר. אָבער ווער עס איז מורד דעמאָלט, נאָכדעם ווי ער איז שוין געוואָרען פערשקלאַפט, איז מעהר ניט ווי אַ חוצפה'דיגער שקלאַף און ניט אַ מענש, וואָס שטרעבט צו פרייהייט. אָט דענסטמאָל, בשעת פומפיוס איז אַריינגעדרונגען אין לאַנד, האָט מען בעדאַרפט אָנשטריינגען אַלע כחות, בכדי ניט אַריינצולאָזען די רוימער. דענסטמאָל האָבען אונזערע עלטערזיידעס און זייערע מלכים, וואָס זיינען געווען אַ סך שטאַרקער פון אייך אין געלד-מיטלען, מיליטערישע קרעפטען און פערזענליכען מוט, ניט געקאָנט זיך אַנטקעגענשטעלען אפילו אַנטקעגען אַ קליינעם טייל פון רוימישען חייל; און איהר, וואָס איהר האָט בעקומען די קנעכטשאַפט אין געוויסער מאָס בירושה און זייט בנוגע צו די הילפס-מיטלען אונענדליך שוואַכער פאַר אייערע עלטערזיידעס, וואָס האָבען זיך צוערשט אונטערגעגעבען אונטער דער רוימישער אויבערהערשאַפט, — איהר ווילט דאָס איצט מורד זיין קעגען די גאַנצע גרויסע רוימישע מלוכה?

גיט אַ קוק אויף די אַטענער: זיי האָבען אַנומעלט פאַר דער פרייהייט פון גריכענלאַנד פערברענט זייער שטאָדט, זיי האָבען נאָכגעיאָגט דעם האָפערדיגען קסערקסעס'ן, וואָס איז אויף דער יבשה געפאָהרען אויף אַ שיף און געגאַנגען צופוס אויפ'ן ים, וואָס זיין מלוכה האָט קיין גרעניץ ניט געהאַט און וואָס פאַר זיין חייל איז אין איירופּאַ ניט געווען גענוג אָרט,—אָט דעם קסערקסעס'ן האָבען די אַטענער נאָכגעיאָגט, בשעת ער איז אַנטלאָפען געוואָרען אויף אַן איינציגען שיף, און ביי דער קליינער אינזעל סאַלאַמיס האָבען זיי איינגעבראָכען די דאָזיגע אַזיאַטישע מאַכט, — און פונדעסטוועגען זיינען זיי איצט אונטערטעניג די רוימער, און די שטאָדט, וואָס איז אַנומעלט געשטאַנען בראש פון גריכענלאַנד, ווערט איצט רעגירט דורך בעפעהלען, וואָס קומען פון רוים. ווייטער, די לאַקעדעמאָניער 1), וואָס האָבען געהאַט אַ טערמאָפּילאַי, אַ פּלאַטאַיאַי און אַן אַגעזילאַאָס, וואָס האָט געפּעפּנט אַזיען, — אויך זיי מוזען אָנערקענען די זעלביגע האַרען. און די מאַקעדאָניער, וואָס חלומ'ען נאָך אַלץ וועגען פיליפּוס'ן און זעהען איהם, ווי ער אינאיינעם מיט אַלכסנדר'ן וואַרפען די זוימען פון אַ וועלט-מלוכה — זיי גיבען זיך אויך אונטער דעם שנוי און דיענען די מעכטיגע, וואָס צו זיי האָט זיך געווענדט דער גליק. און נאָך פעלקער אָהן אַ צאָהל, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט נאָך אַ שטאַרקערער שטרעבונג צו פרייהייט, פאָלגען דעם סצעפּטער פון רוים. איהר אַליין מעהר

1) לאַקעדעמאָניער — אַ בעריהמטער גריכישער שבט. טערמאָפּילאַי און פּלאַטאַיאַי — ערטער וואו זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט אין דער מלחמה מיט זייערע פיינד. אַגעזילאַאָס — זייערער אַ קעניג, אַ בעריהמטער קריגס-העלד.

ניט האַלט עס פאַר אַ חרפה צו זיין אונטערטעניג צו די, וואָס זיי האָבען די גאַנצע ערד אין זייער ממשלה. וואו איז דען דער חייל, וואו איז די געוועהר, וואָס אויף זיי פערלאָזט איהר זיך? וואו איז דער פלאָט, וואָס זאָל איינעמען די ימים פון די רוימער, וואו זיינען די געלד־מיטלען, וואָס מיט זיי וועט איהר דעקען אייערע אונטערנעמונגען? צי דען האָט איהר ניט קיין מאָס פאַר אייער אייגענער שוואַכקייט? צי דען איז ניט אייער לאַנד שוין אָפטמאָלס איינגענומען געוואָרען פון די שכנישע פעלקער? פערקעהרט, די מאַכט פון די רוימער בעזיגט און בעהערשט די ערד; נאָך מעהר, אַפילו איבער די גרעניצען פון דער יבשה האָבען זיי אויסגעשפרייט זייער ממשלה. וואָרום פאַר זיי איז ניט גענוג געווען דער גאַנצער פרת אין מזרח־זייט, אין צפון־זייט דער איסטער (דונאי), אין דרום־זייט ליביען (צפון־אפריקא), וואו זיי זיינען דערגאַנגען ביז צום מדבר, און גאַדיראָס (קאַדיקס אין שפּאַניען), נאָר זיי האָבען געזוכט אַ בייע וועלט אויף יענער זייט פונ'ם ים אוקינוס, און זייערע אָדלערס 1) האָבען זיי אַוועקגעטראָגען ביז צו די בריטאַנען, וואָס זיינען פריהער ניט בעוואוסט געוועזן. און איהר, צי דען זייט איהר רייכער פאַר די גאַליער, מוטיגער פאַר די גערמאַנען, קליגער פאַר די גריכען און מעהר פאַר אַלע פעלקער פון דער ערד? וואָס גיט אייך איין מוט, בכדי זיך אַנטקעגענצושטעלען קעגען די רוימער?

איהר וועט זאָגען: אין דער קנעכטשאַפט איז פאַרהאַן עפּיס דריקענדעס. אָבער וויפיעל דריקענדער מוז זי זיין פאַר די גריכען, וואָס מען האַלט זיי פאַר'ן איידעלסטען פאָלק אויף דער וועלט און וואָס וואוינען אין אַזאַ גרויסען לאַנד! און פונדעסטוועגען פאָלגען זיי דער איבערהערשאַפט פון די רוימער! דאָס אייגענע טוען אויך די מאַקעדאָניער, וואָס האָבען אַוודאי מעהר רעכט פאַר אייך צו שטרעבען צו אונאָבהיינגיגקייט. און לסוף די 500 שטעדט פון אַזיען — צי דיענען זיי דען ניט דעם אַליינהערשענדען קיסר און די קאָנסולן, און דאָס אָהן דעם קלענסטען רוימישען חייל? איך וויל ניט ריידען וועגען די העניאַוואָכען, וועגען די איינוואוינער פון קאָלכיס, וועגען דעם פאָלק פון די טאַווריער, וועגען די שבטים, וואָס וואוינען ביים באָספאָרוס, אַרום פאָנטוס און אַרום ים מעאָטיס — וואָס זיי אַלע האָבען פריהער אַפילו נישט געוואוסט פון קיין אייגענע מושלים, און איצט ווערען זיי איינגעהאַלטען אין צאַם דורך 3 000 שווער־בעוואָפענטע, און דער צייט וואָס 40 קריגסשיפען בעשיצען דעם שלום אינ'ם דאָזיגען שטורעמדיגען ים, וואָס אַנומעלט האָט מען ניט געקאָנט פאָהרען איבער איהם. און מיט וואָס פאַר אַ גרויסע רעכט וואָלטען געקאָנט אַרויסשטעלען תביעות אויף אונאָבהיינגיגקייט ביטיניען, קפּוטקיאַ און דאָס פּאַמפּילישע פאָלק, די ליקיער און קיליקיער — און פונדעסטוועגען צאָהלען זיי זייערע שטייערן, אָהן דאָס מען צווינגט זיי דערצו דורך געוועהר. די טראַקיער, וואָס וואוינען אין אַ לאַנד, וואָס האָט 5 טאָג רייזע אין דער ברייט און 7 טאָג רייזע אין דער לייננג, אַ לאַנד, וואָס איז אַ סך פערווילדעטער און אומצוגענגליכער, איידער אייער לאַנד, און וואָס דורך זיין קעלט שרעקט עס די אָנ-

1) ז. הערה 1 בוך 11, זייטע 163.

פאַלער — צידען פאַלגען זיי ניט אַ חייל פון 2000 רוימער? ווייטער די אי-לירייער, וואָס זייער לאַנד ציהט זיך ביז דאַלמאַציען און ביז צום טייך איסטער, צי דען גיבען זיי זיך ניט אונטער דער קליינער אַרמיי, וואָס בעשטייהט פון צוויי לעגיאָנען, וואָס העלפען זיי נאָך דערצו אָבטרייבען די אָנפאַלען פון די דאַקיער? און די דאַלמאַטער, וואָס האָבען אַזוי אָפט און אַזוי האַרטנאַקיג פערטיידיגט זייער פרייהייט און נאָך איטליכער מפּלה האָבען זיי אָנגעקליבען נייע כחות צוליעב נייע אָנפאַלען, ווי רוהיג לעבען זיי איצט אונטער איין איינציגער לעגיאָן! נאָר גיכער פון אַלע איבעריגע פעלקער האָבען אַודאי גע-קאָנט די גאַלליער דערוועגען זיך אויף אַ מרידה, ווייל זייער לאַנד האָט אַזוי פיעל נאַטירליכע בעפעסטיגונגען: אין מזרח-זייט די אַלפען, אין צפון-זייט — דעם טייך ריין, אין דרום-זייט — די פירענייאישע בערג און אין מערב-זייט דעם ים-אוקינוס. הגם זיי זיינען געשיצט דורך אַזעלכע מויערן, און צייהלען 305 שבטים און האָבען, אַזוי צו זאָגען, אַלע מקורים פון וואוילשטאַנד אין זייער אייגענעם לאַנד און פערפלייצען כמעט די גאַנצע וועלט מיט זייערע פּראָדוקטען, פונ-דעסטוועגען צאָהלען זיי גאַנץ רוהיג צינז די רוימער און האָבען נישט קעגען דעם, וואָס יענע בעלי-בתעווען איבער'ן רייכטום פון זייער לאַנד, לויט ווי זיי איז וואוילגעפעלען. און דאָס טראָגען זיי אַריבער ניט דערפאַר, וואָס זיי זיינען אפשר געוואָרען שרעקענדיג אָדער גלאַט אַזוי נידערגעשלאָגען, — וואָרום אַכציג יאָהר נאָכאַנאַנד האָבען זיי דאָך געקעמפט פאַר זייער אונאָבהייניגי-קייט. — נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבען מורא פאַר דער קראַפט פון די רוימער און פאַר זייער גליק, וואָס איהם האָבען זיי צו פערדאַנקען זייערע נצחונות נאָך מעהר, ווי די געוועהר. אַזוי איז גענוג אַ הייפעל פון 1200 סאָלדאַטען, בכדי זיי איינצוהאַלטען, הגם זיי האָבען כמעט אַ גרעסערע צאָהל שטעדט אין זייער לאַנד. ווייטער: די איבעריער (איינוואוינער פון פירענייאישען האַלבאינזעל) האָט ניט פערהאָלפען צום נצחון אין זייער פרייהייטס-קאַמף ניט די גאָלד, וואָס זיי האָבען אויסגעגראָבען פון זייער היימישער ערד, ניט דער גרויסער מהלך, וואָס שיידט זיי אָב פון די רוימער סיי אויף דער יבשה, סיי אויפ'ן ים, ניט די קריגס-פיטלען פון די לוזיטאַניער און קאַנטאַבריער, ניט דער שכנישער אוקינוס מיט זיינע כוואַליעס, וואָס זיינען שרעקליך אפילו פאַר די אָרטיגע געבאָרענע. וואָרום אויף יענער זייט די זיילען פון הערקולעס (גיבראַל-טאַר) זיינען דורכגעדרונגען די אַרמייען פון די רוימער, האָבען געמאַכט זיך אַ וועג דורך די וואָלקענס אויף די שפּיצען פון די פירענייען און האָבען אויך אונטערטעניג געמאַכט די דאָזיגע וויט-אָבגעשטאַנענע פעלקער, וואָס מען קאָן זיי שווער בעזיגען, נאָר וואָס איצט האַלט זיי איין אין רוה איין לעגיאָן. ווער פון אייך האָט שוין נים געהערט וועגען צאָהל-רייכען פאָלק פון די גערמאַניער? זייער שטאַרקייט און גרייס האָט איהר מסתמא שוין אָפטמאָלס געהאַט די גע-לעגענהייט צו זעהן, וואָרום די רוימער האָבען אומעטום די מיטגלידער פון אָט דער אומה אַלס קריגס-געפאַנגענע. זיי וואוינען אין אַן אומגעהייער גרויסען געביט, און נאָך גרעסער, איידער זייער כח, איז זייער שטאָלצקייט. אַ מוט האָבען זיי, וואָס פעראַכט דעם טויט, און אַ כאַראַקטער, וואָס איז ווילדער, איידער

ביי ווילדע חיות. און פונדעסטוועגען איז דער ריין די גרעניץ-ליניע פון זייערע אָנפאַלען; בעזיגט פון אַכט רוימישע לעגיאָנען, ווערען זיי פערברויכט אַלס געפאנגענע צו שקלאַפען-אַרבייטען, און די מאַסע פון פאָלק זוכט זיך צו ראַ-טעווען דורך אַנטלויפען. גיט אַ קוק אויך אויף די מויערן פון די בריטאַניער, איהר, וואָס איהר לייגט אַרויף אייערע האָפענונגען אויף די מויערן פון ירושלים! די בריטאַניער זיינען געשיצט דורך די כוואַליעס פונ'ם אוקינוס און בעוואוינען אַ לאַנד, וואָס איז ניט קלענער פאַר אונזער לאַנד. אָבער די רוימער זיינען אַהינגעפאָהרען מיט שיפען און האָבען זיי אונטערטעניג געמאַכט, און זינט יענער צייט שטייהען פיער לעגיאָנען אויפ'ן אינזעל אַלס גאַרניזאָן. נאָר צו וואָס בעדאַרף מען נאָך אַ סך רייד, אויב אַפילו די קריגערישע פאַרטער, וואָס הערשען אַליין איבער אַ גאַנצער רייה פעלקער און האָבען אַן אונגעהייער גרויסען חייל, שיקען אויך משכּנות צו די רוימער, און אויב מען זעהט דעם גאַנצען אַדעל פון צָריענט מיט בעהאַלטענעם גרימצאָרן טוענדיג שקלאַפענאַר-בייט אין איטאַליען. כמעט אַלע פעלקער פון דער ערד זיינען אונטערטעני-ג פאַר די געוועהר פון די רוימער; און איהר ווילט אַליין פיהרען מיט זיי מלחמה, ניט צו קלערען וועגען סוף פון די קאַרטאַגער, וואָס האָבען זיך געקאָנט בע-ריהמען מיט זייער גרויסען האַניבאַל און זייער מיוחס'דיגער אָבשטאַמונג פון די פעניקיער, נאָר פונדעסטוועגען זיינען זיי פערטיליגט געוואָרען דורך סציפיאָ'ס שטאַרקער האַנד? ניט די קירענער, וואָס אין זייערע אָדערען איז געפלאָסען לאַקעדעמאָנישע בלוט, ניט די מאַרמאַרידען, וואָס וואוינען ווייט אין מדבר אָהן וואַסער, ניט די סירטען, נאַזאַמאָנען און מאַורען, וואָס זייער נאָמען אַליין דערוועקט אַ מורא, ניט די אָהן אַ צאָהל שבטים נאָמאַדען האָבען ניט געקאָנט זיך אַנטקעגענשטעלען קעגען דעם מוט פון די רוימער. אַזוי האָבען זיי אויך אונטערטעניג געמאַכט דעם גאַנצען דריטען ערדטייל (אפריקא), וואָס זיינע פעלקער איז אַפילו ניט גרינג אויסצוצייהלען און וואָס איז בעגרעניצט דורכ'ן אַטלאַנטישען אָקעאַן און די זיילען פון הערצקלעס און איז בעוואוינט ביז'ן רויטען ים (ים-סוף) דורך די אומצייהליגע עטיאָפען (כושים). שוין אָבגערעדט דערפון, וואָס אָט די פעלקער מוזען אַלע יאָהר צושטעלען אַ סכום תבואה, וואָס דערפון דערנעהרט זיך די בעפעלקערונג פון רוים אין משך פון 8 חדשים, צאָהלען זיי אויך נאָך אַ גאַנצע רייה אַנדערע אָבצאָהלונגען און גיבען גערן געלד פאַר די הצטרכות'ען פון דער מלוכה, און האַלטען גאָרניט די אָבצאָה-לונגען פאַר מיאוס, אַזוי ווי איהר, הגם ביי זיי געפינט זיך נאָר איין לעגיאָן.

אָבער צוליעב וואָס בעדאַרף איך אייך נאָך ברייגען ביישפּיעלען פון דער מאַכט פון די רוימער פון דערווייטענס, בשעת אַלס ראיה דערצו קאָן דיענען די שכנישע עגיפּטען, וואָס ציהט זיך ביז צו די עטיאָפען און ביז צום גליקליכען אַראַביען [תימן], גרעניצט זיך מיט אינדיען און וואָס האָט, לויט ווי עס בעווייזט די קאָפּשטייער, אַ בעפעלקערונג פון אַכטהאַלבען מיליאָן מענשען, ניט אַריינגערעכענט דערין די איינוואוינער פון אַלכסנדריה — און פונדעסטווע-גען שעמט זי זיך ניט צו שטייהן אונטער דער אויבערהערשאַפט פון די רוימער. און דאָך וואָס פאַר אַ שטאַרקען שטיצפונקט פאַר דער אויפשטאַנדס-בעוועגונג

וואָלט געקאָנט זיי געבען אַלכסנדריה, מחמת איהר צאָהלרייכער בעפעלקערונג, איהר עשירות און גרייס, וואָרום די שטאָדט האָט 40 סטאַדיעס אין דער לייננ און ניט ווינציגער פון 10 סטאַדיעס אין דער ברייט; אין איין חודש צאָהלט זי די רוימער מעהר צינז, איידער איהר אין אַ גאַנץ יאָהר, און חוץ דעם פערזאָרגט זי נאָך רוים מיט תבואה אויף 4 חדשים צייט. געשיצט אָבער איז זי פון אַלע זייטען, סיי דורכ'ן מדבר, וואָס מען קאָן ניט דורכגייהן, סיי דורך ימים, וואָס האָבען קיין האַפענס ניט, סיי דורך טייכען אָדער זומפען. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפען קעגען דעם מזל פון די רוימער, און אַזוי האַלטען צוויי לעגיאָנען אין צוים דאָס גרויסע לאַנד עגיפּטען און דעם מאַקעדאָנישען אַדעל.

וואו זשע וועט איהר בעקומען בונדעס-חברים אין דער מלחמה קעגען רוים, וויבאַלד אַז אַלצדינג אויף דער ערד געהערט צו די רוימער? סיידען אין מדבר. וואָס איז ניט בעוואוינט? ס'איז, פערשטייהט זיך, נאָך אַ מעג-ליכקייט פאַרהאַן, אַז דעם אָדער יענעם טראָגען אַריבער די געדאַנקען אויף יענער זייט פּרת און לאָזען איהם זיך ריכטען אויף הילף מצד אונזערע גלויבענס-ברידער אין הדייב 1). אָבער זיי וועלען זיך ניט לאָזען אַריינציהען אין אַזאַ מלחמה אָהן אַ וויכטיגען יסוד, און אויב אפילו זיי זאָלען אָננעמען דעם דאָזיגען שעדליכען בעשלוס, וועלען איהם אָבער די פּאַרטער ניט לאָזען אויספיהרען; וואָרום יענע זיינען שטאַרק פעראינטערעסירט צו האַלטען פעסט דעם ציימווייליגען שלום מיט די רומער, און זיי וועלען האַלטען, אַז זיי טוען קעגען אָבמאַך, אויב זיי ערלויבען איינעם פון זייערע אונטערטאַנען אַרויסצוגייהן מלחמה האַלטען קעגען די רוימער.

בלייבט, הייסט עס, קיין אַנדער זאַך ניט איבער, חוץ צו פערלאָזען זיך אויף גאָטס הילף. נאָר אויך גאָט שטייהט אויפ'ן צד פון די רוימער; וואָרום אָהן גאָט וואָלט זיי ניט מעגליך געווען אייגצוואָרדנען אַזאַ מלוכה. בע-טראַכט זיך ווייטער, ווי שווער עס וועט אויסקומען אָבצוהיטען אַייער גאָטעס-דיענסט געטרי, ווי אַייך איז געבאָטען געוואָרען, אפילו אין דער מלחמה מיט אַ שוואַכערן שונא. איהר וועט מוזען עובר זיין אויף אַזעלכע געבאָטען, וואָס דער אָבהיטען זיי פערזיכערט אייך קודם כל גאָטס הילף, און מחמת דעם וועט איהר דערוועקען גאָטס צאָרן איבער אַייך. וואָרום אויב איהר וועט וועלען האַלטען הייליג דעם שבת און ניט נעמען זיך פאַר קיין מלאכה, דעמאָלט וועט איהר גרינג ווערען בעזיגט, פונקט אַזוי ווי אַייערע עלטערן זיינען בעזיגט גע-וואָרען פון פּומפּיוס'ן, ווייל יענער האָט בעזונדערס שטאַרק פערנומען זיך מיט

1) הדייב אָדער אַדיאַבענע איז אַ מלוכה, וואָס איז געלעגען אויפ'ן ברעג טייך חידקל אין געוועזענעם קיניגרייך אשור. אַנ'ערך אין יאָהר 49 פאַר'ן חורבן בית שני האָט די דאָר-טיגע הערשער-פאַמיליע, און בראש פון איהר דער קעניג איזאַטעס און זיין מוטער העלענע, אָנגענומען די אידישע אמונה. וועגען דעם דערציילט יוסף אין „קדמוניות", בוך 20. אין די אידישע מקורים ווערען דערמאָנט מונבז המלך און הילני המלכה אין משנה נזיר פ"ג, אין ירושלמי נזיר דאָרטען גופא, יומא פ"ג מ"ה און אין בבלי יומא און נאָך אויך אין מדרש בראשית רבה מ"ח. נאָך איצטער ווייזט מען אָן נעבען ירושלים דעם קבר פון הילני המלכה.

דער בעלעגערונג אין אַזעלכע טעג, וואָס ביי די בעלעגערטע זיינען זיי געווען אַ יום־טוב. נאָר טאָמער־זשע וועט איהר אין דער מלחמה עובר זיין אויף די געבאָטען פון אייערע עלטערן, דעמאָלט ווייס איך ניט, צוליעב וואָס ווילט איהר קעמפען. ווארום דאָס אליין בעדאַרף דאָך זיין אייער איינציגער שטרעבען, אָבצוהיטען די געזעצען פון אַייערע עלטערן. אָבער ווי אַזוי־זשע קאָנט איהר בעטען הילף ביי גאָט, אויב איהר פערוואַרפט מיט אַ כיון זיין דיענסט? אַ קריג הויבט מען אָן, זיך פערלאָזענדיג אויף געטליכער אָדער מענשליכער הילף; אויב אָבער דער קעמפענדער קאָן זיך ניט ריכטען ניט אויף דער און ניט אויף יענער, דעמאָלט איז זיין אונטערגאַנג געוויס. איבע־ריגענס, וואָס שטערט אייך איצט תיכף אויסצוקוילען מיט די אייגענע הענד אייערע ווייבער און קינדער און אונטערצוצינדען אונזער שיינע שטאָדט! אַודאי וואָלט איהר דעמאָלט געטאָן, ווי משוגעים, נאָר איהר וועט דאָך דעמאָלט ניט בעדאַרפען טראָגען די חרפה פון דער מפלה. מען טוט גוט, מיינע פריינד, טוט זייהר גוט, בשעת מען קוקט אויס אויפ'ן קומענדיגען שטורם, כל־זמן די שיף ליגט נאָך אין האַפען, אָנשטאָט אַריינצופאָהרען אין מיטען דעם שטורם און צו ווערען געטריבען צום זיכערן אונטערגאַנג. ווארום אויף דעם, מיט וועמען עס טרעפט אַן אומגליק, וואָס מען האָט עס ניט געקאָנט פאַראויסזעהן, האָט מען נאָך רחמנות; אָבער דער, וואָס לאָזט זיך אָפען אַנטקעגען זיין אומגליק, דער האָט נאָך צו ליידען שפעטער פון פאָרוואורפען.

קיינער וועט דאָך ניט גלויבען, אַז די רוימער וועלען פיהרען קריג אויף די תנאים, און אַז זיי וועלען אייך מנצח זיין, וועלען זיי זיך בעגייהן מיט אייך לויט'ן מדת־הרחמים. אַדרבה, בכדי דאָס זאָל זיין אַ התראה פאַר אַנדערע פעלקער, וועלען זיי פערברענען צו אַש די היילינע שטאָדט און פער־טיליגען אייער גאַנץ פאָלק. ווארום אפילו דער יעניגער פון אייך, וואָס איהם וועט זיך איינגעבען אַנטרונען צו ווערען פון דער שחיטה, וועט אויך אין ערגיץ ניט געפינען קיין אָרט אויף זיך צו בעהאַלטען, ווייל אַלע פעלקער זיינען דאָך רוימישע אונטערטאַנען, אָדער זיי מוזען מורא האָבען עס צו ווע־רען. ווייטער וועט די סכנה טרעפען ניט בלויז מיט אייך דאָ אין ירושלים, נאָר אויך מיט די אידישע איינוואוינער פון אַנדערע שטעדט; ווארום סאיז דאָך ניטאָ קיין איין פאָלק אויף דער ערד, וואָס צווישען איהם זאָל ניט וואוינען אַ געוויסע צאָהל פון אייערע פאָלקסברידער. זיי אַלע וועט דער שונא אויסקוילען איבער אייער מרידה, און איבער דער שעדליכער עצה פון עטליכע וועט אין איטליכער שטאָדט זיך גיסען אידישע בלוט טייכענווייז; און דער וואָס וועט עס פערגיסען, וועט בלייבען אומבעשטראָפט.

נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז מען וועט אייך פערשוינען—אָבער דאַן בערע־כענט זיך גוט, צי וועט איהר ניט שטאַרק זינדיגען דערמיט, וואָס איהר הויבט אויף אייערע געוועהר קעגען אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי מענשליך געזונען? האָט זשע רחמנות, אויב ניט איבער אייערע ווייבער און קינדער, איז חאָטש איבער דער דאָזיגער הויפשטאָדט אייערער, און איבער דעם היילינען היכל! פערשוינט אָט דעם דאָזיגען געהייליגטען אָרט, היט אָב פאַר זיך דעם בית־המקדש מיט

זיינע הייליגטימער! ווארום אויך דאס וועלען די רוימער ניט לאזען אומבע-ריהרט, וויבאלד מען האט אזוי ווינציג געוואוסט, ווי אבצודאנקען זיי דערפאר, וואס זיי האבען עס געשווינט ביז אהער. איך אבער רוף פאר אן עדות אלצדינג וואס אייך איז הייליג, גאטס מלאכים און אונזער בשותפות'דיג פאטערלאנד, אז איך האב ניט פערפעהלט צו טון קיין זאך, וואס האט געקאנט דיענען פאר אייער רעטונג. אויב איהר וועט אננעמען א פערשטאנדיגע החלטה, וועט איהר לעבען בשלום, פונקט אזוי ווי איך; טאמער אבער וועט איהר זיך לאזען אוועקשלעפען דורך אייער אימפעט, דעמאלט זאלט איהר אליין אהן מיר גייהן אנטקעגען דער סכנה".

5. נאך אטא די ווערטער זיינען דער קעניג און זיין שוועסטער ארויס מיט א געוויין, און דורכדעם האט זיך זיי איינגעגעבען צום גרעסטען טייל איינצוהאלטען די אויפגערעגטע ליידענשאפט פון פאלק. אויף'ן קויל האבען די פערזאמעלטע אידען אויסגערופען, אז ניט קעגען די רוימער ווילען זיי פיהרען מלחמה, נאר קעגען זייער בעדריקער פלארוס'ן. אבער אגריפס האט זיי גע-ענטפערט: „אויב מען זאל קוקען אויף אייערע מעשים, האט איהר שוין אנגע-הויבען די מלחמה קעגען די רוימער; ווארום איהר האט דעם קיסר ניט אבגע-צאהלט דעם צינז און איינגעבראכען די גאלערייע פון אנטאניא. נאר דורכדעם קאנט איהר אראבנעמען פון זיך דעם פארוואורף פון א מרידה, אויב איהר וועט ווידער אויפבויען די גאלערייעס און בעצאהלען די שטייערן. ווארום ניט פלארוס'ן געהערט דער שלאס, און ניט איהם בעדארפט איהר דאס בעצאהלען די געלד

## זיבצעהנטער קאפיטעל.

די אידען הויבען אן די מלחמה קעגען די רוימער. — דער געלעהרנטער מנחם.

1. דוכדעם האט דאס פאלק געלאזט זיך בערוהיגען, און אלע זיינען תיכף ארויף צום בית-המקדש אינאיינעם מיט אגריפס'ן און בערעניקע'ן, בכדי ווידער אויפצובויען די גאלערייעס. און די פארשטייהער און די מיטגלידער פון סנהדרין זיינען אוועק איבער די דערפער און האבען אויפגעמאנט דעם צינז; דערפון האט זיך אין גיכען צונויפגעקליבען 40 טאלענטען — אזוי פיעל טאקע האט נאך געקומט. אזוי האט אגריפס פערשטאנען איינצוהאלטען דעם קריג, וואס האט געהאלטען ביים אויסברעכען.

אבער אז ער האט געמאכט דעם פרוב צו בעוועגען דאס פאלק צו פאלגען פלארוס'ן, ביז דער קיסר וועט שיקען אן אנדער פראקוראטאר, איז די מאסע אריין אין כעס און האט איהם געלאזט אנזאגען דורך אן אויסרופער, ער זאל פערלאזען די שטאדט. איינצעלנע מורדים האבען אפילו געהאט די העזה צוווארפען אויף איהם מיט שטיינער. דא האט שוין אגריפס זיך געמוזט זאגען, אז די ליידענשאפט פון די מורדים קאן מען מעהר ניט איינהאלטען. ער האט

געשיקט די פֿאָרשטייהער אינאײנעם מיט די חשוב׳סטע אידען קיין קיסריה צו פלאָרוס׳ן, בכדי ער זאָל פון צווישען זיי בעשטימען שטייער-קלייבער פאַר׳ן לאַנד, און אַליין האָט ער זיך אומגעקעהרט אין זיין קיניגרייך, שטאַרק אין כּעס איבער דער בעליידיגונג, וואָס מען האָט איהם אָנגעטאָן.

2. דערווייל האָט זיך צונויפגעקליבען אַ מאַסע אידען, וואָס האָבען געוואָלט די מלחמה אין יעדען פאַל און זיינען אַרויסגעטראָטען קעגען דער פעסטונג, וואָס הייסט מצדה. דאָרט זיינען זיי אָנגעפאַלען אומגעריכטערהייד אויפ׳ן רוימישען גאַרניזאָן פונ׳ם אָרט, האָבען זיי אויסגעהרג׳עט און אַוועקגעשטעלט אַן אָבטיילונג פון זייערע אייגענע מענשען. אין דערזעלביגער צייט האָט געטראָפען, אַז אלעזר, דער זוהן פונ׳ם כּהן-גדול חנניה, זייהר אַ דרייסטער יונגער מאַן, וואָס איז דעמאָלט געווען דער קאָמאַנדיר איבער דער וואַך פון בית-המקדש, האָט געווענדעט זיך צו די כּהנים, וואָס טוען די עבודה, אַז זיי זאָלען ניט אָננעמען קיין מתנות אָדער קרבּנות פון ניט-אידען. אָט דאָס איז געווען דער אמת׳ער אָנהויב פון דער מלחמה קעגען די רוימער; וואָרום דערין איז געלעגען בעהאַלטען אַ מיין ניט צו ברייגגען מעהר די קרבּנות פאַר דאָס רוימישע פאָלק און פאַר׳ן קיסר. און הגם די כּהנים-גדולים און איינפלוסרייכסטע לייט האָבען צוגערעדט די ווידערשפּעניגע, זיי זאָלען ניט מבטל זיין דעם קרבּן, וואָס איז אָנגענומען צו ברייגגען פאַר דער רוימישער רעגירונג, פונדעסטוועגען זיינען זיי פאָרט ניט געווען נוטה נאָכצוגעבען, ערשטענס, ווייל זיי האָבען זיך פערלאָזען אויף דער גרויסער צאָהל פון זייערע אָנהייגגער, וואָס צו זיי האָבען געהערט די שטאַרקסטע צווישען די מורדים, און צווייטענס, און דאָס איז דער עיקר, האָבען זיי זיך געשטיצט אויף אלעזר׳ן, וואָס איז געווען דער קאָמאַנדיר איבער דער וואַך פונ׳ם בית-המקדש.

3. דעמאָלט האָבען זיך צונויפגעקליבען די חשוב׳ע לייט מיט די כּהנים גדולים און די אָנגעזעהענסטע פרושים, בכדי צו האַלטען זיך אַן עצה וועגען דעם מסוכּנ׳דיגען מצב. מען האָט בעשלאָסען צו פּרובען ווירקען דורך אַ רעדע אויף די, וואָס שטרעבען צו אַ מרידה, און מען האָט צונויפגערופען דאָס פאָלק אויף אַ פערזאַמלונג פאַר׳ן קופערנעם טויער, וואָס איז געלעגען אין אינעווייניגסטען טייל פון בית-המקדש אין מזרח-זייט.

נאָכדעם ווי די רעדנער האָבען מיט שטאַרקע ווערטער קלאָר געמאַכט, ווי אומזיניג דאָס איז צו טראַכטען וועגען אַ מרידה און אַריינברייגגען דאָס פאָטערלאַנד אין אַזאַ שרעקליכער מלחמה, האָבען זיי געזוכט צו בעווייזען, ווי נישטיג עס זיינען די אויסריידען צום קריג, און האָבען ווייטער אויפגעוויזען, אַז זייערע עלטערן האָבען אויסגעפוצט רייכליך דעם בית-המקדש מיט מתנות, וואָס אויסלענדער האָבען מנדב געווען, און האָבען שטענדיג אָנגענומען די נדבות פון פרעמדע פעלקער. לא די וואָס זיי האָבען קיינעם ניט געשטערט צו ברייגגען קרבּנות — וואָרום דאָס טאָר מען בשום אופן ניט טון, נאָר זיי האָבען נאָך אַוועקגעשטעלט די הייליגע מתנות אין בית-המקדש, וואו מען קאָן זיי נאָך זעהן עד היום. זיי אָבער, דער איצטיגער דור, ווילען איצט איי-

פיהרען נייסען בנוגע צום גאָטעסדיענסט פון אויסלענדער, נאָר בכדי אַרויס-צופאָדערן די רוימער צום קאַמף און אָנצוהויבען די מלחמה, און זיי בעטראַכטען זיך גאָרניט, אַז חוץ דער סכנה, וואָס שטעקט אין זייער אויפטו, וועט נאָך די שטאָדט בעקומען אַ שם פאַר אַ ניט-פרומע, ווייל נאָר ביי די אידען אַליין טאָר קיין פרעמדער ניט ברייננגען קרבנות און ניט מתפלל זיין. וואָרום זאָל עמיצער מאַכען אַזאַ מין בעשטימונג בנוגע צו אַ פּריוואַט-מענשען, דעמאָלט וואָלטען אַלע עס בעטראַכט פאַר אַן עבירה קעגען דער מענשענליעבע, וואָס מען האָט עס געמאַכט פאַר אַ געזעץ, און מען וואָלט דעריבער געוואָרען אויפ-געריעגט; איצטער אָבער, ווען עס גייהט די רייד ניט דעלאָזען די רוימער און דעם קיסר צו ברייננגען קרבנות, געפינען זיי ניט איין דעריך עפּיס אומגערעכטעס. נאָר מען בעדאַרף מורא האָבען, אַז ווייל מען שטויסט צוריק זאָט די קרבנות, וועלען זיי גופא אין גיכען ניט קאָנען ברייננגען זייערע אייגענע קרבנות, און ביי דער שטאָדט וועט אָבגענומען ווערען דער רעכטלי-כער שוץ פון דער מלוכה, אויב זיי וועלען ניט וואָס גיכער האָבען חרטה, ברייננגען די קרבנות און ווידער פעררירכטען די בעליידיגונג, איידער די בעליידיגטע וועלען זיך דאָס דערוויסען.

4 בשעת דער דאָזיגער רעדע האָט מען געבראַכט כהנים, וואָס האָבען בעזונדערס גוט געוואוסט די אַלטע מנהגים, און זיי האָבען דערקלערט, אַז די עלטערן האָבען שטענדיג אָנגענומען קרבנות פון אויסלענדער. דערויף אָבער האָבען די מורדים אַפילו ניט געקוקט, און וואָס איז שייך צו די כהנים, וואָס טוען די עבודה און וואָס זיי האָבען דאָס דורכגעפיהרט יענע מאָסרעגעל, וואָס האָט בעדאַפט אַרויסרופען די מלחמה, — זיינען זיי אַפילו נאָך גאָר ניט געקומען אויף דער פערזאַמלונג.

היות ווי די חשוב'ע לייט האָבען בעמערקט, אַז זיי וועלען די מרידה ניט קאָנען מעהר איינהאַלטען, האָבען זיי געזוכט אַראָבצוואַרפען פון זיך איט-ליכע שולד, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, די רוימער זאָלען קודם כל ניט אויסלאָזען זייער כעס צו זיי. דעריבער האָבען זיי געשיקט שלוחים צו פלאָרוס'ן און צו אַגריפּס'ן, וואָס די ערשטע פון זיי האָבען געהאַט אַלס אָנפיהרער אַ געוויסען שמעון, דעם זוהן פון חנניה, און צווישען די לעצטע האָבען זיך גע-פונען חשוב'ע מענשען פון דעם קיניגס קרובים, ווי שאול, אַנטיפּס און קוס-טובר. די דעפּוטאַציעס האָבען בעדאַרפט בעטען, אַז פלאָרוס און אַגריפּס זאָלען אַרויסגייהן מיט אַ חיל קעגען ירושלים, בכדי צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד, איידער עס איז נאָך שפּעט.

פאַר פלאָרוס'ן האָט, פערשטייהט זיך, ניט געקאָנט זיין קיין בעסערע בשורה, ווי די ידיעה וועגען די אומרוהען, און אַזוי האָט ער געלאָזען די שלוחים פשוט אָהן אַן ענטפער, רעכענענדיג אַזוי צו טרייבען די אידען צום קריג. אַגריפּס אָבער, וואָס ער האָט געדאַג'עט ניט ווינציגער פאַר די מורדים, איידער פאַר די, מיט וועמען זיי האָבען געוואָלט פיהרען קריג, און וואָס האָט געשטרעבט פון איין זייט איינצוהיטען די אידען, פאַר די רוימער, און דעם בית-המקדש און די שטאָדט פאַר די אידען האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען,

אַז דער אויפשטאַנד וועט אויך איהם קיין טובה ניט ברייגגען. דעריבער האָט ער געשיקט צו הילף דעם פאָלק 3000 רייטער פון חורן, בשן און טרכונא אונטער דער אָנפיהרונג פונ׳ם הויפטמאַן דאַריוס און זיין געהילף פיליפּוס דעם זוהן פון יקום.

5. ערמוטיגט דורכדעם, האָבען די חשוב׳ע לייט מיט די כהנים און דעם טייל פון פאָלק, וואָס האָט געשטרעבט צו שלום, פערנומען דעם אויבערשטען טייל שטאָדט; וואָרום דער אונטערשטער טייל שטאָדט און דער פלאַץ פונ׳ם בית-המקדש האָט זיך געפונען אין די הענד פון די מורדים. אָהן אויפהער האָט מען איצט געוואָרפען שטיינער מיט די הענד און דורך שליידערער און מען האָט געשאָסען אַ סך פיילען. איינצלנע באַנדעס פלעגען אַמאָל נאָך מאַכען אויספאַלען און קעמפען מיט אַנאַנד אין דער נאָהענט, און דערביי האָבען די מורדים אַרויסגעוויזען אַ גרעסערן מוט, און דעם קעניגס זעלנער — אַ גרעסערע געניטקייט אין מיליטערישע ענינים. די לעצטע האָבען געטראַכט דער עיקר וועגען דעם, ווי אַזוי צו פערכאַפּען דעם בית-המקדש בכדי צו פערטרייבען פון דאָרט די, וואָס האָבען פערשוועכט דעם הייליגטום. פערקעהרט, די מורדים אונטער אלעזר׳ס אָנפיהרונג האָבען זיך געמיהט איינצונעמען אויך דעם אויבערשטען טייל שטאָדט, חוץ די טיילען, וואָס זיי האָבען שוין געהאַט. אין משך פון זיבען טעג האָט זיך געגאָסען בלוט אויףביידע זייטען און קיין איינער פון ביידע צדדים איז פון זיין אָרט ניט אָבגעטראָטען.

5. דעם אַכטען טאָג, דעם יום-טוב פון האָלץ-טראָגען, בשעת איטליכער האָט בעדאַרפט לויט׳ן מנהג ברייגגען האָלץ אויף אונטערצוהאַלטען שטענדיג דעם פייער אויפ׳ן מזבח, — האָבען אלעזר׳ס אָנהייגגער ניט צוגעלאָזט זייערע געגנער צו דער עבודה, און היות ווי איגאיינעם מיט׳ן אומבעוואָפענטען פאָלק האָבען זיך אַריינגעכאַפּט אין בית-המקדש אויך סיקאַריער — אַזוי ווערען אָנגערופען די באַנדיטען מיט בעהאַלטענע קינזשאַלען אונטער זייערע בגדים — האָבען זיי מיט זייער הילף ווידער אַמאָל אָנגעהויבען זייערע אָנפאַלען אין אַ פערשטאַרקטער מאָס, און דורך זייער שטאַרקען דראַנג האָבען זיי אַרויסגעשטופּט פונ׳ם אויבערשטען טייל שטאָדט די קיניגליכע סאָלדאַטען, וואָס זיינען געווען שוואַכער פון זיי הן לויט זייער צאָהל, הן לויט זייער מוט, און האָבען אַליין פערנומען דעם פלאַץ.

דערויף האָבען זיי אונטערגעצונדען דאָס הויז פונ׳ם כהן-גדול חנניה און אַגריפּס׳עס און בערעניקע׳ס פּאַלאַצען און אויך דעם שטאָדטישען אַרכיוו, בכדי וואָס גיכער צו פערניכטען פערשיידענע וועקסלען און אַנדערע דאָקומענטען, אַזוי, עס זאָל ניט מעגליך זיין מעהר איינצומאָנען חובות. דורכדעם האָבען זיי צוגעצויגען צו זיך אַ סך פון די, וואָס האָבען געהאַט אַ טובה דערפון, וואָס די דאָקומענטען זיינען פערניכטעט געוואָרען, און האָבען אויף אַזאַ אופן אויפגעהעצט די אָרימע קעגען די רייכע. איבעריגענס, האָט זיך זיי אַזוי גרינג איינגעגעבען אונטערצוצינדען, מחמת די וואַך פונ׳ם אַרכיוו איז אַנטלאָפען געוואָרען.

נאָכדעם ווי זיי האָבען אויף אַזאַ אופן פערטיליגט דעם נערוו פון דער שטאָדט, זיינען זיי אַרויס קעגען די שונאים גופא. אַ טייל פון די חשוב'ע לייט און פון די כהנים-גדולים האָבען זיך בעהאַלטען אין אונטערערדישע גיינג און די איבעריגע איינאיינעם מיט'ן קיניגס זעלנער זיינען אָבגעטראָטען צום אויבערשטען פאַלאַץ, וואָס זיינע טויערן האָבען זיך געשווינד פערשלאָסען הינטער זיי. צווישען די לעצטע האָט זיך אויך געפונען דער כהן-גדול חנניה, זיין ברודער חזקיה און די שלוחים, וואָס אַגריפּס האָט געשיקט. דערווייל האָבען די מורדים געמאַכט אַ קליינע הפסקה, זייענדיג צופרידען פון זייער נצחון און פון דער ווירקונג פון די שרפות.

7. אָבער דעם אַנדער טאָג, דעם 15-טען פון חודש אָב, זיינען זיי ווידער אָנגעפאַלען אויף אַנטאָניאַ, און נאָכדעם ווי זיי האָבען זי בעלעגערט צוויי טעג, האָבען זיי אויסגע'הרג'עט דעם גאַרני'זאָן און אונטערגעצונדען די פעסטונג. דערנאָך האָבען זיי זיך געלאָזט צום פאַלאַץ, וואו עס האָבען זיך געפונען דעם קיניגס זעלנער, האָבען זיך צעטיילט אויף פיער מחנות און האָבען געמיהט זיך איינצוברעכען די מויערן. היות ווי די אָנפאַלער זיינען געווען אַ סך, דעריבער האָבען די בעלעגערטע ניט דערוועגט זיך צו מאַכען אַן אויספאַל, נאָר זיי האָבען זיך פונאַנדערגעטיילט אויף די וואַלען און טורעמס, האָבען געשאָסען אויף זייערע געגנער און געטויט אַ סך באַנדיטען אונטער די מויערן. ביי טאָג און ביי נאַכט האָט מען געקעמפט אָהן אויפהער, די מורדים האָבען געהאָפט אויסצוהונגערן די בעלעגערטע, דעם קיניגס זעלנער ווידער האָבען גערעכענט, אַז סוף-כל-סוף וועלען די בעלעגערער זיך איינמאַטערן פאַר אָנשטריינגונג.

8. דערווייל האָט אַ געוויסער מנחם — ער איז געווען אַ זוהן פון יענעם קריגערישען געלעהרנטען פון גליל, וואָס האָט אַנומעלט אין קווירינוס'עס צייטען געמאַכט פאָרוואורפען די אידען, פאַרוואָס זיי אָנערקענען נאָך, חוץ גאָט, די רוימער פאַר זייערע הארען — זיך געלאָזט גייהן מיט עטליכע זיינע נאָהענטע חברים קיין מצדה1), האָט איינגעבראָכען דעם קעניג הורדוס'עס אַרסענאַל און בעוואָפענט חוץ זיינע לאַנדסלייט נאָך פרעמדע רויבער; מיט אָט דער באַנדע, וואָס איז געוואָרען זיין לייבוואַך, האָט ער זיך אומגעקעהרט ווי אַ קעניג קיין ירושלים; דאָרט האָט ער זיך געשטעלט בראש פון די מורדים און האָט איבערגענומען די פיהרונג פון דער בעלעגערונג.

ס'האָבען אָבער אויסגעפעהלט מאַשינעס, און אָפען אונטערצוגראָבען די מויערן איז ניט מעגליך געווען איבער דעם האָגעל פון פיילען, וואָס איז געפלויגען פון אויבען. דעריבער האָבען די בעלעגערער אויסגעגראָבען פון אַ וויטען מהלך אַן אונטערערדישען גאַנג ביז צו איינעם פון די טורעמס, און

1) איבעריגענס איז לויט דעם § 2 פון דעם קאַפּיטעל מצדה שוין געווען איינגענומען דורך די מורדים. בכן איז דאָ דער סדר פון די געשעהענישען, משמעות, פערפלאָנטערט. פערגל. דובנאוו'ס אידישע געשיכטע II, § 126 און דאָרטען די הערה.

בכדי דער גאַנג זאָל ניט איינפאַלען, האָבען זיי איהם געשטיצט דורך הילצערנע באַלקענס; דערנאָך האָבען זיי די האָלץ אונטערגעצונדען און זיינען אַוועקחי נאָר די באַלקענס זיינען געוואָרען פערברענט, איז דער טורם תיכף איינגעפאַלען.

נאָר איצט האָט זיך אַרויסגעוויזען פון אינעווייניג אַ צווייטע מויער, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרען קעגענאיבער דער ערשטער, ווארום די בעלעגערטע האָבען בעמערקט דעם אָנפאַל מצד זייערע פיינד — אפשר דערפאַר, ווייל דער טורם, בשעת מען האָט איהם אונטערגעגראָבען, האָט זיך אָנגעהויבען צו שאָקלען — און האָבען זיך אויסגעבויט נאָך אַ צווייטען וואַל. אַז די בעלעגערער האָבען דאָס אומגעריכטערהייד דערזעהן, זיינען זיי אינגאַנצען פערטומעלט געוואָרען, ווארום זיי זיינען שוין געווען זיכער אין זייער נצחון. אָבער מיט אַמאָל האָבען די בעלעגערטע געשיקט שלוחים צו מנחמ׳ן און צו די אָנפיהרער פונ׳ם אויפשטאַנד און האָבען געבעטען, מען זאָל זיי לאָזען פריי אָבציהען. דעם קעניגס סאָלדאַטען און די אָרטיגע איינוואוינער האָט מען דאָס ערלויבט.

נאָכדעם ווי די לעצטע זיינען אַוועק, זיינען די רוימער, וואָס זיינען אַליין איבערגעבליבען, שטאַרק צעטומעלט געוואָרען, מחמת קעגען אַזאַ מאַסע האָבען זיי גאָרנישט ניט געקאָנט אויפטון. נאָר בעטען מען זאָל מיט זיי מאַכען אַ פשרה, האָט ניט געפּאַסט, שוין אָבגערעדט דערפון, וואָס זיי האָבען ניט געקאָנט זיין בעזיכערט, אַז מען וועט אויך האַלטען דאָס געגעבענע וואָרט. דעריבער האָבען זיי אַוועקגעלאָזען זייער לאַגער, וואָס מען האָט איהם געקאָנט גרינג איינגעמען אין אַ שטורם, און זיינען אַנטלאָפען צו די קיניגליכע טורעמס היפּיקוס, פזאל און מרים. דעמאָלט זיינען מנחמ׳ס מענשען אַריינגעדרונגען אינ׳ם פערלאָזענעם לאַגער, האָבען אויסגע׳הרג׳עט אַלעמען, וואָס האָבען נאָך ניט בעוויזען צו אַנטלויפען, און האָבען אונטערגעצונדען דעם לאַגער, נאָכדעם ווי זיי האָבען פערחאַפּט דעם געפּעק. דאָס איז געשעהן זעקס טעג אין אלול.

9. דעם אַנדערן טאָג האָבען די באַנדיטען געחאַפּט דעם כהן־גדול חנניה אין דער וואַסערלייטונג פונ׳ם פּאַלאַץ, וואו ער האָט זיך געהאַט בעהאַלטען, און דער׳הרג׳עט איהם אינאיינעם מיט זיין ברודער חזקיה. די מורדים האָבען געהיט גוט די טורעמס, בכדי קיינער פון גאַרניזאָן זאָל ניט קאָנען אַנטלויפען. איבעריגענס האָט די צעשטערונג פון די בעפעסטיגונגען און דעם כהן־גדול חנניה׳ס טויט געבראַכט מנחמ׳ען צו אַן אומזיניגער אַכזריות, און היות ווי איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז קיינער וועט ביי איהם ניט קאָנען אָבנעמען די ממשלה, דעריבער איז ער געוואָרען אַזאַ טיראַן, אַז עס איז פון איהם ניט געווען צו דערהאַלטען. מחמת דעם זיינען אויפגעשטאַנען קעגען איהם אלעזר׳ס אָנהייגער, וואָס האָבען איינער צום אַנדערן אַזוי געזאָגט: נאָכדעם ווי מען האָט אויס תשוקה צו פרייהייט מורד געווען קעגען די רוימער, טאָר מען איצטער ניט אונטערגעבען זיך אַ לאַנדסמאַן און אַריבערטראָגען די טיראַניע פון אַזאַ מענשען, וואָס הגם ער בעגייהט ניט קיין געוואַלדטאַטען, פונדעסטוועגען שטייהט ער דאָך אַ סך נידעריגער פון זיי. טאָמער אָבער וועט טאַקע זיין נויטווענדיג

אַוועקצושטעלען בראש פון דער פערוואַלטונג אַן איינצעלנעם מענשען, דעמאָלט קומט די דאָזיגע הויכע ווערדע ווען איהר ווילט גיכער, איידער מנחמ'ן.

דערויף זיינען זיי מיט פעראייניגטע קרעפטען אָנגעפאַלען אויף איהם אין בית-המקדש, וואוהין ער איז אַוועק מתפלל זיין, אָנגעטאָן אין בגדי-מלכות און בעלייט פון אַ גלענצענדער סוויטע בעוואָפענטע אָנהייגער. און אַז אלעזר'ס אָנהייגער זיינען אָנגעפאַלען אויף איהם, האָט אויך דאָס גאַנצע פאָלק זיך בעטייליגט אינ'ם אָנפאַל, האָט צונויפגעקליבען שטיינער און בעוואָרפען דעם געלעהרנטען, ווארום מען האָט גערעכענט, אַז ווי נאָר מען וועט איהם אָבראַ-מען פון וועג, וועט נעמען אַ סוף פון דער גאַנצער מרידה. מנחם און זיינע מענשען האָבען זיך אַ געוויסע צייט געהאַלטען; אָבער אַז זיי האָבען דערזעהן, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אַלאָז געטאָן אויף זיי, האָבען זיי זיך געלאָזט לויפען אין אַלע זייטען. ווער עס איז אַריינגעפאַלען צו די געגנער אין די הענד, איז דער'הרג'עט געוואָרען, און די, וואָס האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען, האָט מען באַלד אויפגעזוכט. גאָר ווינציג האָט זיך איינגעגעבען צו אַנטלויפען קיין מצדה; צווישען זיי האָט זיך געפונען אויך מנחמ'ס אַ קרוב, אלעזר בן יאיר, וואָס איז שפּעטער געווען דער טיראַן פון מצדה. מנחם גופא איז אַנ-טלאָפען געוואָרען אינ'ם טייל שטאָדט, וואָס הייסט עופל, און האָט זיך דאָרט בעהאַלטען; נאָר באַלד נאָכדעם האָט מען איהם געכאַפּט און געטויט אונטער שרעקליכע עינויים, דאָס אייגענע אויך זיינע געהילפען און אבשלומ'ן, וואָס איז געווען דער ערגסטער געצייג פון זיין טיראַניע.

10. ווי ס'איז שוין בעמערקט געוואָרען, האָט דאָס פאָלק מיטגעווירקט ביי דער גאַנצער מעשה מיט דער האָפנונג, אַז אפשר וועט מען דורכדעם קאָנען פערענדיגען דעם גאַנצען אויפשטאַנד; פערקעהרט די אַנדערע, וואָס האָבען מנחמ'ען אַראָבגעוואָרפען פון זיין גדולה, האָבען בשום אופן ניט גע-שטעלט זיך אַ ציעל צו מאַכען אַ סוף פון די קריגערישע אומרוהען, נאָר זיי האָבען גערעכענט זיי נאָך מעהר פונאַנדערצובלאָזען. און וואָס מעהר דאָס פאָלק האָט ביי זיי געבעטען זיך, זיי זאָלען אויפהערען צו בעלעגערן די סאָלדאַטען, אַלץ שטאַרקער זיינען זיי אָנגעפאַלען אויף די רוימער.

סוף-כל-סוף האָבען מעטיליוס — אַזוי האָט געהייסען דער רוימישער קאָ-מאַנדיר — און זיינע מענשען ניט געקאָנט מעהר זיך אַנטקעגענשטעלען און האָבען דעריבער געבעטען אלעזר'ן, ער זאָל שווערען, אַז ער וועט זיי לאָזען פריי אָבציהען, און דערפאַר האָבען זיי איהם צוגעזאָגט אָבצוגעבען זייערע געוועהר און זייערע איבעריגע האָב-און-גוטס. אלעזר'ס אָנהייגער זיינען שטאַרק צופרידען געווען מיט אָט דער בקשה, און זיי האָבען געשיקט גוריון בן נקדימון, חנניה בן צדוק און יהודה בן יונתן צו די רוימער, בכדי צו בע-קרעפטיגען דעם אָבמאַך דורך אַ תקיעת-כף און שבועה. דערויף איז מעטיליוס מיט זיינע מענשען אָבגעטראָטען. כל זמן זיי האָבען נאָך געהאַט זייערע גע-וועהר, זיינען די מורדים אויף זיי ניט אָנגעפאַלען און האָבען אויך ניט אַרויס-געוויזען קיין שום בגידה. אָבער אַז די רוימער האָבען לויט'ן אָבמאַך אויסגעטאָן

זייערע שילדען און שווערדען און האָבען געוואָלט רוהיג גייהן זייער וועג, האָבען אלעזר׳ס מענשען פלוצלונג זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיי און האָבען זיי אויסגעקוילעט. די רוימער האָבען אפילו ניט געפּרובט זיך אַנטקעגענשטעלען אָדער צו בעטען זיך, זיי האָבען מעהר ניט הויך אויפ׳ן קול אַנגעוויזען אויף דעם אָבמאַך, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען מיט אַ שבועה. אזוי זיינען זיי אַלע מיט אכזריות אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען, חוץ מעטיליוס׳ן; איהם אַליין האָבען די מורדים געלאָזען לעבען, מחמת ער האָט צוגעזאָגט אָנצונעמען די אידישע אמונה און צו לאָזען זיך מל זיין.

איבעריגענס, האָט פאַר די רוימער דער אָנוועהר קיין גרויסע בעדייטונג ניט געהאַט, ווייל זיי האָבען אָנגעוואָהרען בלויז ווינציג מענשען פון אַ גרוי־סען חייל. פאַר די אידען אָבער איז די דאָזיגע שחיטה אויסגעקומען ווי אַ פאָר־שפּיעל פון זייער אייגענעם אונטערגאַנג; וואָרום זיי האָבען גוט פערשטאַנען, אַז אָט די עולה איז אַ סיבה צו דער מלחמה, וואָס זיי קאָנען זי מעהר ניט אויס־מעקען, און אַז זייער שטאָדט איז בעפלעקט פון אַזאַ פערברעכען, וואָס אפילו ווען זיי זאָלען ניט דארפען באַלד ריכטען זיך אויף נקמה מצד די רוימער, האָבען זיי דאָך בעדאַרפט מורא האָבען פאַר גאָטס שטראָף. דעריבער האָבען זיי איינגעשטעלט אַן עפענטליכען טרויער, און אין דער גאַנצער שטאָדט האָט געהערשט אַ נידערשלאָגענהייט. די רוהיגע בירגער האָבען ניט געקאָנט אָבטריי־בען פון זיך די מורא, אַז זיי וועלען מוזען אָבקומען פאַר די זינד פון די מורדים. וואָרום די שחיטה איז פאָרגעקומען גראָד אום שבת, דאָס הייסט אין אַזאַ טאָג, וואָס על־פּי־דין טוט מען דעמאָלט קיין שום אַרבייט ניט.

# אכצעהנטער קאַפּיטעל.

אומעטום ווערען די אידען גע׳רודפ׳ט.

1. אין דעמזעלביגען טאָג און אין דערזעלביגער שעה האָט אויך גע־טראָפען — אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ גזרה מן השמים — אַז די איינוואוינער פון קיסריה האָבען אויסגע׳הרג׳עט זייערע אידישע מיטבירגער, אַזוי אַז אין איין שעה צייט זיינען געוואָרען אויסגע׳הרג׳עט העכער 20 000 אידען, און אין דער גאַנצער שטאָדט איז קיין איינציגער מעהר ניט געבליבען, וואָרום אויך די אַנטלאָפענע האָט פלאָרוס געהייסען חאפּען און אָבפיהרען אַלס געפאַנגענע אויף די שיפס־ווערפטען. די ידיעה וועגען דער דאָזיגער שחיטה האָט אריינגעבראַכט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין כעס, און איינצעלנע בעוואָפענטע אָבטיילונגען פון זיי האָבען פערוויסט די דערפער פון די סיריער און איינציגע שטעדט, וואָס ליגען ביים גרעניץ: פילאַדעלפיאַ, סעבאַניטיס, געראַסאַ, פעלאַ און סקיטאָפּאָליס. דערנאָך זיינען זיי אָנגעפאַלען אויף גדרה, סוסיתא און גולן, וואו זיי האָבען די ישובים צום טייל פערוויסט און צום טייל פערברענט, און האָבען זיך געלאָזט גייהן ווייטער אויף די צורישע קעדאַסע און אויך אויף פּטאָלעמאַאיס, גאַבאַ און קיסריה. אויך

סעבאַסטע און אַשקלון האָבען ניט געקאָנט בעשטייהן קעגען דעם דראַנג, נאָר די אידען האָבען פערברענט אָט דיביידע שטעדט און האָבען אויך נאָך צעשטערט אַנטעדאָן און עזה. חוץ דעם זיינען אויסגערויבט געוואָרען אַ סך דערפער, וואָס ליגען אין דער געגענד. און מאַסענווייז זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען די געפאַנגענע מאַנסבילען דורכ'ן שווערד פון זייערע פיינד.

2. נאָר אויך די סירער האָבען אָנגעמאַכט ניט קיין קלענערע שחיטה. זיי האָבען אויסגע'הרג'עט אין די שטעדט אַלע אידען און ניט בלויז, ווי פריהער, מחמת שנאה, נאָר אויך צוליעב דעם, בכדי צו פערהיטען די סכנה, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגען זיי. גאַנץ סיריען האָט זיך געפונען אין אַ מורא'דיגער אויפרעגונג, און איטליכע שטאָדט איז געווען צעטיילט אויף צוויי פיינדליכע לאַגערן, וואָס איטליכער פון זיי האָט אַיינגעזעהן זיין רעטונג דעריך, וואָס ער וועט צוערשט פערטיליגען זיין געגנער. אַזוי זיינען אַוועק די טעג אין שטענדיגע שחיטות, נאָר די נעכט זיינען געווען נאָך מורא'דיגער, וואָרום אַלע זיינען געווען אין איין שרעק.

ווי נאָר מען האָט גערעכענט, אַז מען האָט פערטיליגט אַלע אידען, דעמאָלט פלעגט מען זיך נעמען פאַר די מענשען, וואָס זיינען געווען חשוד פאַר אידענפריינד. און וואָס איז שייך צו די, וואָס וועגען זיי זיינען ביידע צדדים געווען מסופק, האָט מען זיי ניט געקאָנט אומברייגגען אָהן שום טענות, נאָר מען האָט פאַר זיי מורא געהאַט, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען אָפענע פיינד, בפרט אַז זיי פלעגען אַרויסטרעטען פעראייניגט מיט אַנדערע. אויך אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַט אַ שם פאַר פרידליכע מענשען, האָט איצט געטריבען די תשוקה צו גזלות אָנצופאַלען אויף די אָנהייגגער פונ'ם צד שכנגד. וואָרום מען האָט זיך לחלוטין ניט אָבגעהאַלטען צוצונעמען פאַר זיך דעם אייגענס פון די דער'הרג'עטע און מ'פלעגט אַריבערטראָגען צו זיך אין שטוב די רויב, וואָס מען פלעגט געפינען ביי זיי, אַזוי ווי זיי וואָלטען געפאַלען אין אַ מלחמה. נאָך מעהר: דעם, וואָס פלעגט מעהר אַריינחאַפען, האָט מען אָבגעגעבען כבוד, ווי ער וואָלט האָבען מנצח געווען אַ סך פיינד. און די שטעדט זיינען פול געוואָרען מיט טויטע קערפערס, וואָס קיינער האָט זיי ניט בעגראָבען; אַלטע לייט האָט מען געקאָנט זעהן ליגענדיג טויט נעבען קליינע קינדער, און פרויען ניט צוגעדעקטערהייד. דער חורבן, וואָס האָט געהערשט אין דער גאַנצער פראָווינץ, איז ניט צו בעשרייבען, און כמעט נאָך ערגער פאַר די מעשי-רצח, וואָס זיינען אָבגעטאָן געוואָרען, איז געווען די שרעק פאַר נייע, וואָס דאַרפען נאָך פאָרקומען.

3. ביז אַהער האָבען די אידען געהאַט צו קעמפען נאָר מיט פרעמדע, נאָר אַז זיי זיינען אָנגעפאַלען אויף סקיטאָפאָליס, זיינען קעגען זיי אַרויסגעטראָטען אַלס שונאים זייערע אייגענע פאָלקס-ברידער. וואָרום די לעצטע האָבען געמאַכט יד אחת מיט די איינוואוינער פון סקיטאָפאָליס און האָבען געוואָלט מלחמה האַלטען מיט זייערע לאַנדסלייט און זיך אָבזאָגען פון זייער קרובה'שאַפט מיט זיי צוליעב זייער אייגענער זיכערקייט. נאָר די דאָזיקע צו גרויסע

גרייטשאַפט צו דיענען זייערע שכנים האָט דערוועקט אַ חשד ביי די איינוואוי-נער פון סקיטאָפּאָליס, וואָס האָבען מורא געהאַט, די אידישע בירגער זאָלען ביינאַכט ניט אָנפאַלען אויף דער שטאָדט און אויסקוילען אַ סך מענשען, בכדי דורכדעם ווידער שלום צו מאַכען מיט זייערע לאַנדסלייט. דעריבער האָבען זיי געפאָדערט פון די אידען, זיי זאָלען זיך אַריבערקלייבען מיט זייערע פאַמיליעס אין וועלדיל, אויב זיי ווילען בעפעסטיגען די אחדות און בעשטעטיגען זייער געטריישאַפט צום אַבמאַך קעגען פרעמדע. די אידען האָבען קיין בייז ניט געטראַכט און האָבען נאָכגעגעבען דער דאָזיגער פאָדערונג, און די איינוואוי-נער פון סקיטאָפּאָליס האָבען צוערשט צוויי טעג זיך פערהאַלטען רוהיג, בכדי עס זאָל קיין שום חשד ניט אויפקומען ביי די אידען. נאָר אין דער דריטער נאַכט האָבען זיי אויסגענוצט אַ גינסטיגע געלעגענהייט און האָבען אויסגעקוי-לעט די אידען, וואָס זיינען צום טייל געשלאָפען און מחמת זייער זאָרגלויזיג-קייט האָבען זיי קיין זאַך ניט געהאַט אויסגעשטעלט, און האָבען פערכאַפּט זייער גאַנץ האָב-און-גוטס; אינגאַנצען זיינען אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען אידען העכער 13 000 מענשען.

4. בעזונדערס איז כדאי צו דערמאָנען וועגען דעם, וואָס עס האָט גע-טראָפען מיט אַ געוויסען שמעון, דעם זוהן פון אַן אָנגעזעהענעם מענשען מיט׳ן נאָמען שאול. ער איז געווען אַ גרויסער גבר און אַ מוטיגער מענש, נאָר ער האָט אויסגענוצט די דאָזיגע מעלות זיינע צוליעב׳ן שאָדען פון זיינע לאַנדס-לייט. אַלע טאָג פלעגט ער אַרויסטרעטען און אויס׳הרג׳ען אַ סך אידען, און אָפטמאָלס פלעגט ער אַליין בעשטימען דעם אויסגאַנג פונ׳ם געשלעג, דורכדעם וואָס ער האָט פערטריבען גאַנצע מאַסען זייערע. איצט אָבער האָט ער בעקו-מען זיין שטראָף, וואָס ער האָט פערדיענט, פאַר׳ן מאָרדען זיינע פאָלקס-ברידער.

וואָרום ווי נאָר די איינוואוינער פון סקיטאָפּאָליס האָבען געהאַט אַרום-גערינגעלט די אידען אינ׳ם וועלדיל און בעשאָטען זיי מיט פיילען, האָט ער אַרויסגעצויגען זיין שווערד, אָבער ער איז ניט אָנגעפאַלען אויף די שונאים, מחמת ער האָט איינגעזעהן, אַז זיי זיינען אַזוי פיעל, אַז ער וועט קעגען זיי גאָרנישט ניט קאָנען אויספיהרען, און אין זיין ליידענשאַפטליכער אויפרעגונג האָט ער אויסגערופען: „פון אייך, איהר איינוואוינער פון סקיטאָפּאָליס, בעקום איך איצט דאָס, וואָס איך האָב פערדיענט לויט מיינע מעשים; וואָרום איך האָב גערעכענט צו בעוויזען מיין פריינדשאַפט צו אייך, דורכדעם וואָס איך האָב אויסגעהרג׳עט אַזוי פיעל מענשען פון מיין פאָלק. דער, ווער עס האָט אַזוי שווער זיך פערזינדיגט קעגען זיין אייגענעם פאָלק, דעם קומט טאַקע מיט רעכט, וואָס די פרעמדע זיינען פאַלש קעגען איהם. בעלאָדען מיט קללות וויל איך איצט בעקומען דעם טויט פון מיין אייגענער האַנד, ווייל עס פּאַסט מיר ניט צו שטאַרבען דורכ׳ן שונא׳ס האַנד, און אַזוי ווי אָט דער טויט איז אַ גענוגע שטראָף פאַר מיינע חטאים, אַזוי זאָל ער מיר אויך פערשאַפען דעם אייביגען שם, אַז איך האָב געטאָן ווי אַן אמת׳ער מאַן. קיין שונא זאָל זיך

ניט בעריהמען, אַז ער האָט מיך געטויט און זאָל זיך ניט פרייהען איבער מיין פאַלען!״

בשעת ער האָט אַזוי גערעדט, האָט ער געוואָרפען אַ בליק פול רחמנות, אָבער אויך צוגלייך פול גרימצאָרן, אויף זיין משפחה; ער האָט געהאַט אַ ווייב, עטליכע קינדער און טיעף בעיאָהרענטע עלטערן. דערויף האָט ער אָנגעהאַפּט צוערשט זיין פאָטער פאַר זיינע זילבערווייסע האָר און האָט איהם דורכגעשטאָכען מיט זיין שווערד, דערנאָך זיין מוטער, וואָס האָט זיך לחלוטין ניט אנטקעגענגעשטעלט, און צולעצט זיין ווייב און קינדער, וואָס זיינען כמעט אנטקעגענגעלאָפען דעם מאָרדגעצייג, בכדי אויסצומיידען די הענד פון די שונאים. נאָכדעם ווי ער האָט אַזוי געקוילעט זיין גאַנצע משפחה, האָט ער זיך געשטעלט אויף די טויטע קערפערס, אַזוי אַז מען האָט איהם געקאָנט זעהן פון דערווייטענס, האָט אויפגעהויבען זיין רעכטע האַנד, בכדי אַלע זאָלען דאָס זעהן, און האָט זיך אַריינגעשטויסען דעם שווערד אין קערפער ביז׳ן הענטיל. ס׳איז געווען אַ שאָד דער יונגער מאַן איבער זיין קערפער־קראַפט און זיין מוט. אָבער ער האָט בעקומען זיין פערדיענטע שטראָף, ווייל ער האָט אַרויסגעוויזען פרעמדע מענשען זיין איבערגעבענקייט.

5. די שחיטה אין סקיטאָפּאָליס האָט, איבעריגענס, געהאַט דעם רעזולטאַט, אַז אויך די איינוואוינער פון אַנדערע שטעדט זיינען אויפגעשטאַנען קעגען זייערע אידישע בירגער. דערביי זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען אין אַשקלון 2 800 אידען, אין עכו — 2 000, און חוץ דעם האָט מען נאָך אַ בעדייטענדע צאָהל אַריינגעזעצט אין תפיסה. אויך די איינוואוינער פון צור האָבען אומגעבראַכט אַ סך אידען און נאָך מעהר האָבען זיי אַריינגעזעצט אין תפיסה. דאָס אייגענע האָבען אויך די איינוואוינער פון סוסיתא און גדרה אָבגעראַמט פון וועג די ענערגישערע אידען, און די שוואַכערע האָבען זיי אַריינגעוואָרפען אין תפיסה. פונקט אַזוי איז מען זיך בעגאַנגען אין די איבעריגע סירישע שטעדט, ס׳איז מעהר ניט געווענדט געווען דערפון, צי ס׳איז געווען שטאַרקער די שנאה צו אידען אָדער די מורא פאַר זיי.

מעהר ניט די איינוואוינער פון אַנטיוכיה, צידון און אַפּאַמעאַ האָבען פערשוינט די אידישע בירגער און האָבען ניט דערלאָזען, אַז אפילו איינער פון זיי זאָל ווערען דער׳הרג׳עט אָדער אַריינגעזעצט אין תפיסה; אפשר דערפאַר, ווייל זיי האָבען זיך געקאָנט פערלאָזען אויף זייער אייגענער גרויסער צאָהל און האָבען ניט בעדאַרפט מורא האָבען, טאָמער וועלען פאָרקומען אומרוהען ביי די אידען, אָדער מחמת דעם — און דאָס האַלט איך פאַר ריכטיגער — וואָס זיי האָבען געהאַט אויף זיי רחמנות און האָבען ניט געקאָנט אַרויסגעפינען ביי זיי קיין סימנים פון אַן אויפשטאַנד. אויך די איינוואוינער פון געראַסאַ האָבען גאָרנישט ניט געטאָן די אידען, וואָס זיינען געבליבען ביי זיי אין שטאָדט, און האָבען אפילו נאָך בעלייט ביז צום גרעניץ יענע, וואָס האָבען געוואָלט פערלאָזען די שטאָדט.

6. אין אַגריפּס׳עס מלוכה איז מען זיך בעגאַנגען מיט די אידען מעשה-בוגדים. דער קעניג גופא איז געווען אָבגעפּאָהרען צו קיסטיוס גאַליוס קיין אַנטיוכיה און האָט אָנפערטרויט די פערוואַלטונג יענעמס אַ גוטען פריינד מיט׳ן נאָמען נאָאַרוס, וואָס איז געווען אַ קרוב פונם קעניג סאָעמוס. דעמאָלט זיינען געקומען פון בשן זיבעציג מענער, וואָס זיינען געווען די חשוב׳סטע און די קליגסטע צווישען די דאָרטיגע אידען, און האָבען געבעטען מען זאָל שיקען צו זיי סאָלדאַטען, בכדי זיי זאָלען האָבען אַ גענוגען שוץ אויף דעם פּאַל, טאָמער ברעכט אויס אַ מרידה, און זיי זאָלען זי קאָנען דערשטיקען. און אָטאָ די אַלע מענער האָט נאָאַרוס געלאָזט אומברענגען דורך אַן אָבטיילונג פונ׳ם קעניגס סאָלדאַטען, וואָס ער האָט זיי געשיקט ביי נאַכט. איהם האָט געטרי-בען צו אָט דעם פערברעכען זיין גרויסע געלדגיריגקייט, און אַגריפּס האָט איבעריגענס דערפון גאָרנישט ניט געוואוסט. און נאָאַרוס האָט מיט אכזריות-דיגען ווילדווילען אָבגעטאָן נאָך אַ סך אַ זעלכע פערברעכענס קעגען פאָלק און האָט צוגעגרייט אויף אַזאַ אופן דעם אונטערגאַנג פון דער מלוכה, ביז וואַנען אַגריפּס האָט זיך דערפון דערוואוסט און האָט איהם אַראָבגעזעצט פון זיין שטעל אַלס פערוואַלטער; טויטען איהם האָט ער ניט געוואָלט, מחמת ער האָט מורא געהאַט פאַר סאָעמוס׳ן.

דערווייל האָבען די מורדים פערחאַפּט די פעסטונג קיפּראָס, וואָס איז געלעגען איבערהאַלב יריחו, אויסגע׳הרג׳עט דעם גאַרניזאָן און צעשטערט די מויערן. אויך האָט עס געטראָפען אין יענער צייט, אַז די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין אַ גרויסער צאָהל אין מכוור, האָבען אַרויסגעשטעלט דעם אָר-טיגען רוימישען גאַרניזאָן די פאָדערונג צו פערלאָזען די פעסטונג און איבער-געבען זי זיי. מחמת מורא, מען זאָל זיי ניט אַרויסטרייבען איבער געוואַלד, האָבען די רוימער דערויף מסכים געווען בתנאי, מען זאָל זיי לאָזען פריי אָבציהען, און נאָכדעם ווי מען האָט זיי דאָס צוגעזאָגט, האָבען זיי איבערגע-געבען די פעסטונג, אין וועלכער די איינוואוינער פון מכוור זיינען דאַן אַריינגעטראָטען.

7. וואָס איז שייך ווייטער צו אַלכסנדריה, האָבען די אָרטיגע איינוואוי-נער פון דער שטאָדט שטענדיג געלעבט אין קריג מיט די אידען, זינט אַלכסנדר (מוקדון) האָט בעקומען פון די לעצטע הילף קעגען די עגיפּטער און האָט אַלס בעלוינונג דערפאַר אָנערקענט, אַז די אידען האָבען גלייכע רעכט מיט די גריכישע בירגער. אָטאָ די פּריווילעגיע איז געבליבען ביי זיי אויך אין דער צייט פון אלכסנדר׳ס יורשים, וואָס האָבען אַפילו אָבגעגעבען זיי אַן איי-גענעם קוואַרטאַל אין שטאָדט, בכדי זיי זאָלען ניט פערמישען זיך מיט פרעמדע און קאָנען אָבהיטען די ריינקייט פון זייער אַרט לעבען; אויך האָבען זיי זיי ערלויבט זיך אָנצורופען מאַקעדאָניער 1). שפּעטער, אַז די רוימער זיינען געוואָרען

1) ד. ה. זיי האָבען געהאַט די זעלביגע רעכט, וואָס די מאַקעדאָניער, די הארען פון לאַנד.

די בעלי־בתים איבער עגיפּטען, האָבען ניט דער ערשטער קיסר און ניט זיינע יורשים געוואָלט בעגרעניצען די אידישע פּריווילעגיעס, וואָס אַלכּסנדר האָט זיי געגעבען. מחמת דעם זיינען אַרויסגעקומען שטענדיגע סכסוכים צווישען אידען און גריכען, און הגם די רעגירונג פלעגט טעגליך אַרויפלייגען האַרבע שטראָפען אויף ביידע צדדים, פונדעסטוועגען איז די שנאה אַלץ גרעסער געוואָרען. און היות ווי דעמאָלט זיינען אויסגעבראָכען אומרוהען אין אַנדערע שטעדט, דעריבער האָט די מחלוקת אין אַלכּסנדריה אָנגענומען אַ שאַרפערע פאָרם.

איין מאָל, בשעת די איינוואוינער פון אַלכּסנדריה האָבען אָבגעהאַלטען אַ פערזאַמלונג וועגען אַ דעפּוטאַציע, וואָס מען האָט בעדאַרפט שיקען צו נירון'ען, זיינען אינאיינעם מיט די גריכען אַריינגעלאָזען געוואָרען אין אַמפיטעאַטער אויך אַ סך אידען. נאָר ווי נאָר די געגנער האָבען זיי דערזעהן, האָבען זיי אויפגעהויבען אַ געשריי, אָנגערופען זיי שונאים, שפּיאָנעס, און האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיי שלאָגען. דערביי האָבען די גריכען געכאַפּט דריי מענער און אַוועקגעשלעפּט זיי מיט זיך, בכדי זיי צו פערברענען לעבעדיגערהייד; די איבעריגע האָט מען דער'הרג'עט לויפענדיג. איצטער איז אויפגעשטאַנען די גאַנצע אידישע קהלה, בכדי צו נעמען נקמה. צוערשט האָבען זיי בעוואָרפען די גריכען מיט שטיינער, דערנאָך האָבען זיי געכאַפּט ברענענדיגע שטולקאַצען, זיינען אַוועק געשווינד צום אַמפיטעאַטער און האָבען געסטראַשעט צו פערברענען דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס האָט זיך געפונען אינעווייניג. דאָס וואָלט זיך זיי טאַקע איינגעגעבען, אויב טיבעריוס אַלכּסנדר, דער קאָמענדאַנט פון שטאָדט, וואָלט ניט אַיינגעהאַלטען זייער גרימצאָרן. לכתחילה האָט ער זיך ניט בענוצט מיט געוועהר, בכדי זיי צו בערוהיגען, נאָר ער האָט געלאָזט זיי מתרה זיין דורך די אָנגעזעהענסטע לייט, אַז זיי זאָלען זיך פערהאַלטען רוהיג און ניט אויפבריינגען קעגען זיך דעם חייל פון די רוימער. די מורדים האָבען אָבער געענטפערט אויף דער דאָזיגער פאָדערונג מיט געלעכטער און זידלערייען קעגען טיבעריוס'ן.

8. דעמאָלט האָט אַלכּסנדר איינגעזעהן, אַז די מורדים קאָן מען האַלטען אין צאַם בלויז דורך אַ שטאַרקער שטראָף. דעריבער האָט ער אַרויסגעשיקט קעגען זיי ביידע לעגיאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער שטאָדט, און נאָך 2000 מאַן, וואָס זיינען גראָד צום אומגליק פון די אידען אָנגעקומען פון ליביען, און האָט דערלויבט די סאָלדאַטען ניט בלויז אומצוברייגען די אידען, נאָר אויך צו רויבען זייער האָב־און־גוטס און צו פערברענען זייערע הייזער. די סאָלדאַטען זיינען איצט אַריינגעדרונגען אין דער אַזוי אָנגערופענער דעלטא, וואו עס האָבען געוואוינט אינאיינעם אַלע אידען, און האָבען אויסגעפיהרט די בעפעהלען, וואָס מען האָט זיי געהאַט געגעבען. נאָר פון זייער זייט האָבען זיי אויך געהאַט גרויסע אָנוועהרען, ווארום די אידען האָבען זיך פעסט צונויפגעשלאָסען, האָבען אַוועקגעשטעלט די בעסער בעוואָפענטע אין די פאָדערשטע רייהען און האָבען זיך אַנטקעגענגעשטעלט מיט גרויסער שטאַנדהאַפטיגקייט. נאָר צולעצט האָבען זיי געמוזט אָבטרעטען און זיינען

מאַסענווייז אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען. די מפלה איז געווען אַ פולקומע: די וואָס די פיינד האָבען זיי ניט געהאַפּט אויף די גאַסען, האָבען זיך צונויפגעקוועטשט אין די הייזער. נאָר די רוימער האָבען זיי אונטערגעצונדען פון אונטען, נאָכדעם ווי זיי האָבען אַלצדינג אויסגערויבט פון אינעווייניג. די זיגער האָבען ניט געוואוסט ניט פון קיין רחמנות אויף קינדער, ניט פון קיין יראת הכבוד קעגען אַלטע לייט; פערקעהרט, מען האָט אויסגעקוילעט אַלעמען אָהן אונטערשייד פון עלטער, אַזוי אַז דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען פערפלייצט פון בלוט און אַן ערך 50 000 טויטע קערפּערס זיינען געלעגען הויפענווייז צעשפּרייט.

קיין איין איד וואָלט ניט געבליבען לעבען, אויב די איבעריגע וואָלטען ניט אָנגעהויבען צו בעטען זיך ביי אַלכּסנדר׳ן, ער זאָל אָבשטעלען די שחיטה. אַלכּסנדר האָט אויף זיי רחמנות געהאַט און האָט געגעבען די רוימער אַ סיגנאַל זיי זאָלען אָבטרעטען. די סאָלדאַטען, וואָס זיינען געוואוינט צו פאָלגען, האָבען טאַקע אויפ׳ן ערשטען וואונק אָבגעשטעלט די הריגה. נאָר שווער איז געווען אַוועקצורופען דעם אַלכּסנדרינישען המון, וואָס איז געווען דערביטערט ביז צום אויסערסטען, און מען האָט איהם קוים מיט צרות געקאָנט אָברייסען פון די טויטע קערפּערס.

9. דאָס איז געווען די שחיטה אין אַלכּסנדריה. איבעריגענס, היות ווי די אידען זיינען איצט אומעטום בלוטיג גערודפ׳ט געוואָרען, דעריבער האָט אויך קיסטיוס גערעכענט, אַז ער טאָר איצט ניט בלייבען אָהן אַרבייט. ער איז אַרויסגעטראָטען פון אַנטיוכיה מיט׳ן גאַנצען צוועלפטען לעגיאָן און מיט 2 000 אויסגעקליבענע סאָלדאַטען פון די איבעריגע לעגיאָנען און אויך מיט זעקס קאָהאָרטעס פוספאָלק און פיער אָבטיילונגען רייטער. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער הילפס-חייל פון די מלכים: פון אַנטיוכוס׳ן (פון קאָמאַגענע)— 2 000 רייטער און 3 000 פוס-סאָלדאַטען, אַלע בויגענשיסער; פון אַגריפּס׳ן — די אייגענע צאָהל פוספאָלק און רייטער — עפּיס ווינציגער פון 2 000, אויך סאָעמוס האָט אַרויסגעשטעלט 4 000 מאַן, דערפון איז דער דריטער טייל בעשטאַנען פון רייטער און דער גרעסטער טייל פון בויגענשיטער. אָט מיט דעם חייל איז קיסטיוס דערגאַנגען ביז עכּו.

פון די שטעדט איז אויך צונויפגעקליבען געוואָרען אַ סך הילפס-מיליטער, וואָס זיינען אמת געשטאַנען נידעריגער פון די סאָלדאַטען בנוגע צו מיליטערישער געניטקייט, אָבער דאָס, וואָס זיי האָט געפעהלט אין ידיעות, האָבען זיי ממלא געווען דורך זייער קאַמפּס-לוסט און זייער שנאה צו אידען. אַגריפּס גופא האָט בעלייט קיסטיוס׳ן, בכדי אָנצווייזען די מאַרש-ליניע און צו זאָרגען פאַר פּראָוויאַנט. מיט אַ טייל פון זיין חייל האָט קיסטיוס זיך געלאָזט גייהן קעגען דער פעסטער גליל׳ער שטאָדט זבלון, וואָס האָט דעם צונאָמען „די מענער" און איז די גרעניץ-שטאָדט קעגענאיבער עכּו. די שטאָדט האָט ער געפונען ליידיג פון מענשען, ווייל די איינוואוינער זיינען אַנטלאָפען געוואָרען אין די בערג, יאָר פול מיט כל-ערליי אוצרות. די לעצטע האָט ער איבערגעלאָזט די סאָלדאַטען צום רויבען; די שטאָדט גופא אָבער האָט ער פערברענט,



חורבות פון אשקלון



רמלה

הגם זי האָט געהאַט הייזער פון אַ הפלאַ'דיגער שיינקייט, עהנליך צו די הייזער אין צור, צידון און בעריטוס. דערנאָך איז ער דורכגעגאַנגען די גאַנצע געגענד, האָט אויסגעריבט אַלצדינג, וואָס איז איהם געקומען אונטער די הענד, אונטערגעצונדען די דערפער אַרום און האָט זיך אומגעקעהט צוריק קיין עכו. אין דער צייט וואָס די סיריער, בעזונדערס די איינוואוינער פון בעריטוס, האָבען זיך נאָך אַלץ פערנומען מיט רויבען, האָבען די אידען, וואָס האָבען זיך דערוואוסט, אַז קיסטיוס איז אַוועק, ווידער געמאַכט זיך מוט, זייגען אָנגעפאַלען אומגעריכטערהייד אויף די צוריקגעבליבענע און האָבען אויסגעהרג'עט אַן ערך 2000 פון זיי.

10. נאָר קיסטיוס האָט באַלד פערלאָזען עכו און איז אַוועק קיין קיסריה. איין טייל פון זיין חייל האָט ער געשיקט פאָראויס קיין יפו מיט'ן בעפעהל, אַז זיי זאָלען איינגעמען די שטאָדט, אויב זיי קאָנען אָנפאַלען אויף איהר אומגעריכטערהייד, טאָמער-זשע וועט מען בעמרקען זייער אָנקומען, זאָלען זיי אָבוואַרטען, ביז וואַנען ער, קיסטיוס אַליין, וועט קומען מיט'ן איבעריגען חייל. צום טייל אויפ'ן ים, צום טייל אויף דער יבשה איז די אָבטיילונג געשווינד אַהין אַוועק און האָט איינגענומען די שטאָדט פון צוויי זייטען. די איינוואוינער האָבען אפילו ניט געקאָנט פריהער אַנטלויפען, שוין אָבגערעדט וועגען צוגרייטען זיך צום קאַמף, און זיינען אַלע אינאיינעם מיט זייערע משפחות אויסגעהרג'עט געוואָרען דורך די אַריינגעדרונגענע סאָלדאַטען. די שטאָדט איז צעראַבירט און פערברענט געוואָרען. 8 400 איז געווען די צאָהל פון די געפאַלענע. דאָס אייגענע האָט קיסטיוס געשיקט אין דער געגענד פון נרבתה, וואָס ליגט ניט ווייט פון קיסריה, אַ שטאַרקע אָבטיילונג רייטער, וואָס האָבען פערוויסט דאָס לאַנד, אויסגעהרג'עט אַ סך איינוואוינער, אויסגעריבט זייער האַב-און-גוטס און אונטערגעצונדען די דערפער.

11. קיין גליל האָט קיסטיוס געשיקט דעם אָנפיהרער פון צוועלפטען לעגיאָן גאַלוס'ן מיט אַ חייל, וואָס איהם האָט זיך געדוכט, אַז עס איז גענוג אויף אונטערטעניג צו מאַכען דאָס פאָלק. די צום מיינסט בעפעסטיגטע שטאָדט פון גליל, צפורי, האָט אויפגענומען גאַלוס'ן מיט פרייד, און לויט איהר קלוגען ביישפיעל זיינען אויך די איבעריגע שטעדט געבליבען רוהיג. נאָר די מורדים און רויבער זיינען אַלע אַנטלאָפען געוואָרען אויף אַ באַרג מיט'ן נאָחסמון, וואָס ליגט אין מיטען גליל קעגענאיבער צפורי. קעגען אָטאָ די באַנדעס האָט גאַלוס אַרויסגעפיהרט זיין חייל. כל-זמן זיי האָבען געהאַט איינגענומען העכער-געלעגענע ערטער, האָבען זיי מיט גרינגער מיה צוריקגעשלאָגען די אָנפאַלען פון די רוימער און האָבען אויסגעהרג'עט אַן ערך 200 פון זייערע פיינד, אָבער אַז די רוימער זיינען אַרומגעגאַנגען אַרום זיי און האָבען איינגענומען נאָך העכערע פונקטען, זיינען זיי באַלד בייגעקומען; וואָרום מיט זייערע לייכטע וואָפען האָבען די אידען ניט געקאָנט זיך אַנטקעגענשטעלען קעגען די שווער-בעוואָפענטע, און אַז זיי האָבען זיך געלאָזט לויפען, זיינען

די אריינגעפאלען צו די רייטער אין די הענד. אזוי האט זיך נאר ווינציגע איינגעגעבען צו בעהאלטען זיך אין אומבעוואוינטע ערטער, די איבעריגע אבער, העכער פון 2000, האבען מיט זייערע טויטע קערפערס בעדעקט דעם שלאכט-פעלד.

# נייצעהנטער קאפיטעל.

קיסטיוס פאלט אן אויף ירושלים. — זיין שלעכטער אבשניט.

1. אז גאלוס האט דערזעהן, אז אין גליל זיינען מעהר קיין אומרוהען ניטא, האט ער מיט זיין חייל זיך צוריק אומגעקעהרט קיין קיסריה. קיסטיוס אבער האט זיך געלאזט גייהן בראש פון זיין גאנצען חייל קיין אנטיפטריס. דארט האט ער זיך דערוואוסט, אז אין דעם אזוי אנגערופענעם טורעם פון אפקה האט זיך צונויפגעקליבען א בעדייטענדע אבטיילונג בעוואפענטע אידען, און האט דעריבער געשיקט אהין אן אבטיילונג פון זיינע מענשען, בכדי אנ-צופאלען אויף זיי. נאר איידער ס'איז נאך געקומען צו א געשלעג, האבען די אידען מורא געקראגען און זיינען אנטלאפען, און אז די רוימער זיינען געקומען, האבען זיי אונטערגעצונדען דעם ליידיגען לאגער און די שכנישע דערפער.

פון אנטיפטריס איז קיסטיוס אוועק קיין לוד, נאר ער האט געפונען די שטאדט פערלאזען פון מענשען; ווארום צוליעב סוכות איז די גאנצע בעפעל-קערונג אוועק קיין ירושלים. נאר 50 מענשען האבען זיך בעוויזען, און נאכדעם ווי ער האט זיי גע'הרג'עט, האט ער פערברענט די שטאדט. דערנאך איז ער געגאנגען ווייטער דורך בית-חורן און האט אויפגעשלאגען זיין לאגער אין גבעה, אויף א מהלך פון 50 סטאדיעס פון ירושלים.

2. ווי נאר די אידען האבען בעמערקט, אז די מלחמה דערנעהענטערט זיך צו דער הויפטשטאדט, האבען זיי געלאזען אין מיט'ן דעם יום-טוב, גענומען זיך פאר די געוועהר און פערלאזענדיג זיך אויף זייער גרויסער צאהל, האבען זיי זיך א ווארף געטאן אין קאמף אהן יעדער ארדענונג און מיט גרויס גע-שריי. אפילו דעם זיבעטען טאג, וואס איז א רוהעטאג, האט מען ניט געאכט, הגם בכלל ווערט דער שבת געהייליגט פון זיי אויפ'ן שטרייגסטען אופן. אטא די תשוקה צום קאמף, וואס האט זיי געמאכט פערגעסען אפילו זייערע רעליגיעזע התחייבות'ען, האט געווירקט, אז זיי האבען געוואונען דעם געשלעג. זיי האבען זיך א לאז געטאן אויף די רוימער מיט אזא אימפעט, אז זיי האבען דורכגעבראכען זייער שלאכטליניע און זיינען דורכגעדרונגען דורך איהר, אויס'הרג'ענדיג זייערע פיינד. אויב דער ווינציגער איינגעמידטער טייל פון די פוס-סאלדאטען און פון די רייטער וואלטען ניט געקומען צו הילף דעם טייל פונ'ם חייל, וואס איז נאך געשטאנען אויף זיין ארט, דעמאלט וואלט דער גאנצער חייל קיסטיוס'עס פערטיליגט געווארען. אין דעם דאזיגען

געשלעג זיינען געפאַלען 515 רוימער, 400 פוס-סאָלדאַטען און 115 רייטער, פון די אידען אָבער נאָר 22 מאַן. אויפ'ן צד פון די לעצטע האָבען צום מוטיגסטען געקעמפט די קרובים פונ'ם קעניג מונבז פון הדייב, מונבז און קענעדאיוס, נאָך זיי ניגער פון פערעאַ און סילאַס פון בבל, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו די אידען פון קעניג אַגריפס'ן, ביי וועמען ער האָט פריהער געדיענט.

נאָכדעם ווי עס איז איינגעהאַלטען געוואָרען דער דראַנג פון די אידען, זיינען זיי אָבגעטראָטען צוריק אין שטאָדט. נאָר שמעון בר גיורא איז אָנגעפאַלען אויף די רוימער פון הינטען, בשעת זיי האָבען זיך צוריקגעצויגען קיין בית-חורן, האָט צעשלאָגען אַ גרויסען טייל פון זייער הינטערשטען חייל, אַוועקגעטריבען אַ סך בהמות אויף פיהרען משא און אַריינגעפיהרט זיי אין שטאָדט. אין די ווייטערדיגע דריי טעג, וואָס קיסטיוס האָט נאָך פערבראַכט אין דער געגענד, האָבען די אידען פערנומען די הויכע ערטער און האָבען אַוועקגעשטעלט היטערס אין די דורכגאַנגען — דאָס איז געווען אַ דייטליכער סימן, אַז זוי נאָר די רוימער וועלען אָנהויבען אָבצוטרעטען, וועלען זיי ניט בלייבען זיצען רוהיג.

3. אַגריפס האָט איינגעזעהן גאַנץ קלאָר, אַז אַדאַנק די שטאַרקע פיינדליכע אָבטיילונגען, וואָס האַלטען בעזעצט די בערג, געפינען זיך די רוימער אין אַ גרויסער סכנה. דעריבער האָט ער בעשלאָסען צו פרובען דורכצוקומען מיט די אידען מיט גוטע רייד; דורכדעם האָט ער געהאָפט אָדער אָבצורייידען אַלעמען פון דער מלחמה, אָדער לכל הפחות צו בעוועגען אָבצוטיילען זיך פון די געגנער יענע אידען, וואָס האָבען ניט גאָר געוואָלט דעם קריג. צוליעב דעם האָט ער געשיקט זיינע צוויי מענשען, וואָס זיינען געווען זייער אָנגענומען ביי די אידען, באָרקעאוס און פעבוס, און געלאָזט אָנזאָגען דורך זיי, אַז קיסטיוס וועט ווערען זייער פריינד, און די רוימער וועלען זיי מוחל זיין אינגאַנצען פאַר אַלצדינג, וואָס עס איז געשעהן, זויב זיי וועלען אַנידערלייגען די געוועהר און אויסגלייכען זיך מיט איהם. אָבער די מורדים, וואָס האָבען מורא געהאַט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל ניט איבערגייהן צו אַגריפס'ן, צוגעצויגען דורך דער הבטחה, אַז זיי וועלען פטור זיין פון שטראָף, — האָבען זיך אַלאָז געטאָן אויף אַגריפס'עס שלוחים, בכדי זיי צו טויטען. און פעבוס'ן האָבען זיי טאַקע אומגעבראַכט, איידער ער האָט נאָך געקאָנט אַ וואָרט אויסרייידען, באָרקעאוס אָבער האָט זיך געקאָנט ראַטעווען, דורכדעם וואָס ער איז געשווינד אַנטלאָפען געוואָרען פערוואונדעטערהייד. דעם טייל פון פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעוויזען זיין אומצופרידענקייט דעריבער, האָבען די מורדים מיט שטיינער און שטעקענס צוריק אַריינגעטריבען אין שטאָדט.

4. אין דער דאָזיגער מחלוקת, וואָס איז אויסגעבראָכען צווישען די אידען גופא, האָט קיסטיוס איינגעזעהן אַ גינסטיגע געלעגענהייט צום אָנפאַלען. ער האָט אַרויסגעפיהרט זיין גאַנצען חייל קעגען זיי, האָט פערטריבען און נאָכגעיאָגט זיי ביז ירושלים. דאָ האָט ער אויפגעשלאָגען אַ לאַגער אויף דעם

אַזוי צָנגערופענעם סקָאָפּאָס, וואָס ליגט אַ מהלך פון זיבען סטאַדיעס פון דער שטָאָדט. די ערשטע דריי טעג האָט ער גאָרנישט ניט אונטערנומען קעגען דער שטָאָדט, אפשר ווייל ער האָט געוואַרט, אַז די אייגוואויגער וועלען איהם אַליין אַריינלאָזען; נאָר אַ שטאַרקע אָבטיילונג פון זיינע מענשען האָט ער גע־הייסען אַרומגייהן איבער די שכנ־שע דערפער, בכדי צו רויבען פּראָוויאַנט. אויפ'ן 4-טען טאָג אָבער, דאָס איז 30 טעג אין תשרי, האָט ער אויסגעשטעלט זיין חייל אין שלאַכט-אָרדנונג און האָט איהם אַריינגעפיהרט אין שטאָדט אַריין. דאָרט איז געשטאַנען דאָס פאָלק אונטער דער שמירה פון די מורדים. די מורדים גופא אָבער האָבען זיך דערשראָקען איבער דעם פלאַנמעסיגען מאַרש פון די רוימער, האָבען פערלאָזען די אויסווייניגסטע טיילען שטאָדט און זיינען אָבגעטראָטען אין די אינעווייניגסטע שטאָדט און אין בית-המקדש.

דעמאָלט איז קיסטיוס אַריינגעטראָטען און האָט אונטערגעצונדען ביציתא, די נייע שטאָדט און דעם אַזוי אָנגערופענעם האָלצמאַרק (שוק העצים). דער־נאָך איז ער אַרויף אין אויבערשטען טייל שטאָדט און האָט זיך געלעגערט קעגענאיבער דעם קעניגליכען פּאַלאַץ. אויב עס וואָלטען איהם געווען געפעלען אין דעם אויגענבליק צו שטורמען די מויערן, דעמאָלט וואָלט ער תיכף געהאַט איינגענומען די שטאָדט, און די מלחמה וואָלט זיך געענדיגט. נאָר דער לאַגער־פּרעפעקט טיראַניוס פּריסקוס און דער גרעסטער טייל פון די רייטער-הויפּט־לייט, וואָס פלאָרוס האָט זיי געהאַט אונטערגעקויפט, האָבען איהם אָבגערעדט פונ'ם דאָזיגען פּלאַן. דאָס איז געווען די סיבה, פאַרוואָס די מלחמה האָט זיך אַזוי לאַנג פערצויגען און איז געוואָרען אַזוי רייך אין אומגליקען פאַר די אידען.

5. דערווייל האָבען אַ סך חשוב'ע בירגער, לויט דער עצה פון חנן בן יונתן, אַיינגעלאַדען קיסטיוס'ן אין שטאָדט און האָבען איהם צוגעזאָגט צו עפע־נען די טויערן. נאָר קיסטיוס האָט שוין מחמת כעס ניט געוואָלט דערפון הערען, און היות ווי ער האָט זיי ניט אינגאַנצען געטרויט, דעריבער האָט ער אַזוי לאַנג זיך מיישב געווען, ביז וואַנען די מורדים האָבען זיך דערוואוסט וועגען אָט דעם פעררעטערישען פּלאַן און האָבען חנב'ען און אַ טייל פון זיינע אָנהייגגער אַראָבגעוואָרפען פון די מויערן און אַ טייל פון זיי האָבען זיי מיט שטיינער אַריינגעטריבען אין זייערע הייזער. זיי גופא האָבען זיך פונאַנדער־געשטעלט אויף די טורעמס און האָבען געשאָסען אויף די, וואָס האָבען גע־וואָלט אָנפאַלען אויף די מויערן.

פינף טעג נאָכאַנאַנד האָבען די רוימער געמאַכט פּרובען פון אַלע זייטען, נאָר זיי האָבען גאָרנישט ניט געקאָנט אויפטון. דעם זעקסטען טאָג האָט קיס־טיוס גענומען אַ שטאַרקע אָבטיילונג אויסגעקליבענע מענשען און אויך די בויגנשיסער און איז מיט זיי אָנגעפאַלען אויף דער צפון-זייט פון בית-המקדש. פון די זיילען-גאַלערייעס האָבען די אידען אַרויסג[illegible]ען אַ שטאַרקען ווידער־שטאַנד און עטליכע מאָל האָבען זיי צוריקגעשלאָגען דעם שטורעם אויף די מויערן, נאָר סוף-כל-סוף האָבען זיי געמוזט אָבטרעטען איבער דעם האָגעל פון

די פיילען. איצטער האָבען די רוימער געבילדעט אַזאַ אָבטיילונג, וואָס ווערט
אָנגערופען שילדקרעט; דאָס ווערט געמאַכט אַזוי: די קעמפער פון די פאָ-
דערשטע רייהען דריקען צו זייערע שילדען פעסט צו דער מויער, און די
סאָלדאַטען פון די וויטערדיגע רייהען דריקען צו זייערע שילדען צו די שיל-
דען פון די סאָלדאַטען, וואָס שטייהען פאַר זיי; אַזוי שפּרינגען אָב אַלע פיילען
פון די שילדען און מען קיין שום שאָדען ניט. איצט האָבען די סאָלדאַטען
געקאָנט גאַנץ רוהיג אונטערגראָבען די מויער, און באַלד זיינען זיי שוין גע-
ווען גרייט אונטערצוצינדען דעם טויער פון בית-המקדש.

6. אַ מורא'דיגע שרעק האָט אָנגעהאַפּט די מורדים, און אַ סך פון זיי
זיינען שוין אַנטלאָפען געוואָרען פון שטאָדט, אַזוי ווי די עראָבערונג וואָלט
שוין פאַרגעשטאַנען דעם נאָהענטסטען אויגענבליק. און גראָד דערפאַר האָט
דאָס פאָלק ווידער זיך געמאַכט מוט: ווי נאָר די פערברעכער זיינען אַנטלאָ-
פען געוואָרען, האָט עס זיך דערנעהנטערט צו די טויערן, בכדי זיי צו עפענען
און אויפצונעמען קיסטיוס'ן אין שטאָדט, אַזוי ווי ער וואָלט זיי געהאַט געטאָן
די גרעסטע טובה. אויב קיסטיוס וואָלט נאָר אַ קורצע צייט געפיהרט ווייטער
די בעלעגערונג, דעמאָלט וואָלט ער גיך איינגענומען די שטאָדט, נאָר גאָט
האָט שוין דעמאָלט, ווי מיר דוכט, געהאַט אָבגעווענדט זיך פון זיין הייליגטום
צוליעב די זינדיגע, און דעריבער האָט ער ניט דערלאָזט אין יענעם טאָג צו
מאַכען אַ סוף פון'ם קריג.

7. וואָרום קיסטיוס, וואָס האָט, אַ פּנים, קיין ידיעה ניט געהאַט ניט וועגען
דעם יאוש פון די בעלעגערטע און ניט וועגען שטימונג פון פאָלק, האָט
פּלוצלונג געהייסען זיינע סאָלדאַטען אָבטרעטען, און הגם קיין אומגליק האָט
מיט איהם ניט געטראָפען, פונדעסטוועגען האָט ער אָנגעוואָהרען די האָפענונג
און האָט פערלאָזען די שטאָדט. מחמת זיין אומגעריכטען אָבטרעטען האָבען
די באַנדיטען ווידער געוואונען זייער מוט, זיינען אָנגעפאַלען אויף די הינ-
טערשטע רייהען פון די רוימער און האָבען אויסגעהרג'עט אַ סך רייטער און
פוס-סאָלדאַטען. די ערשטע נאַכט האָט קיסטיוס פערנומען דעם לאַגער אויפ'ן
סקאָפּאָס. דעם אַנדערן טאָג איז ער געגאַנגען ווייטער און דורכדעם האָט ער
נאָך מעהר צערייצט די פיינד, אַזוי אַז זיי האָבען עטליכע מאָל אָנגעטאָן
גרויסע שאָדענס זיין הינטערשטען חייל און צוגלייך האָבען זיי געשאָסען מיט
פיילען אויף די רוימער פון די זייטען וועג. גייהענדיג האָבען די רוימער ניט
געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטען גלייך אין כּראָנט קעגען זייערע נאָכיאָגער,
וויל זיי האָבען גערעכענט, אַז זיי זיינען אַ סך. וואָס איז שייך צו די אָנ-
פאַלען פון די פלאַנגען, האָבען די רוימער פאַקטיש ניט געקאָנט זיי אויס-
האַלטען, מחמת זיי זיינען געווען שווער בעוואָפענט און האָבען מורא געהאַט
צו צערייסען די מאַרש-ליניע, אין דער צייט וואָס די אידען זיינען געווען
גרינג בעוואָפענט און גרייט צום אָנפאַל.

אַזוי האָבען די רוימער געמוזט ליידען גרויסע שאָדענס און פון זייער
צד האָבען זיי די פיינד גאָרנישט ניט געקאָנט טון. געשלאָגען אויפ'ן גאַנצען

וועג און צעטומעלט, זיינען זיי אויסגעה'רג'עט געוואָרען מאַסענווייז. צווישען די געפאַלענע האָט זיך געפונען אויך פריסקוס, דער אָנפיהרער פון זעקסטען לעגיאָן, דער טריבון לאָנגינוס און דער אָנפיהרער פון אַ רייטער-אָבטיילונג, עמיליוס יוקונדוס. צולעצט האָבען זיי מיט גרויס מיה דערגרייכט צו זייער פריהערדיגען לאַגער אין גבעה, נאָכדעם ווי זיי האָבען פערלאָרען אַ גרויסען טייל פון זייער געפעק. ניט וויסענדיג, וואָס ער זאָל טון ווייטער, האָט קיסטיוס דאָ פערבראַכט צוויי טעג; אָבער אויפ'ן דריטען טאָג, אַז ער האָט דערזעהן, אַז די צאָהל פון זיינע שונאים האָט זיך נאָך פערמעהרט, און די גאַנצע געגענד אַרום איז געוועזן פול מיט אידען, איז איהם קלאָר געוואָרען, אַז ציהען ווייטער די זאַך וועט איהם נאָר ברייגגען שאָדען און וואָס לייגגער ער וועט זיך זאַמען, אַלץ מעהר פיינד וועלען זיך צונויפקלייבען.

3. נאָר בכדי צו פערגיכערן דעם אַנטלויפען, האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו פערניכטען אַלצדיג, וואָס האָט געקאָנט אויפהאַלטען דעם חייל. מען האָט געטויט די מוילאייזלען און די איבעריגע משא-בהמות, חוץ די, וואָס האָבען געטראָגען שיסגעוועהר און מאַשינעס; אָהן די לעצטע האָט מען גאָרניט געקאָנט אויסקומען, און פון דער אַנדער זייט האָט מען מורא געהאַט, זיי זאָלען ניט אַריינפאַלען צו די אידען אין די הענד און ווערען אָנגעווענדעט קעגען די רוימער. דערויף האָט דער חייל ווייטער זיך געלאָזט גייהן קיין בית-חורן.

כל זמן דער מארש איז נאָך געגאַנגען איבער אַן אָפענעם פעלד, האָבען די אידען זיי ווינציגער בעאומרוהיגט; אָבער ווי נאָר זיי האָבען געמוזט דורכגייהן געדריקט דורך אַ שמאָלען וועג, וואָס איז געגאַנגען באַרג אַראָב, האָט אַ טייל פון די אידען זיך געשווינד געלאָזען פאָראויס, בכדי צו פערשפּאַרען זיי דעם אַרויסגאַנג, אַנדערע ווידער האָבען אַריינגעטריבען די רוימער, וואָס זיינען געגאַנגען אין עק פון חייל, אין דער איינגעניש — און דערווייל האָט די הויפּט-מאַסע פונ'ם אידישען חייל, וואָס האָט זיך אויסגעצויגען אויף ביידע זייטען פונ'ם טאָל, בעוואָרפען דעם פיינדליכען חייל מיט אַ האָגעל פו פיילען. דעמאָלט האָבען די פוס-סאָלדאַטען ניט געוואוסט, ווי אַזוי זיך צו פערטיידיגען; נאָר אין אַ גרעסערער סכנה האָבען זיך געפונען די רייטער: וואָרום ראשית האָבען פיינדליכע פיילען ניט דערלויבט זיי אַראָבצולאָזען זיך אין געשלאָסענע רייהען, און דערצו זיינען די הויכע בערג, וואו די אידען האָבען זיך געהאַט פונאַנדער געשטעלט, געוועזן כמעט גלייך, ווי אַ וואַנט, אַזוי אַז די פערד האָבען אַהין ניט געקאָנט אַרויף, און פון דער אַנדער זייט זיינען געוועזן אָפענע אָבגרונדען און פעלזען-שפּאַלטען, וואוהין זיי האָבען געקאָנט אַראָבפאַלען, אויב זיי זאָלען מאַכען דעם קלענסטען פאַלשען שריט. אין אָט דער מורא'דיגער לאַגע, וואָס ניט מען האָט געקאָנט אַנטרונען ווערען פון איהר, און ניט עס האָט געקאָנט זיין אַ געדאַנק וועגען ווידערשטאַנד, איז פאַר זיי קיין זאַך ניט געבליבען איבעריג, ווי אַרויסצולאָזען אַ געשריי און געיאָמער און קרעכצען פון יאוש — און אַנטקעגען האָט מאוימ'דיג געהילכט דער שלאַכט-רוף פון די אידען.

געמישט מיט פריידען-געשריי און ברומען פון גרימצאָרן. ס'האָט ווינציג געפעהלט, וואָלטען זיי געמאַכט אַ תל פון קיסטיוס'עס גאַנצען חייל, אויב עס וואָלט ניט געוואָרען נאַכט. אין דער נאַכט זיינען די רוימער אַנטלאָפען געוואָרען קיין בית-חורן און די אידען האָבען איינגענומען אַרום און אַרום אַלע פּאַסיגע פונקטען, בכדי זיי זאָלען קאָנען אָבהיטען, ווען די פיינד וועלען זיך ווייטער לאָזען אין וועג אַריין.

איצטער האָט קיסטיוס געטראַכט, ווי אַזוי צו אַנטלויפען בעהאַלטענערהייד, וואָרום ער האָט זיך מיאש געווען פון צו אַנטלויפען אָפען. צוליעב דעם האָט ער אויסגעקליבען אַן ערך 400 פון די מוטיגסטע סאָלדאַטען און האָט זיי אויסגעשטעלט ביי די בעפעסטיגונגען מיט'ן בעפעהל צו האַלטען דאָרט אין דער הייך די פעהנדלעך פון די לאַגער-וועכטערס, בכדי אַז די אידען זאָלען מיינען, אַז דער גאַנצער חייל געפינט זיך נאָך אויפ'ן זעלביגען אָרט. ער גופא איז גאָר שטילערהייד מיט'ן איבעריגען חייל אָבגעצויגען אויף 30 סטאַדיעס חייטער.

בשעת די אידען האָבען בעגינען דערזעהן, אַז דער רוימישער לאַגער איז פערלאָזען, זיינען זיי אָנגעפאַלען אויף די 400 סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיי אָבגענאַרט, האָבען זיי געשווינד דערשאָסען און געלאָזט זיך נאָכיאָגען קיסטיוס'ן. נאָר אין משך פון דער נאַכט האָט יענער שוין בעוויזען אָבצוגייהן אַ גרויסען מהלך פאָראויס און האָט אויך ביי טאָג אַזוי געאיילט זיך צו אַנטלויפען, אַז די סאָלדאַטען האָבען אויס מורא און צוטומעלטקייט אַוועקגעוואָרפען די בעלעגערונגס-טורעמס און שליידערמאַשינעס און אויך דעם גרעסטען טייל פון די איבעריגע געצייג, וואָס די אידען האָבען זיי צוגענומען פאַר זיך און שפּעטער האָבען זיי עס אָנגעווענדט קעגען זייערע פריהערדיגע בעלי-בתים.

די אידען האָבען נאָכגעיאָגט די רוימער ביז אַנטיפּטריס; אַז זיי האָבען זיי דאָרט ניט געטראָפען, האָבען זיי זיך געלאָזט גייהן צוריק, האָבען מיטגענומען די מאַשינעס, בערויבט די דער'הרג'עטע, צונויפגענומען דעם רויב, וואָס די רוימער האָבען געלאָזען, און מיט זיג-ליעדער האָבען זיי זיך אומגעקעהרט אין דער הויפּטשטאָדט. אַליין האָבען זיי אָנגעוואָהרען ווינציג מענשען ביי די רוימער און ביי זייערע פערבינדעטע האָבען זיי אויסגע'הרג'עט 5300 מאַן פוסגייהער און 380 רייטער. דאָס איז געשעהן 8 טעג אין חשון, דעם 12-טען יאָהר פון נירונ'ס רעגירונג.

# צוואנציגסטער קאפיטעל.

קיסטיוס שיקט שלוחים צו נירוג׳ען.—די הריגה פון די אידען אין דמשק.—די איינוואוינער פון ירושלים, וואס האבען זיך צוריקגעקעהרט פון נאכיאגען קיסטיוס׳ן, בעשטימען אנפיהרער פאר דער מלחמה, צווישען דעם אויך יוסף׳ן, דעם מחבר פון דער דאזיגער געשיכטע.

1. נאך קיסטיוס׳עס מפלה האבען א סך אנגעזעהענע אידען פערלאזען די שטאדט, אזוי ווי דער שיפער פערלאזט שווימענדיג די שיף, וואס האלט ביים אונטערגייהן. צווישען אנדערע זיינען אויך אנטלאפען געווארען פון שטאדט קוסטובר און שאול אינאיינעם מיט יקים׳ס זוהן פיליפוס׳ן, דעם קעניגס אגריפס׳עס א קריגס-הויפטמאן, און זיינען אוועק צו קיסטיוס׳ן. אבער א געוויסער אנטיפס, וואס איז אינאיינעם מיט די אנגערופענע בעלעגערט געווארען אין קיניגליכען פאלאץ, האט ניט געוואלט אנטלויפען און איז שפעטער, ווי איך וועל נאך דערציילען, דער׳הרג׳עט געווארען פון די מורדים.

קיסטיוס האט געשיקט שאול׳ן און זיינע בעגלייטער, לויט זייער בקשה, קיין אכאיא צו נירוג׳ען, צום טייל בכדי צו שילדערן זייערע אייגענע שווערע לאגע און צום טייל בכדי ארויפצווארפען די שולד וועגען אנהויב פון דער מלחמה אויף פלארוס׳ן. דורכדעם וואס ער וועט ארויסרופען נירוג׳ס כעס אויף פלארוס׳ן, האט קיסטיוס גערעכענט צו פערגרינגערן די סכנה, וואס איהם גופא איז פארגעשטאנען.

2. דערווייל האבען די איינוואוינער פון דמשק בעקומען די ידיעה וועגען דער מפלה פון די רוימער און זיי האבען קיין שהיות ניט געמאכט און אויסגע׳הרג׳עט די אידען, וואס האבען ביי זיי געוואוינט. און אזוי ווי פריער האבען זיי שוין געהאט מחמת א חשד צונויפגעקליבען זיי אויפ׳ן פלאץ פאר ראנגלערייען, דעריבער האבען זיי איצט גערעכענט ביי דער געלעגענהייט פון אן עהנליכען פאל, אז זיי וועלען קאנען וואס גרינגער אויספיהרען דעם אנפאל. מורא האבען זיי געהאט נאר פאר זייערע ווייבער, וואס זיינען אלע, חוץ איינציגע אויסנאמען, געווען אריבערגעגאנגען צום אידישען גלויבען. דעריבער האבען זיי זיך געגעבען די גרעסטע מיה צו בעהאלטען דעם פלאן פון זייערע ווייבער, זיינען אנגעפאלען אויף די אידען, וואס זיינען געווען צונויפגעפרעסט אויף א קליינעם שטח און האבען קיין געוועהר ניט געהאט, און האבען זיי אלע אויסגעקוילעט אין איין שעה צייט, אליין אבער האבען זיי קיין שום אנוועהר ניט געהאט. אינגאנצען זיינען דעמאלט אויסגע׳הרג׳עט געווארען 10 000 אידען.

3. נאכדעם ווי קיסטיוס׳עס נאכיאגער האבען זיך אומגעקעהרט צוריק קיין ירושלים, האבען זיי אריבערגעצויגען אויף זייער צד אלע איבערגעבליבענע אנהייגער פון די רוימער, צום טייל איבערגעוואלד, צום טייל מיט גוטען. דערנאך האבען זיי אבגעהאלטען אין בית-המקדש א פערזאמלונג, בכדי צו

בעשטימען נאָך קריגס-פיהרער צוליעב דער מלחמה. פאַר קאָמענדאַנטען פון ירושלים זיינען אויסגעקליבען געוואָרען יוסף בן גוריון און דער כהן-גדול חנן; גאַנץ בעזונדערס האָט מען אַרויפגעלייגט אויף זיי אַ חוב, ווידער צו פערריכ- די מויערן פון דער שטאָדט.

נאָר אלעזר בן שמעון, הגם ער האָט געהאַט אין זיינע הענד די רויב, וואָס איז אָבגענומען געוואָרען ביי די רוימער, און די קאַסע, וואָס איז אָבגערויבט געוואָרען ביי קיסטיוס׳ן, און חוץ דעם נאָך אַ סך מלוכה-געלדער, פונדעסטוועגען האָט מען ניט געוואָלט אַוועקשטעלען איהם בראש פון דער פערוואַלטונג, וויל מען האָט בעמערקט ביי איהם אַ נטיה אַריינצוכאַפּען די ממשלה, און די קנאים, וואָס זיינען געווען איהם איבערגעגעבען, האָבען זיך אויפגעפיהרט, ווי זיי וואָלטען געווען זיין לייבוואַך. נאָר אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דאָס פאָלק פאָרט געלאָזט זיך איינריידען מחמת דעם דוחק אין געלד, וואָס האָט געהערשט, און דורך אלעזר׳ס כשוף-מאַכעריי, צו אָנערקענען איהם פאַר׳ן אויבערשטען קאָמאַנדיר.

4. פאַר דאָס לאַנד אדום האָט מען בעשטימט אַנדערע קריגס-הויפטלייט. דאָס איז ישוע בן ספיה, איינער פון די כהנים גדולים, און אלעזר, דער זוהן פונ׳ם כהן-גדול חנניה, וואָס אונטער זייער השגחה איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען דער פריהערדיגער קאָמענדאַנט פון אדום, ניגר, וועלכער שטאַמט פון פעראַא, וואָס ליגט אויף יענער זייט ירדן. אויך פאַר די איבעריגע טיילען לאַנד האָט מען געזאָרגט: קיין יריחו האָט מען געשיקט אַלס קאָמענדאַנט יוסף בן שמעון, קיין פעראַ מנשה׳ן, אין דער געגענד תמנחה—דעם איסי יוחנן, וואָס צו איהם האָבען געהערט אויך די שטעדט לוד, יפו און עמאוס. די קאָמאַנדע איבער די געביטען פון גופנית און עקרבתא האָט בעקומען חנניה בן יוחנן, און אין ביידע טיילען גליל — יוסף בן מתתיהו[1], וואָס צו זיין געביט האָט מען אויך מוסיף געווען גמלא, וואָס איז געווען די בעפעסטיגסטע שטאָדט אין דער געגענד.

5. איטליכער פון די דאָזיגע קאָמענדאַנטען האָט פערוואַלטעט איבער דעם געביט, וואָס איז איהם געוואָרען אָנגעטרויט, לויט זיין גוטען ווילען נאָך און לויט זיינע פיהיגקייטען. יוסף, ווי נאָר ער איז געקומען קיין גליל, האָט זיך בעזונדערס געגעבען די מיה צוצוציהען צו זיך די פריינדשאַפט פון די אָרטיגע איינוואוינער, מחמת ער איז געווען איבערצייגט, אַז אויף דעם וועג וועט ער קאָנען אויפטון אַ סך, זאָל זיין אפילו, אַז אין איבריגען וועט ער ניט האָבען קיין גליק. ווייטער האָט ער איינגעזעהן, אַז פון איין זייט וועט ער קאָנען אַריבערציהען אויף זיין צד די איינפלוסרייכסטע גליל-איינוואוינער, דורכדעם וואָס ער וועט זיך טיילען מיט זיי אין דער ממשלה, און פון דער אַנדער זייט — אַז ער וועט זיין זיכער אין דער געטריישאַפט פונ׳ם גאַנצען פאָלק, אייב ער וועט לאָזען אויספיהרען די וויכטיגסטע בעפעהלען דורך אָרטיגע אָנגענומענע מענשען. צוליעב דעם צוועק האָט ער אויסגעקליבען פון

1) דער מחבר פון אונזער ספר.

פאָלק זיבעציג ,,ל'גסטע מענשען און האָט פון זיי געבילדעט די העכסטע פער־וואַלטונגס־אַנשטאַלט אין גליל. אין איטליכער שטאָדט האָט ער בעשטימט זיבען דיינים, וואָס האָבען בעדאַרפט משפט'ען אין ניט־וויכטיגע פאַל'ען; אַלע וויכ־טיגע משפטים און קרימינעלע פראָצעסען האָט מען בעדאַרפט ברייגען פאַר איהם און פאַר די זיבעציג.

6. נאָכדעם ווי ער האָט אַזוי איינגעאָרדענט די רעכטליכע בעציהונגען אינעוויינ׳יג אין די איינצעלנע געמיינדעס, האָט ער אויך געזאָרגט וועגען דער אויסוויינ׳יגסטער זיכערקייט. היות ווי ער האָט פאָראויסגעזעהן אַן אָנפאַל פון די רוימער אויף גליל, דעריבער האָט ער בעפעסטיגט די פאַסיגע פלעצער, ווי יודפת, באר שבע, כפר עקבו, יפיע און סיגוף, דעם באַרג תבור, טריכיא און טבריה. ווייטער האָט ער אַוועקגעשטעלט בעפעסטיגונגען ביי די הייהלען פון ים גינוסר אין יענעם טייל לאַנד, וואָס ווערט אָנגערופען אונטער־גליל (גליל התחתון), און אין אויבער־גליל (גליל העליון), דעם פעלז עכברא, סף, ימנית און מרות. אין גולן 1) האָט מען געמאַכט פעסטונגען אין סעלייקיא, סאָגאַנע און גמלא. נאָר די איינוואוינער פון צפורי האָט ער איבערגעלאָזט, זיי זאָלען אַליין ווידער אויפבויען זייערע מויערן, ווייל ער האָט איינגעפונען, אַז זיי האָבען גענוג געלד און אַז זיי זייגען נוטה צו דער מלחמה אָהן אַ בעזונדערער אויפפאָדערונג. די שטאָדט גוש־חלב האָט בעפעסטיגט יוחנן בן לוי, אויך אויף יוסף'ס בעפעהל, לויט זיין אייגענעם פלאַן; ביי אַנדערע פעסטונגס־אַרבייטען אָבער האָט יוסף גופא מיטגעהאָלפען מיט וואָרט און טאַט. חוץ דעם האָט ער צונויפגעקליבען אין גליל אַ חייל פון העכער 100 000 יונגע מענשען, וואָס ער האָט זיי אַלעמען פערזאָרגט מיט אַלטע געוועהר, וויפיעל ער האָט געקאָנט צונויפקלייבען.

7. פון איינלערנען זיין חייל אינ'ם גייסט פון די רוימער, וואָס זייער אומבעזיגליכע מאַכט איז בעשטאַנען דער עיקר, לויט ווי ער האָט געוואוסט, אויף דער דיסציפלין און אויף שטענדיגער איבונג צו געברויכען די געוועהר — האָט ער, פערשטייהט זיך, געמוזט זיך אָבזאָגען. נאָר היות ווי ער האָט פער־שטאַנען, אַז די מענשען וועלען זיך צוגעוויינען וואָס גרינגער צו דיסציפלין, וואָס מעהר פיהרער ס'וועלען זיין ביי זיי, דעריבער האָט ער איינגעטיילט דעם חייל לויט'ן רוימישען מוסטער און האָט בעשטימט אַ סך אָפיצירען. די סאָלדאַטען האָט ער איינגעטיילט אין פערשיידענע גרויסע אָבטיילונגען און האָט זיי אַוועקגעשטעלט אונטער אָנפיהרער, וואָס האָבען געהאַט צו זאָגען איבער צעהן, איבער הונדערט און איבער טויזענד מאַן — און איבער זיי זיינען געשטאַנען די קאָמאַנדירען פון גרעסערע אָבטיילונגען. דערויף האָט ער זיי אויסגעלערענט, ווי אַזוי ווייטער איבערצוגעבען דעם פאַראָל, די סיגנאַלען מיט די טרומייטען אויף אָנצופאַלען און אָבצוטרעטען, ווי אַזוי צונויפצורוקען און פונאַנדערצושפרייטען די פלאַנגען; ער האָט זיי אויך בעוויזען, ווי אַזוי דער

1) די געגענד האָט געהערט צו אגריפס'ן, נאָר זי האָט קעגען איהם מורד געוועזן.

טייל, וואָס איז מנצח, בעדאַרף בריינגען הילף דעם טייל, וואָס האַלט שלעכט און ווי אַזוי מען מוז זיך האַלטען אינאיינעם מיט די בעדריקטע חברים. ווייטער האָט ער זיי שטענדיג איינגעפּליסט, ווי אַזוי זיך אָנצוואייגענען פעסט־קייט פון גייסט און אָבהאַרטונג פון קערפּער. בעזונדערס האָט ער געזוכט צו דערוועקען ביי זיי דעם קריגערישען גייסט, דורכדעם וואָס ער האָט די ביי איטליכער געלעגענהייט בעוויזען די פעסטע אָרדענונג ביי די רוימער, און האָט זיי אָנגעוויזען דערויף, אַז זיי וועלען האָבען צו טון מיט אַזעלכע מענשען, וואָס דורך זייער קערפּער־קראַפט און מוט בעהערשען זיי כמעט די גאַנצע וועלט. נאָך איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען, האָט ער געזאָגט, וויל ער אויסכּרובען זייער כּאַראַקטער, צי זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון זייערע שלעכטע מדות, דהיינו פון גנב'ען, גזל'ען און רויבען, פון אונעהרליכקייט קעגען זייערע לאַנדסלייט און פון דער נטיה צו וועלען זיך בערייכערן דורכ'ן אַנדערנס שאָדען. וואָרום יענע מלחמות ווערען געפיהרט מיט מעהר הצלחה, אין וועלכע די קעמפער בריינגען מיט אַ ריינעם געוויסען; אָבער די וואָס זיינען רשעים אין זייער שורש, קעגען זיי טרעטען אַרויס ניט נאָר די שונאים, נאָר אויך גאָט איז קעגען זיי.

8. אָהן אויפהער האָט ער זיך געווענדט צו זיי מיט אַזעלכע התראות. ער האָט אויף אַזאַ אופן געהאַט אַ חייל, וואָס איז גרייט צו דער מלחמה און וואָס איז בעשטאַנען פון 60 000 מאַן פוסגייהער, 250 רייטער, און חוץ די דאָזיגע סאָלדאַטען, וואָס אויף זיי האָט ער זיך צום מייגסט פערלאָזען, נאָך אַן ערך 4 500 געדונגענע זעלנער; 600 אויסגעקליבענע שטרייטער האָבען גע־בילדעט זיין לייבוואַך. חוץ די געדונגענע זעלנער, האָבען די שטעדט אָהן מיה געשפּייזט דעם חייל; וואָרום פון די גרופּענע צום מיליטער־דיענסט האָט איטליכע שטאָדט געשיקט נאָר די העלפט צום אייגענטליכען דיענסט, די אי־בעריגע זיינען געבליבען, בכדי צו בריינגען פראָוויאַנט זייערע לאַנדסלייט, וואָס שטייהען אויפ'ן שלאַכט־פעלד. אַזוי זיינען פונאַנדערגעטיילט געוואָרען די קריגערישע און פרידליכע אַרבייטען, און דערביי האָבען די, וואָס האָבען גע־געבען די לעבענס־מיטלען, בעקומען אַלס בעלוינונג דערפאַר דעם שוץ פון די בעוואָפענטע.

# איין־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

יוחנן פון גוש־חלב און זיין מחלוקת מיט יוסף'ן. — די ווייטערדיגע טעטיגקייט יוסף'ס אין גליל.

1. אין דער צייט, וואָס יוסף האָט אויף אַזאַ אופן איינגעאָרדענט די פערוואַלטונג פון גליל, איז אויפגעשטאַנען קעגען איהם אַ פאַלשער מענש פון גוש־חלב; דאָס איז געוועזען דער זוהן פון אַ געוויסען לוי, מיט'ן נאָמען יוחנן, וואָס איז געוועזען דורכגעטריבען און פאַלש, ווי קיינער ניט פון די חשוב'ע לייט

אין לאַנד, און בכלל האָט ער ניט געהאַט קיין גלייכען צו דיך בנוגע צו נידערטרעכטיגקייט. לכתחילה איז ער געווען אָרים, און אַ נאָך לאַנגע צייט איז זיין אָרימקייט געשטאַנען אין וועג פאַר זיין נטיה צו פערברעכענס. דערפאַר אָבער איז ער געווען שטענדיג אַ קונציגער ליגנער און האָט גוט פערשטאַנען צו מאכען אַזוי, אַז מען זאָל גלויבען זיינע ליגענס. רמאות האָט ער געהאַלטען פאַר אַ גוטער מדה און האָט זיך בענוצט דערמיט אפילו בנוגע צו זיינע בעסטע פריינד. פון אויסוויינ׳יג האָט ער אַרויסגעוויזען מענשען-ליעבע, נאָר אינעווייניג אין הארצען איז ער געווען אָנגעפילט מיט רציחה, וואָס האָט קיין גרעניץ ניט געהאַט און וואָס איז געווען געדרונגען פון זיין געלדגיריגקייט. שטענדיג האָט ער געשטרעבט צו פערגעמען דעם אויבענאָן, און אַלע מאָל זיינען זיינע פלענער געווען געבויט בלויז אויף נידערטרעכטיגקייט און פאַלשקייט.

בעצם איז ער געווען ניט אַנדערש, ווי אַ רויבער, וואָס האָט לכתחילה געהאַט פערנומען זיך מיט זיין מלאכה אויפ׳ן אייגענעם חשבון, אָבער באַלד האָט ער געפונען עטליכע חברים פון זיין מין, און זייער צאָהל האָט אַלץ פערמעהרט זיך אין משך פון דער צייט. איבעריגענס, האָט ער טאַקע זייהר געמיהט זיך וועגען דעם, אַז עס זאָלען ניט אַריינגייהן אין זיין אָבטיילונג אַזעלכע, וואָס מען זאָל זיי קאָנען גרינג בייקומען; אדרבא, ער האָט גענומען נאָר אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט דורכ׳ן שטאַרקען געבייי פון זייער קערפּער, דורך זייער מוט און געניטקייט אין מיליטערישע ענינים. אַזוי האָט ער צו-ביסל׳עכווייז צונויפגעקליבען אַן אָבטיילונג פון 400 מענשען, וואָס על-פי רוב זיינען דאָס געווען אַנטלאָפענע פון דער סביבה פון דער שטאָדט צור און פון די אַרומיגע דערפער. מיט זיי איז ער אַרומגעגאַנגען רויבענדיג איבער גאַנץ גליל און האָט אַריינגעבראַכט נאָך מעהר אין אומרו-היגקייט די בעפעלקערונג, וואָס האָט סיי-ווי-סיי מיט שרעק געריכט זיך אויפ׳ן קומענדיגען קריג.

2. ער האָט שוין געטראַכט וועגען דעם, צו ווערען קריגס-פיהרער, און האָט זיך אַרומגעטראָגען אפילו מיט נאָך העכערע פלענער; אָבער זיין אָרימקייט אין געלד האָט איהם שטענדיג פערשאַפט שוועריגקייטען. ווי נאָר ער האָט בעמערקט, אַז יוסף׳ן איז שטאַרק געפעלען געוואָרען זיין ענערגיע, האָט ער איהם צוערשט פערשטאַנען איינצוריידען, ער זאָל איהם איבערגעבען אויפצו-בויען פון דאָס ניי די מויערן פון זיין געבאָרענשטאָדט. דערביי האָט ער אַרויסגעריסען ביי די רייכע בירגער פון שטאָדט גרויסע סומעס געלד. דערנאָך האָט ער זיך געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט וועלען אָבהיטען די אידען אין סיריען פון צו געברויכען בוימיל, וואָס ווערט ניט געמאַכט פון זייערע פאָלקס-ברידער, און האָט אויסגעבעטען ביי יוסף׳ן דאָס רעכט, אַז ער זאָל מע-גען צושטעלען זיי בוימיל ביז צום גרעניץ. פאַר אַ צורישער מטבע, וואָס איז ווערט 4 אַטישע דראַכמעס, האָט ער דאַן געקויפט 4 אַמפאָרען און האָט פער-קויפט פאַר׳ן זעלביגען מקח אַ האַלבע אַמפאָרא. און אַזוי ווי ער האָט פער-

קיפט אַ סך בוימיל, דעריבער האָט ער פערדיענט אָהן אַ שיעור געלד, וואָס ער האָט עס באַלד בענוצט קעגען דעם, ווער עס האָט איהם פערשאַפט די דאָזיגע פרנסה.

היות ווי ער האָט גערעכענט, אַז אויב ער וועט אַראָבוואַרפען יוספ'ן, וועט מען איהם גופא איבערגעבען די קאָמאַנדע איבער גליל, דעריבער האָט ער בעפויהלען די באַנדיטען, וואָס האָבען זיך געפונען אונטער זיין רשות, אָבצוטון נאָך מעהר זייערע גזלות. און זיין מיין איז געווען, אויב ס'וועט אין אַ סך ערטער פון לאַנד זיך אויפהויבען אַ מהומה, וועט דער פערוואַלטער געשווינד קומען צו הילף — דעמאָלט וועט מען איהם קאָנען אָבראַמען פון וועג דורך רמאות. אָדער אויב יוסף וועט לאָזען די רויבער ווילדעווען, דעמאָלט וועט מען קאָנען מאַכען איהם אַ שלעכטען נאָמען ביי די איינוואוינער. ווייטער האָט ער פערשפרייט קלאַנגען, אַז יוסף וויל איבערגעבען דאָס לאַנד די רוימער און דורך אָט די און כדומה נאָך אַזעלכע פאַלשקייטען האָט ער געזוכט אַראָבצוואַרפען דעם פערהאַסטען.

3. אין יענער צייט זיינען עטליכע יונגע לייט פונ'ם דאָרף דברת, וואָס האָבען געהערט צו דער וואַך־אָבטיילונג אין גרויסען טאָל, אָנגעפאַלען אויף תלמי'ן, דעם פערוואַלטער פון אַגריפס'ן און בערעניקע'ן, און האָבען צוגענומען ביי איהם דעם גאַנצען געפעק, וואָס ער האָט געפיהרט מיט זיך, צווישען דעם האָבען זיך געפונען ניט ווינציג טייערע קליידער, אַ סך זילבערנע בעכער'ס און 690 גאָלד־שטיקער. נאָר היות ווי זיי האָבען ניט געקאָנט צעטיילען צווישען זיך דעם רויב, האָבען זיי אַריבערגעטראָגען אַלצדינג קיין טריכיא צו יוספ'ן. יענער האָט זיי געשטראָפט דערפאַר, וואָס זיי האָבען אַריינגעכאַפט דעם אייגענס פון קיניגליכע פערזאָנען, און האָט איבערגעגעבען די אָבגעריבטע חפצים דעם מעכטיגסטען בירגער פון טריכיא, אַנעאוס'ן, אויף היטען דאָס, מיט'ן מיין, זיי ווידער איבערצוגעבען די בעלי־בתים, אַז עס וועט זיך מאַכען אַ געלעגענהייט.

נאָר דאָס האָט איהם אַריינגעבראַכט אין דער גרעסטער סכנה. וואָרום די אויפטוער, וואָס זיינען פון איין זייט געווען אין כעס דעריבער, וואָס זיי האָבען ניט בעקומען קיין חלק אינ'ם רויב, און פון דער אַנדער זייט האָבען די פערשטאַנען יוספ'ס מיין צו טון אַ טובה דעם קעניג און זיין שוועסטער דורך זייער מיה, — זיינען זיי נאָך די זעלביגע נאַכט אַוועק איבער די דערפער און האָבען אומעטום געשילדערט יוספ'ן אַלס אַ בוגד. אויך אין די אַרומיגע שטעדט האָבען זיי אַלעמען אויפגערייצט, אַזוי אַז אין דער פריה האָבען זיך געהאַט פעראייניגט קעגען איהם 100 000 בעוואָפענטע. דער המון האָט זיך צונויפגעקליבען אויפ'ן פלאַץ פון טריכיא און האָט אויפגעהויבען אַ ליידענשאַפטליכען געשריי; איינע האָבען געשריען, אַז מען מוז דעם בוגד אַראָבזעצען, אַנדערע — אַז מען מוז איהם פערברענען. יוחנן און מיט איהם ישוע בן ספיח, וואָס איז דעמאָלט געווען קאָמענדאַנט פון טבריא, האָבען אַלץ מעהר אונטערגערייצט די ערביטערונג פונ'ם המון. סוף־כל־סוף זיינען יוספ'ס גוטע פריינד און לייב-

זעכטער אויס מורא פאַר אַן אָנפאַל מצד דער מאַסע אַלע אַנטלאָפֿען געוואָ־
רען, חוץ פיער.

יוסף גופא איז נאָך געלעגען אין בעט, בשעת מען האָט שוין געהאַט
אונטערגעצונדען די שטוב. דעמאָלט איז ער אויפגעשטאַנען, און הגם די פיער
איבערגעבליבענע פריינד זיינע האָבען איהם געראַטען, ער זאָל אַנטלויפען,
פונדעסטוועגען איז ער אַרויסגעשפרונגען, ניט מורא האָבענדיג דערפאַר, וואָס
ער איז איינער אַליין, אָדער וואָס די אָנפאַלער זיינען אַזוי פיעל — מיט צע־
ריסענע קליידער, די קאָפּ מיט אַש בעשאָטען, האַלטענדיג די הענד אויפ'ן
רוקען און זיין אייגענעם שווערד אָנגעבונדען אויף זיין אַקען. אָט די סצענע
האָט אַרויסגערופען אַ רחמנות אויף איהם ביי אַלעמען, וואָס זיינען געווען גוט
צו איהם, בפרט ביי די איינוואוינער פון טריכיא; די איינוואוינער פון די
דערפער אָבער און די פון זיין נאָהענטסטער סביבה, וואָס האָבען איהם ניט
געקאָנט ליידען, האָבען איהם געזידעלט און געפאָדערט, ער זאָל אויפ'ן אָרט
אַרויסגעבען די אוצרות, וואָס זיינען אַ געזעלשאַפטליכער אייגענס, און זיך מודה
זיין אין זיינע פערדעטערישע פּלענער. וואָרום זיין אויפיהרינג האָט זיי אַרויפ־
געבראַכט אויפ'ן געדאַנק, אַז ער וועט קיין זאַך ניט לייקענען, אין וואָס מען
איז איהם חושד, און אַז ער האָט אָנגעשטעלט די גאַנצע סצענע נאָר בכדי
צו דערוועקען רחמנות, און מען זאָל איהם מוחל זיין.

נאָר דער דאָזיגער בהכנעה'דיגער אויפפיהר זיינער איז מעהר ניט געווען,
ווי אַ קונציגער גאַנג, און ער האָט צוגעזאָגט אַלצדינג מודה צו זיין, בכדי
אַריינצוואַרפען אַ מחלוקת צווישען די מענשען, וואָס זיינען געווען אין כעס
אויף איהם, צוליעב דעם יעניגען, אויף וועמען זיי זיינען אין כעס.

נאָכדעם ווי מען האָט איהם ערלויבט צו נעמען אַ וואָרט, האָט ער אַזוי
געזאָגט: „ניט איך האָב געהאַט בדעה אָבצושיקען די דאָזיגע אוצרות צו אַג־
ריפּס'ן און ניט איך האָב געוואָלט זיי אויסנוצען צוליעב מיינע אייגענע צוועָ־
קען. וואָרום קיין מאָל וועל איך ניט האַלטען אַייערן אַ געגנער פאַר מיינעם
אַ גוטען פריינד, און וועל ניט בעטראַכטען פאַר מיין נוצען דאָס, וואָס קאָן
ברייגגען שאָדען דעם כלל. נאָר ווייל איך האָב געזעהן, איהר בירגער פון
טריכיא, אַז אייער שטאָדט נויטיגט זיך דורכאויס אין בעפעסטיגונג און אַז זי
האָט ניט קיין געלד אויף צו בויען מויערן, דעריבער האָב איך בעשלאָסען,
אויס מורא פאַר'ן פאָלק פון טבריא און פון די אַנדערע שטעדט, וואָס לויערן
פול מיט קנאה אויפ'ן רויב, — צו בעהאַלטען שטילערהייד די אוצרות, בכדי
אויסצובויען דערמיט פאַר אייך מויערן. טאָמער געפעלט אייך ניט דער פאָר־
שלאָג, דעמאָלט לאָז איך ברייגגען אַהער די גע'גזל'טע חפצים, און זאָל זיי
נעהמען ווער עס וויל. נאָר איך האָב געוואָלט אייער טובה, און איצט בע־
שטראָפט דעם, ווער עס האָט אייך גוטס געטאָן!"

4. אָט די ווערטער האָבען אַרויסגערופען ביי די איינוואוינער פון
טריכיא אַ פריילעכע שטימונג, נאָר די איינוואוינער פון טבריא און פון אַנדערע
שטעדט האָבען געזידעלט און געסטראַשעט. אַזוי האָבען ביידע צדדים אָבגעלאָ־

וען יוסף'ן און האָבען געשטריטען צווישען זיך. ער אָבער האָט איצט געהאַט אַ שטיצע ביי די איינוואוינער פון טריכיא, וואָס זיינען געשטאַנען אויף זיין צד — די זיינען געווען אַן ערך 40 000 מאַן, — און דאָס האָט איהם געגעבען דעם מוט צו ריידען מיט'ן גאַנצען המון פרייערע דבורים. צוערשט האָט ער גע־שטראָפט זיי מיט שאַרפע ווערטער פאַר זייערע איבעראיילטע מעשים, און דערנאָך האָט ער מודיע געווען, אַז מיט די געלד, וואָס איז פאַרהאַן, וועט ער בעפעסטיגען טריכיא. אָבער אויך פאַר דער זיכערקייט פון די איבעריגע שטעדט וועט ער זאָרגען אויפ'ן זעלביגען אופן; ווארום אין געלד וועלען זיי ניט האָבען קיין דוחק, כל זמן זיי וועלען האָבען איין דעה, אַז מען דאַרף עס פערברויכען קעגען די שונאים, און זיי וועלען זיך ניט לאָזען אויפרייצען קע־גען דעם, ווער עס וויל זיי פערשאַפען די געלד.

5. דעמאָלט איז די גרויסע מאַסע פון זיינע געגנער אַוועק, הגם זייער כעס איז נאָך ניט אינגאַנצען איינגעשטילט געוואָרען. נאָר 2 000 בעוואָפענטע האָבען פונדעסטוועגען געמאַכט אַן אָנפאַל אויף איהם און האָבען אַרומגערינגעלט, סטראַשענדיג הויך אויפ'ן קול, די שטוב, וואוהין ער איז אַנטלאָפען געוואָרען נאָך צו דער רעכטער צייט.

קעגען זיי האָט יוסף ווידער אָנגעווענדט אַ קונץ. ער איז אַרויף אויפ'ן דאַך און האָט געמאַכט מיט דער האַנד אַ צייכען, זיי זאָלען זיין שטיל, און האָט געזאָגט צו זיי, אַז ער ווייס ניט, וואָס איז זייער פערלאַנג, ווייל ער קאָן זיי ניט פערשטייהן, בשעת זיי שרייען אַלע מיט אַמאָל. איבעריגענס, וועט ער טון אַלצדינג, וואָס זיי פערלאַנגען, ווען זיי וועלען שיקען עטליכע פון צווישען זיך צו איהם אין שטוב אַריין, בכדי דורכצוריידען זיך מיט איהם רוהיגערהייד. דערויף זיינען אַריין צו איהם די חשוב'סטע לייט און די אָנפיה־רער. נאָר ער האָט זיי געלאָזט אַריינשלעפען אין דעם ווייטסטען ווינקעל פון הויז, פערשליסען די טירען און שמייסען זיי, ביז די געדערים זיינען ביי זיי אַרויס. דערווייל איז די מאַסע געשטאַנען דרויסען, מיינענדיג, אַז די געשיקטע האַלטען זיך אויף עפּיס לייגער, בכדי צו פערטיידיגען זייער ענין. פּלוצלונג האָט יוסף געלאָזט עפענען די טיר און אַרויסטרייבען די מענער, וואָס זיינען געווען בעגאָסען מיט בלוט. דאָס האָט דעם המון אַריינגעיאָגט אַזאַ שרעק, אַז ער האָט אַוועקגעוואָרפען די געוועהר און איז זיך צעלאָפען אין אַלע זייטען.

6. די דאָזיגע געשעהענישען האָבען פערשטאַרקט יוחנן'ס שנאה און באַלד האָט ער אויסגעטראַכט אַ נייעם פּלאַן קעגען יוסף'ן. מאַכענדיג אַן אויס־רייד, אַז ער איז קראַנק, האָט ער ביי איהם שריפטליך געבעטען אַן ערלויבניש, צו געברויכען די וואַרימע קוואַלען פון טבריה צוליעב זיין היילונג. יוסף, וואָס האָט נאָך גאָרנישט ניט געוואוסט וועגען זיין פאַלשקייט, האָט אַוועקגעשריבען צו די פערוואַלטער פון שטאָדט, זיי זאָלען יוחנן אָרענטליך אויפנעמען און געבען איהם אַלצדינג, וואָס ער בעדאַרף. און יוחנן האָט טאַקע אויסגענוצט די דאָזיגע רעקאָמענדאַציע.

ס'זיינען אַוועק נאָר צוויי טעג, זינט ער איז דאָרט געווען, האָט ער שוין אָנגעהויבען צו אַרבייטען צוליעב דעם אמת'ען צוועק, וואָס צוליעב איהם איז ער געקומען. ער האָט געפּרובט צוצוריידען די איינוואוינער, צום טייל דורך פאַלשע קלאַנגען, צום טייל דורך שוחד, זיי זאָלען זיך אָבזאָגען פון יוספ'ן. סילעס, וואָס איהם האָט יוסף געהאַט איבערגעגעבען די שמירה איבער דער שטאָדט, האָט באַלד דורך אַ בריעף מודיע געווען יוספ'ן וועגען די דאָזיגע פעררעטערישע מעשים. ווי נאָר יוסף האָט בעקומען דעם בריעף, האָט ער אין מיטען דער נאַכט געשווינד זיך געלאָזט אין וועג אַריין, און בעגינען איז ער אָנגעקומען אין טבריה, וואו דאָס פאָלק איז איהם אַנטקעגענגעקומען, בכדי איהם צו בעגריסען. נאָר יוחנן, וואָס האָט פערשטאַנען, אַז דער לאַנדספערוואַלטער איז געקומען בלויז צוליעב איהם, האָט געשיקט צו איהם זיינעם אַ גוטען פריינד, האָט געמאַכט זיך פאַר קראַנק און האָט איהם געלאָזט זאָגען, אַז ער ליגט אין בעט און קאָן איהם ניט קומען בעגעגענען.

יוסף אָבער האָט צונויפגעקליבען די איינוואוינער פון טבריה אויפ'ן פּלאַץ וואו עס יאָגען זיך די פערד, און האָט געוואָלט זיי פאָרלייענען דעם בריעף. נאָר אין דערזעלביגער צייט האָט יוחנן אונטערגעשיקט בעוואָפענטע, מיט דער שליחות אָבצוראַמען איהם פון וועג. ווי נאָר דאָס פאָלק האָט בעמערקט, אַז די בעוואָפענטע האָבען אַרויסגעצויגען די שווערדען, בשעת זיי זיינען געווען ניט ווייט פונ'ם פלאַץ, האָט עס אויפגעהויבען אַ געשריי. מחמת דעם האָט יוסף זיך אומגעקוקט, און אַז ער האָט דערזעהן, אַז די בלויזע שווערדען זיינען אויסגעשטרעקט, בכדי איהם צו טויטען, איז ער געשווינד אַראָב צום ברעג — בכדי צו קאָנען ריידען צום פאָלק, האָט ער געהאַט אַרויפגעשטייגט אויף אַ בערגיל פון זעקס איילען הויך — איז אַריינגעשפּרונגען אין איינעם פון די שיפלעך, וואָס איז דאָרט געלעגען, און מיט צוויי לייבוועכטערס איז ער אַנטלאָפען געוואָרען ביז אין מיטען אָזערע.

7. דעמאָלט האָבען זיינע סאָלדאַטען זיך פּלוצלונג גענומען פאַר די געוועהר און זיינען אַרויסגעטראָטען קעגען דער באַנדע רוצחים. היות ווי יוסף האָט מורא געהאַט, עס זאָל ניט אויסברעכען קיין בירגער-קריג, און אַז מחמת פון עטליכע מענשען זאָל ניט פאַלען אַ קרבן אַ גאַנצע שטאָדט, דעריבער האָט ער געלאָזט אָנזאָגען זיינע סאָלדאַטען דורך אַ שליח, זיי זאָלען מעהר ניט ווי דאַג'ען פאַר זייער אייגענער פערטיידיגונג, אָבער ניט טויטען קיין שולדיגען אָדער לאָזען עמיצען אָנקלאָגען פאַר'ן משפט. די סאָלדאַטען האָבען דעם בעפעהל בעפאָלגט און האָבען זיך געהאַלטען רוהיג. די בעפעלקערונג פון דער סביבה, בשעת זי האָט דערהערט וועגען דער בגידה און איהר אויפטוער, האָט זיך דערווייל צונויפגעקליבען, בכדי אַרויסצוטרעטען קעגען יוחנן. נאָר ער האָט שוין דערווייל בעוויזען אַנטרונען צו ווערען אין זיין געבאָרענשטאָדט.

פון אַלע שטעדט פון גליל זיינען זיך איצט צונויפגעקומען אַ סך טויזענד בעוואָפענטע צו יוספ'ן און האָבען דערקלערט, אַז זיי זיינען געקומען בכדי אַרויסצוטרעטען קעגען יוחנן, זייער אַלעמענס שונא, און צו פערברענען

איהם אינאיינעם מיט דער שטאָדט, וואָס האָט איהם אויפגענומען. יוסף האָט די אַרויסגעזאָגט זיין דאַנק פאַר זייערע גוטע כוונות. נאָר ער האָט געזוכט אַיינצוהאַלטען זייער אימפּעט, ווייל ער האָט געוואָלט בעסער בייקומען די פיינד דורך קלוגשאַפט, איידער זיי אומברייננגען. און נאָכדעם ווי ער האָט זיך דער־וואוסט פון די איינצעלנע שטעדט די נעמען פון די, וואָס האָבען מורד גע־ווען אינאיינעם מיט יוחנן, — וואָרום די בירגער האָבען גערן פער׳מסר׳ט זייערע קרובים, — האָט ער געלאָזט מודיע זיין דורך אויסרופער, אַז ביי די, וואָס וועלען אין פינף טעג אַרום ניט פערלאָזען יוחנן, וועט ער לאָזען אויסרויבען זייער האָב־און־גוטס און פערברענען זייערע הייזער אינאיינעם מיט זייערע פאַמיליעס. דורכדעם האָט ער תיכף אַריבערגעצויגען אויף זיין צד 3000 מאַן, וואָס זיינען געקומען צו איהם און האָבען אַנידערגעלייגט איהם צו די פיס זייער געוועהר.

מיט׳ן רעשט פון זיינע אָנהייננגער, אַן ערך 2000 סירישע אַנטלאָפענע, האָט יוחנן זיך ווידער גענומען פאַר זיינע בעהאַלטענע אָנפאַלס־פּלענער, נאָכ־ז׳עם ווי דער אָפענער אָנפאַל האָט זיך ניט איינגעגעבען. בסודי־סודות האָט ער אָבגעשיקט שלוחים קיין ירושלים, בכדי אַרויפצוואַרפען אַ חשד אויף יוסף׳ן צוליעב זיין גרויסען חייל, און האָט געלאָזט אָנזאָגען, אַז גאָר אין גיכען וועט דער פערוואַלטער אַריינטרעטען אין דער הויפּטשטאָדט אַלס טיראַן, אויב מען וועט איהם פריהער ניט חאַפּען. דאָס פאָלק האָט דאָס געהאַט פאָראויסגעזעהן און האָט דערויף קיין אכט ניט געגעבען. נאָר די חשוב׳ע לייט און אייניגע פון די רעגירענדע פערזאָנען האָבען געשיקט שטילערהייד געלד צו יוחנן, בכדי ער זאָל צונויפקלייבען געדונגענע זעלנער און אַרויסטרעטען אין מלחמה קעגען יוסף׳ן. אויך האָבען זיי בעשלאָסען צווישען זיך אָבצורופען יוסף׳ן פון זיין פּאָסטען אַלס אויבערשטער קאָמאַנדיר. נאָר היות ווי זיי האָבען איינגעזעהן, אַז דער בעשלוס אַליין וועט נאָך ניט זיין גענוג, האָבען זיי געשיקט 2500 שווער־בעוואָפענטע און פיער אָנגעזעהענע מענער, יועזר בן נומיקוס, חנניה בן צדוק, שמעון בן יונתן און יהודה בן יונתן, אַלע אויסגעצייכענטע רעדנער, מיט דער שליחות, זיי זאָלען מבטל זיין די בעליעבטהייט, וואָס יוסף האָט ביים פאָלק, און פאָדערן ביי איהם אַ דין־וחשבון, אויב ער וועט זיך אַרויסווייזען פאַר גוטוויליג; טאָמער־זשע וועט ער וועלען בעהאַלטען זיין פּאָסטען איבער גע־וואַלד, זאָלען זיי זיך בעגייהן מיט איהם, ווי מיט אַ שונא.

דערוויל האָבען יוסף׳ס גוטע פריינד איהם געגעבען צו וויסען דורך אַ בריעף וועגען דעם קומען פון דער מיליטער־אָבטיילונג, נאָר די סיבה דערפון האָבען זיי איהם ניט געקאָנט מודיע זיין, מחמת די פיינד האָבען געהאַלטען דעם פּלאַן בסוד. דעריבער האָט ער קיין שום פאָרזיכטס־מיטלען ניט אָנגענו־מען, און אַזוי זיינען באַלד אַריבער אויפ׳ן צד פון די פיינד פיער שטעדט: צפורי, גמלא, גוש־חלב און טבריה. נאָר אין גיכען האָט ער זיי ווידער אַרי־בערגעצויגען אויף זיין זייט אָהן אַרויסצוציהען אַ שווערד און האָט נאָך אַריינ־געחאַפּט דורך קונציגע גיינג די פיער אָנפיהרער און אויך די מעכטיגסטע פון

די בעוואָפּענטע און האָט זיי צוריק אָבגעשיקט קיין ירושלים. דאָ איז דאָס פאָלק געווען ניט ווינציג אויפגעבראַכט איבער זיי און וואָלט זיי געוויס געטויט אינאיינעם מיט זייערע בעגלייטער, אויב זיי וואָלטען ניט אַנטלאָפען געוואָרען.

8. אויס מורא פאַר יוסף'ן האָט יוחנן זיך איצט געהאַלטען אין די מויערן פון גוש-חלב. נאָר אין עטליכע טעג אַרום איז טבריה ווידער אַמאָל אָבגעפאַלען און די איינוואוינער פון דער שטאָדט האָבען גערופען צו הילף דעם קעניג אַגריפּס. נאָר יענער איז ניט געקומען צו דער בעשטימטער צייט, און אַזוי ווי דעמזעלביגען טאָג האָט זיך בעוויזען אין דער שטאָדט עטליכע רוימישע רייטער, דעריבער האָבען די איינוואוינער מודיע געווען דורך אַן אויסרופער, אַז יוסף טאָר ניט אַריינקומען צו זיי אין שטאָדט.

וועגען זייער אָבפאַל האָט מען באַלד מודיע געווען אין טריכיא. נאָר יוסף האָט ניט געוואָלט אַליין אַרויסטרעטען קעגען די אָבטריניגע. ווייל גראָד האָט ער כמעט אַלע זיינע סאָלדאַטען געהאַט אַרויסגעשיקט צונויפצוקלייבען פּראָוויאַנט. פון דער אַנדער זייט אָבער האָט ער ניט געקאָנט בלייבען דאָרט, וואו ער איז, ווייל אויב ער וואָלט זיך געזאַמט, וואָלטען דעם קיניגס סאָלדאַטען געקאָנט דערגרייכען ביז צו דער שטאָדט. דעם אַנדערן טאָג אָבער, אום שבת, בשעת מען האָט געמוזט זיך אויסרוהען פון אַלע אַרבייטען, איז פאַר איהם סיי-ווי-סיי ניט מעגליך געווען וואָס עס איז צו טון. אַזוי האָט ער געטראַכט וועגען דעם, ווי אַזוי בייצוקומען די אָבגעפאַלענע דורך אַ קונציגען גאַנג: ער האָט געהייסען פערשליסען די טויערן פון טריכיא, בכדי קיינער זאָל ניט קאָנען איבערגעבען זיין פּלאַן די יעניגע, קעגען וועלכע ער איז געווען געווענדט, און צונויפקלייבען אַלע שיפלעך אויף דער אָזיערע. אַזעלכע האָבען זיך געפונען 200 און אין איטליכען שיפעל ניט מעהר פון 4 שיפער. מיט זיי איז ער געשווינד אָבגעפאָהרען קיין טבריה. דאָרט האָט ער געלאָזט די האַלב-ליידיגע שיפלעך אַרומשווימען איבער דער אָזיערע אין אַ געוויסען מהלך פון שטאָדט, וואו מען האָט זיי ניט געקאָנט דייטליך זעהן, און אַליין איז ער מיט זיבען אומבעוואָפּענטע לייבוועכטער צוגעפאָהרען נעהענטער צו דער שטאָדט. ווי נאָר זיינע געגנער, וואָס ביז אַהער האָבען זיי איהם בלויז געזידעלט, האָבען איהם דערזעהן פון די מויערן, האָבען זיי געמיינט, אַז די שיפלעך זיינען פול מיט בעוואָפּענטע, און האָבען אַראָבגעוואָרפען פון זיך זייערע וואָפּען, אויסגעשטרעקט צו איהם זייערע הענד מיט צווייגען פון איילבוימער, ווי זיי וואָלטען בעטען שוץ, און האָבען געבעטען ביי איהם, ער זאָל פערשוינען די שטאָדט.

9. דעמאָלט האָט יוסף זיי געסטראַשעט מיט גרויסער מאַכט און האָט זיי געמאַכט פאָרוואורפען דעריבער, וואָס זיי, וואָס האָבען די ערשטע אָנגענומען די מלחמה קעגען די רוימער, פטר'ן זייערע כחות פון פריהער אין אַ בירגער-קריג, דורכדעם טוען זיי דאָך די פיינד די גרעסטע טובה. ווייטער האָט ער זיי אויסגעזידעלט דערפאַר, וואָס זיי זוכען איצט אָבצוראַמען פון וועג דעם מענשען, ווער עס זאָרגט פאַר זייער זיכערהייט, און זיי שעמען זיך ניט צו פער-

שליסען זייער שטאָדט פאַר דעם, ווער עס האָט זי אַרומגערינגעלט מיט מויערן. נאָר ער איז גרייט — אַזוי האָט ער געענדיגט — אויפצונעמען אין גנאָד די יעניגע, וואָס וועלען מודה זיין זייער שולד און וועלען איהם העלפען צו בעקומען אַ זיכערע הערשאַפט איבער דער שטאָדט.

דערויף זיינען צעהן פון די אַיינפלוסרייכסטע בירגער פון טבריה אַראָב אויפ׳ן ברעג. יוסף האָט געהייסען זיי אַריינשטייגען אין איינעם פון די שיפלעך און אַרויספאָהרען מיט זיי ווייט אין אָזיערע. דערנאָך האָט ער געלאָזט רופען צו זיך פופצ׳ג אַנדערע אָנגעזעהענסטע מיטגלידער פונ׳ם ראַט, ווי ער וואָלט כלומר׳שט אויך ביי זיי אָבנעמען אַ שבועה, אַז זיי וועלען זיין איהם געטריי. און אַלץ נייע אויסריידען האָט ער כסדר אויסגעטראַכט, בכדי צו רופען צו זיך אַלץ מעהר אַיינוואוינער פון דער שטאָדט, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען שליסען מיט זיי אַן אָבמאַך. די פיהרער פון די אָנגעפילטע שיפען האָט ער געגעבען, אַ בעפעהל, אַזוי גיך ווי מעגליך אָבצופאָהרען קיין טריכיא און דאָרט אַריינוואַרפען די מענער אין תפיסה. סוף־כל־סוף האָט ער אַריינגעחאַפט אין זיין רשות דעם גאַנצען ראַט, וואָס איז בעשטאַנען פון 600 מענשען, און אַן ערך 2 000 פונ׳ם נידעריגען פאָלק און האָט זיי אַוועקגעשלעפט אויף די שיפען קיין טריכיא.

10. די איבעריגע אָבער האָבען מיט גרויס געשריי אָנגעוויזען אויף אַ געוויסען קלייטאָס, אַז ער איז דאָס דער הויפט־אויפטוער פונ׳ם אָבפאַל, און האָבען געפאָדערט פון יוסף׳ן ער זאָל אויסלאָזען זיין כעס צו איהם. נאָר היות ווי יוסף האָט געהאַט בעשלאָסען ביי זיך, קיינעם ניט צו בעשטראָפען מיט טויט, דעריבער האָט ער געהייסען איינעם פון זיינע משרתים, מיט׳ן נאָמען לוי, ער זאָל יענעם אָבהאַקען די הענד. נאָר דער משרת, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר דער מאַסע פון די פיינד, האָט ניט געוואָלט גייהן אַליין, און אַז קלייטאָס האָט געזעהן, אַז יוסף גופא איז פולער צאָרן אַריינגעשטיגען אין אַ שיף און האָט געוואָלט געשווינד אַרויף אויפ׳ן ברעג, בכדי אַליין אויסצופיהרען די שטראָף, האָט ער אָנגעהויבען, שטייהענדיג אויפ׳ן ברעג, צו בעטען תחנונים, מען זאָל איהם לכל הפחות איבערלאָזען איין האַנד. יוסף האָט איהם נאָכגעגעבען דער בקשה, נאָר בתנאי, אַז ער גופא זאָל זיך אָבהאַקען די אַנדערע האַנד, און קלייטאָס האָט טאַקע אַרויסגעצויגען מיט דער רעכטער האַנד זיין שווערד און האָט זיך אַראָבגעהאַקט די לינקע — אַזוי גרויס איז געווען זיין שרעק פאַר יוסף׳ן.

אויף דעם דאָזיגען אופן האָט יוסף זיך אונטערטעניג געמאַכט מיט לייידיגע שיפלעך און זיבען לייב־וועכטער די אַיינוואוינער פון טבריה און האָט ווידער אַריבערגעצויגען די אַיינוואוינער אויף זיין צד. אין איניגע טעג אַרום האָט ער איינגענומען גוש־חלב, וואָס איז געווען אָבגעפאַלען אינאיינעם מיט צפורי, און האָט זי איבערגעגעבען זיינע מענשען אויף רויב. איבעריגענס, האָט ער צוריק אָבגעגעבען די בירגער פון שטאָדט אַלצדינג, וואָס ער האָט גע-

קאָנט צונויפקלייבען, דאָס אייגענע אויך די בירגער פון צפורי און פון טבריה ווארום נאָכדעם, ווי ער איז זיי בייגעקומען, האָט ער געוואָלט מעהר ניט זיי געבען אַ התראה דורך דער בערויבונג, און דורכדעם וואָס ער האָט זיי צוריקגעגעבען זייער אייגענס, האָט ער ווידער געוואונען זייער ליעבע.

## צוויי-און-צוואנציגסטער קאפיטעל.

די הכנות פון די אידען צו דער מלחמה. — שמעון בר גיורא לאָזט זיך אריין אין רויבערייען.

1. דערמיט האָבען זיך געענדיגט די מהומות אין גליל. נאָכדעם ווי די אינעווייניגסטע מחלוקות'ן זיינען שטיל געוואָרען, האָט מען זיך געווענדעט צו די הכנות פאַר דער מלחמה קעגען די רוימער. אין ירושלים האָבען דער כהן-גדול חנן און די חשוב'ע לייט, וואָס זיינען ניט געשטאַנען אויפ'ן צד פון די רוימער, פערריכט די מויערן און האָבען געלאָזט צוגרייטען אַ סך מלחמה-געצייג. אומעטום אין דער שטאָדט האָט מען געשמידט פיילען און אַנדערע מלחמה-געצייג, מאַסענווייז האָבען די יונגע לייט זיך געלערנט פיהרען מלחמה, אָבער דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרען אָהן אַ סדר, און אומעטום האָט געהערשט אַ רעש און אַ טומעל.

אָבער די פרידליכע בירגער האָט אַרומגעהאַפּט אַ גרויסע נידערגעשלאָגענהייט, און גאָר אַ סך פון זיי האָבען אויסגעבראָכען מיט גרויס געיאָמער, ווייל זיי האָבען פאָראויסגעזעהן דעם קומענדיגען אומגליק. אויך האָבען זיך בעוויזען מופתים, וואָס דער רוהיגער טייל פון דער בעפעלקערונג האָט זיי בעטראַכט, אַז זיי בעווייזען אויף צרות, נאָר די אויפטוער פון דער מלחמה האָבען זיי לייכטזיניג אויסגעטייטשט, לויט ווי זיי איז געפעלען. נאָך איידער די רוימער זיינען געקומען האָט ירושלים אויסגעזעהן ווי אַ שטאָדט, וואָס איז פער'משפּט אויף אונטערגאַנג. חנן האָט איצטער געטראַכט אָבצושטעלען אויף אַ קורצער צייט די הכנות צו דער מלחמה, בכדי אָבצוווענדען די מורדים און די אַזוי אָנגערופענע קנאים אויף אַרבייטען פאַר טובת הכלל, נאָר ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבען דער געוואַלד. שפּעטער וועל איך נאָך דערציילען, וואָס פאַר אַ סוף ער האָט געהאַט.

2. אין דער געגענד פון עקרבת האָט שמעון בר גיורא צונויפגעקליבען אַ סך אומצופרידענע און האָט זיך אַריינגעלאָזט אין רויבערייען. דערביי האָט ער ניט בלויז אויסגערויבט די הייזער פון די רייכע לייט, נאָר ער האָט אויך זיי גופא געשעדיגט און אָנגעמאַכט זיי מומים. שוין איצט האָבען זיך אַרויסגעוויזען די התחלות פון זיין שפּעטערדיגער טיראַניע. חנן און די אַנדערע רעגירענדע לייט האָבען אַרויסגעשיקט קעגען איהם אַ חיל; נאָר ער מיט זיינע חברים זיינען אַנטלאָפען געוואָרען צו די רויבער אין מצדה, וואו ער איז געבליבען, ביז עס זיינען געפאַלען חנן און זיינע איבעריגע געגנער. אין משך

פון דער צייט האָט ער גענומען אַן אָנטייל אין די אָנפאַלען פון די באַנדי-
טען אויף אדום. די פערוואַלטער פון דער דאָזיגער געגענד זיינען געווען גע-
צוואונגען צוזיפצוקלייבען אַ חייל און אַוועקצושטעלען גאַרניזאָנען אין די דערפער.
אַזוי איז געווען דעמאָלט דער מצב אין לאַנד יהודה.

# דריטער בוך.

## אינהאלט.

אין וואס פאר א שטימונג נירון איז אריין, בשעת ער האט דערהערט וועגן דער מהומה אין לאנד יהודה.

ווי אזוי די אידען זיינען נאך קיסטיוס'עס מפלה אנגעפאלען אויף אשקלון. נאר צווי מאל זיינען זיי געשלאגען געווארען און האבען אנגעווארען אן ערך 20 000 מאן.

ווי אזוי אספסינוס איז אוועק מיט'ן חייל, וואס איז געשטאנען אין אנטיוכיא, קיין עכו, וואו די איינוואוינער פון צפורי אין גליל זיינען איהם אנטקעגענגעקומען און ארויסגעזאגט זייערע הכנעה-געפיהלען.

בעשרייבונג פון גליל און פון גאנץ יהודה. ווי אזוי יוסף האט געוואלט איינעמען צפורי, נאר ער איז צוריקגעשלאגען געווארען פונ'ם טריבון פלאקידוס, וואס איז באלד געקומען צו-הילף.

ווי אזוי טיטוס איז אריבערגעפאהרען פון אכאיא קיין אלכסנדריא, דערנאך איז ער פון דארט אוועק און האט זיך פעראייניגט מיט זיין פאטער, וואס האט געהאט צונויפגעקליבען וויפיעל חייל ס'איז נאר מעגליך געווען.

שילדערונג פונ'ם רוימישען חייל און פונ'ם רוימישען לאגער, און אויך פון די איבעריגע אויסגעצייכענטע רוימישע איינריכטונגען.

ווי אזוי פלאקידוס איז געווארען צוריקגעשלאגען פון יודפת, און ווי אזוי אספסינוס איז ארויסגעטראטען פון עכו און אריינגעדרונגען אין לאנד יהודה.

דער רוימישער חייל אויף זיין מארש.

ווי אזוי די אידען זיינען געווארען איבערגעשראקען, אז זיי האבען דערזעהן די שטרייגגע ארדענונג פון די רוימער, און ווי אזוי די רוימער האבען, נאכדעם ווי זיי האבען איינגענומען די שטאדט גבר (גאבארא), אויסגעקוילעט אלע איינוואוינער פון שטאדט אהן אונטערשייד פון עלטער.

ווי אזוי יוסף האט דורך זיין אנטלויפען קיין טבריא אריינגעיאגט א שרעק אלע איינוואוינער, און ווי אזוי ער האט אבגעשיקט קיין ירושלים א בריעף וועגען דעם מצב, און דערנאך האט ער זיך צוריק אומגעקעהרט קיין יודפת.

ווי אזוי אספסיונוס האט, נאכדעם ווי ער האט זיך דערוואוסט, אז יוסף איז אנטלאפען קיין יודפת, איהם דארט בעלעגערט.

בעשרייבונג פון יודפת. ווי אזוי אספסינוס האט אנגעפילט דעם גאנצען פרייען שטח פאר די מויערן מיט ערד-וואלען און האט געהייסען אויפשטעלען די וואַרפמאשינעס.

ווי אזוי יוסף האט אנגענומען מיטלען קעגען דעם, העכער געמאכט די מויערן, צוגעטיילט זיינע מענשען טרינקוואסער מיט א מאס און אויסגעטראכט אנדערע מיטלען, ווי אזוי צו פערציהען די בעלעגערונג.

ווי אזוי יוסף, נאכדעם ווי ער האט פערלארען די האפנונג איינצוהאלטען די שטאדט, געוואלט זי פערלאזען, נאר די איינוואוינער האבען איהם דערפון אבגעהאלטען.

וועגען דעם אויסזעהן פון דער מאשין, וואס ווערט אנגערופען „שטורעמבאק". ווי אזוי די אידען האבען אונטערגעצונדען די בעלעגערונגס-מאשינעס פון די רוימער.

וועגען אלעזר בן סמיא. ווי אזוי אספסינוס איז פערוואונדעט געווארען אין פוס.

די קראפט פון די באליסטען און קאטאפולטען, און ווי ווייט עס ווערען אבגעשליידערט די קאפעפערטיילען, וואס ווערען אבגעריסען דורך די שטיינער, וואס זייווארפען.

ווי אזוי אספסינוס האט ארומגערינגעלט די שטאדט מיט א דרייאיגער שטורעם-אבטיילונג, און וואס האט יוסף אויפגעטאן קעגען דעם.

ווי אזוי יוסף האט געלאזט אראבגיסען אויף די בעלעגערער זידענדיגע בוימיל און מאכען גליטשיג די שטורם-בריקען דורך אבגעקאכטע גריכישע היי.

ווי אזוי אספסינוס האט בעלאזט העכער מאכען די וואלען און צורוקען צו דער שטאדט פעסטערע בעלעגערונגס-טורעמס.

ווי אזוי די רוימער האבען אין יענע טעג איינגענומען די שטאדט יפיע, וואס ליגט ניט ווייט פון יודפת, נאכדעם ווי מען האט געשיקט אהין צוערשט טריינוס'ן און דערנאך טיטוס'ן.

ווי אזוי די שומרונים זיינען אלע אויסגע'הרג'עט געווארען דורך צערעאליס'ן.

ווי אזוי יודפת איז איינגענומען געווארען דורך דער בגידה פון אן איבערלויפער און ווי אזוי דערביי איז אומגעקומען דער צענטוריא אנטאניוס.

ווי אזוי יוסף האט זיך אריינגעחאפט אין א ברונים און איז געבליבען דארט בעהאלטען מיט עטליכע זיינע חברים, נאר א פרוי האט איהם ארויסגעגעבען, און ער האט בעשלאסען זיך איבערצוגעבען די רוימער

ווי אזוי יוסף'ס חברים האבען זיך ארויסבעשטעלט קעגען דעם פלאן, און וואס האט ער צו זיי גע'טענ'עט.

ווי אזוי ער האט, נאכדעם ווי ער האט איינגעזעהן, אז ער קאן זיי ניט איינגעמען פאר זיין פלאן, צוגערעדט זיי, זיי זאלען בעשטימען דורך א גורל, ווער פון זיי זאל אומקומען דורך די הענד פון זיין חבר, און ווי אזוי ער גופא מיט נאך איינעם איז איבערגעבליבען און געבראכט געווארען פאר די רוימער.

יוסף'ס רעדע צו אספסינוס'ן, און ווי אזו דער לעצטער האט איהם בעהאנדעלט מיט לייטזעליגקייט.

ווי אזוי אספסינוס האט זיך אומגעקעהרט צוריק קיין קיסריא, וואס ליגט ביים ברעג ים, בכדי דארט צו איבערווינטערן מיט זיין חייל.

ווי אזוי די אידען, וואס זיינען אנטלאפען געווארען פון די צעשטערטע שטעדט, האבען זיך ווידער צונויפגעקליבען און בעפעסטיגט ווידער יפו, נאר זיי זענען אויסגע'הרג'עט געווארען פון די רוימער, וואס האבען דעמאלט חרוב געמאכט די שטאדט ביז'ן גרונד.

ווי אזוי די ירושלמים זיינען אויפגערעגט געווארען דורך דער בשורה וועגען סוף פון יודפת, און ווי אזוי זיי האבען צוערשט שטארק בעקלאגט יוסף'ן, נאכדעם ווי מען האט זיי

מודיע געווען וועגען זיין טויט, אבער דערנאך, אז זיי האבען זיך דערוואוסט, אז די רוימער געבען איהם אב גרויס כבוד, זיינען זיי אריין אין כעס און האבען נאך מיט מעהר חשק פער־לאנגט דעם קריג, בכדי זיך נוקם צו זיין סיי אן יוספ׳ן און סיי אן די רוימער.

ווי אזוי אספּסינוס איז אויף אגריפּס׳עס איינלאדונג אוועק פון קיסריא ביים ים קיין קיסריא פיליפּי, וואו ער האט בעקומען די ידיעה וועגען דעם אבפאל פון די שטעדט טבריא און טריכיא.

ווי אזוי טבריא איז איינגענומען געווארען, נאכדעם ווי די איינוואוינער האבען בעקומען חרטה אויף זייער אבפאל און האבען געבעטען מחילה.

ווי אזוי טיטוס איז געשיקט געווארען פון זיין פאטער קיין טריכיא, און אז ער האט דערזעהן, אז זיינע מענשען זיינען איינגעשראקען איבער דער מאסע פיינד, האט ער זיי צוגע־געבען מוט דורך א רעדע.

ווי אזוי די רוימער זענען געווארען געשטארקט און געהויבען דורך טיטוס׳עס רעדע, האבען איינגענומען טריכיא און אויסגעהרג׳עט א סך פיינד.

בעשרייבונג פונ׳ם ירדן און פון דער געגענד גינוסר.

ווי אזוי אספּסינוס איז זיך בעגאנגען מיט די געפאנגענע איינוואוינער פון טריכיא.

# ערשטער קאַפּיטעל.

### נירון גיט איבער אספּסינוס'ן צו פיהרען די מלחמה קעגען די אידען.

1. אַז נירון איז געוואָהר געוואָרען וועגען די אומגליקליכע געשעהענישען אין לאַנד יהודה, האָט איהם, נאַטירליך, אָנגעהאַפּט אַ שרעק, און ער איז געוואָרען שטאַרק צעטומעלט ביי זיך אין האַרצען. נאָר ער האָט עס ניט אַרויסגעוויזען, און פון אויסווייניג האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַן איבערמוטיגען מענשען, און אין זיין כעס האָט ער גע'טענ'ע'ט, אַז אין דעם, וואָס איז געשעהן, איז שולדיג מעהר די אָבגעלאָזענקייט פון די פיהרער, איידער די גבורה פון די פיינד. ווארום איהם (נירונ'ען) האָט זיך אויסגעדוכט', אַז עס פּאַסט ניט פאַר דער מאַיעסטעט פון אַ העררשער צו רעכענען זיך מיט אומגליקליכע געשעהענישען און אַז ער בעדאַרף מאַכען דעם אָנשטעל, אַזוי ווי ער וואָלט כלומר'שט געשטאַנען העכער איבער אַלע שטערענישען. נאָר פונדעסטוועגען האָט זיין טרויעריגקייט בעוויזען דייטליך, אַז אינעווייניג איז האַרצען ביי איהם הערשט אומרוהיגקייט.

2. ער האָט זיך לאַנג מיישב געווען, וועמען ער זאָל איבערגעבען דעם אויפגערעגטען מזרח, בכדי צו בעשטראָפען די אידען פאַר זייער אָבפאַלען און פעסט צו האַלטען די שכנישע פעלקער, וואָס האָבען אויך שוין געהאַט אָנגענומען זיך מיט'ן גייסט פון מרידה. צולעצט האָט ער אַיינגעפונען, אַז נאָר אַספּסינוס איז ראוי און פייהיג צו נעהמען אויף זיך די פיהרונג פון קריג, וואָס האָט געהאַט אַזאַ בעדייטונג. ווארום ער איז געווען אַ מענש, וואָס איז אויסגעוואַקסען און גראָה געוואָרען אין קריגס-דיענסט. שוין מיט אַ צייט צוריק האָט ער ווידער געוואונען פאַר די רוימער די מערב-לענדער, וואָס די גערמאַנען האָבען זיי געהאַט אויפגערודערט; דורך דער מאַכט פון געוועהר האָט ער אונטערטעניג געמאַכט בריטאַניען, וואָס איז ביז אַהער געווען אומבעקאַנט, און דורכדעם האָט ער פערשאַפט נירונ'ס פאָטער, קלאַוודיוס'ן, אַ טריאומף, וואָס האָט יענעם קיין שום מיה ניט געקאָסט.

3. דאָס אַלץ האָט נירון בעטראַכט פאַר אַ גוטען סימן. חוץ דעם האָט ער נאָך גענומען אין אַכט דעם מיושב'דיגען עלטער פונ'ם דאָזיגען קריגסגעניטען מאַן, זיין ביזאהעריגע איבערגעבענקייט, וואָס איז נאָך איצט בעשטעטיגט געוואָרען דורך זיינע זיהן, די זיהנס יוגענדליכע קראַפט, וואָס מיט איהר האָט דעם פאָטערס קלוגשאַפט געקאָנט זיך אויסנוצען, אַזוי ווי מיט אַ האַנד,—

און אפשר האָט אויך גאָט לכתחלה אַלצדינג אַזוי אײַנגעאָרדענט — און דערי־בער האָט ער איהם געשיקט, בכדי ער זאָל איבערנעמען די אויבערשטע קאָמאַנדע איבער די חיילות אין סיריען. נאָך אַפריהער האָט ער אין דראַנג פון זיין נויט געפלייסט זיך אײַנצונעמען איהם אויף אַלערליי אופנים און דורך אַ גוטער בעציהונג צו איהם, בכדי אונטערצוגעבען איהם מעהר חשק.

בכן האָט אַספּסינוס געשיקט פון אַכאַיאַ, וואו ער האָט זיך געפונען מיט נירונ׳ען, זיין זוהן טיטוס׳ן קיין אַלכסנדריה, בכדי אָבצונעמען פון דאָרט דעם פינפטען און צעהנטען לעגיאָן. ער אַליין איז אַריבערגעפאָהרען אין אַ שיף דעם העלעספּאָנטישען ים און איז דורך דער יבשה אָנגעקומען אין סיריען, וואו ער האָט צונויפגעקליבען דעם רוימישען חייל און אויך אַ סך הילפּס־מי־ליטער פון די שכנישע מלכים.

## צווייטער קאַפּיטעל

די מפּלה פון די אידען ביי אשקלון. — אַספּסינוס מאַרשירט קיין עכו.

1. נאָך קיסטיוס׳עס מפּלה זיינען די אידען דורך זייער אומגעריכטען נצחון געוואָרען האָפערדיג און האָבען ניט געקאָנט מעהר אײַנהאַלטען זייער אימפּעט. פּונקט אַזוי ווי זייער הצלחה וואָלט זיי ניט געלאָזט רוהען, האָבען זיי געשטרעבט צו געבען דער מלחמה אַ וואָס גרעסערע פערשפּרייטונג. דעריבער האָבען זיך אומגעזאַמט צונויפגעקליבען אַלע, וואָס האָבען נאָר געטויגט צום קריג, און זיינען אַרויס קעגען אַשקלון. דאָס איז אַן אַלטע שטאָדט, וואָס ליגט אויף אַ מהלך פון 520 סטאַדיעס פון ירושלים. פון שטענדיג אָן האָבען די אידען זי פיינט געהאַט, און דעריבער האָט זי בעדאַרפט זיין דער ערשטער ציעל פון זייער אָנפאַל. בראש פון דער אונטערנעמונג זיינען געשטאַנען דריי מענ־שען, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער קערפּער־קראַפט און זייער קלוגשאַפט: ניגר פון פּערעאַ, סילאַס פון בבל און יוחנן דער איסי.

אַשקלון איז געווען, אמת, שטאַרק בעפעסטיגט, נאָר כמעט אָהן הייל, וואָרום סך־הכּל זיינען דאָרט געווען איין קאָהאָרטע פוט־סאָלדאַטען און איין אָבטיילונג רייטער אונטער דער אָנפיהרונג פון אַנטאָניוס.

2. אין זייער ערביטערונג האָבען די אידען אַזוי פערגיכערט זייער מאַרש, אַז זיי האָבען זיך בעוויזען פאַר דער שטאָדט פּלוצלונג, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען געקומען פון גאָר נאָהענט. נאָר אַנטאָניוס, וואָס האָט שוין געוואוסט פון זייער מיין אָנצופאַלען אויף אַשקלון, האָט שוין געהאַט אַרויסגעפיהרט קעגען זיי זיינע רייטער. ניט מורא האָבענדיג ניט פאַר דער גרויסער צאָהל פון די פיינד און ניט פאַר זייער מוט, האָט ער אויסגעהאַלטען זייערע ער־שטע אָנפאַלען און צוריקגעטריבען די, וואָס האָבען געשטורמט די מויערן. היות ווי די אידען זיינען געווען ניט געניט און האָבען בעדאַרפט קעמפען

קעגען קריגס-געניטע סאָלדאַטען, זיי זיינען געווען צו פוס — קעגען רייטער,
אויפגעשטעלט אָהן אַ סדר — קעגען איינג-געשלאָסענע מאַסען, זיי האָבען געהאַט
גאָר גיך צונויפגעהאַפּטע געוועהר — אין דער צייט וואָס זייערע געגנער זיינען
געווען קריגס-לייט אין פולשטענדיגע קריגס-וואָפען, זיי זיינען געווען געפיהרט
מעהר דורכ'ן אימפּעט פון כעס, איידער דורך שכל און איבערלייגונג — קעגען
אַזעלכע מענשען, וואָס זיינען געווען גוט דיסציפּלינירט און האָבען אויסגעפיהרט
אַלע בעפעהלען אויפ'ן וואונק, — דעריבער האָבען די רוימער זיי גרינג גובר
געווען, וואָרום ווי נאָר זייערע פאָדערשטע רייהען זיינען צעטומעלט געוואָרען,
האָבען זיי זיך געלאָזט לויפען פאַר די רייטער, זיך צונויפגעשטויסען מיט די
הינטערשטע רייהען, וואָס האָבען געשטורמט קעגען די מויערן, און האָבען איי-
נער דעם אַנדערן פערוואונדעט, ביז אַלע זיינען צולעצט אָבגעטראָטען פאַר
די אָנפאַלען פון די רוימער און האָבען זיך צעשפּרייט איבער'ן גאַנצען
טאָל. דער טאָל איז געווען זייהר אַ פלאַכער און אומטום צוגייבגליך פאַר די
פערד, און דאָס איז די רוימער זייהר צונוץ געקומען, אַזוי אַז זיי האָבען געקאָנט
אויס'הרג'ען דעם גרעסטען טייל פון די אידען. וואָרום זיי פלעגען רייטען
פאָראויס די אַנטלאָפענע, פלעגען זיך אומקעהרען קעגען זיי, פונאַנדעריאָגען
די, וואָס פלעגען זיך צונויפקלייבען לויפענדיג, און אויס'הרג'ען זיי מאַסענווייז.
אַנדערע האָבען אַרומגערינגעלט איינצעלנע מחנות אידען פון אַלע זייטען, צו-
נויפגעפּרעסט זיי און האָבען זיי מיט גרינגער מיה טויט געשאָסען. ביט קוקענ-
דיג אויף זייער גרויסער צאָהל, האָבען די אידען אויסגעדוכט זיך ווי פערלאָזענע,
ווייל זיי האָבען אינגאַנצען פערלאָרען די קעפּ. די רוימער, פערקעהרט, הגם
זיי זיינען געווען ווינציג, האָט דאָך זייער הצלחה געגעבען דעם געפיהל, אַזוי
ווי זיי וואָלטען האָבען גענוג איבעריגע סאָלדאַטען.

דער קאַמף האָט זיך פערצויגען ביז'ן אָבענד, וואָרום די אידען האָבען
זיך אַנטקעגענגעשטעלט קעגען זייער אומגליק אויס חרפּה, וואָס זיי זיינען אַזוי
גיך אַנטלאָפען געוואָרען, און האָפענדיג, אַז דער געשלעג וועט אָננעמען אַ
גינסטיגערע ווענדונג פאַר זיי; די רוימער ווידער זיינען ניט מיד געוואָרען
אויסצונוצען זייער גליק. סוף-כל-סוף האָבען 10 000 אידען, צווישען דעם אויך
ביידע אָנפיהרער יוחנן און סילאַס, בעדעקט מיט זייערע טויטע קערפּערס דעם
שלאַכט-פעלד. און די איבעריגע, צום גרעסטען רוב פערוואונדעט, מיט ניגר'ן,
וואָס האָט נאָך געלעבט, זיינען אַנטרונען געוואָרען אין אַן אדומישער שטעדטיל
מיט'ן נאָמען סאַליס. אויפ'ן צד פון די רוימער זיינען אין אָט דעם געשלעג
נאָר ווינציג פערוואונדעט געוואָרען.

3. פונדעסטוועגען האָט די שרעקליכע מפּלה ניט געקאָנט בויגען דעם
שטאָלץ פון די אידען, נאָר דער אומגליק האָט זיי נאָך מעהר בעשטאַרקט
אין זייער דרייסטיגקייט. ניט אַכטענדיג אויף די פיעל טויטע, וואָס זיינען גע-
לעגען זיי צו די פיס, האָבען זיי זיך געלאָזט פערבלענדען דורך זייערע פרי-
הערדיגע נצחונות אַזוי ווייט, אַז זיי זיינען בפועל ממש געלאָפען אַנטקעגען
אַ צווייטער מפּלה. זיי האָבען אפילו ניט פערגונען זיך אַזוי פיעל צייט, וויפיעל

עס איז נויטיג געווען אויף צו היילען זייערע וואונדען. זיי האָבען, פּערקעהרט, גיכף צונויפגעקליבען ווידער זייער גאַנצען חייל, בכדי נאָך אַמאָל אין נאָך אַ גרעסערער צאָהל און מיט אַ גרעסערער ערביטערונג אָנצופאַלען אויף אשקלון נאָר דאָרט האָט זיי געטראָפען זייער פריהערדיגער סוף, מחמת זייער אומגעניטקייט און די איבעריגע קריגערישע חסרונות זייערע. וואָרום היות ווי אַנטאָניוס האָט שוין געהאַט לכתחילה פערנומען די שמאָלע וועגען, זיינען זיי אומגעריכטערהייד אַריינגעפאַלען אין אַ נעץ, און איידער נאָך זיי האָבען בעוויזען זיך אויסצושטעלען אין שלאַכט-אָרדענונג, האָבען זיי די רייטער אַרומגערינגעלט, און זיי האָבען ווידער אַמאָל אָנגעוואָהרען העכער 8 000 מאַן. די איבעריגע האָבען זיך געלאָזט אַלע לויפען, צווישען זיי אויך ניגר, וואָס האָט נאָך ביים אָבציהען בעוויזען אַ סך גבורות. דער שונא האָט זיי גאָכגעיאָגט און אַריינגעטריבען אין אַ פעסטען טורעם פונ׳ם דאָרף בעצעדעל.

בכדי ניט אָבצושטעלען זיך ביים טורעם, וואָס מען האָט איהם כמעט ניט געקאָנט אַיינעמען, און בכדי אויך ניט אַרויסצולאָזען לעבעדיגערהייד דעם פיהרער פון די פיינד, וואָס איז אויך געווען דער מוטיגסטער קריגסמאַן,— האָבען אַנטאָניוס׳עס מענשען אונטערגעצונדען די בעפעסטיגונגען פון אונטען. און ווי נאָר דער פייער האָט געהאַט צעשטערט דעם טורעם, זיינען די רוימער אַוועק פולער פרייד, מחמת זיי האָבען געמיינט, אַז ניגר איז אומגעקומען אין פייער. נאָר יענער איז אַראָבגעשפרונגען פונ׳ם טורעם אין דעם בעהאַלטענסטען אונטערערדישען גאַנג פונ׳ם שלאָס, און אין דריי טעג אַרום, אַז די זייניגע האָבען איהם געזוכט אונטער קלאָג-און וויה-געשרייען, בכדי איהם מקבר צו זיין, האָט ער זיי זיך צו דערקענען געגעבען דורך אויסרופען פון דער טיעפעניש אַרויס. זיין ערשיינען האָט ערפילט די אידען מיט אומגעריכטער פרייד. ווייל זיי האָבען געגלויבט, אַז גאָטס השגחה האָט אָבגעהיט פאַר זיי אין זיין פערזאָן אַן אָנפיהרער פאַר דער צוקונפט.

4. לאָמיר זיך איצט אומקעהרען צו אַספּסינוס׳ן. ער האָט איבערגענומען אין אַנטיוכיה, דער הויפּשטאָדט פון סיריען,— וואָס פערנעמט בנוגע צו איהר גרייס און וואוילשטאַנד בלי ספק דעם דריטען אָרט 1) צווישען די שטעדט פון פון דער רוימישער וועלט-מלוכה — זיין חייל און האָט זיך דאָרט פעראייניגט מיט׳ן קעניג אַגריפּס, וואס האָט אויף איהם געוואַרט בראש פון זיין גאַנצען חייל. דערנאָך איז ער אַיילִיג אַוועק קיין עכו. אין דער דאָזיגער שטאָדט זיינען איהם אַנטקעגען געקומען די בירגער פון צפורי, וואָס זיינען געווען נוטה צו שלום און וואָס האָבען נאָך פריהער, איידער אַספּסינוס איז געקומען, געשלאָסען אַן אָבמאַך מיט קיסטיוס גאַלוס׳ן, ווייל זיי האָבען ריכטיג אָבגעשאַצט זייער אייגענע טובה און די מאַכט פון די רוימער; קיסטיוס האָט שוין געהאַט אַוועקגעשטעלט ביי זיי אַ גאַרניזאָן. איצט זיינען זיי געקומען צו בעגריסען פריינדליך דעם קריגס-פיהרער און האָבען צוגעזאָגט צו נעמען אַן אָנטייל אין קאַמף קעגען זייערע לאַנדסלייט.

1) נאָך רוים און אלכסנדריה.

אויף זייער בקשה האָט אַספּסינוס זיי געגעבען אַ חייל פון רייטער און פוס-סאָלדאַטען, וואָס זיינען, לויט זיין מיינונג, געוועזען שטאַרק גענוג אויף אַנט-קעגענצושטעלען זיך קעגען די אָנפאַלען מצד די אומרוהיגע אידען. וואָרום דער אָנוועהר פון צפורי האָט זיך איהם אויסגעדוכט פאַר זייהר געפעהרליך פאַר'ן קומענדיגען קריג, ווייל זי איז געווען די גרעסטע שטאָדט פון גליל, לויט איהר לאַגע איז זי געווען זייהר בעפעסטיגט און האָט געקאָנט דיענען פאַר אַ העכסט וויכטיגען פאָסטען צוליעב אויפפּאַסען דעם גאַנצען פאָלק.

# דריטער קאַפּיטעל.

די בעשרייבונג פון גליל, שומרון און יהודה.

1. גליל ווערט איינגעטיילט אויף אויבער-גליל און אונטער-גליל (גליל-העליון און גליל התחתון) און איז אַרומגערינגעלט פון פעניקיען און סיריען. אין מערב-זייט ווערט זי בעגרעניצט פון עכו און איהר געביט און אויך פון באַרג כרמל, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו גליל און איצטער געהערט ער צו צור; דערביי ליגט די רייטער-שטאָדט גאַבאַ, וואָס ווערט אַזוי אָנגערופען, ווייל דאָרט האָבען זיך בעזעצט די רייטער, וואָס דער קעניג הורדוס האָט זיי בעפרייט פון זיין דיענסט. אין דרום-זייט ציהט זי זיך פאַזע דעם לאַנד פון די שומרונים און סקיטאָפּאָליס (בית-שאן) ביז'ן ירדן. אין מזרח-זייט גרעניצען זיך מיט איהר די געביטען פון סוסיתא און גדרה, ווייטער גולן און אַגריפּס'עס קיניגרייך; אין צפון-זייט גרעניצט זי זיך מיט צור און מיט איהר געביט.

דאָס לאַנד גליל-התחתון ציהט זיך אין דער לייגג פון טבריה ביז חבולן, ניט ווייט פונ'ם ברעג-לאַנד פון עכו, און אין דער ברייט — פונ'ם דאָרף קסאַלות אין גרויסען טאָל (עמק יזרעאל) ביז באר שבע, וואו עס הויבט זיך אָן די אויסשפּרייטונג אין דער ברייט פון גליל-העליון און ציהט זיך ביז צום דאָרף באַקאַ ביים צורישען גרעניץ; די לייגג פון גליל העליון גרייכט פון תילה, אַ דאָרף ביים ירדן, ביז מרות.

2. הגםביידע לענדער האָבען געהאַט גאָר אַ קליינעם שטח און זיינען געווען דורכאויס אַרומגערינגעלט פון ניט-אידען, פונדעסטוועגען האָבען די גלילים אויסגעהאַלטען אַלע פיינדליכע אָנפאַלען, מחמת פון יוגענד אָן זיינען זיי גע-ווייהנט געווען צום קאַמף און שטענדיג האָבען זיי אויפגעוויזען אַ בעדייטענדע צאָהל איינוואוינער. די מענער האָט קיין מאָל ניט אויסגעפעהלט קיין מוט, און דעם לאַנד האָבען קיין מאָל קיין מענער ניט אויסגעפעהלט.

דאָס לאַנד גופא איז רייך אין פלאַנצונגען און אין ווידען, בעוואַקסען אומעטום מיט בוימער פון אַלערליי מינים, און אַזוי פרוכטבאַר, אַז עס גיט איין חשק צו דער אַרבייט אפילו דעם פוילסטען ערדאַרבייטער. דערפון נעממ זיך, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד ווערט בעאַרבייט דורך זיינע איינוואוינער, און

קיין איין שטיקעל בלייבט ניט ליגען אומפערזייהט. איבער דעם אייגענעם טעם האָט עס אַ סך שטעדט, און איבער דער פרוכטבאַרקייט פון דער ערד איז די בעפעלקערונג אין די דערפער אַזוי געדיכט, אַז אפילו דער קלענסטער דאָרף האָט מעהר, איידער 5 000 אַיינוואוינער.

3. בכלל, ווען אפילו לויט איהר שטח איז גליל קלענער פאַר פּערעאַ, נאָר וואָס ס'איז שייך צו איהר בעדייטונג, שטייהט די ערשטע אַ סך העכער פאַר דער לעצטער. וואָרום דער גאַנצער שטח איהרער ווערט בעאַרבייט און ס'איז פאַרהאַן אין איהר ממש אַ שפע פון נטיעות, וואָס טראָגען פּירות. פּערעאַ, פּערקעהרט, איז אפילו אַ סך גרעסער. נאָר צום גרעסטען טייל איז זי ליידיג פון מענשען, וויסט און צו ווילד, אַז מען זאָל קאָנען דאָרט פלאַנצען איידעלע פּירות. די וויינ׳גער וויסטע און מעהר פרוכטבאַרע שטרעקעס און די טאָלען, וואָס זיינען בעפלאַנצט מיט בוימער פון פערשיידענע מינים, ווערען, על-פּי-רוב, בענוצט אויף צו פלאַנצען איילבירטען-בוימער, וויינשטעקער און פּאַלמען; זיי ווערען בעוועסערט די והותר פון בערג-טייכלעך אָדער, אויב די לעצטע טרי-קענען אויס פונ׳ם הייסען ווינט, דורך שטענדיג פליסענדע קוואַלען.

אין דער לייַנג ציהט זיך פּערעאַ פון מכוור ביז פּעלאַ; אין דער ברייט – פון פילאַדעלפיאַ (רבת-עמון) ביז צום ירדן. פּעלאַ ליגט ביים צפון-גרעניץ און דער ירדן בילדעט די מערב-גרעניץ; אין דרום-זייט גרעניצט זי זיך מיט׳ן לאַנד מואב, און אין מזרח-זייט – מיט אַראַביען, חשבון, דעם געביט פון פילאַ-דעלפיאַ און געראַסאַ.

4. דאָס לאַנד פון די שומרונים ליגט אין מיטען צווישען יהודה און גליל. עס הויבט זיך אָן ביים דאָרף גינעאַ אין גרויסען טאָל און ענדיגט זיך ביי דער געגענד פון עקרבתא. די טבע פון לאַנד איז כמעט די אייגענע, ווי פון לאַנד יהודה;ביידע לענדער זיינען רייך מיט בערג און טאָלען, גרינג צו בעאַרבייטען, פרוכטבאַר, בעזייהט מיט בוימער און פול מיט ווילדע און גע-צויגענע אויבסט. נאַטירליכע בעוועסערונג איז אין ערגיץ ניט פאַרהאַן גענוג, דערפאַר אָבער פאַלט מעהר רעגען. די פליסענדיגע וואַסערן זיינען אַלע אויס-נאַמליך זיס, און די סך קרייטיכצער, וואָס זיינען גוט פאַר פיטערונג, מאַכען די בהמות רייכער אין מילך, איידער ערגיץ וואו אַנדערש. די בעסטע ראיה דערצו, ווי גוט און פרוכטבאַר ס'זענעןביידע לענדער, איז די געדיכטקייט פון זייער בעפעלקערונג.

5. אויפ׳ן גרעניץ צווישען שומרון און יהודה ליגט דער דאָרף אַנואַת מיט׳ן צונאָמען באָרקעאָס, און דאָס איז דער גרעניץ-אָרט פון יהודה, אין צפון-זייט; דער דרומ׳דיגער ענדפונקט פונ׳ם לאַנד – אויב מען זאָל מעסטען נאָך דער לייַנג – ווערט בעצייכענט דורך אַ דאָרף, וואָס ליגט ביים גרעניץ קעגען אַראַ-ביען און וואָס די דאָרטיגע אידען רופען איהם אָן מאַרדאַס. די ברייט ציהט זיך פונ׳ם ירדן ביז יפו. פונקט אין מיטען פון לאַנד יהודה ליגט ירושלים, און דערפאַר רופען אָן אַנדערע די דאָזיגע שטאָדט ניט אונפּאַסיג דעם גאָפּעל

פון לאַנד. איבעריגענס פעהלט אויך ניט אין לאַנד יהודה די אָנגענעמליקייט, וואָס דער ים גיט, וואָרום איהר ברעג-לאַנד ציהט זיך ביז עכו.

אייגעטיילט ווערט דאָס לאַנד אין עלף קרייזען, וואָס ירושלים בעהערשט זיי פונקט אַזוי ווי אַקעניגס-שטאָדט, ווייל זי דערהויבט זיך איבער דאָס לאַנד אַרום איהר, ווי דער קאָפּ איבער'ן גוף. די איבעריגע שטעדט פערטיילען זיך אויף פאָלגענדע געביטען (טאָפּארכיעס): גופנית, עקרבתא, תמנה, לוד, עמאוס, פעלאַ, אדום, עין-גדי, הורדיום און יריחו.

ווייטערדיגע קרייז-שטעדט זיינען יבנה און יפו 1), און צולעצט קומען נאָך צו 2) די געביטען פון גמלה, גולן, בשן און טרכון, וואָס געהערען אָן צוגלייך צום קעניג אַגריפּס. אַגריפּס'עס לאַנד הויבט זיך אָן ביים באַרג לבנון און די קוואַלען פון ירדן און גרייכט אין דער ברייט ביז צום ים טבריה, און אין דער לייננג ציהט עס זיך פונ'ם דאָרף אַרפאַ ביז יוליאַס. די בעפעל-קערונג בעשטייהט פון אַ געמישעכץ פון אידען און סיריער. דאָס אַלץ איז בקצור וועגען לאַנד יהודה און זיין סביבה.

# פערטער קאַפּיטעל.

יוסף פאַלט אָן אויף צפורי, נאָר ער ווערט צוריקגעשלאָגען. — טיטוס'עס אָנקו-מען אין עכו.

1. דער הילפס-חייל, וואָס אַספּסינוס האָט געשיקט אונטער דער אָנפיה-רונג פון פּלאַקידוס'ן צו די איינוואוינער פון צפורי און וואָס איז בעשטאַנען פון 1 000 רייטער און 6 000 מאַן צו-פוס, האָט צו-ערשט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער אין גרויסען טאָל; דערנאָך האָבען זיי זיך צעטיילט: די פוס-סאָלדאַטען זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרען אַלס גאַרניזאָן אין שטאָדט גופא, און די רייטער זיינען פערבליבען אין לאַגער.ביידע אָבטיילונגען האָבען איבעריגענס געמאַכט אָנפאַלען אויף דער אַרומיגער סביבה און האָבען דורכדעם אָנגעטאָן גרויסע שאָדענס יוסף'ן און זיינע מענשען, הגם יענע האָבען זיך ניט גערירט; זיי האָבען אויסגערויבט אַלצדינג אין דער סביבה פון שטאָדט און האָבען צוריק-געטריבען די איינוואוינער, אויב זיי האָבען זיך דערוועגט אַ מאָל אַרויסצו-טרעטען.

פונדעסטוועגען האָט יוסף געמאַכט אַן אָנפאַל אויף דער שטאָדט און האָט געהאָפט, אַז ער וועט זי איינעמען, באַכדעם ווי ער אַליין האָט זי, איידער זי איז אָבגעפאַלען פון די גלילים, אַזוי שטאַרק בעפעסטיגט, אַז אפילו די רוימער וואָלט געווען שווער זי איינצונעמען. נאָר גראָד דעריבער האָט איהם

1) די דאָזיגע שטעדט האָבען אייגענטליך בעהערט ניט צו יהודה, נאָר צו סיריען (סוריה).

1) ד. ה. בכלל בעשטאַנד-טיילען פון פּאַלעסטינע.

זיין האָפענונג אָבגעגאַרט: פונקט אַזוי וויביג איז ער געווען אין שטאַנד גובר צו זיין די איינוואוינער פון צפורי איבערגעוואַלד, ווי ער האָט געקאָנט פועל'ן ביי זיי דורך גוטע רייד, זיי זאָלען אַריבער אויף זיין צד. דערפאַר אָבער האָט ער איצט געמוזט צוזעהן, ווי דער שונא האָט נאָך מיט מעהר ערביטע-רונג גע'בעלי-בת'עוועט אין לאַנד.

וואָרום אַריינגעבראַכט אין כעס איבער זיין אָנפאַל, האָבען די רוימער פערוויסט אָהן אַן אויפהער ביי טאָג און ביי נאַכט די פעלדער, בערויבט ביי די לאַנדבעוואוינער זייער האָב-און-גוטס, אויסגע'הרג'עט די צום קריג פייהיגע מענשען און פערקויפט די שוואַכערע פאַר שקלאַפען. גאַנץ גליל איז פול גע-ווען מיט מאָרד און שרפות, און עס איז ניט געווען קיין איין פלאָג און קיין איין צרה, וואָס זאָל ניט זיין געקומען איף דאָס לאַנד. וואָרום די איינ-ציגע ערטער, וואו די געיאָגטע האָבען געקאָנט געפינען שוץ, זיינען געווען די שטעדט, וואָס יוסף האָט בעפעסטיגט.

2. דערווייל איז טיטוס גיכער, ווי מען האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטען איבער דער ווינטערס-צייט, אַריבערגעפאָהרען פון אכאיא קיין אלכסנדריה און האָט איבערגענומען דעם חייל, וואָס ער האָט בעדאַרפט אָבנעמען. אין גיכע מאַרשען האָט ער באַלד דערגרייכט ביז עכו, וואו ער האָט זיך צונויפגעטראָ-פען מיט זיין פאָטער און האָט פעראייניגט די צוויי אויסגעצייכענטע לעגיאָנען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט — דעם פינפטען און דעם צעהנטען — מיט דעם פופצעהנטען, וואָס אַספּסיַנוס האָט איהם אָנגעפיהרט. דערצו זיינען צוגעקומען נאָך אַנדערע 18 קאָהאָרטעס, און חוץ דעם האָבען זיך איינגעפונען 5 קאָהאָר-טעס פון קיסריה מיט אַ רייטער-אָבטיילונג און נאָך 5 אַנדערע אָבטיילונגען, וואָס זיינען בעשטאַנען פון סירישע רייטער. צעהן פון די קאָהאָרטעס האָבען געהאַט צו 1 000 מאַן, די איבעריגע 13 צו 600 מאַן צו-פוס, די רייטער-אָבטיילונגען צו 120 מאַן.

ווייטער האָבען די מלכים געבראַכט אַ צאָהלרייכען חייל: אַנטיוכוס, אַגריפס און סאָעמוס האָבען איטליכער צוגעשטעלט אַנערך 2 000 בויגענשי-סערס צו-פוס און 1 000 רייטער, און דער אַראַבער מאַלכוס האָט געשיקט 1 000 רייטער מיט 5 000 מאַן פוס-סאָלדאַטען, ס'רוב בויגענשיסערס, אַזוי אַז דער גאַנצער חייל, איינגערעכנט מיט די קיניגליכע סאָלדאַטען, איז בעשטאַנען פון אַן ערך 60 000 מאַן צו-פוס און אויף פערד

ניט מיטגערעכענט זיינען דערביי די בעדי'ענטע, וואָס זיינען געווען אין אַ גרויסער צאָהל, הגם אויך זיי קאָן מען צורעכענען צום קריגספייהיגען חייל, מחמת זיי האָבען אויך אַ געניטקייט אין דער מלחמה. וואָרום אין שלום-צייטען מאַכען די דיענער די זעלביגע איבונגען, וואָס זייערע בעלי-בתים, און אין קריגען שטייהען זיי אויס די אייגענע סכנות, גלייך מיט זיי, אַזוי אַז בנוגע צו זייער קערפּער-קראַפט און געניטקייט שטייהען העכער פאַר זיי נאָר זייערע בעלי-בתים.



דער ים כנרת

# פינפטער קאפיטעל.

שילדערונג פון דער אָרדנונג אין רוימישען חייל און לאַגער.

1. ס'איז נשתומם צו ווערען איבער דער קלוגשאַפט פון די רוימער שוין אין דעם פּרט, וואָס זיי האָבען פערשטאַנען אויסצונוצען די שקלאַפען ניט בלויז פאַר'ן דיענסט פון טעגליכען לעבען, נאָר אויך פאַר די קריג, נאָר אויב מען זאָל אַקוק טון בכלל אויף דער אָרדענונג פון זייער חייל, וועט מען ערשט רעכט פערשטייהן, אַז זיי האָבען צו פערדאַנקען זייער הערשאַפט איבער זייער גרויסער מלוכה נאָר זייער אייגענעם כח און זיי בעדאַרפען עס ניט בעטראַכטען פאַר אַ מתנה פון גליק, וואָרום זיי הייבען זיך אָן לערנען, ווי צו בעגייהן זיך מיט געוועהר, ניט ערשט אין צייטען פון מלחמה, אויך דערלאָזען זיי ניט, עס זאָלען אָנקומען די טעג פון נויט, איידער זיי ריהרען זייערע הענד, נאָר זיי לעבען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געבאָרען און אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין האָפען. זיי איבען זיך שטענדיג און וואַרטען ניט אָב, ביז עס ועלען קומען בעשטימטע צייטען דערצו. ביי זייערע איבונגען ווייזען זיי אַרויס די זעלביגע שטרייִנגע ערנסקייט, ווי אין אַנ'אמת'ען געשלעג, און אַלע טאָג מוז איטליכער סאָלדאַט טון זיין דיענסט געטרי פונקט ווי אין דער מלחמה. דערפאַר קומט עס, וואָס זיי געווינען אַזוי גרינג שלאַכטען. וואָרום ניט קיין צעטומלעניש קאָן פונאַנדערדרייסען זייער געוויינטע שלאַכט-אָרדנונג, ניט קיין שרעק קאָן זיי אַרויסברייִנגען פון געדולד, ניט קיין שום אָנשטריינגונג קאָן זיי איינמידען. דעריבער איז שטענדיג זיכער פאַר זיי דער נצחון איבער די יעניגע, דאָס זיינען ניט גאָר גלייך צו זיי אין יענע פרטים. גאַנץ ריכטיג וואָלט מען געקאָנט אָנרופען זייערע איבונגען אומבלוטיגע שלאַכטען, זייערע שלאַכטען — בלוטיגע איבונג.

אויך דורך אַ פלוצלונגדיגען אָנפאַל קאָן דער שונא גאָרנישט ניט אויפטון קעגען זיי. וואָרום אַז זיי זיינען אַריינגעדרונגען אין'ם שונא'ס לאַנד, לאָזען זיי זיך ניט פריהער אַריין אין שלאַכט, איידער זיי האָבען אויפגעשלאָגען אַ פעסטען לאַגער. דעם לאַגער שטעלען זיי ניט אויף אַבי-וואו און אין אַ ניט-רעגעלמעסיגער פאָרם, נאָר אַזוי, אַז אַלע מיט אַנאַנד אַרבייטען דערביי. אויב דער פלאַץ איז ניט גלייך, ווערט ער צוערשט גלייך געמאַכט, און דערנאָך ווערט אָבגעגרעניצט אַ פיערקאַנטיגער שטח פאַר'ן לאַגער. דערנאָך נעמען זיך פאַר דער אַרבייט די בעלי-מלכות מיט די נויטיגע בויגעצייג.

2. דער אינעוויינ־יגסטער שטח ווערט פערנומען מיט געצעלטען; דער אויסוויינ־יגסטער צאַם זעהט אויס ווי אַ מויער און אין גלייכע אָבשטאַנדען זיינען אַוועקגעשטעלט טורעמס. צווישען די טורעמס שטעלען זיי אַוועק גיכע וואָרפמאַשינען, קאַטאַפולטען, באַליסטען און אַנדערע שליידער-געצייג — אַלע גרייט צום שיסען. פיער טויערן זיינען געבויט אין די וואַלען, צו איינעם אין איטליכער זייט; אַלע זיינען בעקוועם פאַר'ן דורכגייהן פון משא-בהמות זו

ברייט געגוג, אז מען זאל קאנען מאכען אויספאלען ווען עס איז נויטיג. אינעוויניג איז דער פלאץ פונ'ם לאגער צעטיילט רעגעלמעסיג אויף פיער טיילען. אין מיטען שטייהען די געצעלטען פון די פיהרער, און אין מיטען צווישען זיי דערהויבט זיך דער געצעלט פונ'ם אויבערשטען קריגספיהרער, פונקט ווי א טעמפעל. דער איבעריגער שטח זעהט אויס כמעט ווי א שטאדט, וואס איז פלוצלונג אוועקגעשטעלט געווארען, מיט א מין מארק-פלאץ, א פלאץ פאר בעלי-מלאכות און ריכטער-שטולען פאר די הויפטלייט, וואו זיי משפט'ען פערשיידענע פראצעסען, וואס קאנען פארקומען. די בעפעסטיגונג ארום און ארום און די גאנצע אינעווייניגסטע איינריכטונג ווערט איבעריגענס אויסגעפיהרט פון א סך געשיקטע ארבייטער מיט דער גיכקייט פון א געדאנק. אין פאל פון א נויט קומט נאך צו דערצו א גראבען, וואס ווערט געצויגען ביי דער אויסווייניגסטער זייט פון וואל 4 איילען אין דער טיעף און פונקט אזוי פיעל אין דער ברייט.

3. ווי נאר די בעפעסטיגונגען זיינען פארטיג, אזוי לאגערען זיך די סאלדאטען אין רוהה און ארדענונג אין די געצעלטען. אויך אלע איבעריגע ארבייטען טוען זיי אב מיט דער אייגענער רעגעלמעסיגקייט און פינקטליכקייט: האלץ טראגען, ברייגגען די נויטיגע פראוויאנט און ברייגגען וואסער טוט שטענדיג די אבטיילונג, וואס איהר צייט איז געקומען. ווייטער טאר קיינער ניט עסען אנבייסען אדער ווארימעס, ווען איהם איז עס געפעלען, נאר אלע מוזען עס טון אין איין צייט. א טרומייט גיט א סיגנאל, ווען צו לייגען זיך שלאפען, ווען צו זיין וואך און ווען אויפצושטייהן. קיין זאך ווערט ניט געטאן אהן א קאמאנדע. בעגינען קומען אלע סאלדאטען צו די צענטוריאנען, בכדי זיי צו בעגריסען, און די לעצטע גייהען צו די טריבונען, און דערנאך גייהען אלע אפיצירען צוליעב דעם אייגענעם צוועק צום אויבערשטען קאמאנדיר. דער לעצטער גיט זיי איבער' כנהוג דעם פאראל און אלע איבעריגע בעפעהלען, בכדי זיי זאלען זיי צו וויסען געבען זייערע אונטערגעבענע. דאס לעצטע היטען זיי אב אויך אין שלאכט, און דורכדעם ווערט פאר זיי מעגליך אויסצופיהרען אין געדיכטע מאסען גיכע בעוועגונגען צום אנפאלען אדער צום אבטרעטען, לויט ווי עס פאדערט דער מאמענט.

4. אויב מען בעדארף פערלאזען דעם לאגער, ערקלינגט א סיגנאל פון א טרומייט. דעמאלט בלייבט קיינער ניט זיצען אהן ארבייט. אויפ'ן ערשטען וואונק ווערען אבגעבראכען די געצעלטען און אלצדינג צוגעגרייט צום ארויסטרעטען. נאך אמאל גיט דער טרומייט א צייכען, אז מען זאל זיך צוגרייטען. געשווינד לאדען ארויף די סאלדאטען די געפעק אויף די מוילאייזלען און די איבעריגע משא-בהמות און בלייבען שטייהן דערנאך גרייט אבצומארשירען, ווי די וועטלויפערס הינטער'ן שטריך. דערנאך צינדען זיי אונטער די בעפעסטיגונגען, ווארום, ערשטענס, קאנען זיי גרינג אויפ'ן ארט פונ'ם לאגער אויפבויען מיט ווינציג מיה אן אנדערן, און צווייטענס, בכדי דער פיינד זאל ניט קאנען אויסנוצען זיי צוליעב זיין אייגענער טובה וועגען. א דריטער סיגנאל פינ'ם טרומייט זאגט אן, מען זאל אבמארשירען, און שטופט אונטער די, וואס

האָבען זיך פערזאַמט איבער וואַסער עס איז טעם, בכדי קיינער זאָל ניט פעהלען אויף זיין פּלאַץ. דעמאָלט פרעגט דער אויסרופער, וואָס שטייהט ביי דער רעכטער האַנד פונ'ם אויבערשטען קריגס-פיהרער, דריי מאָל אין רוימישער שפּראַך, צי זיינען אַלע גרייט צום קאַמף. צום ענטפער רופען אויס די סאָלדאַטען אויך אַזויפיעל מאָל הויך און פרייהליך: יע. אָפטמאָלס וואַרטען זיי גאָרניט אויף דער פראַגע, נאָר זיי הויבען אויף זייער רעכטע האַנד און לאָזען אַרויס אין קריגערישער בעגייסטערונג אַ געשריי, וואָס קלינגט ווייט.

5. דערנאָך טרעטען זיי אַרויס און גייהען רוהיג און אין דער גרעסטער אָרדענונג זייער וועג. איטליכער פערנעמט זיין פּלאַץ אין דער רייה, פונקט ווי אין שלאַכט. די פוס-סאָלדאַטען זיינען בעוואָפענט מיט אַ פּאַנצער אַרום דער ברוסט און מיט אַ קיווער און האָבען ביי ביידע זייטען אַ שנייד-געוועהר; דער שווערד ביי דער לינקער זייט איז בעדייטענד לייגנער פאַר'ן געוועהר ביי דער רעכטער זייט, וואָס בעשטייהט בלויז פון אַ דאָלך פון אַ שפּאַן די לייגג. די אויסגעקליבענע סאָלדאַטען, וואָס געפינען זיך נאָהענט ביים אויבערשטען אָנפיהרער, האָבען לאַנגע שפּיזען און קיילעכדיגע שילדען, די איבעריגע פוס-סאָלדאַטען טראָגען קורצע שפּיזען און לייגגליכע שילדען, אַ זעג, אַ קאָרב, אַ לאָפּעטע און אַ האַק, חוץ דעם נאָך רימענס, שניידמעסערס, אַ קייט און פּראָוויאַנט אויף דריי טעג, אַזוי אַז די פוסגייהער האָבען כמעט אַזוי פיל צו טראָגען, ווי די משא-בהמות. די רייטער האָבען ביי דער רעכטער זייט אַ לאַנגען שווערד, אין האַנד אַ קורצען שפּיז; ביי זייט פון פערד הייגגט אין דער קווער אַ לייגגליכער שילד; אין פיילען-בייטעל האָבען זיי דריי אָדער מעהר וואָרפשפּיזען מיט אַ ברייטען שפּיץ. דער קיווער און פּאַנצער זיינען די זעלביגע ווי ביי די פוס-סאָלדאַטען. די אויסגעקליבענע רייטער נעבען דעם קריגס-פיהרער האָבען ניט קיין אַנדער געוועהר, ווי די רייטער אין די אָבטיילונגען. דעם פאָדערשטען טייל פון חייל פערנעמט שטענדיג יענער לעגיאָן, וואָס ווערט בעשטימט דערצו על-פּי גורל.

6. אַזוי האַלטען זיך די רוימער אויפ'ן מאַרש, אין לאַגער און מיט די פערשיידענע מינים וואָפען. וואָס איז שייך צו די שלאַכטען, איז קומט קיין זאַך ניט פאָר, וואָס זאָל ניט זיין אַרומגעקלערט, נאָר אַלצדינג ווערט געטאָן לויט אַ פאָראויס בעשטימטען פּלאַן. פערקעהרט, טאָמער ווערט אָנגענומען אַ געוויסע החלטה, ווערט זי אויך תיכף אויסגעפיהרט. דעריבער מאַכען זיי כמעט ניט קיין טעות'ען, און איטליכער ניט-איינגעגעבענער שריט ווערט באַלד פערריכט. אַן אומגליק, וואָס איז דער פועל-יוצא פון אַ פאָראויס בעשטימטען פּלאַן, איז זיי מעהר ניחא, איידער אַ גליק, וואָס דער צופאַל האָט זיי פערשאַפט, ווארום זיי האַלטען, אַז אַזאַ ערפאָלג, וואָס איז געקומען אָהן דעם מיטווירקען פונ'ם פעראינטערעסירטען, פיהרט צו אומפאָרזיכטיגקייט, אין דער צייט וואָס אַ שכל'דיגער אַרומגעקלערטער פּלאַן, הגם עס טרעפט אַמאָל, אַז ער גיט זיך ניט איין, ברייגגט ער דאָך מיט זיך די איידעלע שטרעבונג צו פערהיטען פון קומענדיגע מפּלות. אויך זייגען די צופעליגע ערפאָלגען ניט די אויפטו-

צוצען פון דעם, וועמען זיי בריינגען נוצען. פערקעהרט, טרויעריגע געשעהענישען, וואָס קומען אָן קעגען אַלע בערעכנונגען, גיבען לכל הפחות די נחמה, אַז מען האָט ווי געהעריג זיך בעטראַכט.

7. מיט זייערע קריגס-איבונגען ווילען זיי שטאַרקען סיי דעם קערפּער, סיי דעם גייסט. אַ ווייטערדיגער מיטעל אויף איינצוהאַלטען די דיסציפּלין איז די אָבשרעקונג. וואָרום לויט זייערע געזעצען ווערט בעשטראָפט מיט טויט ניט בלויז דער, וואָס איז אַנטלאָפען פון קריגס-דיענסט, נאָר אַ זעלכע, וואָס טוען אָב קלענערע חטאים. נאָך נאָך שרעקליכער, איידער די געזעצען, זיינען די שטראָפען, וואָס די איבערשטע קריגס-פיהרער לייגען אַרויף; די לעצטע קאָנען בעווייזען, אַז זיי בעגייהען זיך ניט צו אכזריות'דיג מיט די, וואָס פערדיענען אַ שטראָף, בלויז דורכדעם, וואָס זיי גיבען די מוטיגע גרויסע בעלוינונגען. די געהאָרכזאַמקייט בנוגע צו די פיהרער איז אַזוי גרויס, אַז דער גאַנצער חייל האָט אין צייטען פון שלום דעם אויסזעהען פון אַ פּאַראַד, אין דער שלאַכט אָבער זעהט ער אויס, ווי איין גוף — אַזוי פעסט צונויפגעגאָסען זיינען די רייהען, אַזוי אָנגעשטריינגט זייגען די אויערן אויף צו הערען די בעפעהלען, די אויגען אויף צו זעהן די וואונקען, אַזוי זיינען די הענד אָנגעגרייט אויף צו טון. דעריבער זיינען די רוימישע סאָלדאַטען שטענדיג מוכן ומזומן צו טון, וואָס מען וועט זיי הייסען, און ס'איז זייהר שווער אַריינצובריינגען זיי אין אַ געדריקטער לאַגע. וויבאַלד אַז זיי שטייהען אין שלאַכט-אָרדענונג, טרעטען זיי שוין ניט אָב ניט פאַר דער גרעסטער צאָהל פון די שונאים, ניט פאַר אַ קריגס-קונץ, ניט פאַר דער שוועריגקייט פונ'ם פּלאַץ, ניט אַפילו דאַן, בשעת דער גליק ווענדט זיך אָב פון זיי; וואָרום זיי גלויבען אין נצחון פעסטער, ווי אין גליק.

טאָ וואָס איז דער וואונדער, אַז אַזאַ פאָלק, וואָס קלערט ערשט שטענדיג, איידער עס טוט עפּיס, און וואָס היגטער זיינע בעשלוסען שטייהט שטענדיג אַ חייל, אָנגעגרייט צום שלאַכט, — אַז אַזאַ פאָלק האָט אַלס גרעניצען פון זיין מלוכה אין מזרח-זייט דעם פּרת, אין מערב-זייט דעם ים-אוקינוס, אין דרום-זייט די וויסטע פעלדער פון ליביען, אין צפון-זייט דעם דאָנוי און דעם ריין? מען קאָן נאָך זאָגען מיט רעכט, אַז דער אייגענס איז נאָך אַלץ קלענער, איידער די בעלי-בתים פערדיענען דאָס.

8. מיט דער דאָזיגער שילדערונג בין איך, איבעריגענס, אויסען ניט אַזוי אַ לויבען די רוימער, ווי צו טרייסטען די אונטערוואָרפענע און בריינגען צו אַנדערע געדאַנקען די, וואָס גלוסטען מורד צו זיין. אפשר קאָן אויך די איינריכטונג פונ'ם רוימישען חייל דיענען פאַר אַ מוסטער די יעניגע, וואָס ווייסען צו שאַצען דאָס, וואָס איז גוט, אָבער זיי פערשטייהען עס ניט ווי געהעריג צו טון. נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָבגעווענדט אָן אַ זייט, וויל איך ווייטער זיך אומקעהרען צו מיין ענין.

# זעקסטער קאפּיטעל.

פּלאַקידוס ווערט צוריקגעשלאָגען פון יודפת. — אספּסינוס פאַלט אריין אין גליל.

1. צוערשט האָט אַספּסינוס מיט זיין זוהן טיטוס זיך אויפגעהאַלטען אין עכּו און האָט געבראַכט אין אָרדענונג זיין חייל. דערווייל איז פּלאַקידוס דורכגעגאַנגען דורך גליל, וואו ער האָט געלאָזט חאַפּען און טויטען אַ סך אַיינוואוינער. ס׳פערשטייהט זיך, אַז דאָס איז געווען דער שוואַכערער טייל פון די גלילים, וואָס האָבען געהאַט אָנגעוואָהרען דעם מוט. וואָרום די מענשען, וואָס זיינען געווען פייהיג צום קריג, פלעגען איטליכס מאָל, ווי פּלאַקידוס האָט גאַנץ גוט בעמערקט, אַנטלויפען אין די שטעדט, וואָס יוסף האָט בעפעסטיגט. דעריבער איז ער אַרויסגעטראָטען קעגען די בעפעסטיגסטע פון די דאָזיגע שטעדט, יודפת. ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט זי קאָנען גרינג אַיינגעמען אומגעריכטערהייד, דורכדעם וועט ער זיך מאַכען אַ שם ביי ביידע אויבערשטע קריגסאָנפיהרערס און וועט קאָנען טון זיי אַ בעדייטענדע טובה צוליעב ווייטער פיהרען די מלחמה. וואָרום ער האָט געמיינט, אַז באַלד ווי עס וועט פאַלען די שטאַרקסטע פעסטונג, וועלען די איבעריגע שטעדט זיך אונטערגעבען אַליין אויס מורא.

נאָר ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָט זיין האָפענונג איהם אָבגענאַרט. וואָרום די אַיינוואוינער פון יודפת זיינען געוואָהר געוואָרען, אַז ער דערנעהענטערט זיך, און האָבען איהם אָבגעוואַרט פאַר׳ן שטאָדט. זייענדיג זיך בעוואוסט, אַז זיי קעמפען פאַר׳ן פאָטערלאַנד, וואָס געפינט זיך אין סכנה, און פאַר ווייב און קינדער, זיינען זיי אין אַ גרויסער צאָהל מוטיג אָנגעפאַלען אומגעריכטערהייד אויף די רוימער. אין אַ קורצער צייט האָבען זיי די לעצטע צוריקגעטריבען און פערוואונדעט אַ סך פון זיי. פונדעסטוועגען האָט זיך זיי ניט אַיינגעגעבען צו טויטען מעהר פון זיבען רוימער, ווייל די שונאים זיינען אָבגעטראָטען אין דער גרעסטער אָרדענונג, דערצו זיינען די שווערדען ניט אַריינגעדרונגען צו טיעף אין די קערפּערס פון די רוימער, וואָס זיינען געווען פון אַלע זייטען גוט געשיצט, און די גרינג בעוואָפענטע אידען האָבען זיך ניט דערוועגט אָנצופאַלען אויף זייערע שווער בעוואָפענטע שונאים פון דערנאָהענט, נאָר מעהר ניט פון דערווייטענס האָבען זיי געשאָסען אויף זיי. מצד די אידען האָט דער אָנוועהר בעטראָפען דריי טויטע און ווינציג פערוואונדעטע. פּלאַקידוס האָט זיך בכן איבערצייגט, אַז ער איז צו שוואַך אויף אָנצופאַלען אויף דער שטאָדט, און האָט זיך געלאָזט לויפען.

2. דעמאָלט האָט אַספּסינוס בעשלאָסען אַליין אַריינצופאַלען אין גליל, און האָט זיך דעריבער געלאָזט גייהן פון עכּו און געלאָזט אַרויסמאַרשירען דעם חייל לויט׳ן רוימישען מנהג. אַפריהער האָט ער געשיקט די לייכט בעוואָפענטע הילפס-סאָלדאַטען און די בויגענשיסערס, וואָס האָבען בעדאַרפט צוריקשלאָגען אומגעריכטע אָנפאַלען פון די פיינד און דורכזוכען חשוד׳יגע

וועלדער, וואָס זיינען פאַסיג פאַר לויערן. נאָך זיי איז געגאַנגען אַן אָבטיילונג רוימישע שווער בעוואָפענטע, רייטער און פוסגייהער, און נאָך זיי צו צעהן מאַן פון איטליכער צענטוריע, וואָס האָבען געטראָגען, חוץ זי׳ער אייגענע געפּעק, נאָך די געצייג צו בויען דעם לאַגער. דערנאָך זיינען געגאַנגען די וועגען־אַרבייטער, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען אָבצוגראָבען בערגלעך אויף׳ן ברייטען וועג, אויסצוגלייכען אַזעלכע שטרעקעס, וואו עס איז שווער צו גייהן און צו דערוייטערן בוימלעך, וואָס האָבען געשטערט ביים גאַנג, בכדי דער חייל זאָל זיך ניט איינמאַטערן, מחמת עס איז איהם צו שווער צו מאַרשירען. נאָך זיי האָט מען געפיהרט די געפּעק פונ׳ם אויבערשטען קאָמאַנדיר און פון די אונטערגעגעבענע קריגס־הויפטלייט אונטער׳ן שוץ פון אַ גרויסער אָבטיילונג רייטער, און דערנאָך איז ער אַליין געריטען, און נאָך איהם די אויסגעקליבענע פוס־סאָלדאַטען, רייטער און שפּיזען־טרעגער. דערנאָך זיינען געריטען די רייטער, וואָס זיינען צוגעטיילט צו איטליכען לעגיאָן בעזונדער צו 120 מאַן, ווייטער די מוילאייזלען מיט די בעוועגליכע טורעמס און די איבעריגע בעלעגערונגס־מאַשינעס; דערנאָך די לעגאַטען, די קאָמאַנדירען פון די קאָהאָרטעס און די טריבונען, אַרומגערינגעלט מיט די אויסגעקליבענע מענשען. נאָך זיי האָט מען געטראָגען די פעהנדלעך און אין מיטען זיי דעם אָדלער, וואָס גייהט ביי די רוימער אָן דער שפּיץ פון איטליכען לעגיאָן. אַלס אַ מלך פון די פויגלען און דער שטאַרקסטער צווישען זיי, דיענט ער ביי די רוימער פאַר אַ סימבאָל פון הערשאַפט, און עס דוכט זיך זיי, אַז ער זאָגט זיי אָן דעם נצחון איבער איטליכען שונא, קעגען וועלכען זיי טרעטען אַרויס אין מלחמה. נאָך די דאָזיגע הייליגטימער זיינען געגאַנגען די טרומייטען־בלאָזער, און ערשט דערנאָך איז געגאַנגען די הויפט־מאַסע פונ׳ם חייל אין שורות פון 6 מאַן אין דער ברייט, בעלייט פון אַ צענטוריע, וואָס האָט בעדאַרפט לויט׳ן מנהג השגחה־געבען אויף דער אָרדענונג. באַלד הינטער די פוס־סאָלדאַטען זיינען געגאַנגען די דיענער פון איטליכען לעגיאָן מיט׳ן געפּעק פון די סאָלדאַטען, וואָס איז געוואָרען געפיהרט אויף משא־בהמות, און הינטער אַלע לעגיאָנען האָט מאַרשירט דער חייל פון געדונגענע זעלנער, און הינטער זיי איז נאָך צוליעב זיכערקייט געגאַנגען די הינטערשטע אָבטיילונג, וואָס איז בעשטאַנען פון גרינג און שווער בעוואָפענטע, ווי אויך פון אַ סך רייטער.

3. אויף אַזאַ אופן האָט מאַרשירט אַספּסינוס מיט זיין חייל און איז באַלד אָנגעקומען ביי די גרעניצען פון גליל, וואו ער האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער. דערוויל האָט ער נאָך איינגעהאַלטען זיינע סאָלדאַטען, וואָס האָבען געהאַט חשק זיך צו לאָזען תיכף אין דער מלחמה. ערשטענס האָט ער געוואָלט אַרייניאָגען שרעק די פיינד דורכדעם, וואָס ער וועט זיי בעווייזען זיין גאַנצען חייל, און צווייטענס, בכדי צו לאָזען זיי צייט, איידער דער עצם קאַמף וועט זיך אָנהויבען, זיך מיישב צו זיין און אומצובייטען זייער מיינונג. אין דערזעלביגער צייט האָט ער אָבער שוין געמאַכט הכנות אויף אָנצופאַלען אויף די פעסטונגען.

אין דער אמת'ען האָט טאַקע דער אָנקומען פונ'ם אויבערשטען קריגס־פיהרער געבראַכט אַ סך פון די מורדים אויף אַנדערע געדאַנקען; אָבער שרעק האָט ער אין זיי אַלעמען אַיינגעפליסט. די אידען, וואָס האָבען אונטער יוסף'ס קאָמאַנדע געלאַגערט ניט ווייט פון צפורי ביי אַ שטאָדט מיט'ן נאָמען גאַריס —ווי נאָר זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז דער קריג האָט זיך נעהענטער צו־גערוקט צו זיי, און אַז די רוימער זיינען שוין מוכן ומזומן מיט זיי אַריינ־צוטרעטען אין אַ געשלעג, זיינען זיי באַלד פונאַנדערגעלאָפען זיך אין אַלע זייטען, ניט דערוועגענדיג זיך אַריינצוטרעטען אין קאַמף און אפילו ניט האָבענ־דיג געזעהן קיין פיינד אין די אויגען. יוסף, ביי וועמען עס זיינען פערבלי־בען נאָר ווינציג פון זיינע מענשען, האָט גוט איינגעזעהן, אַז מיט אַט דער ביסעל וועט ער ניט קאָנען אַרויסטרעטען קעגען די פיינד, און היות ווי ער האָט בעמערקט, ווי זייהר עס איז געפאַלען דער מוט ביי די אידען און ווי דער גרעסטער טייל פון זיי וואָלט גערן געוועזען אויסצושטרעקען די האַנד צו מאַכען אַ פשרה, אויב זיי וואָלטען געקאָנט רעכענען, אַז מען וועט האָבען צו זיי צוטרוי, — דעריבער איז זיין הארץ פול געוואָרען מיט גרויסער זאָרג איבער דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה און ער האָט בעשלאָסען פאַר דעם אויגענבליק אַזוי ווייט ווי מעגליך אויסצומיידען די סכנה און איז אַנטלאָפען געוואָרען מיט די, וואָס זיינען איהם נאָך געבליבען געטריי, קיין טבריה.

# זיבעטער קאַפּיטעל.

יודפת ווערט בעלעגערט און איינגענומען

1. אַספּסינוס איז אָנגעפאַלען אויף דער שטאָדט גבּרה און האָט זי איינ־גענומען ביים ערשטען פּרוב, ווייל ער האָט זי געפונען פערלאָזען פון אַלע קריגספייהיגע מענשען. באַלד ווי ער איז אַריינגעטראָטען, האָט ער געלאָזט אויסקוילען אַלעמען אָהן אונטערשייד פון עלטער; וואָרום אין זייער שנאה צו די אידען און געדיינקענדיג דאָס, וואָס קיסטיוס האָט געמוזט אויסשטייהן, האָ־בען די רוימער פון קיין רחמנות ניט געוואָלט וויסען. דערנאָך האָט ער גע־הייסען אונטערצינדען ניט בלויז די שטאָדט, נאָר אויך די דערפער און שטעדט־לעך אין דער סביבה. די לעצטע האָט מען געפונען על־פּי רוב אינגאַנצען ליידיג פון מענשען און בלויז אין עטליכע פון זיי זיינען די איינוואוינער געבליבען, און אַלע זיינען זיי פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַפען.

2. אין דער שטאָדט, וואָס יוסף האָט אויסגעקליבען אויף צו בעהאַלטען זיך דאָרט, האָט זיין אָנקומען אַלס אַנטלאָפענער אַרויסגערופען אַ מורא'דיגע שרעק. וואָרום די איינוואוינער פון טבריה זיינען געוועזען איבערצייגט, אַז ער וואָלט בשום אופן ניט אַנטלאָפען געוואָרען, אויב ער וואָלט זיך ניט אינגאַנ־צען מיאש געוועזען אינ'ם גליקליכען סוף פון דער מלחמה.

אין דעם דאָזיגען פּרט האָבען זיי באמת טאַקע געטראָפען זיין מיינונג. וואָרום ער האָט גוט פערשטאַנען, וואוהין ס'וועט סוף-כל-סוף פיהרען דער אויפטו פון די אידען, און האָט איינגעזעהן, אַז פאַר זיי איז קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ, ווי מיט'ן גוטען ווילען זיך אונטערצוגעבען. הגם ער גופא האָט געקאָנט האָפען, אַז די רוימער וועלען איהם מוחל זיין, פונדעסטוועגען האָט ער בעסער געוואָלט הונדערט מאָל שטאַרבען, איידער בוגד צו זיין קעגען זיין פאָטערלאַנד און בעשמוצען די ווערדע פון דער אָנפיהרערשאַפט, וואָס מען האָט איהם געטרויט, בכדי דורכדעם צו זוכען זיין גליק ביי די יעניגע, וואָס ער איז געשיקט געוואָרען קעגען זיי צו קעמפען. דעריבער האָט ער בעשלאָסען געגוי מודיע צו זיין וועגען דעם מצב די אָנפיהרער פון דער מרידה אין ירושלים, בכדי פון איין זייט זאָל מען שפּעטער איהם ניט בעשולדיגען אין שרעקעדיגקייט, ווייל ער האָט געשילדערט בלשון גוזמא דעם שונא'ס שטאַרקייט, און בכדי ניט אויפצומונטערן די יעניגע, וואָס האָבען שוין געהאַט בדעה צו האָבען חרטה, דורכדעם וואָס ער וועט אָבשוואַכען דעם רושם. בכן האָט ער געשריבען, אַז אויב מען וויל זיך אַיינלאָזען אויף אַ פשרה, זאָל מען איהם תיכף-ומיד ענטפערן; טאָמער-זשע האָט מען בעשלאָסען צו פיהרען קריג, טאָ זאָל מען איהם שיקען אַ חייל, בכדי ער זאָל קאָנען אַרויסטרעטען אין שטרייט קעגען די רוימער. דעם דאָזיגען בריעף האָט ער וואָס צום גיכסטען געלאָזט ברייגגען דורך שלוחים קיין ירושלים.

3. היות ווי אַספּסינוס האָט זיך דערוואוסט, אַז דער גרעסטער רוב פון די פיינד איז אַנטלאָפען געוואָרען קיין יודפת, און חוץ דעם האָט ער אַיינגעזעהן, אַז די דאָזיגע שטאָדט איז אַ פעסטער שטיצפונקט פאַר זיי, דעריבער האָט ער בעשלאָסען צו צעשטערן די שטאָדט. צוערשט האָט ער געשיקט פוס-פאָלק און רייטער פאָראויס, בכדי אויסצוגלייכען דעם שטיינערדיגען ערדבאָדען, וואָס פאַר פוסגייהער איז שווער אויף איהם צו גייהן און פאַר רייטער אינגאַנצען אוממעגליך זיך דורכצושלאָגען. אין פיער טעג האָבען די דאָזיגע סאָלדאַטען אויסגעפיהרט זייער אַרבייט און געעפענט פאַר'ן חייל אַ ברייטען וועג.

אויפ'ן פינפטען טאָג, דאָס איז 21 טעג אין אייר, איז יוסף אָנגעקומען פון טבריה אין יודפת און האָט דורך זיין קומען ווידער אויפגעריכט דעם געפאַלענעם מוט פון די אידען. אַספּסינוס'ן האָט אַן איבערלויפער געבראַכט די אָנגענעמע בשורה, אַז יוסף איז אָנגעקומען אין יודפת, און האָט איהם געגעבען אַן עצה ער זאָל וואָס גיכער אַרויסטרעטען קעגען דער דאָזיגער שטאָדט; וואָרום אַז ער וועט זי איינגעמען, וועט ער האָבען שוין איינגענומען גאַנץ יהודה, וויבאַלד עס וועט זיך איהם איינגעבען אַריינצוחאַפּען יוסף'ן. דער קריגס-פיהרער האָט אויפגענומען די דאָזיגע ידיעה, ווי אַ בשורה פון זייהר אַ גרויסען גליק. ער האָט עס געהאַלטען פאַר אַ געטליכע השגחה, אַז גראָד דער פון זיינע פיינד, וואָס האָט געהאַט אַ שם פון אַ בעזונדערס קלוגען מענשען, איז מיט'ן גוטען ווילען אַריינגעפאַלען אין פאַסטקע; און דעריבער האָט ער תיכף געשיקט פּלאַקידוס'ן און אויך דעם דעקוריאָ עבוקיוס'ן, וואָס האָט זיך אויסגע-

ציי־כענט דורך זיין מוט און קלוגשאפט, מיט 1000 רייטער, בכדי איינצושלי־סען די שטאָדט און דורכדעם ניט צו דערלאָזען, אז יוסף זאָל בעהאלטענער־הייד אנטלויפען.

4. אויפ׳ן אנדער׳ן טאָג איז ער אליין ארויסגעטראָטען בראש פון זיין גאנצען חייל און אין אָבענד איז ער אָנגעקומען ביי יודפת. אין צפון־זייט פון דער שטאָדט, אויף א בערגיל, וואָס איז אָבגעשטאַנען פון איהר אויף א מהלך פון זיבען סטאַדיעס, האָט ער זיך געלעגערט מיט זיין חייל, ווייל ער האָט געוואָלט זיך וואָס מעהר דערנעהענטערן צו די פיינד, בכדי זיי זאָלען איהם זעהען און בעקומען מורא. דאָס האָט איהם זיך טאַקע באַלד איינגעגעבען אין אזא מאָס, אז קיין איד האָט זיך ניט דערוועגט ארויסצוגייהן איבער׳ן די מויערן. איבעריגענס האָבען די רוימער גאָרניט געהאַט בדעה תיכף אָנצופאַלען, ווייל א גאנצען טאָג האָבען זיי מאַרשירט. זיי האָבען זיך מ״הר ניט בעגענוגענט דערמיט, וואָס זיי האָבען ארומגערינגעלט די שטאָדט מיט אצווייענדיגער קייט פון סאָלדאַטען און געבילדעט פון אויסוויינ׳ג נאָך א דריטע קייט מיט דער רייטעריי, בכדי צו פערשפּאַרען פאַר די איינוואוינער איטליכען אויסוועג.

נאָר גראָד דורכדעם זיינען די אידען געוואָרען אויפגעוועקט צו מוט, ווייל איצט האָבען זיי שוין ניט געקאָנט טראַכטען וועגען אנטרונען ווערען. דאָרום קיין זאַך מאַכט ניט אין קריג אזוי קאַמפּס־מוטיג, ווי די נויט.

5. דעם אנדערן טאָג איז פאָרגעקומען דער אָנפאַל. לכתחילה האָבען די אידען, וואָס זיינען געבליבען אין דער געגענד און האָבען געהאַט אויסגעבויט א לאַגער פאַר די מויערן, זיך אנטקעגענגעשטעלט קעגען די רוימער, נאָר אז אַספּסינוס האָט געלאָזט ארויסטרעטען די בויגענשיסערס, די שליידערער און די גאַנצע מאַסע פון קעמפּער מיט די שליידער־געוועהר, און ער אליין מיט די איבעריגע פוס־סאָלדאַטען איז ארויפגעשטיגען אויפ׳ן הויכען באַרג, וואָס פון זיין שפּיץ איז גרינג געווען איינצונעמען די מויערן, — האָט יוסף מורא געקראָ־גען פאַר דער שטאָדט און האָט געמאַכט אן אויספאַל בראש פונ׳ם גאַנצען גאַרניזאָן. אין געדיכטע מאַסען האָבען זיי זיך א לאָז־געטאָן אויף די רוימער און האָבען זיי אָבגעטריבען פון די מויערן, און דערביי האָבען זיי אויפגעטאָן ניט ווינציג גבורות. אמת טאַקע, זיי האָבען געליטען ניט ווינציגער שאָדען, איידער וויפיעל זיי האָבען אליין אָנגעטאָן. וואָרום אין דער גלייכער מאָס, ווי זיי זיינען געוואָרען אָנגעטריבען דורך זייער יאוש, אזוי זיינען די רוימער. אָנגעטריבען געוואָרען דורך זייער עהרענגעפיהל, און דאָס וואָס ביי די לעצטע האָט אויפגעטאָן קריגס־געניטקייט און קראַפט פון די געוועהר, דאָס האָט ביי די אידען געווירקט דער ניט־געוויהנליכער מוט, פעראייניגט מיט ערביטערונג. דעם גאַנצען טאָג האָט געשטורעמט דער קאַמף, און ערשט אז די נאַכט איז געקומען, האָבען די אידען זיך פערגונען אָבצורוהען. זיי האָבען פערוואונדעט א סך רוימער און געטויט דרייצעהן, און פון זייערע אייגענע מענשען זיינען זיבעצעהן געפאַלען און 600 פערוואונדעט.

6. ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבען טאָגען, האָבען זיי ווידער אמאָל געמאַכט אן אויספאַל קעגען די רוימער און האָבען זיך אריינגעלאָזען אין קאַמף נאָך

מיט מעהר הארטנאַקיגקייט. וואָרום דעם ווידערשטאַנד פונ'ם פאָריגען טאָג, וואָס האָט זיך זיי אַזוי גוט איינגעגעבען, האָט שטאַרק אויפגעהויבען זייער מוט. אָבער אויך די רוימער האָבען זיך שטאַרקער פערטיידיגט, ווייל דער געפיהל פון כבוד האָט אויפגעוועקט זייער גרימצאָרן ביז צום אויסערסטען, און עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט ווי אַ מפלה דאָס, וואָס זיי האָבען תיכף ניט מנצח געווען. ביז'ן פינפטען טאָג זיינען די רוימער אָנגעפאַלען אָהן אַן אויפהער, און ד' איינוואוינער פון יודפת האָבען פון זייער זייט ווייטער געפיהרט די אויספאַלען און דעם קאַמף אויף די מויערן מיט אַן ערביטערונג, וואָס איז שטענדיג מעהר געוואַקסען, און פונקט אַזוי ווי די אידען זיינען ניט איינגעשראָקען געוואָרען דורך דער שטאַרקער מאַכט פון די רוימער, אַזוי האָבען אויך די לעצטע ניט אָנגעוואָהרען זייער מוט אַדאַנק די שוועריגקייטען, וואָס עס האָט זיי געמאַכט די איינגעמונג פון דער שטאָדט.

7. יודפת ליגט אויף אַ פעלז, וואָס דערהויבט זיך כמעט גלייך ווי אַ וואַנט, און ביי די זייטען לאָזען זיך אַראָב אַזעלכע טיעפע טאָלען, אַז דעם. וואָס קוקט אַראָב, הויבט שוין אָן שווינדלען די קאָפּ, איידער נאָך זיין בליק האָט דערגרייכט ביז אין דער טיעפעניש. נאָר אין צפון-זייט קאָן מען צו דער שטאָדט צוקומען, מחמת דאָרט איז זי געבויט קווער איבער דעם באַרג, וואָס לאָזט זיך אַראָב פלאַך. אָבער אויך דעם טייל האָט יוסף געהאַט איינגעשלאָסען אין די בעפעסטיגונגען, בכדי די פיינד זאָלען ניט קאָנען איינגעמען דעם באַרג, וואָס דערהויבט זיך איבער איהם. איבעריגענס, איז די שטאָדט געווען אַרום און אַרום פערדעקט מיט אַנדערע בערג, און דעריבער האָט מען זי ניט געקאָנט זעהן, איידער מען איז צוגעגאַנגען גאָר נאָהענט צו איהר. אויף אַזאַ אופן איז יודפת געווען בעפעסטיגט.

8. נאָר הגם דער אָרט איז געווען אַזוי שטאַרק בעפעסטיגט פון דער נאַטור, און הגם די אידען האָבען אַרויסגעוויזען אַזאַ שטאַרקען מוט, פונדעסט-וועגען איז אַספּסינוס געווען ענטשלאָסען ווייטער צו פיהרען דעם קאַמף. ער האָט בעפוילען צו פיהרען די בעלעגערונג נאָך מיט מעהר שטאַרקייט און האָט צונויפגערופען זיינע אָפיצירען, בכדי זיך מיישב צו זיין מיט זיי וועגען דעם אופן פונ'ם אָנפאַל. מען האָט בעשלאָסען אויפצובויען אַ וואַל קעגען דער זייט פונ'ם מויער, וואָס מען קאָן צו איהר צוקומען, און דערויף האָט אַספּסינוס אַרויסגעשיקט זיינע סאָלדאַטען, בכדי זיי זאָלען ברייגגען בוי-מאַטעריאַל.

דעמאָלט האָבען אַ טייל פון די מענשען געגומען אויסהאַקען די בוימער אויף די בערג אין דער סביבה פון שטאָדט און האָבען געבראַכט אינאיינעם מיט די בוימער אויך אַ סך שטיינער; אין דערזעלביגער צייט האָבען אַנדער'ע אויסגעצויגען געפלאָכטענע דעכער איבער באַלקענס, בכדי צו בעשיצען זיך קעגען די פיילען, וואָס קומען פון אויבען, און אונטער'ן שוץ פון די דאָזיגע ד'ע-כער האָבען די סאָלדאַטען געקאָנט אַרבייטען אַרום דעם וואַל, אָהן צו האָבען בעדייטענדע אָנוועהרען פון די פיילען און שטיינער, וואָס מען האָט אַראָבגע-שליידערט פון די מויערן. ווייטער אַנדערע האָבען אָבגעראָבען דעם בערגיל,

וואָס האָט זיך געפונען אין דער נאָהענט, און האָבען שטענדיג צוגעפיהרט זייערע חברים ערד. אַזוי זיינען אַלע אַרבייטען צעטיילט געווען אין דריי טיילען, און קיין איינער איז ניט געבליבען אָהן אַרבייט.

די אידען פון זייער זייט האָבען אַראָב געוואָרפען פון די מויערן גרויסע פעלזען־שטיינער און אַלע מינים שיס־קוילען אויף די שוץ־דעכער פון די פיינד, און אויב אַפילו זיי האָבען זיי ניט דורכגעקלאַפּט, פונדעסטוועגען האָבען זיי געשטערט די אַרבייטער דורך דעם מורא'דיגען קלאַפּען און רעש, וואָס זיי האָבען אָנגעמאַכט.

9. דעמאָלט האָט אַספּסינוס געהייסען אויפשטעלען אַרום דער שטאָדט די שליידער־מאַשינעס, וואָס אינגאַנצען האָט זיי דער חייל געהאַט 160 שטיק, און צילעווען מיט זיי אויף די אידען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די מויערן. באַלד האָבען די קאַטאַפּולטען אָנגעהויבען צו שפּייען זייערע שפּיזען, און די באַליסטען האָבען געוואָרפען מורא'דיגע שטיינער, ברענענדיגע האָלץ־שייטען און געדיכטע הויפענס פיילען, וואָס האָבען ניט בלויז געמאַכט אוממעגליך פאַר די אידען אַרויפצוגייהן אויף די מויערן, נאָר זיי זיינען נאָך געפאַלען אויף אַ געוויסען שטח אינעווייניג אין די מויערן, בפרט נאָך אַז חוץ די מאַשינעס, האָבען זיך גענומען פאַר דער אַרבייט די פיעל אַראַבישע בויגענשיסערס און אַלע שפּיזען־וואַרפערס און שליידערערס.

הגם איצט האָבען די אידען ניט געקאָנט מעהר פערטיידיגען זיך פון אויבען אַראָב, פונדעסטוועגען זיינען זיי ניט געבליבען זיצען מיט צונויפגע־לייגטע הענד. זיי האָבען געמאַכט אויספאַלען אין קליינע באַנדעס, אַזוי ווי עס טוען רויבער, פלעגען אַראָבגעריסען ביי די אַרבייטער די שוץ־דעכער און אויס־הרג'ען אומבעוואָפענטע. און אַז זיי פלעגען אויף אַזאַ אופן פערטרייבען די אַרבייטער ביי די בעפעסטיגונגען, פלעגען זיי צעשטערען דעם וואַל און אונ־טערצינדען די באַלקענס אינאיינעם מיט די געפלאָכטענע דעכער.

סוף־כל־סוף האָט אַספּסינוס זיך איבערצייגט, אַז שולדיג אין די אָנ־ווערען איז דאָס, וואָס דער וואַל איז געטיילט אין עטליכע חלקים, אַזוי אַז צווישען זיי קאָנען די אידען זיך אַריינחאַפּען, דעריבער האָט ער געהייסען צורוקען די שוץ־דעכער איינעם צום אַנדערן, און היות ווי דורכדעם איז איינ־געשטעלט געוואָרען אויך אַ פערבינדונג צווישען די סאָלדאַטען גופא, דעריבער זיינען אויף להבא די אָנפאַלען פון די פיינד געשטערט געוואָרען.

10. איצטער האָט מען געקאָנט זעהן בחוש, ווי די דאַמבע איז געוואַקסען, און אַז זי האָט שוין געהאַט דערגרייכט ביז צו דער הויך פון די מויער־טורעמס. האָט יוסף איינגעזעהן, ווי געפעהרליך עס וועט זיין, אויב ער וועט ניט אָנ־נעמען קיין מיטלען, בכדי צו ראַטעווען די שטאָדט. ער האָט דעריבער צונויפ־געקליבען די בוי־אַרבייטער און האָט זיי געהייסען אויפבויען העכער די מויערן. נאָר אַזוי ווי זיי האָבען דערקלערט, אַז עס איז אוממעגליך צו אַרבייטען אונטער דעם שטענדיגען האָגעל פון פיילען און שטיינער, האָט ער צוגעקלערט

פאָלגענדען מיטעל; ער האָט געהייסען איינגראָבען פלעקער און אויסשפרייטען איבער זיי פריש אַראָבגעצויגענע פעלען פון אָקסען, בכדי די שטיינער פון די שליידער-מאַשינעס זאָלען בלייבען אין זיי שטעקען און די פיילען זאָלען זיך פון זיי אַראָבגליטשען, און די ברענענדיגע האָלץ-שייטען זאָלען זיך אויסלעשען דורך דער נאַסקייט פון די פעלען און זאָלען קיין שאָדען ניט קאָנען טון. הינטער דער דאָזיגער בעדעקונג האָבען די בוי-אַרבייטער געקאָנט אַרבייטען אָהן סכנה טאָג ווי נאַכט, אויפהויבען די מויערן אויף 20 איילען, אויבויען אויף זיי אַ סך טורעמס און נאָך איינשטעלען אַ פעסטען וואַל. דעריבער איז ביי די רוימער, וואָס האָבען געמיינט, אַז זיי זיינען שוין אין שטאָדט, שטאַרק אַראָבגעפאַלען דער מוט, און זיי זיינען בשתומם געוואָרען סיי איבער יוספ׳ס קלוגשאַפט און סיי איבער׳ן מוט פון די בעלעגערטע.

11. אַספּסינוס אָבער איז שטאַרק אַריין אין כעס איבער דער דאָזיגער קונציגער ערפינדונג און איבער דער דרייסטקייט פון די איינוואוינער פון יודפת. בעזונדערס האָט איהם געערגערט דאָס, וואָס די לעצטע האָבען ווידער אָנגעהויבען מאַכען אויספאַלען קעגען די רוימער, ווייל זיי זיינען אויפגעמונטערט געוואָרען דורכדעם, וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבען אויפצובויען די מויערן. ווידער האָבען זיך אָנגעהויבען געשלעגען צווישען איינצעלנע אָבטיילונגען, רויבערישע אָנפאַלען פון אַלע מינים גזלות, וואָס דערביי פלעגט מען מיטנעמען אַלצדינג, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט חאַפּען, שׂרפות פון בעלעגערונגס-איינריכטונגען.

צולעצט האָט אַספּסינוס בעשלאָסען אָבצושטעלען דעם קאַמף, לעגערן זיך פאַר דער שטאָדט און איינצונעמען זי דורך אויסהונגערן. ער האָט גערעכענט, אַז אָדער די איינוואוינער פון יודפת וועלען בעטען ביי איהם גענאָד, אַז עס וועלען ביי זיי אויספעהלען אַלע נויטיגע לעבענס-מיטלען, אָדער, אויב זיי וועלען בלייבען ביי זייער עקשנות ביז צום אויסערסטען, וועלען זיי אומקומען פון הונגער. אין יעדען פאַל האָט ער געהאָפט, אַז ער וועט קאָנען אַ סך גרינגער פאַרטיג ווערען מיט זיי אין קאַמף, ווען ער וועט לאָזען פאַרבייגייהן אַ געוויסע צייט, און ערשט דעמאָלט וועט ער אָנפאַלען אויף זיינע אָבגעשוואַכטע געגנער. דעריבער האָט ער זיך צוערשט בעגענוגענט דערמיט, וואָס ער האָט געלאָזט בעוואַכען אַלע וועגען, וואָס פיהרען אין שטאָדט אַריין.

12. תבואה און אַלע לעבענס-מיטלען, חוץ זאַלץ, האָבען די בעלעגערטע געהאַט די והותר. דערפאַר אָבער איז געווען אַ דוחק אין וואַסער, ווייל אין שטאָדט איז ניט געווען קיין קוואַל, און די איינוואוינער האָבען געמוזט זיך בעהעלפען מיט רעגענוואַסער. נאָר עס איז אַ זעלטענע זאַך, אַז אין יענע געגענדען זאָל רעגענען זומער-צייט. און היות ווי די בעלעגערונג איז אויסגעקומען גראָד אום זומער, דעריבער זיינען די איינוואוינער פון יודפת שטאַרק אַראָבגעפאַלען ביי זיך, בשעת זיי האָבען געטראַכט וועגען דעם דאָרשט, וואָס איז זיי פאָרגעשטאַנען, און זיי זיינען געוואָרען אַזוי נידערגעשלאָגען, אַזוי ווי די וואַסער וואָלט שוין געווען אינגאַנצען אויסגעגאַנגען. היות ווי יוסף האָט

בענומען אין בעטראכט דאס, וואס די שטאדט האט געהאט גענוג פון אלע לעבענס-מיטלען און וואס דער מוט פון די מענער איז ניט אבגעשוואכט געווען, דעריבער האט ער געהייסען אויסטיילען טרינק-וואסער אין א בעשטימטער מאס, בכדי אומגעריכטערהייד פאר די רוימער צו פערציהען די בעלעגערונג. וואס לייגער. נאר אזא מין שפארעוודיגקייט האט זיך אויסגעדוכט די איינוואוינער א סך שווערער, איידער אן אמת'ער דוחק. דאס, וואס זיי האבען ניט געקאנט טרינקען, וויפיעל זיי האט זיך געוואלט, האט צערייצט נאך מעהר זייער דארשט, און זיי האבען געלעכצט, אזוי ווי זיי וואלטען שוין געהאלטען ביים פערשמאכט ווערען.

נאר די רוימער איז דער דאזיגער צושטאנד ניט געבליבען אומבעוואוסט, ווארום פון זייער וואל האבען זיי געזעהן אריבער דער מויער, ווי די איינוואוינער פון שטאדט קלייבען זיך צונויף אין א בעשטימטען ארט און בעקומען צוגעמאסטען וואסער. דארט אהין האבען זיי געצילט מיט זייערע פיילען און האבען אומגעבראכט, אויף אזא אופן, א סך אידען.

13. ביי דער לאגע האט אספסינוס געקאנט האפען, אז גאר אין גיכען וועלען די ברונימער אויסגעליידיגט ווערען, און די בעלעגערטע וועלען דעמאלט זיין געצוואונגען איבערצוגעבען די שטאדט. בכדי אבצונעמען ביי איהם די דאזיגע האפענונג, האט יוסף געהייסען א סך פון זיינע מענשען איינטונקען זייערע קליידער אין וואסער און אויפהייגען אויף די וואלען, אזוי אז די מויער האט באלד געטריפט פון וואסער. דאס האט אבגענומען דעם מוט ביי די רוימער און האט זיי אנגעשראקען: ווארום זיי האבען געזעהן, אז די אידען, וואס לויט זייער מיינונג פעהלט זיי אויס וואסער, פמר'ן עס גאר אוועק מאסענהאפט אומזיסט און אומנישט. דעמאלט האט אויך דער קריגס-אנפיהרער געלאזען פאלען די האפענונג איינצונעמען די שטאדט דורך אויסהונגערן זי, און דעריבער האט ער זיך ווידער גענומען פאר די געוועהר. נאר דערויף, פערשטייהט זיך, האבען די אידען נאר געווארט; ווארום אזוי ווי זיי האבען זיך געמוזט מיאש זיין פון צו ראטעווען די שטאדט און זייער אייגענעם לעבען, דעריבער האבען זיי געוואלט א סך בעסער שטארבען אין קאמף, איידער פון הונגער און דארשט.

14. חוץ דעם דאזיגען קונציגען גאנג, האט יוסף אויסגעטראכט נאך איינעם, בכדי צו בעקומען לעבענס-מיטלען. דורך א ווילדען טאל, וואס די פיינדליכע פאסטענס האבען אויף איהם ווינציגער אכט געגעבען און וואס האט זיך געפונען אין מערב-זייט, האט ער דורך שלוחים געשיקט בריעף צו די אידען אויסערהאלב דער שטאדט און בעקומען בריעף פון זיי, און אויף אזא אופן האט ער זיך פערשאפט אין א רייכער מאס די לעבענס-מיטלען, וואס האט אויסגעפעהלט אין שטאדט. דערביי האט ער אנגעוויזען זיינע מענשען, אז זיי זאלען געוויינהליך פארבייקריכען פארביי די וואכען און צודעקען דעם רוקען מיט פעלען, אזוי אז ווען א פאסטען זאל זיי ביינאכט אמאל דערזעהן, זאלען זיי אויסזעהן ווי הינט. סוף-כל-סוף האבען די וואכען געהאפט דעם קונץ און האבען ארומגערינגעלט דעם טאל.

15. איצט האָט יוסף איינגעזעהן, אז די שטאָדט וועט ניט קאָנען מעהר לאַנג זיך האַלטען, און אויב ער זאָל בלייבען אין איהר, איז עס אַ גרויסער ספק, צי ער וועט ניצול ווערען. דעריבער האָט ער זיך מיישב געווען מיט די אָנגעזעהענסטע מענשען וועגען דעם, צי ער זאָל אַנטלויפען. נאָר די איינוואוינער פון יודפת זיינען דאָס געוואָהר געוואָרען, האָבען איהם אַרומגערינגעלט און האָבען איהם געבעטען רחמים, ער זאָל זיי ניט לאָזען אין מיטען, ווייבאַלד אַז נאָר אין איהם אַליין האָבען זיי זייער אָנהאַלט. ער איז נאָך די לעצטע האָפענונג אויף דער רעטונג פון שטאָדט; וואָרום כל זמן ער בלייבט נאָך, וועלען זיי אַלע מיט פרייד קעמפען, און אפילו ווען זיי זאָלען אַריינפאַלען אין געפאַנגענשאַפט, איז ער זייער איינציגע נחמה. בכן פאַסט עס ניט פאַר איהם, ער זאָל אַנטלויפען פאַר'ן שונא, פערלאָזען זיינע גוטע פריינד און אַרויסשפּרינגען ביים אָנהויב פון שטורעם פון דער שיף, וואָס ער איז אַריינגעטראָטען אין איהר, בשעת דער ים איז געווען רוהיג. דעמאָלט וואָלט בע'חתמ'עט געווען דער אונטערגאַנג פון דער שטאָדט, וואָרום קיינער וואָלט זיך ניט דערוועגט אַרויסצוטרעטען קעגען די פיינד, אויב ס'וואָלט ניט געווען דער, וואָס האָט ביי אַלעמען אויפגעהויבען דעם מוט.

16. זינט דענסטמאָל האָט יוסף מעהר ניט געלאָזט זיי מערקען, אַז ער דאג'עט וועגען זיין אייגענער זיכערקייט, נאָר ער האָט דערקלערט, אַז ער וויל אַוועקגייהן בלויז צוליעב זייער טובה וועגען. אויב זיי וועלען אויסהאַלטען די בעלעגערונג, האָט ער געזאָגט, וועט זיי זיין בלייבען אין שטאָדט ברייגען גיט קיין סך נוצען; טאָמער אָבער וועט די שטאָדט פאַלען, וועט ער אומזיסט און אומגישט אומקומען מיט זיי. פערקעהרט, אויב ער וועט זיך דורכ'גנב'ען דורך די בעלעגערער, דעמאָלט וואָלט ער געקאָנט פון אויסווייניג זיי טון אַ סך טובות. וואָרום דעמאָלט וואָלט ער אַזוי גיך ווי מעגליך צונויפקלייבען די גלילים אין די דערפער און אָבציהען די רוימער פון דער שטאָדט, דורכדעם וואָס ער וועט זיי געבען צו שאַפען אַנדערשוואו. ער זעהט ניט איין, מיט וואָס קאָן ער זיי ברייגגען נוצען דורך זיין בלייבען. די רוימער וועלען נאָך מיט מעהר אימפּעט פיהרען די בעלעגערונג, ווייל זיי האָבען שטאַרק חשק איהם צו חאַפּען. אָבער אַז זיי וועלען זיך דערוויסען, אַז ער איז אַנטלאָפען געוואָרען, וועט בעדייטענד שוואַכער ווערען זייער אימפּעט, מיט וועלכען זיי פאַלען אָן אויף דער שטאָדט.

פונדעסטוועגען האָט ער פאָרט ניט געקאָנט איבערצייגען די איינוואוינער, נאָר ער האָט געבראַכט דערצו, אַז דאָס פאָלק האָט זיך נאָך מעהר אַרומגעקליבען אַרום איהם. אינגלעך, אַלטע לייט און ווייבער מיט זויגעדיגע קינדער אויף די אָרעמס האָבען זיך אַנידערגעוואָרפען מיט געוויין פאַר איהם, האָבען אַרומגעהאַפּט זיינע פיס און האָבען זיך געבעטען ביי איהם מיט גרויס יאָמער, אַז ער זאָל בלייבען ביי זיי און טיילען זיך מיט זיי זייער גורל. און דאָס איז געווען, דוכט זיך מיר, ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבען איהם ניט פערגונען זיין רעטונג, נאָר ווייל זיי האָבען נאָך געהאָפט אויף זייער אייגענער רעטונג.

וואָרום כל זמן זיי האָבען נאָך ביי זיך יוספ'ן, האָבען זיי געמיינט, אַז עס קאָן מיט זיי קיין בייז ניט געשעהן.

17. היות ווי יוסף איז געווען איבערצייגט, אַז די מאַסע וועט בלייבען ביי תחנונים, כל זמן ער וועט זיך אַרויסווייזען פאַר נאָכגיביג, נאָר אויב ער וועט בעשטייהן אויף זיין פּלאַן, דעמאָלט וועט זיך איהר שטימונג אומבייטען, און זי וועט אָנווענדען קעגען איהם געוואַלדמיטלען, דעריבער האָט ער בעשלאָסען אָבצוואַרטען, בפרט נאָך, אַז זיין הייסער פערלאַנג אַוועקצוגייהן איז בעדייטענד אָבגעשוואַכט געוואָרען דורך זיין רחמנות אויף די יאָמערדיגע מענשען. דעריבער האָט ער זיך בעוואָפענט מיט'ן מוט פונ'ם יאוש, וואָס די לאַגע פון שטאָדט האָט איהם איינגעפליסט, און האָט אויסגערופען: „איצט, וויבאַלד עס איז גיטאָ קיין שום האָפענונג אויף צו ראַטעווען זיך, איז געקומען די צייט אָנצוהויבען דעם קאַמף, איינצוקויפען זיך אַ גרויסען כבוד דורכ'ן טויט און דורך גבורות צו פעראייביגען זיך ביי די קומענדיגע דורות!“

די דאָזיגע ווערטער האָט ער באַלד געלאָזט אויספיהרען: מיט די שטאַרקסטע קעמפער האָט ער אונטערנומען אַן אויספאַל, האָט צעטריבען די פיינדליכע פאָרפּאָסטען, איז דורכגעדרונגען ביז צום לאַגער פון די רוימער, האָט צעשטערט די דעכער, וואָס אונטער זיי האָבען זיך די פעסטונגס־אַרבייטער בעהאַלטען און האָט אונטערגעצונדען די בעפעסטיגונגען. אויפ'ן אייגענעם אופן איז ער זיך בעגאַנגען דעם אַנדערן און דעם דריטען טאָג און אויך נאָך עטליכע טעג און נעכט, און דערביי האָט ער ניט אַרויסגעוויזען אפילו אַ סימן פון מידקייט.

18. דורך די דאָזיגע אויספאַלען האָבען די רוימער געליטען גרויס שאָדען. צו אַנטליפען פאַר די אידען האָבען זיי זיך געשעמט; אָבער ווי נאָר די געגנער האָבען זיך צוריקגעצויגען, איז זיי געווען שווער נאָכצויאָגען מחמת דער שווערקייט פון זייערע קריגס־געצייג. אַזוי האָבען די אידען געקאָנט איטליכס מאָל זיך צוריקציהען אין שטאָדט, נאָכדעם ווי זיי האָבען אָנגעטאָן די רוימער שאָדען, און אַליין האָבען זיי גאָרניט געליטען.

דעריבער האָט אספּסיאַנוס געהייסען די שווערבעוואָפענטע אויסצומיידען די אָנפאַלען פון די אידען און זיך ניט אַריינצולאָזען אין אַ געשלעג מיט אַזעלכע מענשען, וואָס זוכען דעם טויט; וואָרום קיין זאַך מאַכט ניט מוטיגער איידער דער יאוש. איבעריגענס, וועט זיך די קאַמפּס־היץ פון די אידען פון זיך אַליין אָבקיהלען, וויבאַלד אַז עס וועט איהר פעהלען דער ציעל, פונקט אַזוי ווי עס גייהט אויס דער פייער, בשעת עס פעהלט איהם ברענמאַטעריאַל. אויך פּאַסט עס פאַר די רוימער אויסצוקלייבען נאָר דעם זיכערן וועג צום נצחון, וואָרום זיי פיהרען דאָך ניט קיין פערטיידיגונגס, נאָר אַן עראָבערונגס־קריג.

פון איצט אָן האָט ער איבערגעגעבען די אויפגאַבע צוריקצוטרייבען די אידען ס'רוב צו די אַראַבישע בויגענשיסערס און אויך די סירישע שליידערערס און שטיינוואַרפערס. נאָר אויך אַלע שליידער־מאַשינעס זיינען געבליבען

טעטיג, און פון זיי האָבען די אידען על-פּי רוב זיך געמוזט צוריקציהען יט אָנוועהר. ווען זיי פלעגען אָבער אַמאָל צוקומען נעהענטער צו די דאָזיגע מאַשינעס, דעמאָלט פלעגען זיי אָנטון צרות די רוימער און זייגען אַרויסגע-טראָטען מיט אַן אמת'ער פעראַכטונג צום טויט. דערביי פלעגען אויף ביידע צדדים שטענדיג אַרויסטרעטען פרישע מענשען אויפ'ן אָרט פון די, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אומפּייהיג צום קאַמף.

19. היות ווי דאָס האָט געדויערט אַזאַ לאַנגע צייט, און די אויספאַלען זיינען געווען אַזוי פיעל, דעריבער האָט עס געקאָנט אַפּסיגוס'ן כמעט אויס-דורסטען, אַז ער גופא איז דער בעלעגערטער. דעריבער האָט ער בעשלאָסען צו לאָזען ברייינגען דעם שטורעם-באָק. ווייל די וואַלען האָבען זיך דערנעהענ-טערט צו די מויערן.

דער שטורעם-באָק איז אַ מורא'דיג גרויסער באַלקען, וואָס איז עהנליך אויף אַ מאַסטבוים פון אַ שיף; אויף זיין פאָדערשטען שפּיץ איז ער בעשלאָגען מיט אַ גראָבען אייזען, וואָס האָט די פאָרם פון אַ קאָפּ פון אַ באַראַן, און דער-פון טראָגט ער אויך זיין נאָמען. אין מיטען הייִנגט ער אָנגעבונדען מיט שטריק אויף אַן אַנדערן האָריזאָנטאַלען באַלקען, וואָס איז בעפעסטיגט פון ביידע זייטען אויף גראָבע פּלעקער. פון אַ סך מענשען ווערט ער געצויגען אויף אַהינטער און דערנאָך ווידער מיט פעראייניגטער קראַפט געשטויסען נאָך פאָרענט, — און דעמאָלט קלאַפּט ער מיט'ן אַייזען, וואָס איז בעהעפט אויף זיין שפּיץ, אויף די מויערן. ס'איז ניטאָ אַזאַ פעסטער טורעם, אַזאַ דיקע מויער, וואָס הגם זיי האַלטען אויס די ערשטע קלעפּ, נאָר אַז מען חזר'ט זיי איבער ענעריגיש, מוזען זיי איינפאַלען.

אָט מיט דעם געצייג האָט דער רוימישער קריגס-פיהרער געפּרובט ביי-צוקומען די מויערן פון שטאָדט. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער איינגעמען די שטאָדט, ווארום ביי דער ריהרעוודיגקייט פון די אידען וואָלט אַ לייגגערע בעלעגערונג איהם אָנגעטאָן נאָר שאָדען. גלייכצייטיג זיינען די רוימער געשטאַנען אָנגעגרייט מיט די קאַטאַפּולטען און מיט די איבעריגע וואָרפמאַשינעס, בכדי צו שיסען אויף די יעניגע, וואָס וואָלטען זיך אַנטקעגענגעשטעלט פון די מויערן אַראָב, און אויך האָבען זיי וואָס נעהענטער צוגעפיהרט צו דער שטאָדט די בויגענשיסערס און די שליידערערס. מחמת די דאָזיגע הכנות האָט קיינער ניט דערוועגט זיך אַרויפצושטייגען אויף די מויערן. און דעמאָלט האָבען אַ טייל פון די סאָלדאַטען געבראַכט צו שלעפּען דעם שטורעם-באָק, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט פון אַ געפלאָכטענעם צאַם און פון אויבען נאָך בעדעקט מיט פעלען, בכדי צו בעשיצען די מענשען און אויך די מאַשין גופא. שוין ביים ערשטען שטויס איז די מויער דערציטערט געוואָרען, און צו גלייכער צייט האָ-בען די בעלעגערטע אויפגעהויבען אַ גרויסען געשריי, אַזוי ווי די שטאָדט וואָלט שוין געווען איינגענומען.

20. אַז יוסף האָט דערזעהן, אַז די רוימער האָבען געשטויסען אַלץ אויף איין און דערזעלביגער שטעל פונ'ם מויער און אַז די לעצטע איז שוין געווען

גאָהענט צום פאַלען, האָט ער אויסגעטראַכט אַ מיטעל, ווי אַזוי אָבצושוואַכען די קראַפט פון דער מאַשין. ער האָט געהייסען זיינע מענשען אָנפילען זעק מיט שטרוי און אַראָבלאָזען זיי איטליכס מאָל אויף דער שטעל, וואָס אויף איהר צילט זיך דער שטורעם־באָק, בכדי זיין ריכטונג זאָל ווערען געמאַכט אומזיכער, און זיינע שטויסען זאָלען ווערען אָבגעשוואַכט דורך דער עלאַסטיציטעט פון די זעק. פאַר די רוימער איז דורכדעם אַרויסגעקומען אַ גרויסער אָנוועהר אין צייט, וואָרום די אידען פלעגען פון דער מויער שטענדיג אַראָבלאָזען די זעק דאָרט, וואוהין די מאַשין האָט געצילט, און זיי האָבען זיך אויף אַזאַ אופן פערטיידיגט קעגען די שטויסען אַזוי, אַז די מויער האָט געהאַט ווינציגער צו ליידען אונטער די קלעפּ.

סוף־כל־סוף זיינען די רוימער געפאַלען אויף דער המצאה, אָנצובינדען פון פאָרענט שנייד־מעסערס אויף לאַנגע פלעקער, און דערמיט אָבצושניידען די זעק. אויף אַזאַ אופן האָט דער שטורעם־באָק פון דאָס ניי געקאָנט ווירקען, און היות ווי די מויער איז געווען פריש געבויט, האָט זי דעריבער אָנגעהויבען צו שאָקלען זיך. דעמאָלט האָבען יוסף און זיינע מענשען גענומען זיך פאַר אַן אַנדער פערטיידיגונגס־מיטעל: פאַר'ן פייער. זיי האָבען צונויפגעקליבען טרוקענע צווייגען און שפענער, וויפיעל זיי האָבען געקאָנט בעקומען, האָבען געמאַכט אַן אויספאַל אין דריי אָבטיילונגען און אונטערגעצונדען די מאַשינעס, די שוץ־דעכער און די פלעקער פון די רוימער. די לעצטע האָבען אַרויסגעוויזען נאָר אַ שוואַכען ווידערשטאַנד, צום טייל ווייל די דרייסטקייט פון די בעלעגערטע האָט זיי אַרויסגעבראַכט פון די כלים, צום טייל ווייל דער פייער האָט זיך פערשפּרייט, איידער זיי האָבען געקאָנט צוטרעטען צו דער פערטיידיגונג. וואָרום די טרוקענע האָלץ אין פערבינדונג מיט סמאָלע, פעך און שוועבעל האָבען פערשפּרייט דעם פייער מיט דער גיכקייט פון אַ בליץ, אַזוי אַז אין איין שעה צייט זיינען געוואָרען צו אַש אַלע בנינים פון די רוימער, וואָס זיי האָבען מיט אַזוי פיעל מיה איינגעשטעלט.

21. ביי דער געלעגענהייט האָט זיך אויסגעצייכענט אַ איד מיט'ן נאָמען אלעזר בן סמיא, אַ געבירטיגער פון צעב אין גליל, אויף אַ גלענצענדען אופן, וואָס איז כדאי אָוועקצושטעלען לזכרון עולם. ער האָט אויפגעהויבען אַן אומגעהייער גרויסען שטיין און האָט איהם אַראָבגעשליידערט פון דער מויער אויפ'ן שטורעם־באָק מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט אַראָבגעקלאַפּט ביי דער מאַשין דעם קאָפּ. דערנאָך איז ער אַראָבגעשפּרונגען, איז אַריין אין מיטען די פיינד, האָט געחאַפּט דעם קאָפּ פון באַראַן און, ניט מורא האָבענדיג פאַר קיין זאַך, האָט ער איהם אַרויפגעטראָגען אויף דער מויער. דעמאָלט האָבען אַלע פיינד אָנגעהויבען צו צילען אויף איהם פון זייערע בויגענס, און אַזוי ווי ער איז ניט געשיצט געווען פון קיין פאַנצער, דעריבער איז ער געוואָרען געטראָפען פון פינף פיילען. נאָר ער האָט דערויף ניט געאַכט און איז אַרויף אויף דער מויער, וואו ער האָט מחמת זיין גבורה צוגעצויגען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. אָבער גלייך דערויף איז ער אַראָבגעפאַלען פון דער

מויער אינאיינעם מיט'ן קאָפּ פונ'ם באַראַן, זיך קרימענדיג פון זיינע וואונדען.

חוץ איהם, האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער העלדישקייט ביידע ברידער נטירא און פיליפוס, אויך גלילים. זיי האָבען זיך אַ לאָז געטאָן קעגען די סאָלדאַטען פונ'ם צעהנטען לעגיאָן און זיינען אָנגעפאַלען אויף זיי מיט אַזאַ אימפעט, אַז זיי האָבען דורכגעבראָכען זייערע רייהען און פערטריבען פאַר זיך אַלעמען, ווער עס איז זיי נאָר געקומען אין וועג.

22. נאָך זיי האָט זיך אַ לאָז געטאָן יוסף בראש פון די איבעריגע מענשען מיט אַ סך ברענענדיגע האָלץ-שייטען און האָט אונטערגעצונדען די מאַשינעס און אויך די געפלאָכטענע צאַמען און די פלעקער פונ'ם פינפטען און פונ'ם צעהנטען לעגיאָן, וואָס האָבען געמוזט אָבטרעטען; אין דערזעלביגער צייט האָבען אַנדערע געשווינד פערדאָרבען די געצייג און דעם גאַנצען בוי-מאַטעריאַל.

ערשט קעגען אָבענד האָבען די רוימער ווידער אויפגעשטעלט דעם שטורעם-באָק און האָבען איהם געלאָזט ווירקען קעגען יענער שטעל פון מויער, וואָס איז שוין פריהער געווען בעשעדיגט. דאָ האָט עס פאַסירט, אַז איינער פון די פערטיידיגער פון דער מויער האָט געטראָפען אַספּסינוס'ן אין פוס. די וואונד איז אמת געווען גרינג, וואָרום איבער דעם גרויסען אָבשטאַנד האָט דער פייל געהאַט אָנגעוואָהרען זיין קראַפט; פונדעסטוועגען האָט די רוימער אָנגעהאַפּט אַ מורא'דיגע שרעק. אַזוי ווי די מענשען, וואָס זיינען געשטאַנען האַרט נעבען אָנפיהרער, זיינען אומרוהיג געוואָרען, דערזעהענדיג די בלוט, דעריבער האָט די בשורה וועגען זיין פערוואונדונג אין איין רגע פערשפּרייט זיך איבער'ן גאַנצען חייל. דער גרעסטער טייל האָט געוואָרפען די בעלעגערונג און האָט אַרומגערינגעלט דעם קריגס-פיהרער, פול מיט שרעק און אויפרעגונג. גרעסער פון אַלעמען איז געווען טיטוס'עס זאָרג איבער זיין פאָטער, און ער איז געקומען צו לויפען, און היות ווי אויפ'ן פנים ביי איהם איז געווען קאָנטיג זיין צעשראָקענקייט און אויפרעגונג, דעריבער האָט געמוזט אָנחאַפּען די סאָלדאַטען אַ גרויסע נידערשלאָגענקייט, ווייל זיי זיינען געווען צוגעטאָן אין גרויסער ליעבשאַפט צו זייער פיהרער. נאָר גרינג האָט דער פאָטער בערוהיגט דעם בעזאָרגטען זוהן און דערמיט האָט ער אויך געמאַכט אַ סוף צו דער אומרוהיגקייט פונ'ם חייל. ער האָט אַיינגעשטיקט אין זיך זיין ווייהטאָג און האָט זיך געפלייסט צו בעווייזען זיך אַלעמען, ווער עס איז געווען דערשראָקען איבער איהם, און דורכדעם האָט ער נאָך אין אַ גרעסערער מאָס אונטערגעוואַרימט דעם חשק צום קאַמף קעגען די אידען. וואָרום איטליכער האָט געוואָלט איצט נקמה נעמען פאַר'ן פיהרער און זיין דער פאָדערשטער אין שלאַכט. אַזוי האָבען זיי ווידער געשטורעמט קעגען דער מויער, אויפמונטערנדיג איינער דעם אַנדערן דורך צורופען.

23. הגם יוסף'ס מענשען זיינען איצט איינער נאָכ'ן אַנדערן געפאַלען דורך די קאַטאַפּולטען און באַליסטען, פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך ניט געלאָזט פערטרייבען פון מויער, נאָר, אַדרבא, זיי האָבען געוואָרפען ברענענדיגע שייטען האָלץ, אַייזענס און שטיינער קעגען די, וואָס האָבען געאַרבייט אַרום

דעם שטורעם-באָק, געשטיצט דורך די געפלאָכטענע דעכער. נאָר אויפגעטאָן האָבען זיי גאָרנישט ניט אָדער זייהר ווינציג. אַליין אָבער האָבען זיי אָנגעוואָהרען אַ סך מענשען, וואָרום זיי האָבען די פיינד ניט געזעהן, די פיינד אָבער האָבען זיי יאָ געזעהן. בעלויכטען דורך די ברענענד-גע שייטען האָלץ אין זייערע אייגענע הענד, האָבען זיי פאָרגעשטעלט די רוימער אַ דייטליכען ציל, פונקט ווי ביי-טאָג, און האָבען זיך ניט געקאָנט שיצען קעגען די שטיינער און די פיילען, וואָס די מאַשינעס האָבען אויף זיי געשאָסען, ווייל זיי האָבען פון ווייטענס די מאַשינעס ניט געקאָנט זעהן. אַזוי זיינען זיי מאַסענווייז דער׳הרג׳עט געוואָרען דורך דער קראַפט פון די שליידער-מאַשינעס און קאַטאַפּולטען, און אין דערזעלביגער צייט האָבען די גרויסע שטיינער, וואָס זיינען געשליידערט געוואָרען, מיט מורא׳דיגער קראַפט אָבגעבראָכען גאַנצע שטיקער פון דער מויער און איינגעבראָכען די ווינקלען פון די טורעמס.

קיין אָבטיילונג פון קריגס-לייט איז ניט שטאַרק גענוג, אַז זי זאָל ניט ווערען אַנידערגעוואָרפען ביז צום לעצטען מענשען דורך דער קראַפט און גרייס פון אַזאַ מין שטיין. די קראַפט פון די דאָזיגע געשליידערטע שטיינער קאָן מען אַרויסזעהן פון עטליכע געשעהענישען אין דער דאָזיגער נאַכט. ביי איינעם פון יוסף׳ס מענשען, וואָס איז געשטאַנען אויף דער מויער, איז אָבגעריסען געוואָרען דער קאָפּ, און דער שאַרבען איז אַוועקגעשליידערט געוואָרען אויף אַ מהלך פון דריי סטאַדיעס. ווייטער איז בעגינען אַ טראָגעדיגע פרוי, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון ·שטוב, געטראָפען געוואָרען אין בויך, און איהר קינד איז אָבגעוואָרפען געוואָרען אויף אַ מהלך פון אַ האַלבער סטאַדיע: אַזוי גרויס איז געווען די קראַפט פון דער באַליסטע.

נאָך שרעקליכער איז געווען דער רעש, וואָס די מאַשינעס האָבען אָנגעמאַכט, און דער זשומען פון די פיילען. איין טויטער נאָכ׳ן אַנדערן איז אַראָבגעפאַלען פון דער מויער מיט אַ הילכעדיגען קלאַפּ; אינעווייניג האָבען די ווייבער אויפגעהויבען אַ מורא׳דיגען געשריי; פון אויסווייניג האָבען זיך דערמיט אויסגעמישט די קרעכצען פון די גוססים. אויף דער שטעל, וואו עס האָט געווילדעוועט דער קאַמף, האָט די גאַנצע מויער געטריפט פון בלוט, און איבער די בערג פון טויטע קערפּערס האָט מען געקאָנט אַרויפקלעטערן אויף איהר. נאָך מאוים׳דיגער איז געוואָרען דער רעש דורך דעם ווידער-קול פון די אַרומיגע בערג; אין יענער נאַכט האָט ניט אויסגעפעהלט קיין זאַך, וואָס האָט געקאָנט זיין שרעקליך פאַר׳ן אויג און פאַר׳ן אויער. אַ סך פערטיידיגער פון יודפת זיינען דעמאָלט געשטאָרבען מיט דעם טויט פון העלדען, אַ סך זיינען אויך פערוואונדעט געוואָרען.

אין דער צייט פון דעם דערפריהענדיגען משמור [1] האָט די מויער סוף-

1) די נאַכט (פון 6 אזייגער אין אָבענד ביז 6 אזייגער אין דערפריה) איז ביי די רוימער געווען איינגעטיילט אין 4 חלקים, אָדער משמורים, צו 3 שעה. איטליכען משמור האָבען זיך געביטען די סאָלדאַטען, וואָס האָבען בעדאַרפט שטייהן אויף דער וואַך. אונטער „דערפריהענדיגער משמור" בעדאַרף מען פערשטייהן דעם לעצטען נאַכט-משמור.

כל־סוף אַ ביסעל נאָכגעגעבען די מאַשינעס, וואָס האָבען געאַרבייט אָהן אויפ־הער. נאָר איידער די רוימער האָבען געקאָנט אַוועקשטעלען זייערע שטורעם־לייטערס, האָבען אַ טייל פון יוסף'ס מענשען, וואָס זיינען געוועזען שטאַרק בע־פּאַנצערט, אויסגעבויט אַ נייעם וואַל קעגען דעם איינגעפאַלענעם שטיק פון מויער.

24. קעגען מאָרגען האָט אַספּסינוס צונויפגעקליבען זיין חייל צום שטורעם אויף דער שטאָדט. נאָכדעם ווי ער האָט איהם געלאָזען אַ קורצע צייט אויף אויסצורוהען זיך פון דער האָרעוואַניע ביינאַכט. און היות ווי קודם כל האָט ער געטראַכט וועגען דעם, ווי אַזוי צו פערטרייבען די פערטיידיגער פון די איינגעפאַלענע טיילען פון מויער, דעריבער האָט ער געהייסען זיינע מוטיגסטע רייטער אַראָבגייהן פון די פערד, בעוואָפּענען זיך פון קאָפּ ביז'ן פוס און אויס־שטעלען זיך פאַר'ן צעשטערטען שטיק מויער אין דריי ליניעס מיט די שפּיזען פאָראויס, בכדי אַז ווי נאָר די שטורעם־לייטערס וועלען ווערען אויפגעשטעלט, זאָלען זיי די ערשטע אַריינדרינגען אין שטאָדט. הינטער זיי האָט זיך אויס־געשטעלט דער צענטער פונ'ם פוספאָלק, און די איבעריגע רייטער האָבען אין דערזעלביגער צייט אַרומגעריטען דעם באַרג פאַזע די מויערן, בכדי ניט צו דערלאָזען די בעלעגערטע אַנטלויפען בעהאַלטענערהייד בשעת דעם שטורעם. הינטער דער דאָזיגער קייט פון פּאָסטענס האָט ער געלאָזט אויסשטעלען אויף דעמזעלביגען שטח די בויגענשיסערס מיט'ן בעפעהל זיך צו האַלטען גרייט צום שיסען, אויך די שליידערערס און די מענשען, וואָס אַרבייטען ביי די שליידערמאַשינעס. אַנדערע האָט ער געשיקט מיט לייטערס צו די גאַנצע טיי־לען פון מויער, בכדי די אויפמערקזאַמקייט פון די בעלעגערטע זאָל ווערען אָבגעווענדעט פונ'ם איינגעבראָכענעם טייל פון מויער, דורכדעם וואָס זיי וועלען זוכען אָבצוטרייבען די דאָזיגע מענשען. די איבעריגע האָבען געדאַרפט אָבגע־טריבען ווערען פונ'ם אָרט, וואו די רוימער האָבען געטראַכט אַריינצודרינגען, דורך אַ האָגעל פון פיילען.

25. נאָר יוסף האָט באַלד פערשטאַנען דעם פּלאַן, דעריבער האָט ער אַוועקגעשטעלט די אויסגעמאַטערטע און די אַלטע לייט אויף די גאַנץ גע־בליבענע טיילען פון מויער, אויסרעכענענדיג זיך, אַז דאָ וועט מיט זיי קיין בייז ניט געשעהן. ניט ווייט פון דעם איינגעבראָכענעם טייל פון מויער האָט ער, פערקעהרט, אַוועקגעשטעלט די שטאַרקסטע אָבטיילונגען פון זיינע מענשען און בראש פון זיי צו זעקס קריגס־לייט, וואָס דעם סאַמע מסוכנ'דיגען אָרט צווישען זיי האָט ער גופא פערנומען. ער האָט זיי געהייסען, זיי זאָלען פערשטאָפּען זייערע אויערן קעגען דעם קריגס־געשריי פון די לעגיאָנען, בכדי זיי זאָלען ניט ווערען איבערגעשראָקען, און בכדי זיך צו שיצען קעגען דער מאַסע פיילען, האָט ער זיי געהייסען זיך אַראָבלאָזען אויף די קניה און האַלטען זייערע שילדען איבער די קעפּ. אויך זאָלען זיי זיך אַ ביסעל צוריקציהען, ביז וואַנען די בויגענשי־סערס וועלען האָבען אויסגעליידיגט זייערע פיילען־בייטלעך. ווי נאָר אָבער

דער שונא וועט ווארפען די שטורעם-בריקען, דעמאָלט זאָלען זיי זיך אַלאָז טון אנטקעגען און אָנפאַלען אויף די רוימער אויף זייער אייגענעם געביי- איטליכער בעדאַרף קעמפען ניט בכדי צו בעשיצען זיין געבאָרענשטאָדט, נאָר אַזוי ווי ער וואָלט וועלען שוין נוקם זיין זיך פאַר איהר אונטערגאַנג. ווייטער זאָלען זיי שטענדיג האָבען אין זינען, ווי אַזוי די פיינד וועלען באַלד אומ- ברייגנען אַלטע לייט, אויסקוילען פרויען און קינדער, און מחמת דעם זאָלען זיי שוין איצט אויסלאָזען זייער כעס צו די, וואָס וועלען אָבטון די דאָזיגע מעשי-רצח

26. אויף אַזאַ אופן האָט יוסף אויסגעשטעלט ביידע הויפטאָבטיילונגען פון זיינע מענשען. אָבער אַז די ניט-פערנומענע איינוואוינער פון שטאָדט, דאָס הייסט די פרויען און קינדער, האָבען דערזעהן אַז די שטאָדט איז אַרומגע- רינגעלט ווי מיט אַ דריי-פאַכיגען גאַרטעל פון קריגסלייט, אין דער צייט וואָס די פריהער פאַרהאַנענע פאַסטענס זיינען אויך פערבליבען אויף זייערע ערטער; ווייטער אַז זיי האָבען בעמערקט, ווי די פיינד זיינען געשטאַנען מיט בלויזע שווערדען פאַר'ן איינגעבראָכענעם מויער, ווי עס האָבען געשעמערירט און געפינקעלט די בערג פון וואָפען, וואָס האָבען זיך דערהויבען איבער דער שטאָדט, און ווי די פיילען פון די אַראַבישע בויגענשיסערס סטראַשען — אָט אָט פליהען זיי אַרויס, — דעמאָלט האָבען זיי אויפגעהויבען אַ געשריי און גע- יאָמער, ווי די לעצטע קינה איבער'ן אונטערגאַנג פון שטאָדט, אַזוי ווי דער אומגליק וואָלט שוין געווען און ניט בעדאַרפט ערשט קומען. בכדי די ווייבער זאָלען ניט אָבשוואַכען דעם קריגס-מוט פון די קעמפער, דורכדעם וואָס זיי וועלען דערוועקען זייער רחמנות, האָט יוסף געלאָזען זיי איינשפאַרען אין די הייזער און אונטער סטראַשונקעס האָט ער זיי בעפויהלען שטיל צו שווייגען. דעמאָלט איז ער אַוועק אויף זיין פאַסטען ביי דער איינגעבראָכענער מויער, וואָס דער גורל האָט פאַר איהם בעשטימט, ניט צו אַכטען אויף די רוימער, וואָס האָבען געגעהענט צו די אַנדערע טיילען פון מויער מיט זייערע לייטערס, און מיט אָנגעשפאַנטער אויפמערקזאַמקייט האָט ער געקוקט, ווי די פיילען וועלען פליהען, און געוואַרט.

27. פלוצלונג האָבען אַ הילך געטאָן די טרומייטען פון אַלע לעגיאָנען. דער חייל האָט אויפגעהויבען אַ מאוים'דיגען שלאַכט-געשריי, און לויט אַ גע- געבענעם סיגנאַל האָט מען אויסגעשאָסען פון אַלע זייטען די פיילען, אַזוי אַז די לופט איז געוואָרען פערפינסטערט. נאָר יוסף'ס מענשען האָבען געדיינקט זיינע בעפעהלען, האָבען בעשיצט זייערע אויערן פאַר'ן געשריי און זייערע קערפערס פאַר די פיילען. און אַז עס זיינען געוואָרפען געוואָרען די שטורעם- בריקען, האָבען זיי זיך אַלאָז געטאָן אויף זיי אַנטקעגען די פיינד, איידער די לעצטע האָבען נאָך בעוויזען אויף זיי פעסט אַוועקצושטעלען זיך. אַזוי זיינען זיי אַריינגעטרעטען אין געשלעג פנים אל פנים מיט די רוימער, וואָס האָבען געשטורעמט קעגען זיי, און דערביי האָבען זיי אויפגעטאָן אַ סך גבורות, וואָס האָבען בעוויזען זייער קראַפט און מוט. זיי האָבען געשטרעבט, ניט קוקענדיג

אויף זייער פערצווייפעלטער לאַגע, ניט אָבצושטייהן בנוגע צו מוט פון זייערע פיינד, וואָס האָבען זיך געפונען אין אַ ווינציגער געפעהרליכער לאַגע. זיי האָבען ניט פריהער אָבגעלאָזען די רוימער, ביז וואַנען זיי זיינען אַליין געפאַלען, אָדער זיי האָבען דער׳הרג׳עט דעם געגנער.

נאָר היות ווי די אידען זיינען סוף־כל־סוף איינגעמאַטערט געוואָרען אינ׳ם געשלעג, וואָס האָט לאַנג געדויערט, און האָבען ניט געקאָנט פערביטען ווערען דורך נייע סאָלדאַטען, אין דער צייט וואָס ביי די רוימער זיינען אויפ׳ן אָרט פון די איינגעמאַטערטע קעמפער אַרויסגעטראָטען שטענדיג נייע, און אָנשטאָט צוריקגעשלאָגענע אָבטיילונגען זיינען תיכף אַנדערע אַריינגעפיהרט געוואָרען אין שלאַכט, — דעריבער האָט עס זיך די רוימער איינגעגעבען צו בילדען אַ פעסט געשלאָסענע, געדיכטע מאַסע, ווייל זיי האָבען איינער דעם אַנדערן אויפגעמונטערט דורך צורופען און פון אויבען זיך צוגעדעקט מיט זייערע שילדען. איצט האָבען זיי מיט זייער גאַנצער קראַפט, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען איין גוף, צוריקגעשטופט די אידען, און שוין זיינען זיי געווען גרייט אַרויפצושטייגען אויף דער מויער.

28. אין דער דאָזיגער שרעקענספולער לאַגע האָט יוספ׳ן אונטערגעזאָגט די גויט (זי איז זייהר אַ גוטע ערפינדעריך, בפרט אַז דער יאוש פערשאַרפט די ערפינדונגס־קראַפט), אַז ער זאָל לאָזען בעגיסען די געדיכטע צונויפגעפרעסטע פיינד מיט זודיגע בוימיל. אַ סך פון זיינע מענשען האָבען תיכף ומיד געבראַכט אַ סך בוימיל, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך שוין געהאַט פון פריהער דערצו צוגעגרייט, און האָבען עס פון אַלע זייטען אַראָבגעגאָסען אויף די רוימער און דערצו האָבען זיי נאָך אויף די קעפ געשליידערט די זודיג הייסע כלים. פער׳ברענט פונ׳ם בוימיל, האָבען די רוימער אינגאַנצען צעשטערט זייער אָרדענונג און אונטער די שרעקליכסטע וועהטאָגען האָבען זיי זיך אַראָבגעקייקעלט פון דער מויער אַראָב. וואָרום די בוימיל איז גרינג אַראָבגערונען אויף אונטער׳ן פאַנצער פונ׳ם קאָפּ ביז צו די פיס איבער׳ן גאַנצען גוף און האָט פערסמאַליעט די פלייש, אַזוי ווי אַ פייער, ווייל זי האָט אַ טבע, אַז זי ווערט גיך וואַרים און מחמת איהר פעטקייט קיהלט זי זיך אָב נאָר פּאַמעליך. איינגעפרעסט אין זייערע פאַנצערס און קיוורס, האָבען די רוימער שוין ניט געקאָנט פטור ווערען פונ׳ם בראַנד, און היות ווי זיי זיינען אויפגעשפרונגען און האָבען אין זייערע ווייהטאָגען זיך געוואָרפען אהין און אהער, דעריבער זיינען זיי סוף־כל־סוף אַראָבגעפאַלען פון די בריקען. אַנדערע ווידער האָבען זיך געלאָזט לויפען אַנטקעגען זייערע אייגענע מענשען, וואָס האָבען געשטורעמט פאָראויס, נאָר די אידען האָבען געקלאַפּט אויף זיי פון הינטען אין רוקען און האָבען זיי גע׳הרג׳עט.

29. נאָר פונקט אַזוי ווי די אידען האָבען ניט אָנגעוואָהרען זייער קלאָרען שכל, אַזוי האָבען די רוימער זייער מוט ניט אָנגעוואָהרען, ניט קוקענדיג אויף זייער אומגליק און הגם זיי האָבען געזעהן די מורא׳דיגע יסורים פון זייערע אָבגעבריהטע חברים, פונדעסטוועגען האָבען זיי פאָרט געשטורעמט קעגען

די אידען, וואָס האָבּען כּסדר אַראָבּגעגאָסען בּוימיל, און איטליכער האָט געזידעלט דעם, וואָס איז געשטאַנען פאַר איהם אין דער פאָדערסטער רייה, פאַרוואָס ער שטערט איהם אין דער ענטוויקלונג פון זיין קראַפט.

בּכדי צו שטערען זייערע געגנער ווייטער פאָרצודרינגען, האָבּען די אידען אויסגעקלערט נאָך אַ קונץ: זיי האָבּען אויסגעגאָסען געקאָכטע גריכישע היי אויף די בּרעטער פון די שטורם-בּריקען, אַזוי אַז די רוימער האָבּען זיך אויסגעגליטשט און זיינען אַראָבּגעפאַלען. קיינער האָט זיך ניט געקאָנט האַלטען שטייהענדיג, צי ער האָט געוואָלט אַנטלויפען אָדער שטורעמען אין פאָראויס; גאָר זיי זיינען אַנידערגעפאַלען אויף אַהינטער אויף די בּרעטער, וואו זיי זיינען צעטרעטען געוואָרען, אָדער זיי זיינען אין גרויסע מאַסען אַראָבּגעפאַלען אויפ'ן וואַל און דאָ דערשאָסען געוואָרען דורך די אידען. ווארום די אידען זיינען דורכדעם, וואָס זייערע געגנער זיינען אַנידערגעפאַלען, בּעפרייט געוואָרען פונ'ם געשלעג מיט'ן שווערד און האָבּען ווידער געקאָנט אָנווענדען זייערע בּויגענס.

קעגען אָבענד האָט דער קריגס-פיהרער געהייסען זיינע סאָלדאַטען, וואָס האָבּען אַ סך געליטען בּיים שטורעם, אָבּשטעלען דעם קאַמף. די רוימער האָבּען געהאַט אַ גאַנץ געהעריגע צאָהל דער'הרג'עטע און אַ מאַסע פערוואונדעטע; אויפ'ן צד פון די אַיינוואוינער פון יודפת זיינען זעקס מאַן געפאַלען און דריי הונדערט פערוואונדעטע אַוועקגעטראָגען געוואָרען. דער דאָזיגער געשלעג איז פאָרגעקומען צוואַנציג טעג אין סיון.

30. בּשעת אַספּסינוס האָט געוואָלט טרייסטען זיינע סאָלדאַטען איבּער דעם אומגליק, וואָס עס האָט מיט זיי געטראָפען, האָט ער אָנגעטראָפען די סאָלדאַטען שטאַרק אויפגערעגט; זיי האָבּען ניט געוואָלט האָבּען קיין רעדע, נאָר אַ געלעגענהייט צו נייע קריגעריש'ע מעשים. דעריבּער האָט ער געלאָזען אויפהויבּען די וואַלען נאָך העכער און אויסבּויען דריי טורעמס פון פופציג איילען די הויך און בּעשלאָגען אַרום און אַרום מיט אַייזען, בּכדי זיי זאָלען פון איין זייט שטייהן פעסט אַדאַנק זייער אייגענער וואָג, און פון דער אַנדער זייט זאָלען זיי קאָנען בּעשטייהן קעגען פייער. אין די דאָזיגע טורעמס, וואָס ער האָט געלאָזט אַרויפשטעלען אויפ'ן וואַל, האָט ער אַוועקגעשטעלט שפּיזענוואַרפערס, בּויגענשיסערס און די קרעפטיגסטע שליידערס: דורכדעם וואָס די טורעמס זיינען געווען אַזוי הויך און האָבּען געהאַט צאַמען, זיינען די סאָלדאַטען, וואָס האָבּען זיך געפונען אינעווייניג, געווען בּעהאַלטען פאַר די געגנער, נאָר פון זייער זייט האָבּען זיי געקאָנט זעהן גאַנץ דייטליך די אידען, וואָס שטייהען אויף דער מויער, און זיי טרעפען מיט זייערע פיילען. היות ווי די אידען האָבּען ניט געקאָנט אויסמיידען די פיילען, וואָס זיינען געקומען פון אויבּען, און האָבּען זיך ניט געקאָנט פערטיידיגען קעגען די בּויגענשיסערס, וועלכע זיי האָבּען ניט געזעהן, און האָבּען אויך אַיינגעזעהן, אַז עס איז זיי אוממעגליך צו דערגרייכען מיט זייערע פיילען דעם שפּיץ פון די טורעמס אָדער צו צעשטערען זייער אַייזערנעם איבּערשלאַק דורך פייער, — דעריבּער

האָבען זיי זיך צוריקגעצויגען פון דער מויער און האָבען געמאַכט אויספאַלען קעגען יענע פיינדליכע אָבטיילונגען, וואָס האָבען געוואָלט שטורעמען אויף דער שטאָדט.

אויף אַזאַ אופן האָבען די איינוואוינער פון יודפת אויסגעהאַלטען, הגם אַלע טאָג זיינען אַ סך פון זיי אומגעקומען. ס׳פערשטייהט זיך, אַז אַ גרויסען שאָדען האָבען זיי די פיינד ניט געקאָנט אָנטון, נאָר זיי האָבען זיך געמוזט בעגענוגען דערמיט, וואָס זיי האָבען זיי געהאַלטען פון דערווייטענס מיט אַ גרויסען אָנוועהר פאַר זיך אַליין.

אין דערזעלביגער צייט האָט אַספּסינוס געשיקט דעם אָנפיהרער פון׳ם צעהנטען לעגיאָן טרינוס׳ן (טראַיאַנוס) בראש פון 1 000 רייטער און 2 000 פוס-סאָלדאַטען קעגען דער שטאָדט יפיע, וואָס איז געלעגען אין שכנות פון יודפת, אויפגעמונטערט דורך דעם לאַנגען ווידערשטאַנד, וואָס די איינוואוינער פון יודפת האָבען בעוויזען, האָט די דאָזיגע שטאָדט מורד געווען. טרינוס האָט איינגעזעהן, אַז די שטאָדט איז שווער איינצונעמען, ווארום חוץ דעם, וואָס פון דער נאַטור איז איהר לאַגע געווען פעסט, איז זי נאָך געווען אַרומגע-רינגעלט מיט צווייענדיגע מויערן. אָבער היות ווי די איינוואוינער זיינען אַרויס קעגען איהם בעוואָפענט צום קאַמף, דעריבער האָט ער זיך אַריינגעלאָזען מיט זיי אין אַ געשלעג און האָט זיי נאָכגעיאָגט, נאָכדעם ווי זיי האָבען אַ קורצע צייט בעוויזען אַ ווידערשטאַנד. זיי זיינען אַנטלאָפען געוואָרען הינטער דער ערשטער מויער. נאָר די רוימער, וואָס זיינען געלאָפען האַרט נאָך זיי, זיינען אַריינגעדרונגען אינאיינעם מיט זיי. און בשעת די אידען האָבען זיך געוואָלט צוריקציהען אויף הינטער דער אַנדער מויער, האָבען זייערע אייגענע מענשען צוגעשלאָסען פאַר זיי די מויערן פון שטאָדט, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, די פיינד זאָלען אויך דאָ ניט אַריינדרינגען אינאיינעם מיט זיי. ס׳איז בעשיינפערליך, אַז גאָט האָט דאָ געבראַכט אַ צרה אויף די גלילים לטובת די רוימער און האָט דעמאָלט איבערגעגעבען אַלע קריגס-פייהיגע מענשען פון שטאָדט, וואָס זיינען געווען אויסגעשלאָסען דורך די הענד פון זייערע אייגענע ברידער, דעם שווערד פון׳ם שונא. אין געדיכטע מאַסען האָבען זיי זיך גע-שפּאַרט פאַר די טויערן, גערופען די וועכטער ביים נאָמען, נאָר ניט קוקענדיג אויף זייערע בקשות און תחנונים, זיינען זיי אויסגעקוילעט געוואָרען. די ער-שטע מויער האָבען די פיינד געהאַט פערשלאָסען פאַר זיי, די צווייטע מויער— זייערע אייגענע מיטבירגער; בכן זיינען זיי געווען איינגעשפּאַרט צווישען ביי-דע מויערן און זיינען נעבּיך אומגעקומען. אַ סך זיינען געטויט געוואָרען דורכ׳ן שווערד פון זייערע חברים, אַ סך האָבען זיך אַליין דערשטאָכען; נאָר דער גרעסטער טייל פון זיי איז געפאַלען דורך דער האַנד פון די רוימער, אַ׳ן זיי זיינען אפילו ניט געווען ביכולת זיך אַנטקעגענצושטעלען; ווארום חוץ די שרעק, וואָס די פיינד האָבען אויף זיי אַרויפגעוואָרפען, האָט די בגידה פון זייערע פריינד איינגאַנצען אַיינגעבראָכען ביי זיי דעם מוט. אַזוי זיינען זיי געשטאָרבען, פערשילטענדיג ניט די רוימער, נאָר זייערע אייגענע מענשען, ביז וואַנען אַלע, אינגאַנצען 12 000 מאַן, זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען.

איצט האָט טרינוס גערעכענט, אַז אָדער אין שטאָדט איז שוין איינגאַנ־צען מעהר גיטאָ קיין פערטיידיגער, אָדער, אויב אפילו ס׳זאָלען זיך נאָך גע־פינען דאָרט מענשען, וועלען זיי אויס מורא גאָרנישט ניט אונטערנעמען. און היות ווי ער האָט געוואָלט לאָזען דעם כבוד פון איינגעמען די שטאָדט פאַר׳ן אויבערשטען קריגס־פיהרער, דעריבער האָט ער געשיקט שלוחים צו אַספּסינוס׳ן מיט דער בקשה, ער זאָל שיקען זיין זוהן טיטוס׳ן, בכדי צו פערענדיגען דעם נצחון. נאָר אַספּסינוס, וואָס האָט משער געווען, אַז עס וועט אפשר יאָ נאָך זיין וואָס צו טון, האָט מיטגעגעבען זיין זוהן אַ חייל פון 500 רייטער און 1 000 פוס־סאָלדאַטען. טיטוס איז געשווינד אַרויסגעטראָטען קעגען דער שטאָדט, האָט אויסגעשטעלט זיין חייל אין שלאַכט־אָרדענונג, האָט איבערגעגעבען טרינוס׳ן דעם לינקען פליגעל, און ער אַליין בראש פונ׳ם רעכטען פליגעל האָט אָנגע־הויבען דעם שטורעם. בשעת די סאָלדאַטען האָבען פון אַלע זייטען אַוועקגע־שטעלט שטורעם־לייטערס ביי דער מויער, האָבען זיך די גלילים צוריקגעצוי־גען, נאָכדעם ווי זיי האָבען אַ קורצע צייט בעוויזען אַ ווידערשטאַנד. דערויף איז טיטוס מיט די זייניגע אַרויף אויף די מויערן און האָט איינגענומען די שטאָדט. נאָר פריהער האָט ער נאָך געהאַט אויסצושטייהן אַ האַרטען קאַמף מיט די אידען, וואָס האָבען זיך געהאַט אינעווייניג צונויפגעקליבען. אין די שמאָלע געסלעך האָבען זיך אַלע קריגס־פייהיגע מענשען אַ וואָרף געטאָן אַנט־קעגען די רוימער, אין דער צייט וואָס די ווייבער האָבען געוואָרפען זיי אויף די קעפּ פון די דעכער אַראָבּ אַלצדינג, וואָס זיי איז נאָר געקומען אין האַנד. זעקס שעה לאַנג האָט געדויערט דער קאַמף; אָבער אַז די קריגס־פייהיגע מענשען זיינען אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען, האָט מען אויסגעקוילעט דאָס איבעריגע פאָלק, צום טייל אונטערן פרייען הימעל, צום טייל אין די הייזער, יונג און אַלט אָהן אונטערשייד, און קיין איין זכר איז ניט געבליבען לעבען, חוץ די אוממינדיגע קינדער, — וואָס זיינען אינאיינעם מיט די פרויען אַוועקגעשלעפּט געוואָרען אין שקלאַפעריי. די צאָהל פון די, וואָס זיינען געפאַלען אין שטאָדט און אין דער פריהערדיגער שלאַכט, האָט בעטראָפען 15 000, און די צאָהל פון די געפאַנגענע — 21 300. די דאָזיגע מפלה האָבען די גלילים געהאַט 25 טעג אין חודש סיון.

32. אויך מיט די שומרונים האָט געטראָפען אַן אומגליק. זיי האָבען זיך צונויפגעקליבען אויפ׳ן באַרג גריזים, וועלכען זיי האַלטען פאַר הייליג, און הגם זיי האָבען זיך פערהאַלטען רוהיג, פונדעסטוועגען איז שוין דערין אַליין, וואָס זיי האָבען זיך געהאַט צונויפגעקליבען, און אין זייער גאַנצען בענעהם געלעגען אַן אָנווייזונג אויף מלחמה. די מפלה פון זייערע שכנים האָט אויף זיי להלוטין ניט געווירקט. אַדרבא, זיי האָבען גאָרניט אין אַכט גענומען זייער אייגענע שוואכקייט און געוואָלט אַרויסטרעטען קעגען די רוימער און האָבען נאָר גע־וואַרט מיט גרויס חשק אויף אַ געלעגענהייט צו אַ מרידה. אַספּסינוס האָט גע־האַלטען פאַר ריכטיג צו פערהיטען אַ בעוועגונג פון זייער זייט און איינצו־שטילען זייער חשק צום אויפשטאַנד. וואָרום אין גאַנצען לאַנד שומרון זיינען

אומעטום זינט אַ לייַנגערע צייט געשטאַנען רוימישע גאַרניזאָנען, וואָס מען האָט בעדאַרפט זאָרגען פאַר זייער גורל מחמת דער גרויסער צאָהל פון די פערזאַמעלטע און זייער האַלטונג. דעריבער האָט ער אַרויסגעשיקט קעגען זיי דעם אָנפיהרער פונ׳ם פינפטען לעגיאָן, צערעאַליס׳ן, מיט 600 רייטער און 3 000 מאַן פוספאָלק. נור מחמת דער צו גרויסער צאָהל פון די פיינד האָט יענער בייז געהאַלטען פאַר גוט אַרויפצושטייגען אויפ׳ן באַרג און אַריינצולאָזען זיך מיט זיי אין אַ געשלעג. ער האָט זיך בכן דערווייל בעגענוגענט דערמיט, וואָס ער האָט אַרומגערינגעלט דעם פוס פון באַרג מיט זיינע מענשען און האָט אויף זיי אויפגעפאַסט אַ גאַנצען טאָג.

נאָר ס׳האָט געטראָפען גראָד, אַז די שומרונים האָבען געליטען דוחק אין וואַסער, און היות ווי יענעם טאָג — עס איז געווען אין מיטען זומער — איז געווען מורא׳דיג הייס, און די מאַסע האָט בכלל זיך ניט געהאַט פערזאָרגט מיט די נויטיגע לעבענסמיטלען, דעריבער זיינען עטליכע פון זיי נאָך דעמזעלביגען טאָג געשטאָרבען פאַר דאָרשט. אַנדערע ווייטער האָבען בעסער געוואָלט געפינען זיך אין קנעכטשאַפט, איידער שטאַרבען מיט אַזאַ טויט, און זיינען דעריבער איבערגעגאַנגען צו די רוימער. אַז צערעאַליס איז פון די דאָזיגע איבערלויפער געוואָהר געוואָרען, אַז די פון אויבען זיינען אינגאַנצען אָבגעשוואַכט געוואָרען אַדאַנק זייערע יסורים, איז ער אַרויף אויפ׳ן באַרג און האָט אַרומגערינגעלט די פיינד אַרום און אַרום מיט זיין חייל. דערויף האָט ער געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלען זיך אונטערגעבען, האָט זיי מתרה געווען, זיי זאָלען טראַכטען וועגען זייער רעטונג, און האָט זיי צוגעזאָגט צו פערשוינען זייער לעבען, אויב זיי וועלען וואַרפען פון זיך די געוועהר. נאָר היות ווי ער האָט דערמיט גאָרנישט אויסגעפיהרט, דעריבער איז ער אָנגעפאַלען אויף זיי און האָט געלאָזט אויסקוילען די גאַנצע מאַסע, וואָס איז בעשטאַנען פון 11 600 מאַן. אָט דער דאָזיגער שווערער קלאַפּ האָט געטראָפען די שומרונים 27 טעג אין חודש סיון.

33. דערווייל האָבען די איינוואוינער פון יודפת זיך נאָך אַלץ געהאַלטען און קעגען אַלע ערוואַרטונגען האָבען זיי זיך אַנטקעגענגעשטעלט קעגען אַלע שרעקענס פון דער בעלעגערונג. סוף־כל־סוף, דעם 47־טען טאָג, בשעת די וואַלען פון די רוימער האָבען דערגרייכט ביז צו דער הויך פון די שטאָדטמויערן, איז געקומען צו אַספּסיַנוס׳ן אַן איבערלויפער און האָט איהם געגעבען צו וויסען, ווי קליין און שוואַך עס איז דער הייפעל פון די בעלעגערטע, און ווי זיי זיינען אויסגעמאַטערט דורכ׳ן שטענדיגען וואַך־זיין און דורך די כסדרדיגע געשלעגען, אזוי אַז זיי וועלען מעהר ניט זיין אימשטאַנד אויסצוהאַלטען אַן אָנפאַל. אָבער אויך דורך רמאות וועט מען זיי קאָנען בייקומען, אויב עמיצער זאָל זיך נעמען דערפאַר; וואָרום אין דער צייט פון לעצטען נאַכט־משמור, בשעת זיי רעכענען, אַז זיי וועלען האָבען רוה פון די אָנפאַלען און דער מאָרגען־דרימעל פאַלט אָן אויף די טויט־מידע, ליגען אויך די שומרים אין טיעפען שלאָף; און ער גיט דעריבער אַן עצה, אַז מען זאָל צוטרעטען צום אָנפאַל גראָד אין יענער שעה.

אספסינוס האָט אפילו ניט שטאַרק געטרויט דעם איבערלויפער, וואָרום ער האָט גוט געוואוסט, ווי געטריי די אידען זיינען איינער דעם אַנדערן און ווי ווינציג זיי גיבען אַכט אויף קערפּערליכע שטראָפען. איין מאָל האָט אַ געפאַנגענער איינוואוינער פון יודפת אויסגעהאַלטען אַלע ענויים, מיט וועלכע מען האָט איהם געפּייניגט: מען האָט איהם געברענט מיט פייער און דערנאָך איהם אויפגעהאַנגען אויף אַ קרייץ — און פונדעסטוועגען האָט ער קיין איין וואָרט ניט אַרויסגעזאָגט די פיינד וועגען אינעווייניגסטען מצב פון שטאָדט און איז געשטאָרבען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען. נאָר היות ווי דאָס, וואָס דער בוגד האָט געזאָגט, האָט בעדאַרפט זיין אמת על־פּי שכל, דעריבער האָט מען איהם געקאָנט גלויבען. אַזוי איז אַספּסינוס אַרויף אויפ'ן געדאַנק, אַז אפשר זאָגט ער טאַקע אמת. חוץ דעם האָט ער גערעכענט, אַז אויב דעריין שטעקט אפילו עפּיס אַ פאַלשער מיין, האָט ער דאָך אין יעדען פאַל די רוימער קיין גרויסען שאָדען ניט געקאָנט אָנטון. דעריבער האָט ער געהייסען דעם מענשען היטען און דעם חייל זיך צוגרייטען צום שטורעם אויף דער שטאָדט.

34. אין דער בעשטימטער שעה האָבען זיך די רוימער שטילערהייד דערנעהענטערט צום מויער. טיטוס מיט'ן טריבון דאָמיציוס סאַבינוס און מיט עטליכע מענשען פון פינפטען און צעהנטען לעגיאָן זיינען אַרויף די ערשטע, און נאָכדעם ווי זיי האָבען דערשטאָכען די שומרים, זיינען זיי שטילערהייד אַריין אין שטאָדט. נאָך זיי האָבען דער טריבון סעקסטוס צערעאַליס און פּלאַקידוס אַריינגעפיהרט זייערע מענשען. די פעסטונג איז געווען איינגענומען, אין מיטען שטאָדט האָבען זיך בעוועגט די פיינד, און ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג. פונדעסטוועגען האָבען די איבערפּאַלענע נאָך גאָרנישט ניט געוואוסט וועגען דעם, אַז די פעסטונג איז איינגענומען. וואָרום דער גרעסטער רוב פון זיי איז געווען ווי געלייהמט פון שלאָף און מידיגקייט, און דער בליק פון די, וואָס זיינען וואָך געוואָרען, איז פערפינסטערט געוואָרען דורך אַ געדיכטען נעפּיל, וואָס איז געלעגען איבער'ן שטאָדט. ערשט אַז דער גאַנצער חייל איז געווען אַריינגעדרונגען אין שטאָדט האָבען זיי זיך אויפגעהאַפּט, אָבער נאָר צוליעב דעם, בכדי געוואָהר צו ווערען זייער אומגליק און בכדי צו איבערצייגען זיך אונטער'ן מאָרד־שווערד פון די פיינד, אַז די שטאָדט איז טאַקע מיט אַן אמת איינגענומען.

געדיינקענדיג אַלצדינג, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען פאַר דער צייט פון דער בעלעגערונג, האָבען די רוימער קיין רחמנות און פון שוינונג ניט געוואוסט, נאָר זיי האָבען גע'הרג'עט דאָס פאָלק און אַראָבגעשטופּט עס גלייך פון דער פעסטונג. דערביי האָט די אומגינסטיגע לאַגע פונ'ם אָרט נאָך אָבגענומען ביי די קריגס־פייהיגע די מעגליכקייט זיך אַנטקעגענצושטעלען, וואָרום היות ווי זיי זיינען אַריינגעשטופּט געוואָרען אין די שמאָלע געסלעך און האָבען זיך אויסגעגליטשט אויף די משופּע'דיגע ערטער, זיינען זיי צעדריקט געוואָרען דורך די סאָלדאַטען, וואָס זיינען אַראָבגעשטורעמט פון פעסטונג. דאָס האָט אַ סך, אַפילו די אויסגעקליבענע מענשען יוספ'ס, בעוואויגען זיך אַליין צו

טויטען. וואָרום אַז זיי האָבען אײנגעזעהן, אַז זיי זיינען ניט אין שטאַנד צו טויטען אַפילו איין רוימער, האָבען זיי זיך צונויפגעקליבען אין אויסערסטען עק פון שטאָדט און האָבען זיך אַליין גענומען דאָס לעבען.

35. אַ געוויסע צאָהל פון די שומרים, וואָס האָבען גלייך לכתחילה בעמערקט, אַז די שטאָדט איז אײנגענומען געוואָרען, האָט זיך אײנגעגעבען צו אַנטלויפען און אַרויפשטייגען אויף איינעם פון די צפונ'דיגע טורעמס. דאָ האָבען זיי זיך נאָך פערטיידיגט אַ געוויסע צייט; נאָר אַז זיי האָבען דערזעהן, אַז זיי זיינען אַרומגערינגעלט פון אַ סך פיינד, האָבען זיי געוואָלט אַריינטרעטען אין אונטערהאַנדלונגען. נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט, און זיי האָבען זיך גערן געלאָזט אויסשעכטען פון די אַריינדרינגענדיגע רוימער.

איבעריגענס, וואָלטען די רוימער געקאָנט זיך בערימען, אַז דער סוף פון דער בעלעגערונג האָט זיי קיין איין טראָפּען בלוט ניט געקאָסט, אויב ביים אײננעמען די שטאָדט וואָלט ניט געפאַלען איין צענטוריאָ מיט'ן נאָמען אַנטאָניוס, אַלס אַ קרבן פון פאַלשקייט. פון די פיעל אידען, וואָס האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אין די הייהלען, האָט איינער געבעטען זיך ביי אַנטאָניוס'ן, אַז ער זאָל איהם שיינקען דאָס לעבען, און אַלס אַ סימן דערצו, זאָל ער איהם געבען די האַנד און העלפען איהם דורכדעם צוגלייך אַרויסקריכען. אומפאָרזיכטיג האָט אַנטאָניוס איהם טאַקע אויסגעשטרעקט די האַנד; דער איד אָבער האָט איהם פון אונטען אַריינגעשטאָכען אַ שפּיז אין בויך, אַזוי אַז ער איז פלוצלונג אַנידערגעפאַלען טויט.

36. אין יענעם טאָג האָבען די רוימער אויסגעהרג'עט נאָך אַ גאַנצע מאַסע פון די, וואָס זיינען זיי געקומען אין די אויגען. דעם אַנדערן טאָג אָבער האָבען זיי דורכגעזוכט די בעהאַלטענע ווינקעלעך און האָבען נאָכגעיאָגט די, וואָס האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אין די אונטערערדישע גיינג און הייהלען, און דערביי האָבען זיי ניט געשוינט קיין עלטער, חוץ ווייבער און קליינע קינדער. געפאַנגענע האָבען זיי צונויפגעקליבען 1 200 מאַן. אינגאַנצען זיינען געפאַלען ביים אײננעמען די שטאָדט און אין די פריהערדיגע שלאַכטען 40 000 מאַן. אַספּסינוס האָט איצט געלאָזט די שטאָדט חרוב מאַכען ביז צום גרונד און אַלע פעסטונגס-בנינים פערברענען. אַזוי איז געפאַלען יודפת אין דרייצעהנטען יאָהר פון נירונ'ס רעגירונג, דעם ערשטען טאָג פון חודש תמוז.

# אכטער קאפּיטעל.

יוסף ווערט גענומען געפאַנגען. — זיין שמועס מיט אַספּסינוס'ן.

1. איצטער האָבען די רוימער געזוכט יוסף'ן צווישען די טויטע און אין אַלע בעהעלטענישען, וואָרום צום טייל זיינען זיי אַליין קעגען איהם געווען שטאַרק ערביטערט, און צום טייל וויל דער אויבערשטער קריגספיהרער האָט זייהר שטאַרק געוואָלט איהם נעמען געפאַנגען, מחמת ער האָט גערעכענט,

אַז דאָס וועט כּמעט בעשטימען דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה. נאָר יוסף האָט, ווי אונטער גאָטס בעזונדערער שוץ, אַרויסגעגנב'עט זיך שטילערהייד, בשעת די שטאָדט איז אַיינגענומען געוואָרען דורך די פיינד, און איז אַראָבגעשפרונגען אין אַ טיעפען ברונים, וואָס האָט זיך אין דער זייט פערברייטערט צו אַ הייהל, וואָס איז פון אויבען ניט געווען צו זעהן. אינ'ם דאָזיגען בעהעלטעניש האָט ער אָנגעטראָפען פערציג חשוב'ע לייט, וואָס זיינען געווען פערזאָרגט מיט לעבענסמיטלען אויף אַ משך פון עטליכע טעג. ביי-טאָג האָט ער זיך געהאַלטען פערבאָרגען, ווייל די פיינד האָבען געהאַט אַיינגענומען אַלע ערטער; ביי-נאַכט אָבער איז ער אַרויסגעקראָכען, בכדי אַרויסצוגעפינען אַ וועג אויף אַנטלויפען און זיך אַרומצוזעהן אויף די פּאָסטענס. נאָר היות ווי פון זיינעטוועגען איז די גאַנצע געגענד געוואָרען שאַרף געהיט פון אַלע זייטען, אַזוי אַז מען האָט גאָר ניט געקאָנט טראַכטען וועגען אַנטלויפען שטילערהייד, דעריבער איז ער צוריק אַרונטער אין הייהל. אַזוי איז ער צוויי טעג בעהאַלטען געווען פון אַלע נאָכפאָרשונגען. אויפ'ן דריטען טאָג אָבער האָט איהם אַרויסגעגעבען אַ פרוי, וואָס איז געווען ביי זיי און דערנאָך געוואָרען גענומען געפאַנגען. תּיכף ומיד האָט אַספּסינוס געשיקט צוויי טריבונען, פּוילינוס'ן און גאַליקאַנוס'ן, מיט'ן בעפעהל, זיי זאָלען צוזאָגען יוספ'ן זיכערקייט און איהם בעוועגען צו פערלאָזען די הייהל.

2. ביידע זיינען זיי אַוועק, האָבען זיך געווענדט צו איהם און צוגעזאָגט, אַז מען וועט איהם לאָזען לעבען; נאָר זיי האָבען ביי איהם גאָרנישט ניט געקאָנט פּועל'ן, וואָרום ער האָט גערעכענט, אַז פאַר די גרויסע שאָדענס, וואָס ער האָט אָנגעטאָן די רוימער, וואַרט אויף איהם אַ שלעכטער סוף. ער האָט ניט געקוקט אויפ'ן מילדען כּאַראַקטער פון די, וואָס האָבען צו איהם גערעדט, ער האָט ניט געקאָנט פערטרייבען פון זיך דעם געדאַנק, אַז מען וויל איהם אַרויסנאַרען, בכדי איהם צו לאָזען טויטען. צולעצט האָט אַספּסינוס געשיקט נאָך אַ דריטען שליח: דאָס איז געווען דער טריבון נקנור, וואָס איז געווען גוט בעקאַנט יוספ'ן און פריהער מיט איהם בעפריינדעט. יענער איז געקומען און האָט געשילדערט, ווי אַזוי די רוימער בעגייהען זיך לייטזעליג מיט די, וועמען זיי האָבען מנצח געווען. ער האָט אויך דערקלערט, אַז די אָנפיהרער בעוואונדערן מעהר יוספ'ן פאַר זיין מוט, איידער זיי האָבען איהם פיינט, און ווי אַזוי דער אויבערשטער קריגס-פיהרער האָט לחלוטין ניט בדעה איהם צו לאָזען טויטען. וואָרום ער וואָלט דאָך געקאָנט אויספיהרען אויף איהם די דאָזיגע שטראָף, אַפילו ווען ער זאָל ניט אַרויסקומען, נאָר ער האָט בעשטימט איהם, אַלס מוטיגען מאַן, צו לאָזען לעבען. איבעריגענס, האָט ער ווייטער מוסיף געווען, וואָלט אַספּסינוס מיט אַ פאַלשען מיין ניט געשיקט זיין פריינד און פעראייניגט אויף אַזאַ אופן דאָס שענדליכסטע מיט'ן בעסטען, פאַלשקייט מיט פריינדשאַפט, פּונקט אַזוי ווי ער, נקנור גופא, וואָלט אויך זיך בשום אופן ניט גענומען אָבצונאַרען זיין פריינד.

3. נאָר היות ווי יוסף האָט ניט געקאָנט זיך בעשליסען אפילו פאַר נקנור'ן, האָבען די סאָלדאַטען אין זייער צאָרן אָנגעהויבען מאַכען הכנות, בכדי

צו וואַרפען פייער אין דער הייהל. נאָר זייער אָנפיהרער האָט זיי אָבגעהאַלטען, וואָרום ער האָט שטאַרק געוואָלט חאַפּען דעם מאַן לעבעדיגערהייד.

אין דער צייט וואָס נקנור האָט אַזוי שטאַרק איהם צוגערעדט און די פיינדליכע סאָלדאַטען האָבען אַזוי געסטראַשעט, האָט יוסף זיך דערמאָנט זיינע חלומות, אין וועלכע גאָט האָט איהם אַנטפּלעקט דעם פאָרשטייהענדיגען אומגליק פון די אידען און דעם צוקונפטיגען גורל פון די רוימ׳ישע אימפּעראַטאָרען. יוסף האָט פערשטאַנען ביים פּותר חלום זיין צו בעשיידען נבואות, וואָס גאָט האָט געלאָזט צווייידייטיג, וואָרום אַלס כהן און אַ זוהן פון אַ כהן איז ער געווען גוט בעה׳בינ׳ט אין די נבואות פון די הייליגע ספרים. גראָד אין יענעם מאָמענט האָט איהם אָנגעהאַפּט אַ געטליכע בעגייסטערונג, און בשעת עס האָבען זיך איהם פאָרגעשטעלט די שרעקליכע בילדער פון די חלומות, וואָס ער האָט ניט לאַנג געהאַט, האָט ער אין דער שטיל תּפלה געטאָן צו גאָט און האָט געזאָגט: „היות ווי דו האָסט בעשלאָסען צו דערנידעריגען דאָס פאָלק פון די אידען, וואָס דו האָסט געשאַפען, ווייל די גאַנצע הצלחה איז געווענדט צו די רוימער, און דו האָסט אויסגעקליבען מיין נשמה, בכדי צו אַנטפּלעקען די צוקונפט, דעריבער שטרעק איך אויס מיין האַנד די רוימער און בלייב לעבען. נאָר דיך רוף איך אָן פאַר אַן עדות, אַז איך גייה איבער צו זיי ניט אַלס בוגד, נאָר אַלס דיין דיענער".

4. נאָך דער דאָזיגער תּפלה האָט ער צוגעזאָגט נקנור׳ן. אָבער אַז די אידען, וואָס האָבען זיך איינגעפונען מיט איהם אין בעהעלטעניש, האָבען דער דערזעהן, אַז ער האָט בעשלאָסען נאָכצוגעבען די צוריידען פון די פיינד, האָבען זיי איהם אַרומגערינגעלט אין אַ געדיכטער מאַסע און האָבען אויסגערופען: „יאָ, שווער וועלען איבער דיר זיפצען ד׳ געזעצען פון די עלטערן, און טיעף וועסטו מצער זיין כּביכול גאָט, וואָס האָט בעשאַפען ביי די אידען נשמות, וואָס פעראַכטען דעם טויט. שוין זשע, יוסף, איז דיר דיין לעבען אַזוי טייער, אַז דו קענסט ביי זיך פועל׳ן אָנצוקוקען די ליכטיגע שיין אַלס שקלאַף? ווי גיך האָסטו פערגעסען דיין אייגענעם „איך"! שוין זשע טראַכסטו גאָרניט וועגען דעם, וויפיעל אידען עס זיינען געשטאָרבען פאַר דער פרייהייט לויט דיין וואָרט? בכן הייסט עס, איז פאַלש געווען דיין שם פון מוטיגקייט, וואָס דו האָסט געהאַט; פאַלש איז אויך דער שם פון קלוגשאַפט, ווייל דו האָפסט אויף גענאָד מצד די, קעגען וועלכע דו האָסט אַזוי האַרטנאַקיג געקעמפט, און נאָך מעהר ווייל דו ווילסט די בעגנאַדיגונג צונעמען פון זייער האַנד, אויב זי זאָל טאַקע דיר ווערען געזיכערט! אָבער אויב אפילו דו זאָלסט זיין אַזוי פערבלענדט דורכ׳ן גליק פון די רוימער, אַז דו האָסט אָן זיך אַליין פערגעסען, איז מוזען מיר דאָך זיין בעזאָרגט פאַר׳ן כבוד פון אונזער פאָטערלאַנד. אונזערע הענד און אונזערע שווערדען שטעלען מיר אין דיין רשות; אויב דו שטאַרבסט מיט׳ן גוטען ווילען, שטאַרבסטו דער פיהרער פון די אידען, טאָמער זשע ניט מיט׳ן גוטען ווילען, דעמאָלט שטאַרבסטו ווי אַ בוגד". ביי די דאָזיגע ווערטער האָבען זיי אויסגעשטרעקט זייערע שווערדען קעגען איהם און האָבען געסטראַשעט, איהם צו דערשטעכען. אויב ער וועט זיך אונטערגעבען די רוימער.

5. **אויס מורא פאַר זייער אָנפאַל און אין דער איבערצייגונג, אַז ער וועט** פעלשען אין גאָטס שליחות, אויב ער וועט שטאַרבען, איידער ער וועט זי האָבען אָנגעזאָגט, האָט יוסף אין זיין נויט אָנגעהויבען צו טענ'ען מיט זיי און בעווייזען זיי על פי שכל, אַז זיי טוען פאַלש. „צוליעב וואָס — האָט ער געזאָגט — אָ פריינד, זיינען מיר אַזוי להוט נאָך דעם, זיך אַליין צו טויטען? אָדער צו-ליעב וואָס ווילען מיר צערייסען דעם פעסטען בונד צווישען גוף און נשמה? מען זאָגט, אַז איך בין געוואָרען אַן אַנדערער — נו, דאָס וויסען די רוימער צום בעסטען. שיין איז עס צו שטאַרבען אין דער מלחמה, אָבער לויט'ן מנהג פון דער מלחמה, דאָס הייסט, דורכ'ן שונא'ס האַנד. אויב איך אַנטלויף פאַר'ן שווערד פון די רוימער, דעמאָלט פערדיען איך באמת צו שטאַרבען דורך מיין אייגענעם שווערד, דורך מיין אייגענער האַנד. אָבער ווען די רוימער האָבען דעם פערלאַנג צו פערשוינען דעם פיינד, טאָ אַפשיטא שוין, אַז מיר גופא מוזען זיך שוינען! ס'וואָלט דאָך געווען נאַריש, אויב מיר וואָלטען זיך גופא דאָס אָנטון, וואָס צוליעב דעם קעמפען מיר מיט זיי. ס'איז אַ כבוד צו שטאַרבען פאַר דער פרייהייט, דאָס זאָג איך אויך, אָבער אין קאַמף און דורך דער האַנד פון די, וואָס ווילען זי ביי אונז אַרויסרייסען. איצטער אָבער ניט זיי טרעטען אַרויס אין שלאַכט קעגען אונז, ניט זיי האָבען בדעה אונז צו נעמען דאָס לעבען. פחדנות איז פונקט אַזוי ניט צו ווילען שטאַרבען, בשעת מען דאַרף, ווי צו ווילען שטאַרבען, בשעת מען דאַרף ניט. וואָרום וואָס האָבען מיר דען מורא צו האָבען, אַז מיר זאָלען ניט אַרויף צו די רוימער? פאַר'ן טויט דאָך, ניט אמת? אָבער צי דען איז אַזוי זיכער, אַז מיר וועלען ליידען מצד די רוימער דאָס, וואָס מיר ווילען איצט זיך אַליין אָנטון? ניין, זאָגט אַן אַנדערער, פאַר דעם קנעכטשאַפט האָבען מיר מורא — פונקט אַזוי ווי איצט וואָלטען מיר זיך געבאָדען אין פרייהייט! דאָ קומט ווידער אַן אַנדערער און זאָגט, אַז עס איז העלדענמוטיג צו טויטען זיך אַליין. ניין, אַדרבא, עס איז די גרעסטע פחדנות. איך, וויניגסטענס, האַלט פאַר זייהר אַ גרויסען פחדן אַזאַ שיפער, וואָס אויס מורא פאַר'ן שלעכטען וועטער, דערטרינקט ער מיט'ן גוטען ווילען זיין שיף, בשעת עס ברעכט אויס אַ שטורעם.

חוץ דעם, איז דער זעלבסטמאָרד כנגד דעם גאַנצען עצם פון אַלע לע-בעדיגעס און איז צוגלייך אַ זינד קעגען גאָט, אונזער בעשעפער. ס'איז נימא קיין חיה, וואָס זאָל מיט אַ כיון זוכען דעם טויט אָדער עס זיך אַליין אָנטון. וואָרום עס איז אַ פעסטער נאַטור-געזעץ, אַז מען וויל גערן לעבען. און דע-ריבער בעטראַכטען מיר פאַר פיינד אַזעלכע מענשען, וואָס ווילען אָפען אונז דאָס לעבען נעמען, און מיר נעמען נקמה פון די, וואָס ווילען אונז טויטען בעהאַלטענערהייד. און צי דען מיינט איהר, אַז גאָט וועט ניט זיין דערצאָרענט, אויב דער מענש זאָל פאַר גאָרנישט האַלטען זיין מתנה? וואָרום פון איהם האָבען מיר דאָך בעקומען אונזער חיות און איהם מוזען מיר איבערלאָזען צו מאַכען אַ סוף דערפון. אַלע האָבען מיר שטערבליכע גופים, וואָס זיינען גע-בילדעט פון אַ פערגייהענדען חומר. אין דעם גוף אָבער וואוינט אַן אומשטערב-ליכע נשמה, אַ טייל פון דער גאָטהייט. ווען עמיצער זאָל פערשווענדען אָדער

שלעכט פערוואַלטען איבער אַ פערמעגען, וואָס איז איהם אָנגעטרויט געוואָרען פון אַ מענשען, דעמאָלט רעכענט ער זיך פאַר זינדיג און פאַלש; אָבער ווען איינער וואַרפט אַרויס איבער געוואַלד פון זיין אייגענעם קערפער דעם פערמעגען, וואָס גאָט האָט איהם אָנגעטרויט, — צי קאָן ער דען נאָך טראַכטען צו בלייבען פערבאָרגען פון דעמס אויגען, וועמען ער האָט דערמיט בעליידיגט? מען האַלט עס פאַר ריכטיג, אַז אַנטלאָפענע שקלאַפען ווערען בעשטראָפט, אפילו ווען זיי זיינען אַנטלאָפען פון שלעכטע בעלי-בתים — היינט שוין זשע זאָל עס קיין חטא ניט זיין, ווען מיר אַנטלויפען פון גאָט, וואָס איז דער בעסטער האַר? שוין זשע ווייסט איהר ניט, אַז די וואָס געזעגענען זיך מיט'ן לעבען לויט'ן געזעץ פון דער נאַטור און צאָהלען אָב דעם חוב, וואָס זיי האָבען אַנטליהען ביי גאָט דעמאָלט, ווען דער געבער וויל איהם נעמען,— אַז די דאָזיגע מענשען דערגרייכען צו אייביגען כבוד, זייער הויז און זייער משפחה האָבען אַ לאַנגען קיום, זיי בעהאַלטען ריינע נשמות, זיי קאָנען זיין זיכער, אַז זייערע תפלות ווערען דערהערט ווערען, און זיי וואוינען אין דעם היילינסטען אָרט פון הימעל, פון וואַנען זיי מעגען אין משך פון אייביגקייטען ווידער אַריינגייהן אין אומבעפלעקטע קערפערס; פערקעהרט די, וואָס האָבען מיט זייערע אייגענע הענד זיך געטויט, פאַלען אַריין אין דער פינסטערער אונטערשטער וועלט, און גאָט, זייער פאָטער, שטראָפט די דאָזיגע אין צווייען זינדיגע מענשען נאָך אין זייערע קינדער נאָך זיי? דעריבער האָט גאָט פיינט דעם דאָזיגען פערברעכען, און דער קליגסטער מחוקק האָט דערפאַר אַרויפגעלייגט אַ שטראָף. 1) וואָרום דעם זעלבסטמערדער מוז מען ביי אונז אַוועקוואַרפען אומבעגראָבענערהייד ביז'ן זונען-אונטערגאַנג, אין דער צייט וואָס אויף אונז ליגט אַ חוב מקבר צו זיין אפילו אַ פיינד. ביי אַנדערע פעלקער איז פאַרהאַן אַ מנהג אָבצוהאַקען ביי אַזעלכע טויטע די רעכטע האַנד, וואָס מיט איהר האָבען זיי זיך געטויט: דאָס דאַרף בעדייטען, אַזוי ווי דער דאָזיגער קערפער האָט אַרויסגעשטופט די נשמה, אַזוי געהערט אויך ניט די האַנד צום קערפער.

דעריבער, מיינע פריינד, איז עס פאַסיג צו דיינקען ריכטיג און ניט מוסיף צו זיין צום אומגליק, וואָס האָט מיט אונז געטראָפען, ווי מענשען, נאָך אַ זינד קעגען אונזער בעשעפער. אויב מיר זאָלען בלייבען לעבען, טאָ לאָמיר ניט שטערען אונזער אייגענער רעטונג. וואָרום דאָס וועט אונז ניט פערשאַפען קיין חרפה ביי די, וועמען מיר האָבען בעוויזען אונזער מוט דורך אַזוי פיעל גבורות. טאָמער זשע בעדאַרפען מיר שטאַרבען, טאָ זאָל עס געשעהן דורך דער האַנד פון די זיגער. איך וויל, פערשטייהט זיך, ניט איבערגייהן אין די רייהען פון די פיינד, בכדי צו ווערען אַ בוגד קעגען זיך גופא. וואָרום דעמאָלט וואָלט איך געווען נאָך נאַרישער, איידער אַ געוויינליכער איבערלויפער, וואָס טוט אַזוי, בכדי צו ראַטעווען זיין לעבען, אין דער צייט, וואָס איך וואָלט עס געטאָן צו פערדאַרבען, און טאַקע מיין אייגענעם. וואָס איך אָבער ווינש זיך, איז

1) אין תורת משה איז בכלל וועגען זעלבסטמאָרד קיין שום געזעץ ניטאָ.

דאָס אַ בגידה מצד די רוימער, וואָרום אויב זיי וועלען מיך אומברייגגען, ניט קוקענדיג אויפ'ן געגעבענעם וואָרט, דעמאָלט וואָלט איך מיט פרייד געשטאָרבען, און די דאָזיגע פאַלשקייט זייערע וואָלט פאַר מיר געווען אַ גרעסערע טרייסט, איידער דער נצחון".

6. אַ סך און כּדומה נאָך אַזעלכעס האָט יוסף גערעדט, בכדי אָבצורייּדען זיינע חברים פון זעלבסטמאָרד. נאָר דער יאוש האָט זיי געמאַכט טויב קעגען אַלע טענות. שוין לאַנג האָבען זיי זיך צוגעגרייט צום טויט, און זיינען געוואָרען דעריבער אַלץ אויפגעבראַכטער קעגען איהם. פון אַלע זייטען זיינען זיי צוגעשטאַנען צו איהם מיט בלויזע שווערדען, האָבען איהם בעשולדיגט אין פחדנות, און איטליכער איז געווען גרייט, איהם צו דערשטעכען. נאָר ער האָט עס פערשטאַנען אין זיין נויט, וואָס האָט דערוועקט אין איהם פערשיידענע געפיהלען, איטליכס מאָל אָבצווועגדען פון זיך דעם מאָרדענדען שווערד, דורכדעם וואָס ער האָט איינעם אָנגערופען ביים נאָמען, דעם אַנדערן אָנגעקוקט מיט'ן בליק פון אַ קריגס-פיהרער, אַ דריטען אָנגעחאַפּט ביים האַנד, אַ פירטען אומגעשטימט דורך בקשות. אַזוי בעגייהט זיך אַ ווילדע חיה אויפ'ן געיעג, בשעת זי איז אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען. איטליכס מאָל ווענדט זי זיך קעגען דעם, ווער עס גרייט זיך אָנצופאַלען אויף איהר. און היות ווי אפילו אין דער דאָזיגער אויסערסטער נויט האָבען זיי נאָך אין איהם געעהרט דעם קריגס-אָנפיהרער, דעריבער זיינען זייערע אָרעמס ווי געלייהמט געוואָרען, די קינזשאַלען זיינען אַרויסגעפאַלען פון זייערע הענד, און אַ סך, וואָס האָבען געהאַט אויפגעהויבען זייער שווערד קעגען איהם, האָבען עס צוריק אַריינגעשטעקט מיט'ן גוטען ווילען.

7. ניט קוקענדיג אויף דער דאָזיגער פערצווייפעלטער לאַגע, האָט יוסף ניט אָנגעוואָהרען זיין קלאָרען פערשטאַנד; פערקעהרט, פערלאָזענדיג זיך אויף גאָטס הילף, האָט ער זיין לעבען אַיינגעשטעלט אין קאָהן און האָט געזאָגט צו זיינע חברים: „היות ווי עס איז פעסט בעשטימט ביי אַייך צו שטאַרבען, טאָ לאָמיר בעשטימען דורכ'ן גורל, ווער פון אונז זאָל איטליכס מאָל דערשטעכען דעם אַנדערן. און דער, אויף וועמען דער גורל וועט פאַלען, וועט שטאַרבען דורך דער האַנד פון דעם יעניגען, וואָס איז בעצייכענט נאָך איהם. אויף אַזאַ אופן וועט דער גורל פון טויט פאַלען אויף אַלעמען, און דערביי וועט דער איינצעלנער ניט זיין אָנגעוויזען דערויף זיך אַליין צו טויטען. וואָרום ס'וואָלט דאָך געווען אַן אומרעכט, אויב נאָכ'ן טויט פון זיינע חברים וועט דער לעצטער חרטה האָבען און ראַטעווען זיין לעבען".

דער דאָזיגער פאָרשלאָג האָט איהם ווידער פערשאַפט צוטרוי און נאָכדעם ווי די איבעריגע האָבען דערצו מסכּים געווען, האָט ער אויך אינאיינעם מיט זיי געצויגען גורל. ווי נאָר אויף עמיצען איז געפאַלען דער גורל, האָט ער זיך געלאָזט מיט חשק טויטען דורך דעם, וואָס קומט נאָך איהם, אין דעם בעוואוסטזיין, אַז באַלד וועט דאָך דער אָנפיהרער אויך מוזען שטאַרבען; וואָרום דער טויט אינאיינעם מיט יוסף'ן האָט זיך זיי אויסגעדוכט אָנגענעמער,

איידער דאָס לעבען. אַזוי האָבען זיי זיך געשאָכטען איינער דעם אַנדערען, ביז עס זיינען געבליבען לעבען. נאָר יוסף, מען קאָן ניט זאָגען, צי דורך אַ צופאַל אָדער דורך דעם אויבערשטענס השגחה, מיט נאָך אַ חבר. און היות ווי יוסף האָט ניט געוואָלט, ניט אַז דער גורל זאָל אויף איהם פאַלען, און ניט, אויב ער וואָלט אַליין געבליבען לעבען, בעפלעקען זיין האַנד מיט די בלוט פון זיין לאַנדסמאַן, — דעריבער האָט ער אויך יענעם צוגערעדט, ער זאָל זיך אונטער-געבען די רוימער און דורכדעם ראַטעווען זיין לעבען.

8, נאָכדעם ווי יוסף איז אויף אַזאַ אופן בשלום אַרויס פונ'ם קאַמף סיי מיט די רוימער, סיי מיט זיינע אייגענע לאַנדסלייט, האָט איהם נקנור געבראַכט צו פיהרען צו אַספּסינוס'ן. אַלע רוימער זיינען געקומען צו לויפען, בכדי איהם צו זעהן, און די מאַסע, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבען אַרום דעם קריגס-פיהרער, האָט אויפגעהויבען אַ גרויסען טומעל. אייניגע האָבען זיך געפרייהט דעריבער, וואָס ער איז גענומען געוואָרען געפאַנגען, אַנדערע האָבען אויסגע-רופען סטראַשונקעס, אַנדערע ווידער האָבען זיך געמאַכט אַ וועג איבער גע-וואַלד, בכדי צו קאָנען איהם בעטראַכטען פון דער נאָהענט. די, וואָס זיינען געשטאַנען פון דערווייטענס, האָבען געשריען, אַז מען בעדאַרף דעם פיינד לאָזען טויטען, די וואָס זיינען געשטאַנען נעהענטער, האָבען דערמאָנט זיינע גבורות און זיינען געווען נשתומם איבער'ן בייט פון זיין מזל. צווישען די אָפיצירען אָבער איז ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל, ניט קוקענדיג אויף דער פריהערדיגער ערביטערונג קעגען איהם, ניט זיין גערירט דורך זיין אויסזעהן. בעזונדערס גערירט איז געווען דער איידעלער טיטוס, וואָס אויף איהם האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם יוסף'ס פעסטיגקייט אין אומגליק און דער מיטגעפיהל מיט זיין עלטער. און בשעת ער האָט זיך פאָרגעשטעלט יוסף'ס גבורות, וואָס ער האָט אָקאָרשט אויפגעטאָן, און איהם בעטראַכט, ווי אַזוי ער איז איצט געווען אין האַנד פון זיינע פיינד, איז איהם ערשט רעכט איינגע-פאַלען דער געדאַנק וועגען מאַכט פונ'ם מזל, וועגען דעם, ווי עס בייט זיך גיך דער קריגס-גליק, און וועגען דער אומבעשטענדיגקייט פון אַלע מענשליכע טועכצען. און בעשיינפערליך איז דאָס אויך געווען די שטימונג פונ'ם גרעסטען טייל פון די, וואָס זיינען געווען דערביי, וואָס זיי האָבען ניט בעהאַלטען זייער רחמנות אויפ'ן געפאַנגענעם. דעמאָלט האָט טיטוס זיך שטאַרק משתדל געווען ביים פאָטער, בכדי צו ראַטעווען יוסף'ן דאָס לעבען. פונדעסטוועגען האָט אַספּסינוס געהייסען איהם שטריינג היטען, בכדי איהם באַלד אָבצושיקען צו נירונ'ען.

9. אַז יוסף איז דאָס געוואָהר געוואָרען, האָט ער פערלאַנגט צו ריידען מיט אַספּסינוס'ן אונטער פיער אויגען. דעמאָלט האָט דער קריגס-פיהרער געהייסען אַלעמען, וואָס זיינען געווען דערביי, אַוועקגייהן, חוץ זיין זוהן טיטוס'ן און צווייען פון זיינע גוטע פריינד. און יוסף האָט אַזוי געזאָגט: „דו, אַספּסינוס, רעכענסט געוויס, אַז דורכדעם וואָס דו האָסט געחאַפּט יוסף'ן, האָסטו געחאַפּט בלויז אַ געפאַנגענעם. נאָר דאָס איז אַ טעות. וואָרום איך קום פאַר דיר, ווי אַן אָנזאָגער פון וויכטיגע געשעהענישען. אויב איך וואָלט ניט בעדאַרפט אויס-

פיהרען אַ שליחות פון גאָט, וואָלט איך געוואוסט, וואָס עס פערלאַנגט דער געזעץ פון די אידען, און ווי עס פּאַסט צו שטאַרבען פאַר קריגס-פיהרערס. דו ווילסט מיך שיקען צו נירונ׳ען? אָבער צוליעב וואָס? צי דען וועלען די קיסרים, וואָס וועלען זיין נאָך איהם און פאַר דיר, לאַנג פערבלייבען אויפ׳ן טרוין? ניין! דו, אַספּסינוס, וועסט ווערען קיסר און אַליינהערשער, דו און אויך דיין זוהן! איצטער לאָז מיך נאָך וואָס זיכערער בינדען און היטען פאַר זיך; וואָרום דו, קיסר, וועסט ניט בלויז זיין מיין הערשער, נאָר אויך דער האַר איבער דער ערד, איבער׳ן ים און איבער אַלע מענשען. דעריבער מוזטו מיך האַלטען וואָס פעסטער איינגעשלאָסען, בכדי מיך צו טויטען, אויב איך רייד לייכטזיניג אין גאָטס נאָמען!”

לכתחלה האָט אויסגעוויזען, אַז אַספּסינוס געטרויט ניט די דאָזיגע רייד און האָט עס געהאַלטען פאַר אַ קונץ מצד יוסף׳ן, בכדי זיך צו ראַטעווען דאָס לעבען. נאָר ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבען דערין צו גלויבען, מחמת גאָט האָט אין איהם גופא אויך דערוועקט געדאַנקען וועגען בעשטייגען דעם טרוין און איהם אָנגעוויזען אויך דורך אַנדערע מופתים די צוקונפטיגע ממשלה. חוץ דעם, איז ער דערגאַנגען, אַז אויך אין אַנדערע פאַלען האָט דער געפאַנגענער שוין ריכטיג נביאות געזאָגט. וואָרום איינער פונ׳ם קריגס-פיהרערס פריינד, וואָס איז געשטאַנען דערביי ביים שמועס, האָט אַרויסגעזאָגט זיין פערוואונדערונג דעריבער, וואָס יוסף האָט ניט פאָראויסגעזאָגט, אַז יודפת וועט צעשטערט ווערען, און ער גופא וועט ווערען גענומען געפאַנגען; דעריבער ווייזט אויס, אַז דאָס, וואָס ער דערציילט איצט, איז מעהר ניט אַ פּוסטע פּלוידעריי, בכדי צוצוציהען צו זיך דעם שונא׳ס גענאָד. דערויף האָט יוסף געענטפערט, אַז אודאי האָט ער פאָראויסגעזאָגט די איינוואוינער פון יודפת, אַז נאָך 47 טעג וועלען זיי אריינפאַלען אין די הענד פון די פיינד, און ער גופא וועט ווערען גענומען געפאַנגען לעבעדיגערהייד. אַספּסינוס האָט געלאָזט נאָכפרעגען זיך שטילערהייד ביי די געפאַנגענע, און היות ווי ער האָט געפונען די ידיעה פאַר אמת, דעריבער האָט ער אויך אָנגעהויבען צו גלויבען אין דער נבואה בנוגע צו זיין אייגענער פערזאָן. ער האָט אמת געלאָזען נאָך יוסף׳ן האַלטען אין תפיסה און געשמידט אין קייטען, נאָר ער האָט איהם דערביי געשאָנקען טייערע בגדים און אַנדערע טייערע חפצים און האָט אויך אויף ווייטער געהייסען איהם פריינדליך צו בעהאַנדלען — די דאָזיגע אויסצייכענונג האָט יוסף דער עיקר געהאַט צו פערדאַנקען טיטוס׳ן.

# נײנטער קאַפּיטעל.

יפו ווערט אײנגענומען און טבריא גיט זיך אונטער.

1. פיער טעג אין חודש תמוז איז אַספּסינוס ווידער אַוועק קיין עכּו און פון דאָרט האָט ער זיך געלאָזט גײהן קיין קיסריא בײם ברעג ים, וואָס איז זײהר אַ גרויסע שטאָדט פון יהודה, דער עיקר בעוואוינט פון גריכען. די אײנוואוינער האָבען אויפגענומען דעם קריגס־פיהרער און דעם חייל מיט ברכות און אַנדערע בעווײזען פון זײער פרייד, צום טײל אויס איבערגעבענקײט צו די רוימער, צום טײל נאָך מעהר אויס שנאה צו די בעזיגטע. דעריבער האָבען אויך גאַנצע מאַסען פון זײ געפאָדערט מיט גרויס געשרײ, מען זאָל יוסף׳ן לאָזען טויטען. נאָר אַספּסינוס האָט די דאָזיגע פאָדערונג אָבגעוואָרפען מיט פאַרנעהמער רוה, ווײל זי איז געקומען פונ׳ם ווילדען המון. דערויף האָט ער אַוועקגעשטעלט צווײ פון זײנע לעגיאָנען דאָרט אויף ווינטער־קוואַרטירען, מחמת ער האָט אַײנגעפונען, אַז די שטאָדט איז פאַסיג דערצו; דעם 15־טען לעגיאָן אָבער האָט ער אַוועקגעשטעלט אין בית־שאן, בכדי ניט צופיעל צו בעשווערען קיסריא. מחמת איהר לאַגע אין טאָל און בײם ים איז קיסריא געווען אין ווינטער פונקט אַזוי אָנגענעם וואַרים, ווי הײס ביז צו דערשטיקט ווערען אין זומער.

2. דערווײל האָבען זיך ווידער צונויפגעקליבען אין בעדײטענדע מאַסען די אידען, וואָס זײנען אין דער צײט פון די מהומות אַנטרונען געוואָרען פון די שונאים׳ס הענד אָדער ניצול געוואָרען פון די צעשטערטע שטעדט. די דאָזיגע אידען האָבען ווידער בעפעסטיגט יפו, וואָס איז פריהער פערוויסט געוואָרען דורך קיסטיוס׳ן, און האָבען זי געמאַכט פאַר אַ שטיצפּונקט צוליעב ווײטערדיגע קריגערישע אונטערנעמונגען. ס׳פערשטײהט זיך, אַז אין לאַנד, וואָס איז געוואָרען געמאַכט אומזיכער דורך די פײנד, האָבען זײ זיך ניט דערוועגט ארויסצוטרעטען, און בכן האָבען זײ בעשלאָסען זיך צו לאָזען אויפ׳ן ים. זײ האָבען אויסגעבויט אַ סך פּיראַטען־שיפען, האָבען אָבגעטאָן רויבערײען אויפ׳ן ים־וועג צווישען סיריען, פעניקיען און עגיפּטען, און האָבען אויסגעפיהרט, אַז אין יענע וואַסערן האָט זיך באַלד ניט געלאָזט זעהן קײן אײן שיף.

ווי נאָר אַספּסינוס האָט דערהערט וועגען זײערע מעשים, האָט ער תיכּף געשיקט קײן יפו סאָלדאַטען צו פוס און אויף פערד, און זײ זײנען אַרײנגעדרונגען בײ־נאַכט אין דער אומבעזעצטער שטאָדט. וואָרום די אַײנוואוינער האָבען זיך געהאַט פריהער דערוואוסט וועגען דעם געפּלאַנטען אָנפאַל, האָבען אויס מורא פאַר די רוימער געוואָרפען די פערטײדיגונג און זײנען אַנטלאָפען אויף שיפען, וואו זײ האָבען איבערגענעכטיגט אויף אַזאַ ווײטען אָבשטאַנד, אַז די פײלען פון די רוימער האָבען צו זײ ניט געקאָנט דערגרײכען.

3. יפו האָט פון נאַטור ניט קײן האַפען, נאָר דער ברעג איז בײ איהר צעשפּאָלטען און לאָזט זיך אַראָב גלײך, ווי אַ וואַנט, צום ים אויף בײדע עקען שטאָדט איז דער ברעג אַ ביסעל אויסגעבויגען, נאָר אויך די דאָזיגע

קורצע שפיצען בעשטייהען בלויז פון גלייכע פעלזען-וועגט און פון גרויסע שטיינער, וואָס שטאַרצען אַריין אין ים. דאָ בעווייזט מען נאָך איצט סימנים פון אַנדראָמעדאַ׳ס קייטען – און דאָס בעווייזט, ווי אַלט די דאָזיגע מעשה איז. דער צפון-ווינט, וואָס שטורעמט גלייך קעגען ברעג און בעשאַפט אַ גרויסע שטרעמונג ביי די פעלזען, וואָט שטייהען קעגענאיבער, מאַכט דעם האַפען נאָך געפעהרליכער, איידער דער אָפענער ים.

אין דעם דאָזיגען האַפען האָבען זיך אַרומגעשיפט די איינוואוינער פון יפו – ווי מיט אַמאָל קעגען מאָרגען האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטאַרקער שטורעם-ווינט – שוואַרצער צפון-ווינד רופען איהם אָן די שיפער, וואָס שווימען אין יענע וואַסערן – און האָט איין טייל פון די שיפען צעקלאַפט איינע אָן די אַנדערע, און דעם אַנדערן טייל האָט ער געשליידערט אויף די פעלזען. אַ סך, וואָס האָבען מורא געהאַט פאַר׳ן ברעג מיט זיינע שטיינער און פאַר די פיינד, וואָס האָבען געהאַט פערנומען דעם ברעג, האָבען געפּרובט זיך לאָזען אַנטקעגען דעם שטראָם אין׳ם אָפענעם ים אַריין. נאָר די כוואַליעס, וואָס האָבען זיך דערהויבען הויך ווי טורעמס, האָבען זיי דערטרונקען. אין ערגיץ האָבען די איבערגעשראָקענע ניט געזעהן פאַר זיך קיין אָרט, אויף זיך צו בעהאַלטען דאָרט, אין ערגיץ ניט קיין סימן אויף רעטונג; פונ׳ם ים אַרויס האָט זיי געטריבען די קראַפט פונ׳ם שטורעם, די שטאָדט האָבען זיי די רוימער פערשפּאַרט. אַ הויכער „יאָמער-געשריי" האָט זיך געלאָזט הערען, בשעת די שיפען פלעגען זיך צונויפשטויסען, אַ מורא׳דיגער רעש, בשעת זיי פלעגען ווערען צעבראָכען. די מענשען זיינען צום טייל אַראָבגעשווינקט געוואָרען איבערן ראַנד פון די שיפען, צום טייל זיינען זיי אונטערגעגאַנגען אינאיינעם מיט די שיפען. אַנדערע האָבען זיך אַפריהער אָנגעטאָן אַ טויט, דורכדעם וואָס זיי האָבען זיך דערשטאָכען מיט זייער אייגענעם שווערד, אַווי ווי דער דאָזיגער טויט וואָלט געווען אַ גרינגערער. נאָר דער גרעסטער רוב איז געוואָרען אַרומגעשליידערט דורך די כוואַליעס און צעשמעטערט אויף די פעלזען-וועגט, אַזוי אַז דער ים איז געווען אויף אַ גרויסען מהלך רויט פון בלוט, און דער ברעג איז געווען פול מיט טויטע קערפּערס. וואָרום אויך פון די, וואָס זיינען לעבעדיגערהייד אַרויסגעוואָרפען געוואָרען אויף דער יבשה, האָבען די רוימער קיין איינעם ניט געלאָזט לעבען. 4 200 האָט בעטראָפען די צאָהל פון די טויטע קערפּערס, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון ים. נאָכדעם ווי די רוימער האָבען אויף אַזאַ אופן איינגענומען די שטאָדט, אָהן צו געברויכען אַ שווערד, האָבען זיי זי צעשטערט ביז׳ן גרונד.

4. אין אַ קורצער צייט איז יפו צוויי מאָל איינגענומען געוואָרען דורך די רוימער. בכדי עס זאָלן זיך ווידער אַמאָל ניט בעזעצען אין דער שטאָדט ים-רויבער, האָט אַספּסינוס געהייסען אויפשלאָגען אין דער פעסטונג אַ לאַגער פאַר סאָלדאַטען און אַוועקשטעלען דאָרט אַ געוויסע צאָהל רייטעריי און פוס-סאָלדאַטען. די לעצטע האָבען געמוזט בלייבען זיצען אויפ׳ן אָרט, די רייטער אָבער האָבען בעדאַרפט אַרומרייטען אין דער סביבה, מאַכען רויב-אָנפאַלען און

צעשטערען די דערפער און שטעדטלעך, וואָס זיינען געלעגען ניט ווייט פון יפו. דעם דאָזיגען בעפעהל האָבען די סאָלדאַטען טאַקע פינקטליך אויסגעפיהרט און זיינען טאָג־אויס, טאָג־איין אַרומגעריטען איבער דער געגענד, רויבענדיג און צעשטערענדיג אַלצדינג.

5. בשעת עס איז אָנגעקומען אין ירושלים די בשורה, אַז יודפת איז איינגענומען געוואָרען, האָט דער גרעסטער טייל לכתחילה ניט געוואָלט גלויבען, ערשטענס, ווייל דער אומגליק איז געווען אַזוי גרויס, און צווייטענס, ווייל ס'איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל האָבען געזעהן מיט זיינע אויגען דאָס, וואָס ער האָט אָנ־געזאָגט. ווארום אפילו קיין איין שליח איז ניט אַנטרונען געוואָרען, בשעת די שטאָדט איז איינגענומען געוואָרען. עס זיינען מעהר ניט געגאַנגען קלאַנגען, וואָס האָבען דערציילט וועגען פאַלען פון דער פעסטונג, נאָר קיין זיכערע בעשטעטיגונגען איז ניט געווען. ביסלעכווייז אָבער האָט זיך פערשפרייט דער אמת דורך די שכנישע געגענדען, און באַלד איז עס ביי אַלע בירגער קיין ספק ניט געווען, מעהר ניט צו די אמת'ע געשעהענישען האָט מען מוסיף געווען אַ סך אויסגעטראַכטע, וואָס זיינען גאָרניט געשעהן. אַזוי האָט מען, למשל, דערציילט, אַז יוסף זאָל זיין געפאַלען, בשעת די שטאָדט איז איינגענומען געוואָרען. די דאָזיגע בשורה האָט אָנגעפילט גאַנץ ירושלים מיט טיעפען שמאַרץ, און אין דער צייט וואָס אין די איינצעלנע משפחות און הייזער האָט מען בעוויינט די אומגעקומענע לויט'ן גראַד פון דער קרוב'עשאַפט, איז דער טרויער איבער'ן קריגס־פיהרער געווען אַן אמת'ער פאָלקס־טרויער. אייניגע האָבען בע־קלאָגט דעם אָנוועהר פון פריינד, אַנדערע פון אַזוי געליעבטע מענשען, ברידער אָדער ווייטע קרובים; יוסף'ן אָבער האָבען אַלע בעוויינט, אַזוי אַז אין משך פון דרייסיג טעג האָט דער יאָמער אין שטאָדט גאָר קיין סוף ניט גענומען. אַ סך האָבען אויך געדונגען פלייטען־שפּיעלערס, בכדי צו בעגלייטען זייערע קלאָג־ליעדער.

6. אָבער מיט דער צייט, אַז איז בעוואוסט געוואָרען דער אמת און אויך גענויערע פּרטים, ווי אַזוי יודפת איז געפאַלען, און עס האָט זיך אַרויסגע־וויזען, אַז לא די וואָס יוסף'ס טויט איז געווען אַן אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער לעבט, און אַז די רוימישע אָפיצירען בעגייהען זיך מיט איהם ניט ווי מיט אַ געפאַנגענעם, — דעמאָלט איז דער כעס פון די אידען אויף דעם לעבעדיגען געוואָרען פונקט אַזוי גרויס, ווי זייער סימפּאַטיע מיט דעם, וועמען זיי האָבען געהאַלטען פאַר טויט. דאָ האָט מען געזידעלט זיין אויפפיהר, ווי פּחדנות, דאָרט ווי אַ בגידה, און אין דער גאַנצער שטאָדט האָט מען קיין אַנדער זאַך ניט געקאָנט הערען, ווי אומצופרידענע און לעסטערנ־דיגע רייד קעגען איהם.

אויב די אידען זיינען שוין געווען פערביטערט איבער דער מפלה גופא, איז זייער כעס נאָך מעהר געוואַקסען דורך זייער שלעכטען מזל. דער אומ־גליק, וואָס בעוועגט פערשטאַנדיגע מענשען, צו טראַכטען וועגען זייער אייגענער

זיכערקייט און צו היטען זיך פון עהנליכע געשעהענישען, איז געווען פאר זיי גאר א בייטש, וואס האט זיי אנגעטריבען צו זוכען א נייעם אומגליק, און דער סוף פון איין צרה איז שטענדיג געווען פאר זיי דער אנהויב פון אן אנדער צרה. איבעריגענס, איז אויך שטענדיג געוואקסען זייער צערייצטקייט קעגען די רוימער, ווייל זיי האבען גערעכענט צו בעשטראפען דורך זיי אויך יוספ'ן — אזוי שטורמיש איז געווען דעמאלט די שטימונג אין ירושלים.

7. דערווייל האט דער קעניג אגריפס, וואס האט געהאט בדעה אויפצונעמען דעם קריגס-פיהרער און זיין חייל מיט'ן גאנצען פראכט פון זיין הויז און האט גערעכענט מיט דער הילף פון די רוימער אונטערצוהאלטען זיין טרוין, וואס האט זיך געשאקעלט אונטער איהם — איינגעלאדען אספסינוס'ן פערזענליך צו בעזוכען זיין קיניגרייך. מחמת דעם האט אספסינוס זיך געלאזט גייהן פון קיסריה ביים ים קיין קיסריה-פיליפי, וואו ער האט געלאזט זיין חייל אויסרוהען צוואנציג טעג, און אליין האט ער פערבראכט די צייט אין מאלצייטען און האט געבראכט קרבנות צו דער גאטהייט אלס א דאנק פאר זיינע נצחונות. אבער אז מען האט איהם אנגעזאגט, אז טריכיה האט מורד געווען, אז אין טבריה זיינען אויסגעבראכען אומרוהען (ביידע שטעדט האבען געהערט צו אגריפס'עס געביט), האט ער געהאלטען פאר נויטיג ארויסצוטרעטען קעגען זיי אין קריג, ווייל ער איז געווען פעסט ביי דער דעה אומעטום פונאנדערצוטרייבען די אידען. צוגלייך האט ער געוואלט ארויסווייזען דעם קעניג זיין דאנק פאר דער הכנסת אורחים דורכדעם, וואס ער וועט איהם צוריקברייגען ביידע שטעדט.

מחמת דעם האט ער געשיקט זיין זוהן טיטוס'ן קיין קיסריה מיט'ן בעפעהל, ער זאל אריבערפיהרען דעם חייל, וואס געפינט זיך דארט, קיין סקיטאפאליס (בית-שאן), וואס געפינט זיך ניט ווייט פון טבריה און וואס איז די גרעסטע שטאדט אין געביט פון דעקאפאליס 1). אהין איז ער באלד אויך אליין אוועק, בכדי זיך צונויפצוטרעפען מיט'ן זוהן. פון דארט איז ער ארויסגעטראטען מיט דריי לעגיאנען און האט אויפגעשלאגען זיין לאגער אין אן ארט מיט'ן נאמען סענאבריס, וואס געפינט זיך א מהלך פון 30 סטאדיעס ווייט פון טבריה, וואו די מורדים האבען גרינג געקאנט איהם זעהן. דערנאך האט ער געשיקט דעם דעקוריא וואלעריאנוס בראש פון 50 רייטער, בכדי אונטערצוהאנדלען מיט גוטען מיט די בירגער פון שטאדט און צו פאדערן ביי זיי, זיי זאלען זיך אונטערגעבען. ווארום דער קריגספיהרער האט זיך דערוואוסט, אז די איינוואוינער גארען נאך פריידהייט, און אז די מרידה ווערט אונטערגעהעצט בלויז דורך עטליכע קריגס-לוסטיגע.

1) דעקאפאליס הייסט אויף גריכיש א פעראייניגונג פון צעהן שטעד. דאס זיינען געווען צעהן שטעדט, וואס זיינען געלעגען אין פערשיידענע געגענדען פון פאלעסטינע און וואס דער גרעסטער רוב פון זייער בעפעלקערונג איז בעשטאנען פון סיריער אדער גריכען. זיי זיינען געווען אין פאליטישער הינזיכט אונאבהייגיג פון דער אידישער מלוכה און האבען געבילדעט א בעזונדערע פאליטישע איינהייט אלס א בונד פון פרייע שטעדט.

בכן איז וואלעריאַנוס אוועקגעריטען אַהין, און אַז ער איז צוגעקומען נאָהענט צו דער מויער, איז ער מיט זיינע בעגלייטער אַראָב פון די פערד, בכדי עס זאָל ניט אויסזעהן, אַזוי ווי זיי וואָלטען וועלין אַריינטרעטען אין קאַמף. נאָר איידער ער האָט נאָך געקאָנט אַ וואָרט אויסריידען, זיינען אַרויס קעגען איהם פון שטאָדט די מוטיגסטע צווישען די מורדים, און בראש פון זיי אַ געוויסער ישוע בן ספת, אַ פיהרער פון אַ רויבערבאַנדע. וואלעריאַנוס, וואָס וואָלט ניט געוואָלט אַריינלאָזען זיך אין אַ געשלעג אפילו דאַן, ווען ער וואָלט געווען זיכער אין זיין נצחון, האָט געהאַלטען פאַר געפעהרליך מיט זיין קליינער אָבטיילונג צו קעמפפען קעגען די פיינד, וואָס זיינען געווען אַ סך שטאַרקער פאַר איהם לויט זייער צאָהל, און בפרט אַז זיינע מענשען זיינען אין פערגלייך מיט די גוט בעוואָפענטע אידען געווען צו שוואַך בעוואָפענט; חוץ דעם האָט איהם די אומגעריכטע דרייסטקייט פון די געגנער אַריינגעיאָגט אַ שרעק. בכן איז ער אַנטלאָפען געוואָרען צו פוס, און פינף אַנדערע רוימער האָבען געלאָזט שטייהן זייערע פערד, און ישוע און זיינע מענשען האָבען זיי מיט פריידענס-געשרייען אַריינגעפיהרט אין שטאָדט, פונקט אַזוי ווי זיי וואָלטען געהאַט פערכאַפט זיי אין אָפענער שלאַכט און ניט דורך רמאות.

8. איבערגעשראָקען דורך דער דאָזיגער געשעהעניש, זיינען די עלטסטע פון שטאָדט און די אָנגעזעהענסטע מענשען אַנטלאָפען געוואָרען אין רוימישען לאַגער. נאָכדעם ווי זיי האָבען אַריבערגעצויגען דעם קעניג אויף זייער זייט, זיינען זיי געפאַלען פאַר אַספּסינוס'ן אויף די קניה און האָבען זיך געבעטען ביי איהם רחמים, ער זאָל זיי אויסהערען מיט גענאָד און זאָל ניט בעשטראָפען די גאַנצע שטאָדט איבער דער משוגעת פון עטליכע מענשען, נאָר ער זאָל פערשוינען די בעפעלקערונג, וואָס איז שטענדיג געשטאַנען אויפ'ן צד פון די רוימער, און בעשטראָפען נאָר די אויפטוער פון דער מרידה, וואָס בלויז זיי האָבען זיי ביז אַהער געמאַכט פאַר אוממעגליך איבערצוגעבען די שטאָדט, וואָס זיי האָבען שוין לאַנג געוואָלט טון. הגם דער קריגס-פיהרער איז איבער'ן רויב פון די פערד געווען אין כעס אויף דער גאַנצער שטאָדט, פונדעסטוועגען האָט ער נאָכגעגעבען די בקשות, וואָס זיינען געווען געווענדעט צו איהם, ווייל ער האָט געזעהן, אַז אויך אַגריפּס איז שטאַרק בעזאָרגט וועגען דער שטאָדט.

בשעת די שתדלנים האָבען אויף אַזאַ אופן אויסגעבעטען גענאָד פאַר דער שטאָדט, האָבען ישוע און זיינע אָנהייגער ניט געהאַלטען זיך מעהר פאַר זיכער און זיינען דעריבער אַנטלאָפען געוואָרען קיין טריכיה. אויפ'ן אַנדערן טאָג האָט דער קריגס-פיהרער געשיקט טריינוס'ן מיט אַן אָבטיילונג רייטער, בכדי אויסצופאָרשען, אויב די גאַנצע בעפעלקערונג איז נוטה צו אַ פרידליכער האַלטונג. און היות ווי ער איז דערגאַנגען, אַז די שטימונג איז דיזעלביגע, ווי ביי די שתדלנים, דעריבער איז ער צוגעטראָטען געהענטער צו איהר מיט זיין חייל. דעמאָלט האָבען די איינוואוינער געעפענט פאַר איהם די טויערן פון שטאָדט און זיינען איהם געגאַנגען אַנטקעגען מיט ברכות, אָנרופענדיג איהם זייער אויסלייזער און וואוילטעטער. מחמת דער חייל האָט זיך געמוזט שטאַרק

שפּאַרען, ווייל די טויערן זיינען געווען צו שמאָל, דעריבער האָט אַספּסינוס גע-
אָזט איינברעכען אַ שטיק פון׳ם דרום׳דיגען מויער און אויף אַזאַ אופן ברייטער מאַכען
דעם אריינגאַנג. נאָר דעם קעניג צו-ליעב האָט ער פערבאָטען זיינע סאָלדאַטען
צו ראַבירען און אָבטון געוואַלדטאַטען. אויך האָט ער ניט צעשטערט די מויערן,
ווייל אַגריפּס האָט ערב געווען, אַז די איינוואוינער וועלען בלייבען אויף להבא
געטריי. אַזוי האָט אַספּסינוס ווידער אַרונטערגעבראַכט די שטאָדט, וואָס האָט
איבעריגענס אַ סך געליטען פון דער מרידה, אונטער דער ממשלה פון קעניג-

# צעהנטער קאַפּיטעל.

אַספּסינוס נעהמט איין טריכיה. — די בעשרייבונג פון דער שטראָמונג פון ירדן, ווי אויך פון דער אָזיערע און פון דער געגענד גינוסר.

1. פון טבריה איז אַספּסינוס ווייטער געגאַנגען און האָט אויפגעשלאָגען צווישען דער דאָזיגער שטאָדט און צווישען טריכיה אַ לאַגער, וועלכען ער האָט שטאַרקער בעפעסטיגט, מחמת ער האָט משער געווען, אַז דער קאַמף וועט דאָ זיך לייכגער ציהען. וואָרום אַלע אומצופרידענע האָבען זיך דאָך געהאַט צונויפ. געקליבען אין טריכיה, פערלאָזענדיג זיך אויף דער פעסטיגקייט פון שטאָדט און אויף דער אָזיערע, וואָס ווערט אָנגערופען פון די דאָרטיגע איינוואוינער גינוסר. די שטאָדט, וואָס ליגט, פּונקט אַזוי ווי טבריה, ביים פוס פון אַ באַרג, איז דורך יוסף׳ן שטאַרק בעפעסטיגט געוואָרען פון אַלע זייטען, וואו די אָזיערע האָט זי ניט בעריהרט, הגם ניט אַזוי שטאַרק ווי טבריה. וואָרום די מויער אַרום טבריה האָט ער אויסגעבויט נאָך אין אָנהויב פון דער מרידה, בשעת ער האָט נאָך געהאַט אין זיין רשות געגוג געלד און אַרבייטס-קרעפטען, אין דער צייט וואָס טריכיה האָט געקאָנט ציהען נוצען בלויז פון׳ם רעשט פון זיין פזרנות. דערפאַר אָבער האָבען די איינוואוינער פון טריכיה געהאַט אַ סך שיפלעך, וואָס פון איין זייט האָבען זיי געקאָנט דיענען צום אַנטלויפען אין דעם פאַל פון אַ מפּלה אויף דער יבשה, און פון דער אַנדער זייט האָט מען זיי געקאָנט אויסנוצען אין דעם פאַל, ווען עס וועט אויסקומען צו פיהרען אַ גע-שלעג אויף דער אָזיערע.

בשעת די רוימער זיינען געווען פערנומען מיט דער בעפעסטיגונג פון זייער לאַגער, האָבען ישוע און זיינע מענשען, וואָס האָבען קיין מורא ניט געהאַט ניט פאַר דער גרויסער צאָהל פון די פיינד און ניט פאַר זייער פעסטער אָרדענונג, געמאַכט אַן אויספאַל, האָבען צעטריבען שוין ביים ערשטען אָנפאַל די אַרבייטער ביי די בעפעסטיגונגען און האָבען צעשטערט אַ קליינעם טייל פון זיי, און ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבען דערזעהן, אַז קעגען זיי טרעטען אַרויס שווער בעוואָפענטע, האָבען זיי זיך געלאָזט לויפען צוריק צו די זייעריגע. דערביי האָבען זיי קיין שום אָנווערהר ניט געהאַט. די רוימער האָבען זיי נאָכ-געיאָגט און האָבען זיי אַרויפגעטריבען אויף די שיפען. זיי אָבער זיינען אַריינ-

געפּאָהרען אין דער אָזיערע אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען פון דאָרט נאָך געקאָנט טרעפען די פיינד מיט זייערע פיילען, האָבען דאַן געוואָרפען אַנקער און האָבען צוגערוקט זייערע שיפלעך נאָהענט איינע צו די אַנדערע, בכדי צו קעמפען פון וואַסער מיט די פיינד אויף דער יבשה. דערווייל האָט אַספּסינוס זיך דערוואוסט, אַז אויך אין טאָל פאַר דער שטאָדט האָבען זיך צונויפגעקליבען אַ סך אידען, און ער האָט געהייסען קעגען זיי אַרויסטרעטען זיין זוהן מיט 600 רייטער.

2. אָבער אַז יענער האָט דערזעהן די גרויסע מאַסע פון די פיינד, האָט ער געלאָזט מעלדען דעם פאָטער, אַז ער האָט נייטיג פערשטאַרקונג. נאָר היות ווי ער האָט צוגלייך געזעהן, אַז דער גרעסטער רוב פון די רייטער איז פעסט ביי דער דעה אָנצופאַלען, נאָך איידער ס'וועלען אָנקומען די איבעריגע סאָלדאַטען, נאָר אַנדערע האָבען בעהאַלטענערהייד מורא פאַר דער מאַסע פון די אידען, דעריבער האָט ער זיך אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז מען זאָל איהם קאָנען הערען אומעטום, און האָט געזאָגט: „רוימער! גלייך ביים אָנהויב פון מיין רעדע האַלט איך עס פאַר נוצליך צו דערמאָנען אייך אָן אייער גזע, בכדי איהר זאָלט וויסען, וואָס פאַר אַ מענשען איהר אַליין זייט אין פערגלייך מיט די, קעגען וועמען מיר האָבען בדעה צו קעמפען. פון אונזער שטאַרקער האַנד איז נאָך ביז איצט קיין איין פאָלק פון דער ערד ניט אַנטרונען געוואָרען. די אידען אָבער, דאָס מוז איך זאָגען צו זייער לויב, הגם זיי זיינען שטענדיג בעזיגט געוואָרען, פונדעסטוועגען זיינען זיי נאָך אַלץ ניט איינגעמאַטערט, דעריבער פּאַסט עס פאַר אונז גאָרניט, אַז מיר זאָלען מיד ווערען אין אונזער הצלחה, אין דער צייט וואָס אונזערע פיינד האַלטען זיך אויף די פיס, ניט קוקענדיג אויף זייערע אומגליקען. איצט בעמערק איך, אמת, מיט פערגעניגען, אַז אויף וויפיעל מען קאָן זעהען, זייט איהר פול מיט מוט. פונדעסטוועגען קאָן איך ניט פטור ווערען פון דער זאָרג, אַז די גרויסע צאָהל פון די פיינד זאָל ניט אַריינזאָגען איינעם אָדער דעם אַנדערן אַ בעהאַלטענעם שרעק. דעריבער זאָל איטליכער פון אייך זיך נאָך אַ מאָל בעטראַכטען, ווער ער איז אַליין און מיט וועמען ער האָט צו קעמפען, אויך אַז הגם די אידען זיינען מוטיגע מענשען און פעראַכטען דעם טויט, נאָר דערפאַר קענען זיי ניט קיין טאַקטיק פון קריגס-פיהרונג, און מען קאָן זיי גיכער אָנרופען אַ באַנדע, איידער אַ חייל. וואָס בעדאַרף איך נאָך צו ריידען, אין פערגלייך דערמיט, וועגען אונזער קריגס-געניטקייט און קריגס-דיסציפּלין? וואָרום בלויז צוליעב דעם אַליין לערנען מיר זיך אין דער צייט פון שלום צו געברויכען געוועהר, בכדי מיר זאָלען אין דער מלחמה ניט בעדאַרפען צייהלען זיך אין פערגלייך צו די פיינד! צוליעב וואָס וואָלט דען גענוצט דער שטענדיגער מיליטער-דיענסט, אויב מיר וואָלטען געקאָנט זיך אַריינלאָזען אין מלחמה בלויז אין אַ גלייכער צאָהל מיט ניט-געלערנטע געגנער? בעטראַכט אייך ווייטער, אַז איהר האָט צו קעמפען אינגאַנצען מיט אַ פּאַנצער בעדעקט קעגען גרינג בעוואָפּענטע, אויף פערד — קעגען פוסגייהער, אונטער אַן אָנפיהרער קעגען שלעכט געפיהרטע מאַסען, און

אַז די דאָזיגע מעלות פערמעהרען בעדייטענד אַייער צאָהל, אין דער צייט וואָס די דערמאָנטע חסרונות פערמינערן אַ סך די צאָהל פון די פיינד. איבעריגענס, איז דער אויסגאַנג פון די שלאַכטען גאָרניט אָבהייניג פון דער גרויסער צאָהל מענשען, אפילו אויב זיי זאָלען בעשטייהן פון לויטער געניטע סאָלדאַטען, נאָר פון׳ם מוט, אפילו ווען קלענערע מאַסען זיינען דערמיט בעהערשט. וואָרום די לעצטע לאָזען זיך גרינג אָרדענען צו דער שלאַכט און קאָנען איינער דעם אַנדערן געבען הילף, אין דער צייט וואָס צו גרויסע חיילות טוען זיך אַליין אָן מעהר שאָדען, איידער זיי ליידען מצד די פיינד. די אידען פיהרט די דרייסטקייט, וואָס שטאַמט אַרויס פון יאוש; אַזאַ מין יאוש האַלט זיך, אמת, כּל-זמן עס ווייזען זיך אַרויס ערפאָלגען, אָבער ביי די קלענסטע אומגלי-קען ווערט זי באַלד אויסגעלאָשען. אונזערע פיהרערס אָבער זיינען מוט, דיסציפּלין און יענער איידעלער זין, וואָס ענטוויקעלט זיין קראַפט אין גליק, אָבער אויך ביי מפּלות בלייבט ער פעסט ביז׳ן סוף. ווייטער קעמפט איהר דאָך וועגען עפּיס וואָס העכערס, איידער די אידען, וואָס האָבען גענומען אויף זיך צו טראָגען אַלע צרות פון דער מלחמה צוליעב פרייהייט און פאָ-טערלאַנד, אין דער צייט וואָס מיר ווייסען קיין גרעסערע זאַך ניט, ווי דעם כּבוד און די שטרעבונג אַרויסצוטרעטען קעגען דער מיינונג, אַז די אידען זיינען כּלומר׳שט גלייכווערטיגע געגנער פאַר אונז, נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך אונטערטעניג געמאַכט די גאַנצע ערד. חוץ דעם, לאָמיר געדיינקען, אַז מיר דאַרפען ניט מורא האָבען פאַר אַ מפּלה שוין דערפאַר אַליין, וואָס אַ בעדיי-טענדע אָבטיילונג וועט קומען אונז צו הילף, און גאָר אין גיכען. אָבער אויך אַליין קאָנען מיר מנצח זיין, און עס וואָלס אונז גוט אָנשטייהן, אויב מיר וואָלטען עס געטאָן, נאָך איידער ס׳וועלען אָנקומען די פערשטאַרקונגען, וואָס מיין פאָטער וועט צושיקען, בכדי אונזער כּבוד זאָל נאָך גרעסער זיין דורכדעם, וואָס מיר וועלען ניט דאַרפען טיילען זיך מיט אַנדערע. אָטאָ די שעה, גלויב איך, בעדאַרף בעשליסען איבער מיין פאָטער, איבער מיר און איבער אַייך: זי וועט בעווייזען, אויב ער איז ראוי פאַר זיינע פריהערדיגע גבורות, אויב איך בין זיין זוהן און אויב איהר זייט מיינע סאָלדאַטען. וואָרום אַזוי ווי ער איז געוויהנט צו זיגען, אַזוי וועל איך ניט האָבען די העזה צו קומען איהם אין די אויגען אַלס בעזיגטער. און איהר, צי בעדאַרפט איהר זיך ניט שעמען צו ווערען בעזיגט, בשעת אַייער פיהרער גייהט פאָראויס פאַר אַייך אין סכנה? יאָ, דאָס וועל איך טון, דער ערשטער וועל איך אָנפאַלען אויף די פיינד! דעריבער האַלט זיך ניט ערגער פאַר מיר. זייט איבערצייגט, אַז מיין אָנפאַל ווערט געמאַכט אונטער׳ן שוץ פון דער גאָטהייט, און גלויבט, אַז מיר וועלען אין קאַמף פון דערנאָהענט מעהר אויפטון, איידער פון דערווייטענס".

3. נאָך דער דאָזיגער רעדע טיטוס׳עס האָט די מענער אָנגענומען אַ גרויסער חשק צום קאַמף, און אַז קורץ פאַר׳ן געשלעג איז צוגעקומען צו זיי טרינוס מיט 400 רייטער, זיינען זיי געוועזן אומצופרידען דעריבער, אַזוי ווי דורך זייער אָנטיילנעמען וואָלט זייער כּבוד פערקלענערט געוואָרען. איבערי-גענס, האָט אַספּסינוס געשיקט נאָך אַנטאָניוס סילאָ מיט צוויי טויזענד בויגענ-

שיסערס, בכדי צו פערנעמען דעם בארג קעגענאיבער דער שטאָדט און צו פערטרייבען די אידען, וואָס האָבען זיך געפונען אויף די מויערן. לויט דעם דאָזיגען בעפעהל, האָבען זיי טאַקע פערי אָגט יענע פיינד, וואָס האָבען געוואָלט פון דאָרט געבען הילף די זייעריגע.

איצטער איז טיטוס דער ערשטער אַרויסגעריטען קעגען די געגנער, נאָך איהם מיט אַ קריגס-געשריי די איבעריגע, וואָס האָבען זיך אויסגעצויגען אין דער לייגג פונ׳ם פיינדליכען פראָנט און האָבען אַזוי אויסגעוויזען, ווי אַ סך גרעסערער חייל. די אידען זיינען אפילו צעטומעלט געוואָרען איבער׳ן אימפעט און דער גוטער אָרדענונג פון די רוימער, נאָר פונדעסטוועגען האָבען זיי אויסגעהאַלטען אַ לאַנגע צייט זייער דראַנג. צולעצט אָבער זיינען זיי אָבגעטראָטען פאַר די שפיזען פון די מעכטיגע שטורמענדיגע רייטער. מאַסענווייז זיינען זיי דעמאָלט צעטראָטען געוואָרען אונטער די פערדס פיס. די איבעריגע זיינען זיך פונאַנדערגעפּלויגען אין אַלע זייטען און זיינען אַנטלאָפען געוואָרען, אַזוי גיך ווי זיי האָבען נאָר געקאָנט, צו דער שטאָדט צו. אַ סך פון זיי האָט טיטוס דער׳הרג׳עט, האַקענדיג אויף זיי פון הינטען, אַנדערע, וואָס האָבען זיך געהאַט צונויפגעקליבען אין הויפענס, האָט ער פונאַנדערגעטריבען, אַנדערע ווידער האָט ער אַריבערגעיאָגט און דערשטאָכען פון פאָרענט; ניט קליין איז אויך געווען די צאָהל פון די, וואָס זיינען אין שפאַרעניש געפאַלען איינער איבער׳ן אַנדערן, און אַזוי זיינען זיי אַריין צו איהם אין די הענד. נאָר אַלעמען האָט ער געזוכט אָבצושניידען דעם וועג צו דער מויער או צוריקצוטרייבען זיי אין טאָל, ביז עס האָט זיך די גרויסע מאַסען פון די אידען איינגעגעבען סוף-כל סוף זיך דורכצושלאָגען און אַריינצודרינגען אין שטאָדט.

4. אינעווייניג אין שטאָדט האָט זיך באַלד אויפגעהויבען אַ שטאַרקע מחלוקת צווישען זיי. די אָרטיגע בעפעלקערונג איז לכתחילה ניט געווען שטאַרק בעגייסטערט פאַר׳ן קריג, צוליעב זייער האָב-און-גוטס און צוליעב דער שטאָדט גופא; איצט אָבער נאָך דער מפלה איז איהר חשק נאָך קלענער געוואָרען. די סך פרעמדע אָבער האָבען געוואָלט זיי צווינגען איבער געוואַלד. ליידענשאַפטליך אויפגעבראַכט איינע קעגען די אַנדערע, האָבען זיי אויפגעהויבען אַ מורא׳דיגען געשריי׳ און געפּילדער, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען נאָהענט דערצו צו נעמען זיך פאַר די געוועהר.

ווי נאָר וואָס טיטוס, איז געשטאַנען ניט ווייט פון מויער, האָט דערהערט דעם טומעל, האָט ער אויסגערופען: „איצט איז עס צייט, חברים! וואָס זאַמען מיר נאָך, בשעת די גאָטהייט אַליין גיט אונז די אידען אין אונזער האַנד? טרעט צו, וויבאַלד אַז איהר קאָנט מנצח זיין! איהר הערט דעם געשריי? די וואָס זיינען אַנטרונען געוואָרען פון אונזער שווערד, קריגען זיך צווישען אַנאַנד. מיר ווילען איינגעמען די שטאָדט, אויב מיר ווילען זיך אונטעראיילען. נאָר חוץ דער איילעניש, בעדאַרפען מיר נאָך אָנווענדען קראַפט און מיה. וואָרום קיין איין גרויסע זאַך גיט זיך ניט איין, אויב מען זאָל זיך ניט איינשטעלען אין סכנה. מיר מוזען פערהיטען, אַז לא די וואָס די פיינד זאָלען

ניט בעוויזען שלום צו מאַכען צווישען זיך, וואָס קאָן גאַנץ לייכט געשעהן אונטער'ן דרוק פון דער נויט, נאָר מיר מוזען זיך פעדערן, איידער די אונזעריגע וועלען קומען אונז צו הילף, בכדי מיר זאָלען נאָך אַליין איינעמען די שטאָדט, נאָכדעם ווי אונז האָט געגליקט מנצח צו זיין אַזאַ מאַסע פיינד!"

5. מיט די דאָזיגע ווערטער שפּרינגט ער אַרויף אויפ'ן פערד, רייט צו ביז דער אָזיערע און דרינגט אַריין דורכ'ן וואַסער דער ערשטער אין שטאָדט אַריין, נאָך איהם די איבעריגע. איבער דער דאָזיגער דרייסטקייט זיינער איז אויף די, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער מויער, אָנגעפאַלען אַזאַ שרעק, אַז קיינער האָט זיך ניט דערוועגט צו קעמפען אָדער אַרויסצוווייזען, עפּיס אַ ווי-דערשטאַנד. ישוע און זיינע אָנהייגער האָבען פערלאָזען זייערע פּאָסטענס אין אָפענעם פעלד; אַנדערע, וואָס זיינען אַראָבגעלאָפען צו דער אָזיערע, זיינען געפאַלען אונטער'ן שווערד פון די פיינד, וואָס זיינען זיי געקומען אַנטקעגען. אַ סך זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען, גראָד בשעת זיי האָבען געוואָלט אַרויף אויף די שיפלעך; אַנדערע — בשעת זיי האָבען געפּרובט נאָכצושווימען די שיפלעך, וואָס זיינען שוין געווען אָבגעפאָהרען. אַ מורא'דיגע שחיטה איז דע-מאָלט געמאַכט געוואָרען אין שטאָדט, ווייל חוץ די פרעמדע, וואָס האָבען זיך פערטיידיגט, אויף וויפיעל זיי זיינען ניט אַנטלאָפען געוואָרען, זיינען אויך געטויט געוואָרען אָרטיגע איינוואוינער. די לעצטע האָבען זיך לחלוטין ניט אַנטקעגענגעשטעלט, ווייל, האָפענדיג אויף גענאָד און זייענדיג זיך בעוואוסט, אַז זיי האָבען דעם קריג ניט געוואָלט, האָבען זיי זיך אָבגעהאַלטען פון קאַמף.

צולעצט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגע'הרג'עט די שולדיגע, האָט טיטוס רחמנות געקראָגען אויף די איינוואוינער און האָט געהייסען אָבשטעלען דעם מאָרדען. די אידען ווידער, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען אויף דער אָזיערע, ווי נאָר זיי האָבען בעמערקט, אַז די שטאָדט איז איינגענומען, האָבען מעהר ניט געטראַכט וועגען דעם, ווי צו אַנטלויפען וואָס ווייטער פון די פיינד.

6. תיכף האָט טיטוס געשיקט צום פאָטער אַ שליח, בכדי איהם מודיע צו זיין די פריידיגע בשורה וועגען דער גבורה, וואָס ער האָט אויפגעטאָן. אספּסינוס איז, פערשטייהט זיך, געווען מלא שמחה איבער זיין זוהנס מוט און איבער דער איינגעגעבענער שטיק אַרבייט; וואָרום ס'האָט אויסגעוויזען, אַז דער גרעסטער טייל פונ'ם קריג איז דערמיט געענדיגט. באַלד איז ער געקו-מען פאר טריכיה, האָט געלאָזט אַרומרינגלען די שטאָדט און היטען, אַז קיינער זאָל פון איהר ניט אַנטלויפען, און האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו הרג'ען איטליכען, ווער עס וועט פּרובען דאָס צו טון. אויפ'ן אַנדערן טאָג איז ער אַוועק צום ברעג פון אָזיערע און האָט געהייסען אויסבויען פליטען, בכדי נאָכצויאָגען די אַנטלאָפענע אידען. היות ווי האָלץ איז געווען די והותר און אַרבייטער זיינען אויך געווען אַ סך, דעריבער זיינען די פליטען באַלד פאַרטיג געוואָרען.

7. דער ים גינוסר, וואָס האָט בעקומען זיין נאָמען פון דער געגענד, וואָס אַרום איהם, איז 40 סטאַדיעס די ברייט און 140 די לייגג. פונדעסט

וועגען איז זיין וואסער זיס און זייהר גוט צום טרינקען; וואָרום זי איז פלי-סיגער, איידער די געדיכטע וואסער פון די זומפיגע אָזיערעס, אומעטום קלאָר, וויל די אָזיערע איז אַרומגערינגעלט פון זאַמדיגע ברעגעס, און אַזוי געמע-סיגט, אַז מען קאָן עס גרינג שעפען. עס איז מילדער, איידער טייך-אָדער קוואַל-וואסער, נאָר דערביי בלייבט עס שטענדיג קיהלער, איידער מען קאָן זיך ריכטען, קוקענדיג אויף דער גרייס פון דער אָזיערע. אויב מען שטעלט אַוועק די וואסער אויפ׳ן פרייען לופט, דעמאָלט איז עס כמעט אַזוי קאַלט, ווי שניי; דעריבער טוען עס אַזוי די איינוואוינער געוויהנליך זומער-צייט. ס׳זיינען פאַרהאַן אין אָזיערע אויך כל׳ערליי מינים פיש, וואָס לויט זייער טעם און געשמאַק שיידען זיי זיך אָב פון די פיש פון אַנדערע וואַסערן.

אין מיטען ווערט די אָזיערע דורכגעשניטען פונ׳ם ירדן. מען רעכענט, אַז די קוואַלען פון ירדן געפינען זיך אין פּאַניום. נאָר זי גופא ווערט גע-שפּייזט דורך אַן אונטערערדישען שטראָם, וואָס פליסט פון דער אַזוי אָנגערו-פענער פיאַלאַ 1). די לעצטע ליגט ביים וועג קיין טריכיה, אַ מהלך פון 120 סטאַדיעס ווייט פון קיסריה, ניט ווייט פון וועג אין דער רעכטער האַנד. וועגען זיין קיילעכדיגער פאָרם ווערט דער דאָזיגער וואסערבעקען מיט רעכט אָנגערופען פיאַלאַ, וויל ער האָט אַ קיילעכדיגען ראַנד. שטענדיג גרייכט די וואסער ביז דעם דאָזיגען ראַנד, און ניט עס לאָזט זיך אַראָב און ניט עס פליסט אַריבער. דער טעטראַרך פיליפּוס פון טרכונא האָט דער ערשטער בע-וויזען, אַז דאָ מוז זיין דער קוואַל פון ירדן, וואָס ביז אַהער איז דאָס ניט געווען בעוואוסט. וואָרום ער האָט געלאָזט אַריינוואַרפען אין דער פיאַלאַ שפּריי, וואָס האָט זיך ווידער בעוויזען אויפ׳ן פלאַך אין פּאַניום, וואָס מען האָט פריהער געדעכענט, אַז דאָרט געפינט זיך דער אָנהויב פונ׳ם טייך.

די נאַטירליכע שיינקייט פון פּאַניום איז, איבעריגענס, נאָך פערגרעסערט געוואָרען דורך קעניג אַגריפּפּ׳עס תשוקה צו פּראַכט: ער האָט אויסגעצירט די דאָזיגע געגענד מיט דער הילף פון זיינע רייכטימער.

ביי דער הייהל, וואָס געפינט זיך דאָ, הויבט זיך אָן די זיכטבאַרע שטראָמונג פונ׳ם ירדן. דערנאָך שניידט ער דורך די זומפּען און ווילדענישען פון דער אָזיערע מי מרום, קעהרט זיך אום ווידער צוריק אויף 120 סטאַדיעס און פליסט דורך פאַרביי דער שטאָדט יוליאַ אין מיטען דעם ים גינוסר, און צולעצט נאָך אַ לאַנגען וועג אין דער מדבר פאַלט ער אַריין אין ים המלח.

8. פּאַזע דעם ים גינוסר ציהט זיך אַ לאַנדשאַפט, וואָס טראָגט דעם אייגענעם נאָמען און וואָס צייכענט זיך אויס דורך איהר הפלא׳דיגער נאַטיר-ליכער שיינקייט. מחמת דער פעטקייט פון דער ערד וואַקסען דאָרט אַלע פלאַנצונגען, און די איינוואוינער האָבען שוין דאָרט איינגעפלאַנצט אַלע מעג-ליכע מינים, בפרט אַז דער קלימאַט העלפט אויך מיט, ס׳זאָלען דאָרט געדיי-הען די פערשיידענסטע סאָרטען נטיעות. נוסבוימער, וואָס נויטיגען זיך ס׳רוב אין קעלט, וואַקסען דאָרט אַ סך, פונקט אַזוי ווי פּאַלמען, וואָס פערטראָגען

1) פיאלא הייסט אויף גריכיש אַ שאָל, אַ שיסעל.

נאָר היץ; האַרט נעבען זיי שטייהען פייגענבוימער און איילבוימער, וואָס זיי האָבען מעהר ליעב א געמעסיגטע טעמפעראַטור. ידאָס, וואָס דאָ קומט פאָר, קאָן מען אָנרופען א וועטשטרייט פון דער נאַטור, וואָס שטרעבט צו פעראייניגען אויף איין פונקט דאָס, וואָס איז זיך סותר, איידעלן קאַמף פון די יאָהרס־צייטען, וואָס איטליכע פון זיי וויל איינעמען די געגענד. וואָרום די ערד ברייננגט אַרויס די פערשיידענסטע, אין פלוג צו אַנאַנד פרעמדע סאָרטען אויבס־ניט בלויז איין מאָל אין יאָהר, נאָר כסדר, אין משך פון א לאַנגער צייט. אַזוי גיט זי די קיניגליכע פירות, וויינטרויבען און פייגען, אין משך פון צעהן חדשים אָהן א הפסקה, און אין דערזעלביגער צייט ווערען די איבעריגע פירות כסדר צייטיג אין משך פון א גאַנץ יאָהר. צום מילדען קלימאַט קומט נאָך צו די בעוואַסערונג דורך זייהר א קרעפטיגען קוואַל, וואָס ווערט אָנגערופען פון די אָרטיגע איינוואוינער כפר נחום. עטליכע האָבען גערעכענט דעם דאָזיגען קוואַל פאַר אַן אָדער פון׳ם טייך נילוס, ווייל דאָרט געפינען זיך ראָבען־פיש, ווי אין דער אָזיערע ביי אַלכסנדריה. די לאַנדשאַפט ציהט זיך אויפ׳ן ברעג פון דער אָזיערע, וואָס טראָגט דעמזעלביגען נאָמען, אויף 30 סטאַדיעס אין דער לייננג און 20 אין דער ברייט. אָט דאָס איז די טבע פון יענער געגענד.

9. בשעת די פליטען זיינען פאַרטיג געוואָרען, האָט אַספּסינוס אַרויפגעזעצט אויף זיי אַזוי פיעל סאָלדאַטען, ווי פיעל ער האָט גערעכענט פאַר נויטיג אויף צו פערטיליגען די געגנער, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען אויף דער אָזיערע, און איז אָבגעפאָהרען פון ברעג. איצטער האָבען די אידען, וואָס זיינען דאָרט געווען צונויפגעטריבען, ניט געקאָנט אַנטלויפען אויף דער יבשה. זיי זיינען אויך ניט געווען אין שטאַנד אויסצוהאַלטען א קאַמף אויפ׳ן וואַסער. וואָרום די קליינע שיפלעך, וואָס זיינען געווען געבויט, ווי פיראַמידען־שיפלעך, האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר פיעל צו שוואַך אין פערגלייך מיט די פליטען, און די ווייניג מענשען, וואָס האָבען זיך געפונען אויף זיי, האָבען מורא געהאַט, צוצופאָהרען נאָהענט צו די געדיכטע רייהען פון די רוימער, וואָס זיינען אויף זיי אָנגעפאַלען. פונדעסטוועגען זיינען זיי געשוואומען אַרום די פליטען און אָפטמאָלס זיינען זיי צו זיי נעהענטער געקומען, שליידערענדיג שטיינער פון דערווייטענס אָדער רייצענדיג זיי דורך קליינע אָנפאַלען פון דערנאָהענט. נאָר ביידעס האָט זיי גופא מעהר שאָדען געטאָן: וואָרום מיט די שטיינער, וואָס זיי האָבען געוואָרפען, האָבען זיי אויסגעפיהרט נאָר דאָס, וואָס זיי האָבען אָנגעמאַכט א שטענדיגע קלאַפּעריי, ווייל זיי פלעגען אָנטרעפען אין די פּאַנצערס פון זייערע פיינד; דערפאַר אָבער האָבען די פיינד זיי געקאָנט טרעפען מיט זייערע פיילען. פערקעהרט, טאָמער האָבען זיי זיך דערוועגט צוצופאָהרען נעהענטער, האָבען זיי געהאַט א מפלה, נאָך איידער זיי האָבען געקאָנט נאָך עפּיס אויפטון, און זיינען באַלד איינגעזונקען געוואָרען מיט זייערע שיפלעך אין דער טיעפעניש. א סך, וואָס האָבען געפּרובט זיך דורכצושלאָגען, האָבען די רוימער דערשטאָכען מיט זייערע שפּיזען; אַנדערע ווידער האָבען זיי דער׳הרג׳עט מיט זייערע שווערדען, נאָכדעם ווי זיי זיינען

אַריינגעשפרונגען אין זייערע שיפלעך; אַנדערע ווידער האָבען זיי אַרומגערינגעלט מיט זייערע פליטען און האָבען זיי געגומען געפאַנגען אינאיינעם מיט זייערע שיפען. טאָמער פלעגט איינער פון די אַיינגעזונקענע זיך ווידער בעוויזען אויפ'ן וואַסער, פלעגט איהם באַלד טרעפען אַ פייל, אָדער אַ פליט איז איהם אַרבערגעפאָהרען איבער'ן האַלז; און טאָמער האָט עמיצער מחמת יאוש געפרובט אַרויפצושטייגען אויף אַ פיינדליכען פליט, האָבען איהם די רוימער אָבגעהאַקט דעם קאָפ אָדער די האַנד. אַרום און אַרום האָט געווילדעוועט אַזאַ מורא'דיגער און פיעלאַרטיגער מאָרדען, ביז וואַנען דער רעשט פון די אידען האָט זיך געלאָזט לויפען און איז, אַרומגערינגעלט אויף די שיפלעך, צוגעשטופט געוואָרען צו דער יבשה. אויך דערביי זיינען אַ סך אומגעקומען: אָדער מען האָט זיי דערשטאָכען נאָך אויף דער אָזערע, אָדער באַלד, ווי זיי זיינען צוגעשטאַנען צום ברעג, זיינען זיי געפאַלען דורכ'ן שווערד פון די רוימער. געפאַרבט מיט בלוט און פול מיט טויטע קערפערס איז געווען די גאַנצע אָזערע, ווייל קיין איינציגער איד האָט זיין לעבען ניט געראַטעוועט.

אין משך פון די ווייטערדיגע טעג איז די גאַנצע געגענד פול געווען מיט אַ מורא'דיגען עפוש, און שרעקליך איז געווען דער בילד, וואָס האָט זיך דאָ פאָרגעשטעלט. די ברעגעס זיינען געווען בעדעקט מיט שטיקער פון די צעבראָכענע שיפען און מיט אויפגעשוואָלענע קערפערס, וואָס האָבען געפוילט אין דער זונען-היץ און פערפעסטיגט די לופט. דאָס איז געווען פאַר די אידען ניט ווינציגער שמאַרצליך, ווי דערווידער די זיגער. אַזוי האָט זיך געענדיגט די דאָזיגע שלאַכט אויף דער אָזערע. אינאיינעם מיט די, וואָס זיינען געפאַלען פריהער אין דער שטאָדט, האָבען אָנגעוואָהרען זייער לעבען אין קאַמף 6 500 מענשען.

10. נאָך דער שלאַכט האָט אַספסינוס זיך אַוועקגעזעצט אין טריכיה צו משפט'ען, בכדי אָבצושיידען די פרעמדע, וואָס זיינען אַ פנים געווען שולדיג אין דער מלחמה, פון די אָרטיגע אַיינוואוינער, און בכדי צו האַלטען זיך אַן עצה מיט די אָפיצירען, צי מען זאָל די דאָזיגע אויפהעצער לאָזען לעבען. אַלע האָבען דערקלערט, אַז עס איז געפעהרליך זיי פרייצולאָזען; וואָרום ווי מענשען אָהן אַהיים וועלען זיי אַודאַי ניט בלייבען רוהיג, נאָר זיי וועלען זיין אין שטאַנד צו צווינגען צום קריג אויך יענע, וואָס וועלען זיי שפעטער צונעמען צו זיך. אַספסינוס האָט אויך אַיינגעזעהן, אַז זיי פערדיענען ניט קיין שוינונג און אַז זיי וועלען אויסנוצען זייער פרייהייט נאָר צום שאָדען פון די וואָס וועלען זיי די פרייהייט געבען. דעריבער האָט ער אַרומגעקלערט נאָר דעם אופן, ווי אַזוי פון זיי פטור צו ווערען. אויב ער וואָלט זיי געטויט אויפ'ן אָרט, האָט ער באַדאַרפט מורא האָבען פאַר אַ נייעם אויפשטאַנד מצד די אַיינגעבאָרענע אַיינוואוינער, וואָס וואָלטען בלי ספק ניט אַריבערגעטראָגען גוטוויליג די שחיטה פון אַזוי פיעל מענשען, וואָס בעטען זיך גענאָד. אָבער אויך אָבגעזעהן דערפון האָט ער ניט בעקאָנט פועל'ן ביי זיך צו געברויכען געוואַלד קעגען מענשען, וואָס האָבען זיך אונטערגעגעבען איהם אויף געטריישאַפט און

גלויבען. גאָר זיינע פריינד האָבען פּאָרט בעקומען די אויבערהאַנד, דורכדעם וואָס זיי האָבען געטענ'עט, אַז בנוגע צו אידען איז אַלץ ערלויבט, און מען מוז בעסער אויסקלייבען דאָס נוצליכע, איידער דאָס אָנשטענדיגע, אויב מען קאָן ניט ביידעס פערבינדען מיט אַנאַנד.

לויט דעם דאָזיגען בעשלוס האָט ער זיי צוגעזאָגט שוינונג מיט צוויידייטיגע ווערטער, אָבער ער האָט זיי ערלויבט אָבצוציהען בלויז אויפ'ן וועג קיין קיסריה. זיי האָבען גערן געגלויבט דערין, וואָס זיי האָבען געוואָלט, און זיינען אַוועק אויפ'ן וועג, וואָס מען האָט זיי אָנגעוויזען, טראָגענדיג אָפען זייערע פּעקלעך. דערווייל אָבער האָבען די רוימער בעזעצט די גאַנצע וועג קיין טבריה, בכדי קיינער זאָל ניט אַוועק אין אַ זייטענוועג, און האָבען זיי איינגעשלאָסען אין שטאָדט. באַלד איז געקומען אַספּסינוס, האָט זיי געלאָזען אַלע צונויפקלייבען אויפ'ן לויף-פּלאַץ און האָט געהייסען אויס'הרג'ען די אַלטע לייט און די שוואַכע, איינגאַנצען 1 200 מאַן. פון די איינגערע מענשען האָט ער אָבגעקליבען 6 000 די קרעפטיגסטע, בכדי אָבצושיקען זיי קיין איסטמוס צו נירונ'ען. די איבעריגע מאַסע, אַן ערך 30 400 נפשות, האָט ער פערקויפט, חוץ די, וועלכע ער האָט געשאָנקען אַגריפּס'ן. דעם לעצטען האָט ער געלאָזען טון מיט די, וואָס זיינען געווען פון זיין מלוכה, לויט ווי איהם וועט זיין געפעלען. דער קעניג האָט אויך זיי פערקויפט. די איבעריגע מאַסע פון טרכונא, גולן און אויך פון די געגענדען פון סוסיתא און גדרה איז בעשטאַנען על פּי רוב פון מורדים, אַנטלאָפענע און אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען זיך געווענדט צום קריג מחמת די פערברעכענס, וואָס זיי האָבען געהאַט אָבגעטאָן אין שלומצייטען. זיי זיינען גענומען געוואָרען געפאַנגען אַכט טעג אין חודש אלול.

---

# אינהאלט פונ׳ם ערשטען טייל.

## ערשטער בוך.

זייטען:

**אינהאלט** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . פון 5 ביז 10

**הקדמה.** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 11 „ 16

**1-טער קאפיטעל:** אנטיוכוס עפיפאנעס נעמט איין ירושלים. די חשמונאים. מתתיהו און יהודה . . . . . . . . . . . . . . . . „ 17 „ 20

**2-טער קאפיטעל:** וועגען יהודה׳ס יורשים: יונתן, שמעון און יוחנן-הורקנוס „ 20 „ 23

**3-טער קאפיטעל:** אריסתובול רעגירט איין יאהר צייט . . . . . . . „ 24 „ 26

**4-טער קאפיטעל:** די מעשים פון אלכסנדר ינאי, וואס האט געקיניגט 27 יאהר . . . . . . . . . . . . . . . . „ 26 „ 30

**5-טער קאפיטעל:** אלכסנדרה און די פירושים . . . . . . . . „ 30 „ 32

**6-טער קאפיטעל:** די מחלוקת צווישען אריסתובול און הורקנוס וועגען דער קרוין. פומפיוס מישט זיך אריין . . . . . . . . . . . „ 32 „ 36

**7-טער קאפיטעל:** פומפיוס נעמט איין ירושלים, גייהט אריין אין דעם בית-המקדש און זעהט דעם קדשי-קדשים. זיינע ווייטערדיגע מעשים אין מלכות-יהודה . . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 36 „ 39

**8-טער קאפיטעל:** אריסתובול׳ס זוהן, אלכסנדר, האלט מלחמה מיט הורקנוס׳ן נאר גאביניוס איז איהם מנצח. אריסתובול אנטלויפט פון רוים און קלייבט צונויף א חייל, נאר ער ווערט בעזיגט און ווידער אבגעפיהרט קיין רוים. די ווייטערדיגע געשעהענישען פאר דער צייט פון גאביניוס, קראסוס און קאסיוס . . . . . . . . . . . . . . . „ 39 „ 43

**9-טער קאפיטעל:** אריסתובול און זיין זוהן אלכסנדר דער׳הרג׳עט. אנטיפטר גייהט אריבער נאך פומפיוס׳עס טויט אויף צעזאר׳ס צד. זיינע גבורות . . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 44 „ 45

**10-טער קאפיטעל:** צעזאר בעשטימט אנטיפטר׳ן פאר׳ן פערוואלטער איבער מלכות-יהודה. אנטיפטר בעשטימט פזאל׳ן פאר׳ן קאמענדאנט פון ירושלים, און הורדוס׳ן — פאר׳ן פערוואלטער פון גליל. דער לעצטער ווערט באלד דערויף אנגעקלאגט פאר׳ן בית-דין, נאר ער ווערט בעפרייט. נאך סעקסטוס צעזארן, וואס באסוס האט איהם דער׳הרג׳עט, קומט מורקוס . . . . „ 46 „ 50

**11-טער קאפיטעל:** הורדוס ווערט פערוואלטער איבער גאנץ סיריען. מאליך פער׳סמ׳ט אנטיפטר׳ן, נאר דערפאר ווערט ער אליין בעמויט . . . „ 50 „ 53

**12-טער קאפיטעל:** פזאל איז מנצח העליקס׳ן, און הורדוס — אנטיגנוס׳ן. פזאל און הורדוס ווערען בעשטימט דורך אנטאניוס׳ן פאר טעטרארכען. „ 53 „ 56

**13-טער קאפיטעל:** די פארטער זעצען ווידער ארויף אנטיגנוס׳ן אויפ׳ן טרוין. הורקנוס ווערט געפאנגען. הורדוס אנטלויפט. די בערויבונג פון ירושלים. פזאל׳ס טויט . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 56 „ 60

זייטען:


14-טער קאַפּיטעל: הורדוס פֿאָהרט אװעק קיין רוים, װאו ער װערט, דורך דער פֿערמיטלונג פֿון אַנטאָניוס'ן און צװזאַר אָקטאַװיאַנוס'ן, בעשטימט פֿאַרן קיניג פֿון די אידען . . . . . . . . . . . . פֿון 61 ביז 63

15-טער קאַפּיטעל: הורדוס קעהרט זיך אום צוריק אין לאַנד יהודה, נעמט איין יפו, בעפֿרייט מצדה פֿון דער בעלעגערונג און טרעט אַרויס קעגען ירושלים . . . . . . . . . . . . . . . . „ 63 „ 66

16-טער קאַפּיטעל: הורדוס נעמט איין די שטאָט ציפּורי און איז מנצח די רויבער. מאַכעראָס'עס צװייזייטיגקייט. הורדוס גייהט קיין סאַמאָסאַטע צו אַנטאָניוס'ן . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 66 „ 69

17-טער קאַפּיטעל: הורדוס'עס ברודער יוסף װערט דערהרג'עט. די בעשטראָפֿונג פֿונ'ם מערדער. הורדוס בעלעגערט ירושלים און האָט חתונה מיט מרים'ען . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 70 „ 73

18-טער קאַפּיטעל: הורדוס און מאַסיוס נעמען איין ירושלים. אַנטיגנוס'עס טויט. קלעאָפּאַטרעס בעלדגיריגקייט . . . . . . . . . . „ 74 „ 76

19-טער קאַפּיטעל: אַנטאָניאוס שיקט הורדוס'ן קעגען די אַראַבער. אַ גרויסע ערדציטערניש אין לאַנד יהודה . . . . . . . . . . . . . „ 76 „ 81

20-טער קאַפּיטעל: אָקטאַװיאַנוס בעשטעטיגט הורדוס'ן פֿאַר אַ קעניג און בעװייזט איהם פֿיל גענאָד . . . . . . . . . . . . . . „ 81 „ 84

21-טער קאַפּיטעל: װעגען הורד ס'עס גרויסאַרטיגע בנינים און װעגען זיין פֿזרונות. זיינע פֿערזענליכע מעלות . . . . . . . . . . . „ 84 „ 89

22-טער קאַפּיטעל: װעגען טויט פֿון די כהנים גדולים אַריסטובול און הורקנוס. מרים װערט בעשטראָפֿט מיט טויט . . . . . . . . . „ 90 „ 92

23-טער קאַפּיטעל: מען רעדט אָן שלעכטס פֿאַר הורדוס'ן אויף מרים'ס זיהן. דער שלום צװישען דעם פֿאָטער און די קינדער . . . . . „ 92 „ 95

24-טער קאַפּיטעל: נייע אינטריגעס אין הורדוס'עס הויף . . . . . . „ 96 „ 101

25-טער קאַפּיטעל: אַרכילוס מאַכט װידער שלום צװישען אַלכּסנדר'ן און פֿירורס'ן מיט הורדוס'ן . . . . . . . . . . . . . . . . „ 101 „ 104

26-טער קאַפּיטעל: אוריקלעס פֿער'מסר'ט מרים'ס זיהן . . . . . „ 104 „ 108

27-טער קאַפּיטעל: מרים'ס זיהן װערען פֿער'משפּט און בעשטראָפֿט מיטן טויט. „ 108 „ 111

28-טער קאַפּיטעל: אַנטיפּטר װערט פֿערהאַסט. אַן איבערבליק איבער הורקנוס'עס פֿאַמיליע . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 111 „ 114

29-טער קאַפּיטעל: אַנטיפּטר פֿאָהרט מיט הורדוס'עס צװאה קיין רוים. פֿירורס'עס טויט . . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 114 „ 117

30-טער קאַפּיטעל: ס'װערט אַנטפּלעקט אַנטיפּטר'ס פֿערשװערונג קעגען הורדוס'ן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 117 „ 120

31-טער קאַפּיטעל: אַנטיפּטר קעהרט זיך אום צוריק פֿון רוים און װערט קאַלט אויפֿגענומען . . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 120 „ 124

32-טער קאַפּיטעל: אַנטיפּטרס שולד װערט בעװיזען, הורדוס מאַכט איבער זיין צװאה . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 124 „ 129

33-טער קאַפּיטעל: די צעשטערונג פֿונ'ם גאָלדענעם אָדלער. אַנטיפּטר װערט בעשטראָפֿט מיט טויט. הורדוס'עס לעצטע בעפֿעלען און זיין טויט . „ 129 „ 134

זייטען:

# צווייטער בוך.


| | |
|---|---|
| אינהאלט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . | פון 135 ביז 138 |
| 1-טער קאפיטעל: דער אנהויב פון ארכילויס'עס קיניגען. די מרידה אין ירושלים און איהר איינשטילונג . . . . . . . . . . . . . | " 139 " 141 |
| 2-טער קאפיטעל: ארכילויס פאהרט קיין רוים, וואו זיינע קרובים קלאגען איהם אן פאר'ן קיסר, נאר זיי פיהרען גארנישט אויס . . . . . . . | " 141 " 144 |
| 3-טער קאפיטעל: דער אויפשטאנד פון די אידען קעגען סאבינוס'ן . . | " 144 " 147 |
| 4-טער קאפיטעל; א בונט פון הורדוס'עס געוועזענע סאלדאטען. וועגען יהודה, שמעון און אסראנגעאוס . . . . . . . . . . . . . | " 147 " 148 |
| 5-טער קאפיטעל: ווארוס שטעלט ווידער איין ארדנונג אין מלכות-יהודה . | " 148 " 150 |
| 6-טער קאפיטעל: אווגוסטוס הערט אויס די טענות פון די אידען קעגען ארכילויס'ן און צעטיילט הורדוס'עס קיניגרייך . . . . . . . . | " 150 " 153 |
| 7-טער קאפיטעל: דער פאלשער אלכסנדר-ארכילויס ווערט פערשיקט קיין וויענא. גלאפירא'ס טויט. ארכילויסע'ס און גלאפירא'ס חלומות . . . | " 153 " 155 |
| 8-טער קאפיטעל: יהודה הגלילי. וועגען די דריי כיתות ביי אידען. . . | " 156 " 162 |
| 9-טער קאפיטעל: שלומית'עס טויט. אומרוהען אין פילאטוס'עס צייטען. אגריפאס ווערט אריינגעזעצט אין תפיסה דורך טיבעריוס'ן, און ווערט דורך קאליגולא בעפרייט. אנטיפאס ווערט פערשיקט . . . . . . . | " 162 " 165 |
| 10-טער קאפיטעל: קאליגולא פאדערט, אז מען זאל אוועקשטעלען זיין סטאטוע אין בית-המקדש אין ירושלים. ווי אזוי פעטראניוס האט זיך דערביי אויפגעפיהרט . . . . . . . . . . . . . . . . . . | " 165 " 168 |
| 11-טער קאפיטעל: די בעציהונגען פונ'ם קיסר קלאוודיוס צו אגריפאס'ן. דער טויט פונ'ם לעצטען און פון זיין ברודער, הורדוס פון כאלקיס . | " 168 " 170 |
| 12-טער קאפיטעל: אומרוהען אין קומאנוס'עס צייטען. פעליקס אלס פער-וואלטער איבער מלכות-יהודה . . . . . . . . . . . . . . | " 170 " 174 |
| 13-טער קאפיטעל: נירון, אגריפס און פעליקס. די סיקאריער און דער פאלשער נביא פון מצרים. אומרוהען אין קיסריא . . . . . . . | " 174 " 177 |
| 14-טער קאפיטעל: וועגען די פראקוראטארען פעסטוס, גאלוס און געסיוס פלארוס. דער לעצטער טרייבט דורך זיין אכזריות די אידען צו דער מלחמה. | " 177 " 181 |
| 15-טער קאפיטעל: בערעניקעס שתדלנות לטובת די אידען. פלארוס בלאזט ווייטער פונאנדער די מרידה, וואס האט שוין געהאט זיך איינגעלאשען. | " 182 " 185 |
| 16-טער קאפיטעל: קיסטיוס שיקט נעאפאליטאנוס'ן, בכדי אונטערצוזוכען די לעצטע געשעהעניששען אין ירושלים. דעם קעניג אגריפס'עס רעדע צו די אידען . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . | " 185 " 195 |
| 17-טער קאפיטעל: די אידען הויבען אן די מלחמה קעגען די רוימער. דער געלעהרטער מנחם . . . . . . . . . . . . . . . . . | " 195 " 202 |
| 18-טער קאפיטעל; אומעטום ווערען אידען גע'רודפ'ט . . . . . . . . | " 202 " 210 |
| 19-טער קאפיטעל: קיסטיוס פאלט אן אויף ירושלים. זיין שלעכטער אבשניט. | " 210 " 215 |
| 20-טער קאפיטעל: קיסטיוס שיקט שלוחים צו נירונ'ען. די הריגה פון די אידען אין דמשק. די איינוואוינער פון ירושלים, וואס האבען זיך צוריק-בעקעהרט פון נאכיאגען קיסטיוס'ן, בעשטימען אנפיהרער פאר דער מלחמה, צווישען דעם אויך יוסף'ן דעם מחבר פון דער דאזיגער געשיכטע . . | " 216 " 219 |
| 21-טער קאפיטעל: יוחנן פון גוש-חלב און זיין מחלוקת מיט יוסף'ן, די ווייטערדיגע טעטיגקייט יוסף'ס אין גליל . . . . . . . . . | " 219 " 228 |

זייטען:

22-טער קאַפּיטעל: די הכנות פון די אידען צו דער מלחמה. שמעון בר גיורא
לאָזט זיך אריין אין רויבערייען . . . . . . . . . . . . . . . . . . פון 228 ביז 229

# דריטער בוך.

אינהאַלט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 230 „ 232

1-טער קאַפּיטעל: נירון גיט איבער אספּסינוס'ן צו פיהרען די מלחמה קעגען
די אידען . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 233 „ 234

2-טער קאַפּיטעל: די מפּלה פון די אידען ביי אשקלון. אספּסינוס מאַרשירט
קיין עכּו . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 234 „ 237

3-טער קאַפּיטעל: די בעשרייבונג פון גליל, שומרון און יהודה . . . . „ 237 „ 239

4-טער קאַפּיטעל: יוסף פאַלט אָן אויף ציפורי, נאָר ער ווערט צוריקגע-
שלאָגען. טיטוס'עס אָנקומען אין עכּו . . . . . . . . . . . . „ 239 „ 240

5-טער קאַפּיטעל: שילדערונג פון דער ארדנונג אינ'ם רוימישען חייל אין לאַגער. „ 241 „ 244

6-טער קאַפּיטעל: פלאקידוס ווערט צוריקגעשלאָגען פון יודפת. אספּסינוס
פאַלט אריין אין גליל . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 245 „ 247

7-טער קאַפּיטעל: יודפת ווערט בעלעגערט און איינגענומען . . . . . . „ 247 „ 268

8-טער קאַפּיטעל: יוסף ווערט גענומען געפאַנגען. זיין שמועס מיט אספּסינוס'ן. „ 268 „ 275

9-טער קאַפּיטעל: יפו ווערט איינגענומען, און טבריה גיט זיך אונטער . „ 276 „ 281

10-טער קאַפּיטעל: אספּסינוס נעהמט איין טריכיא. די בעשרייבונג פון דער
שטרעמונג פון ירדן, ווי אויך פון דער אָזיערע און פון דער געגענד
גינוסר . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 281 „ 289